STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05327

DER GAYSTIKER VIDERSHTAND FUN YIDN IN GETOS UN LAGERN

Menasheh Unger

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph R. Fiszman
in memory of
Yankl Fishman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנשה אונגער

✶

דער גייסטיקער ווידערשטאַנד פון יידן אין געטאָס און לאַגערן

©
Copyright 1970 by Ruth Unger, New York, N.Y.

אַרויסגעגעבן פון „מנשה אונגער בוך־קאָמיטעט״ ניו־יאָרק

Printed in Israel 1970 — נדפס בישראל, תשל״א

מנשה אונגער

דער
גייסטיקער
ווידערשטאַנד
פון יידן אין געטאָס
און לאַגערן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"א — 1970

MENASHE UNGER

THE SPIRITUAL RESISTANCE OF THE JEWS IN THE GHETTOS AND CONCENTRATION CAMPS

Publication of this book was made possible
with the aid of a subsidy from

The Littauer Foundation, Inc.
The Gustav Wurzweiler Foundation, Inc.
Dr. Bernard Mandelbaum, President of the Jewish Theological Seminary
The Board of Rabbis of Greater Philadelphia
The Morris and Emma Schaver Foundation, Inc.
בערגען־בעלזען וועלט פאַרבאַנד — יאָסעלע ראָזענזאַפט, פּרעזידענט

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

דפוס לינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט

הקדמה פון אליעזר וויזעל XI

התחזקות בטחון און ווידערשטאַנד 1

מסירת־נפש פון רבנים און פרומע יידן 5

מסירת־נפשביים ראַטעווען ספר־תורהס און שילן . . 49

יידן דאַווענען 65

חברהס, לוחות, סדורים, באָרד און פיאות 73

קידוש השם פון יידישע פרויען 88

רעליגיעזער חינוך 97

שבת 131

ימים נוראים 141

סוכות און שׂמחת־תורה 215

חנוכה און חמשה־עשׂר בשבט 235

פורים 261

פסח 281

ל״ג בעומר, שבועות, הערצל־און ביאַליק־יאָרצייטן 337

מנשה אונגער, ביאָגראַפישע נאָטיצן פון ב.צ.ג. . . . 381

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

חסידות און לעבן — ניו־יאָרק, 1946

פשיסכע און קאָצק — פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע", בוענאָס־איירעס, 1949

גוט יום־טוב, קינדער — ניו־יאָרק, 1950

מועדים לשמחה — הוצאת „שלמה", תל־אביב, 1953

די חסידישע וועלט — פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1955

חסידות און יום־טוב — פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1958

ר' ישראל בעל שם טוב — פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1963

ספר קדושים — רביים אויף קידוש השם — פאַרלאַג „שולזינגער ברידער", ניו־יאָרק, 1967

אדמו"רים על קידוש השם — הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים

וועט בקרוב דערשיינען:

פון אייביקן קוואַל (אָפּשטאַם פון יידישע מנהגים)

הקדמה

זאָגן שלעכטס, רעדן לשון־הרע אויף יידן נאָך זייער טויט, איז אַן איסור מדרבנן: אונדזערע חכמים האָבן עס בפירוש פאַרבאָטן. פאַר וואָס האָבן זיי געפונען פאַר נויטיק אַזאַ איסור צו פאָרמולירן? מסתמא האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס געהערט צו דער מענטשלעכער נאַטור. ס'איז אויך מעגלעך, אַז זיי האָבן פאָרויסגעזען אונדזער דור, ווען ס'איז געוואָרן אַ מאָדע־זאַך צו פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון אַזוי פיל אומשולדיקע קרבנות.

כדי צו באַקעמפן דעם דאָזיקן חילול־השם האָט מנשה אונגער ז"ל געווידמעט אַלע זיינע כוחות. ער האָט געזען ווי מ'פּרובירט, מיט אַלע מיטלען און אונטער אַלערליי אויסריידן, דאַרונטער מכלומרשט וויסנשאַפטלעכע, אומברענגען אַ צווייט מאָל דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום. דערפאַר האָט ער אָנגעשריבן זיין „ספר קדושים", אין וועלכן ער האָט נישט בלויז געשילדערט די הייליקייט פון רביים און רבנים בשעתן חורבן, נאָר אויך זיי פאַרבונדן מיט דער קדושה פון אַלע אומגעקומענע. ביי אים זענען זיי אַלע געוועזן קדושים, ווייל געטויט האָט זיי דער זעלבער שונא, אין נאָמען פון זעלבן אָפּגאָט. ער האָט געוואָלט זיי אַלע פאַרהייליקן, ווייל זיי זענען אַלע, אַפילו דאָס נישטיקע ביסל רשעים, אומגעקומען ווי אויף קידוש־השם. האָט ער טאַקע צוגעגרייט דאָס איצטיקע בוך — וואָס איר האַלט אין האַנט — וועגן גייסטיקן ווידערשטאַנד פון כלל־ישראל אין די געטאָס און לאַגערן.

אויפן דאָזיקן ווערק, וואָס איז אויך באַהויכט מיט קדושה, האָט ער געאַרבעט ממש ביזן לעצטן טאָג, ביזן לעצטן אָטעם: ווען דער כתב־יד איז געווען פאַרטיק, גרייט צום דרוק, איז דער מחבר אַוועק פון דער וועלט. איז דאָס דאָזיקע בוך — כאָטש ס'איז אַ זאַמלונג פון גבית־עדותן מיט קאָמענטאַרן דאָ און דאָרט — מנשה אונגערס גייסטיקע צוואה: ער בעט אונדז זיך נישט צו באַגניגן מיט אָפּהיטן דעם אָנדענק פון די קרבנות, נאָר אויך צו באַשיצן זייער קדושה־מדרגה, צו וועלכער זיי האָבן זיך, אויפן מזבח, דערהויבן.

דאַרף מען דאָס בוך לייענען מיט פּיעטעט: געוויסע דאָקומענטן קלינגען ווי קינות, אָדער ווי אויסצוגן פון „עמק הבכא" אָדער „שבט

יהודה" — די ליריש־היסטאָרישע ספרים פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע פון מיטל־עלטער.

אין דאָזיקן בוך האָט מנשה אונגער זיינע „העלדן" אויסגעקליבן נישט בלויז צווישן חסידישע רביים, נאָר צווישן סתם־יידן. ער האָט געגנישטערט אין אַרכיוון, זיך אָנגעלייענט אַ וועלט, געזאַמלט טויזנטער צייטונגס־אויסשניטן, אויסגעפרעגט די „אחד בעיר ושניים במשפחה", וואָס האָבן איבערגעלעבט זייער אייגענעם טויט, זיך פונאַנדערגעשריבן מיט הונדערטער שארית־הפליטה־יידן אומעטום: אַלצדינג האָט אים אינטערעסירט, אַלצדינג האָט ער געוואָלט וויסן.

עמעצער האָט געפאַסט יום־כיפּור אין מלכות־אוישוויץ — האָט ער געוואָלט וויסן ווער דאָס איז געווען, אָדער כאָטש: ווער ס'איז געווען דער עדות. אַ צווייטער האָט אָנגעצונדן חנוכה־ליכט אין בוכענוואַלד — האָט ער געוואָלט וויסן ווען און ווו (אין וועלכן באַראַק) דאָס האָט פּאַסירט. אַ דריטער האָט געלייגט תפילין אין שאָטן פון פלאַמיקע פּרימאָרגנס — האָט ער געמוזט וויסן ווער ס'האָט די תפילין אַריינגעשמוגלט און ווער ס'האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן, ווער ס'איז געשטאַנען אין דער ריי, ווער ס'זענען געווען די דאַוונער.

דער קלענסטער עפּיזאָד, אויב נאָר ער האָט געהאַט אַ שייכות מיט יידישן ווידערשטאַנד, האָט אָנגעצונדן מנשה אונגערס התלהבות. יעדער נייער פאַקט — יעדע נייע לעגענדע — האָט אים ווי צוגעגעבן געזונט און קרעפטן ווייטער אָנצוגיין מיט זיין קאַמף, און ווי פאַרפעסטיקט זיין גלויבן אין קדושת־ישׂראל און נצח־ישׂראל.

יאָרן לאַנג האָט ער צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן — און איר האַלט זיי אין האַנט — כדי צו באַווייזן, אַז די יידן האָבן נישט קאַפּיטולירט, נאָר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד מיט גייסטיקע וואָפן. יעדער ייד, וואָס האָט אָפּגעהיט שבת אין געטאָ, האָט לויט מנשה אונגערן געקעמפט קעגן דייטש און אים באַזיגט. יעדער ייד, וואָס האָט געלערנט תורה און אירע דינים אויף אויסנווייניק בשעת די פיס האָבן מאַרשירט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, יעדער ייד, וואָס האָט זיך באַמיט אָפּצוהיטן כאָטש איין מצווה גייענדיק צום שייטערהויפן, האָט זיך דערהויבן ביים לעבן און ביים טויט צו דער זעלטענער מדרגה פון קדושה און גבורה, און פאַרדינט איינגעשלאָסן צו ווערן צווישן די אַמאָליקע הרוגי־מלכות.

געוויסע סצענעס אין זיין בוך זענען אַזוי מעכטיק, אַז זיי טרייסלען אייך אויף.

אָט גייט אַ רב, אין יום־טובדיקע מלבושים, זיין לעצטן וועג, שרייענדיק שמע־ישׂראל. אָט נעמט אַ ייד זיין אַלטע מאַמע אויף די הענט, בשעת אַן אויסזידלונג, און גייט און גייט צום שחיטה־טאָל, זינגענדיק

„עם ישׂראל חי", דאָס יידישע פאָלק לעבט. אָט גייען יידישע קינדער צו דער עקידה אין אוישוויץ און זינגען „וטהר לבנו לעבדך באמת". אָט זעט דער ווילנער רב ווי מ'טוט אומברענגען זיין עדה: „דערנאָך איז ער אַוועק אין דער חרובער קלויז און זיך געשטעלט דאַווענען". ווי האָבן אַזעלכע יידן גענומען אָט די אינערלעכע כוחות?

הערט ווייטער: אין זלאָטשעוו האָט אַ געוויסער ר' מאיר, פאַרן מאַסן־מאָרד, געהאַלטן אַ דרשה וועגן געטלעכער נקמה און נצח־ישׂראל. אין פריסטיק האָבן יידן, אין וואַלד, פּראָקלאַמירט „אַ יידישע מדינה אויף ביידע זייטן ירדן". אין ראָפּשיץ האָבן יידן געטרונקען לחיים און זיך געשטאַרקט איינער דעם אַנדערן איידער מ'האָט זיי אַלע אומגעבראַכט אויף קידוש־השם. אין אַ געטאָ זענען יידן געגאַנגען צום טויט זינגענדיק: „מיר גייען משיחן אַנטקעגן".

צענדליקער, הונדערטער שילדערונגען וועט איר געפינען אין דאָזיקן ספר, און אַלע זענען עדות־באַריכטן, וואָס קלינגען ווי אוראַלטע לע־גענדעס פון יידישן צער און יידישער גבורה.

צי האָט איר געוווּסט, אַז אומעטום וווּ די דייטשן זענען אַריינ־געקומען, האָבן זיי זיך צו ערשט גענומען צו די שילן און די תורה־יידן? אין צענדליקער שטעט האָבן זיי באַפוילן רבנים צו טאַנצן אויף ברענענ־דיקע ספר־תורהס; צי ווייסט איר וויפל רבנים ס'האָבן זיך מוסר־נפש געווען און האָבן דעם באַפעל נישט אויסגעפירט? צי ווייסט איר, אַז ס'זענען געווען „יודענראַטן", וואָס האָבן ציטירט דעם רמב"ם, אַז אַ יידישע עדה דאַרף זיך מקריב זיין און נישט אַרויסגעבן אַן אומשולדיקן קרבן צום שׂונא? צי ווייסט איר, אַז אין יאָר 1943 האָט מען נאָך, באַהאַלטענערהייט, געמלט יידישע קינדער אין וואַרשעווער געטאָ? צי ווייסט איר, אַז יידן האָבן געהאַט אומלעגאַלע מנינים און אַפילו ישיבות אין אַלע געטאָס, און אַז אַפילו אין טרעבלינקע האָט אַזאַ מנין עקזיס־טירט? אַז אַפילו אין אוישוויץ האָט מען געבלאָזן שופר? צי ווייסט איר, אַז אין לאָדזש האָבן יידן געקעמפט קעגן טריף־עסן און געזאָרגט דערפאַר, אַז יעדע שטוב זאָל האָבן אַ מזוזה? דאָס זענען געווען זייערע דאגות דעמאָלט!

יאָ, ס'זענען פאַראַן דאָ עפּיזאָדן, וואָס איר וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן. צום ביישפּיל, די זאַגערער יידן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו באַליידיקן זייער רב און אים שפּייען אין פּנים. האָבן מענטשן באַצאָלט מיטן לעבן און דעם רבס כבוד נישט באַליידיקט. צום סוף האָט ער זיך געבעטן, מ'זאָל אַזאַ הויכן פּרייז נישט באַצאָלן פאַר זיין כבוד וועגן.

אָדער: דער עפּיזאָד מיט די קינדער, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט צו פאַסטן יום־כיפּור. דער רוצח האָט זיי געוואָלט אָפּקויפן מיט עפּל, אַ סך עפּל. קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט.

אָדער: ווי אַזוי מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ סוכה אין ווילנער געטאָ. ווי אַזוי מ׳האָט זיך באַזאָרגט מיט לולב־און־אתרוג אין אוישוויץ.

מיר וואָלטן געקענט דאָ ציטירן פיל־פיל אַנדערע געשיכטעס: אַלע צילן צו רעהאַביליטרן דאָס בילד פון חורבן־ייד און ווייזן זיין אינערלעכע גבורה.

מנשה אונגערס „רעהאַביליטאַציע־אַרבעט״ האָט, נאַטירלעך, צו טאָן מיט זיין טיף־איינגעוואָרצלטער אהבת־ישׂראל.

דער חסיד אין אים האָט ליב געהאַט חסידים און זייערע רביים, און אַפילו די מתנגדים האָט ער ליב געהאַט, אויב זיי זענען געבליבן יידן, אויב זייער גורל איז געווען אַ יידישער; אויב זיי אַליין האָבן פאַרמאָגט אהבת־ישׂראל, האָט ער זיי אַלע ליב געהאַט.

טאָמער האָט ער געהערט עמעצן אָנגרייפן דעם אַמאָליקן מזרח־אייראָפּעישן ייד, טאָמער האָט ער געלייענט אַ בייזוויליקע שילדערונג פון אַמאָליקן שטעטל, איז ער געווען אויסער זיך. אַ ייד וואָס האַסט יידן און האַסט זיך אַליין, איז קיין מענטש נישט, אַפילו ער איז אַ שרייבער מיט טאַלאַנט אָדער מיט אַ נאָמען ביי גויים: וויפל מאָל האָט מנשה אונגער אויף אַזעלכע שרייבער זיך באַקלאָגט!

איך פלעג אים פּרובירן באַרויקן: נעמט עס נישט צום האַרצן. דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אַ סך גזירות, וועלן מיר אויך די גזירה פון בלבולים און חילול־השם איבערלעבן. זייט זיכער, די, וואָס פאַרשוואַרצן איצט דעם אַמאָל, די, וואָס שילדערן אונדזערע קהילות אין ליכט פון דעקאַדענץ און דעגענעראַציע, וועט מען מאָרגן אָן זיי פאַר־געסן. אפשר איז קיין שׂכר נישט פאַראַן אויף גאָטס וועלט, אָבער אַן עונש איז יאָ פאַראַן. ס׳איז בלויז אַ פראַגע פון צייט. קיין שום רשע האָט זיך פון זיין שטראָף נישט אַרויסגעדרייט. דער עונש פון די יידישע רשעים? זיי פאַרלירן זייער טאַלאַנט. דער סוף איז, אַז מ׳וואַרפט זיי אַרויס פוןביידע וועלטן.

ס׳האָט נישט געהאָלפן. מנשה אונגערן האָט ווי געטאָן. ס׳טייטש, מ׳דערלאָזט, אַז מ׳זאָל וואַרפן אַ פלעק אויף אַזוי פיל קדושים אָדער אויפן דור, וואָס האָט זיי געבוירן. ס׳טייטש, מ׳שווייגט; ס׳טייטש מ׳גרייט נישט צו אַ קעגן־אַטאַקע. ער האָט אויפן דאָזיקן געביט נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויפן פסק־דין פון דער געשיכטע. מיר אַליין דאַרפן משפטן, פלעגט ער טענהן.

ווי אַזוי קען מען אָפּוואַרפן די באַשולדיקונגען פון יענעם צד? מ׳ברענגט פּאָזיטיווע פאַקטן. מ׳שטעלט דעם אמת קעגנאיבער שקרים, מ׳ברענגט ליכט און מ׳פאַרטרייבט דעם טייוול.

דאַריבער האָט מנשה אונגער אַזוי פיל אַריינגעלייגט אין זיינע ספרים וועגן דער קדושה פון די אומגעקומענע יידישע קהילות.

די זעלבסטבאַשטימטע פּראָקוראָרן און דערציילער, וואָס האָבן געשילדערט די מזרח־אייראָפּעישע יידן אַלס מאָראַלישע פּאַרזעעניש, די פילאָזאָפן, וואָס האָבן געפּרוּווט ברענגען טעאָריעס, אַז יידן האָבן „מיטגעאַרבעט" מיט זייערע תּלינים זיך אַליין צו טויטן — וואָס האָט מען געקענט טאָן קעגן זייערע שרייבעכצער? מ'האָט געמוזט, מיטן כוח פון וואָרט, אַריינברענגען אַ תּיקון אין זייער פאַרזינדיקטער וועלט.

ווי געזאָגט, האָט מנשה אונגער עס געטאָן שוין אין זיין פריערדיק בוך „ספר קדושים".

זעט אַ בילד: פאַרשיקטע, דעפּאָרטירטע יידן געפינען זיך אין אַ באַן־וואַגאָן פאַר בהמות. מ'פאָרט צו דער עקידה. אינעווייניק איז ענג. מ'קען נישט אויסהאַלטן, מ'ווערט דערשטיקט. שווער צו טראַכטן, שווער צו אָטעמען. מיט אַ מאָל דערמאָנט זיך עמעצער, אַז ס'איז גראָד שׂמחת־תּורה און אַז עמעצער האָט, בגניבה, מיטגעבראַכט אַ קליינטשיק ספר־תּורהלע. וואָס זשע וואַרט איר, יידן? לאָמיר זיך פרייען מיט דער תּורה, לאָמיר מאַכן הקפות! איז מאַכט מען הקפות אויפן אָרט. נישטאָ קיין פּלאַץ? מ'געפינט פּלאַץ, אין דער הויך. מענטשן רירן זיך כמעט נישט פון אָרט, אָבער די תּורה, זי מאַכט די הקפות. יעדער באַקומט די מעג־לעכקייט דאָס מענטעלע צו קושן. זינגט דער חזן: אתּה הראית לדעת, ווייז זשע טאַקע, אַז גאָט איז איינער און אויסער דיר קיינער. אָנאָ ד' הושיעה־נאָ. מיר בעטן דיך, גאָט, העלף! העלף דיינע קינדער! מ'הערט די תּפילה און מ'צעוויינט זיך אויפן קול. אָבער — מ'זינגט ווייטער. דערווייל דרייען זיך די רעדער, דערווייל פאָרט אַן עדה יידן — די ווילפּלטע? — צום טרעפפּונקט מיטן טויט.

איר פאַרשטייט? איין מעת־לעת פאַר דער שחיטה, איין אָטעם פאַרן מזבח, איין שריט פאַרן מאַסן־קבר, געפינען זיך נאָך יידן, וואָס פרייען זיך מיט דער תּורה, יידן, וואָס זאָגן תּהלים און מאַכן אַ ברכה. צי איז דאָס נישט אַ באַווייז, דער בעסטער, אַז די קרבּנות זענען געבליבן די זעלבע יידן, די זעלבע מענטשן ווי פריער? אַז זיי האָבן דעם צלם־אלקים פון זיך נישט אַראָפּגענומען?

אין אַ וועלט פון בעסטיאַליטעט זענען בלויז די יידן געבליבן ווי אין גאָטס געשטאַלט געשאַפן; בלויז זיי האָבן זייער שליחות נישט פאַרראָטן, בלויז זיי זענען געבליבן געטריי צום מענטש און זיינע אידעאַלן.

לייענט דאָס דאָזיקע ספר און איר וועט דאַרין גלויבן: ס'איז באַהויכט מיט קדושה, און נאָך מער מיט בענקשאַפט נאָך קדושה, אין אַ וועלט פון רשעותדיקייט, אונטער וואָכעדיקע הימלען.

אליעזר וויזעל

התחזקות, בטחון און ווידערשטאנד

אַריינפיר

וועגן יידישן פיזישן קאַמף קעגן די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז שוין פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור, אָבער עס זענען נאָך נישט צונויפגעזאַמלט געוואָרן די מאַטעריאַלן וועגן דעם גייסטיקן ווידערשטאַנד פון די יידן קעגן די נאַציס, וועגן דער מסירת־הנפשדיקייט פון די יידן און זייער התחזקות, ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביי דער שוועל פון טויט.

דער גייסטיקער ווידערשטאַנד נעמט אַרום דעם קאַמף פון די יידן פאַר יעדער מצווה, כדי נישט צו פאַרלירן דעם צלם־אלוקים, דאָס איינשטעלן זייער לעבן צו ראַטעווען אַ ספר־תורה, אַ ברענענדיקע שול,ביים לייגן תפילין, און ביים שטאַרקן דעם גלויבן, אַז די ישועה וועט דאָך קומען, און די יידן וועלן איבערלעבן די נאַציס.

יידן האָבן זיך באַמיט צו געדענקען די יידישע ימים־טובים. זיי האָבן אַליין צונויפגעשטעלט לוחות, געשריבן סידורימלעד, געהאַט דעם גרויסן בטחון, אַז עס וועט געשאַפן ווערן אַ יידישע מלוכה, זיי האָבן פראָקלאַמירט אַ יידישע מלוכה אין אַ וואַלד ווען די יידישע קהלה אין זייער שטעטל איז אומגעבראַכט געוואָרן. זיי האָבן זיך מוסר־נפש געווען און נישט געלאָזן אָפּשערן זיך באָרד און פיאות. פרומע יידן און רבנים האָבן זיך נישט געוואָלט ראַטעווען אויפן חשבון פון אַנדערע יידן. זיי האָבן אויך געהאַט געהיימע מנינים אין פאַרשידענע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערס.

רבנים האָבן גערופן צום אויפשטאַנד און זיי זענען געווען די ערשטע קרבנות, ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן.

אָט דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעבראַכט אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

מסירת־נפש פון רבנים און פרומע יידן

מסירת־נפש פון דריי וואַרשעווער רבנים

אין די טעג פון דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ, ווען מען האָט די קהילה־קדושה געפירט צו דער שחיטה קיין טרעבלינקע, איז פון דער העכסטער רוימיש־קאַטוי־לישער אינסטאַנץ אין וואַרשע געקומען פלוצלונג אַ פאָרשלאָג צו ראַטעווען די לעצטע דריי וואַרשעווער רבנים, וואָס זענען דעמאָלט נאָך געווען אין געטאָ: ר׳ מנחם זעמבאַ, ר׳ שמשון שטאָקהאַמער און — יבדל לחיים — ר׳ דוד שאַפּיראָ. די קאַטוילישע גדולים האָבן פלוצלונג באַשלאָסן צו פאַרשטעקן אין אַ זיכערן אָרט די דריי רבנים און זייערע פאַמיליעס. דער פאָרשלאָג איז געבראַכט געוואָרן צו די רבנים און זיי האָבן באַדאַרפט באַשליסן, וואָס צו טאָן: אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג אָדער אים אָפּוואַרפן. זיי האָבן עס געדאַרפט טאָן שנעל, קיין סך צייט איז נישט געווען. די נאַציס האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן די קהילה־טוערס צי עס זענען נאָך פאַראַן רבנים אין געטאָ.

די דריי לעצטע וואַרשעווער רבנים זענען געזעסן אין אַ צימער און באַהאַנדלט דעם רוימיש־קאַטוילישן פאָרשלאָג. „באַהאַנדלט״... זיי זענען געזעסן און געשוויגן. קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. און די צייט איז געווען שרעקלעך־קורץ. פון דרויסן פלעגן זיך ממש הערן די שריט פון טויט.

פלוצלונג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. איבערגעריסן האָט זי ר׳ דוד שאַפּיראָ. ער האָט אַזוי געטאָן זאָגן:

— איך בין דער יינגסטער, און דעריבער זענען מיינע ווערטער פאַר אייך נישט פאַרפליכטנדיק. מיר ווייסן שוין, אַז מיר קענען זיי מיט קיין זאַך נישט העלפן. אָבער מיטן עצם־זיין צווישן זיי, מיטן נישט פאַרלאָזן זיי, דערמוטיקן מיר זיי, קרעפטיקן מיר זיי. דאָס איז די איינציקע דערמוטיקונג, וואָס מיר קענען געבן די לעצטע יידן. איך האָב פשוט קיין כוח נישט איבערצולאָזן די דאָזיקע פאַראומגליקטע מענטשן.

אַזוי האָט געשעפּטשעט ר׳ דוד שאַפּירא. און דאָס איז געווען דער סוף פון דער דראַמאַטיש־שווייגנדיקער באַראַטונג. זיי האָבן געפילט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּלייצעס, פון זייערע הערצער. ענדלעך האָבן זיי געפונען אַ לייזונג, ענדלעך.

— דער גאָט, וואָס איז דאָרטן, איז אויך דאָ.

און ווידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווייגן צווישן די דריי רבנים. בלויז אַ געוויין האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הערצער; אַ געוויין פון אומגליק און אַ געוויין פון גליק, ווייל זיי זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון.

מען האָט צו מאָל קיין אונטערהאַנדלונגען מער נישט געפירט מיט די הויכע רוימיש־קאַטוילישע גייסטלעכע, וואָס האָבן פלוצלונג דערפילט אַ שטראַל פון מענטשלעכקייט אין זייערע הערצער.

דעם סוף ווייסט מען: ר׳ מנחם זעמבאַ און ר׳ שמשון שטאָקהאַמער זענען אַוועק מיטן וועג פון דער פאַרטיליקונג. בלויז ר׳ דוד שאַפּירא איז נישט פאַרברענט געוואָרן. ער האָט זיך געראַטעוועט, און ער טראָגט די טראַגיש־אומהיימלעכע „קרוין״: „דער לעצטער וואַרשעווער רב״. דער לעצטער רב פון אַ שטאָט פון רבנים. (מאַריאַן זשיד: „ביים לעצטן וואַרשעווער רב״. „פאָרווערטס״, 1טן מערץ, 1947).

רב רופט צום אויפשטאַנד

צווישן די פּריש־אַנגעקומענע קיין וואַרשע געפינט זיך אויך הרב זעמעלמאַן, דער רב פון פּשייטש. אויך ער דערציילט וועגן דער פאַרניכטונג פון די קליינע און גרעסערע יידישע קהילות אויף דער פּראָווינץ. דער דאָזיקער רב — אַן אגודה־עסקן און אַ גרויסער תלמיד־חכם, — האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט געוויסע פּוילישע לינקע פּאַרטיזאַנער. ער שמוגלט זיך אָפּט אַרויס אויף דער אַרישער זייט, וווּ ער האַלט זיך אויף אַלס „אַריער״ און ברענגט פון דאָרט רעוואָלווערן און אַמוניציע. ער רופט מיט גרויס ענטוזיאַזם צו ווידערשטאַנד. איך האָב היינט געהערט הרב זעמעלמאַן אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין אַ בונקער. ער באַזיצט אַ גרויסן אָראַטאָרישן טאַלענט, און מיטן גאַנצן פייער פון זיין קאָכעדיקן טעמפּעראַמענט גיט ער איבער די שרעקלעכע בילדער פון דער פאַרטיליקונג פון גאַנצע עדות יידן, און — רופט צו נקמה. „גדולה נקמה — ציטירט ער — שנתנה בין שתי אותיות. אל נקמות ה׳״. ער ברענגט פּסוקים, מאמרים פון ש״ס און רופט צו אַן אויפשטאַנד. ער רעדט נישט סתם מיט פראַזן, נאָר לייגט פאָר אַ גענויען פּלאַן ווי אַזוי צו קעמפן. ער נעמט זיך אַליין אונטער צו שאַפן געווער און אַמוניציע (וואָס ער האָט שוין, איבעריקנס, געטאָן אין אַ גרויסער מאָס). ער איז נישט גאָר אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים; אָט האָט ער היינט איבערגעגעבן דעם ווידערשטאַנד־קאָמיטעט

12 רעוואָלווערן און עטלעכע שאַכטלעך קוילן. ער באַזוכט אַלע רבנים און רביס, און אַלע עסקנים, און פאָדערט זיי אויף צו רופן צום אויפשטאַנד. ער ברענט אין גאַנצן מיט דעם דראַנג צום קאַמף. נעכטן, דערציילט מען מיר, איז ער געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון חלוצים, וועלכע בילדן דעם קערן פון ווידערשטאַנד, ער האָט שטאַרק באַגייסטערט די יונגע חלוצים. יענע וואָך איז געקומען צווישן אים און געוויסע „בונד"-פאַרשטייער צו אַ שאַרפן ווערטער-אויסטויש; בעת יענע האָבן גערעדט וועגן וואַרטן אויף אַ סיגנאַל פון אויסלאַנד און פון די סאָציאַליסטישע חברים פון דער אַרישער זייט, האָט ער אויפגעוויזן די נישטיקייט פון די דאָזיקע פאַלשע אילוזיעס... (ד"ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס-איירעס 1947, ז"ז 166 — 167).

קידוש השם פון ראשי ישיבות אין קאָוונער געטאָ

אין די לעצטע צען טעג פון יוני 1941, ווען אַ כוואַליע פון רויב און רציחה האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער יידן אין דער ליטע, זענען באַלד פון די ערשטע קרבנות געווען די גדולי-התורה און תלמידי-הישיבות. בשעת דעם ערשטן פּאָגראָם אויף די קאָוונער יידן, אין דער נאַכט אויף דאָנערשטיק דעם 26סטן יוני, זענען אין דער ישיבה-פאַרשטאָט סלאָבאָדקע אומגעקומען דער דאָרטיקער רב הרב זלמן אָסאָווסקי און דער סלאָבאָדקער ראש-הישיבה הרב שרגא פייוול הורוויץ. אין דער זעלבער נאַכט זענען אומגעקומען אויך פיל ישיבה-לייט.

ביי די ערשטע מאַסן-אַרעסטן, וואָס די ליטווישע פאַרטיזאַנער-כוליגאַנעס האָבן דורכגעפירט, איז געווען צווישן די אַרעסטירטע דער וועלטבאַרימטער גאון ר' אלחנן וואַסערמאַן, באַראַנאָוויטשער ראש-ישיבה. דער גאון איז צוזאַמען מיט די נאָך טויזנטער אַרעסטירטע געבראַכט געוואָרן אויפן זיבעטן פאָרט. דאָרט זענען די יידן אויסגעשטאַנען די שרעקלעכסטע עינויים און נאָך דעם זענען זיי אַכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן. ר' אלחנן זצ"ל איז אומגעקומען ז' תמוז תש"א.

אויך אין די טעג האָט זיך אַנטפּלעקט דער שטאַרקער צובונד פון ליטווישע יידן צום יידישן מקור. די סכנה געכאַפּט צו ווערן פון די ליטווישע פאַרטיזאַנער און אָוועקגעפירט צו ווערן אויף די פאָרטן, וואָס דאָס האָט באַטייט טויט ממש, האָט אויך נישט אויפגעהאַלטן די קאָוונער יידן צו קומען אין בית-מדרש אויסגיסן דאָס האַרץ פאַרן רבש"ע און זוכן אַ טרייסט אין דער הייליקער תורה. דער נייער בית-מדרש אויף בירשטאָנער גאַס, וואָס איז געווען אַ צענטראַלער פּונקט פון דער יידישער קאָוונע אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, איז עס געבליבן אויך אין דעם לעצטן טאָג, וואָס יידן זענען געווען אין קאָוונע.

די מנינים איינע נאָך די אַנדערע אין נייעם בית-מדרש און אין די ביי-שטיבלעך האָבן אָנגעהאַלטן אויך אין די פינצטערע טעג, ווען עס האָט געלויערט די געפאַר

צוגענומען צו ווערן פון בית־מדרש אין טלית און תפילין, ווי ס׳האָט פּאַסירט עט־לעכע מאָל אין מיטן דאַווענען. יעדן אינדערפרי, נאָך תפילת שחרית, איז געלערנט געוואָרן אַ פּרק משניות בציבור דורך הרב דוד ווערזבלאָווסקי.

דעם 15טן אויגוסט 1941 זענען אַלע קאָוונער יידן, ווי באַקאַנט, אַריינגע־שפּאַרט געוואָרן אין אַ געטאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין סלאָבאָדקע. ווי אויף להכעיס האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט דאָס געטאָ אין דעם אָרט וואָס האָט פאַר־שפּרייט ליכט איבער דעם גאַנצן יידישן גלות אין משך פון 60 יאָר; פון די סלאָ־באָדקער ישיבות זענען אַרויסגעוואַקסן גייסטיקע מנהיגים פאַר דער גאַרער יידישער וועלט. אויב סלאָבאָדקע האָט געדאַרפט זיין דאָס אָרט אויף ליקווידירן די ליט־ווישע יידן אין פיזישן זין, איז אָבער די זעלבע סלאָבאָדקע פיל בייגעשטאַנען, אַז דער בונד פון ליטווישע יידן מיט דער תורה זאָל נישט ווערן איבערגעריסן.

סלאָבאָדקע, ווי אַ צענטער פון תורה און מוסר, איז געווען רייך אין בתי מדרשים. מיטן שאַפן דאָס געטאָ איז אָבער דער גרעסטער טייל בתי־מדרשים פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין וווינונגען, צוליב דעם גרויסן מאַנגל אין דירות. אין דעם געטאָ־ראַיאָן, ווו יידן האָבן געוווינט פאַרן קריג (אין געטאָ האָט דער ראַיאָן גע־הייסן: ערשטער רעוויר), זענען צום דאַווענען פאַרבליבן די קלויז פון „הלוית־המת״ אויף דוואַריאָ־גאַס און איין שטאָק פון דער ישיבה „אהל משה״ אויף יעשיבאָטאָ (ישיבה־גאַס). שבת איז געווען אַ מנין אויך ביי ר׳ אברהם גראָדזענסקי, דעם וועלט באַרימטן בעל־מוסר און מנהל־רוחני פון דער ישיבה „כנסת ישראל״ אין סלאָבאָד־קע. ר׳ אברהם איז ביז זיין לעצטער מינוט געבליבן דער גרויסער מחנך און וועגווייזער פון די בני־הישיבה. יעדן שבת, ווי אין דער ישיבה, האָט ר׳ אברהם אין געטאָ געהאַלטן זיינע טיפזיניקע שמועסן אין מוסר און געלערנט און אָנגעוויזן די בני־הישיבה דעם דרך החיים. די גאַנצע צייט פון קאָוונער געטאָ האָט ר׳ אברהמס גרויסע השפעה אָנגעהאַלטן אויף די בני־תורה. ביי דער עוואַקואַציע פון געטאָ, אין יולי 1944, האָט זיך ר׳ אברהם געפונען אין די געטאָ־וואַרשטאַטן. דעם פערטן טאָג פון דער עוואַקואַציע, דינסטיק, 11טן יולי, האָט די דייטשע פעלד־זשאַנדאַרמעריע, וואָס איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן צו ליקווידירן דאָס געטאָ, געפונען ר׳ אברהמען אין די געטאָ־וואַרשטאַטן. אַ דייטש האָט מערדערלעך געגעבן אַ זעץ ר׳ אברהמען, אַז ער איז פאַרגאַנגען אין אומדערטרעגלעכע יסורים. מיט אַ פור האָט מען גלייך ר׳ אברהמען אָפּגעפירט אין געטאָ־שפּיטאָל. טראָץ די איינשפּריצונגען וואָס זענען אים געמאַכט געוואָרן איז אים דער ווייטאָג נישט שטילער געוואָרן. אויף מאָרגן, מיטוואָך דעם 12טן יולי, כ״א תמוז תש״ד, האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דעם געטאָ־שפּיטאָל מיט די אַלע קראַנקע, און מיט די פלאַמען פון די קדושים וטהורים איז צום הימל אַרויף די גרויסע נשמה פון וווּנדערלעכן מורה־דרך ר׳ אברהם. (הרב אלחנן פערסאָן: „פון לעצטן חורבן״, צייטשריפט, מינכען, סעפּטעמבער 1948, ז״ז 36 — 38).

קידוש־השם פון רבנים אינעם קאָוונער געטאָ

גלייך אין די ערשטע טעג פון דייטשן אַריינמאַרש אין קאָוונע האָבן די ליט־ווישע פּאַרטיזאַנער אומגעבראַכט אַ גרעסערע צאָל רבנים אין דער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. דעם רב פון קאָוונער פאָרשטאָט פּאַנעמון, הרב מה־יפית, האָבן די פּאַר־טיזאַנער אַרויסגעריסן אַ האַלבע באָרד און געטריבן איבער די גאַסן מיט אַ רויטער פאָן אין האַנט. דעם רב פון קאָוונער באַרגער פאָרשטאָט, ר׳ שמחה גיטעלעוויץ, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַוועקגעפירט אין זיבעטן פאָרט און דערשאָסן. די געבלי־בענע רבנים האָבן געמוזט אויסבאַהאַלטן זייער רבנישן אויסזען און גיין צו דער אַרבעט מיט אַלעמען גלייך. און ביי דער אַרבעט גופא, ווען דער מייסטער אָדער אַן אַנדער אויפזעער האָט געפרעגט וועגן באַרוף, איז עס געווען ממש אַ לעבנס־סכנה צו אָנגעבן זיך אַלס רב. אַ יידישער גייסטלעכער האָט זעלטן געקאָנט אַרויס־גיין אַ לעבעדיקער פון די דייטשע הענט. אין געטאָ זענען געווען קלויזן: אבא יחזקאלס, הלוית המת, שניידערשע קלויז און אהל משה. דער בנין פון סלאָבאָדקער ישיבה איז געוואָרן פאַרלאַגערט מיט ספרי־תורות און ספרים, וואָס מען האָט צו־נויפגעטראָגן פון די אַנדערע פאַרמאַכטע קלויזן. די קלויזן זענען געווען געפּאַקט מיט דאַוונערס. די רעליגיעזע יידן האָבן אויף קיין זאַך נישט געקוקט און באַ־האַלטנדיק דעם טלית אונטער דער פאַלע, געגאַנגען דאַוונען. אָפט פלעגן יידן אין מיטן דער תפילה ווערן באַפאַלן פון די ס״ס־לייט אָדער יידישער פּאָליציי, קריגן גוט צעשלאָגן און ווערן אַוועקגעטריבן צו דער אַרבעט.

אויך יום־כיפור תש״ב (1941) זענען אין דער פרי איבערגעריסן געוואָרן די תפילות אין אַלע בתי־מדרשים און מנינים. פּאָליציי איז געקומען מעלדן, אַז אַלע אַרבעטס־פעיִקע מענער מוזן שוין גיין צו דער אַרבעט אויפן אַעראָדראָם.

אבא יחזקאלס קלויז איז שפּעטער צוגענומען געוואָרן פאַר אַ תפיסה פאַר „פאַר־זינדיקטע״ יידן. און אַנשטאָט וואָס דאָרט איז געווען דורות־לאַנג אַן אָרט ווו יידן האָבן אויסגעגאָסן זייער הארץ פאַרן רבונו־של־עולם, איז דאָרט איצט געוואָרן אַ פּלאַץ אויסצוגיסן דאָס ביטערע האַרץ אויפן אַרבעטס־אַמט און עלטעסטנראַט. אויף די ווענט און בענק פלעגן ווערן אויסגעקריצט און אָנגעשריבן פאַרשידענע אויפשריפטן פון די אַרעסטירטע. עס בלייבט אין געטאָ די איינציקע קלויז הלוית המת אויף דוואָרא־גאַס. דאָרטן דאַוונען דער סלאָבאָדקער רב הרב שקאָרוטע, דער קאָוונער שטאָט־מגיד הרב מאָסט און דער שאַנצער רב הרב שמוקלער. דאָרטן האָט מען געלערנט, געדאַוונט, געזאָגט תהילים. די עלטערע יידן, וואָס זענען פריי געווען פון דער אַרבעט, האָבן פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל טאָג אין בית־מדרש. דאָרטן פלעגט געוויינטלעך אויך פאַבריצירט ווערן נייס פון טאָג. עס זענען שוין געווען די ספּעציעלע „נייס־דערפינדערס״.

דער סך הכל פון די קאָוונער רבנים:

אין די ערשטע טעג פון קריג איז הרב ביעליצקי, דער רב פון קאָוונער „נייעם פּלאַן", געלאָפן אויף רוסלאַנד און איז ביי זשעזשמער אומגעקומען.

קאָוונער שטאָט־רב הרב שאַפּיראָ און דער שאַנצער רב הרב שמוקלער זענען געשטאָרבן אין געטאָ גופא.

דער קאַרמעליטער רב הרב ברוידא איז אַוועקגענומען געוואָרן קיין ריגע (לעטלאַנד) און איז דאָרט אומגעקומען.

דער „באַרגער" רב הרב קרימער, דער ראש־הישיבה ר' יחזקאל טריסצינער, מחבר פון ספר „בנין יחזקאל", פּאַנעמונער רב הרב מה־יפית, הרב ר' שלמה מאַנ־צער גייען אַוועק מיט דער גרויסער אַקציע.

דער שטאָט־מגיד הרב ר' חיים מאָסט גייט אַוועק מיט דער קינדער־ און זקנים־אַקציע.

ר' אברהם גראַדזענסקי קומט אום בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אין געטאָ־שפּיטאָל ווערט ער פאַרברענט מיט די אַלע קראַנקע כ"ב תמוז תש"ד (13.7.44).

אַלעקסאָטער רב הרב פּערלמאַן, סלאָבאָדקער רב הרב שקאָרוטע און הרב בני־מין אָזשינסקי זענען אומגעקומען אין אַ באַהעלטעניש אין בלאָק „א" בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע.

הרב סניעג, הרב שלאָפּאָבערסקי ווערן אָפּגעשיקט קיין דאַכאַו, אין קאַופערינג־לאַגער 1, און ווערן דאָרט באַפרייט.

הרב זלמן פּערמוט, הרב שמעון דוביאַנסקי, הרב ר' ישעיה (דעם חפץ חיימס אייניקל) קומען אום אין לאַגער 1. (הרב גוטמאַן: „פון לעצטן חורבן", צייטשריפט, סעפּטעמבער 1948, מינכען, ז"ז 50 — 51).

טעלזער רב פאַלט אויפן גוף פון זיין תלמיד און רופט צו נקמה

גלייך ווי די דייטשן זענען אַריין אין טעלז, האָבן זיי פאַרטריבן אַלע יידן אין ריינער וואַלד, דריי קילאָמעטער פון שטאָט, און זיי דאָרט פאַרמאַכט אין שטאַלן. אין אַ פאַרנאַכט זענען אָנגעקומען קיין ריין הונדערטער ליטווישע פּאָליציסטן מיטן אויבער־מערדער שוואַנט. זיי האָבן אַרויסגענומען די יידן פון די שטאַלן, זיי אָפּגע־שניטן די בערד, זיך געלאָזט אָפּגעבן גאָלד און אַלע ווערט־זאַכן און דאַן געצוואונגען די יידן צו לויפן איבער פעלדער, זיך לייגן אין בלאָטע, אויפשטיין, זיך ווידער לייגן — אַזוי אַ האַלבע נאַכט. אַז מען האָט זיי אָפּגעלאָזן, זענען די יידן אויסגע־בראָכן אין אַ יללה, פון ווייטיק און פּיין. נאָר איינער, יצחק בלאָך, האָט אַרויפ־גענומען אויף די הענט זיין מאַמע און אַוועק אַ טאַנצנדיק־זינגענדיקער: „עם יש־ראל חי, עם ישראל חי".

אויף מאָרגן פרי האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע מענער צו אָפענע גריבער. די ליטווינער האָבן געגעבן אַ באַפעל זיך אויסצוטאָן. יצחק בלאָך האָט גיך זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן אָנגעשאָטענעם בארג ערד און אָנגעהויבן רעדן צו די יידן:

— לאָמיר זיך מטהר זיין לפני אבינו שבשמים. נישט מעגלעך קיין ווידערשטאַנד קעגן אַזוי פיל מערדער, אָבער זאָל אונדזער טויט זיי נישט אָנקומען לייכט. זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען. פאַרצווייפלט נישט, יידן! עס וועלן בלייבן גענוג יידן אויף נקמה. שטאַרקט אייך, שטאַרקט אייך, יידן!

הונדערטער אויסגעאיילטע מאַשין־געווער אין די הענט פון די ליטווינער צילעווען. נאָר זייער עלטסטער, דער ליטווינער פּלאַטאַקיס, גיט נישט קיין באַפעל — האָרכן זיי, האָרכן און שווייגן. און אָט רעדט יצחק בלאָך אויך צו זיי:

— געדענקט! אונדזער בלוט וועט זיך נוקם זיין אָן אייך. אונדזער פאָלק האָט שוין אַ סך בלוט געגעבן — און לעבט, און וועט לעבן. אָבער אייער אונטערגאַנג האָט איר מיט אונדזער בלוט פאַרשריבן.

— גענוג! — שרייט אויס שוואַנט, וועלכער שטייט אַ נאַקעטער אויף אַ מאַטאַציקל.

פּלאַטאַקיס באַפעלט צו דערשיסן אַלס ערשטן דעם טעלזשער רב הרב ר׳ אברהם יצחק בלאָך. דער רב גייט רויק, מיט אַ שטילער תפילה אויף די ליפּן, אַרויס אין דער פאָדערשטער ריי. נאָר יצחק, וואָס האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיין קללה צו די רוצחים, שפּרינגט אַרויס פאָרויס, ער פאַרשטעלט מיט זיין ברוסט דעם גוף פון זיין רבין, און פון זיין מויל פאַלן גלי׳ענדיקע ווערטער אין דער טויטער שטילקייט פון אַרום: „שטאַרקט אייך, שטאַרקט אייך, יידן! — עם ישראל חי!״ — און יצחק פאַלט.

שמע ישׂראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד! — און דער טעלזשער רב פאַלט אויפן גוף פון זיין תלמיד. (לוי שאַליט: „אַזוי זענען מיר געשטאָרבן״, מינכען 1949, ז״ז 158 — 159).

דער שאַוולער רב זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים פאַר זיין טויט

דער ס״ד־קאָמענדאַנט גאָטשאַלג, אַ מערדער לויטן אויסזען און פון בלוט, האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין טורמע, אַרויסגערופן אַלע ווילע אַנדערע יידן אין הויף און געטריבן מיט זיי „גימנאַסטיק״. אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַרויסגערופן אַ גרופּע יידן, זיי אויסגעציילט — ניין און ניינציק.

— הונדערט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. די ליטווישע פּאָליציסטן האָבן געוואָלט גלייך ברענגען נאָך אַ ייד פון די טורמע־צעלן, אָבער גאָטשאַלג האָט פאַרלאַנגט אַ ייד פון גאַס, נישט פון טורמע. אין געציילטע מינוטן האָבן די ליט־

ווינער געבראַכט דעם לעצטן קרבן. גאָטשאַלג איז געווען צופרידן. אויפן הויף זענען שוין געווען פילם־אַפּעראַטאָרן. גאָטשאַלג האָט קאָמאַנדירט:

— די אינטעליגענץ זאָל אַרויסגיין פאָרויס!

אַז קיינער האָט זיך נישט גערירט, האָט גאָטשאַלג אַליין זיך אויסגעזוכט די אינטעליגענץ — אַלע וואָס טראָגן ברילן. דער שאַוולער שטאָט־רב ר׳ אהרון באַקשט איז געווען דער ערשטער צו דער אינקוויזיציע. גאָטשאַלג האָט אים באַפוילן אַנטאָן די יאַרמולקע און רעדן.

— וואָס זאָל איך רעדן?

— גאַנץ עגאַל — האָט גאָטשאַלג אַ בריקע געטאָן דעם רב — רעד ווי דו רעדסט פאַר יידן אַלע מאָל; מאַך מיט די הענט, קרים מיטן מויל.

דער רב האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן זאָגן דעם קאַפּיטל תהילים ק״ט. דעם 70־יאָריקן רבס שטימע איז זיך פאַרגאַנגען אין תחנונים, זיינע שטראַליקע הענט האָבן זיך צום הימל געשטרעקט: יהי אחריתו להכרית בדור זה (אַנשטאָט ווי אין טעקסט: בדור אחר) ימח שמם!

גאָטשאַלג איז צופרידן געווען; דער רב האָט עס געמאַכט מיט הוויות, מיט געגנוג ווילדע תנועות.

אַלס צווייטן האָט גאָטשאַלג אַרויסגערופן דעם דיין נאַכומאָווסקי, דאַן דעם אַלטן רבס איידעם הרב ראַבינאָוויטש, און נאָך דעם דעם אַדוואָקאַט אַבראַמאָוויטש; גאָטשאַלג האָט אויך אויפגעזוכט יידן מיט פּליכעוואַטע קעפּ, וואָס זיי האָבן געמוזט האַלטן אָנטקעגן די אַפּאַראַטן צום פאָטאָגראַפירן.

די אָפּגעקליבענע ווי אינטעליגענטן האָט מען אַ ווײַלע שפּעטער געהערט זינגען אין טורמע־הויף. און באַלד־גלייך אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער. — אַלץ איז ווידער איינגעהילט געוואָרן אין שטום־בלוטיקן שווייגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען אָנגעפאָרן שוואַרץ־געדעקטע אויטאָס אויפן טורמע־הויף. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצופירן די אַרעסטירטע אין קוזער וואַלד. איין איינציקע קריסטין איז געווען צווישן די צום טויט־אַרויסגעפירטע: פרוי לייקונאַס, אַ באַקאַנטע ליטווישע סאָציאַליסטין. פרוי לייקונאַס האָט זיך קעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט זיך לאָזן פאַרפּאַקן אין אויטאָ.

אין צוויי וואָכן צייט איז די טורמע ליידיק געוואָרן פון יידן. נאָר קנאַפּע הונדערט האָט מען באַפרייט ווי „אונענטבערליכע״ (אומפאַרבייטלעכע) פאַר דער דייטשערווירטשאַפט. (לוי שאַליט: „אַזוי זענען מיר געשטאָרבן״, מינכען, 1949, ז״ז 32 — 33).

מסירת הנפש פון סקערנעוויצער דיין

קיין סקערניעוויץ זענען אָנגעקומען יידישע פּליטים פון וולאָצלאַוועק, אַלעקסאַנדער און זגערזש. דער מורה־הוראה ר׳ משה פערקאַל האָט גערופן אַ דרינגענדיקע פאַרזאַמלונג אין אַלעקסאַנדער שטיבל.

ווען אויף דער פאַרזאַמלונג האָט איין ייד פון אַלעקסאַנדער אויסגערופן, כליפענדיק: „סקערניעוויצער יידן! אחינו בני ישׂראל! האָט רחמנות אויף אונדזערע קינדער! שטרעקט אויס אייער האַנט און ראַטעוועט אונדז פון אונטערגאַנג!" — האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אויסגעבראָכן אין אַ האַרצרייסנדיק געוויין. אָבער ווען עס איז געקומען צום צונויפשטעלן דעם הילפס־קאָמיטעט, האָבן אַ סך חשובע יידן, איבערהויפּט — חסידים, מורא געהאַט צו פיגורירן אויף אַן אָפיציעלער רשימה, וואָס וועט זיכער קאָנטראָלירט ווערן דורך די דייטשן.

אָבער דאָ האָט דער מורה־הוראה, ר׳ משה פערקאַל, אויסגערופן:

— שטעלט מיך דעם ערשטן אויף דער ליסטע! אויב עס איז דער רצון פון השם יתברך, אַז מיר זאָלן גיין אויף קידוש־השם, וועלן מיר גיין! ואהבת לרעך כמוך! לאָמיר טאָן פאַר אונדזערע ברידער, ווי פאַר זיך אַליין!

— און מיך שרייבט אויף דעם צווייטן! — האָט אויסגערופן דער לערער גוזשיק.

— און מיך — דעם דריטן! — האָט זיך פאַרגעלייגט אברהם ראָזענבלום.

— און דו, עזריאל, — ווענדט זיך צו מיר דער רב — ביסט דאָך אונדזער אַלטער קאַסירער. נעם ווידער איבער דיין אַמט און קום מיט אונדז. (עזריאל קאָטשינסקי: „ספר סקערניעוויץ", תל־אביב, תשט"ז — 1956, ז"ז 549 — 550).

געפייניקט רב און שוחט צוליב כשרער שחיטה אין טאָמאַשאָוו

שוחט איז געווען ר׳ ברוך הורוויץ, ר׳ מרדכי יוספס איידעם; רב איז געווען דער יאַרטשעווער רב הרב פסח זיטזאַמער; מלמד איז געווען ר׳ מאיר קלאַרמאַן און דוד ראובאלעס. נחום שמש האָט אָנגעפירט מיט אַלע קהלישע טעטיקייטן, דאָס מנין איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז.

ביי דעם יודענראַט האָט אָפיציעל עקזיסטירט חברה־קדישא. אויף דעם פעלד זענען זיי געווען זייער טעטיק. אויך די מקווה האָט פונקציאָנירט. דער יודענראַט האָט אָנגעפירט מיט דעם מרחץ, ממילא האָט מען שוין געקענט אַדורכשמוגלען צו וואַרעמען די מקווה, איך וויל באַמערקן, אַז אויך מוהל איז געווען ברוך שוחט, הגם ס׳זענען פאָרגעקומען ווייניק געבורטן.

דער פינאַל איז געווען אַ טרויעריקער. אַ גוי האָט געמסרט צו דער געסטאַפּאָ, אַז די יידן פראַקטיצירן שחיטה. דאָס איז געווען אין ווינטער 1941. די געסטאַפּאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ מעלדונג, אַז דאָס געריכט וועט פאָרקומען עפנטלעך אין מיטן מאַרק, און געהייסן ברענגען אַהין אַ יאַטקע־קלאָץ, דאַן האָבן זיי גענומען 2 אַלטע יידן מיט לאַנגע בערד, שמחהלע און נחמיהלע, מלמדים. יעדנס באָרד איז פעסט צוגעקניפּט געוואָרן צו אַ שטאַרקן שטריק, און אין דעם שטריק האָט מען איינ־

געשפּאַנט אַ שליטן. אויפן שליטן האָט מען אָוועקגעזעצט ברוך שוחט מיט די חלפים אין דער האַנט. אַ געסטאַפּאָוויעץ האָט גענומען אַ בייטש און זיך אָוועקגעזעצט אויפן שליטן און געשלאָגן די צוויי מלמדים איבערן פּנים ערגער ווי מען שלאָגט פערד, און זיי האָבן אַזוי, דורך זייערע בערד, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט שטריק, געצויגן דעם שליטן ביז צום באַשטימטן פּלאַץ. די פּוילישע שקצים און שיקסעס זענען צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער און הנאה. אין איין זייט איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן די יידישע באַפעלקערונג און אויף דער צווייטער זייט — די קריסטלעכע באַפעלקערונג.

דאַן איז אַרויף אויף אַ ספּעציעלער טריבונע דער שטאָט־קאָמענדאַנט און האָט איבערגעגעבן דער באַפעלקערונג וועגן דער גרויליקער טאָט פונעם יידישן ראַבינער: ער האָט געוואָגט צו שעכטן אַ קעלבל לויטן יידישן ריטואַל און גורם זיין בחינמדיקן צער צו אַ שטום באַשעפעניש, און גלייכצייטיק באַעוולט די קריסטלעכע באַפעלקערונג מיטן צונעמען זייער פּראָדוקט. דערפאַר ווערט דער ראַבינער באַשטראָפט מיט אָפּהאַקן די פינגער פוןביידע הענט. (שלום ליכט: „דער טרויעריקער סוף פונעם 500־יאָריקן יידישן ישוב אין טאָמאַשאָוו". „טאָמאַשאָוו לוב. יזכור־בוך", ניו־יאָרק, 1965, ז' 265).

דער קדושים־טויט פון טלושטשער רב

דעם 6סטן מאַי 1942, פיר פאַר טאָג, האָט דער אויבערלייטענאַנט ליפּשאַ פון וואַרשעווער קרייז אַרומגערינגלט מיט דייטשע זשאַנדאַרמעריע און גראַנאַט־פּאָליציי דאָס שטעטל טלושטש, ראַדזימינער קרייז, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון יידישן געטאָ.

ליפּשאַ האָט געפאָרשט און געזוכט ווו עס געפינט זיך דער טלושטשער רב ר' יעקב יוסף בריקמאַן. דער רוצח האָט זיך דערוווּסט, אַז דער רב איז אין שטעטל יאַדאָוו, ראַדזימינער קרייז, איז ער אָנגעקומען קיין יאַדאָוו מיט זיין געהילף וואַכמייסטער וואַלענבערג אויסצוגעפינען ווו דער טלושטשער רב געפינט זיך.

דער טלושטשער רב איז אָוועק מיט אַ טאָג פריִער קיין יאַדאָוו, כדי צו ברענגען צו קבורה אַ בר־מינן, אַ חשובן בעל־הבית פון טלושטש, וואָס איז געשטאָרבן פון טיפוס. אינעם שטעטל טלושטש איז קיין יידישער בית־עלמין נישט געווען, פלעגט מען ברענגען די טויטע מקבר צו זיין אויפן יאַדאָווער בית־עלמין.

עמעצער פון דער גראַנאַט־פּאָליציי האָט צוויסן געטאָן אין געהיים דעם פּרעזעס פון יודענראַט פון יאַדאָוו, אַז ליפּשאַ גרייט זיך צו מאַכן אַ באַזוך אין געטאָ. באַלד האָט מען זיך וועגן דעם דערוווּסט, און יעדער האָט זיך באַהאַלטן ווו מען האָט נאָר געקאָנט. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אין די געטאָ־הייזלעך וואָלטן גאָר קיין מענטשן נישט געווינט.

ליפּשאַ איז געקומען אין ביורא פון יודענראַט, מערדערלעך געשלאָגן עטלעכע מיטגלידער פונעם ראַט און פאַראָרדנט, אַז אין פאַרלויף פון דריי טעג מוזן די יידן מאַכן ביין פאַר שטיוול פאַר דער יאַדאָווער גראַנאַט־פּאָליציי און אין פאַרלויף פון פופצן מינוט דאַרפן זיי אים צושטעלן דעם טלושטשער רב, וואָס געפינט זיך אין יאַדאָווער געטאָ. אויב מען וועט נישט אויספירן זיין באַפעל, וועט ער דערשיסן פינף מיטגלידער פון יודענראַט. באַלד נאָך דעם, האָט ליפּשאַ דערשאָסן עטלעכע יידן, צווישן זיי יהושע קאַלוסקי פון ראַדזימין.

דער יאַדאָווער יודענראַט האָט אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג און באַשלאָסן נישט אַרויסצוגעבן דעם רב, אַפילו ווען ס׳וועט אויסקומען צו געבן די פינף קרבנות.

אַ דעלעגאַציע פון יודענראַט האָט איבערגעגעבן דעם טלושטשער רב דעם באַשלוס פון יודענראַט.

דער רב האָט שטיל און רויִק געדאַנקט די יידן פאַר זייערע קרבנות־גרייט־קייט און דערקלערט, אַז צוליב אים וועלן קיין יידן נישט אומגעבראַכט ווערן. ער וועט אַליין גיין אויף קידוש־השם.

נאָך דעם דאַזיקן שמועס האָט דער רב אָנגעטאָן זיינע יום־טובדיקע מלבושים, גענומען טלית און תפילין, געזעגנט זיך מיט דער דעלעגאַציע און זיך געשטעלט פאַרן רוצח ליפּשאַ. מיט שטאָלץ האָט דער רב געזאָגט צו דעם דייטשן סאַדיסט: „איך וויל נישט, אַז די יאַדאָווער יידן זאָלן געבן פאַר מיינעטוועגן קרבנות, איך אַליין וויל זיין דער קרבן פאַר זיי!״.

ליפּשאַ איז ווילד געוואָרן פון דער דאַזיקער שטאָלצער האַלטונג פון רב, וואָס ווייזט נישט אַרויס קיין שרעק אין אָנגעזיכט פון טויט.

דער רוצח האָט פאַראָרדנט, אַז דער רב זאָל אַליין אויסגראָבן אַ גרוב לעבן אַ פאַראומרייניקט אָרט. דער רב האָט נישט געוואָלט אויספירן דעם באַפעל. דער רוצח האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און געצילט אינעם רב. דער רב האָט נאָך באַוויזן אויסצושרייען „שמע ישראל״ און איז געפאַלן אַ צעלעכערטער פון קוילן. (מיכאַל קאַסאָווער: „ספר יאַדוב״, רעדאַקטאָר א. וואָלף יאַסני, פאַרלאַג פון „אנציקלופדיה של גלויות״, ירושלים, 1965, ז״ז 245 און 367 — 368).

גראָדזשיסקער רבי גייט צום טויט זינגענדיק „אני מאמין״

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ ישראל שפּירא, איז געבראַכט געוואָרן קיין טרע־בלינקע צוזאַמען מיט אַ גרויסע עדה יידן.

פאַר די טויערן פון די גאַזקאַמערן, האָט דער רבי געהאַלטן אַ דרשה און געזונגען „אני מאמין״, וואָס איז איצט געוואָרן פאַר אַלע יידן דער אָנדענק־הימען פון אונדזער חורבן.

הרב ר׳ יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, דער רב הראשי פון מדינת ישראל, האָט אין זומער 1946 געמאַכט אַ רייזע איבער די יידישע פליטים־לאַגערן און ער האָט אויפגענומען אַ גבית־עדות פון אַן עד־ראיה, וואָס האָט זיך על פי נס געראַטעוועט פון טויט־לאַגער אין טרעבלינקע, און אַט וואָס דער געראַטעוועטער ייד האָט דערציילט:

ווען מען האָט אַריינגעבראַכט די יידן אין דעם טויטן־לאַגער אין טרעבלינקע האָבן זיך טויזנטער יידן געווענדט צום גראָדזשיסקער רבין און אים געפרעגט: „וואָס זאָגט דער רבי איצט?״

דער רבי האָט געענטפערט:

— הערט אויס, ברידער און שוועסטער, קינדער פון יידישן פאָלק, מיר טאָרן נישט מהרהר זיין נאָך דעם אייבערשטנס מעשים. אויב עס איז אויף אונדז נגזר געוואָרן, אַז מיר זאָלן זיין די קרבנות פון די חבלי־משיח און פאַרברענט צו ווערן אין די פלאַמען — איז וויל צו אונדז, וואָס מיר האָבן דערצו זוכה געווען. און דאָס, וואָס די חז״ל זאָגן: „יצא ולא אחמניה״ — זאָל ער קומען און מיר זאָלן נישט זיין דערביי, איז די כוונה געווען, איידער מיר האָבן דערגרייכט צו דער דאָזיקער מדרגה, אָבער מיר, וואָס האָבן שוין דערגרייכט די דאָזיקע מדרגה, דאַרפן מיר זיך פרייען, וואָס מיר האָבן זוכה געווען, וואָס אונדזער אַש וועט רייניקן דאָס גאַנצע פאָלק ישׂראל. איך בעט אייך דערפאַר, אַז איר זאָלט נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, איר זאָלט זיין בשמחה, און אַזוי ווי רבי עקיבא אין זיין צייט, זאָלט איר נסתלק ווערן מיטן געשריי „שמע ישׂראל״ און מיט „אחד״.

די טויזנטער יידן האָבן מקיים געווען די ווערטער פון רבין און זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען צוזאַמען מיטן רבין „אני מאמין״, און צוזאַמען אויסגעהויכט זייערע נשמות.

דאָס איז געווען אין חודש אלול, תש״ב (1942). (געדרוקט אין ספר „אמונת ישׂראל״ פון גראָדזשיסקער רבין, ר׳ ישׂראל שפּירא).

דער קרימאַלאָווער רבי לערנט ביי נאַכט זוהר

אין אַ שאָפּ אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פריץ שולץ פון דאַנציק און אברהם הענדל, האָבן געאַרבעט עטלעכע רבנים און רביים פאַר־שטעלטע פאַר שוסטער. צווישן זיי איז אויך געווען דער קרימאַלאָווער רבי *, ר׳ נתן

* דער קרימאַלאָווער רבי, ר׳ נתן ראַבינאָוויץ, איז געווען אַ זון פון רבין ר׳ אברהם ישׂכר פון ראַדאָמסק, ער האָט געוווינט אין זאַוויערטשע, אָבער מען האָט אים גערופן דער „קרימאַלאָווער רבי״. ער איז דערנאָך אומגעקומען אין אוישוויץ. אויך זיין זון ר׳ שלמה אלימלך פון זאַוויערטשע איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

נטע ראַבינאָוויץ, וואָס האָט געאַרבעט אין שאָפּ ווי אַ בראַקירער פון שלעכטע לעדער.

פריץ שולץ איז געווען אַ מוראדיקער סאַדיסט, וואָס איז געוואָרן רייך פון יידישן שוויס. אָבער נאָך אַ גרעסערער סאַדיסט איז געווען זיין שאָפּער פּאַול, אויך פון דאַנציק. יענער איז געווען ממש אַ רוצח.

איין מאָל איז פּאַול אַריינגעקומען אין מיטן דער נאַכט אין שאָפּ און ער האָט געטראָפן זיצן דעם קרימאַלאָווער רבין אויף דער ערד. אַנשטאָט איבערצוקלייבן די לעדער, איז ער געזעסן און האָט געלערנט זוהר.

דער שאָפער האָט צוגעשטעלט דעם רבין צו דער וואַנט און האָט באַפוילן אַלע יידישע אַרבעטער פון שאָפּ זיי זאָלן זיך צונויפקומען זען ווי ער דערשיסט דעם יידן, וואָס האָט „סאַבאָטירט ביי דער אַרבעט". אין צווישן האָט מען געלאָזט וויסן אברהם הענדל וועגן דעם. ער איז אַריינגעלאָפן אין שאָפּ און האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון פּאַולס האַנט. פּאַול האָט זיך דערשראָקן, און ווען די געפאַר איז דורך, האָט הענדל אים צוריקגעגעבן דעם רעוואָלווער. (פון אַ גבית־עדות פון אברהם הענדל, וווינט היינט אין תל־אביב, איבערגעגעבן צו משה פראַגער, געדרוקט אין „בית יעקב", ניסן תשכ"ג (1963).

מסירת־נפש פון יעדיניצער רב

פונקט ערב ראש־השנה 1941 האָבן די רומענער אַרויסגעפירט אונדז פון יעדיניץ (אין אַ צאָל פון דריי הונדערט מענער), אַוועקגענומען פון פרוי און קינד, וועלכע זענען פאַרבליבן אין לאַגער, און געטריבן אונדז צו פוס קיין טראַנסדני־סטריע. בראש פון אונדזער עדה איז געגאַנגען דער יעדיניצער רב יהושע פרענקל. „יידן, גם זה יעבור!" — האָט ער יעדן מאָל אויסגעשריען, ווען די וואַך האָט זיך מיט אַכזריות געוואָרפן אויף אונדז.

אויף דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין בריטשאַן און דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַ חרובער שול, ווו ס'איז אַפילו קיין פּלאַץ נישט געווען צו שטיין. אויסגעמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע, דער עיקר פון דעם, וואָס אין משך פונעם גאַנצן וועג און אויך דאָ, אין בריטשאַן, האָבן די רומענער נישט צוגעלאָזן צו אונדז קיין טרונק וואַסער, האָבן מיר אין דער פרי, ווען מ'האָט אונדז אויפגע־הויבן צום טרייבן ווייטער, איבערגעלאָזט אין הויף פון דער בריטשאַנער שול אונדזערע ערשטע 8 טויטע. זיי זענען אויסגעגאַנגען פשוט פון דורשט.

וואָס נעבעטער קיין כאַטין — אַלץ מער יידישע הרוגים און אָפענע גריבער מיט פאַרברענטע יידישע גופים באַגעגענען מיר אויף די וועגן. און וואָס שוידערלעכער דאָס בילד — אַלץ פלאַמיקער דעם רבס „ברוך־דין־אמת".

צום דניעסטער אויף אַריבערצושיפן זיך זענען מיר אָנגעקומען אין טאָג פון

הושענא־רבה. דאָ האָט אונדז באַגעגנט איינער פון די אַזוי גערופענע „דעלעגאַטן פונעם טראַנסדניסטריע־גוווערנעמענט״, און אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָ צווישן אייך דער רב?

ווען דער רב האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף פאָרויס און געענטפערט: „איך״, באַפעלט אים דער דעלעגאַט: „צלם זיך איבער!״.

— איך בין אַ ייד — ענטפערט דער רב — און בין דעריבער פטור פון צלמען זיך.

אַ שטאַרקער קלאַפּ דעם רב איבערן קאָפּ, איז געווען דער ענטפער פונעם „דעלעגאַט״. באַלד נאָך דעם הערט זיך ווידער זיין באַפעלערישע שטים:

— דו וועסט לייגן דעם צלם?

— ניין — ענטפערט דער רב — איך קאָן נאָר תפילה טאָן צו מיין יידישן גאָט.

— זאָל זיין צו דיין גאָט — צעלאַכט זיך דער דעלעגאַט.

מיט אַ פעסטער שטים און מיט אַ סך ווערדע הייבט אָן דער רב:

— אל מלך נאמן, שמע ישראל!...

אין דעם מאָמענט ווערט אונטערגעטראָגן פייער צו דעם רבס געדיכטער באָרד. זי צינדט זיך אָן אויף אים און ווערט פאַרברענט.

אָבער דאָס איז געווען נאָר דער פאָרשפּיל. באַלד בינדן צו די רומענער צוויי לאַנגע שטריק צום רבס פיאות, ביי וועלכע זיי ציִען אים ווי אַ מאַריאָנעטקע, און צווינגען אים צו טאַנצן. אונדז אַלעמען ווערט דאַן באַפוילן צו שרייען: „זשאָס ראַבינול״ (נידער מיטן רב).

דאָס דאָזיקע בייזע שפיל האָט געדויערט ביז דער רב איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטער.

אַזוי איז אין טאָג פון הושענא־רבה אומגעקומען אויף קידוש־השם דער יעדי־ניצער רב ר׳ יהושע פרענקל. (דערציילט פון דעם געראַטעוועטן בן ציון רייפער צו מאיר שטערנבערג, „איינִיקייט״ ניו־יאָרק, פעברואַר 1945).

רב וויל זיין אַ קרבן פאַר דער עדה יידן

עס זענען געקומען די דייטשן קיין יאַווראָוו און מיט טויזנט טויטן גענומען טויטן די יאַווראָווער יידן. נאָר אַ גרויסן אוצר האָבן די יאַווראָווער יידן פאַרמאָגט: זייער רב — אַ גאון עולם. אַ ליכט אין ישראל, אַ רינג אין אַ פּייערדיקער קייט פון תורה, וואָס ציט זיך, זאָגט מען, אַזוי ווייט צוריק אַזש ביז דוד המלך. איך האָב געהערט זאָגן, אַז דער גרעסטער יחוס, וואָס איז נאָר דאָ און וואָס איז נאָר מעגלעך ביי יידן, איז געווען דער יחוס פון דעם יאַוואָראָווער רב, ר׳ אלימלך פרענקל. ווען די דייטשן זענען געקומען קיין יאַווראָוו און האָבן אָנגעהויבן בושע־ווען אויף זייער בלוטיקן אופן, האָבן יאַווראָווער יידן באַהאַלטן וואָס זיי האָבן

נאָר געקענט און ווו זיי האָבן נאָר געקענט, זייערע טייערסטע אוצרות: ווייבער, קינדער. נאָר די בעסטע באַהעלטעניש האָבן זיי אָפּגעגעבן אויף זייער טייערסטן אוצר, זייער גרויסן רבּ.

זיצט דער רבּ ר׳ אלימלך אין זיין באַהעלטעניש און פאַרנעמט דעם צער פון זיין עדה און דעם צער פון אַלע יידן.

נאָר אָט קומט דער שבת פון 7טן נאָוועמבער 1942. ס׳איז געווען אַן אַנדער שבת דעמאָלט אין יאַוואָראָוו, אַנדערש ווי די פריִערדיקע שבתים און אַלע טעג אונטער די נאַציס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פונעם שטעטל. מען האָט גענומען יידן שלעפּן אין וועגענער צו דער באַן, פּאַקן אין וואַגאָנעס און אַוועקפירן קיין בעלזשעץ, צום טויט. און די נייס, און די יאָמערן און געשרייען האָבן זיך דערטראָגן צום רבּ ר׳ אלימלך אין זיין באַהעלטעניש.

און עס האָט זיך אויפגעהויבן דער יאַוואָראָווער רבּ און האָט אָנגעצויגן אויף זיך זיין ווייסן קיטל, און איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און איז אַוועק, קעגן די געבעטן און פּראָטעסטן פון יידן איז ער אַוועק. וווהין איז ער אַוועק? גלייך דעם לייב אין מויל אַריין. ער איז אַוועק צו דער געסטאַפּאָ און זיך געמאָלדן און געזאָגט:

— איך בין דער רבּ פון יאַוואָראָוו. איר פירט אַוועק מיינע יידן, איך וויל נישט בלייבן אָן זיי. פירט מיך מיט זיי אין איינעם, און טוט מיט מיר וואָס איר טוט מיט זיי.

און זיי האָבן אים אויך גענומען. גענומען צו די וועגענער צו פירן צום וואָקזאַל.

נאָר ס׳איז געווען שבת, און דער רבּ האָט זיך אָפּגעבעטן צו גיין צום וואָקזאַל צו־פוס.

גייט דער רבּ ר׳ אלימלך, אין דעם ווייסן קיטל, דעם וועג צום וואָקזאַל. גייט און זאָגט ווידוי שטילערהייט.

ביים וואָקזאַל האָט מען אים מיט פופצן הונדערט אַנדערע יידן, אים און זיין משפחה, אַריינגעפּאַקט אין צוג. די אַרבעט פון פּאַקן די יידן אין וואַגאָנעס האָבן געטאָן עטלעכע יידן פון דער „יידישער אָרדענונגס־דינסט״. מענטשן פון יידישן אָפּפאַל, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעזוכט. די דאָזיקע פּאַראומווירדיקטע יידן זענען געווען שרעקלעך פאַרהאַסט ביי די אַנדערע.

און דער לעצטער אַקט פון דעם לעצטן רבּ פון יאַוואָראָוו איז געווען: ער האָט געבענטשט די איבערגעבליבענע יידן. ער האָט געזאָגט, און די ווערטער זענען פאַרשריבן געוואָרן און זענען דאָ אין אַרכיוו: „גאָט זאָל זיך מרחם זיין איבער אייך. זאָל ער אין זיין גרויסן חסד באַווייליקן איך זאָל זיין דער לעצטער קרבן פאַר אַלע יידן״.

דער גרויסער גאון און צדיק האָט גאָט געבעטן צו זיין אַ קרבן און כפרה אַפילו פאַר די געפאַלנסטע פון די געפאַלנסטע צווישן יידן. (חיים ליבערמאַן, „הייליקע מעשׂים״, „פאָרווערטס״, 5טן פעברואַר 1947).

די דריי רבנים

דער חוט המשולש — די הייליקע דריי זענען געווען: הרב ר׳ קלמן מגיד, ווילקאָמירער רב; הרב ר׳ אברהם מיפה, מאַדזשייקער רב; הרב ר׳ נחום מרדכי ווער־באָווסקי, אקמיאַנער רב.

אין מאַדזשייקע, ווילקאָמירע און אקמיאַן האָבן די דייטשע רוצחים, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע ליטווישע שטעט, אָנגעהויבן די סאַמע שווידערלעכסטע רדיפות אויף יידן גלייך נאָך דעם, ווי זיי זענען אַריין אַהין, און אויך דאָרט האָבן זיי זיך גענומען, קודם כל, צו די גייסטיקע יידישע פירער — די רבנים.

דעם 15טן יולי 1941 האָבן די מערדער באַפוילן אַרויסצופירן אַלע יידן פון די דערמאָנטע שטעטלעך. מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין טירקשלי. אין טירקשלי האָט מען אַלע יידן, מיט די רבנים בראש, אַוועקגעפירט אינעם גרויסן וואַלד.

די רבנים האָבן זיך אַלע אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.

דער אַלטער גרייז־גראָער ווילקאָמירער רב, ר׳ קלמן מגיד, האָט זיך אַוועקגע־שטעלט און גערופן דעם עולם נישט צו פאַרצווייפלען. ער האָט גערעדט צו די יידן נישט צו זיין טרויעריק, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש. מען טאָר נישט ווייזן די דייטשן אַפילו דעם קלענסטן סימן פון טרויער. מען דאַרף מקדש השם זיין, שטאַרבן ווי יידן, ווי הייליקע מענטשן, ווי די קינדער פון דעם קדוש מכל העמים.

די ביקסן און מאַשין־געווער פון די רוצחים האָבן זיך אויף אַ רגע אָפּגע־שטעלט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף דעם גרויסן מאָמענט פון קידוש־השם.

„שמע ישראל, ד׳ אלקנו!"

די גאַנצע עדה קדושים וטהורים האָט געענטפערט: „השם אחד!"

ערשט דאַן האָבן די ביקסן אויסגעשאָסן און די הייליקע יידן האָבן אויסגע־הויכט זייערע נשמות. (הרב אפרים אָשרי: „מאָרגן זשורנאַל", 13טן אָקטאָבער 1946).

רב האָט אַ דין־תורה מיט גאָט אויפן בית־הקברות אין קלעמענטאָוו

דעם ערשטן דאָנערשטיק נאָך סוכות 1942, אין אָקטאָבער, איז פאָרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג אין שטעטל לאַגוו — פון אונדזער קרייז. דאָס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף אונדזער שטעטל. באַלד האָט מען זיך דערוווסט וועגן דער פאַרניכטונג אין אָסטראָוויעץ. פון אָסטראָוויעץ איז געקומען אַ פּאָליאַק, וואָס

האָט דערציילט, אַז דאָרטן האָבן די דייטשן געשאָסן קראַנקע אין די בעטן. אין זייער פאַרצווייפלטער לאַגע, האָבן די יידן נישט געוווּסט אין וואָס זיך אָנכאַפּן. מען האָט געפילט, אַז דער רינג ווערט אַלץ ענגער און ענגער אויף דערשטיקט צו ווערן. די פרומע, בפרט פרויען, זענען גאַנצע טעג געלעגן אויפן בית־עולם און געוויינט. אַזאַ געוויין ווי דעמאָלט האָב איך נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געהערט. מען האָט אָנגעצונדן ליכטלעך אויף די קברים פון די געשאָסענע אין סעפּטעמבער, ווייל די קברים האָט מען באַטראַכט, ווי קברים פון קדושים. דאָס געוויין האָט צוגעצויגן קליינע שקצים, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן מויער פון בית־עולם. מען האָט דאָס געוויין געהערט אויסער דער שטאָט. דאָס איז געווען שוין האַרבסטצייט און דאָס געוויין האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין נעפּל. פרייטיק האָבן די פרויען אָנגעצונדן ליכט אויפן בית־עולם. דער רב האָט צונויפגערופן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אויפן בית־עולם און ער האָט געהאַלטן אַ דין־תורה מיטן רבונו של עולם. ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט אים. שפּעטער האָט מען מקבר געווען עטלעכע הונדערט ספרי־תורות. דערביי איז פאַרגעקומען אַ שרעקלעך געוויין. נאָכן אָוועקגיין פון בית־עולם איז פונקט דער פּרעזעס אָנגעקומען פון אַפּט, פון קרייז־הויפּטמאַן. מען איז אים באַפאַלן מיט פראַגעס. ער האָט געזאָגט, אַז אַפּט, קלעמענטאָוו, סטאַשעוו בלייבן. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ פרייד, אָבער די פרייד האָט געדויערט נישט לאַנג. („אַ ייד פון קלעמענטאָוו דערציילט”, וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, 1947, ז״ז 37 — 38).

רב און פרומע יידן — פּאַרטיזאַנער

אין יאָר 1943 זענען שוין אַלע יידן ליקווידירט געוואָרן אין טאַרקע, גאַליציע. עס זענען געבליבן נאָר אַ פּאָר צענדליק יידן. האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין אונגאַרן. ביי דער אונגאַרישער גרענעץ זענען אַ סך פון דער גרופּע אַנטלאָפענע געכאַפּט געוואָרן. הרב אַלטער וויינבערגערס פרוי מיט אַ קינד זענען דערשאָסן געוואָרן פון די נאַציס. אים אַליין האָט מען געכאַפּט און אָנגעטאָן ענויים קשים. מען האָט אים אָראָפּגעריסן די נעגל פון די פיס. אַ קינד, וואָס ער האָט מיט זיך גע־האַט, האָט מען פאַרשיקט אין אַ טויטן־לאַגער. אים אַליין האָט זיך ווי דורך אַ נס איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון תפיסה. אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט אין אונגאַרן אויף אַ פּוילישן פּאַספּאָרט.

די נאַציס זענען אָבער אויך אַריינגעדרונגען קיין אונגאַרן. איז הרב וויינבער־גער געלאָפן צו דער רומעניש שער גרענעץ. דאָרט איז ער געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער פון פּאַליאַקן, וואָס האָט זיך געפונען אין אוהעל.

די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דעם לאַגער און זענען געזעסן צוזאַמען מיט די פּאַליאַקן, האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די דאָזיקע חברהלייט פּונקט אַזוי

פיל צרות ווי פון די נאַציס. די פּאָליאַקן אַליין האָבן געשלאָגן די יידן און זיי געמסרט פאַר די נאַצישע אָנפירער, אַז זיי זענען יידן. האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן און זיי אַלע אַריינגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן צו שיקן קיין אַשוויענטשים צום פאַרברענען. דאָס איז געווען אין יולי 1944. אין דעם פאַרמאַכטן וואַגאָן זענען געווען עטלעכע און זעכציק יידן. אין מיטן דער נאַכט, ווען דער צוג איז שנעל געלאָפן איבער סלאָוואַקיע קיין אַשוויענטשים, האָבן די יידן אויפגעריסן דעם וואַגאָן, זענען אַראָפּגעשפּרונגען און זיך צעלאָפן אין די וועלדער, וואָס געפינען זיך ביי הומאַנאַ.

הרב וויינבערגער מיט נאָך זעקס יידן זענען אַוועק אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג האַרט לעבן דער שטאָט הומאַנאַ. דאָרט, אין וואַלד, האָבן זיי זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ צוויי מעת־לעת אָן עסן און אָן וואַסער, דאָס חיות איז זיי ממש אויסגעגאַנגען. פּלוצלונג האָבן זיי דערזען אַ וואַלד־אויפזעער. באין ברירה האָט הרב וויינבערגער אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צו דעם וואַלד־אויפזעער און אים געפרעגט, צי ער וואָלט אים געקאָנט ווייזן דעם וועג אין שטאָט אַריין. דער וואַלד־אויפזעער האָט אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט צו דעם רב, זיי האָבן זיך צע־שמועסט, און דער וואַלד־אויפזעער, טיבאָר איז זיין נאָמען, האָט פּשוט דערהאַלטן ביים לעבן די זעקס יידן. ער האָט זיי געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די יידן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין הומאַנאַ. מיט מסירת־נפש זענען די יידן פון הומאַנאַ אַרויס אין די וועלדער און באַזאָרגט זייערע ברידער מיט עסן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן פאַר דעם רב וויינבערגער און די אַלע אַנדערע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. מען האָט זיך געלערנט מאַכן בונקערס און לעבן אַ פּאַרטיזאַנער־לעבן.

אין צווישן האָבן די יידן אין וואַלד זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער קהילה אין מילקאָש, וואָס האָט נאָך אין יענער צייט פונקציאָנירט, און דער מילקאָשער רב ר׳ מאיר גרינבערג, האָט געשיקט אַ ספּעציעלן אויטאָמאָביל אין וואַלד אַריין צו ברענגען זיי קיין מילקאָש.

מיט דער צייט זענען אָנגעקומען רוסישע פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט פּאַראַשוטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו טעראָריזירן די נאַציס. זיי האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט מילקאָש. צוויי וואָכן איז די שטאָט געווען אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן פאַר דער צייט אויסגעהרגעט אַלע נאַציס און סלאָוואַקישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מילקאָש. די יידן האָבן זיך געפילט פריי. אָבער נאָך צוויי וואָכן זענען די נאַציס צוריקגעקומען און די פּאַר־טיזאַנער זענען אַוועק אין די דערפער. די יידן זענען מיטגעגאַנגען מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער. פון די דערפער איז מען אַריבער אין די וועלדער. הרב וויינבערגער איז געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־מחנה.

אין אולאַנאָווער וואַלד האָבן זיך געפונען 150 יידישע פּאַרטיזאַנער. דער אָנפי־רער פון דער גרופּע איז געווען אַ פרומער ייד פון קראָקע, מרדכי קוזשמער. די יידן האָבן געבויט באַריקאַדן, בונקערס, געמאַכט איבערפאַלן אויף די נאַציס, אויפגעריסן

באַנען, בריקן, דאָס זעלבע האָבן געטאָן די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין אַנדערן טייל פון וואַלד, אין לאַזורסקאַ וואַלד. דאָרט האָבן זיך געפונען אַן ערך 300 יידן. ווען עס זענען געקומען די ימים-נוראים, האָט מען געמאַכט אַ מנין אין וואַלד. אין די וועלדער האָבן זיך געפונען יידן פון אונגאַרן, סלאָוואַקיע, פוילן. זיי האָבן מיטגעבראַכט אין די וועלדער אַ ספר-תורה און אַפילו אַ שופר.

נאָך סוכות האָבן די נאַציס אַרומגערינגלט אַלע וועלדער, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ טויזנט פאַרטיזאַנער. צוויי וואָכן זענען זיי געווען אַרומגערינגלט פון די נאַציס. דער באַפעל פון דעם פאַרטיזאַנער-קאָמאַנדיר איז געווען: זיך דורכ-צורייסן דורך דער נאַצישער אַרומרינגלונג און אַנטלויפן אין אַן אַנדער וואַלד.

הרב וויינבערגער מיט אַ 20 יידן און 4 רוסן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם נאַצישן פראָנט און זענען אַריין אין יאַדלאָוויצער וואַלד, וווּ עס האָבן זיך געפונען יידן-פאַרטיזאַנער פון פריער. זיי האָבן געלעבט אין צוויי בונקערס. אין איין בונקער האָבן געלעבט 35 יידן, אין צווייטן — 23. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַכט קליינע קינדער. הרב וויינבערגער איז געווען דער אויפזעער איבער די צוויי יידישע בונקערס.

אַזוי האָט מען געלעבט אַ פיר מאָנאַטן אין וואַלד. מען האָט אויפגעריסן בריקן — די יידן האָבן אויפגעריסן אַ בריק אין דעם דאָרף פאַרובאַ. עס זענען צוגעקומען אַנדערע יידן פון אַ דערנעבנדיקן וואַלד, וווּ אַ בונקער איז אויפגעריסן געוואָרן פון די נאַציס. דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער סאָוויעטישער פראָנט. אַכט טעג האָבן זיך די יידישע פאַרטיזאַנער געפונען אין פייער צווישן דעם רוסישן און נאַצישן פראָנט. די יידן האָבן אין אַ פינצטערער נאַכט דורכגעשוואַרצט דעם פראָנט און אַריבער צו דער רויטער אַרמיי. זיי זענען אַריין אין אַ טשעכישער בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון כמעט בלויז יידן. (גבית-עדות פון הרב אַלטער וויינבערגער צו מנשה אונגער, „טאָג", 25סטן נאָוועמבער 1946).

רעליגיעזע מנהיגים אין אוישוויץ

סוף 1940 האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים די קראָקעווער רבנים ר' שמואל קאָרניצער, ר' שבתילע ראַפּאָפּאָרט, די יודענראַטלער שמואלקע מאיר און ד"ר לייכטער, דעם עסקן מאיר פרידריך, ווייל זיי זענען געגאַנגען בעטן דעם קראָקעווער בישאָף אַדאַם סאַפּיעהאַ, ער זאָל זיך באַמיִען אָפּווענדן די גירוש-גזירה פון די קראָקעווער יידן. אַלע זענען זיי אין אָשוויענטשים געשטאָרבן.

פּאַר מאַכן אַ מנין אין בית-המדרש האָבן די דייטשן אָוועקגעשיקט קיין אָשוויענטשים זיבן יידן פון קזשעשאָוויץ (לעבן קראָקע), צווישן זיי דעם יודענ-ראַטלער פילער.

די דייטשן פלעגן איינאָרדענען גאַסן־כאַפּערייען אויף יידישע רעליגיעזע יונ־געלייט און אָן אַ פּאַרוואָס, סתּם אַזוי, אַוועקשיקן זיי קיין אָשוויענטשים. אויף אַזאַ אופן האָט מען, למשל, אין אַ גאַסן־כאַפּעריי אין טאַרנע אַוועקגענומען קיין אָשוויענ־טשים דעם חתן פון סאַדאַגורער רבין ר׳ הערשקע וואָלף פּאַרנאַס (דעם 12טן סעפּטעמבער 1940).

דעם באַאַמטן פון דעם קראָקעווען יודענראַט אהרן מאַרקוס, אַן אייניקל פון ר׳ אהרון מאַרקוס, בעל „החסידות״, האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים, ווייל ער האָט געהאָלפן בשעת דער גירוש־גזירה אין קראָקע, געבנדיק רייזע־אויסווייזן פון יודענראַט. ער איז אומגעקומען אין אָשוויענטשים.

דעם פּרעזעס פון יודענראַט אין סאַנדעץ, האָט מען סוף 1940 יאָר אַרעסטירט צוליב אַ סיכסוך מיט דער געסטאַפּאָ און אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ. דאָרט האָט מען אים שרעקלעך געפּייניקט, אַריינגעלייגט אין אַ וואַנע מיט זידנדיק וואַסער, ביז ער איז פאַר וויטיק געשטאָרבן. (ד״ר פיליפּ פרידמאַן: „אָשוויענטשים״, 1950, ז״ז 204 — 205).

ווידערשטאַנד פון פרומע יידן

אין גריידעק (מזרח־גאַליציע) האָט מען געפירט טראַנספּאָרטן יידן צו אַן אומבאַשטימטן טויט. די נאַציס האָבן געצוווּנגען דעם בלאַזשעווער רבין ר׳ ישׂראל שאַפּיראָ, ער זאָל באַגלייטן די יידן צו דער באַן.

איז געשען, אַז אין איין טאָג האָט דער רבי באַגלייט זיבן און צוואַנציק יידן, וועמען מען האָט גלייך אַריינגעזעצט אין צוג און זיי פאַרזיגלט. אין אַ שעה אַרום האָבן די נאַציס געצוווּנגען דעם רבין צו באַגלייטן נאָך זיבן און צוואַנציק יידן. אָבער דער נאַצישער פירער, וואָס האָט געפירט די יידן צום טויט, האָט אַרויסגע־נומען זיין זייגער און געזאָגט, אַז די צווייטע פּאַרטיע יידן האָט פאַרשפּעטיקט; ער וויל זיך מער נישט באַמיִען צו עפענען די טירן פון צוג.

די פאַרבליבענע יידן האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דערווייל געראַטעוועט ווערן. די נאַצי־פירער פון גריידעק האָבן אָבער געזאָגט, אַז צוריק וועלן די יידן נישט גיין; זיי זענען באַשטימט געוואָרן צו שטאַרבן. די נאַצישע בעסטיעס האָבן נישט וווייט פון דער באַן־סטאַנציע געפונען אַ ליידיק אָרט, און זיי האָבן גענומען צווינגען די יידן צו גראָבן זייערע אייגענע גריבער.

דער רבי איז צוגעגאַנגען צום נאַצי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל און זיך ביי אים גענומען בעטן מען זאָל אים אויך דערלויבן צו גראָבן פאַר זיך אַ גרוב. דער נאַצישער אויסוואָרף האָט דערויף געענטפערט דעם רבין: „עס איז באַשטימט געוואָרן דיך אומצובריענגען ערשט אין פערצן טעג אַרום״. די זיבן און צוואַנציק קדושים זענען באַשטאַנען פון זעכצן מענער, צווישן זיי דער קרילאָווער רב, פינף פרויען און זעקס קינדער.

ווען דער קרילאָווער רב איז שוין געשטאַנען האַלב אין גרוב, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעגראָבן, האָט ער געגומען רופן דעם רבין. ווען דער רבי איז צוגע־קומען, האָט דער רב צו אים געזאָגט: „היינט איז אַזאַ הייליקער טאָג און איך האָב נאָך נישט געדאַוונט. ברענג מיר דעם טלית־און־תפילין, ווייל איך וויל דאַווענען". דער רבי האָט איבערגעגעבן דעם רבס פאַרלאַנג דעם נאַצי־אָנפירער און יענער האָט מיט אַ סאַדיסטיש שמייכל באַוויליקט דעם פאַרלאַנג.

דער רבי איז אַהיימגעגאַנגען און געבראַכט דעם קרילאָווער רב זיין, דעם רבינס, טלית־און־תפילין. דער רב האָט זיך אָנגעטאָן דעם טלית־און־תפילין, און שטייענדיק האַלב אין גרוב, האָט ער גענומען דאַווענען מיט דער גרעסטער התלה־בות. דער נאַצי־אָנפירער איז צו אים צוגעגאַנגען און אויף אים גענומען שרייען: „וואָס פלאַפלסטו?!" דער רב האָט אים איבערגעשריגן: „איך פלאַפל נישט. איך בעט צו אונדזער גרויסן גאָט אין הימל, ער זאָל זיך נוקם זיין פאַר דעם יידישן בלוט, וואָס איר פאַרגיסט. ער וועט זיך נוקם זיין! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל. ער וועט זיך אין אייך נוקם זיין, איר מערדער, איר רוצחים!" דער נאַצי האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער, אויסגעשאָסן, און געטראָפן דעם קרילאָווער רב אין קאָפּ.

די נאַציס האָבן דאַן געהייסן אַלעמען זיך אויסטאָן נאַקעט, איידער זיי וועלן דערשאָסן. די פרויען האָבן אָפּגעזאָגט זיך אויסצוטאָן.

די נאַציס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויסצוטאָן די פרויען מיט גוואַלד. די יידישע פרויען האָבן אָבער זיך אַנטקעגנגעשטעלט. זיי האָבן זיך געריסן פון די רוצחישע הענט, און זיי האָבן אויסגעפּירט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אין די קליידער.

איינעם פון די יידן, וואָס איז געשטאַנען אין זיין גרוב, האָבן די נאַציס געטראָפן מיט דער קויל אין פוס. ער איז, אַ פאַרוווּנדעטער, געבליבן לעבן, און ער האָט זיך גענומען בעטן ביי די נאַציס, זיי זאָלן זיך אויף אים מרחם זיין און אים שענקען נאָך אַ קויל, ער זאָל פאַלן טויט. דער נאַצי־אָנפירער האָט אָבער געענט־פערט: „אַ שאָד נאָך אַ קויל. וועסט אַזוי אויך נישט לאַנג אויסהאַלטן".

דער פאַרוווּנדעטער ייד האָט צוגערופן דעם רבין און אים געזאָגט: „רבי, איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט. איך האָב גענומען מיינע צוויי קינדער און איך האָב זיי אַוועקגעגעבן צו אַ קריסט, זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. איך וויל נישט זיי זאָלן בלייבן גוים. נעם צוריק מיינע קינדער".

און ער האָט געגעבן דעם רבין דעם אַדרעס ווו זיינע קינדער געפינען זיך.

שפּעטער האָט מען דעם רבין פאַרמשפּט צו דערשיסן. צוזאַמען מיט אים האָט מען אויך פאַרמשפּט דעם קאַלאָמייער דאָקטאָר, גאָלדבלום. דער דאָזיקער דאָקטאָר, וואָס האָט גראָד אויסגעזען ווי אַ פריידענקער, האָט עטלעכע מינוט פאַרן ווערן דערשאָסן, זיך אָנגערופן צו די נאַצישע ווערכטער, וואָס האָבן אים געהיטן: „הערט זיך איין, איר מערדער, איר אויסוואורפן, ווען איר זאָלט מיר איצט צוזאָגן, אַז איר וועט מיך באַגנעדיקן, אַז איר וועט מיר שענקען דאָס לעבן און מיך גליקלעך מאַכן מיטן באַדינג איך זאָל בייטן מיין גלויבן, איך זאָל ווערן

אַן אַריער, וואָלט איך אייך אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים. ווייל איר זענט מערדער, ווייל איר זענט די נידערטרעכטיקסטע חיות, און מיר זענען יידן״.

דער רבי האָט אויך דערציילט וועגן דער פרומער העלדישקייט פון אַ יידישער פרוי, ביי וועמען די נאַציס האָבן אַרויסגעריסן איר דריי־יאָריק קינד פון די הענט אויף צו דערשיסן עס. די פרוי האָט געזאָגט צו די נאַציס: „חנה האָט אַוועקגעגעבן אירע זיבן קינדער און זי נישט געלאָזט בייטן זייער גלויבן, און איר, די היינטיקע רשעים, נעמט ביי מיר אַוועק מיין קינד. מיר זענען יידן און איר זענט דאָס אָפּפאַל פון דער ערד״.

און זי האָט זיך געזעגנט מיט איר קינד, צו דעם געשמייכלט און עס געשיקט לופטקושן. דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו וויינען און, אין די רוצחישע הענט, גענומען שמייכלען צו דער מאַמען. (דערציילט פון בלאָזשעווער רבין אין אַן אינטערוויו מיט מ. דוכאָווני, „מאָרגן זשורנאַל״, 13טן פעברואַר 1946).

יידישער „עלטסטער״ איז זיך מקריב און גיט נישט איבער צו די דייטשן קיין רשימה פון יידן

יהושע פישלזאָן פון טאָמאַשאָוו איז געווען אַ דורכשניטלעכער פאָלקסמענטש. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען טאָמאַשאָוו איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן, און שפּעטער דורך עסטרייך, איז ער געוואָרן באַשטימט אַלס בירגער־מייסטער און ער האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער דייטשער מאַכט.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן געשאַפן דעם יודענ־ראַט, האָבן זיי פישלזאָנען באַשטימט אַלס „יודענעלטסטער״. יהושע פישלזאָן האָט ווירקלעך פלייסיק געאַרבעט אויף זיין אַמט, געשיקט אויף אַרבעט, אויסגעטיילט הילף פאַר אָרעמע און אַזוי ווייטער, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסזידלען קיין בעלזשעץ, וואָס האָט מכלומרשט געהייסן, אַז מען פאָרט אויף אַרבעט. יהושע פישלזאָן האָט באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דעם דייטש פאַנצער, דער געסטאַפּאָ־שעף, ער זאָל אים ביז מאָרגן 12 אַזייגער צושטעלן די ענדגילטיקע רשימה, וועמען אַוועקצושיקן.

צו דער באַשטימטער צייט איז יהושע פישלזאָן געקומען, נאָר אָן אַ רשימה, פרעגט אים דער געסטאַפּאָ־שעף ווו ער האָט די צוגעגרייטע ליסטע, ווייל ווי דער דייטש האָט אים געקענט, איז ער געווען זייער אַ פּינקטלעכער מענטש.

זאָגט פישלזאָן צום דייטש: „איך האָב אָנגענומען דעם אַמט אַלס יודענעלטסטער אום צו האַלטן אָרדענונג און נאָכקומען אַלע דייטשע פאָדערונגען. אָבער צו פאַר־ראַטן מיינע ברידער און זיי איבערפירן צום טויט, דערלויבט מיר נישט מיין געוויסן. איך גיב מיר אָפּ רעכענונג, אַז איך בין פולשטענדיק אין אייערע הענט, איר קענט מאַכן מיט מיר וואָס איר ווילט, אָבער מיינע הענט וועל איך מיט קיין בלוט נישט פאַרפלעקן!״

דער דייטש האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אים אויפן אָרט דערשאָסן. (שלום ליכט: „דער טרויעריקער סוף פונעם 500־יאָריקן יידישן ישוב אין טאָמאַ־שאָוו", „טאָמאַשאָווער יזכור־בוך", ניו־יאָרק 1965, ז"ז 772 — 773).

קיין איין אָרטאָדאָקסישער ייד אין דער יידישער פּאָליציי אינעם וואַרשעווער געטאָ

ס'דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין דער גאַנצער פּאָליציי איז נישט געווען קיין איינציקער אָרטאָדאָקסישער ייד; קיין איינציקער נישט! נישט פון דער אגודה, נישט פונעם מזרחי, און נישט קיין סתם רעליגיעזער ייד. די דאָזיקע האָבן זיך נישט געוואָלט ראַטעווען אויף יענעמס קאָסטן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דעם „מאי חזית דדמך דידך סומק טפי?".

ס'דאַרף אויך פעסטגעשטעלט ווערן, אַז כ'האָב אין דער וואַרשעווער יידישער פּאָליציי נישט באַגעגנט קיין איין באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן.

דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פאַל אין די לאַגערס. צווישן די אַלע „אויפ־זעערס", „קאַפּאָס" אד"גל, יידישע מושלים און שוטרים, איז נישט געווען קיין רעליגיעזער ייד, דאָס שטעלן פעסט אַלע, וואָס זענען געווען אין די לאַגערן. (ד"ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1947, ז' 153).

מסירת הנפש פון שאַוולער יודענראַט

זיבן און צוואַנציק יידן האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט פון יודענראַט, און פונקט אַזוי פיל זענען געזעסן אינעם קליינעם צימערל פון יודענראַט.

„זאָל מען נעמען די אַלטע, שוואַכע און קראַנקע", האָט איינער זיך אָנגערופן.

אהרן זאַגורניק האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— דער רמב"ם פּסקנט:

אויב די גויים זאָגן: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך, און אויב נישט וועלן מיר אייך אַלעמען דערהרגענען — דאַרפן אַלע זיך לאָזן אומברענגען און נישט איבערגעבן צום טויט אַן אומשולדיק יידיש נפש. דאָס איז דער פּסק הלכה. דאָס איז די באַשטימונג פון אונדזער קאָדעקס. און אַזוי מוזן מיר זיך פירן. זאָלן זיי נעמען וועמען עס געפעלט זיי, מיר גיבן נישט! מיר גיבן נישט אַרויס קיין איין ייד צום מולך. זאָלן זיי נעמען, די רשעים, אַלעמען, אַלעמען וועמען זיי ווילן נאָר, מיר אַלע זענען גרייט צו ווערן קרבן.

אין קליינעם שטיבל פון יודענראַט איז שטיל געווען... דאָקטאָר דירעקטאָ־ראָוויטש, דער געוועזענער פּאָלקיסט, האָט גענומען אַ פעדער און אויפגעשריבן אין דייטש:

מיר, די אונטערגעשריבענע, שטייען גרייט, אויב עס מוז אַזוי זיין, און אויב גאָט פאַרלאַנגט עס, נאָכצוגעבן די פאָדערונג פון בלוט־אָפּפער.

ער האָט אויסלינירט אַ רובריק, אַריינגעשריבן זיבן און צוואַנציק נומערן און אונטערגעחתמעט דער ערשטער: דאָקטאָר מאיר דירעקטאָראָוויטש.

דער אַלטער העלער האָט עס מער נישט אויסגעהאַלטן — זיין פּנים איז ווייס געוואָרן, ווי די ווייסע האָר אויף זיין קאָפּ — ער האָט געחלשט.

באַגינען, אַז די אַרבעטס־קאָלאָנעס האָבן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט זיך ביים טויער געשטעלט אַ נייע קאָלאָנע — זיבן און צוואַנציק מאַן. יידן האָבן שטיל זיך איבערגעשושקעט: עס מוז זיין אַ גוטער אַרבעטס־פּלאַץ — זעט נאָר, ווער עס גייט דאָ אַרבעטן.

מענדל לייבאָוויטש איז געשטאַנען דער ערשטער, מיטן פּאַפּיר אין האַנט. דער אַרבעטס־איינזאַץ־לייטער האָט אויסגערופן די נעמען, ווי צו יעדער אַרבעטס־קאָלאָנע. אַלץ האָט געשטימט, אַלע זענען גרייט געווען. פּונקט ווי אין געביטס־קאָמיסאַריאַט זענען אויסגעאיילט און גרייט געווען די מאַשין־געווער אויף פּונקט צוועלף ביי טאָג. (לוי שאַליט: „אַזוי זענען מיר געשטאָרבן״, מינכען 1949, ז״ז 135 — 136).

פראָקלאַמירט אין וואַלד אַ יידישע מלוכה

אין דעם טאָגבוך פון דעם חסידישן ייד ר׳ שלמה שמידט פון שטעטל פּריס־טיק, מערב־גאַליציע, געפינט זיך אַ פאַרצייכענונג, ווי אַזוי יידן האָבן „פּראָקלאַ־מירט״ אַ יידישע מלוכה אין אַ וואַלד נעבן פּריסטיק, דעם 14טן נאָוועמבער 1939.

שלמה שמידט איז געווען איינער פון די ראשי־הקהל אין פּריסטיק. פון זיין טאָגבוך זעען מיר, אַז ער האָט געהערט צו דער מזרחי־פּאַרטיי.

אין זיין טאָגבוך פאַרצייכנט ער פאַקטן פון טאָג, ווען דאָס דייטשע מיליטער איז אַריין קיין פּריסטיק, און עס ענדיקט זיך, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַ־פרייט די געגנט. די לעצטע קאַפּיטלען פון טאָגבוך זענען שוין געשריבן געוואָרן אין אַ בונקער און אַ חזיר־שטאַל ביי אַ גוי.

דער טאָגבוך הייבט זיך אָן דעם 10טן סעפּטעמבער 1939.

„שטייענדיק אויפן גאַנעק, דערזע איך, ווי דאָס דייטשע מיליטער מאַר־שירט דורך דער שטאָט און אַ גרויסע טייל פון זיי טרעט אַרויס פון די רייען. זיי רייסן אויף די יידישע געשעפטן און רויבן וואָס עס קומט זיי אונטער דער האַנט. דאָס, וואָס זיי קאָנען נישט מיטנעמען, גיבן זיי דער פּוילישער באַפעל־קערונג, וואָס גייט מיט זיי מיט״.

ה׳ שמידט פאַרצייכנט מיט אַ דריי טעג שפּעטער, דעם 13טן סעפּטעמבער 1939: „די גאַנצע שטאָט יידן, ווי אויך פרויען, שטייען אויף פינף פאַר טאָג צו סליחות ווי אַלע יאָר, מ׳זאָגט סליחות אויף אַ הויך קול״...

יידן דיסקוטירן, צי מען זאָל ראש־השנה גיין אין די שטריימלעך צום דאַוונען. חסידים זאָגן, אַז מ׳זאָל יאָ גיין אין די שטריימלעך.

דעם 19טן סעפּטעמבער פאַרצייכנט שלמה שמידט, אַז „יידן גייען רו׳ק צום דאַוונען אין די שטריימלעך. מען זעט כמעט קיין דייטש נישט פאַר די אויגן. איך נעם מיט דאָס שטריימל און טו עס אָן ביים דאַוונען״...

אָבער אין מיטן דאַוונען שחרית זענען אָנגעקומען אויטאָס מיט דייטש מיליטער. עס שפּרינגען אַראָפּ דייטשע זעלנער „מיט טויטע־קעפּ־צייכנס אויף די היטלען״...

יידן אַנטלויפן. אַן עסעס־מאַן דערזעט אין דער גאַס דעם ייד יחזקאל סאַנדער, באַפאַלט ער אים און שלאָגט אים מכות רצח, ביז ער פאַלט אַנידער. דער עסעס־מאַן טרעט אים מיט די פיס...

שלמה שמידטן איז געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד. „מיר זעען, ווי פון אַלע זייטן לויפן יידן. די עסעס־לייט האָבן דערזען, ווי מיר אַנטלויפן, האָבן זיי אויף אונדז געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי, אָבער קיינעם נישט געטראָפן״...

„ס׳קומט צו לויפן מיין שוואָגער הערשל ווייץ און ער דערציילט, אַז די עסעס־לייט זענען אַריין אין בית־המדרש און זיי האָבן געשאָסן אויף די יידן. ער איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער״...

אַזוי זענען יידן געלעגן אין וואַלד פון 10 אין דער פרי ביז 3 נאָך מיטאָג. ווען די יידן האָבן זיך דערוווּסט, אַז די עסעס־לייט זענען שוין אַוועקגעפאָרן, זענען זיי צוריקגעקומען אין שטעטל. אָט דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך־הבא פון די דייטשן אין פריסטיק.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. די דייטשן האָבן באַפוילן די יידן פודערבייטל, מאַלץ, צאַנגער און שלעזינגער, זיי זאָלן אַרויסטראָגן פון בית־המדרש אַלע ספרים, אַרום אַ זעקס טויזנט ספרים, די ספר־תורהס, טליתים, שטריימלעך, געהייסן מאַכן אַ פייער און אַלץ פאַרברענט. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אין דער שול. אַלע יידן האָבן זיי אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, געהייסן זיי האַלטן די הענט אין דער הייך, געמאַכט מיט זיי פאַרשידענע איבונגען, זיי געפּייניקט אַן ערך פון צוויי שעה.

דעם 21סטן סעפּטעמבער פאַרצייכנט שמידט אין זיין טאָגבוך:

היינט האָב איך מיר אָנגעטאָן דעם אַרעמבאַנד מיטן מגן־דוד. זייענדיק ביים רבֿ און טרעפנדיק דאָרט חסידים, האָב איך זיי געזאָגט מיט כעס, אַז מיט דער גזירה צו טראָגן די אַרעמבענדער מיטן מגן־דוד האָט אונדז גאָט געשטראָפט דערפאַר, ווייל איר, חסידים, האָט אַראָפּגעריסן פון די פּרוכתן און פון די תפילין־זעקעלעך די מגן־דודס. מוזט איר היינט טראָגן דעם מגן־דוד אויף דער רעכטער האַנט, אַז איר זאָלט אים כסדר זען און נישט פאַרגעסן ארץ־ישׂראל...

דעם 14טן נאָוועמבער 1939 שרייבט שלמה שמידט: ניין אַזייגער אין דער פרי אַרויסקומענדיק פון מיין וווינונג, זע איך אָנקומען עטלעכע לאַסטאויטאָס, פון וועלכע עס שפּרינגט אַרויס דייטש מיליטער. זיי צעלויפן זיך ווי ווילדע חיות. ווו זיי דערזעען אַ ייד, כאַפּן זיי אים אַרויף אויפן אויטאָ. ביים אויפשטייגן שטייען צוויי דייטשן און שלאָגן יעדן ייד...

די דייטשן צעלאָזן זיך איבער אַלע יידישע הייזער. כ׳בין געלאָפן פון מיין הויז דורכן בית־החיים גלייך אין וואַלד אַריין.

אין וואַלד טרעף איך שוין אַ דרייסיק יידן באַהאַלטן. כ׳האָב זיך אויך אַנידערגעזעצט. מיר הייבן אָן פירן אַ דיסקוסיע וועגן „והיה באחרית הימים״...

אַ טייל זענען, טראָץ אַלע צרות, גאַנץ אָפּטימיסטיש. וואָרעם דאָס וואָס מיר, יידן, מאַכן היינט אַדורך אַזוי פיל צרות, דאָס איז עקבתא דמשיחא... נאָך דער מלחמה, ווען די וועלט וועט זיך איבערצייגן, וואָס פאַר אַ חורבן דער אַנטי־סעמיטיזם און ראַסן־האָס האָט געבראַכט און וועט נאָך ברענגען פאַר דער גאַנצער וועלט, וועט שוין מער קיין מלחמות נישט זיין און מיר, יידן, וואָס ליידן צום מייסטן, וועלן באַקומען פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט און צרות ארץ־ישׂראל מיטן עבר־הירדן... טייל, ווידער, טענהן, אַז יידן זענען געלעגן אין דר׳ערד און וועלן ווייטער ליגן אין דר׳ערד. טייל, ווידער, זאָגן, אַז ווען נישט אונדזערע ליבע שכנים, די פּאָליאַקן, וואָלטן אונדז די דייטשן אויך נישט אַזוי געפּייניקט. ביז צום קריג האָבן מיר געהאַט די אַנטצינדונג אויף איין לונג און היינט האָבן מיר אָן אַנטצינדונג אויףביידע לונגען. פון אַזאַ קרענק איז שווער אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער.

מיר דיסקוטירן, וואָס מיר וועלן טאָן מיט די דייטשן נאָך דער מלחמה, ווען היטלער וועט האָבן די מפּלה.

אַ טייל זאָגן, אַז ווען מיר וועלן האָבן אַ יידישע מלוכה, וועלן די דייטשן מוזן פאַר אונדז אָפּאַרבעטן פאַר די רציחות און רויב. אַנדערע האַלטן, אַז די יידישע מלוכה וועט דאַרפן קאָנפיסקירן דאָס געלט, וואָס וועט בלייבן אין די דייטשע בענק, ווייל זיי האָבן עס צוגערויבט ביי יידן, און די דייטשן זאָלן אַרבעטן אויף די וועגן און בויען הייזער פאַר יידן אין דעם יידישן היימלאַנד.

עס הייבט זיך אָן אַ דיסקוסיע, ווי גרויס די יידישע מלוכה זאָל זיין: צי מיר זאָלן פּראָקלאַמירן אַ מלוכה אויף ביידע זייטן ירדן, צי בלויז אויף דעם שטח, וואָס געהער צום ענגלישן מאַנדאַט.

די ציוניסטן זענען דערפאַר, אַז מיר זאָלן פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה בלויז אויף דעם שטח, וואָס געהער איצט צו ענגלאַנד, און עבר־הירדן זאָלן מיר איבערלאָזן פאַרן אַראַבישן הערשער אַבדאַלאַ; די רעוויזיאָניסטן און די „מזרחי״ האַלטן, אַז מיר זאָלן פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה אויף ביידע זייטן ירדן.

אין וואַלד דערהערן זיך אָפּקלאַנגען פון שיסערייען, דאָס בלוט ווערט אין אונדז געזעצט פאַר שרעק.

אַזוי ווי צווישן די פאַרזאַמלטע איז געווען אַ מערהייט פון „מזרחי״ און רעווי־

זיאָניסטן, האָבן מיר פּראָקלאַמירט אַ יידישע מלוכה פון ארץ־ישראל מיט עבר־הירדן.

מיר האָבן געוואָלט לכבוד דעם פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה אויפהייבן אַ בלוי־ווייסע פאָן, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט אַזאַ פאָן מיט זיך. איינער אַ ייד האָט געטראָגן אַ וואָלענעם טלית־קטן מיט שוואַרצע פּאַסן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בלוי. האָבן מיר באין ברירה באַשלאָסן, אַז מיר וועלן אויפהענגען דעם טלית־קטן אַנשטאָט דער יידישער בלוי־ווייסער פאָן.

מיר האָבן דערנאָך שטיל געוואונטשן איינער דעם צווייטן, „לשנה הבא בירושלים" און געזונגען די „התקוה".

צום אָנדענק פון אונדזער פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה, האָבן מיר אויסגעשניטן אין אַ בוים אַ מגן־דוד מיט דער דאַטע פון אונדזער געהיימער פּאַרזאַמלונג און דערביי אויסגעקריצט: „היינט, דעם 14טן נאָוועמבער 1939, האָבן מיר איינשטימיק פּראָקלאַמירט דעם יידישן שטאַט אויףביידע זייטן ירדן". (שלמה שמידט: „טאָגבוך", אין כתב־יד, אין מיין רשות, איבערגעגעבן פון זיין טאָכטער חיה שמידט־ראַפּאָפּאָרט).

פאַר זייער אומקום שרייבן יידן אויף: „על קידוש השם"

ד"ר אשר־אלכסנדר העלער דערציילט:

די צוויי הונדערט און פופציק הרוגים אין ריישע האָט מען קובר געווען ביי דער וואַנט פון בית־הקברות. עס איז אָנגעקומען דער קאָמיסאַר פון דער געסטאַפּאָ, כדי צו קאָנטראָלירן, צי אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן, און ער האָט דערזען אויפגעשריבן אויף דער וואַנט: „על קידוש השם". ער האָט געפרעגט לוסטמאַנען פון דער „חברה קדישא", וואָס די אויפשריפט באַדייט. לוסטמאַן האָט אים געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט.

דער קאָמיסאַר האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אים דערשאָסן. זיין גוף האָט ער אַריינגעשטופּט אין דעם בשותפותדיקן אָפענעם קבר.

צווישן די צוויי הונדערט און פופציק הרוגים איז געווען דער דיין ר' יוסף רייך, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער רויטער יאָסל".

די איינוווינער פון מושב זקנים האָט מען נישט געבראַכט צו דער באַן (דאָס איז געווען בעת דעם גירוש אין יולי 1942). זיי זענען געקומען אָן פעקלעך, נאָר אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, זיי זענען געשיקט געוואָרן גלייך קיין גלאָבאָוו, און דאָרט זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן (ד"ר אשר־אלכסנדר העלער: „שואת קהילת רישא", אינעם בוך „קהילת רישא", תל־אביב 1967, ז' 300).

יידן זאָגן קדיש נאָך זיך אַליין

...צווישן דער ערשטער גרופּע דעפּאָרטירטע האָט זיך געפונען דער שידלאָווער רב, ר' חיים ראַבינאָוויץ, אַן אייניקל פון יוד הקדוש, מיט די דריי דיינים, ביי וועלכע עס האָבן זיך געקלאָמערט די חסידישע פּני פון שטאָט. כאָטש זיי האָבן שוין 3־4 טעג נישט געהאַט געגעסן און אַפילו קיין טראָפּן וואַסער אין מויל נישט געהאַט, האָבן זיי דאָך געטרייסט איינער דעם אַנדערן: „אומברענגען קענען זיי נאָר אונדזער גוף, אָבער נישט די נשמה. עם ישׂראל חי".

דער צוג איז געווען אַרומגענומען מיט שטעכיקן דראָט און פאַרפּלאָמבירט פון אויסנווייניק. פון איינעם פון די 50 לאַסט־וואַגאָנען האָט זיך דערהערט אַ דערשטיקט קול. דאָס האָט דער רב געהאַלטן זיין לעצטן דרוש אויף דער וועלט: „יידן, האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט! שטאַרבן אויף קידוש־השם איז אַ גרויסע זכיה!" אין אַ צווייטן וואַגאָן האָט דער באַקאַנטער נדבן און עסקן, ר' יצחק שטיינמאַן, אַרויסגענומען ליכט, זיי אָנגעצונדן און געזאָגט: „יידן! אַזוי ווי עס בלייבט נישט קיינער ווער עס זאָל נאָך אונדז קדיש זאָגן, לאָמיר טאָן אונדזער לעצטן חוב און זאָגן קדיש נאָך זיך אַליין!" אַלע זענען אויפגעשפּרונגען ווי איין מענטש, און מיט הייסע טרערן, מיט שטאָלץ און מיט גרויס כוונה געזאָגט: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא".

געווען איז אָבער אַ קליינע גרופּע מענטשן אין בל־ענדיקן עלטער, וועלכע האָבן באַשלאָסן נעמען נקמה פאַרן טויט פון זייערע ליבע און אונטער אַ האָגל פון קוילן זענען אַכצן מאַן אַנטלאָפן אין וואַלד. פינף זענען באַלד געפאַלן טויט. צו זיי זענען צוגעקומען נאָך 26. מיט זיי האָט זיך פאַרבונדן אברהם פינקעל, אַ זון פון ראַדאָשיצער רבין*). ער איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די לאַזיצקער וועלדער און מיט מאַשין־געווער און האַנט־גראַנאַטן זענען זיי אָנגעפאַלן אויף פאַרשידענע פּאָסטנס. אין די אַלע קאַמפן זענען געפאַלן 16 מאַן און די פאַרבליבענע האָבן ווייטער געפירט דעם פאַרביסענעם קאַמף מיט די דייטשע באַנדיטן און מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין אונדזער אומגליק. (פון אַ באַריכט, פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס", 11טן יולי 1946).

---

* וועגן אומקום פון ראַדאָשיצער רבין — זע אין בוך „ספר קדושים — רביים אויף קידוש־השם", פון מנשה אונגער, פאַרלאַג שולזינגער ברידער, ניו־יאָרק 1967, ז"ז 396—399.

אַ תפילה

...דער שטריק איז פאַרוואָרפן אויפן האַלדז. דער תליון איז גרויסמוטיק. ער האָט צייט. ער שפּילט זיך מיטן קרבן. ער טרינקט דערווייל אַ קופּל ביר, פאַר־רויכערט אַ ציגאַרעט, און שמייכלט אַ צופרידענער. לאָמיר אויסנוצן דעם מאָ־מענט, ווען דער הענקער איז מיט זיפן פאַרנומען, די תליה וועלן מיר אַלס שרייבטיש באַנוצן, און אויפצייכענען וואָס מיר האָבן צו זאָגן און דערציילן.

אַלזאָ, חברים, שרייבט, צייכנט קורץ און שאַרף, קורץ ווי די טעג, וואָס זענען אונדז געבליבן צום לעבן און שאַרף, ווי די מעסערס, וואָס ווערן אין אונדזערע הערצער געצילט. זאָלן בלייבן אַ פּאָר בלעטלעך פאַרן ייוואָ, פאַרן יידישן וויטאָג־אַרכיוו, זאָלן עס אונדזערע ביים לעבן געבליבענע, פרייע ברידער, לייענען, און אפשר ווען זיי דערפון אויך עפּעס לערנען.

און מיר בעטן ביים גורל:

יהי רצון מלפניך, אינו שומע קול בכיות, טו אונדז כאָטש דאָס — שתשים דמעותינו בנאדך להיות — באַהאַלט די בלעטלעך פון טרערן אינעם לאָגל פון זיין, זאָלן זיי קומען אין ריכטיקע הענט און געפינען זייער תיקון.

ק. ל. אוישוויץ, דעם 3טן יאַנואַר 1945. (סוף פון אַן אַריינפיר צום זאַמלבוך „אוישוויץ״, וואָס אַ גרופּע יונגע־לייט, וואָס זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט, האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן אַ קורצע צייט פאַר דער באַפרייונג. פאַרעפנטלעכט אין „ייוואָ־בלעטער״, פרילינג 1946, ז׳ 197).

די תפילה פון הלל צייטלין

הלל צייטלין איז דעפּאָרטירט געוואָרן ערב ראש־השנה פון תש״ב אויף תש״ג, דעם 11טן סעפּטעמבער, קיין טרעבלינקע. ער איז געגאַנגען צום טויט אין טלית־און־תפילין; מענטשן האָבן אים געהערט שעפּטשען פּסוקים און מאַמרים.

מיט פעסטע, זיכערע שריט האָט ער געשפּאַנט צווישן דער מחנה יידן.

איידער מען האָט אים „דעפּאָרטירט״, איז ער געזעסן אַ גאַנצן טאָג און עוסק געווען אין תורה און תפילה. אין אַ טאָג, ווען עס איז געווען אַ „פויזע״ אין דער „דעפּאָרטאַציע״, זענען עטלעכע יידישע שרייבער, צווישן זיי זיין זון אלחנן, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען פון הונגער, און זיין אייניקל דוד, געקומען צו הלל צייטלין מיט דער בקשה, ער זאָל אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער פאַר דער געהיימער אויסגאַבע, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראָט אין געטאָ האָט צוגעגרייט אַרויסצוגעבן.

ציטלין האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער זיין זון אלחנן און אייניקל דוד האָבן אים איבערצייגט, און ער האָט האַסטיק אָנגעשריבן אַ קליינעם רוף, פון וועלכן מיר וועלן איבערגעבן אייניקע זאַצן:

„שמע ישׂראל! שריי, ייד! שריי צו דיין גאָט, שריי צו דער וועלט, — צו גאָט, וואָס איז נאָענט, און איז דיינער, און צו דער וועלט, וואָס איז ווייט און פרעמד.

גאָט! קליין בין איך, און זינדיק בין איך, און נישט ראוי צו טאָן תפילה פאַר דיין הייליק פאָלק ישׂראל. אָבער איך קען מער נישט דערטראָגן זיין פיין.

זעסטו נישט, ווי דער טרעגער פון דיין תורה, די אָנזאָגער פון דיין זיין — פייניקן זיך אין איבערמענטשלעכע ווייטיקן?

זעסטו נישט, ווי אָפן עס איז פאַר אונדז דער אָפּגרונט פון פאַרטיליקונג — פאַרטיליקונג פון אַלץ, פון אַלע פאַרויסזאָגונגען און האָפענונגען?

מיר קענען מער נישט וואַרטן!

אויב נישט איצט — ווען־זשע דען?!...

אויב נישט איצט, היינט, שוין — ווען וועלטן קאַרטשען זיך אין ווייען, ווען דיין פאָלק שטייט וואַקלענדיק ביים ראַנד פון יאוש — ווען־זשע דען?

זענען נאָך ווייניק גאַנצע קהילות פאַרטיליקטע, אויסגעריסענע ביזן וואָרצל?

וועט צו דיר נישט דערגרייכן דאָס געשריי פון קינד, ווי אַ פאַרוווּנדעט פיי־געלע אַרויסגעוואָרפן פון דער וואַרעמער נעסט, פון ווילדע הינט געיאָגט?

שריי, ייד! שריי, ישׂראל!

שטייט אויף, הייליקע אבות אין חברון! רייסט אַלע הימלען, שטורעמט די טויערן פון רחמים! פאַלט פאַרן כסא הכבוד!

ממעמקים, פון טיפענישן, נידעריקער ווי דער שאול תחתיות, פון די טיפסטע אָפּגרונטן, דערהייבט זיך די שטים פון דער אומגעבראַכטן הייליקן פאָלק:

— רחמים! רחמים!

— שריי, ייד! הער, וועלט!

— הער, דו וועלט:

נישט רוען וועט דאָס בלוט פון דעם קליינעם עופהלע, לעבעדיקערהייט אין פייער געוואָרפן! נישט פאַרגעבן וועט ווערן די זינד פון צוקוקן און שווייגן.

— הער, דו וועלט:

פאַרראָטן האָסטו דאָס פאָלק ישׂראל, רוּיק עס איבערגעענטפערט צום פאַר־טיליקן.

וועט די זינד דיינע ברענען אין אינגעווייד פון פעלקער־פאַררעטער.

„מחמס אחיך יעקב תכסך בושה״. צוליב דעם רויב פון דיין ברודער יעקב, וועסטו מיט שאַנד באַדעקט זיין, מיט אייביקער שאַנד.

— הער, וועלט״. (לויט ד״ר הלל זיידמאַן, „מאָרגן זשורנאַל״, 26סטן יאַנואַר 1947).

מסירת־נפש פון אַ לוקאָווער ייד

דוד ליבערמאַן (פּרץ אַלי׳ אביגדורס אַ זון), אַ חסידישער ייד, מיטגליד פון יודענראַט, ווען ער איז מיט אַ גרויסער צאָל יידן געווען פאַרזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ אין שטעטל, באַקומט ער פון דער געסטאַפּאָ אַ באַפעל צו זאַמלען ביי די יידן אַ סומע געלט. ווען ער האָט שוין צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע סומע געלט, דערוווסט ער זיך, אַז מען שיקט די יידן קיין טרעבלינקע. ער גייט דאַן צו צום געסטאַפּאָוויעץ און זאָגט אים: „זע, איך האָב דאָס געלט. דו ווילסט נאָך, אַז מיר זאָלן באַצאָלן פאַר דער רייזע קיין טרעבלינקע? מיר זאָלן אייך באַצאָלן פאַר דער טובה וואָס איר שיקט אונדז צום טויט?״... מיט כעס צערייסט ער דאָס געלט און פּאַטשט דעם געסטאַפּאָוויעץ. די אוקראַינער באַנדיטן וואַרפן זיך אויף אים פון הינטן און ער ווערט צעריסן אויף שטיקער. („לוקאָווער קדושים און העלדן״, ריכבאַך 1947, ז״ז 28 — 29).

אַ ברית־מילה אין וואַרשעווער געטאָ

אין מיטן ווינטער פון יאָר 1943 איז צו מיר געקומען דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלונימוס קלמן שפּירא, און האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים מיטגיין צו אַ ברית־מילה אין איינעם פון די הייזער אויף דער גרענעץ פון געטאָ.

דאָס קינד איז שוין אַלט געווען עטלעכע חדשים און איז נאָך נישט געווען געמלט. דער פּיאַסעטשנער רבי איז געווען אַ געניטער מוהל, אָבער דאָך האָט ער מורא געהאַט מל צו זיין דאָס קינד און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל דערביי זיין דער כירורג ד״ר סאָלאָוויטשיק.

איך האָב געדאַרפט שאַפן אַ באַוועגונגס־שיין פאַר ד״ר סאָלאָוויטשיק, אַז ער דאַרף דערליידיקן אַ וויכטיקן מעדיצינישן ענין פאַרן שאַפ. לויטן באַפעל פון רבין האָב איך צונויפגעקליבן אַ מנין און מיר זענען אַלע געגאַנגען אַ גאַנץ וויטן וועג פון דעם שאַפ אויף נאַלעווקעס ביז צו דער גרענעץ פון געטאָ, ביי די גאַסן לעשנאָ און זשעלאַזנע.

קופּעס שניי זענען געלעגן אויף די גאַסן. ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט די מוטער שטאַרק געוויינט. איר מאַן איז פון איר צוגענומען געוואָרן אין אַ לאַגער אין לובלינער קרייז. די גאַנצע צייט האָט זי געצווייפלט, צי זי זאָל לאָזן מל זיין דאָס קינד — אפשר וועט זיך איר איינגעבן צו באַהאַלטן דאָס קינד ביי אַ קריסטלעכער משפּחה. אָבער אַזוי ווי איר מאַן דאַרף האָבן גרויס

רחמים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווייל זי מער נישט האַלטן ביי זיך אַ נישט געמלט קינד. זי האָפט, אַז אין זכות פונעם קינד, וועט איר מאַן ניצול ווערן פון טויט.

ווען מיר האָבן דערהערט די רייד פון דער פרוי, האָבן מיר אַלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און אַזוי איז דורכגעפירט געוואָרן דער ברית. אָבער ווען ר׳ זושא פרידמאַן, וואָס איז געווען איינער פון מנין, האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ חסידישן ניגון די הרחמנ׳ס, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן מיטצוזינגען. (איבערגעגעבן פון אברהם הענדל, זשורנאַל „בית יעקב״, ניסן תשכ״ג — 1963).

ווידוי פון אַ ייד, וואָס האָט געהאַט ספיקות אין אמונה

אין ייוואָ־אַרכיוו האָב איך געפונען אַ געשריבענע צוואה פון אַ ייד מיטן נאָמען אברהם טווערסקי (איך האָב נישט געקאָנט אויסגעפינען ווער ער איז געווען, אָבער זיכער איז, אַז ער האָט געשטאַמט פון דער רבישער גזע טווערסקי).

די ווידוי איז געשריבן געוואָרן אין תפיסה אין ביסטריאַ, חנוכה תש״ה (1944).

אָט איז אַ טייל פון דער ווידוי:

ב״ה עש״ק, ה׳ דחנוכה, ערב ר״ח טבת, ה׳ תש״ה, אין אָסטראָג, אין ביסטריאַ.

איך בין דאָ געפאַנגען געוואָרן ביום ב׳ פ׳ (פרשת) ויצא, צוואַנציק טאָג אין נאָוועמבער, הבא עלינו לטובה.

אומזיסט האָב איך געהאָפט, אַז די פאַלשע פּאַפּירן אין מיינע הענט וועלן מיך ראַטעווען, ווייל סוף כל סוף איז נאָך דעם, ווי מען האָט מיך פיל געשלאָגן, און נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געמלהט — האָב איך מודה געווען וועגן אַלעס און אַלעם.

און איצט (און „איצט״ מיינט נאָר תשובה), אויב דער גוטער גאָט וויל, אַז איך זאָל זיין צווישן די מיליאָנען יידן, וואָס זענען געוואָרן געהרגעט און געשחטן, און זיך מוסר־נפש געווען על קדוש השם — איז בין איך עס אויף זיך מקבל באהבה, און איך בין מוסר מודעה, אַז איך בין אַ ייד, וואָס גלייבט אין דער ישועה פון גאָט, און אַלע מיינע געדאַנקען און שלעכטע טראַכטענישן קעגן אַזאַ דערקלערונג זאָלן זיין בטלין ומבוטלין לא שרירין ולא קיימין.

איך האָב נישט אונטער דער האַנט קיין סידור, אָדער אַ לקוטי צבי, צו זאָגן דעם גרויסן ווידוי, לויטן סדר, אָבער איך זאָג, וואָס עס קומט מיר אויפן געדאַנק און וואָס איך געדענק, און זאָל עס נאָר זיין באַוויליקט — גלייך ווי איך האָב עס געזאָגט מיט אַלע פּרטים און דקדוקים און כוונות, וואָס אַלע כשרע יידן האָבן זיי מכוון געווען. (כתב־יד אין ייוואָ־אַרכיוו, ניו־יאָרק).

83

<u>פֿון חבֿרה טעמפּסקי:</u>

ב״ה עש״ק, פ׳ מקץ, ה׳ דחנוכה, ער״ח טבת, התש״ה, אין אָסטראָג און בויסטריטו.

~~מיר~~

איך בין דאָ געפֿינען געוואָרן בולם ב׳, פ׳ ויצאו, תּלמידיסטן טאָג אין וואָכער, הבאו עלינו לטובה.

תּלמידיסט האָב איך געהאַט, אַז די פֿאַלשער פֿירער און מײַנע הינט וועלן מיך ראַטעווען, וויל סוף סוף שלעפּט ווי מען האָט מיך פֿיל געשלאָגן, אַז ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך בין געמאַכט אויסגעוווּ מיר דה נײַנצן וואָגן וואָלט היינט מיר.

און אויבט (אין "אַלצטיי" אין וואָלט מיינט) אויב דאָ גאָט גוט מיין נער עולם ליין. תּלמידן די מאַלאַכים וויל, אַז די תשובה: לייִנען געוואָרן גאַנצן ווײַז, וואָס וואָלט איך מוסר נפֿש געווען צו גערעכטע און געשען (נרדם השם —)

בעט שרייבן אַ ספר־תורה צו זיין אָנדענק

„ב״ה ערב שבת קודש בא תש״ג. — מיין ליבער טייערער רבי ר׳ ישׂראל שפּיראָ שליט״א. זייט געזונט! מען האָט איצט אַרומגענומען די בורשטין־פאַבריק, אין וועלכער מיר אַרבעטן קרוב אַכט הונדערט יידן, און מען גייט אונדז פאַרניכטן. מען קלערט נאָך צי מען זאָל אונדז דאָ אין לעמבערג שיסן אָדער פירן קיין בעלזשעץ פאַרגאַזן. איך בעט אייך, ליבער רבי לעבן, ווען איר וועט זוכה זיין קומען קיין ארץ־ישראל, זאָלט איר ערגעץ ווו אויפן הייליקן באָדן אַריינשטעלן אַ שטיינדל מיט מיין נאָמען ושם זוגתי ע״ה. זאָלן אונדזערע נעמען נישט פאַרגעסן ווערן. אָדער שרייבט אַ ספר־תורה אויף אונדזער נאָמען. איך שיק אייך פופציק דאָלאַר מיט דעם שליח. איך מוז מיך שוין איילן, ווייל עס איז שוין געקומען דער באַפעל זיך אויסצוטאָן נאַקעט; מען גייט אונדז דאָ שיסן. איך האָף, אַז נאָך מיין אַדורכגיין וועל איך קענען צו אייערע הייליקע אבות צוקומען און פון אייך אַ גרוס איבערגעבן און זיי בעטן פאַר אייך משתדל זיין אריכות ימים ושנים — עבדו אריה בן לאה קאָרען.

מיין שוועסטערס קינדער זענען ביים גוי וואַשילעווסקי אין גריידינג. בעט איך אייך ווייטער אייער מסירת־נפש דורכצופירן און זיי אַרויסנעמען און איבער־געבן זיי אין יידישע הענט. זאָל זיין וואָס עס וויל, נאָר יידן זאָלן זיי בלייבן. מיין ווייב, שבע בת חנה, האָט מען נעכטן געשאָסן. — עבדו הנ״ל״.

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ ישראל שפּיראָ, וואָס צו אים איז דער בריוו געשריבן געוואָרן, האָט אים געלייענט אויף אַן אַסיפה פון רבנים. נאָך דעם ווי ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט און איז בשלום אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. („פאָרווערטס״, 3טן יוני 1946).

התחזקות פאַרן אומקום

דאָס, וואָס עס איז געשען באַלד ווי די נאַצישע רוצחים האָבן אַריינגע־מאַרשירט קיין ראָפּשיץ, האָבן נאָך אַלע יידן צוגעזען: מ׳האָט דעם שטאָט־רב הרב ר׳ יצחק ליבערמאַן, זצ״ל, געשלעפּט איבער די גאַסן אַ צעשלאָגענעם, אַ פאַר־בלוטיקטן — צו דער שחיטה געפירט. ער האָט ווי אַ קדוש אין זיינע ענוים און פיין געלאַכט די היטלער־רוצחים אין די אויגן אַריין מיט ביטול, ביז ער איז מיט דעם „שמע ישׂראל״, אונטער אַ האָגל קוילן, אין קדושה אויסגעגאַנגען. דערנאָך זענען געווען די ווייטערדיקע, כסדרדיקע שרעקלעכע געשעענישן פון טויט מיט

פייער און רויך. אַלע ראָפּשיצער יידן זענען דאַן שוין געגאַנגען מיט רעזיגנאַציע און ביטול הנפש צו זייער ממש קדושהדיקער פאַרטיליקונג. פאָרויס איז געגאַנגען דער אַזוי טייערער אונדזו אַלעמען ראש הקהל, מיט זיין ווייסער, פּאַטריאַרכאַ־לישער באָרד און אויסזען, ר׳ אהרן זיידען, ע״ה. ווען זיי, די אַלע יידן, האָבן דערזען, אַז זייער לעצטע מינוט פון לעבן איז אָנגעקומען, האָבן זיי פון ערגעץ פון זייערע באַהאַלטענע קעשענעס אַרויסגענומען בראָנפן און אָנגעהויבן צו טרינ־קען „לחיים״ איינער צום צווייטן, און זיי זענען געוואָרן אַזוי פריילעך, גלייך ווי אַ מאָל, אין די אַלטע גוטע צייטן, אין אַ שמחת־תורה אין שטעטל. („קידוש השם״ פון ש. ניגער, ניו־יאָרק 1948, ז׳ 386).

וטהר לבנו...

...אויף דער קאָנפערענץ פון אגודת ישראל האָט הרב מ״יזעלס, דער רב הראשי פון בעלגיע, דערציילט, ווי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ האָט מען אין איין טאָג געפירט 52 יידישע יינגלעך אין דער גאַזקאַמער אומצוברענגען. די יונגע קרבנות האָבן זיך נאָקעטערהייט אַרומגענומען און אין גאַזקאַמער, אין אָנבליק פון טויט, האָבן זיי געזונגען „וטהר לבנו״ און אַזוי זענען זיי אויסגעגאַנ־גען, — מיט ריינע יידישע הערצער, מיט אַ תפילה צום באַשעפער. („מאָרגן־זשורנאַל״, 4טן דעצעמבער 1945).

חזן מאַכט אַ „מלא״ איידער מען פירט די יידן אַריין אין די גאַזקאַמערן אין אוישוויץ

יוסף (יעזשי) ווייס, קאַצעטלער פון אוישוויץ, נומער 29054, גיט איבער אין זיין גבית עדות, ווי אַזוי אַ חזן האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ פאַר די יידן, וואָס מען האָט געפירט אין די גאַזקאַמערן אין אוישוויץ.

דאָס איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג. מען האָט גענומען אונדזער גרופּע אויף צו פאַרריכטן די עלעקטרישע דראָטן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די בלאָקן. אין דער לעצטער צייט האָבן די עסעס־היטער חושד געווען, אַז מען אַנטלויפט פון לאַגער.

איך האָב באַמערקט, אַז מען פירט אַ גרופּע צו די גאַזאויוונס זיי צו פאַר־ברענען. דאָס איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און איך האָב זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אָבער פּלוצלונג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט אונדז אַלע איבערראַשט. פון די רייען איז אַרויסגעשפּרונגען איין ייד און אויפגעהויבן די האַנט — אַ צייכן אַז ער פאַרלאַנגט עפּעס.

דער קאָמענדאַנט פון דער אָפּטייל „טאָטן־קאָפּ“, וואָס האָט געפירט די יידן, האָט געגעבן אַ באַפעל נישט צו שיסן דעם ייד, ווי די מערדער פלעגן זיך נוהג זיין, ווען אַ ייד האָט עפּעס פאַרלאַנגט. נאָר אויסהערן, וואָס זיין בקשה איז.

דעמאָלט האָט דער ייד זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער אויבער־קאַנטאָר (הויפּט־חזן) פון דער שטאָט טאַרנאָוו און ער בעט, מען זאָל אים דערלויבן אָפּצו־ריכטן די „לעצטע תפילה“ פאַר די יידן, וואָס ווערן געפירט אין די גאַזקאַמערן.

דער דייטשער קאָמאַנדיר האָט זיך געטראַכט, אַז דאָ וועט ער האָבן נאָך אַ מעגלעכקייט אָפּצוחוזקן פון די יידן און ער האָט דערלויבט דעם חזן ער זאָל אָפּריכטן די לעצטע תפילה.

אויפן באַפעל פון קאָמאַנדיר איז די גאַנצע גרופּע אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער חזן האָט זיך געשטעלט קעגנאיבער די יידן, זיי זאָלן אים גוט הערן און אָנגעהויבן צו זינגען „אל מלא רחמים“.

מען קאָן נישט באַשרייבן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין אוישוויץ.

דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָבערשאַרפירער האָט געגעבן אַ באַ־פעל, אַז מען זאָל דעם חזן אַרויסנעמען פון צווישן די, וואָס מען האָט געפירט צום פאַרברענען. (גבית־עדות פון יוסף ווייס, פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „בית־יעקב“, ירושלים, תשכ״ד — 1964).

ער האָט נישט איבערגעריסן דאָס זינגען זמירות

...וואָס וועט זיין מיט אונדזערע בני־בית — — — בעת מיר ווייסן, אַז נאָך אין עטלעכע געציילטע טעג אַרום וועלן מיר אַלע מיט אַ מאָל פאַרלירן אונדזערע משפחות? די דאָזיקע מחשבה האָט אונדז געשטאָכן אין מוח אָן אויפהער. אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָבן זיך אָנגערוקט די ימים־נוראים, ראש־השנה, יום־כיפור, און דערנאָך סוכות, זמן שמחתנו... כאָטש אַלע יידן האָבן שוין געזען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זייערע ברידער אין אַנדערע שטעט, און וואָס ער דערוואַרט זיי אַליין, איז מען אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון די פריִערדיקע מנהגים, און אין אַ סך ערטער אין געטאָ (אין פּיעטרקאָוו) זענען געשטאַנען יידן און האָבן געדאַוונט בציבור. דורך די פענצטער האָב איך געזען יידן, איינגעוויקלטע אין טליתים און אין קיטלען, ווי זיי זענען געשטאַנען און געדאַוונט הויך אויפן קול. יידן זענען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן אין יום־טובדיקע מלבושים. און געווען יידן, וואָס האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוגיין אין גאַס אָנגעטאָן אין די טליתים, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אין ירושלים. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די יידן אין פּעטריקאָוו האָבן זיך אַ סך אָנגעליטן אין ערשטן יום־־כיפור פון קריג דערפאַר, וואָס זיי האָבן געדאַוונט בציבור, און אַ סך זענען דערפאַר פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. עס האָט אויסגעזען, ווי די יידן האָבן אויפגעהערט זיך צו שרעקן. וואָס וועט

מען זיי שוין טאָן? מען וועט שיסן אויף זיי? נו, איז וואָס? וועלן זיי לכל־הפחות וויסן, ווו מען וועט זיי ברענגען צו קבורה. אין די טעג פון סוכות זענען אַ סך יידן געזעסן אין סוכות. אין איינער פון זיי איז געזעסן אַ ייד און געזונגען זמירות הויך אויפן קול. איך בין אַריינגעגאַנגען צו אים און האָב אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט ווו מיר זענען אין דער וועלט, וואָס ער זיצט זיך אַזוי רויִק און זינגט זמירות, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין איין זייט און אין אַ צווייטער און ווייטער געזונגען זמירות, נישט מפסיק זייענדיק. צום סוף האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

— וואָס קאָנען זיי דען מיר טאָן? זיי קענען ביי מיר צונעמען מיין גוף, אָבער נישט מיין נשמה. אויף מיין נשמה האָבן זיי נישט קיין שליטה. זייער גאַנצע ממשלה איז נאָר אויף דער וועלט. דאָ זענען זיי די תקיפים. איז, מילא. אָבער אויף יענער וועלט זענען זיי גאָרנישט מיט גאָרנישט. נישט פון זיי לעב איך!... (יעקב קורץ: „ספר עדות לשברון ישראל בפולין”, פאַרלאַג „עם עובד”, תל־אביב, תש״ד).

אַ קרבן פאַרן פאָלק ישׂראל

...דער טרויעריק־באַרימטער שטורמפירער גרזימעק שפּאַצירט זיך אַרום אין שעבניאַ, ווי זיין שטייגער, מיטן מאַשין־געווער אויפן אַקסל, פונקט ווי אַ יעגער, וועלכער זוכט זיין קרבן. ער שטעלט אָפּ זיינע טריט ביים ראש הקהל פון ווישניצע, מנשה צימעטבוים. אויף דער פאָרוואורף פונעם שטורמפירער, פאַר וואָס ער אַרבעט נישט פלייסיקער, האָט דער געוועזענער ראש־הקהל קורץ געענטפערט: „איך אַרבעט אַזוי, ווי איך האָלט פאַר נויטיק”. צימעטבוימס ווערטער האָבן דעם מער־דער אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן. ער באַפעלט אים אַוועקצולייגן זיך אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און הייבט אים אָן צו שלאָגן. דער קערפּער פונעם קרבן איז באַלד אַ שטיק פלייש, רויט פון בלוט. פּלוצלונג הייבט צימעטבוים אָן וויינען און רופט אויס צום שטורמפירער: „דו בלוטדורשטיקע חיה, פאַר מיין אומשול־דיקן בלוט וועלן נקמה נעמען מיינע שוועסטער און ברידער, אויב נישט מאָרגן, איז שפּעטער. די שטראָף וועט זיין אַזוי גרויזאַם, ווי אייער פאַרברעכן. אונדז וועט קיינער נישט פאַרניכטן, אָבער איר, באַרבאַרן, וועט זיין צו שאַנד און צו שפּאָט פון די פעלקער, ווייל אונדזערע בלוטפלעקן וועלן קיין מאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן”.

צו די אַרומיקע העפטלינגס האָט דער קדוש זיך געווענדט: „איר זאָלט נישט פאַרצווייפלען. גאָט איז מיט אונדז”. וואַרפנדיק זיך אויף דער ערד, האָט ער אויסגערופן: „רבונו של עולם, איך גיב זיך אָפּ ווי אַ קרבן פאַר דעם פאָלק ישׂראל. זאָל איך שוין זיין דער לעצטער. דערהויבן זאָל ווערן דער קרן ישׂראל”.

דערזען דעם טיפן רושם, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף די אַרומיקע, האָט

דער רשע באַפוילן די אָרדנונגס־דינסט צו בינדן דעם קדוש אַ האַנט צו אַ פוס איבערן קאָפּ און אַזוי אים געלאָזט ליגן פיר שעה. דערנאָך האָט ער באַפוילן אויפצושטעלן אַ תליה און פאַרן פאַרזאַמלטן עולם, צווישן וועלכן ס'האָט זיך געפונען אויך דעם קדושס פרוי און קינדער, אים אויפגעהאַנגען. צימעטבוימס לעצטע ווערטער זענען געווען: „ה' הוא האלהים.. שמע ישׂראל... ברוך אתה ה' המקדש שמו ברבים..." מיט דעם האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה. (שמעון קעמפּלער: „אונזער שטימע" נומער 4, 15טן אָקטאָבער 1945, בערגען־בעלזען).

אומגעקומען מיטן געשריי „שמע ישׂראל"

מוראדיק איז געווען דער טויט פונעם קדוש דוד לוואָוו אין זלאָטשאָוו.

ווען די דייטשן האָבן דוד לוואָוון אָנגעהויבן פּייניקן, האָט ער נישט געבעטן קיין רחמנות, נאָר מיט זיין גאַנצן כוח האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען „שמע ישׂראל".

אַן עסעס־מאַן האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין געשריי „שמע ישׂראל" און האָט אים געשאָסן. אָבער צו דער פאַרוווּנדערונג פון די מערדער, האָט דוד לוואָוו נאָך העכער געשריגן „שמע ישׂראל". דער מערדער איז געוואָרן צעטומלט, און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, און דאַן האָט אַן אָרטיקער אוקראַינער דערשאָסן דעם קדוש דוד לוואָוו.

דער קאָסאָווער דיין אַלבערג איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זיין הויז בעת ער האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען. די דייטשן האָבן צוגעבונדן זיין באָרד צו אַ ראָווער און אַזוי אים געשלעפּט איבער די גאַסן פון שטאָט, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

חיים יואל קאָרן, דער שמש פון דער גרויסער שול, האָט זיך נישט צוגעהערט צום געבעט פון זיין משפחה, און ווען די אוקראַינער, געשטיצט פון די עסעס־לייט, זענען אַריין אין די שולן, האָבן צעבראָכן אַלץ, וואָס ס'איז זיי געקומען אונטער דער האַנט און האָבן געראַובט די זילבערנע כלי־קודש, איז ר' חיים יואל אַריינגעלאָפן אין דער גרויסער שול און מיט מסירת־נפש געראַטעוועט אַ ספר־תורה. די מערדער האָבן פון אים געחוזקט און ווען ער איז שוין געווען אויף דער בריק, האָבן זיי אויף אים געשאָסן. חיים יואל איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געפונען זיין קערפּער. זיינע הענט זענען געווען צוגעקלאַמערט צו דער ספר־תורה.

אַ גרופּע יידן האָט מען אַרעסטירט בעת זיי האָבן געדאַוונט און געבראַכט זיי אין דער פעסטונג. צווישן זיי איז געווען דער דיין ב. שפּיראָ און זיין ברודער, 3 שוחטים מיט זייערע בני־בית, שלמה מייטיס, מענדל און זיין זון שלום, די קינדער פון קדוש דוד לוואָוו און אַנדערע פרומע יידן.

ווען זיי האָבן דערזען, אַז מען האָט זיי געבראַכט צום אומקום־פּלאַץ, האָבן זיי אָנגעהויבן דאַווענען מיט מער התלהבות און זייער תפילה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זמירות.

דערשטוינט פון אַזאַ בילד, האָבן די מערדער אָנגעהויבן אויף זיי צו האָגלען מיט קוילן. די וואָס זענען נאָך געבליבן שטיין אויף די פיס, האָבן מיט זייערע לעצטע כוחות געזונגען. ערשט ווען ס׳איז געפאַלן דער לעצטער, איז דאָס געזאַנג פאַרשוויגן געוואָרן. (שלמה מאיר אובדן: „ספר קהילת זלוצ׳וב״, תל־אביב 1967, ז״ז 187 — 190).

מסירת־נפש פון רעליגיעזע יידן

די רעליגיעזע יידן זענען בעסער איבערגעשטאַנען געוויסע נסיונות איידער אַנדערע. איך וויל נישט זאָגן, אַז זיי זענען הייליקע, אַז זיי ווייזן אַרויס עפּעס אַ באַזונדער גייסטיק העלדנטום. זיי קעמפן פאַר זייער לעבן, ווילן זיך ראַטעווען, אָבער דערביי צייכענען זיי זיך אויס מיט צוויי כאַראַקטער־שטריכן.

ערשטנס, דערהאַלטן זיי זייער „איד״. זיי זענען „שוסטערס״ געוואָרן און שלעפּן טשוועקעס פון דייטשע שטיוול, אָבער לייגן יעדן טאָג טלית־און־תפילין, דאַווענען, לערנען, היטן שבת; און דאָס אַלץ מיטן גרעסטן מסירת־נפש און גרעסטער סכנה. מ׳גיט מיר איבער: אַ גרופּע חסידישע יונגעלייט אויפן „אומשלאַג״ שבת פאַר נאַכט, צווישן זיי מיינע פריינד שלמה גפן, יצחק אייזנער, ד״ר אהרן לאַנגלעבן, דער סעקרעטאַר פון אגודת הרבנים, מרדכי לאַנגער פון ביליץ, ישׂראל אייזענבערג, דוד שאַפּראַן — געפינען זיך דאָרט פאַרן טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע; געפינט איינער אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל וואַסער, מ׳וואַשט זיך „שלוש סעודות״ און מ׳זאָגט „אתקינא סעודתא״ און „ה׳ רועי לא אחסר...״ און — מ׳איז אין אַנדערע וועלטן. (דאָס האָט מיר איבערגעגעבן איינער פון דער גרופּע, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פונעם „אומשלאַג״). אין די שווערסטע באַדינגונגען האָט מען נישט פאַרגעסן, אַז מ׳איז יידן און רעליגיעזע יידן, נישט פאַרלוירן די אמונה.

אַ צווייטער פאַקט:

רעליגיעזע יידן האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פּונקט ווי אַנדערע, אָבער דאָך נישט „פּונקט ווי אַנדערע״. ווייל קיין מאָל נישט אויף יענעמס חשבון. שטענדיק האָבן זיי געדענקט אין כלל: „מה חזית דדמך דידך סומק טפי״. פון רעליגיעזע יידן זענען נישט געווען קיין פּאָליציאַנטן (קיין איינער נישט!), קיין „כאַפּערס״, קיין „מאַכערס״, קיין „קאַפּאָס״ (עלטסטע נוגשים אין לאַגערס), קיין געסטאַפּאָ־אַגענטן, קיין איינער נישט!

דאָס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, וואָס אַלע, אַפילו די קעגנער פון אָרטאָדאָקסישע יידן, באַשטעטיקן דאָס.

אַ חוץ דעם האָבן זיי, אין די ענגע ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן, געהאָלפן אַנדערע. דער גרויסער חורבן, דער מאַסנהאַפטער מאָרד האָט נאָך ביי זיי נישט אָפּגעטעמפּט דאָס רחמנות-געפיל. בעת אַנדערע האָבן נישט געוווּסט ווי ווייט יוצא צו זיין מיט דעם „חייך קודמין״, — האָבן רעליגיעזע יידן נישט פאַרגעסן קיין מאָל אין דעם „וחי אחיך עמך״.

זייערע געדאַנקען און זייער פּערספּעקטיוו האָט נעמלעך שטענדיק געגרייכט אַ ביסל ווייטער, און אָפט מאָל — גאָר ווייט און גאָר הויך... (ד״ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ״, בוענאָס-איירעס 1947, ז״ז 251 — 252).

דאָס ליד פון בטחון

...„אַלע יידן פאַלן אויף זייערע פּנימער! — איז דער ערשטער באַפעל. — אַלע יידן שטעלן זיך אויף איין פוס! אַלע יידן שפּרינגען אויף איין פוס! אַלע יידן הייבן אויף די הענט! אַלע יידן שלאָגן זיך איינער מיטן צווייטן מיט די פויסטן! אַלע יידן לויפן, שנעלער, שנעלער!״

דער פּלאַץ איז געווען פול מיט מענטשן און אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן. ווּהין לויפן? אָבער ווען די ריטער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון די אומגליקלעכע, האָט זיך שוין געפונען אַן אָרט „ווּהין״. מען איז געלאָפן, מען איז געשפּרונגען איבער די דראָטן. לאַנגע מינוטן האָט זיך געצויגן אָט דאָס „לויפן״. הונדערטער, הונדערטער האָבן צעריסן זייערע קליידער, צעשטאָכן זייערע קערפּערס, ביז בלוט האָט גענומען רינען. דער אָנבליק פון בלוט האָט, ווייזט אויס, געזעטיקט אַ ביסל דעם בלוטדורשטיקן תליון גלאָבאָטשניק, און ער האָט געגעבן אַ באַפעל: „צוריק!״ באַלד דערנאָך האָט ער אָבער אַ דונער געטאָן מיט אַ נייעם באַפעל: „און איצט טאַנצן אַלע יידן! אַלע אין איינעם! אַלע טאַנצן און זינגען!״

דער עולם, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק, איז געבליבן אַ דער־שראָקענער, אַ פאַרשטיינערטער פון דעם נייעם באַפעל. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך דערהערט קולות צווישן עולם: „לאָמיר זינגען און טאַנצן!״ און איינער האָט פאַרצויגן דעם פאָלקסטימלעך-חסידישן ניגון:

„לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
אבינו שבשמים!....״

„קרויצדאָנערוועטער״ — האָט זיך צעבושעוועט דער תליון גלאָבאָטשניק, — „נישט אַזוי זינגט מען!״

און שפּיציקע ריטער האָבן זיך ווידער אַ מאָל אַראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ און אויף די פּיס פון די אומגליקלעכע און געשמיסן, געשמיסן. באַלד איז פּלוצלונג

שטיל געוואָרן און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַן איין און איינציק קול, וואָס האָט געזונגען קרעפטיק איבער די קעפּ פון גאַנצן עולם:

„מיר וועלן זיי איבערלעבן, איבערלעבן,
אבינו שבשמים!...״

די איראָנישע פּאַראַפראַזע פון דעם אַנאָנימען דיכטער האָט אַנגעצונדן אַ פייער אין די הערצער פון די געשלאָגענע, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, ווי אויפן צייכן פון אַ צויבער־שטעקעלע, טאַנצן אַ התלהבותדיקן טאַנץ. די פיס האָבן זיך געהויבן ווי פון זיך אַליין. דער דונערדיקער געזאַנג פון די מיילער פון די טויזנטער געשלאָגענע און באַשפּיגענע האָט געמאַכט אויפציטערן דעם גאַנצן חלל אַרום:

„מיר וועלן זיי איבערלעבן, איבערלעבן,
אבינו שבשמים!...״

לאַנג האָבן זיי אַזוי געטאַנצט, די טויזנטער געטראָטענע מיט די פיס, די פאַרוווּנדעטע, מיט בלוט אָפּגייענדיקע, לאַנג האָבן זיי געזונגען מיט שטורעמדיקער קראַפט דאָס בטחון־ליד, דאָס ליד פון דעם שוואַכן, וואָס איז פעלזן־פעסט אין זיין גייסט.

„מיר וועלן זיי איבערלעבן, איבערלעבן״!... (לויט מ. פּראַגער, „נתיבה״, ביילאַגע צו „הצופה״, תל־אביב, נומער 261).

„יידן, מיר גייען משיחן אַנטקעגן״

„וואַרשע — געטאָ, פרייטיק, דעם 28סטן אויגוסט 1942. אַ נס היינט געהאָט: געראַטעוועט זיך פון אַ זיכערן טויט. אויף ווי לאַנג? ווער ווייסט? אָבער גוט איז חיי שעה. כל־זמן מ׳לעבט, האָפט מען. געשען איז עס ״נאָרמאַל״: כ׳בין געגאַנגען פון מיין וווינונג אין דער קהילה אַריין, אַ וועג פון אַ מינוט, און אויף דער גאַס אַריינגעפאַלן אין אַ „בלאָקאַדע״. דאָס הויז גענשע 13 איז געווען אַרומגערינגלט פון די ס.ס.־משחיתים און אוקראַינער. אַ גרופּע יידן שטייען און וואַרטן אויף ווייטערע קרבנות: דער „קאָנטינגענט״ איז נאָך נישט פול. וויניק נאָך פּאַר אַ „טראַנספּאָרט״ — ווער איך אויך דורך די ס.ס. אַריינגענומען — — — דערווייל קומט אָן אַן עולם יידן פון דער קאַרמעליצקע־נאָוואָליפּקי־געגנט — — — טויזנטער און טויזנטער יידן. מ׳פירט אונדז אַריין אין דער מאַסע, און — מיר גייען... מיר גייען אין ענדלאָזע רייען. אַ בליק פאַר מיר, אַ בליק אַרום מיר: אַ ים פון קעפּ, אָן היטלען, מיט היטלען, יונגע, אַלטע, מענער, פרויען, קינדער — — — ס׳באַהערשט מיך איין געפיל: אַפּאַטיע.

„— — — און נישט הערנדיק, הער איך. און נישט זעענדיק, זע איך: טויזנטער מענטשן, לעבעדיקע, געזונטע, לעבנס־ווילּיקע גייען, צו דער שחיטה. מען שפּרייזט מיט אָפּגעלאָזענע שריט„ אַפּאַטיש, גלייכגילטיק — דער שאָטן פון טויט ליגט שוין אויף אונדז אַלע — — —

„לעבן מיר שיילט זיך אויס פון דער מאַסע אַ געשטאַלט: אַ הויכער, עלטערער ייד. מיט אַ פּאַטריאַרכאַלער, גרויער באָרד. — — — ער טראָגט טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם. נישט מער.

„פּלוצלונג אַ באַפעל: „אויסרוען”. זעצט מען זיך אַ ביסל אויפן טראָטואַר. ס׳ווייזט זיך באַלד אַרויס, אין וואָס עס באַשטייט דאָס „אויסרוען”: די ס.ס. גייט אַרום אויף „אינספּעקציע”. מ׳באַטראַכט די שטיוול. ווער ס׳האָט אַ פּאָר בעסערע, שלעפּט מען זיי ביי אים אַראָפּ. און דער דאָזיקער מוז אויף זיין מאַרטירער־וועג גיין אין די זאָקן. דאָס הייסט אויף געטאָ־דייטש: „אויסרוען”...

„זיצט מען אַזוי אין צרות און יאוש — — — פּלוצלונג גיט זיך דער אַלטער ייד מיטן טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם אַ שטעל אויף האַסטיק, און גיט אַ זאָג מיט אַ שטאַרקער און זיכערער שטים:

„— יידן, זייט נישט צעטראָגן; זייט נישט מרה־שחורהדיק! וואָס זיצט איר אַזוי? נאָר נישט אין עצבות, חס־ושלום, נאָר נישט אין יאוש! אַפילו חרב חדה מונחת על צווארך... וואָלט איך געהאַט בראָנפן, וואָלט איך לחיים געטרונקען... לחיים, יידן, לחיים. נאָר נישט אין עצבות! זעט איר דען נישט, ווי מיר גייען משיחן אַנטקעגן?”... — — — (פון „מיין טאָגבוך — חורבן וואַרשע”, פון ה. זיידמאַן, „אונזער וואָרט” נומער 32, 13טן יולי 1945, פּאַריז).

געגאַנגען צום טויט און געזאָגט תהילים אויפן קול

די לעבנגעבליבענע יידן פון ראַהאַטין דערציילן: ווען מען האָט געטריבן די אָרטיקע יידן הינטער דער שטאָט (צו דער צעגעלניע) צום אויסמאָרדן זיי, איז די מומע שפרה געגאַנגען מיט הונדערטער יידישע כשרע פרויען און קינדער און פון אַפּענעם „קרבן מנחה” געזאָגט תהילים אויפן קול. (יוסף שוואַרץ: „ספר בורשטין”, הוצאת „אנציקלופדיה של גלויות”. ירושלים — תל־אביב 1960, ז׳ 265).

וויל נישט שלאָגן קיין קאַצעטניק

דער בריסעלער תושב מ. טענענבוים, וועלכער איז אויך געווען מיט אַלין אין לודוויגסדאָרפער לאַגער, גיט איבער פאָלגנדיקן פאַקט:

די דייטשן האָבן אַ מאָל פאַרמשפּט אַ קאַצעטניק צו שמיץ און פאַראָרדנט, אַז אלי זאָל אויספירן דעם פסק־דין. באַמערקנדיק אָבער, אַז אלי „גענאַרט אָפּ", אַז ער „מאַכט זיך" בלויז ווי ער וואָלט געשלאָגן, האָבן זיי דערפאַר אלין אַליין דערלאַנגט קלעפּ מיט זייערע אייגענע הענט. (ישעיה זאַנדבערג: „פונקען אין דער נאַכט", ז' 158).

מסירת־נפש ביים ברענגען צו קבורה

...אין דעם טאַטנס בית־המדרש אין טאַרנע האָט דער יודענראַט איינגעאָרדנט אַ פּאָר פּליטים און פאַרטריבענע יידן, דאָס רוב זענען עס געווען אַלטע לייט און אָרעמע. צווישן זיי האָט זיך געפונען דער אַלטער ר' יחיאל מאירל, אַ זקן מופלג, אַ גדויסער עניו און אַ חסיד. אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער מצווה פון ברענגען מתים צו קבורה. — — — עס איז נישט געווען לייכט פאַר אַזאַ זקן ווי ער עוסק צו זיין זיך מיט דער מצווה. ערשטנס איז בלויז דאָס גיין אין גאַס פאַר אַזאַ יידן, ווי ער, געווען פאַרבונדן מיט סכנות. און צווייטנס, איז ער, ווי אַן אָפיציעלער מיטגליד פון דער חברה קדישא, געווען אָפּט צו דער געסטאַפּאָ, אין זייער אַמט, אַרויסצוטראָגן טויטע קערפּערס פון דערשאָסענע אין דעם הויף. די אַנדערע חברים פון חברה קדישא האָבן מורא געהאַט זיך מתעסק צו זיין מיט אַזעלכע מתים. דער הויף פון דער געסטאַפּאָ האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ טויטשרעק. אָבער ווען מען האָט דעם אַלטן יחיאל מאירל אָנגעזאָגט פון יודענראַט, אַז עס איז פאַראַן אַ קדוש, אַ מת־מצווה אין דער געסטאַפּאָ, איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען אַרויסנעמען דעם טויטן און אים ברענגען צו קבר ישראל. ————ביי נאַכט פלעגט ער לערנען זוהר און פאַר־נעמען זיך מיט קבלה־ספרים ביים שיין פון אַ נאַפטלעמפּל, און די טעג האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר מקבר זיין די מתים. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ער געהערט, אַז אין אַ הויף אויף גאָלדהאַמערס גאַס ליגט אַ ייד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. די הויזוועכטערין האָט אים פאַרמסרט, אַז ער איז אַ „באָלשעוויק". מיט אַ צייט צוריק איז ער געהאַט צוריקגעקומען פון סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט. אַלע שכנים האָבן געוואָרנט דעם אַלטן, אַז ער זאָל נישט גיין אויף דעם אָרט, ווו עס ליגט דער מת, ביז ער וועט נישט וויסן, אַז די רוצחים זענען שוין אַוועק פון דער גאַס. אָבער יחיאל מאירל האָט זיך געהאַלטן ביים זייניקן: „מקבר זיין אַ מת איז פון די זאַכן, וואָס האָט נישט קיין שיעור", האָט ער געזאָגט. ער איז גלייך אַוועק אַהין און גענומען זיך מתעסק זיין מיט דעם מת. דער נאַצי־רוצח ראַמעלמאַן האָט אים דערקענט פון דער ווייטנס, און ער האָט דעם זקן דערשאָסן אויף דעם טויטן קערפּער פון דעם יונגנמאַן. האָט

מען אויסגעגראָבן אַ ברידער־קבר פאַר דעם אַלטן מקובל און דעם יונגן „באַל־שעוויק״. — — — (אליעזר אונגער, „זכור״, תל־אביב תש״ה — 1945, ז״ז 132—133).

מסירת־נפש ביים ראטעווען ספר־תורהס און שולן

ביי ברענענדיקע ספר־תורהס

— מאַרש! — האָט אַ פייף געטאָן איינער פון די צוגעקומענע שטורמיסטן און אָנגעוויזן אונדז דעם וועג וווהין צו גיין. די דריי זענען נאָכגעגאַנגען אונדז פון הינטן און געטריבן ווי די שאָף. דער הונט איז פאַרויסגעלאָפן, ווי דער שליח פון טויט. אַזוי זענען מיר געגאַנגען ביז צו דער ווילקאָמירער גאַס, צו דער אַלטער קלויז.

אויפן וועג האָב איך זיך אומגעקוקט אויף מיינע צוויי מיטגייער. דער ערשטער איז דער 80־יעריקער רב פון אונדזער גאַס, קאַסעל. דער „אַלטער" האָט מען אים גערופן. אַ נידעריקער, גרייכט קוים מיין אַקסל, ווייס ווי שניי, די שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטע מאַכט אים נאָך נידעריקער. מיר דאַכט, עס איז אַ קינד פאַרגרימירט פאַר אַ זקן. מיר איז אויסטערליש, וואָס ער גייט אָן אַ שטעקן. איך דערמאָן זיך, אַז דער שטורמיסט, וואָס האָט אים אָקאָרשט צוגעפירט, האָט זיך געשפּילט מיט אַ שטעקן. פאַרזיכטיק טו איך אַ בייג דעם קאָפּ אויף אַהינטער, און מיין חשד באַשטעטיקט זיך: עס איז דער שטעקן פונעם אַכציק־יעריקן רב.

דער צווייטער איז אַ יונג ייִנגל, מוישקע — אויך אַ באַקאַנטער פון דער זעל־בער גאַס. ער גייט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, קוקט אויפן ברוק און זיין פּנים פּיבערט אין ראָזלעכע פלעקן. דאָס צעשראָקענע ייִנגל איז אַ קאָנטראַסט צו דעם זקנס רויִקייט. דער טויט איז נאָך פאַר אים צו גרויס, מוישקע קען אים נישט אַריינעמען.

מיר האָבן אַלע דריי נישט געוווּסט, וווהין מען פירט אונדז. דאָס ייִנגל האָט געקוקט אַ צעשראָקענער, דאָ אויף מיר, דאָ אויף דעם זקן, מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי אין אונדז וואָלט זיך באַהאַלטן זיין גורל.

לעבן דער אַלטער קלויז האָט שוין געוואַרט אַ המון, וועלכן די דייטשן האָבן באַצייטנס צונויפגעטריבן אויפן ספּעקטאַקל. דער שטורמיסט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן זקנס ביינערדיקן שטעקעלע, האָט אונדז דרייען צוגעפירט צו

דער וואַנט פון דער קלויז און געהייסן זיך אויסטאָן. ערשט איצט האָב איך באַ־מערקט, ווי איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס איז איבערגעצויגן אַ ספר־תורה מיט די סימנים פון רעדער, וואָס זענען איבער איר דורכגעפאָרן. אַחוץ דער צעראַלטער ספר־תורה איבער דער גאַס, איז אַ הויפן ספרי־תורהס געלעגן לעבן דער קלויז מיט צעריסענע פאַרבלוטיקטע מענטעלעך, דורכגעזוימטע מיט זילבערנע פעדעם. און לעבן זיי — אַ בערגל אַנגעהויפטע ברעטלעך אין פאָרעם פון אַ שייטער.

— אויסטאָן זיך!...

— הייסט עס, אַז מען קלייבט זיך אונדז פאַרברענען, — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן זקן, און זיין בליק האָט אָפּגעטויט מיין מורא. בלויז דאָס יינגל האָט געוויינט: „מאַמע!".

דער שטורמיסט האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט דעם באַפעל: — „אויסטאָן זיך!" אָבער דאָס מאָל שוין נישט מיט קיין שטיל קול, נאָר מיט אַזאַ געוואַי, אַז אַ צוקוקער האָט פון שרעק אַ פּראַל געטאָן אויף דער ערד פון פאַרמעט. דער שטורמיסט האָט מיט אַ שוועבעלע אונטערגעצונדן דעם שייטער.

דער ערשטער האָט זיך אויסגעטאָן דער רב. זיין דאַרער איינגעשרומפּענער גוף, אין שיין פון אויפגייענדיקן שייטער, האָט אויסגעזען ווי אַ וואַקסענע יאָרצייט־ליכט אויסגעבויגן און געל. נאָך אים — איך. די הענט אַליין, נישט הערנדיק די באַפעלן פון געדאַנק, האָבן אַראָפּגעצויגן מיינע לייכטע זומערדיקע קליידער. צו לעצט האָט זיך אויסגעטאָן דאָס יינגל. די קליידער האָט ער געהאַלטן אין די הענט, ווי שלאַנגען, און נישט געוווסט מיט זיי וואָס צו טאָן. דער שטורמיסט האָט באַפוילן אונדז אַלעמען צונויפלייגן די קליידער אין איין פעקל, ער אַליין האָט אַלץ צוגעדעקט מיטן רבס טלית־קטן.

מיר האָבן געדאַרפט טאַנצן אַרום פייער און זינגען, זינגען אויף רוסיש. דער רב האָט קיין רוסיש נישט געקענט. ער האָט געשוויגן. איצט איז שוין צוגעלאָפן אַ צווייטער שטורמיסט — דער וואָס האָט געקלימפּערט מיט די זייגערלעך — און אַ שטופּ געטאָן דעם רב צום פייער.

דער רב האָט פאַרמאַכט די אויגן. דער רויך האָט אים אַרומגעקנוילט. ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל אַן „אוי".

געענדיקט מיטן זינגען, האָט מען שלאָגנדיק אונדז באַפוילן רייסן די ספרי־תורהס און זיי וואַרפן אין פייער.

די ערשטע ספר־תורה האָבן די דייטשן אַריינגעשטעקט דעם נאַקעטן זקן. דער פאַרמעט איז געווען האַרט, די ספר־תורה איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט און האָט צוגעדעקט דעם פלאַקער. דאָס פייער האָט זיך אין אָנהייב פאַרשטיקט, פאַרטונקלט. שפּעטער האָט דער פלאַקער מיט נאָך מער קראַפט זיך אַדורכגעריסן דורכן פאַרמעט און מיט אַ געקנאַק אַ פלייץ געטאָן אין דער הויך צו דעם פייער פון זון־אונטערגאַנג.

דאָס יינגל האָט געגאָסן טרערן, זיך צוגעדעקט מיט די הענט דעם קאָפּ, זיינע האָר זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן. די זון איז פאַרגאַנגען.

די שטורמיסטן זענען קוועלנדיק אַוועק.

דער רב איז אַריין אין דער חרובער קלויז און זיך געשטעלט דאַוונען. דאָס יינגל איז אַנטלאָפן, איך בין אויך אין קלויז אַריין, זיך אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל, אין דערוואַרטונג אויפן מאָרגנדיקן טאָג. (אברהם סוצקעווער: „ווילנער געטאָ", פאַרלאַג „איקוף", בועגאָס־איירעס, 1947, ז"ז 27 — 28).

מסירת־נפש פאַר ספר־תורהס אין לאָסק

די דייטשן זענען אַריין קיין לאָסק (ביי לאָדזש) דעם 13טן סעפּטעמבער 1939. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּייניקן און באַרויבן יידן. אין איינעם פון די טעג איז אַרויס אַ גזירה, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך צו מאָרגנס פרי פאַרזאַמלען אין דער שול. די יידן פון לאָסק האָבן שוין געוווּסט, וואָס די נאַציס האָבן געטאָן אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אין בלאַשקי און אַנדערע, ווו די יידן זענען צונויפגעטריבן געוואָרן אין די שולן, וואָס זענען שפּעטער אונטערגעצונדן געוואָרן, און די יידן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. קיין ייד פון לאָסק איז נישט געקומען אין שול. פאַר טאָג האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַהין אַן אַלטער ייד אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָר יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן פריִער געדינט אין פּוילישן מיליטער. זיי האָבן אַרויסגענומען די ספר־תורהס, כדי זיי צו באַהאַלטן אין אַ יידישן הויז. אויפן וועג האָט זיי געטראָפן אַ דייטשער סאָלדאַט, האָט ער זיי געפרעגט, וואָס זיי טראָגן. האָט איינער פון די יידישע יונגעלייט אַ קאָפּע געטאָן דעם דייטש און אים אַנידערגעוואָרפן. אַלע האָבן זיי באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין שכנותדיקן הויז און זיך באַפעסטיקן. די דייטשן האָבן גלייך אַרומגערינגלט דאָס הויז, אָבער די יידן האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון ביידע זייטן, ווייל די יידישע יונגעלייט האָבן געהאַט ביקסן. איבער פיר און צוואַנציק שעה האָבן די יידן אָנגעהאַלטן דעם ווידערשטאַנד. און ווען זיי האָבן געזען, אַז זייערע קוילן לאָזן זיך אויס, האָבן זיי דערשאָסן איינער דעם אַנדערן און אונטערגעצונדן דאָס הויז.

צו מאָרגנס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שול. און אַ גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז די יידן זאָלן קומען און לעשן דאָס פייער. אָבער יעדער ייד, וואָס האָט זיך געאיילט צו קומען, איז געכאַפּט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער ברענענדיקער שול. אַזוי זענען פאַרברענט געוואָרן אַ פּאָר צענדליק יידן. (פון דער דערקלערונג פון י. פּ., וועלכער איז אַנטלאָפן פון לאָסק. „ספר הזוועות", ערשטער באַנד, אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון בנימין מינץ און ד"ר ישראל קלויזנער דורך דער יידישער אַגענץ אין ירושלים, תש"ה).

אַרומגעוויקלט מיט אַ ספר־תורה

און אָט זע איך זיי: דעם רב, וואָס איז געגאַנגען צום טויט אויפן וועג צו פּאָנאַר מיט אַ ספר־תורה אין האַנט, מיט געזאַנג פון „נחמו, נחמו" און איז געפאַלן אונטער די נאַגייקעס; און דער רב, וואָס איז אין עסטאָנישן קאָנצענטראַציע־לאַגער געגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט אַ ספר־תורה און אַזוי געאַרבעט ביים גראָבן און טראָגן משׂאות, און אַזוי ריזיקירט טאָג־טעגלעך געכאַפּט צו ווערן ביים טויער מיט זיין פאַרבאַרגענער משׂא.

אפשר וועט דער געשיכטע־שרייבער זאָגן: אומבאַוואָפנט זענען זיי געפאַלן... און אפשר וועט ער פאַרשרייבן: אָט אַזוי האָבן זיי געשטעלט אַ מאָראַלישן ווידער־שטאַנד קעגן דער דייטשער כוונה צו צעברעכן דעם יידישן גייסט; אָט אַזוי האָבן זיי, אויף זייער אייגענעם אופן, זיך געראַנגלט. (ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „יידישער קעמפער", 28סטן יוני, 1946, ז' 9).

יאַלאָווקער רב ווערט פאַרברענט צוזאַמען מיט אַ ספר־תורה

יאַלאָווקע איז 14 וויאָרסט צו מערב פון סיסלעוויטש. אין יאָר 1942, אינעם חודש יולי, האָבן די נאַציס געפאָדערט פון די יידן, זיי זאָלן צושטעלן לעדער און אַ גרויסע סומע געלט. ווען דער פּרעזידענט פון יודענראַט האָט זיי געזאָגט, אַז ער קאָן דאָס נישט שאַפן, האָבן זיי גענומען דעם רב, אים אָפּגעשניטן די באָרד, אים געהייסן נעמען די ספר־תורה, אַרויפגיין אויף אַ בוים און אַראָפּשפּרינגען. דאַן זאָל ער פונאַנדערוויקלען די ספר־תורה און זאָל טאַנצן איבער איר. דאַן האָבן זיי געצוווּנגען דעם רב, ער זאָל מיט זיינע הייליקע הענט פאַרברענען די ספר־תורה. (גבית־עדות פון בערל אָרלאָווסקי. ירחמיאל ליפשיץ, פּליט־פּאַרטיזאַן, גיט איבער, אַז דער רב איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דער ספר־תורה. פון אַ בריוו פון אברהם און אננאַ אינעם ייוואָ־ארכיוו, ניו־יאָרק).

דייטשן צווינגען יידן צו טאַנצן אויף ברענענדיקע ספר־תורהס אין לוביטש

פייגע פּעסל בערגמאַן איז אַנטלאָפן פון טאָמאַשאָוו, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. זי איז געלאָפן איבער דערפער און שטעטלעך, ביז זי איז אָנגע־קומען אין אַ פינצטערער יום־כיפור־נאַכט קיין לוביטש. דאָרט איז זי מיט איר

טאַכטער און מאַן אַריין צו אַ באַקאַנטן ייד. מיט טרויעריקע פּנימער דערציילט מען איר, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען מיט אַ נאַכט פריִער.

די דייטשן זענען אַהין אָנגעקומען. ביי נאַכט האָבן זיי באַגאָסן די שול מיט בענזין און אונטערגעצונדן, דערנאָך האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלע יידן זיי זאָלן לויפן אָפּראַטעווען די שול. יידן זענען געלאָפן און די מערדער האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס. איין ייד איז נאָך געלונגען אַרויסצוכאַפּן אַ פּאָר ספרים פון ברענענדיקן אָרון־קודש. באַלד האָבן זיי געהייסן אַלע יידן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַרומטאַנצן אַרום דער שול, און מיט גומענע פּאַלקעס געקלאַפּט איבער די קעפּ. אַ טייל פון די רוצחים האָבן געשפּריצט וואַסער אויף די נאַקעטע יידן. אין אַ זייט זענען געשטאַנען דייטשן און פאָטאָגראַפירט די טרויעריקע סצענע. דערנאָך האָט מען זיי שנעל געהייסן אַנטלויפן. (פייגע פעסל בערגמאַן: „פינצטערע טעג פון מיין לעבן", „טאָמאַשאָווער יזכור־בוך", ניו־יאָרק 1965, ז' 713).

...און אין ראַדזין

ווען די עסעס־לייט זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו ווייזן זייער העלדישקייט. קודם כל האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין בית־המדרש און אין שול, אַרויסגענומען פון דאָרט די ספר־תורהס און אין אַ רעגנדיקן טאָג האָבן זיי אויסגעשפּרייט די ספר־תורהס אין דער בלאָטע פון הויף.

זיי האָבן דערנאָך געכאַפּט עטלעכע אַלטע יידן, אַרויסגעריסן זיי די בערד און האָבן מיט זיי געמאַכט אַ שפּיל. זיי האָבן באַפוילן זיי זאָלן טאַנצן אויף די ספר־תורהס און זינגער „מה יפית". (יהושע ראָזנקראַנץ: „ספר רדזין", תל־אביב, ז"ז 229 — 230).

קידוש־השם ביים ראַטעווען ספר־תורה אין שערפּץ

מיין פאָטער און איך זענען וואַכעדיק געלעגן אין די בעטן אין דער שטוב אַקעגן איבער דער שול, ווו עס האָט אַ מאָל געוווינט פינע מעקלער. פון מידקייט האָב איך איינגעדרימלט. מיין פאָטער וועקט מיר פלוצלונג: „שטיי אויף — עס איז פאַרפאַרן אַ מאַשין". מיר זענען ביידע אַרויס אין גאַס.

אין דער געדיכטער פינצטערניש האָבן מיר געהערט, ווי עס קייקלען זיך בלעכענע פעסער. מיר האָבן פאַרשטאַנען... מיר האָבן זיך אַדורכגעגנבעט פאַרביי דער גאַס, צו דער מזרח־וואַנט פון דער שול, און דורכן פענצטער אַריינגעקוקט. מיר האָבן געזען, ווי די דייטשן באַגיסן די ווענט מיט אַ פליסיקייט. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז זיי גרייטן זיך אונטערצוצינדן אונדזער שול. מיין פאָטער הייסט מיך

וועקן די שכנים. און ער אַליין איז אַוועק קעגן איבער דער גאַס. צו די אָפּענבאַכס, ווו די מוטער און די ברידער זענען געשלאָפן, כדי זיי אויפצוּוועקן. צוריקקומענדיק פון די שכנים בין איך אַריין צו דער באָבע דינה. די שוועסטער שׂרה־דבורה מיט איר מאַן, אליʼ גראָסמאַן, זענען שוין געווען אויף די פיס... די שול האָט שוין געברענט. פון שרעק איז די באָבע דינה פּאַראַליזירט געוואָרן אויף אַ האַנט און אַ פוס. איך האָבן די באָבע אַרויסגעטראָגן אויף די הענט צו דעם קריסט שאַלעצקי. און אָט ברענט שוין אונדזער הויז, ליטווינסקיס הויז, און דאָס פייער באַדראָט דאָס גאַנצע שטעטל. די מערדער האָבן זייער בעסטיאַלישן באַגער אויסגעפירט. זיי שטייען אויף דער גאַס מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן און פאָטאָגראַפירן די ברענענדיקע שול.

דערווייל האָבן די יידן פון גאַנצן שטעטל זיך אַ לאָז געטאָן מיט עמערס וואַסער צו דער ברענענדיקער שול. אין דעם מאָמענט האָט אַ קייט פון זעלנער פאַרהאַלטן די לויפנדיקע יידן. דאָך האָט אַ יינגל, אַ ישיבה־בחור, דעם פאַרבערס זון, אַדורכגעריסן זיך דורך די דייטשן און זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון דער שול, כדי אַ ספר־תורה אָפּצוראַטעווען. נישט ווייט איז דער ישיבה־בחור דערלאָפן. אַ קויל האָט אים געטראָפן און אויפן פלויט פון נייעם בית־המדרש איז ער געבליבן הענגען אַ טויטער.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, דאָס פייער האָט זיך צעבלאָזן און דאָס גאַנצע שטעטל באַדראָט פאַרברענט צו ווערן. דאַן האָבן די דייטשן מיט ווילדע געשרייען געטריבן די פאַרזאַמלטע יידן צו באַגיסן מיט וואַסער די שכנותדיקע הייזער. פון שטוב צו שטוב זענען די מערדער געלאָפן און געטריבן אַלע יידן פון די שטיבער, איינשליסנדיק פרויען, יינגלעך, מיידלעך און עלטערע מענער. בשעת מעשׂה האָבן זיי אַליין ראַבירט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ביז פאַר טאָג האָבן די יידן געקעמפט מיט דעם פייער. צו מאָרגנס האָבן זיך פרישע צרות אויף אונדז אַ שאָט געטאָן. (יעקב סקורניק: „קהילת שרפץ״, תל־אביב 1959, ז׳ 428).

געפרוּווט ראַטעווען אַ ספר־תורה

אויף ראָג גילדענע און רויטע (אין פּלאָצק), איז אַרויס פון זיין הויז ר׳ בער, אַן עלטערער ייד, פול מיט שרעק און אויך מיט אַ געפיל פון בטחון. ער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי מיט אַנדערע יידן, צו ווערן אַוועקגעפירט אין דער אומ־באַוווּסטקייט.

אַ דייטשער זעלנער האָט באַמערקט, אַז עפּעס באַהאַלט דער ייד אונטער זיין מאַנטל. ער איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ רציחה, אַ ריס געטאָן אים דעם מאַנטל און ס׳איז אַרויסגעפאַלן אַ ספר־תורה.

ר׳ בער האָט געפרוּווט די ספר־תורה אויפהייבן, אָבער דער דייטשער סאָלדאַט האָט אים אַ שטויס געטאָן און אים גענומען שלאָגן, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן אַן

כוחות. מיט שפּאָט האָט דער דייטש צעשפּרייט די יריעות איבער דער לענג פון גאַס און מיט אַ סאָלדאַטסקן טראָט געגאַנגען איבער דער צעוויקלטער ספר־תורה.

קורץ נאָך דעם האָט מען אָוועקגעפירט די יידן אויף וועגן פון פּיין, נויט און טויט. צוזאַמען מיט אַנדערע איז אויך ר׳ בער געוואָרן אַריינגעשטופּט אין לאָסטאָוויטאָ.

אַ טיפער אומרו האָט אים געטריבן מיטצונעמען די ספר־תורה. וואָס אין דער קומענדיקער שעה זאָל נישט זיין, וויל ער האָבן די ספר־תורה מיט זיך. (שלמה גרינשפּאַן: „יידן אין פּלאָצק״, ניו־יאָרק 1960, ז׳ 279).

רב ווערט פאַרברענט מיט דער ספר־תורה אין פשעוואָרסק

אין דער שטאָט פשעוואָרסק, מערב־גאַליציע, זענען די שול און דאָס בית המדרש געשטאַנען צוזאַמען.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי אונטערגעצונדן די שול און דאָס בית־המדרש. דעם רב מיט דער עדה יידן האָט מען געצוווּנגען שטיין דערביי און זען, ווי די שול און דאָס בית־המדרש ברענען.

פּלוצלונג האָט זיך דער רב געגעבן אַ רייס־אַרויס פון דער ערשטער ריי און איז אַריינגעלאָפן אין דער ברענענדיקער שול. נאָך אים זענען גלייך נאָכגעלאָפן צוויי יידן.

די דייטשן האָבן געשריגן: „שטיין בלייבן!״, אָבער דער רב און די צוויי יידן האָבן זיי נישט געהערט, און באַלד איז דער רב אַרויסגעקומען פון פייער מיט אַ ספר־תורה אין דער האַנט.

די דייטשן האָבן אָנגעשטעלט זייערע ביקסן אויף דעם רב און אויף די צוויי יידן, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסקומען פון דער ברענענדיקער שול און האָבן זיי דערשאָסן. („נצוצי גבורה״, פון משה פּראַגער, תל־אביב 1952, ז׳ 32).

בחורים און מיידלעך ראַטעווען ספר־תורהס פון ברענענדיקע שולן

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין אָליק, האָבן זיי פאַרברענט די גרויסע שול, גערופן „עשירי״, דעם סטעפּעניער בית־המדרש, דאָס חסידים־שולכל, דאָס שניי־דער־שולכל, דעם בוקר און דאָס סלאָנימער שולכל.

ווען די זעקס שולן זענען איינגעהילט געוואָרן אין פלאַמען, זענען מיר, יונגע

בחורים און מיידלעך אַריין אין די פלאַמען און אַרויסגעראַטעוועט ניין און דרייסיק ספר־תורהס.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט די שולן, איז יעדעס כאַטקעלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קודש־קדשים, און עלטערע לייט, וואָס זענען נישט געטריבן געוואָרן צו צוואַנגס־אַרבעט, האָבן גאַנצע טעג נישט אויסגעטאָן טלית און תפילין און געזאָגט תפילות, סליחות, תחינות און ווידוי.

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ רוף צום ווידערשטאַנד. צוויי און פערציק גבורים האָבן זיך אָפּגערופן צו קעמפן קעגן די דייטשן. מיר זענען געווען אין די וועלדער פון מאַכאָוו, אין די זשעקופּטשינער וועלדער, מיר האָבן געגראָבן טיפע בונקערס און מיר האָבן גענומען נקמה אין די דייטשן. (גבית עדות פון שלמה צאַם, פון טשעלסי, מאַסס).

ר׳ משה אבא קעסל פון שניפּישאָק

בשעת דעם פּאָגראָם אין שניפּישאָק, האָבן די דייטשן געצווונגען ר׳ משה אבא קעסל צו שפּרינגען איבער שייטערהויפנס מיט ברענענדיקע ספר־תורהס. ער האָט געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד.

ער איז אומגעקומען אין געטאָ (ווילנע) בשעת דער אַקציע פון די געלע שיינען אין יאָר 1941. (ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא אין אומקום און ווידערשטאַנד״, פּאַריז 1948, ז׳ 284).

געראַטעוועט יריעות פון דער שול אין ברעסלאַו

אין דער שטאָט ברעסלאַו (נידערשלעזיע) האָבן די דייטשן אויפגעריסן מיט דינאַמיט די שול. דער דונער פונעם אויפרייס האָט זיך געהערט אין דער גאַנ־צער שטאָט.

די דייטשן האָבן דערנאָך געשטעלט דייטשע היטער, זיי זאָלן נישט דערלאָזן קיין ייד צוקומען צו דער חרובער שול.

אָבער דאָך האָבן זיך אַריינגעגנבעט יידישע ייִנגלעך און געזוכט צווישן די חורבות: אפשר וועלן זיי אונטער דעם באַרג שטיינער און ציגל געפינען יריעות פון אַ ספר־תורה.

די יידישע ייִנגלעך האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און זיי האָבן אונטער די חורבות געפונען אַ צעריסענע ספר־תורה. זיי האָבן די יריעות פון דער ספר־תורה געבראַכט קיין ארץ־ישראל, אין ארץ־ישׂראל האָט מען צוגעשריבן נייע יריעות, די וואָס זענען צעשטערט געוואָרן, און די יידישע ייִנגלעך האָבן געפּייערט דעם סיום פון דער ספר־תורה. („נצוצי גבורה״ פון משה פּראַגער, ז׳ 33).

רבנים מיט ספר־תורהס אין די הענט אין גירוש טשערנאָוויץ

ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל פון גירוש טשערנאָוויץ, זענען יידן געוואָרן דערשטוינט. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן אַלע יידן געמוזט פאַרלאָזן זייערע הייזער, און אַלע האָבן זיי געמוזט גיין — אַלטע, יונגע, מענער, פרויען, קראַנקע און קינדער.

אין דער שפּיץ פון דעם גירוש־מאַרש זענען געגאַנגען רבנים מיט ספר־תורהס אין די הענט. די ספר־תורהס זענען געווען אָנגעטאָן אין די טייערסטע מענטעלעך, באַהאַנגען מיט די זילבערנע כתרס און ידן.

דער דאָזיקער מאַרש האָט באַרויקט די יידן. די יידן אַנטלויפן נישט. זיי גייען מיט זייערע ספר־תורהס אין זייער לעצטן וועג. (דאָרט, ז׳ 34).

מיט ספר־תורהס און מיט געזאַנג

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אַריין קיין זלאָטשעוו, ביי טאַרנאָפּאָל (2טן יוני 1941), האָבן די אוקראַיִנער און די דייטשע סאָלדאָטן אַרויס־געשלעפּט בערך דריי טויזנט יידן פון זייערע הייזער. מענער, פרויען און קינדער, צווישן זיי אַ סך פּליטים פון מערב־גאַליציע, האָבן זיי צונויפגעזאַמלט און פאַר־שלאָסן אין דעם הויף פון דער שול. דריי טעג זענען די יידן געזעסן צונויפגע־דרענגט אין דער שול און אין הויף, אָן עסן און אָן טרינקען. שבת האָבן די דייטשן און די אוקראַיִנער זיי אַרויסגענומען פון דער שול און אַוועקגעפירט אין דער פעסטונג, מחוץ דער שטאָט. די שול האָבן זיי אונטערגעצונדן. בעת די יידן זענען אַרויס פון דער ברענענדיקער שול, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך די ספר־תורהס. צווישן די יידן האָט זיך געפונען דער באַוווּסטער מקובל, איינער פון די עלטסטע חסידים פון דזשיקאָווער רבין, ר׳ מאיר אָפּן, אַ פּליט פון דער שטאָט ריישע. ער איז געגאַנגען בראש פון הונדערטער יידן, וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין טליתים, און וואָס פיל פון זיי האָבן געטראָגן ספר־תורהס אין זייערע אָרעמס. מען האָט זיי געפירט צו דעם מאַסן־קבר, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין די דריי טעג, ווען זיי זענען געווען פאַרשלאָסן אין שול־הויף. אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי געזאָגט הויך אויפן קול „רבנו צדיקים בה׳״. אַז זיי זענען צוגעקומען צו דעם מאַסן־קבר, זענען די מענער געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט און די פרויען און קינדער האָבן זיך צעוויינט. ר׳ מאיר האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, מיט

איין האָנט האַלטנדיק די ספר־תורה, און מיט דער צווייטער האָנט אַ שופר. זיין פנים האָט אויסגעזען, ווי פון אַ מלאך, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן פאַר דער הייליקער עדה יידן וועגן קידוש־השם, וועגן דער אייביקייט פון ישׂראל, וועגן גאָט פון נקמה, וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר דעם בלוט פון זיינע קדושים, און וועגן דעם, אַז די ערד וועט נישט פאַרדעקן דאָס אומשולדיקע בלוט. און אַזוי האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע נשמות. („יזכור" פון אליעזר אונגער, פאַרלאַג „מסדה", תל־אביב 1945, ז"ז 23 — 24).

אַ ספר־תורה אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וויטאַל

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וויטאַל, פראַנקרייך, זענען געווען יידן פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע — פון פוילן, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. צווישן זיי זענען געווען רבנים און שרייבער. די דאָזיקע יידן האָבן געהאָט אויסלענדישע פּעסער, און די דייטשן האָבן נישט געוווסט, וואָס מיט די דאָזיקע יידן צו טאָן.

אָבער איין טאָג איז געקומען דער באַפעל, אַז מען זאָל די אַלע יידן שיקן אין דער ריכטונג פון פוילן, אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

צווישן די לעצטע פאַרטריבענע יידן איז אויך געווען דער אַלטער רב פון אַנטווערפּן, בעלגיע. דער דאָזיקער רב איז געגאַנגען צום טויטנצוג פאַמעלעך. מיט איין האַנט האָט ער געפירט אַ יידיש יינגעלע, וואָס ער האָט געראַטעוועט דורך אַ נס און אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ספר־תורה.

די באַן האָט געריררט פון אָרט. אין זיינע ביידע הענט האָט דער רב געהאַלטן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: דאָס יידישע יינגל און אַ ספר־תורה. („נצוצי גבורה", פון משה פראַגער, ז' 35).

אַ ספר־תורה אין מאַטהאַוזען

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער מאַטהאַוזען האָבן זיך געפונען אונגאַרישע יידן, וואָס זענען אַהין געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן.

איין אונגאַרישער ייד האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ ספר־תורה. שבת אין דער פרי האָט דער ייד צונויפגענומען עטלעכע יידן, און איך בין אויך געווען צווישן זיי, און מען האָט געלייענט די פרשה פון דער וואָך.

אין צווישן איז אַריינגעקומען איינער פון די עסעס־לייט. ווען ער האָט געזען אַ גרופּע יידן זענען פאַרזאַמלט אין אַ באַראַק, האָט ער אָנגעהויבן שיסן. מיר

זענען אַלע פּאָר שרעק אַנטלאָפן. דער דייטש האָט נישט געקאָנט זיך באַרויקן. ער האָט געכאַפּט אַן אייזערנעם שטאַנג און אונדז אַנגעהויבן שלאָגן איבער די קעפּ. ווי דורך אַ נס זענען מיר ניצול געוואָרן. (פון אַ גבית־עדות פון הרב סיני אַדלער אין זשורנאַל „בית יעקב", ניסן תשכ"ג — 1963).

גערעטעוועטע ספר־תורהס

די יידן פון סוואַלק האָבן צונויפגעקליבן די ספר־תורהס, צווישן זיי פיל צע־ריסענע און האַלב־פאַרברענטע, און זיי געבראַכט קיין קאַלוואַריע. סך הכל איז געלונגען צו ראַטעווען בערך 60 ספרים. אין קאַלוואַריער בית־המדרש האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ באַזונדער ארון־קודש פאַר די סוואַלקער ספר־תורהס, און מיט אַ גרויסן גאַסן־פאַראַד האָט מען זיי געפירט פון קאַגאַנסקיס הויז ביזן בית־המדרש. מיט אַ געמיש פון טרויער און פרייד זענען אַלע נאָכגעגאַנגען נאָך דער חופה, טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אַלעמענס אויגן, און יעדערער האָט געטראַכט: דעם זעלביקן גורל פון די סוואַלקער יידן האָבן געטיילט זייערע הייליקע ספרים, אַ טייל טאַקע געראַטעוועטע, אָבער פיל צעריסענע, פאַרשעמטע. (יחזקאל בערלזאָן: „יזכור־בוך — סוואַלק", ניו־יאָרק, 1961, ז' 625).

די אָפּגעראַטעוועטע ספר־תורה אין בורשטין

פּיניע האָבער, דער איידעם פון אברהמציע יוסל־יונהס, האָט געשטאַמט פון באָהאָרודטשין. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין בורשטין האָט ער מיטגעבראַכט אַ ספר־תורה און האָט דאָס ספר אַריינגעגעבן אין דער סטרעטענער קלויז. דאָרט האָט ער געדאַוונט.

ווען די היטלער־באַנדעס האָבן אָנגעהויבן, באַלד נאָך זייער אַריינקומען אין שטעטל, צו פּלינדערן, רויבן, פאַראומרייניקן און שענדן די בתי־מדרשים און אַלץ, וואָס איז הייליק פאַר יידן, האָט פּיניע האָבער באַהאַלטן דעם ספר. ווו? — האָט קיינער נישט געוווּסט.

נאָכן באַפרייען בורשטין דורך די רוסן, אין 1944, ווען די איינצלנע יידן, וואָס זענען לעבן געבליבן, זענען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, זענען זיי געקומען אין שטעטל און געוויינט אויף די חורבות.

איין מאָל איז צוגעקומען אַן אַלטע אוקראַינישע פרוי צו יעקב פעלדמאַן און האָט אים דערציילט, אַז סוף 1941 האָבן איר פּיניע האָבער און מרדכי בערנ־שטיין איבערגעגעבן צו באַהאַלטן אַ ספר־תורה. זיי האָבן געקענט די אַלטע פרוי,

זי איז געווען אַ „סובאָטניצקע״ (געהאַלטן פון שבת אַלס רוטאָג, אַנשטאָט זונטיק). מען האָט זי גערופן „די סטעפּאַנקע״. זי האָט ביי זיי געגומען דאָס ספר, געמאַכט אַ ספּעציעלן בונקער און דאָרט באַהאַלטן די ספר־תורה, אַרומגעלייגט מיט היי, כדי עס זאָל נישט צוקומען קיין פייכטקייט. די אַלטע פרוי האָט געבעטן פעלד־מאַנען, ער זאָל אָנטאָן אַ היטל און גיין מיט איר.

דאָס ספר איז געווען אין דער באַהעלטעניש געגנוי, ווי זי האָט דערציילט. די פרוי האָט איבערגעגעבן דאָס ספר יענקל פעלדמאַן, דעמאָלט דער מאַן פון דאזיע, פּיניע האָבערס טאָכטער.

דאזיע און יענקל פעלדמאַן זענען נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען אין יאָר 1948 קיין ישׂראל, זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די אָפּגעראַטעוועטע ספר־תורה.

דאָס ספר געפינט זיך היינט אין בעסטן צושטאַנד אין דער שול ווו פעלדמאַן דאַוונט. (יוסף שוואַרץ: „ספר בורשטין״, ירושלים—תל־אביב, 1960).

מיידעלע ראַטעוועט ספרים פון שייטערהויפן

ס׳איז געקומען ראש־השנה 1941. איך בין געווען קראַנק, געלעגן אין בעט. קיין דאָקטער איז אין שטעטל (גראָדזשיסק, מערב־גאַליציע) נישט געווען. פון בעט האָב איך נישט געקאָנט אַראָפּ. און דאָ, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נאָך מיטאָג, הערט מען, אַז די רוצחים קומען — ווי אַלע מאָל — אין אַ יידישן יום־טוב. דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, איז זיך צעלאָפן, זיך באַהאַלטן ווו איינער האָט נאָר געקאָנט. איך רוף צום בעט מיינע קינדער, מיין שוועסטער, און מען וואַרט אויפן טויט.

געוווינט האָבן מירביים הויפּט־אַריינקום פון שטעטל. מיר זעען, ווי די רוצחים לויפן איבער די יידישע הייזער. ווען זיי געפינען קיינעם נישט, כאַפּן זיי אַ שגץ און הייסן אים אַרויסטראָגן פון אַלע שטיבלעך די ספרים און טליתים. זיי האָבן אָנגעטראָגן גאַנצע בערג, אונטערגעצונדן, און דערביי ווילד געשריגן:

— ווו ביסטו, הייליקער מאָזעס? העלף דיינע יידן! מיר וועלן זיי שוין העלפן!

אַלע הייזער זענען שוין חרוב געמאַכט, און זיי קומען צו אונדזער הויז. דאָס ערשטע האָבן זיי אויסגעהאַקט די שויבן מיט די רעוואָלווערן, צעהאַקט די פענצ־טער־ראַמען און ווילד געשריגן: „דאָ זענען יידן!״ זיי זענען אַריין צו אונדז אין שטוב. איינער האָט ביים צעהאַקן די שויבן זיך צעבלוטיקט די פינגער און דאָס ערשטע האָט ער באַפוילן מיין שוועסטער, זי זאָל אים באַנדאַזשירן דעם פינגער. דאַן האָבן זיי געפרעגט פאַר וואָס איך ליג אין בעט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין קראַנק. זייער ענטפער איז געווען: „אויב דו ביסט קראַנק, מוזסטו שטאַרבן!״ פאַר שרעק זענען מיר ווי געליימט געווען און געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט קומען.

געהאַט האָבן מיר אַ סך ספרים און ביכער, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון אונדזער היים. ווען זיי האָבן דערזען די שאַנק מיט ספרים און ביכער, האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן אַלץ אין הויז און אַלע צעבראָכענע שטיקער מיר געוואָרפן אין פּנים אַריין. איך האָב נאָר מיין קליין קינדס קעפּעלע צוגעדעקט מיט מיינע הענט און עס באַשיצט, ווי ווייט איך האָב געקאָנט. דאַן האָבן זיי באַפוילן מיין עלטער קינד, זי זאָל אַרויסטראָגן צום פאַרברענען אַלע ספרים און ביכער אין מאַרק אַריין, אויף דעם באַרג ספרים און טליתים, וואָס האָבן שוין געברענט.

מיין קינד האָט געוווּסט ווי טייער די ספרים זענען ביי מיר, ספּעציעל דער תנ״ך, ביאַליקס שירים און אַנדערע ביכער. זי האָט געוווּסט, ווי מיין מאַן האָט באַזונדערס טייער געהאַלטן איין ספר, וואָס דער קענטער רב לאַנדוי (דעם ערשטן נאָמען געדענק איך נישט) פון אָשוויענטשים, מיין מאַנס אַ קרוב, האָט אים געגעבן אַ מתנה בעת אַ חתונה אין דער משפּחה און האָט אים געזאָגט, אַז „אין דעם ספר איז אייער יחוס־בריוו, וואָס ציט זיך ביז צום רמ״א״.

דאָס הייזל, וווּ מיר האָבן געוווינט, האָט געהאַט אַ פאָרהויז און צוויי שטובן פוןביידע זייטן. אין איין זייט האָבן מיר געוווינט און אין דער צווייטער — אַ יידי־שער בעל־מלאכה. אין עק פון פאָרהויז איז געווען אַ פינצטער שטעלעכל, וווּ זיי האָבן געהאַלטן אַ קו. האָט מיין קליינע חכמה זיך גוט באַרעכנט און אַלע ספרים און ביכער געלייגט אויף איר קליין הענטל אויף אַזאַ אופן, אַז די מיט העברעיִשע רוקנס (זי איז געווען אַ שילערין פון דער תרבות־שול), האָט זי געלייגט פון אויבן. אַרויסטראָגנדיק די ביכער, האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אויף צוריק און אַריינגע־וואָרפן די אויבערשטע ספרים אין שטאַל צו דער קו און דאָס רעשט צוגעטראָגן צום שייטערהויפן מיט דעם באַרג ספרים. דאָס פייער איז געוואָרן גרעסער און גרעסער און זיך געריסן און געשריגן צום הימל.

אַזוי האָט די קליינע העלדין אָפּגעראַטעוועט דאָס, פאַר וועלכע אַזוי פיל יידישע דורות האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס. דער נס איז געווען גרויס. די טייוולאָנים אין זייער שדים־טאַנץ האָבן איר נישט נאָכגעקוקט.

ווען אַלץ אין שטוב איז שוין געווען חרוב, זענען מיר געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע, אָבער ווי איבעראַשט זענען מיר געוואָרן, אַז נאָך די מיאוסע זידלערייען, זענען די רוצחים אַרויס פון שטוב, זיך געזעצט אויף די מאָטאָציקלען און אַוועק־געפאָרן. (בערטאַ פערדערבער־זאַלץ: „און די זון האָט געשיינט״, פאַרלאַג „המנורה״ תל־אביב 1965, ז״ז 49—51).

שמש שטאַרבט אין לעמבערג ווען שול ווערט פאַרברענט

דעם „טעמפּל״ (אין לעמבערג) האָבן די דייטשן פאַרברענט אין אויגוסט 1941. די געביידע האָט געברענט אין משך פון עטלעכע טעג. טויזנטער יידן האָבן אין

שטומען שווייגן צוגעקוקט, ווי עס ווערט פאַרצערט אין פלאַמען די הונדערט־יאָריקע געביידע.

אין דעם גרויסן עולם צוקוקערס איז געשטאַנען דער אַלטער, 70־יאָריקער שמש פון דער שול, באָוער. יעדן טאָג, אין משך פון פערציק יאָר, האָט ער אין דער פרי און אין אָוונט געעפנט די טויערן פונעם געבעטהויז. ער האָט פערזענלעך געקענט די לעבנס־געשיכטעס פון פיל פון די, וואָס זענען אַוועק אויף אַ בעסערער וועלט.

דאָס בילד פון דער ברענענדיקער שול איז געווען מוראדיק. געלע פלאַמען־צונגען האָבן זיך געריסן צום הימל, פאָדערנדיק נקמה. דאָס בילד האָט אויפגעצ־ציטערט באָוערן ביז די טיפעניש פון זיין נשמה. זיין האַרץ האָט נישט אויס־געהאַלטן. צווישן עולם האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער געיאָמער: דער אַלטער שמש איז געפאַלן טויט. (פראַגמענט פון ד״ר ק. קאַראַנזס „אין לעמבערג איז קיין שול נישט געבליבן״, „אייניקייט״, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1945).

דייטשן צווינגען יידן צו חתמענען, אַז זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן די שול אין קרעמעניץ

אין איינער אַ נאַכט זענען אַלע יידן אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ גרויסן פלאַמען־אויסגוס אין דער שטאָט. קיינער האָט ביים אָנהייב נישט געוווּסט וואָס איז געשען. אינעם ערשטן מאָמענט האָט מען זיך אויסגעמאָלט, אַז דאָס זענען רעפלעקטאָרס פון דער סאָוויעטישער זייט, וואָס גרייטן זיך צו אַן אָנגריף, און מ׳האָט זיך געוואָלט טרייסטן, אַז מען וועט גיך באַפרייט ווערן. די איינרעדעניש איז באַלד צעשוווּמען געוואָרן, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז די גרויסע שול אַרומגענומען אין אַ העליש פייער. ביטער האָבן יידן געוויינט. די שול איז געווען געבויט פון גרויסע דיקע שטיינערנע ווענט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נאָך אַ טאָג פריִער האָט די געסטאַפּאָ פאַריאָגט דעם שמש און אויסגע־רויבט אַלע טייערע חפצים. זיי האָבן אַריינגעשטעלט אינעווייניק פעסער מיט בענזין און אַנדערע אויפרייס־מאַטעריאַלן און די שול אונטערגעצונדן. אַרום דער שול האָט מען אַוועקגעשטעלט פייערלעשער צו באַוואַכן, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט אויסשפּרייטן. דער גאַנצער הילצערנער אינגעווייד איז פאַרברענט געוואָרן מיט דעם שיינעם ארון־קודש. נאָר די ווענט זענען געבליבן. נאָך דער שׂריפה איז די געסטאַפּאָ געקומען אין „יודענראַט״ אויף אַ כלומרשטער אויספאָרשונג, ווער עס האָט פאַרברענט די שול, און דערביי געצוווּנגען צו חתמענען אַ פּראָ־טאָקאָל, אַז די יידן האָבן אַליין די שול אונטערגעצונדן.

נאָך מיט עטלעכע טעג פריִער האָבן דייטשע סאָלדאַטן געפּראָוועט אַן אינק־וויזיציע־שפּיל אין דער שול. זיי האָבן געכאַפּט דעם ייד ליפין און אים געצוווּנגען

צו ברענגען אַ מנין יידן אין שול אַריין. די געבראַכטע יידן האָט מען געצוווּנגען אָנצוטאָן טליתים און דאַוונען. פאַרצווייפלטע און דערשראָקענע האָבן די יידן זיך איינגעהילט אין די טליתים און שטיל געדאַוונט. די דייטשע חיות האָבן געפאָדערט צו דאַוונען אויפן קול. זיי האָבן איבערגעקערט די שטענדערס — און ליפּין האָט געמוזט שלאָגן די יידן, זיי זאָלן טאַנצן אַרום די שטענדערס. ווען זיי איז נישט געפעלן געווען דאָס רחמנות־שלאָגן פון ליפינען, האָבן זיי אַליין געממיתט זייערע קרבנות. נאָכן שדים־שפיל האָט מען די יידן צעטריבן. (ב. שוואַרץ: „פנקס קרמניץ, ספר זכרון", תל־אביב, תשי"ד (1954) ז"ז 420 — 421).

דייטשן צינדן אונטער די שערפּצער שול

דאָס איז געווען אין דער צווייטער נאַכט סוכות, נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אַריין קיין שערפּץ. ליגנדיק אין אַן אומרויִקן שלאָף, וועלכער איז פול מיט שרעקנס־בילדער ווער איך פלוצלונג אויפגעוועקט פון אַן אוממענטשלעכן געשריי: „די שול ברענט!". מיינע עלטערן און איך האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן, און אַ קוק געבנדיק דורך די הינטערשטע פענצטער אין דער ריכטונג פון שול, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: די גאַנצע געגנט איז באַלויכטן פון פלאַמען, וואָס האָבן אַרומגענומען די שול. די געשרייען פון די מענטשן, וועלכע לויפן אַרום, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, גרייכן ביז צום הימל. די אַרומיקע שכנים, וואָס געפינען זיך אין דער געגנט פון שול, טראָגן אַרויס זייער האָב און גוטס פון די הייזער, וועלנדיק עס ראַטעווען פון פייער.

צוזאַמען מיט נאַשעלסקין לויף איך אַרויס אין גאַס כדי צו העלפן לעשן. דערווייל האָט זיך דאָס פייער פאַרשטאַרקט און זיך אַריבערגעטראָגן אין די שכנותדיקע הילצערנע הייזער, וווּ עס האָט געלעבט סעראָקעס פאַמיליע. יונג און אַלט איז געלאָפן מיט עמערס וואַסער צו העלפן ראַטעווען דאָס הייליקע אָרט. העלפנדיק לעשן, שפיר איך ווי פאַרביי מיין קאָפּ פליִען פאַרביי קוילן. די דייטשן אַרום שרייען, און פלוצלונג זע איך, ווי פאַרבערס זון, וואָס איז געלאָפן מיט אַן עמער וואַסער, ווערט געטראָפן פון אַ קויל און ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים פאַלט ער אַנידער. ער איז געלאָפן ראַטעווען אַ ספר־תורה. זיין טויטער קערפּער איז אַזוי ליגן געבליבן ביז אויף מאָרגן פרי. די דייטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, האָבן געשריגן און געזוכט די יעניקע, וואָס האָבן די שול אונטערגעצונדן. אָבער מיר האָבן גוט געוווּסט ווער עס האָט דאָס געמאַכט; די דייטשן האָבן אונדז נישט געקענט אָפּנאַרן.

דער פּוילישער וועכטער האָט אויף צו מאָרגנס באַשטעטיקט אונדזער חשד. ער האָט דערציילט, אַז אַרום 2 אַזייגער ביי נאַכט זענען געסטאַפּאָ־אַגענטן צוגעפאָרן מיט אַ לאַסטאויטאָ צו דער שול, באַגאָסן זי פון אינעווייניק און אויסנווייניק מיט בענזין, און אונטערגעצונדן.

דער צענטער פון יידישקייט, דאָס הייליקסטע אָרט אין שטעטל, איז דורך די באַרבאַרן געפאַלן אַ קרבן. קיין מאָל וועלן מיר עס זיי נישט פאַרגעסן. (א. מייראַנץ: „דאָס אונטערצינדן די שול", זאַמלבוך פון שערפּצער שארית החורבן, 1939 — 1945, אַרויסגעגעבן 1948, פון שערפּצער קאָמיטעט אין דייטשלאַנד, ז"ז 17 — 18).

אומקום פון אַ מנורה

סווירזש איז געלעגן אויפן וועג צווישן בויבערקע און פּרעמישליאַן. אַז מ'איז געפאָרן פון בויבערקע קיין פּרעמישליאַן איז מען דורכגעפאָרן סווירזש. דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. פון צפון־זייט איז דאָס שטעטל געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויס וואַסער, וואָס מ'האָט גערופן דער סווירזשער טייך.

אין דער שול פונעם שטעטל איז געווען אַ מנורה, אַן אַנטיק, מיט זיבן שטאָק. אויך די מנורה איז פאַרבונדן מיט אַ לעגענדע. ס'הייסט, אַז די מנורה האָט אַ פּויער נישט ווייט פון סטרעליסק געפונען אויף זיין פעלד. און באַלד איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן יידן און גוים, צו וועמען עס געהערט די מנורה. איז איינער געפאַלן אויף זייער אַן אָריגינעלן געדאַנק: מען זאָל אַרויפלייגן די מנורה אויף אַ וואָגן, מ'וועט איינשפּאַנען צום וואָגן אַ פּאָר אָקסן און מ'וועט זיי לאָזן גיין; אויב זיי וועלן צופאָרן צו אַ שול, פאַרשטייט זיך, אַז די מנורה געהערט צו די יידן, וועלן די אָקסן אָבער גיין צו אַ קלויסטער — געהערט די מנורה צו די גוים. מ'האָט אַזוי געטאָן, און די אָקסן זענען צוגעפאָרן צו דער שול. אַזוי איז די מנורה געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער סווירזשער שול.

די מנורה האָט איבערגעלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה, ווייל מ'האָט די מנורה פאַרגראָבן אין דער ערד. אָבער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די מנורה אומגעקומען גלייך מיט אַלע סווירזשער יידן. ((חיים קאָרטן: „דער אומקום", אין ספר „לזכר קהילת בוברקא ובנותיה", ישׂראל — ארצות הברית, 1964, ז' 195).

יידן דאַווגען

געהיימע שטיבלעך אין וואַרשעווער געטאָ

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען געהיימע שטיבלעך, ווו יידן האָבן גע־דאַוונט בסוד.

אַזוי איז אויף איין קליינער גאַס, אויף דער מלאַווסקע־גאַס, אין הויז נומער 3, געווען אַ קליין געהיים שטיבל אויפן פערטן שטאָק, אין דער דירה פון רבין ר׳ אברהם־חיים דאַנציקער, אַ ברודער פון אַלעקסאַנדער רבין; אין הויז נומער 5 האָט מען געדאַוונט בקביעות אין דער דירה פון אברהם געלבאַרד, איינער פון די סאָכאַטשעווער חסידים; אויך איז געווען אַ מנין אין דער דירה פון יאַנקל באַש, איינער פון די מעזריטשער חסידים. (גבית עדות פון אברהם הענדל אין זשורנאַל „בית יעקב״, ניסן תשכ״ג).

יידן דאַוונען אין קאָוונע

דעם 26סטן אויגוסט 1942, האָט דער שטאַט־קאָמיסאַר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס האָט געענדערט דעם גאַנצן סדר אין לעבן אין געטאָ.

„מען טאָר נישט אָפּריכטן קיין תפילות אין געטאָ״, איז געווען דער באַפעל.

אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן יידן זיך איינגעשטעלט און געעפנט די שולן, געדאַוונט בציבור, געלערנט משניות און גמרא, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער סכנה, וואָס ס׳האָט זיי געדראָט. (ל. גאַרפינקל אין זיין בוך: „קובנה היהודית בחורבנה״).

געהיימע מנינים אין ביאַליסטאָק

אין ביאַליסטאָק זענען אין יאָר 1943 אַלע בתי־מדרשים געוואָרן געשלאָסן. דער גרעסטער טייל פון די שולן און בתי־מדרשים זענען פאַרברענט געוואָרן, די איבערגעבליבענע האָבן די דייטשן פאַרמאַכט.

די יידן פלעגן דאַווענען אין געהיימע מנינים. געוועזן פאַלן, ווען די „געסטאַפּאָ" האָט געטראָפן אַזעלכע מנינים און האָט אַלע יידן אַרעסטירט. (גבית עדות פון יענטע לייזערסאָן פון ביאַליסטאָק, כתב־יד אין ייוואָ־אַרכיוו, ניו־יאָרק).

יידן דאַווענען אין געהיים אין טרעבלינקע

די פרומע יידן האָבן זיך געשאַפן אַ מנין, פאַר טאָג און פאַר נאַכט האָבן זיי געדאַוונט בציבור אין דעם טישלער־ווערקשטעל. כאָטש האָט זיי דאָס ביסל פאַר־גניגן אויך נישט געקאָנט פאַרגינען — און דעם מנין צעטריבן. ערשט נאָך אַן אינטערווענץ אין דער פאַרוואַלטונג, איז דער מנין צוריק איינגעשטעלט געוואָרן. (אָסקאַר סטראַווטשינסקי: „צען חדשים טרעבלינקע", כתב־יד אין ייוואָ־אַרכיוו, ניו־יאָרק).

איז זיך מוסר־נפש צו לייגן תפילין

איך וויל דאָ דערציילן אַ קאַפּיטל גבורה פון אַ גאַוואַראָווער ייד, ר' איצעלע, וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען צוליב לייגן תפילין און דאַווענען יעדן טאָג, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז דאָס וועט אים קאָסטן דאָס לעבן.

דער ראש פון לאַגער איז געווען אַ געוויסער איוואַן, אַ נ.ק.וו.־דיסט, אַ רשע־מרושע, וואָס האָט געהאַט אַן אַלערגישע שנאה צום יידישן דת. קיין זאַך האָט אים נישט אַזוי געאַרט, ווי טאָמער ווען יידן אָנטאָן טלית און תפילין און דאַווענען.

איך ווייס נישט פאַר וואָס איך בין איוואַנען געפעלן געוואָרן און ער האָט מיר געמאַכט פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן פון גאַנצן לאַגער. אפשר דערפאַר, ווייל איך בין געווען דאָרט דער בעקער און איך האָב אים אַלע מאָל אונטערגעטראָגן אַ פריש בולקעלע. איוואַן האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אים מעלדן, ווען יידן דאַווענען, כדי ער זאָל קומען און זיי באַשטראָפן. ער האָט מיר דערביי געוואָרנט, אַז טאָמער וועל איך פאַר אים פאַרהוילן, וועט ער מיר אַרויסנעמען פון בעקעריי און שיקן אין וואַלד אַריין.

עס איז געקומען ערב יום־כיפור צו כל־נדרי. איך האָב זיך איינגעהילט אין

טלית און זיך פאַרגראָבן אין אַ ווינקעלע. מער וואָלט מיר נישט געפעלט, נאָר איוואַן זאָל זיך דערוויסן, אַז איך אַליין דאַוון. צו מאָרגנס, יום־כיפור, האָבן זיך די עלטערע יידן פאַרשטעקט אין אַ זייטיקן קאַמער צום דאַוונען. איוואַן האָט זיי געזוכט און נישט געפונען. ער האָט מיך געשיקט זיי זוכן. איך בין אַוועק און שנעל געהייסן אַלעמען זיך צעלויפן. איך האָב געענטפערט איוואַנען, אַז איך האָב קיינעם נישט געטראָפן. דאָך האָט איוואַן אָנגעטראָפן אַ סוואָלקער זייגערמאַכער, ווי ער טראָגט אַ מחזור אונטערן אָרעם. ער האָט געקריצט מיט די ציינער, אָבער ער האָט אים גאָרנישט געקאָנט טאָן — נישט געכאַפּט בשעת־מעשׂה.

איין מאָל האָט איוואַן צופעליק באַמערקט, ווי ר׳ איצעלע שטייט אין טלית און תפילין און דאַוונט. די „יוכע״ האָט אים אַ שלאָג געגעבן צום קאָפּ. ער האָט אַראָפּגעריסן פון אים דעם טלית און באַפאַלן ווי אַ גזלן, געשריגן און געליאַרמט. „נאָך איין מאָל״ — האָט ער אים געוואָרנט — „אַז איך וועל דיר טרעפן דאַוונען, וועסטו פון טורמע נישט אַרויס״.

מיר האָבן געבעטן ר׳ איצעלען ער זאָל האָבן רחמנות אויף זיך און דאַוונען אָן טלית, ווייל דער רשע האָט שוין געלייגט אַן אויג אויף אים. עס איז דאָך סכנת־נפשות. ר׳ איצעלע האָט געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט. צו מאָרגנס האָט ער ווייטער געטאָן דאָס זייניקע, געדאַוונט אין טלית און תפילין, ווי קיין מאָל גאָרנישט.

איוואַן האָט זיין דראָונג מקיים געווען. ער האָט אים אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין טאַטשימסקער טורמע.

ר׳ איצעלע האָט די טורמע־באַדינגונגען נישט געקאָנט דורכטראָגן. ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

פאַר אונדז אַלעמען איז קלאָר געווען, אַז ר׳ איצעלע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון זיינע מעשׂים און ער האָט קלאָר געוווּסט, אַז מיט זיין דאַוונען אין טלית און תפילין שטעלט ער זיין לעבן אין געפאַר. ער איז אָבער גרייט געווען צו גיין אויף קידוש־השם.

זאָל טאַקע אַזאַ פאַל פון גבורה פאַרצייכנט ווערן אין דער יידישער געשיכטע.

(ק. נח: „גאָוואַראָווע״, תל־אביב 1966, ז׳ 426).

ייִד וויל מיטנעמען טלית־און־תפילין

די פּאָליציי איז באַשטאַנען פון אַ פּאָלקס־פרעמדן אָדער גאָר פאָלקס־פיינט־לעכן עלעמענט. און זיי זענען נישט עומדים בנסיון געווען. ווען עס איז אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט — לויט זיי האָבן געמיינט — זיך צו ראַטעווען אויף די קאָסטן פון יענעמס טייל לידן, האָבן זיי זיך קיין איין רגע נישט קיין וואַקל געטאָן — — —

איך דערמאָן זיך: איך גיי אויף דער זאַמענהאַף־גאַס. ביים טויער נומער 11 הער איך אַ געשריי. איך גיי צו און זע ווי אַ יידישער פּאָליציאַנט אַמפּערט זיך מיט

אַן עלטערן חסידישן ייד. דער פּאַליציאַנט שלעפּט אים און יענער רייסט זיך אַרויס. וווהין וויל ער אים נעמען? צום „אומשלאַג"־פּלאַץ.

איך קען זיך נישט איינהאַלטן און פרעג: אין וואָס גייט דאָ? הייבט אָן דער ייד מיר צו דערציילן, אַז דער פּאַליציאַנט האָט אים געפונען אין אַ באַהעלטעניש, און וויל אים נעמען צום „אומשלאַג"; ער האָט נישט קיין „נומערל", מילא, איז ער גרייט צו גיין; אַ ברירה האָט ער? נאָר וואָס, ער וויל מיטנעמען טלית און תפילין — און דער פּאַליציאַנט איז נישט מסכים דערויף.

איך הייב אָן איינצוטענהן מיטן פּאַליציאַנט, אים בעטן, איבערצייגן; ס'העלפט נישט. איך שטעל זיך פאַר פאַר אַ יידישן זשורנאַליסט, יענער, אַן אַסימילירטער יונג, ווייסט נישט פון מיר. ענדלעך — אַ הונדערט זלאָטעס האָט דעם יידן אָפּגע־ראַטעוועט — דערוויל. (ד"ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוע־נאָס־איירעס 1947, ז"ז 153 — 154).

געמוזט טאַנצן אין טלית־און־תפילין

מען האָט מיך און דעם ח' מינץ גענומען אויף אַרבעט. מיר האָבן ביידע געדאַרפט אויסרוימען די יידישע געשעפטן. אָבער די אַרבעט איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי איינפאַך. אַלע 15 — 20 מינוט פלעגט מען אונדז שטעלן צו דער וואַנט און אָנלאָדן די ביקסן צים שיסן. עטלעכע מאָל האָבן זיי אויך געשאָסן. מיר פלעגן דאַן ווידער אָנלאָדן די וועגענער מיט סחורות און אונטער אַ האָגל פון קלעפּ האָבן מיר זיך געמוזט איינשפּאַנען ווי פערד און שלעפּן די וועגענער צו די ס.ס.־מאַגאַזינען, פון וואַנען מען האָט די סחורה אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

אין איין מאַגאַזין האָבן מיר געפונען טלית־און־תפילין. די ס.ס.־מענער האָבן זיך שטאַרק דערפרייט און זיי האָבן מיך געצוווּנגען עס אָנצוטאָן, און אַזוי, אין טלית און תפילין, אַרומצוגיין איבער די שערבצער גאַסן און שרייען „שמע ישראל". אויסער דעם האָב איך געמוזט אין דעם זעלבן הולך טאַנצן און מאַכן גימנאַסטיק. ערשט אין אָוונט איז אַ דאַנק אַ צופאַל מיר געלונגען צו אַנטלויפן. (א. מיי־ראַנץ: „קהילת שרפּץ", תל־אביב, 1959, ז' 437).

אַ יידיש האַרץ

דאָס נייע בית־המדרש, וואָס איז געשטאַנען קעגן דעם הויז, ווו מיר האָבן זיך איצט געפונען, איז געווען פול מיט איינקוואַרטירטע סאָוויעטישע זעלנער. זיי פלעגן זייער אָפט אונדז באַזוכן, צוליב נייגעריקייט, כדי אָנצוקוקן איבער־געבליבענע יידן. היינטער דער שטאָט האָט זיך אויך געפונען פיל מיליטער, צווישן זיי אויך יידן. אַז די יידישע זעלנער און אָפיצירן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונדז,

זענען זיי גיך געקומען, מיטברענגענדיק ברויט און קאָנסערוון, וואָס איז געווען שווער צו באַקומען אַפילו פאַר געלט. זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן אונדז געקושט און פאַר גרויס שׂמחה געדריקט צום האַרצן.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם רירנדיקן מאָמענט, ווען שבת אין דער פרי איז אַ דיוויזיע פון מיליטער מיט טאַנקען און פאַרשידענע שווער־געווער געבליבן שטיין אויף דער שעדלעצער גאַס, וואַרטנדיק אויף אַ באַפעל פון גענע־ראַל־שטאַב צו מאַרשירן. אין דעם מאָמענט איז פון אַ טאַנק אַרויסגעשפּרונגען אַ הויכער יידישער אָפיציר, וועלכער האָט זיך דערוווּסט, אַז נישט ווייט פון אים געפינען זיך יידן. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר און אָנגעהויבן מיך קושן און וויינען. יידיש האָט ער געקענט געציילטע ווערטער, רוסיש ווידער האָב איך נישט געקענט. ער האָט צעפּראַלט דעם זעלנערישן שינעל און אויסגערופן: „איך האָב אַ יידיש האַרץ". וואָס פאַר אַ טייערע זענען דאָס די רוסישע יידן. זייער האַרצי־קייט און מסירת־נפש פאַר אַ ייד איז דאָך אַזוי גרויס! מיר האָבן זיי געזען אין שווערע באַדינגונגען, דיסציפּלינירט, צווישן גויים אין מיליטערישע קליידער. טראָץ דעם האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל וואַרעמקייט און אונדז געהאָלפן אַרי־בערצוטראָגן די ערשטע שווערע טעג און אויך געבראַכט זייער יידישן פעלד־דאָקטאָר צו אונדזערע קראַנקע. ווי אייביק זענען די ווערטער: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". (פּנחס ראַפּאַלאָוויטש: „ספר זכרון סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי", תל־אביב, 1962, ז' 421).

יידן גרייטן זיך צו קידוש־השם

דער יום־הדין פון אומקום פון שטעטל פּריסטיק, מערב־גאַליציע, איז אויס־געפאַלן י"ח תמוז — 3טן יולי, 1942.

שלמה שמידט דערציילט אין זיין טאָגבוך, ווי אַזוי יידן זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם:

אַ באַפעל איז אַרויס פון דער געסטאַפּאָ, אַז אַלע יידן מיט זייערע פאַמיליעס זאָלן יענעם טאָג, זעקס אַ זייגער אין דער פרי, צו דער מינוט, זיך צונויפקלייבן אויפן פּיפּלאַץ, אויפן פלאַץ, וווּ די פּויערים ברענגען זייערע בהמות און פערד צו פאַרקויפן. און ווער עס וועט זיך נישט יאַווען, וועט ווערן דערשאָסן.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, געטראַכט וועגן יום־הדין, וואָס גייט אויף אונדז.

איך האָב מיינע קינדער ביי נאַכט געבאָדן, אָנגעטאָן פרישע וועש, אָפּגעשוירן די נעגל, טאָמער וועט מען, חלילה, זיי הרגענען, האָב איך זיי פריִער מטהר געווען.

פריידע גיטל קופערבערג גייט פאַרביי אונדזער הויז, זי ווייזט, אַז זי האָט אָנגעטאָן די תכריכים. יצחק און נעכי טעפּער האָבן אויך אַזוי געטאָן.

יעדער גייט משפּחהוויַיז. איך גיי מיט מיין פיר־און־אַכציק־יאָריקער מוטער, מיט מיין פרוי און קינדער אויף דער טאַרגאָווע (מאַרק־פּלאַץ).

לויטן באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, האָט יעדע גרופּע געדאַרפט שטיין באַזונדער. די וואָס אַרבעטן ביי דער פירמע אַלבערט, באַזונדער; ביי דער פירמע טאָט, באַזונדער; קהל (יודענראַט), באַזונדער; יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף, באַזונדער; די פרויען מיט זייערע קינדער, וואָס זייערע מענער אַרבעטן ביי פירמעס, באַזונדער.

מיין פרוי מיט די קינדער האָבן זיך געשטעלט צוזאַמען מיט דער גרופּע פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף. מיין זון צבי — מיט די אַרבעטער פון דער פירמע אַלבערט; מיין זון משה — נישט ווייט פון מיר, מיט די אָנגעשטעלטע פון אַרבעטס־אַמט (ביידע זיין אומגעקומען).

די אָרדנונגס־פּאָליציי קאָנטראָלירט צי עס פעלט נישט עמעצער. דער שעף פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי, טעפּער, קומט צו צו שמואל באַלדינגער און מעלדעט אים, אַז חיים מאיר בראַנער פעלט. ער הייסט אים גיין ברענגען, טאָמער, חלילה, פעלט ווער, קאָן מען אַלע יידן אויסשיסן.

אין פינף מינוט אַרום קומען צוריק טעפּער און הענעך מיזלער און זיי דער־ציילן: מיר קומען צו חיים מאירן אין שטוב. ער איז נישטאָ. מיר גייען אַרויף אויפן בוידעם, טרעפן מיר אים זיצן און זאָגן תהילים. ער טראָגט נאָך די באָרד און פּיאות. מיר זאָגן אים, ער זאָל גיין אויפן פּלאַץ, ענטפערט ער:

„איך גיי נישט!"

מיר קלערן אים אויף, אַז אויב די דייטשן וועלן אים טרעפן אויפן בוידעם, וועלן זיי אים דערשיסן.

ענטפערט ער:

„איך גיי נישט! איך וויל טאַקע מ'זאָל מיך שיסן ביים זאָגן „שערי ציון". מיין גאַנץ לעבן האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין שענערן טויט. איז דען פאַראַן אַ שענערער טויט, ווי ביים זאָגן „שערי ציון" — געהרגעט צו ווערן אויף אַזאַ אופן על קידוש השם"...

פּוילישע פּאָליציי שטעלט זיך אַרום דעם פּלאַץ. זעקס אין דער פרי פאָרן צו דער קרייזהויפּטמאַן ד"ר גענס, דער געסטאַפּאָ־שעף ראַשוויץ, זיין פאָרטרעטער מאַטעאוס אויגוסטין, ראַמייז און 12 דייטשע פּאָליציאַנטן מיט שטעקנס און רע־וואָלווערן אין די הענט.

דער שעף פון דער געסטאַפּאָ און קרייזהויפּטמאַן קומען צו צום קהל (יודענ־ראַט). זיי פרעגן שמואל באַלדינגער און זיין פאָרטרעטער ישראל אהרן בערגלאַס, צי אַלע יידן זענען אויפן פּלאַץ.

איך זע דאָ שמואל לאַסט מיט זיין ווייב חוה־לאה מיט זייערע זעקס קינדער. „דאַרפן טאַקע אַלע יידן, אָן אויסנאַם, זיך מעלדן אויפן פּלאַץ?" פרעגט עמעצער, און חוה־לאה ענטפערט: „אַלע, מיר גייען טאַקע מיט די קינדער. איך האָב זיי די נאַכט אָפּגעבאָדן, אָפּגעשניטן די נעגל, אָנגעטאָן פרישע וועש, טאָמער, חלילה, וועט מען אונדז הרגענען, האָב איך זיי פריִער מטהר געווען"...

דער קרייז־הויפּטמאַן גיט אַ באַפעל, אַז אַלע עלטערע פון 60 יאָר זאָלן אָפּ־טרעטן, אַראָפּגיין פון פּלאַץ. אויך מיין מאַמע טרעט אָפּ. ער זאָגט, אַז די עלטערע יידן גייען אַהיים. ס׳ווערט מיר לייכטער אויפן האַרץ, מיינענדיק, אַז אַלע גייען אַהיים. אין דעם דערזע איך, ווי אַ דייטשער פּאָליציאַנט האָט מיט זיין שטעקן אַרומגענומען יעקב רעסלערס האַלדז און ער שלעפּט אים אויף דער ערד אַראָפּ פון פּלאַץ. אַ צווייטער פּאָליציאַנט טוט דאָס זעלבע און שלעפּט אויף אַזאַ אופן בצלאל לעוו, אַ דריטער — פּיווול גראָס׳ קראַנקן זון. מרים גיטל גאָטליב איז ביים אַראָפּגיין פון פּלאַץ געליימט געוואָרן. זי ליגט אויף דער ערד. אַ פּאָליציאַנט שטייט ביי איר און האַקט מיטן שטעקן איבער איר קאָפּ. דער פּאָליציאַנט שלאָגט זי ביז זי בלייבט באַוווסטלאָז. אַ דייטשער פּאָליציאַנט נעמט זי אָן מיט זיין שטעקן ביים האַלדז און שלעפּט זי אַזוי אַרום אַראָפּ פון פּלאַץ.

ביי דוד משה עפּשטיינס שוויגער, אַכציק יאָר אַלט, שטייט אַ דייטשער פּאָ־ליציאַנט און רייסט איר אַראָפּ מיטן שטעקן דאָס טיכל פונעם קאָפּ. דאָס טיכל פאַלט איר אַראָפּ, זי בלייבט אין בלויזן קאָפּ, זי בייגט זיך אַראָפּ, הייבט אויף דאָס טיכל. דער פּאָליציאַנט שלאָגט זי מיטן שטעקן אויפן קאָפּ. זי טוט ווידער אָן דאָס טיכל. דער פּאָליציאַנט רייסט עס נאָך אַ מאָל אַראָפּ. זי בייגט זיך נאָך אַ מאָל אַראָפּ אויפצוהייבן דאָס טיכל. דער פּאָליציאַנט שלאָגט זי ווידער איבער קאָפּ, אַזוי עטלעכע מאָל, ביז זי פאַלט אין חלשות.

ד״ר גענס איז צוגעקומען ווו קהל איז געשטאַנען. ער האָט מיט זיין שטעקן אָנגענומען גאָלדפישערן ביים האַלדז. ער שלעפּט אים אַרויס, ווי מ׳שלעפּט אַ הונט. ער הייסט אַרויסטרעטן זיין שוועסטער מיט פינף קינדער. ער רייסט אַראָפּ איר שייטל מיטן שטעקן. ער האָט זיי אַראָפּגעשיקט פון פּלאַץ צו די אַלטע. ביים דורכ־גאַנג, האָט די פּאָליציי געשלאָגן מכות רצח. עס ווערן צעשלאָגן וואָלף ריגערס פרוי, יוסף שפּערבערס פרוי מיט אירע דריי קינדער.

ראַשוויץ האָט צוגענומען בראַון, מיזלערן, פּודערבייטל, זיי געשטעלט אין אַ באַזונדער גרופּע. ד״ר גענס פרעגט: „ווו איז שמידט מיט זיין פאַמיליע?״

איך מאַך זיך נישט וויסנדיק. איך האָב זיך אַוועקגערוקט פון אָרט. אין צווישן האָט ראַשוויץ מיך געשטעלט צווישן די אַרבעטער. מען האָט צו אונדז צוגעשטעלט נאָך 25 יידן.

מען האָט כסדר אַראָפּגענומען פון פּלאַץ מענטשן. ביי אַ טייל האָט מען גע־שטעמפּלט זייערע לעגיטימאַציעס צו דער אַרבעט, און אַ טייל — געשיקט מיטן טראַנספּאָרט.

דער זייגער איז שוין עלף. עס פאָרן צו לאַסטאויטאָס. מען לאָדט אויף די יידן. די יידישע פּאָליציי וואַרפט אַריין די קינדער, אַזוי ווי מען וואַרפט אַרויף קאַרטאָפל. די פּאָליציי ציילט אָפּ וויפל מענטשן עס זענען פאַראַן אויפן אויטאָ. דער ערשטער אויטאָ פאָרט אַוועק; דער צווייטער, דער דריטער, פערטער. מען הערט נישט קיין וויינען, קיין שרייען. די יידן זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ס׳איז שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם. פון צייט צו צייט הערט מען ביים אַרויפליייגן די מענטשן נאָר

קלאַפּן. דאָס איז דער אָפּקלאַנג פֿון שלאָגן פֿון דער דייטשער פּאָליציי די יידן, וואָס ווילן נישט אַליין אַרייַנגיין אין אויטאָ. קודם שלאָגט מען זיי. דערנאָך וואַרפֿט מען זיי אַרויף. איך זע פֿון דער ווייטנס אַרויפוואַרפֿן קינדער. די דייטשע פּאָליציי צילט נישט אין אויטאָ אַריין, נאָר אין די ווענט אַריין, אַזוי, אַז די קינדער פֿאַלן צוריק אַראָפּ אויף דער ערד, האַלב אָדער שוין גאַנץ טויטע. מען וואַרפֿט זיי נאָך אַ מאָל אַרויף. די אויטאָס פֿאָרן אַוועק.

דער קרייז־הויפּטמאַן קומט ווידער אַרויף אויפֿן פּלאַץ. ס׳איז שוין צוועלף אַזייגער. די היץ ברענט ווי אַ פֿייער און מיר שטייען נאָך אויפֿן זעלבן פּלאַץ.

די פֿיר לאַסטאויטאָס קומען צוריק, מיט זיי אַ פּאָר דייטשע פּאָליציאַנטן. מען לאָדט ווידער אויף מענטשן. מ׳ציילט איבער און זיי פֿאָרן אַוועק.

דער קרייז־הויפּטמאַן גיט ווידער אַ באַפֿעל: „אַלע יתומים זאָלן אַרויסטרעטן״.

די יתומים־קינדער גייען אַראָפּ פֿון פּלאַץ. צווישן די יתומים גייען מיין שוועסטערס קינדער, ביילע בראָנערס פֿיר קינדער, הערש, ישׂראל, חנה און שׂרה. זייער פֿאָטער יעקב בראָנער שטייט צוזאַמען מיט מיר, זיין עלטסטער זון הערש, דרייצן יאָר אַלט, שרייט צום פֿאָטער, נישט הויך, פֿאַר מורא, „טאַטע, איך האָב נאָך היינט נישט געדאַוונט״. די קליינע חנה, זעקס יאָר אַלט שרייט הויך: „טאַטע, טאַטע״. אַזאַ יאָמערלעך געוויין. ווי לאַנג איך וועל לעבן וועל איך הערן דאָס יאָ־מערלעכע קול קלינגען אין מיינע אויערן.

עס קומען ווידער אָן די אויסגעליידיקטע אויטאָס, מען לאָדט ווידער אויף יידן. דער קרייז־הויפּטמאַן רופֿט אויס: שמואל באַלדינגער מיט זיין פֿרוי און קינדער; יעקב בראַוו, קלמן וואַגשאַל, וואָלף ריגער, ישׂראל אהרן בערגלאַס.

דער קרייז־הויפּטמאַן פֿרעגט ווער עס איז אַ פֿריזירער. עס מעלדעט זיך פּייוול זיידן. ער הייסט אויסשערן ביי די יידן, וואָס האָבן שיינע טשופּרינעס, אַ האַקנ־קרייץ. ביי טייל — אין דער מיט קאָפּ, ווי ביי אַ גלח, ביי אַנדערע — אַ האַלבן קאָפּ האָר, ביי אַנדערע — אַ פֿערטל קאָפּ.

דערנאָך באַפֿעלט ער אָפּצוגעבן זיידנס, רינגלעך, מעסערלעך, שפּילעכלעך, אַלע לייגן אַוועק, וואָס זיי פֿאַרמאָגן.

די אויטאָס פֿאָרן צו, מען לאָדט אונדז אויף — הונדערט און פֿופֿציק מענטשן.

מיר קומען אָן קיין פּיסקאָוו. דער וויצעשעף פֿון דער געסטאַפּאָ מאַטעוס זאָגט, אַז מיר זענען אָנגעקומען צו שפּעט. מיר פֿאָרן ווייטער. מיר מיינען, אַז מען פֿירט אונדז קיין וואַזשיץ, דאָרט צו דערשיסן. מיר זאָגן ווידוי. בעטן איינעם ביים צווייטן מחילה.

אָבער אונדזערע אויטאָס קומען צוריק קיין פּריסטיק.

אין דעם טאָג, פֿרייטיק, דעם 3טן יולי 1942, האָבן די דייטשע מערדער אומ־געבראַכט אין פּריסטיק דריי פֿערטל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. (שלמה שמידט: „טאָגבוך״ אין כתב־יד, אין מיין רשות, איבערגעגעבן פֿון זיין טאָכטער חיה שמידט־ראַפּאַפּאָרט).

חברהס, לוחות, סדורים, בארד און פּיאות

די חברהס „שומרי מזוזות" און „ואהבת לרעך כמוך" אין לאָדזשער געטאָ

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1940 איז אין לאָדזשער געטאָ אַנטשטאַנען אַ רעליגיעזע חברה אונטערן נאָמען „פּה קדוש", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אָפּצוהיטן די יידן פון געטאָ פון עסן טריפות. בראש פון דער חברה איז געשטאַנען דער לוטאָמירסקער דיין ר׳ מענדל לענטשינסקי, דער הונגער איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיי. און אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1941 האָט זיך די חברה ליקווידירט.

דעם 1טן מאַי 1940 איז אין געטאָ אַנטשטאַנען אַ חברה אונטערן נאָמען „שומרי מזוזות" (בקיצור ש"ם), וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז היות אין געטאָ וווינען בלויז יידן, איז געקומען די צייט מקיים צו זיין די מצווה פון מזוזות אין אַ גרויסן פאַרנעם „אויף טיר און טויער". די חברה האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט צושטעלן כשרע מזוזות אין די הייזער, בפרט אין אַזעלכע, וואָס זייערע פריִערדיקע איינוווינערס זענען געווען קריסטן, נאָר זי פלעגט אויך אָנקלאַפּן מזוזות אויף די טויערן פון הייזער, אין די קיכן און הייף. דער גרינדער פון דער חברה, אברהם מעשנגיסער, האָט געפירט אויף דער גאַס און אין די מנינים אַן אַגיטאַציע פאַר זיין מזוזות־פּראָגראַם. נאָכן טויט פון איר גרינדער, בערך אין דער צווייטער העלפט פון 1942, האָט זיך די חברה ליקווידירט.

אויך די פאַרמלחמהדיקע רעליגיעזע חברה „ואהבת לרעך כמוך" האָט אין געטאָ ווייטער געפירט איר פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. ביזן איינפירן די ברויט־קאַרטן האָט די חברה אויסגעהאַלטן אַ ברויט־ און טיי־הויז, ווו מען פלעגט פאַר־קויפן, אָדער טיילן בחינם, ברויט און קאַווע, ספּעציעל פאַר קינדער, און אַכטונג געבן אויף נטילת־ידים און בענטשן נאָכן עסן. דער גרינדער פון דער חברה,

י.ה.ל.צ.י.ב: ש.י.ל.ת.

סידור

זה הסידור נערך ונעתק בימי מצור
ומצוק מידי יום ביומו על ידי
משה אלעזר ני"ו בר שלום עליו השלום
בארוכאוויטש
לזכר נשמת הקדושים שנהרגו על
קידוש השם
נ"ע אשתי הקדושה לאה נעכא בת חיים יששכר דוב
נ"ע בתי הקדושה שרה הינדא בת משה אלעזר ני"ו
נ"ע אחותי הקדושה והסגולה רבקה בת [illegible] ע"ה עם
בנה הילד הקדוש יששכר דוב [illegible] בר משה הלוי ני"
נ"ע אחותי הקדושה פייגא צירל בת שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה מרים פרצה בת שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה פייגא צירל בת שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה שרה יוכבד בת שלום ע"ה
נ"ע בת אחותי הקדושה רבקה חי' בת חיים מאיר ני"
יזכרם אלהינו לטובה וינקום לעינינו נקמת
דם עבדיו השפוך: ככתוב בתורת משה איש
האלהים: הרנינו גוים עמו כי דם עבדיו יקום
ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו: ועל ידי
עבדיך הנביאים כתוב לאמר: ונקיתי דמם לא נקיתי
וה' שוכן בציון: [illegible]

פאַקסימיליע פונעם סידור, געשריבן מיט דער האַנט דורך ר' משה באָרוכאָוויטש
פון זשעליכאָוו. (משה פראַגער : „נצוצי גבורה").

דער באַקאַנטער לאָדזשער עסקן ברוך געלבאַרט, פלעגט אַליין צוטראָגן די קינ־דער וואַסער צום וואַשן די הענט. די חברה פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט די פאַרטריבענע פון דער פּראָווינץ און זיי באַזאָרגן מיט אַ נאַכטלעגער, דירות און שטוב־כלים. סוף 1941 איז די חברה אויך געווען זייער טעטיק אויפן געביט פון לערנען תורה. זי האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל לערנער־גרופּעס אונטער נאָמען „דף יומי". (ישעיה טרונק: „לאָדזשער געטאָ", ניו־יאָרק, פאַרלאַג „יד ושם" — ייוואָ 1962, ז"ז 406 — 407).

געשריבענער לוח אין אַמסטערדאַם

אין יאָר 1940 האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט האָלאַנד און באַלד האָבן זיי אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן פאַרשידענע גזירות אויף יידן.

צו ראש־השנה תש"א (1941 — 1942) זענען נאָך דערשינען יידישע לוחות אין דרוק, מיט נישט קיין גרויסע ענדערונגען פון די פריִערדיקע לוחות, אָבער מען קאָן פון די לוחות אָפּלערנען, אַז עס הערשט אין לאַנד די דייטשע מאַכט. די שעהען פון ליכט־בענטשן ערב שבת ווערן נאָך אָנגעגעבן לויטן אַלטן אַמסטערדאַמער זייגער, אָבער אין דער זייט איז צוגעגעבן, אַז מען זאָל צושטעלן 40 רגעס, היות די דייטשן האָבן גערוקט דעם זייגער לויט דער צייט אין צענט־ראַל־אייראָפּע.

אין די לוחות פון יאָר תש"ב (1942 — 1943), איז שוין אָפיציעל אָנגעגעבן די צייט פון צענטראַל־אייראָפּע.

די לוחות זענען געווייִנלעך געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון דעם יידישן ספרים־הענדלער יאָכימסטאָל אין אַמסטערדאַם, און ער האָט אויך אַרויס־געגעבן די לוחות פאַר די יאָרן תש"א און תש"ב. אָבער אין די דאָזיקע לוחות איז פאַראַן נאָך אַן ענדערונג: אין די פריִערדיקע לוחות איז אָנגעגעבן געוואָרן דער 31סטער אויגוסט ווי אַ נאַציאָנאַלער פייערטאָג, צוליב דער געבוירן־טאָג פון דער קעניגין ווילהעלמינאַ. אין דעם טאָג פלעגט מען אָפּריכטן תפילות אין די שולן פון לאַנד. ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט האָלאַנד, איז די קעניגין מיט איר משפחה, און אויך די האָלענדישער רעגירונג, אַוועק אין גלות, דערפאַר איז די דאַטע אין די לוחות פון די יאָרן תש"א און תש"ב שוין מער נישט אָנגעגעבן ווי אַ פייערטאָג.

צום יאָר תש"ג (1943 — 1944) זענען שוין מער נישט דערשינען קיין לוחות אין דרוק. אָבער עס זענען געווען צוויי מענטשן, וואָס האָבן צוגעגרייט לוחות פאַר די האָלענדישע יידן: ש. האַמעלבורג, אַ תלמיד־חכם פון אַמסטערדאַם, דער מחבר פון „משנה ערוכה", אַן איבערזעצונג פון משניות, סדר מועד, אויף האָ־לענדיש, צוזאַמען מיט זיין פירוש, און דאָס פופצן־יאָריקע ייִנגל, יהושע ישעיה

נויווירט, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, ווענס „האַבי״ ס׳איז געווען צוצוגרייטן לוחות, און ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר, האָט ער שוין צוגעגרייט פאַר זיך אַ לוח אויף 20 יאָר.

יהושע ישעיה נויווירט לעבט איצט אין ירושלים, און ווי עס גיט אָן טוביה פרעשל (אין „הדואר״, ט׳ תשרי, תשכ״ז — 1966), זאָגט איצט נויווירט אַ שיעור אין דער ישיבה „קול תורה״ אין ירושלים און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר אויף הלכות שבת א״נ „שמירת שבת כהלכתה״.

י. י. נויווירט איז אַ געבוירענער אין האַלבערשטאַט, דייטשלאַנד, אין סוף יאָר 1938 האָט ער אויסגעוואַנדערט מיט נאָך צוויי פון אים יינגערע ברידער קיין בעלגיע, מיט אַ גרופּע פּליטים־קינדער. אין יאָר 1939 האָט די האָלענדישע קעניגין ווילהעלמינאַ געגעבן אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין לאַנד אַריין 60 רבנים פון דייטשלאַנד. צווישן די רבנים איז אויך געווען הרב ד״ר אהרן נויווירט, דער פאָטער פון י. י. נויווירט. אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווען הרב נויווירט האָט זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, זענען אַהין אויך אָנגעקומען זיינע דריי קינדער פון בעלגיע.

אין חודש אייר תש״ג (1943) אין די טעג, ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן אין אַמסטערדאַם, האָט זיך די משפּחה נויווירט באַהאַלטן, עטלעכע חדשים זענען זיי געלעגן אין זייער באַהעלטעניש, ביז איין טאָג זענען די דייטשן אַריין אין זייער דירה און האָבן זיי אַלע אַרעסטירט. די אַלע פאַרהאַלטענע זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קינאָ־זאַל אין אַמסטערדאַם. פון דאָרט זענען די יידן געשיקט געוואָרן אין די טויטלאַגערן קיין פּוילן, אָבער די משפּחה נויווירט איז באַפרייט געוואָרן, ווייל זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי דאַרפן באַקומען אַן אונגאַרישן פּאַספּאָרט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די דייטשן נאָך אַ מאָל געוואָלט אַרעסטירן די משפּחה נויווירט, אָבער מען האָט זיי דאָס פריִער מודיע געווען דורך דער האָלענדישער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס האָט אויך פאַר זיי געפונען אַ נייע געהיימע דירה.

די אַלע יאָרן, וואָס די משפּחה נויווירט איז געזעסן אין זייער געהיימער באַ־העלטעניש, ביז דעם טאָג, ווען אַמסטערדאַם איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן, איז זי געשטיצט געוואָרן פון דער האָלענדישער אונטערדישער באַוועגונג, וואָס האָט זי באַזאָרגט מיט לעבנסמיטלען. די משפּחה נויווירט איז געוואָרן אַ מין צענטער פאַר עטלעכע יידישע משפּחות, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן. איין קינד פון דער משפּחה, וואָס האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען, פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסגיין צו אַנדערע יידישע משפּחות, וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן פון די דייטשן, און זיי געבראַכט געלט און שפּייז־מאַרקעס, וואָס עס האָט זיי צוגעשטעלט די האָלענדישע אונטערערדישע באַוועגונג.

פאַר פּסח האָט הרב נויווירט געבאַקן מצות אין זיין געהיימער דירה און האָט די מצות צעשיקט צו צענדליקער משפּחות, וואָס זענען געלעבן באַהאַלטן און הרב נויווירט איז מיט זיי געשטאַנען אין פאַרבינדונג.

האַמעלבורג, איינער פון די צוגרייטער פון דעם לוח פאַרן יאָר תש"ג, איז געווען פון די ערשטע יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אין אַמסטערדאַם און פאַרשיקט געוואָרן.

צום יאָר תש"ד איז שוין דאָס ייִנגל נויווירט געווען דער איינציקער, וואָס האָט צוגעגרייט די יידישע לוחות. ער האָט צוגעגרייט די לוחות אויף גרויסע פּאַפּירן, פאַר יעדן חודש באַזונדער, דערנאָך זענען זיי איבערגעשריבן געוואָרן אויף אַ שרייבמאַשין, פון זיי איז דערנאָך געמאַכט געוואָרן אַ פאָטאָ־דרוק אין עטלעכע הונדערט קאָפּיעס. זיי זענען געקנייטשט געוואָרן, און דערפון איז געמאַכט געוואָרן אַ טאַשן־לוח.

דאָס צוגרייטן דעם לוח, איבערשרייבן אויף אַ שרייבמאַשין, מאַכן דערפון אַ פאָטאָ־אויפנאַם, און שפּעטער די פאַרשפּרייטונג פון לוח — איז געטאָן געוואָרן אין געהיים.

דער דאָזיקער לוח איז אַ טראַדיציאָנעלער. אין אים זענען אָנגעגעבן אַלע יום־טובים און תעניתים, די פּרשיות פון דער וואָך, דער מולד פון יעדן חודש און דער זמן פון ליכט־צינדן ערב־שבת און פון מוצאי־שבת. אויך איז דאָרט אָנגעגעבן דער תענית־טאָג פון דער חברה־קדישא אין אַמסטערדאַם, וואָס פאַלט אויס יעדעס יאָר מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק, אין דער וואָך, וואָס איז נאָענט צו חנוכה.

אין אָנהייב תש"ד (1943), ווען דאָס ייִנגל נויווירט האָט צוגעגרייט דעם לוח, איז נאָך געווען אַן אָנגעזעענע צאָל יידן אין אַמסטערדאַם. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס דערוואַרט זיי דער גירוש, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז די לעצטע סטאַנציע וועט זיין דער טויטן־לאַגער. זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט זיך צוגרייטן מיט לוחות אויך פאַרן יאָר תש"ה (1944).

דאָס ייִנגל נויווירט האָט צוגעגרייט אַ לוח אויך פאַרן יאָר תש"ה. פון דעם דאָזיקן לוח איז געמאַכט געוואָרן אַ צוויי הונדערט קאָפּיעס. די לוחות פון די יאָרן תש"ד און תש"ה געפינען זיך אין אַרכיוו פון „יד ושם" אין ירושלים.

דער לוח איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אַרכיוו פון „יד ושם" דורך יעקב ש. הירש פון קרית־ים, ביי חיפה, וואָס איז אין דער מלחמה־צייט געווען באַהאַלטן ביי אַ קריסט אין האָלאַנד. דער קריסטלעכער פריינד האָט אים באַזאָרגט מיט שפּייז און אויך געבראַכט אים די לוחות פון הרב נויווירט.

הרב ד"ר אהרן נויווירט האָט נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה געוווינט אין בני־ברק און דאָרט נפטר געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

אַמסטערדאַם איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן אין מאַי 1945. נאָך דער באַפרייונג האָט זיך ווידער אָרגאַניזירט אַ יידישע קהילה און צום יאָר תש"ו (1945 — 1946) איז געדרוקט געוואָרן אַ לוח. אין דעם דאָזיקן לוח ווערן דערמאָנט די לוחות, וואָס זענען דערשינען אין דער צייט פון אומקום. אין איינעם פון די מאמרים, „ויהי אחרי המגפה", וואָס איז געדרוקט אין אָנהייב פון לוח, ווערט געזאָגט: „דער דאָזיקער לוח גייט אַרויס עפנטלעך, נישט אַזוי ווי די פריערדיקע

לוחות, וואָס זענען אַרויס אונטערערדיש״. (טוביה פּרעשל, „הדואר״, ניו־יאָרק תשכ״ז — 1966, ז״ז 643—644).

דאָס סידורל אין אוישוויץ

אין אוישוויץ זענען מיר אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין באַראַקן, וואָס זענען געווען ספּעציעל צוגעגרייט פאַר פרויען.

צווישן די אונגאַרישע מיידלעך, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ, איז געווען אַ חסידיש מיידל. זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סידורל, וואָס איר פאָטער האָט איר אַריינגעשטעקט אין האַנט פאַרן אַרויסשיקן איר פון דער היים. צום טאָוול פון סידורל איז געווען צוגעקלעפּט אַ יידישער לוח מיט קליינע אותיותלעך און אַלע יידישע יום־טובים זענען דאָרט געווען אונטער־געשטראָכן. אַלע מיידלעך האָבן בסודי סודות געהיט דעם אוצר און אים אויסבאַ־האַלטן פון אַלע סכנות. אין אַ שעה, ווען אַלע זענען זיכער געווען, אַז די „קאַפּאָס״ און „שטובאָוועס״ זענען פאַרשוווּנדן, אָדער שלאָפן שוין, האָט דאָס מיידל אַרויס־גענומען דאָס סידורל און פאַרגעלייענט פאַר אַלע איינעם פון די קאַפּיטלעך תהי־לים: „כמוץ אשר תדפני רוח״, „ישובו רשעים לשאולה״... זי האָט פאַרטייטשט די פּסוקים אויף יידיש. די טרייסטווערטער האָבן אַרויסגערופן קרעכצן און שטילע געוויינען ביי אַלע מיידלעך. ווער ווייסט, האָט איינע געזאָגט, צי מיר וועלן דער־לעבן צו זען נקמה פון הימל אין די נאַצישע רוצחים און עסעס־פרויען, וועלכע צאַפּן אונדזער בלוט 10 מאָל אין טאָג?

אַזעלכע הייליקע פּערטל־שעהען האָט דאָס סידורל אונדז פאַרשאַפט ביי נאַכט, ווען מיר זענען געלעגן אויף די פּריטשעס.

עטלעכע טעג פאַר פּסח, לויט ווי עס איז געווען אָנגעצייכנט אין לוח פון סידורל, האָבן מיר זיך צוגעגרייט הערן פון חסידישן מיידל, וואָס זי פּלאַנט וועגן אַ פּסחדיקן סדר אין באַראַק, און ווי מאַכט מען אַ סדר אָן אַ פּיצל מצה? און אין אַזאַ אומריינקייט, אין אַזאַ טומאה, צווישן בלוטדורשטיקע הינט?

אַ טאָג פאַר פּסח, אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, האָבן מיר זיך לויט אַן אָפּ־גערעדטן סימן, איבערגעוועקט. „מיין פּלאַן״ — האָט דאָס אונגאַרישע מיידל גע־זאָגט — „איז, אַז מאָרגן נאָך חצות פון דער סדר־נאַכט, וועלן מיר אָפּריכטן דעם סדר, ווי עס האָבן אַ מאָל געטאָן די אנוסים אין שפּאַניע. וואָס שייך מצות און אַנדערע פּסחדיקע זאַכן, וועלן מיר בלויז יעדע זיך פאַרשטעלן, ווי עס איז אַ מאָל געווען ביים טאַטנס סדר. איר וועט זיך יעדע דערמאָנען די הייליקע צערעמאָניע, און איך וועל לייענען די הגדה של פּסח. ביי מיר אין סידורל איז זי דאָ. איר וועט יעדע ביי זיך אין האַרץ צינדן ליכט, און ווען איך וועל מאַכן אַ ברכה איבער אַ כוס, ווי אין דער הגדה שטייט געשריבן, לעקט אייך איבער די ליפּן און זאָגט „אמן״!

ס׳האָט קיין בעסערער סדר נישט געקענט זיין. דאָס איז געווען דער ערשטער ליל־שמורים אין מיין לעבן, וואָס וועט אויף אייביק בלייבן אין זכרון. ביז פרי האָט געדויערט דער סדר. מורא האָבנדיק, אַז ס׳וועט אונדז, חלילה, געשטערט ווערן, האָט די „אַפריכטעריך״ פון סדר איבערגעהיפּערט עטלעכע פּזמונים און געענדיקט מיט „חסל סידור פסח כהלכתו״ און... „לשנה הבאה בירושלים״!

זאָל אונדז אַלעמען ביישטיין דער זכות פון די צדיקת מיט איר סידורל. (גאָלדע כ״ץ־קיבל: „יזכור־בוך לאָסק״, תל־אביב 1968 — ז״ז 541 — 543).

אין זכות פון תפילין

משה בראַכפעלד דערציילט, ווי אַזוי ער און זיין ברודער מענדל האָבן נישט פאַרפעלט צו לייגן תפילין אין די פאַרשידענע אַרבעטס־ און טויטלאַגערן — ביז צו דער באַפרייונג:

שוין אויפן וואַנדערוועג, פון דעם אַרבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו, נעבן קראָקע, צו דעם אַרבעטס־לאַגער גראָסראָזען, האָבן מיר געהיטן די תפילין און מיר האָבן געדאַוונט כדת וכדין.

אין גראָסראָזען, פון דער באַנסטאַנציע ביז צום אַרבעטס־לאַגער, האָבן מיר געמוזט לויפן און דערביי האָט מען געשלאָגן פון אַלע זייטן.

די רעוויזיעס ביי די מענטשן זענען געווען גרינטלעכע, און די דייטשן האָבן געפונען די תפילין. אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי, האָט מיין ברודער מענדל געהאַט אַ גרויסע זאָרג: ווו נעמט מען אַ פּאָר תפילין?

ער איז אַרויס אין לאַגער און צופעליק האָט ער באַגעגנט דעם פּוילישן אויפזעער איבער דער קרעמאַטאָריע, וואָס האָט פאַרברענט אַלע נישט נויטיקע חפצים, וואָס זענען געפונען געוואָרן ביי יידישע שקלאַפן־אַרבעטער.

היות ווי מיין ברודער מענדל האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו עסן ביז ער וועט נישט פריִער לייגן תפילין, האָט ער פאַרגעשלאָגן דעם פּוילישן פאַרברעכער זיין פּאַרציע ברויט, בתנאי, ער זאָל אַרויסנעמען פון דער קרעמאַ־טאָריע אַ פּאָר תפילין און זיי ברענגען צו אים.

דער פּאָליאַק האָט מסכים געווען אויף דעם עסק און ער האָט געבראַכט אַ פּעקל מיט חפצי־קדושה: אַ קליין סידורל מיט אַ פּאָר תפילין. אָבער מיין ברודער האָט באַלד דערזען, אַז די תפילין האָט ער גענומען פון די, וואָס ער האָט געפונען זיך וואַלגערן אויף דר׳ערד —ביידע תפילין זענען געווען „של יד״.

מיין ברודער האָט דעם פּאָליאַק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל אים ברענ־גען תפילין, וואָס האָבן פון ביידע זייטן רצועות („של־ראש״), און ער האָט אים נאָך אַ מאָל געגעבן אַ פּאַרציע ברויט. דער פּאָליאַק האָט געבראַכט אַ „של־ראש״.

אין באַראַק איז אונדז געלונגען צו באַהאַלטן די תפילין אויף אַ געזיכערטן אָרט, און אַ פּופציק יידן האָבן יעדן טאָג געלייגט תפילין.

מיר האָבן געשאַפן אַ מין לעבעדיקע באַוועגלעכע קייט פון יידן תפילין־לייגערס. איינער האָט אָנגעטאָן די תפילין, געזאָגט „שמע ישראל" און זיי גלייך געגעבן אַ צווייטן — און אַזוי ווייטער.

איין מאָל איז צו אונדז געקומען לאַסק, איינער פון קאַפּאָס, אַ לאַדזשער, און ער האָט זיך געבעטן, מיר זאָלן אים געבן צו לייגן תפילין, ווייל ער האָט היינט יאָרצייט. מיר האָבן אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן. ער האָט גענומען די תפילין און זיי מער נישט צוריקגעבראַכט.

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט די תפילין פאַרקויפט צו די מענטשן פון דעם אַרבעטס־לאַגער שאָטנבערג, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דעם לאַגער אויבער־וועסט־גירסדאָרף, וווּ דאָרט האָבן זיך געפונען אונגאַרישע יידן, נאָר וואָס געקומענע פון אוישוויץ.

אָבער ווידער איז געשען אַ נס: אין אונדזער לאַגער איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט מיט אונגאַרישע יידן. צווישן זיי איז געווען דער טייערער ייד ר׳ ליפּא לעוווקאָוויץ פון גרויס־וואַרדיין, און ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּאָר תפילין.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער זענען מיר איבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער דורנאַו. דאָרט זענען געווען אַ צוויי טויזנט יידן פון מונקאַטש און פון אַנדערע שטעט, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין איין פּאָר תפילין. ווי גרויס איז געווען זייער שמחה, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּאָר תפילין. אפשר אַ פינף הונדערט יידן האָבן דעמאָלט געלייגט תפילין.

און אַזוי איז געווען יעדן טאָג. דער געדראַנג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר זענען געווען געצוווּנגען, איך מיט מיין ברודער, צו צעטיילן די פּאָר תפילין: איין ריי האָט געמאַכט אַ ברכה אויף די תפילין „של־ראש", און די אַנדערע ריי — אויפן „של־יד". פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער האָט נאָר געמאַכט איין ברכה. מיר האָבן קיין אַנדער עצה נישט געהאַט, כאָטש על־פּי־דין זענען פאַראַן ספקות צי מען איז דערמיט יוצא. אָבער מיר האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז בעסער, אַז אַלע זאָלן מקיים זיין אַ חלק פון דער מצווה, ווי בלויז איין טייל זאָל מקיים זיין די גאַנצע מצווה און דער צווייטער טייל זאָל אין גאַנצן נישט מקיים זיין די מצווה פון לייגן תפילין. אויך איז דאָס לייגן תפילין, אַפילו בלויז דעם „של־ראש", אָדער דעם „של־יד", פאַר אונדז געווען ווי אַ באַלזאַם אין די שווידערלעכע טעג.

איך געדענק אַ ייד, ר׳ אהרן ווידער, ווי ער פלעגט זיך פעדערן אויפצושטיין צוויי אַ זייגער פאַר טאָג און אונדז אויפוועקן, מיר זאָלן אים געבן די תפילין, ער זאָל קענען דאַווענען אין די תפילין נישט געשטערט. אָבער דריי אַ זייגער פאַר טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן די לאַנגע ריי פון לייגן תפילין, וואָס האָט געדויערט ביז האַלב נאָך פינף, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „אַפּעל".

איך און מיין ברודער זענען געווען די לעצטע זיך צו שטעלן צום אַפּעל, און מיר האָבן אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן מיטנעמען די תפילין צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, וואָרעם דאָרט זענען געווען עטלעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם קורצן מיטאָג־איבעררייס כדי צו לייגן תפילין אין געהיים.

אין דעם לאַגער דורנאַו בין איך געווען אַן עדות פון אַ פלאַדיקער זאַך: פרייטיק, ווען מיר זענען דאָרט אָנגעקומען, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן אַלטער ייד, פון די איינוווינער פונעם פריערדיקן לאַגער, און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל געבן די תפילין פאַר אַ יונגן בחור, וואָס געפינט זיך אין לאַגער. דאָס ייִנגל האָט דערציילט, אַז שוין די דריטע נאַכט, ווי זיין באָבע קומט אים צו חלום און מוסרט אים, פאַר וואָס ער לייגט נישט קיין תפילין. דאָס ייִנגל האָט בכלל נישט געוווּסט, אַז ביי אונדז אין באַראַק געפינט זיך אַ פּאָר תפילין, אָבער דער אַלטער ייד האָט אים דערציילט, אַז שוין דריי טעג, ווי אין לאַגער איז פאַראַן אַ פּאָר תפילין.

אין לאַגער דורנאַו איז אונדז געשען אַן אומגליק, וואָס האָט זיך גוט געענדיקט: דער עסעס־אָפיציר, איינער פון די אויפזעער פון לאַגער, האָט געכאַפּט איינעם פון אונדז אין מיטן לייגן תפילין. ער האָט אַראָפּגעריסן די תפילין פון דעם דאַווענערס קאָפּ און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צום שטובן־דינסט־אויפזעער, ער זאָל דורכפירן אַ ספּעציעלע צערעמאָניע ביים פאַרברענען די תפילין, אין דער אַנוועזנדיקייט פון אַלע אַרבעטער פונעם לאַגער. אָבער מיר האָבן זיך דורכגערעדט מיטן היטער פון באַראַק, מיר זאָלן פאַרבייטן די פּאָר תפילין מיט צוויי שוואַרצע קעסטעלעך, וואָס זענען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן.

אין לאַגער איז געווען אַ גרופּע סטאָלערס, האָבן מיר זיי געבעטן, זיי זאָלן צושניידן צוויי קליינע קעסטעלעך פון האָלץ, מיר האָבן זיי אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ, צוגעבונדן צו די שוואַרצע קעסטעלעך צוויי לעדערנע פּאַסן און אָט די „תפילין" האָבן מיר איבערגעגעבן צו פאַרברענען עפנטלעך אין לאַגער.

אין אײן לאַגער, ווו מיר זענען אָנגעקומען בעת די וואַנדערונגען, איז מיין ברודער מענדל קראַנק געוואָרן, די כוחות האָבן זיך אים אויסגעלאָזט צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אָפּגעהיטן צו עסן נאָר כשר. מיין ברודער איז צוגענומען געוואָרן אין „רעוויר" (אָפּגעזונדערטער באַראַק פאַר קראַנקע). ער האָט מיט זיך מיטגענומען די תפילין, און נישט בלויז איך, נאָר אַ סך אַנדערע זענען געגאַנגען אין „רעוויר", כדי צו לייגן תפילין.

מיין ברודער איז געווען אין גרויס סכנה, וואָרעם ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין פון די „נישט־נויטיקע". דעמאָלט האָב איך זיך געמאָלדן פרייוויליק, אַז איך וויל מיטפאָרן מיט מיין ברודער. אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אַהער פון האָלאַנד, האָט מיר געזאָגט: „וויסטו וווהין מען שיקט די „נישט־נויטיקע"? — קיין אוישוויץ, גלייך אין די גאַזקאַמערן אַריין"...

איך האָב דאָס געוווּסט, אָבער איך האָב זיך ממש נישט געקאָנט צעשיידן מיט מיין ברודער. איך האָב זיך געבעטן ביים דאָקטאָר, ער זאָל אַריינשטעלן אויך מיין נאָמען אין דער ליסטע. ער האָט מסכים געווען אַריינצושרייבן מיין נאָמען אין דער טראַנספּאָרט־רשימה. אונדזער גליק איז געווען, וואָס דער טראַנספּאָרט איז מער נישט אָפּגעגאַנגען, ווייל אוישוויץ איז דערווייל שוין געהאַט איינגענומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

אַלע לאַגערניקעס האָבן געזאָגט, אַז דער נס איז מיט אונדז געשען אין זכות פון די פּאָר תפילין, וואָס מיר האָבן מיט זיך געהאַט.

ס'איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז די מצווה פון לייגן תפילין איז אונדז ביידע, מיר און מיין ברודער, בייגעשטאַנען ביז צום לעצטן טאָג פון דער מלחמה דעם 8טן מאַי 1945, ווען מיט אונדז ביידע איז געשען אַ גרויסער נס.

די פּאָר תפילין זענען געלעגן באַהאַלטן ביי מיין ברודער. פּאָר טאָג בין איך צו אים צוגעגאַנגען נעמען פון אים די תפילין. איך רעד צו אים און ער ליגט פאַרחלשט; איך צי אים ביי דער האַנט, און ער ענטפערט נישט; איך שריי אים אַריין אין אויער: „גיב מיר די תפילין", און ער כאַפּט זיך נישט אויף.

איך אַליין בין שוין געווען אַ „מוזולמאַן", מיט איין פוס אין גרוב. פון די עטלעכע טויזנט יידן, זענען מיר געבליבן אַ דריי הונדערט. און פּלוצלונג זע איך דורכפאָרן פאַר מיר אַ וואָגן מיט פּראָוויאַנט, און פון וואָגן איז עפּעס אַראָפּ־געפאַלן. איך בין שנעל צוגעלאָפן צום אָרט און האָב אויפגעהויבן אַ שטיק צוקער. איך האָב געטראַכט צו געבן אַ שטיקל צוקער מיין גוססדיקן ברודער, אָבער מיט אַ מאָל האָב איך באַגעגנט דעם פּאָליאַק יאַנטשעק, וואָס איז אויך געקומען פון קראָקע און ער איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן. ער האָט געוואָשן די וועש פאַר די עסעס־אָפיצירן אין לאַגער. ברויט האָט ער געהאַט גענוג; בין איך צו אים צוגעגאַנגען און האָב אים פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ בייט, איך וועל אים געבן דאָס שטיק צוקער פאַר עטלעכע פּענעצלעך ברויט. ער האָט מסכים געווען און מיט דעם ברויט בין איך געלאָפן צו מיין פאַרחלשטן ברודער. איך האָב געעפנט זיין מויל און אין אים אַריינגעשטופּט עטלעכע קרישקעלעך ברויט. ער איז געקומען צו זיך. ער האָט מער נישט געוואָלט עסן, ביז ער וועט פריִער נישט לייגן קיין תפילין. מיר ביידע האָבן דעמאָלט געדאַוונט אין די תפילין, און דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג פון דער מלחמה. (גבית־עדות אינעם זשורנאַל „בית יעקב", ירושלים, תשכ"ה — 1964, ז' 12).

דייטשן מאַכן אַ שפּיל מיט פּיאות און בערד

אין זאַוויערטשע האָט די דייטשן שוצפּאָליציי אין אַ פאַרטאָג אין מאַרץ 1942, אַרויסגעטריבן די גאַנצע יידישע מענלעכע באַפעלקערונג פון זייערע שטובן, זיי געשלאָגן מכות רצח און צוזאַמענגעטריבן די קרבנות אויף איין פּונקט. אויפן פּונקט האָבן זיי געטריבן די אומגליקלעכע פון איין ווינקל צום צווייטן און אָנגע־טאָן זיי די משונהדיקסטע צרות.

אויפן אָרט האָבן זיך געפונען חסידישע 12־ און 13־יאָריקע בחורים מיט פּיאות. פלעגן די בעסטיעס נעמען 2 פון זיי ביי די פּיאות און זיי צונויפבונדן. אַזוי האָבן זיי געמוזט לויפן אויפן פּונקט אַהין און אַהער, צום שפּאַס פון די דייטשע

פּאָליצײ־לײט. ייִדן מיט בערד האָבן זיך געמוזט אײַנער דעם צווייטן אָפּשנײַדן די באָרד מיט אַ מעסער. אַזוי האָבן די נאַציס געשפּאַט פון ייִדן דעם גאַנצן טאָג. ערשט פאַר נאַכט האָבן זיי געלאָזט אַהיימגיין קראַנקע, שוואַכע, עלטערע מענטשן, ווי אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. אַרויסגייענדיק פונעם פונקט האָט מען געמוזט אַדורכגיין אַ שפּאַליער פון שוצפּאָליצײ. זיי זענען געשטאַנען מיט שטעקנס, גומעס, נאַהייקעס און זיי האָבן געשלאָגן אַזוי מערדער־לעך, אַז יעדער איז אַהיימגעקומען אַ צעבלוטיקטער. (חיים טורנער: „אין קלעם פון אומקום״; „ספר זכרון לקדושי זבירצ׳ה והסביבה״, תל־אביב תשי״ח — 1958, ז״ז 311 — 312).

באָרד און פּיאות אין קעשענע

אין געפינען זיך אין דעם קליינעם שטעטל גראָדזשיסק (מערב־גאַליציע). די בייזע מגיפה און די שדים האָבן אויך אַהין געטראָפן. מען האָט אָנגעטאָן די זעלבע יסורים און פּייניקונגען ווי אומעטום. מען האָט פאַראָרדנט אַלע ייִדן, זיי זאָלן זיך אַראָפּנעמען די בערד. די אָרטיקע ייִדן האָבן אָבער געקעמפט קעגן שונא. זיי צו להכעיס געטראָגן די באָרד און פּיאות אין די קעשענעס... אויף דעם אופן זיך אָקעגנגעשטעלט דעם רשע. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין פאַל זיי וועלן שטאַרבן, אָדער מען וועט זיי שיסן, זאָל מען זיי, למען השם, מיטגעבן אין קבר אַריין די באָרד און פּיאות. אַז מען וועט זיי אויסטאָן נאַקעט ביים דערמאָרדן — דאָס האָבן זיי גאָר נישט גערעכנט. אַפילו די האָפענונג דערשאָסן צו ווערן אין אַנטלויפן און באַגראָבן צו ווערן מיט דעם טייל פון זיי, איז זיי צוגענומען געוואָרן. (בערטאַ פּערדערבער־זאַליץ: „און די זון האָט געשיינט״, ז״ז 181 — 182).

געיעג אויף ייִדן מיט באָרד און פּיאות

אין לאָדזשער געטאָ האָט דער „קייסער״ רומקאָווסקי אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 1טן יוני 1942, געוואָרנט, אַז אין משך פון 8 טעג מוזן פאַר־שווינדן פון געטאָ בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס. נאָך דעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ציר־קולאַר, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אין אַלע אַרבעטספּלעצער, אַז די, וואָס וועלן נישט אָפּשערן די בערד, וועלן פאַרלירן זייער אַרבעט און אַז אין די וואַר־שטאַטן וועט מען אַריינלאָזן נאָר ראַזירטע. דעם 13טן יוני 1942 האָט די „אָרדע־נונגס־דינסט״ אַדורכגעפירט אין די גאַסן „אַבלאַוועס אויף בערד״. מען פלעגט די געכאַפּטע בגוואַלד אַריינפירן צו אַ פריזירער און דאָרט זיי אָפּשערן באָרד־און־פּיאות. עס האָבן זיך אין לאָדזשער געטאָ איבערגעחזרט סצענעס פון די צייטן

פון ניקאָליי דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ האָבן דאָס געיעג אויף בערד און קאַפּאָטעס אַדורכגעפירט אייגענע אויפן באַפעל פון אַ פרעמדער מאַכט. פרומע עקשנים פלעגן אַרומגיין מיט פאַרבונדענע פנימער כלומרשט צוליב צאָנווייטיק. (ישעיה טרונק: „לאָדזשער געטאָ", ניו־יאָרק 1962, ז' 408).

געברענט די באָרד איבערן לאָמפּ

אין מאַרץ 1940 זענען קיין קאַריוו אַראָפּגעקומען 5 ספּעציעל אויסגעשולטע שלעגערס, און זיי האָבן אָנגעטאָן גרויסע צרות. געשלאָגן האָבן זיי בלויז מענער. אין מיטן נאַכט האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין יידישע הייזער, און ווי איז שוין געווען דעם ייד, ווען זיי האָבן אים געטראָפן אין שטוב. זיי האָבן אים די נאַפטלאָמפּ אונטערגעשטעלט אונטער דער באָרד, כדי זי צו פאַרברענען. שרייען האָט מען נישט געטאָרט, ווער עס שרייט, ווערט דערשאָסן. דערנאָך האָט ער געמוזט אַרייַנשטעקן די פינגער אין דער שפּאַרע פון דער טיר, דערנאָך האָט מען אים אַרויסגענומען נאַקעט אין דרויסן אויף דער גאַס און אַזוי צעשלאָגן, ביז ער איז געפאַלן אָן באַוווסטזיין. ערשט דעמאָלט איז מען פון אים אַוועקגעגאַנגען. די קרבנות פון זייער שלאָגן איז געווען דן כאַניסמאַן, אייזיק לאָבערבוים, חיים כאַניסמאַן. (שמואל האָניגמאַן: „יזכור־בוך קאַריוו", תל־אביב 1955, ז' 239).

די גזירה פון אָפּשערן די בערד אין מאַרמאַראָש

אין מאַי 1944 איז אין מאַרמאַראָש אַרויס אַ גזירה פון די דייטשן, אַז אַלע יידן מוזן זיך לאָזן אָפּשניידן די בערד.

חיים ישראל פּערל האָט געדאַרפט אָפּשערן די בערד פון ר' עזריאל און ר' אהרן מתתיהון. נאָכן ערשטן שניט פון דער שער, האָבן אַלע ווייבער אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין, נאָך זיי די מענער, און די קינדערלעך — נאָך זיי.

און אַז די לעצטע בינטלעך האָר זענען שוין געלעגן צו זיינע פיס, האָט ר' אהרן מתתיהו זיך אויפגעהויבן, אויסגעווישט זיינע פאַרוויינטע אויגן און געזאָגט מיט אַ הייזעריקער שטים, קוקנדיק צום באַלקן:

„אַז דו, רבונו־של־עולם, ווילסט אַזוי — נאַדיר! אפשר וועלן מיר אַזוי דיר בעסער געפעלן!"

ר' עזריאל האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווי מען זעצט זיך אַוועק פאַר אַ תליה. ער האָט איינגעקלאַמערט זיין שניייווייסע באָרד אין זיין ציטערדיקער פויסט. ר' עזריאל איז געזעסן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיי.

ר׳ עזריאל האָט געקוקט אויף ר׳ אהרן מתתיהון, אויפגעהויבן די אויגן צום בוידעם און שטומערהייט געפרעגט:

„צי באמת ווילסטו, גאָט אין הימל, אַז דיינע קינדער זאָלן אַזוי אויסזען״? איצט פאַרשטייט ער אויף אַן אמת דעם פשט פון פסוק: „ושברתי את גאון עוזכם...״ — דעב יידישן כבוד צעבערעכט ער.

און אַז ער האָט דערנאָך געגלעט זיין נאַקעט פנים און דערפילט ווי אָרעם און אויסגעהוזקט ער זעט אויס, האָט ער מיט אַ מאָל אויסגעלאָזט מיט אַ געוויין: „גאָט־אין־הימל, עד מתי!?״

דער אַלטער דאַסקאַל האָט פאַרקנייטשט די גמרא און זיך געלאָזן אונטערפירן פון זיין טאָכטער רבקה. נאָך אין מיטן שערן ר׳ עזריאלן, האָט אים רבקה אָריינ־געפירט, כדי ער זאָל פאַרשטיין און כאַפּן די גזירה. ער האָט עטלעכע מאָל אַרויס־געבליקט פון זיין ספר, געקוקט אויף די קרייזלען־האָר אויף דער ערד און זיך נאָך טיפער אַריינגעגראָבן אין ספר.

רבקה האָט אים אַריינגעשריגן אין אויער, אַז די גזירה איז אַ שטרענגע, סכנת נפשות!

צוגייענדיק צום שערן האָט ער אויסגעדרייט זיין קאָפּ אויף אַ זייט און געקוקט מיט ברייטע אויגן, אַזוי ווי אַ געבונדענער שעפּס פאַרן שעכטן, און זיך געבעטן ביי רבקהן, אפשר וועט זי קענען פועלן ביי די זשאַנדאַרן, מ׳זאָל זיין באָרד איבערלאָזן, „כ׳האָב דאָך אַ קליינע באָרד, רבקה, אפשר וועסטו פאַרט גיין רעדן?״ — האָט ער זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן.

נאָך יעדן שער האָט ער אויפגעהויבן זיינע גרויע פאַרוואַקסענע ברעמען און זיך געבעטן — „שוין גענוג...״ זיין טאָכטער רבקה און די אַנדערע ווייבער זענען געשטאַנען, צוגעקוקט מיט רחמנות און געוויינט. „שוין גענוג! שוין גענוג... הלואי וואָלט שוין געווען גענוג!״ — האָבן זיי צוגעברומט מיט אַ געוויין.

אַז דער אַלטער דאַסקאַל האָט דערפילט, אַז ער איז געבליבן כמעט אָן דער באָרד, האָט ער זיך געגעבן אַ הייב־אויף, ער האָט בשום־פנים נישט געלאָזט ענדיקן און אָפּשערן די פאַרבליבענע האָר, ער האָט פאַרהילט זיין פנים מיטן קאָלנער פונעם רעקל, אַ כאַפּ געטאָן זיין גמרא און אַוועק אין זיין ווינקל.

דער ברום פון לערנען האָט זיך איצט געהערט מיט מער ברען און מיט מער טרויער.

אויף דער ערד האָבן זיך אויסגעמישט די דריי אָפּגעשניטענע בערד. זיי זענען געלעגן פאַרשעמטע, פאַרשוועכטע, צעטרעטענע.

ר׳ עזריאל איז צוגעגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט, זיך איינגעבויגן און מיט חרדת־קודש צונויפגעקליבן זיינע אָפּגעשניטענע באָרד און פיאות, אַרויסגענומען זיין רויטע פאַטשיילע, פאַרקניפּט דאָרט די האָר און זיך נישט מער צעשיידט פון באָרד און פיאות. ער האָט אויסגעפירט — געקומען אַהין מיט באָרד און פיאות — מיטן צלם־אלקים... (חיים ישראל פערל: „פאַרלאָשענע ליכט אין מאַר־מאַראָש״, תל־אביב, 1957, ז״ז 53 — 56).

וואַרטער רב אומגעקומען מיטן אויסגעשריי „שמע ישראל"

אין וואַרטע, נעבן לאָדזש, האָבן פאַר אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געוווינט אַ דריי טויזנט יידן.

ווען דער וואַרטער רב, דער גאון ר׳ מאיר דן פלאָצקי, האָט פאַרלאָזט די שטאָט, איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב ר׳ אליהו לאַסקאָווסקי — אַ תלמיד פון סאָכאַטשעווער רב און רבי — וואָס איז פריער געווען רב אין שטעטל גלאָוונע.

דער רב האָט געהאַט פינף זין און איין טאָכטער, געווען אַ פאַרהייראַטע צום פולטוסקער רבינס זון.

ר׳ ישראל הערש הי״ד בעת די נאַציס שניידן אים אָפּ באָרד און פיאות.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פוילן, האָבן זיי געשאַפן אַ קליינעם און אַ גרויסע געטאָ אין וואַרטע. אין יאָר 1942, האָבן די דייטשן גענומען ליקווידירן די געטאָס אין וואַרטע. דער לאָדזשער גאַולייטער ביבאָוו מיטן עסעס-פּולקאָווניק ראַהל זענען אַריין קיין וואַרטע. זיי האָבן צוגעגרייט גריבער, די מערהייט יידן אויסגעשאָסן, און די איבעריקע — אויפגעהאָנגען אויף תליות.

דעם רב ר׳ אליהו לאַסקאָווסקי מיט זיין זון ר׳ ישׂראל הערש, וואָס מען האָט אים פּאַר זיין למדנות גערופן „נר תמיד״, האָבן די דייטשן אָפּגעשניטן באָרד און פּיאות. דערנאָך האָבן אַלע יידן מיטן רב געמוזט צוקוקן, ווי די דייטשן הענגען אויף דעם רבס זון. דערנאָך האָבן די דייטשן אויפגעהאָנגען דעם עלטסטן פון יודענראַט מיט די זיבן פּרנסים. צום לעצט האָבן זיי גענומען דעם רב און אים געשפּיגן אין פּנים. דער רב האָט כסדר געשריגן „ד׳ הוא אלוקים״. דאַן האָבן די דייטשן אויפגעהאָנגען דעם רב. דער רב האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיטן געשריי „שמע ישׂראל״. (פון אַ גבית עדות פון חזן לייב ראַסקין פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. דאָס האָט איבערגעלעבט דעם חזנס פרוי. צוגעלייגט אַ בילד: „די דייטשן שערן די באָרד און פּיאותביים וואַרטער רבס זון ישׂראל הערש לאַס-קאָווסקי).

קידוש השם פון יידישע פרויען

מסירת־נפש פון אַ פרוי

די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט די יידן פון מאַלעץ, צווישן זיי, דעם רב, און זיי באַפוילן צו טאַנצן אויף די יידישע טויטע קערפּערס, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן מיט אַ פּאָר מינוט פריִער.

די דייטשן האָבן אַרויסגעטריבן די פרויען און מענער פון זייערע הייזער. זיי אויסגעשטעלט אין מאַרק און געדראָט, אַז זיי וועלן זיי דערשיסן, אויב די מענער וועלן נישט טאַנצן.

כדי די יידן זאָלן בײַ זיך נישט אַראָפּפאַלן, איז דעם רבס טאָכטער צוגעגאַנגען צו אַן עסעס־אָפיציר און אים דערלאַנגט צוויי פּעטש. די נאַציס האָבן זי גלייך דערשאָסן.

אָבער איר שטילע גבורה האָט צוגעגעבן מוט די יידן אין מאַלעץ ווייטער צו לעבן און צו האָפן, אַז זיי וועלן איבערלעבן דעם גרעסטן מערדער פון דער וועלט — היטלערן. (רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק: „פרויען הינטערן פלויט", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב).

קידוש השם פון אַ מאַמע

איטאַ ראַדאָשינסקאַ־לעוו דערציילט:

דבורה טוכמינץ־האַלבערשטאַט איז אַ קורצע צייט פאַרן מלחמה־אויסברוך געקומען מיט איר מאַן לייב האַלבערשטאַט און קינד אויף אַ באַזוך צו די עלטערן אין שעדלעץ.

נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט זי זיך ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן. ס'איז

געקומען דער מאָמענט, ווען זי האָט געדאַרפט געבוירן אַ קינד — איינס פון די גרעסטע פאַרברעכנס אין יענער צייט. — אין דעם אָרט פון איר באַהעלטעניש האָט זי די געבורט נישט געקענט אַדורכמאַכן. זי איז אַוועק אויף פעלדער, זיך באַהאַלטן צווישן געוויקסן. די גויים האָבן דערהערט אירע קרעכצן פון די געבורטס־ווייען און צוליב איר „גוטן" אויסזען, האָבן זיי זי אַנגענומען פאַר אַ הימלאָזע, אַ קריסטין, און זי אַוועקגעפירט אין שטאָטישן מאַריאַנסקי־שפּיטאָל. עטלעכע טעג נאָכן געבורט איז צו איר געקומען אַ גלח אַדורכצופירן די שמדצערעמאָניע איבערן קינד. ווי דער גלח האָט אָנגעהויבן זאָגן זיינע תפילות איבערן קינד, איז די מוטער דבורה אויפגעשפּרונגען:

— טוט דאָס נישט, הייליקער פאָטער, — האָט זי צו אים געזאָגט — איך בין אַ יידישע פרוי און מיין קינד איז אַ יידיש קינד און לאָזט אונדז אַזעלכע בלייבן — דער גלח איז אַוועק. אין אַ קורצער ווייַלע אַרום זענען אַריינגעקומען פּאָליציי, די מוטער מיט קינד אַוועקגענומען און זיי „ליקווידירט". (אלימלך פיינזילבער: „אויף די חורבות פון שעדלעץ", תל־אביב 1952, ז"ז 165 — 166).

דער קרייז פון „פייגעלע דעם רבס"

„פייגעלע דעם רבס" איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ טאָכטער פון הרב בייגעל פון טראַכימבראַד (וואָלין). זי איז אין סעפּטעמבער 1941, צוזאַמען מיט אַלע יידן פון ווילנע, איינגעשפּאַרט געוואָרן אין די ווענט פון געטאָ.

„פייגעלע דעם רבס" איז מיט אַ גרופּע אַנדערע מיידלעך, בית־יעקב תלמידות און בית־יעקב לערערינס פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, איינגעקוואַרטירט געוואָרן אויף הקדש־גאַס 9, אין הויז פון חסידישן שוחט הרב ר' אהרן ידידאָוויטש הי"ד.

פון ערשטן טאָג, ווי זי איז נאָר אַריין אין געטאָ, האָט „פייגעלע דעם רבס" זיך געשטעלט פאַר איר אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַלע רעליגיעזע מיידלעך פון געטאָ אין אַ באַזונדערן קרייז.

די ערשטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן, זענען געווען: רייזל אָרליאַנסקי פון בריסק, שושנה סטאַראָבינעץ פון מיר, לאה רייז און אירע אַ שוועסטער פון לוצק, בריינדל פון פּינסק, רישל פון דערעוונע, ברכה און איר שוועסטער פון ביאַליסטאָק, מלכהלע פון פּאָלאַנקע, בערקאָוויטש פון לוצק, רוט פון פראַנקפורט אַם־מאַין.

שפּעטער זענען צוגעקומען הרבנית שוב פון ווילנע מיט איר טאָכטער, הרבנית בערעק און איר טאָכטער, הרבנית בערקאָוויטש, הרבנית קאַפּעלאָוויטש, הרבנית עפּשטיין, הרבנית פּערלאָוו, הרבנית דערעצין, הרבנית לעוויטאַן פון ראַקישקי און פיל אַנדערע.

דער גרעסטער טייל פון קרייז פלעגן זיך יעדן טאָג צונויפזאַמלען אויף שפּי־טאַלנע 9, ווו מען פלעגט דאַוונען און זאָגן תהילים בציבור. אָנגעפירט מיטן דאַוונען און מיטן תהילים־זאָגן האָט „פייגעלע דעם רבס״.

יעדן שבת פלעגט די גרופּע לערנען די פּרשה פון דער וואָך מיט רש״י און אויך אַנדערע מפרשים, פּרקי־אבות (אין יידיש), דינים פון שולחן ערוך, אויך פאַרשידענע אויסצוגן פון מוסר־ספרים.

די פּאָפּולאַריטעט פון „פייגעלע דעם רבס״ און איר קרייז איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער, די צאָל צוהערערינס פון איר תורה און מוסר־דרשות איז געוואַקסן. די דירה פון הרב ידידאָוויטש איז געוואָרן צו קליין אַריינצונעמען אַזאַ גרויסע צאָל פרויען. דאָן איז דער „ווייבערישער בית־המדרש״ איבערגעטראָגן געוואָרן אויף יאַטקעווער גאַס, אין הויז פון הרבנית רייז פון לוצק. מיט דער צייט איז אָבער אויך דער פּלאַץ פאַרן „ווייבערישן בית־מדרש״ קליין געוואָרן. דאָן איז אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די רבנים לאַנדוי און יאַקובסאָן די פּאָלקס־קיך פון דייטשע גאַס 31 געשטעלט געוואָרן צו דיספּאָזיציע פון „פייגעלע דעם רבס״.

דאָס דאַוונען, דאָס לערנען, די תורה און מוסר־שמועסן און דאָס תהילים־זאָגן איז געווען נאָר פאַר פרויען. מיר זענען באַקאַנט עטלעכע פאַלן ווען „פייגעלע דעם רבס״ האָט איינגעלאַדן מענער פאַר לערער און דרשנים. איינער פון זיי איז געווען ר׳ יעקב זעלווין (אָדער זעלדין) פון די גדולי בעלי־המוסר אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „שבת, דער ווינקלשטיין און פונדאַמענט פון יידישקייט״ איז פאַר די רעליגיעזע פרויען געהאַלטן געוואָרן פון יונגן רעליגיעזן דיכטער חיים סעמיאַטיצקי הי״ד.

מיט אַ קורצער מוסר־דרשה איז דאָרט אויפגעטראָטן יאָסל ביאַליסטאָקער. שלום שוב האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן קידוש השם. די רעדנער־מענער זענען שטענדיק פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך „פייגעלע דעם רבס״.

בעת די צוזאַמענטרעפן אין פּאָלקס־קיך אויף דייטשער גאַס 13 פלעגן די ווענט באַפּוצט ווערן מיט גרויסע, געכתיבטע דורך אַ סופר, לאָזונגען. אָט זענען עטלעכע פון זיי:

1. „אין הדורות גואלים אלא בזכות נשים צדקניות שיש בו״.
2. „בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל״.
3. „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו את השבת״.
4. „קדושים תהיו״.
5. „היט שבת און דער שבת וועט אייך היטן״.

איך האָב געהאַט אין מיין באַזיץ צוויי האַנט־געשריבענע דברי־תורה פון „פייגעלע דעם רבס״.ביידע מאַנוסקריפּטן האָבן זיך געפונען אין „היסטאָרישן אינסטיטוט״ אין וואַרשע. אַ מאַנוסקריפּט מיטן טיטל „כל אשר תאמר אליך שׂרה — שמע בקולה״. אויף פּרשה בראשית, האָב איך איבערגעגעבן דעם ווילנער רב נאָכן באַפרייען ווילנע פון די דייטשן.

אַ סך פון די מיידלעך, פּייגעלעס חסידיסטעס, האָבן שטענדיק געטראָגן מיט זיך די קליינע סידורימלעך זייערע. אַלע סידורימלעך האָבן אויף די אינעווייניקסטע טאָוועלעך געהאַט פאָלגנדיקן טעקסט: „השמים ושמי השמים, הארץ וכל אשר עליה נבראו אלא למען ולצורך האדם״. שפּעטער איז געקומען: „אליך ה׳ נפשי אשא״ און די ברכה „ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו וצונו לקדש שמו ושם ישראל ברבים״.

ווען אין געטאָ האָבן געהערשט יאוש און דעמאָראַליזאַציע, האָט „פּייגעלע דעם רבס״ געלערנט די יונגע עלנטע יידישע טעכטער ווי אָפּצוהיטן די אַלטע יידישע הייליקע געבאָטן פון ערלעכקייט, אָרנטלעכקייט, זיטלעכקייט, באַשיידנ־קייט, ריינקייט, מאָראַלישקייט.

דער גרעסטער טייל פון די מיידלעך פון פּייגעלעס קרייז האָבן נישט געאַרבעט אויף די דייטשע פּלאַצוווקעס, כדי נישט מחלל־שבת זיין. זיי האָבן געאַרבעט אין געטאָ און געווען „באַשיצט״ מיט די אַזוי גערופענע „שוץ־שיינען״. קיין איינע פון זיי האָט נישט געהאַט דעם „געלן״ שיין, וועלכער האָט „גאַזיכערט״ דאָס לעבן פון זיין באַזיצער. אַ סך פון זיי זענען געווען צוגעשריבן ווי פיקטיווע פרויען צו מענער, וואָס האָבן געהאַט „שיינען״. זיי האָבן אָבער געוווינט באַזונדער, הגם לויט די געטאָ־רעגולאַציעס, האָבן אַזעלכע „פּאָרפעלקער״ געדאַרפט וווינען אין איין דירה.

אין אַ שיינעם ליכטיקן זומערטאָג, אין חודש סעפּטעמבער 1943, איז „פּייגעלע דעם רבס״ מיט אירע חברטעס, העלדינס פון קדושה און פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אונטער באַגנעטן פון נאַצי־באַנדיטן, אוקראַינער און ליטווינער געטריבן געוואָרן צום סעלעקציע־פּלאַץ אויף ראָסע אין ווילנע. אַ טייל פון זיי איז זייער גורל געווען „לינקס״. „פּייגעלע דעם רבס״ מיט דעם גרעסטן טייל פון אירע נשמה־חברטעס זענען אָװעקגעשטעלט געוואָרן אויף „רעכטס״, וואָס האָט באַדייט לעבן.

אין פּאַרמאַכטע וואַגאָנעס זענען זיי אָוועקגעשיקט געוואָרן קיין ריגע.

אין יולי 1944, ווען די אָפּענסיווע פון די סאָוויעטישע אַרמייען האָט דערגרייכט לעטלאַנד, איז די גרעסטע צאָל איינגעשפּאַרטע אין די 20 לעטלענדישע אַרבעטס און צוואַנג־לאַגערן איבערגעפירט געוואָרן אין טרויעריק־באַרימטן לאַגער שטוט־האָף נעבן דאַנציק.

אַהין איז אויך איבערגעפירט געוואָרן „פּייגעלע דעם רבס״ פון טראַכימבראָד, צוזאַמען מיט אַ סך פון אירע טרייע חברטעס. בלויז צוויי פון זיי האָבן זיך גע־ראַטעוועט. (יוסף פאַקסמאַן: „דער אַמעריקאַנער״, וואָכנבלאַט, ניו־יאָרק, 9טן אויגוסט 1945).

דער קאָלאָשיצער רבי האָט געהייסן אָפּגעבן כבוד אַ זעלבסטמערדערין

שלמה שמידט דערציילט:

דעם 7טן יולי 1942. אַ „יונאַק" (אַ פּוילישער בוי־דינסט־אַרבעטער) פון קאָלאָשיץ איז געקומען קיין פּריסטיק און ער האָט דערציילט חיים ברוך פּודער־בייטלען, אַז ער איז געווען צוגעטיילט מיט נאָך אַ פּאָר „יונאַקעס" קיין וואַזשיץ. זיי האָבן געזען ווי מען האָט די פּריסטיקער יידן אויסגעהרגעט. יעדן לאַסטאויטאָ מיט יידן האָט מען אַריינגעפירט אין וואַלד, געהייסן יעדן איינעם אָפּגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט ביי זיך, ווען נישט וועט מען אים שיסן. אַלע האָבן אַוועק־געלייגט וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. נאָך דעם האָבן די דייטשן געהייסן די מענער, פרויען און קינדער, זיי זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט און געהייסן זיי גיין אויף אַ ברעט, וואָס איז געלעגן איבער אַ טיפן גרוב, און אַזוי ווי די מענטשן זענען געגאַנגען איבער דעם גרוב, האָבן די דייטשן געשאָסן מיט מאַשין־געווער און די יידן זענען גלייך געפאַלן אין גרוב אַריין. אַ גרויסער טייל איז אַריינגעפאַלן פאַר שרעק לעבעדיקערהייט. ווען דער גרוב איז געוואָרן פאַרפולט, האָבן מיר אים פאַרשאָטן.

דערנאָך האָט מען די יידן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דעם צווייטן לאַסט־אויטאָ, דאָס זעלבע געטאָן: געהייסן זיי אויסליידיקן די קעשענעס, דערנאָך זיי געהייסן גיין איבער אַ ברעט פון אַ צווייטן גרוב און זיי דערשאָסן, און מיר האָבן דעם גרוב פאַרשאָטן. אַזוי אויך מיטן דריטן גרוב.

אַלע קליידער האָבן מיר צונויפגענומען, זיי אַרויפגעלייגט אויף די אויטאָס און זיי געשיקט קיין יאַסלע (נעבן פּריסטיק).

די שטאָט־געמיינדע האָט צוגעשטעלט צו קהל אַ באַפעל, מיר זאָלן אָנגעבן וויפל יידן עס זענען געבליבן אין פּריסטיק. זיי דאַרפן דאָס האָבן, כדי צו וויסן וויפל פּראָוויאַנט זיי וועלן דאַרפן געבן וויניקער דער יידישער קהילה.

דאָס פאַרגאַסענע בלוט איז נאָך וואַרעם, און זיי ווילן שוין נעמען ירושה. ביז צו דער צייט וואָס מען דאַרף אַרויסגעבן דעם פּראָוויאַנט איז נאָך צוויי וואָכן.

אין דער קיך הייסן מיר קאָכן אַזוי ווי ביז היינט. וואָרעם טראָץ דעם, וואָס עס פעלן אַ פופציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אָבער גע־בליבן אַ סך מענער אַליין, אָן פרויען און קינדער, זיי מוזן גיין אַרבעטן און זיי האָבן נישט קיינעם, וואָס זאָל זיי באַדינען און צוגעבן אַ לעפל וואַרעם וואַסער.

די „אָרדנונגס־פּאָליציי" רעכנט צונויף די יידן, וואָס זענען פאַרבליבן. מיר פאַרגלייכן עס מיט דער צאָל יידן, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר דער „אַקציע", שטעלט זיך אַרויס, אַז עס פעלן 750 יידן...

די לאַגע איז קריטיש. פון צען אַרומיקע שטעטלעך האָט מען אויסגעהרגעט אַלע פרויען און קינדער. מען לאָזט נאָר איבער מענער.

דעם 10טן אויגוסט 1942. יוסף קלויזנער רופט צונויף איבער דרייסיק יונגע־לייט אין לאָקאַל פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף. ער קלערט אויף, אַז לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, פירט מען אַלע יידן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג, פון וועלכער מען הערט גאָרנישט*. אַזוי צי אַזוי זענען מיר פאַרלוירן. וואָלט גלייך געווען מיר זאָלן זיך אָרגאַניזירן. זיין פּלאַן איז אַזאַ: אַזוי ווי מיר וועלן זיין פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ און ס'וועלן אָנקומען די געסטאַפּאָ מיט דער פּאָליציי, זאָלן מיר מאַכן אַ פּלוצלונגדיקן איבערפאַל, צו־נעמען זייער געווער, זיי אויסשיסן, און דערנאָך זאָל זיך יעדער צעלויפן אין די וועלדער, אָדער צונויפנעמען אַלע יידן אויפן בית־החיים און אַליין וואַרטן אויפן טויט. זאָלן וויניקסטנס אונדזערע נאָענטע פון דער ווייטער וועלט, וואָס וועלן בלייבן לעבן, וויסן ווו זייערע קרובים ליגן.

אַן אַנדערער פאָרשלאָג איז געווען, אַז מען זאָל ביי נאַכט מאַכן אַן איבערפאַל אויף דעם פּאָליציי־פּאָסטערונעק, צונעמען ביי זיי זייער געווער און אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָנוועזנדיקע, איז באַשלאָסן געוואָרן ביידע פּלענער אָפּצוּוואַרפן. ווען מען זאָל באַפאַלן דעם פּאָליציי־פּאָסטערונעק, וואָס וועט מען אויפטאָן? ווען מען וועט האָבן זעקס ביקסן און אַ ביסל פּאַטראָנען, וועלן זיך ראַטעווען אַ דרייסיק מענטשן. אָבער דאָס איז אויך נישט זיכער, וואָרעם ווען מ'וועט אפילו אַנטלויפן אין די וועלדער, וועט קומען די געסטאַפּאָ און מאַכן אַן אָבלאַווע. ווידער, באַפאַלן אויפן אָרט די געסטאַפּאָ, איז נאָך אַ פראַגע צי עס וועט געלינגען זיי אויסצוהרגענען, וואָרעם אָן געווער קען מען גאָרנישט טאָן, איבערהויפּט אויב עס וועלן זיי קומען צו הילף אַ 30 — 40 פּוילישע פּאָליציאַנטן און „זאָנדער־דינסט". דעמאָלט, וועט קיין ייד נישט בלייבן לעבן. די מענטשן פון 14 ביז 35 יאָר בלייבן דאָך לעבן, טאָר מען נישט ריזיקירן.

איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער איינער זאָל זיך זען צו פאַרשאַפן אַרישע פּאַפּירן און אַרויספאָרן. ווער עס וועט נישט קענען, זאָל לויפן אין די וועלדער אַריין, אפשר וועט דאָך עמעצן געלינגען זיך צו ראַטעווען.

מיט דעם איז מען זיך צעגאַנגען.

אַרום זעקס פאַר נאַכט. מאַלאַכסקיס טאָכטער רופט מיך צו און זאָגט מיר בסוד, אַז היינט ביי נאַכט וועט זיין אַן אָבלאַווע. עס קומען אָן, ווי זי האָט אַ זיכערע ידיעה, דייטשע פּאָליציי פון יאַסלע, זאָל איך זיך באַהאַלטן.

איך רוף מיין פרוי און טאָכטער און מיר גייען שלאָפן צו חיים זילבער. דאָרט איז פאַראַן אַ פּולער קעלער מיט וואַסער. מיר שטעלן אַרויף קאַסטנס און לייגן אַרום שטיינער, זיי זאָלן נישט שווימען און מיר פאַרמאַכן די טויערן. איך און

* אין די שטעטלעך פון מערב־גאַליציע האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געוווסט וועגן דעם טויטלאַגער אין אוישוויץ.

שמשון פליישער שטייען אויף דער וואַך. ווען מיר וועלן עפּעס באַמערקן, וועלן מיר אַריין אין קעלער מיט וואַסער און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן.

די נאַכט איז אַדורך רויִק. — — —

מיט אַ טאָג שפּעטער פאַרצייכנט שלמה שמידט:

משה איזלער קומט אין קהל אַריין. ווייזט אונדז אַ בריוו, וואָס עס האָט דער־האַלטן הירש יעקב טאַלערס שוואָגער, נח קירשענבוים, אין וועלכן ער שרייבט בהאי לישנא:

בין נעכטן געווען ביי די פּריסטיקער קדושים.

דינסטיק פרי, איך גיי אויף דער גאַס, געסטאַפּאָ קומט צו, הייסט מיך אַרויפ־גיין אויפן אויטאָ, וואָס איז שוין געווען פול מיט יידן. איך גיי אַרויף. איך זע ווי דער אויטאָ פאָרט אין דער ריכטונג קיין וואַזשיץ. מיר זענען זיכער, אַז מען פירט אונדז דערשיסן.

אָנקומענדיק אויפן פּלאַץ, הייסט מען אונדז אַראָפּגיין. מען גיט יעדן איינעם אַ לאָפּעטע אין דער האַנט אַריין און מען פירט אונדז אין וואַלד אַריין. מיר גייען ביז מיר קומען צו און זעען דריי פרישע, גרויסע גריבער, פון וועלכע די ערד האָט זיך אויפגעהויבן און איז אין גאַנצן געשפּאָלטן. מען האָט אונדז געהייסן די גריבער אויסגלייכן. מיר האָבן זיי אויסגעגלייכט און פאַרזעצט מיט קליינע ביימעלעך.

איך האָב ביי די פּריסטיקער קדושים געבעטן מחילה אין מיין און אין אייער נאָמען...

עס קומט אָן אַ שליח פון ברוך בראָנער פון זשמיגראָד, אַז מען האָט נעכטן פון זשמיגראָד אָוועקגעפירט 900 יידן אין וואַלד אַריין און זיי אויסגעשאָסן.

צוזאַמענגענומען אַ צוויי אלפים (טויזנט) יידן פון באַבעוו, געשיקט זיי קיין גאָרליץ, דאָרט אַלע צוזאַמען אויסגעשאָסן. איבערגעלאָזט 150 יידן אַלס אַרבעטער...

פרייטיק, דעם 14טן אויגוסט. געשיקט בערגלאַסן קיין יאַסלע. ער האָט פרייטיק צו נאַכטס געבראַכט די ביטערע בשורות, אַז די דייטשן האָבן די שטעטלעך בייטש, באַבעוו פולשטענדיק חרוב געמאַכט. איך האָב געזען, אַז זיי וועלן אויך פּריסטיק נישט אויסמיידן. ביי נאַכט בין איך געשלאָפן אין זילבערס קעלער. צוויי טעג נישט געגעסן...

שלמה שמידט פאַרשרייבט, ווי אַזוי ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען מיט זיין פרוי און קינדער, און ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען צו קריגן אַ פּלאַץ ביי אַ באַקאַנטן גוי:

עס איז זיבן אַזייגער פאַר נאַכט. איך זע אַ צוזאַמענלויף. וואָס איז געשען? שׂרה נייבאָרדט, נישט וועלנדיק אומגעבראַכט ווערן דורך די רשעים, איז אַריינ־געשפּרונגען אין אַ ברונעם און איז דערטרונקען געוואָרן.

זי האָט פריִער געגעבן צו עסן די קינדער, האָט זיי געזאָגט, אַז זי קומט באַלד צוריק, און זיך גענומען דאָס לעבן. דאָס איז די איינציקע, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַליין זיך דאָס לעבן צו נעמען.

איך האָב געפרעגט דעם קאָלאָשיצער רבין ווו מען זאָל זי קובר זיין, ווייל זי איז דאָך געווען אַ „מאבד עצמו לדעת". דער רבי האָט געזאָגט, אַז מען זאָל זי קובר זיין כדין וכדת און מען זאָל איר געבן אַ בכבודיקן קבר... — — —

✶

דער קאָלאָשיצער רבי, ר' חנה האַלבערשטאַם, איז אומגעבראַכט געוואָרן אין פריסטיק.

לויט אַ ידיעה פון אַ ייד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון פריסטיק און וווינט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, איז דער קאָלאָשיצער רבי געווען באַהאַלטן ביי אַ ייד אויף אַ בוידעם. אַ מיידעלע איז אַראָפּ פון דעם בוידעם־בונקער קויפן פירות. עס האָט זי דערזען אַ פּאָליאַק, האָט ער זי געכאַפּט און זי איבערגעגעבן דער פּוילישער פּאָליציי.

אויף דער פּאָליציי האָט מען דאָס מיידעלע געמאַטערט, זי זאָל אויסזאָגן ווו זי איז געווען באַהאַלטן. זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די פּייניקונגען און האָט זיי געזאָגט אין וועלכן הויז זי איז געווען באַהאַלטן. די פּאָליציי איז געקומען און אַרעסטירט דעם קאָלאָשיצער רבין און די דייטשע מערדער האָבן אים דער־שאָסן, השם ינקום דמו, דאָס איז געווען דאָנערשטיק, דעם 1טן אָקטאָבער 1942.
(שלמה שמידט: „טאָגבוך" אין כתב־יד, אין מיין רשות).

די טענה צום רבונו של עולם

בערגען־בעלזען. די לעצטע סטאַנציע. הונגער, מגיפות, טויט, אומאויפהער־לעכער טויט. מען ליגט אין די פינצטערע לעכער, קיין טראָפּן טאָגליכט. מען רעדט צווישן זיך, מען שטאַמלט, נישט ווויסנדיק וואָס, אַ מאָל קריגט מען צוריק דאָס באַוווסטזיין, ווי ס'געשעט געוויינלעך מיט צעמישטע מוחות.

איך האָב געהאַט אַ שמועס, נאָר איך ווייס נישט, צי מיט זיך אַליין, אָדער מיט אַ שכנה. איינס ווייס איך, אַז דער שמועס איז געווען, כדי צו וועלן וויסן און דערגיין דעם „פאַרוואָס" און דעם „פאַרווען". צי איז אונדזער פּיין באַשטימט פון אַ העכערער מאַכט, אָדער — דאָס איז גלאַט אַן וועלכער ס'איז געטלעכער השגחה?

מיין מיטשמועסערין פרעגט מיך:

— מיינסטו, אַז אונדזער פאָלק איז געווען אַזוי זינדיק, אַז פאַר נישט זיין געגוג גוט און פרום, האָט גאָט געשיקט די צרות אויף אונדז? הייסט עס, אַז גאָט האָט געפונען אין די רוצחים די אַלע גוטע מעלות, וואָס ער דאַרף, און דעריבער אונדז איבערגעגעבן אין זייערע הענט? איז ער נישט דער אל רחום וחנון? איז ער נישט דער אב־הרחמים? אויב מיר ווידער, זענען נישט גוט, וואָס איז מכוח אונדזערע טייערע תלמידי חכמים? די זקני העדה, די קליינע קינדער, וואָס זענען אומשולדיק, ווי גאָט אַליין, פאַר וואָס קומט עס זיי?

זי ווערט בייז און שרייט:

— פאַר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? רעד צו מיר! איך פאַרלאַנג אַן ענטפער! יאָ, איך ווייס, אַז דו רעדסט נישט, אַז דו ביסט סודותדיק און פאַרהוילן... אפשר ביסטו באַנקראָט? שוין אַזוי פיל טויזנטער יאָר ווי מען ברענט און מען פייניקט אונדז. מיר דאַרפן שוין לאַנג זיין געלייטערט און ריין ווי גינגאָלד. זענען מיר ערשט איצט, נאָך אַזוי פיל גלותן, אויף נייע שייטערס! אָדער אפשר איז גאָר גאָט מיט זיי? און מיט אונדז וויל ער גאָר קיין מגע ומשׂא נישט האָבן?

— דו ביסט אפשר גערעכט, גאָט איז נישט מיט אונדז... זאָג איך דיר פייער־לעך, געדענק! אויב עס וועט עפּעס בלייבן אַן איבערבלייב פון אונדז, וועלן זיי אַנטלויפן פון אונדז, אַננעמען אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער צורה, ווערן שלעכ־טער פון שלעכט, דאַן וועט דער שארית־הפליטה גוט זיין אויף דער עקלדיקער וועלט...

איך בין אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— לאָז מיך אָפּ! איך בין נישט מיט זיך! מיין קאָפּ שפּאַלט זיך מיר! איך פיל גאָרנישט! איך דאַרף גאָרנישט! העלף מיר, ווי דו האָסט אַלע אַנדערע געהאָלפן!...

און מען האָט זיך ווייטער געצויגן מיט די לעצטע כוחות, זיך געשלעפּט, ווי די שאָטנס... (בערטאַ פערדערבער־זאַלץ: „און די זון האָט געשיינט", ז"ז 183־184).

רעליגיעזער חינוך

חדרים, תלמוד־תורהס, ישיבות אין געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אין פוילן געווען אַ האַלבער מיליאָן יידישע קינדער אין שולעלטער.

לויט אַ באַריכט פון סטאַטיסטישן אַמט ביי דער פוילישער רעגירונג, זענען אין די יאָרן 1934—1935 געווען אין אַלע פאָלקסשולן 425,260 יידישע קינדער, פון זיי: 344,671 אין רעגירונגס־שולן און 80,589 אין יידישע שולן.

אין 710 חדרים און תלמוד־תורהס האָבן געלערנט 35,000 קינדער און אין 130 ישיבות קטנות און גדולות — 12,000 תלמידים.

אין ווילנע זענען געווען 150 חדרים און תלמוד־תורהס מיט 18,000 תלמידים. דער „ועד הישיבות" אין ווילנע האָט געהאַט 78 ישיבות קטנות און גדולות מיט 6,000 תלמידים [1].

לויט אַ דין־וחשבון פון יאָר 1937, זענען אין פוילן געווען 250 „בית־יעקב"־שולן פאַר מיידלעך, ווו ס'האָבן געלערנט 38,000 תלמידות, און אַ „בית־יעקב"־סעמינאַר אין קראָקע [2].

ווי נאָר די דייטשן זענען איבערגעפאַלן פוילן, האָבן זיי כמעט אין אַלע ערטער פאַרבאָטן די יידישע שולן, חדרים, תלמוד־תורהס און ישיבות.

די יידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען, אַז די יידישע רעליגיעזע שולן און חדרים זאָלן ווייטער אויף אַ געהיימען אופן עקזיסטירן.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געשאַפן געוואָרן „קינדער־ווינקלעך": קינדער זענען צונויפגענומען געוואָרן כמעט אין יעדן הויז און מען האָט מיט זיי געלערנט אין געהיים. דער „דזשאָינט" און די „זעלבסטהילף" האָט געגעבן די נויטיקע געלטער, עס זענען געשאַפן געוואָרן פונקטן, ווו קינדער פון שולעלטער האָבן געקריגן אַ ביסל זופּ און אַ שטיקל ברויט באַשמירט מיט מאַרמעלאַד, אָבער אין דער אמתן זענען דאָרט געווען אַ דערציִער אָדער אַ דערציִערין, וואָס זענען פּאַקטיש געווען לערער. זיי האָבן געלערנט מיט די קינדער פאַרשידענע לימודים אין אַ באַגרענעצטער פאָרעם, דער עיקר יידישע לימודים: העברעיִש און יידישע געשיכטע. די קינדער האָבן אויך געזונגען העברעיִשע לידער.

אַ חוץ דעם זענען אין וואַרשעווער געטאָ געשאַפן געוואָרן אין יעדן הויז קיכן פאַר קינדער און אויך דאָרט האָבן געלערנט יידישע לערער און לערערינס.

באַלד נאָך סוכות פון יאָר 1939 זענען געגרינדעט געוואָרן חדרים „יסודי תורה" אין גאַנץ וואַרשע [3] און אין ווינטער פון יענעם יאָר זענען געעפנט געוואָרן „בית־יעקב"־שולן.

אויך די „מזרחי״ האָט באַנייט אירע שולן „יבנה״, דערנאָך זענען געעפנט געוואָרן די שולן פון „תרבות״ און אויך די שולן פון ציש״אָ.

די אַסימילאַטאָרישע שולן האָבן זיך נישט געגעבן די מי צו באַנייען די טעטיקייט. די „שולקולט״־שולן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן, אַ טייל אין די תרבות־שולן און אַ טייל אין דער ציש״אָ.

אַ חוץ דעם האָבן זיך געמערט ישיבות און סתם גרופּעס בחורים, וואָס האָבן געלערנט תורה, זיי זענען געווען לחלוטין געהיים. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין פאַרשידענע פאַרבאָרגענע פּלעצער. על־פּי־רוב פלעגן זיי אַוועקשטעלן שומרים ביי די טויערן פון די הייזער, כדי צו לאָזן וויסן ווען דייטשן קומען אָן.

מען האָט געלערנט טאָג און נאַכט. אַזעלכע צענדליקער גרופּעס זענען געווען אונטער דער השגחה פון הרב ר׳ מנחם זעמבאַ, הרב ר׳ אריה לייב פרומער, הרב ר׳ אברהם וויינבערג און אַנדערע.

אויך אין אַ טייל חסידישע מנינים האָט מען געלערנט אונטערערדיש. מען האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז אין די געהיימע שיעורים האָבן געלערנט מער ווי דריי טויזנט בחורים.

„מען קאָן גאָרנישט אָפּשאַצן זייער מסירת־הנפש, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז זיי זענען געווען אויסערן געזעץ און אַז זיי האָבן מוראדיק געליטן״ [4].

אויך זענען געווען צוויי אונטערערדישע הויכשולן, איינע מיט לימודים פון יידישע וויסנשאַפטן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון ד״ר מנחם שטיין און מיט דער באַטייליקונג פון פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער א״אַ. און לעקציעס פאַר די „בית־יעקב״־לערערינס, וואָס איז געווען אַ המשך פון „בית־יעקב״־סעמינאַר אין קראָקע, אָנגעפירט פון א. ל. אָרלעאַן און א. ז. פרידמאַן.

דעם 2טן יאַנואַר 1942 האָט דער יודענראַט אין וואַרשע באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען שולן פאַר 5,000 קינדער. אָבער די דערלויבעניש איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ערשט אין אַפּריל 1942. דעמאָלט הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישע שולן אין געטאָ.

דער פאָרזיצער פון יודענראַט, אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו (דערנאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד), האָט צונויפגערופן די פאָרשטייער פון אַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר דער מלחמה. יעדע שול־ריכטונג האָט געדאַרפט צושטעלן אַ באַריכט פון זייער אַרבעט אין אונטערערד.

לויט אַ דין־וחשבון פון דער „אגודת ישראל״ זענען אין יאָר 1940 געווען טעטיק 144 דערציִער און 12 לערערינס פון „בית־יעקב״. אַ חוץ דעם זענען טעטיק געווען אין די ישיבות 16 רבנים און משגיחים, צוזאַמען האָבן געלערנט אין אַלע דערציִונגס־אַנשטאַלטן 2,250 קינדער [5]. אין יאָר 1941 זענען געווען טעטיק 46 חדרים „יסודי תורה״, דאָרט האָבן געאַרבעט 132 דערציִער. פיר לעקציעס אַ טאָג זענען געגעבן געוואָרן אין „בית־יעקב״, וווּ עס זענען געווען טעטיק 16 לערערינס. געווען אויך 6 ישיבות קטנות. אין אַלע אַנשטאַלטן פון דער אגודה האָבן געלערנט 3,500 קינדער און יוגנטלעכע.

אַלעקסאַנדער זישע פרידמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אגודת ישׂראל" אין פוילן, איז אַריין אין „ועד" פון דערציִונג פון דעם רעליגיעזן אָפּטייל פון דער וואַרשעווער קהילה.

אין דער „בית־יעקב"־שול אויף נאַלעווקעס איז געווען דירעקטאָר א. ז. פריד־מאַן. אַ צווייטער דירעקטאָר פון אַ „בית־יעקב"־שול איז געווען אברהם מרדכי ראַגאָווי. דער דירעקטאָר פון דער דריטער „בית־יעקב"־שול איז געווען יהודה לייב אָרלעאַן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ געהיימען סעמינאַר פאַר „בית־יעקב"־לערערינס אין וואַרשע אויף גענשאַ־גאַס [6].

אַ חוץ דעם זענען געווען טעטיק געהיימע חדרים, אָנגעפירט פון א. ז. פרידמאַן, און אויך געהיימע ישיבות.

הרב אריה צבי פרומער, קאָזשעגלאָווער רב און ראש־ישיבה פון דער „ישיבת חכמי לובלין", צוזאַמען מיטן צווייטן ראש־ישיבה, הרב לייב לאַנדאַ, קאַליביעלער רב, האָבן אָנגעפירט מיט די געהיימע ישיבות.

די ישיבה־בחורים זענען געווען פּליטים פון דער לובלינער ישיבה אין וואַר־שעווער געטאָ.

די געהיימע חדרים און ישיבות, די „בית־יעקב"־שולן און דער געהיימער „בית־יעקב"־סעמינאַר האָבן עקזיסטירט ביז צו דער ערשטער דייטשער „אַקציע", ערב תשעה באב 1942, בעת אַ האַלבער מיליאָן יידן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ קיין טרעבלינקע און אין אַנדערע טויטן־לאַגערן.

שפּעטער האָבן עקזיסטירט געהיימע ישיבות אין פאַרשידענע גאַסן פון וואַר־שעווער געטאָ.

אַזוי האָט אברהם וואַרשעווער אָנגעפירט מיט אַ געהיימער ישיבה אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, עס איז אויך געווען אַ נאָוואַראַדאָקער מוסר־ישיבה. מען האָט אויך געלערנט אין געהיים אין פאַרשידענע „שטיבלעך", ווו חסידישע בחורים פלעגן לערנען אין פוילן ביזן „דריטן חורבן".

עס זענען אַנטשטאַנען ישיבות אין די בונקערס. יוסף קעניגסבערג, געוועזע־נער אַדמיניסטראַטאָר פון „ישיבת חכמי לובלין", האָט געשאַפן געלט פאַר די ישיבה־בחורים אין די בונקערס.

צווישן די ישיבה־בחורים אין די בונקערס זענען געווען „עלויים", ווי שלמה קאַנער ((פון ראַדאָם), חיים ראָזנשטרייך און אַנדערע. די בחורים האָבן געלערנט אין געהיים אין די בונקערס. פון צייט צו צייט איז אַ בחור אַרויסגעגאַנגען שאַפן עסן.

פסח 1943 האָט מען געכאַפּט אַ גרופּע ישיבה־בחורים פון די בונקערס און זיי געפירט צום „אומשלאַג־פּלאַץ". זיי האָבן אַלע געהאַט באָרד און פּיאות. די דייטשן האָבן זיי געשיקט קיין טרעבלינקע, ווו זיי זענען אומגעקומען [7].

די „מאַטעסאָווצעס"

אַ לעגענדאַרע פיגור אין קראָקעווער און וואַרשעווער געטאָס איז געווען מאַטעס ווינער, אַ בחור פון ווין, וואָס האָט געלערנט אין דער „ישיבת חכמי לובלין". ער האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט די חסידישע חברות אין פאַרשידענע שטעט. מען האָט די חברות גערופן „מאַטעסאָווצעס". זיי זענען טעטיק געווען אין קראָקע, וואַרשע, שידלאָווצע, ראַדאָם און אין אַנדערע שטעט. זיי האָבן געלערנט אין געהיים, געגעסן צוזאַמען און געפירט אַ קאָלעקטיוו לעבן.

מאַטעס ווינער האָט געטראָגן באָרד און פּיאות און זיך פאַרבונדן די באַקן מיט אַ טיכל. ער איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, געשאַפן געלט פאַר די ישיבה־בחורים.

די „מאַטעסאָווצעס" אין קראָקע זענען אַלע געכאַפּט געוואָרן אין אַ בונקער. די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן זיי אויסגראָבן פאַר זיך אַ גרוב, זיי האָבן געטאַנצט אין גרוב אַריין, זינגענדיק: „וטהר לבנו לעבדך באמת" און אַזוי זענען זיי אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם.

וועגן די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין אַ בונקער אין קראָקעווער געטאָ, דערציילט מרדכי שקלאַרטשיק [8]:

זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווי קדושים און גבורים. זיי האָבן בכלל נישט געוווּסט וואָס פּחד איז. קיין שום זאַך האָט נישט אָפּגעשוואַכט זייער ברענענדיקן גלויבן. איך האָב זיך מיט זיי באַקענט אין געטאָ און סלאָמניק. ווען עס איז געוואָרן שווערער דער מצב אין קראָקעווער געטאָ, ווו עס האָבן עקזיסטירט עטלעכע געהיימע חסידישע גרופּעס, האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין פאַרשידענע פּונקטן, און איין גרופּע איז געקומען צו אונדז קיין סלאָמניק. זיי האָבן פאַרנומען אַ קליין שטיבל אויפן בוידעם, נאָענט צום הויז פון מיינע עלטערן, און דאָרט האָבן זיי געלערנט תורה. די „יידישע פּאָליציי" האָט פון זיי פאַרלאַנגט זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו דער ווירקלעכקייט — אָפּגאָלן באָרד און פּיאות און בייטן זייערע חסידישע מלבושים. „מיר ווילן ראַטעווען אייער לעבן, וואָרעם אַז די דייטשן וועלן קומען און וועלן אייך אַנטדעקן, וועלן זיי אייך דערשיסן אויפן אָרט!" אַזוי האָט געטענהט די „פּאָליציי" פון געטאָ.

די חסידישע בחורים האָבן אָבער נישט געלייגט קיין אַכט אויף די טענות און זיי האָבן זיך ווייטער געפירט, ווי פריִער.

איך בין געווען דעמאָלט אַ 16־יאָריקער בחור און מיך האָט געצויגן צו זיי. איך בין געווען דער איינציקער צווישן זיי אָן באָרד און פּיאות און אין גוייִשע מלבושים. דעריבער האָב איך פאַר זיי געטאָן פאַרשידענע שליחותן. איין מאָל זענען זיי געכאַפּט געוואָרן דורך דייטשע סאָלדאַטן און זיי זענען אַריבערגעפירט

געוואָרן אינעם אַרבעטס־לאַגער. אין יענער נאַכט האָבן זיי באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אויסברוך פון דעם לאַגער, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער לעבנסגעפאַר, און זיי האָבן ווידער געלערנט תורה און געדאַווענט מיט התלהבות. ווען איינער פון זיי איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָט ער פאַרבונדן זיין פנים מיט אַ טיכל, ווי ער וואָלט געהאַט צאָן־ווייטיק, כדי צו באַהאַלטן זיין באָרד און פיאות.

אין צוויי יאָר שפּעטער האָב איך זיי ווידער באַגעגנט אינעם קראָקעווער געטאָ. איך האָב זיך אַרומגעדרייט ווי אַן „אַריער", נאָך דעם ווי מיר איז גע־לונגען זיך צו פאַרשאַפן פאַלשע פּאַפּירן. איך האָב געהערט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון סלאָמניק און זיי געפינען זיך ווידער אין קראָקע. בין איך געגאַנגען זיי זוכן.

אין אַ קעלער אינעם ענגן געטאָ האָב איך זיי געפונען. עטלעכע ליידיקע פעסער זענען געווען אין קעלער, זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַ ברעט אויף צוויי פעסער און אַזוי האָבן זיי געלערנט תורה.

איך בין אַריין אין קעלער דורך אַ געהיימען אַריינגאַנג, לויט זייער סודותדיקן סיסטעם. זיי זענען געווען אין פולשטענדיקער קאָנספּיראַציע. איך האָב זיי גע־זאָגט, אַז איך לעב אויף דער „אַרישער" זייט און איך בין גרייט מיטצונעמען עטלעכע פון זיי.

— מיר קאָנען נישט לעבן צווישן גויים. ווי אַזוי וועלן מיר דאָרט דאַווענען און לערנען תורה? און אָן דעם — ווי אַזוי קאָן מען לעבן? וואָס פאַראַ ווערט האָט אַזאַ לעבן! — האָבן זיי מיר געענטפערט. זיי האָבן זיך נישט באַמיט אויף מיר משפיע צו זיין איך זאָל בלייבן מיט זיי. זיי האָבן בלויז פון מיר פאַרלאַנגט, אַז אויב עס וועט מיך באַגעגענען אַ נאַצי אין גאַס און ער וועט אָנהייבן מיך אויס־פרעגן, ווי זייער שטייגער איז: „יודע?", איז בעסער איך זאָל זיי ענטפערן אין דייטש „קיין", וואָס אויף דייטש מיינט עס „ניין", אָבער אין העברעיִש קלינגט עס „כן" (יאָ). זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז ס'איז נישט שיין, אַז אַ ייד זאָל, ביי אַלע אומשטענדן, פאַרלייקענען זיין יידישקייט...

ישיבה־בחורים קומען אַרויס ביי נאַכט פון בונקערס זוכן שפייז

ד"ר הלל זיידמאַן שרייבט וועגן ישיבה בחורים אין אַ בונקער אין זיין „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ" [9]:

מיטוואָך דעם 29סטן סעפּטעמבער, ...ס'איז נאָך צוויי אַ זייגער ביי נאַכט... מיר הערן פלוצלונג טריט... און דערזען געשטאַלטן פון דריי מענטשן... זיי דער־נעענטערן זיך צו מיר און זיי דערציילן, אַז זיי זענען בחורים וואָס לערנען, זיי זענען פון אַ לערן־קיבוץ פון ר' אברהמעלע וויינבערג, איצט זענען זיי אונטער דער

השגחה פון ר׳ יהודה לייב פרומער, דער געוועזענער ראש־ישיבה פון לובלין. זיי לערנען אויף דער מילע־גאַס אין אַ בונקער אונטער אַ הויז. דער בונקער געפינט זיך טיף אין דער ערד. עס פעלט זיי אויס עסן. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פּחדים אין געטאָ, גייען זיי נישט אַרויס ביי טאָג, נאָר ביי נאַכט גייען זיי זוכן שפּייז אין פאַרלאָזענע יידישע הייזער. פאַראַן הייזער, וואָס די יידן זענען אויסגע־זידלט געוואָרן און זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ סך שפּייז, ווי: מעל, קאַרטאָפל און גרויפּן, נעמען זיי עס צו. זיי ווענדן זיך אויך צו יידן, וואָס האָבן שפּייז, און טייל מאָל קריגן זיי עס. מען גיט זיי אַ מאָל אויך געקעכץ; פאַראַן עטלעכע יידישע פרויען, וואָס קאָכן און באַקן פאַר זיי, און די פרויען וואַרטן, זיי זאָלן קומען נעמען די מאכלים.

די ישיבה־בחורים גייען אַרויס איינס אָדער צוויי אַ זייגער ביי נאַכט. מען טאָר טאָקע נישט אַרויסגיין נאָך זיבן אַ זייגער אין אָוונט, אָבער וואָס גייט עס אָן די ישיבה־בחורים?

אין קיבוץ געפינען זיך 19 בחורים, יעדער נאַכט גייען אַרויס צוויי־דריי בחורים זוכן שפּייז. דאָס איז דער איינציקער מיטל נישט צו שטאַרבן פאַר הונגער. עס איז אַפילו פאַראַן נישט ווייט פון זיי אויף דער נאַלעווקי־גאַס נומער 38 אַ פאַלקס־קיך, דאָרט וואָלטן זיי געקאָנט קריגן זופּ, אָבער דאָס עסן איז נישט כשר. טייל פון זיי זענען זייער אָפּגעשוואַכט און אַ רב אַ בר־סמכא האָט זיי מתיר געווען צו עסן די דאָזיקע זופּ, אָבער זיי זאָגן: „מוזן מיר דען עסן אַלץ וואָס ס׳איז מותר?״.

די געשטאַלטן פאַרשווינדן אין דער פינצטערער נאַכט.

אַ באַזוך אין אַ בונקער פון ישיבה־בחורים

ד״ר הלל זיידמאַן שילדערט אין זיין „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ״ [10], ווי אַזוי ער האָט באַזוכט אַ ישיבה־בונקער אויף נאַלעווקי־גאַס נומער 35. צוויי ישיבה־בחורים, מאַנעס ראָזנשטרייך און הענדעלעס, האָבן אים געהייסן דאָרט זיין 5 אַזייגער פאַר נאַכט. אַ יונגער בחור מיט אַ יידיש היטל (זיי זענען נאָך די איינציקע, וואָס האַלטן זיך אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער טראַכט, אַלע אַנ־דערע אָרטאָדאָקסישע יידן טראָגן היינט „קאַשקעטן״), שטייט שוין ביים טויער און זאָגט „קום״.

זיידמאַן איז געגאַנגען דורך פאַרשידענע טויערן־דורכגענג ביז ער איז אַריין אין אַ הויף אויף זאַמענהאָף־גאַס נומער 38, און דורך אַן איינגאַנג דורך אַן אויוון, געפינט ער זיך ענדלעך אין אַן אונטערערדישער שטוב. ריין, ליכטיק, עלעקטרישע באַלייכטונג. ביי די ווענט שטייען לאַנגע בענק. אין מיטן שטוב אַ לאַנגער טיש. אַרום דעם לאַנגן טיש זיצן בחורים ביי אָפענע גמרות, אַ צוויי צענדליק ישיבה־

בחורים, און לערנען געשמאַק, בעיון, מיטן גאַנצן ברען, זיי האַלטן גראָד אין נדרים דף נ״ב ביי אַ גרויסן שטיק ר״ן...

דער גרעסטער טייל פון זיי איז אַן עלטערן. זיי האָבן אַ רבין, וואָס זאָגט אַ שיעור צוויי מאָל אַ וואָך אין הלכות קדשים. דאָס איז דער קאַליביעלער רב ר׳ יהודה לייב לאַנדאַ, געוועזענער ראש ישיבה אין „ישיבת חכמי לובלין״. ער לערנט אויף מילע־גאַס מיט אַ דרייסיק תלמידים. דאָרט לערנט ער טאָג און נאַכט.

איך דערקען אייניקע היימישע בחורים: הענדעלעס, דער זון פונעם אַמאָליקן פרנס בנימין זאב הענדעלעס; מאַנעס ראָזנשטרייך, אַ זון פון אליעזר ראָזנשטרייך; בעלבינגער, אַן אייניקל פון לובלינער רבין ר׳ שלמה אייגער; נתן באַהאַריע, אַן אייניקל פון סאָכאַטשעווער רבין; אהרן זעמבאַ, אַ זון פון הרב ר׳ מנחם זעמבאַ; לייבל אַלטער, אַן אייניקל פון גערער רבין, און צווישן זיי — דער באַקאַנטער בילינצער פאַבריקאַנט פון מאַנופאַקטור־סחורה, סענדער פרענקל. דער לעצטער קומט בלויז פון צייט צו צייט. אויך דוד אלימלך קאַפּנער און אברהם פעלדוועבל — צוויי חינוך־עסקנים פון „אגודת־ישׂראל״...

די ישיבה־בחורים האָבן זיך באַראָטן מיט זיידמאַנען, צי זיי זאָלן זיך „לעגאַליזירן״ — באַקומען „נומערלעך״ אַריינצוציִען זיך אין „שאָפּ״ פון „הערמאַן ברויער״, אויף נאַלעווקי 38 און אויפהערן צו זיין „ווילדע״ (אַזוי האָט מען גערופן די אַלע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נומערלעך), זיידמאַן האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיך דורכרעדן מיט די רעליגיעזע אויטאָריטעטן און עסקנים וועגן דער פראַגע און אויך זיי באַזאָרגן מיט שפּייז.

ווען ער האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם בונקער, האָט אים אָפּגעשטעלט אַ בחור און געזאָגט, אַז ער האָט מיט אים צו רעדן ביחידות: „מ׳דאַרף קלערן וועגן געווער״. ער האָט געבעטן, אַז זיידמאַן זאָל אויספּועלן ביים „ווידערשטאַנד־קאָמיטעט״, אַ געהעריקע צאָל רעוואָלווערן און אַמוניציע. „הרב זעמעלמאַן און הרב ראובן האַראָוויץ (מזרחי־עסקן), האָבן דאָס צוגעזאָגט, אָבער דערווייל האָבן זיי נאָך גאָרנישט באַקומען, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דאַרף מען זיין גרייט״ — האָט דער ישיבה־בחור געזאָגט.

און זיידמאַן פאַרענדיקט: „דער דאָזיקער בונקער האָט געקראָגן אַ צאָל געווער און זיך דערמיט גוט באַנוצט ביים אויפשטאַנד״...

מ׳לערנט תורה אין שולצס שאָפּ

אויך אין שולצס „שאָפּ״, אויף נאָוואָליפּקע 46 האָט מען ביי דער אַרבעט געלערנט תורה. דער דירעקטאָר פון „שאָפּ״, אברהם הענדעל, האָט צונויפגענומען רבנים, רעליגיעזע עסקנים, תלמידי חכמים, באַוווּסטע חסידישע יידן און זיי געבראַכט אין „שאָפּ״ אַריין צו פאַרריכטן שטיוול. דער פריִערדיקער ראש־ישיבה פון

„ישיבת חכמי לובלין" האַלט אין איין לערנען פון אויסנווייניק. פון צייט צו צייט ווענדט ער זיך צום פּיאַסעטשנער רבין ר' קלונימוס שפּירא, וואָס זיצט פּונקט קעגן איבער אים, און עס אַנטוויקלט זיך אַ שטילער „שמועס אין לערנען", ס'ווערן דורכגעוואָרפן ש"ס, פּוסקים [11] און באַלד געפינען זיך אויפן „שוסטער־באַנק", געגניער — אין די מוחות און מיילער פון אַט די גאונים — דער רמב"ם און דער ראב"ד, דער טור און רמ"א, ראשונים און אחרונים, ביים טיש זיצט פּנחס הערץ, דער „ביאַלער עלוי", ער רוט נישט. ער „שיט" מיט רמב"מס און תוספות און אַלע זיצן און זענען זיך מפּלפּל אין לערנען...

זיידמאַן רעכנט אויס וועמען ער האָט אַלץ געטראָפן פון די רבנים זיצן ביים שוסטערטיש און לערנען און ער לאָזט אויס:

„די פאַרבליבענע זיצן און לערנען, לעבן אין נויט, אין הונגער און פּחד, אָבער אין גייסטיקע וועלטן" [12]...

תלמוד־תורהס אין לאָדזשער געטאָ

אויפן לאָדזשער געטאָ האָט געלייגט איר חותם איין פּערזאָן — מרדכי חיים רומקאָווסקי, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פון לאָדזשער שטאָט־קאָמיסאַר דעם 13טן אָקטאָבער 1939 פאַר „עלטעסטער" פון די יידן.

דעם 5טן מאַרץ 1940 האָט רומקאָווסקי איבערגעשיקט דער זיכערהייטס־מאַכט אַ רשימה פון אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן (לויט אַ פאַראָרדענונג) און ער רעכנט אויס צווישן אַנדערע אַנשטאַלטן 32 געוועזענע מלוכה־פאָלקסשולן פאַר יידישע קינדער, איין קינדער־גאָרטן, 6 פּריוואַטע שולן און אַ תלמוד־תורה [13].

ביים אָנהייב פון שוליאָר 1939—1940 זענען אין לאָדזש געווען 31 פאָלקסשולן פאַר יידישע קינדער מיט 17,902 תלמידים, 12 חדרים מיט 1,452 קינדער, 10 גימנאַזיעס מיט 1,861 שילער און 10 אַלגעמיינע שולן ביי די גימנאַזיעס מיט 1,112 תלמידים.

אין יאָר 1940 זענען אין געטאָ געווען 35 עלעמענטאַר־שולן מיט 6,263 תלמי־דים, 2 רעליגיעזע שולן מיט 283 תלמידים און איין פאָלקסשול מיט 92 תלמידים. דאָס צווייטע און לעצטע שוליאָר האָט זיך אָנגעהויבן דעם 29סטן אָקטאָבער מיט 45 שולן, 40 פאָלקסשולן, דערפון 4 רעליגיעזע שולן [14].

חסידישע בחורים האָבן ווייטער געלערנט אין די חסידישע שטיבלעך אַזוי ווי פאַר דער מלחמה. אויף מאַריאַנסקע־גאַס נומער 15, דער צענטער פון גערער חסידים, זענען געזעסן הונדערטער בחורים און געלערנט תורה. אויך אויף יאַקאָבאַ 10, דער צענטער פון אַלעקסאַנדער חסידים, האָט מען געלערנט תורה אין גרופּעס.

דעם „דף יומי" האָט מען געלערנט אין פּריוואַטע בתי־תפילה, נאָך, אָדער צווישן מנחה־מעריב. על פּי רוב דאַוונען מנחה־מעריב מענטשן, וואָס ווינען

אינעם זעלבן הויף, נישט פון אַנדערע הויפן, ווייל מען האָט נישט געטאָרט אַרויס־גיין נאָך 9 אין אָוונט [15].

ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אין גאַס פאַרדינען. זיי מוזן זיצן אין שטוב און זיי שרייבן ספרים. איינער פון זיי האָלט שוין ביים פאַרענדיקן אַ חיבור מיטן נאָמען „פקודי ד' ישרים", דער חיבור איז אויסגעשטעלט לויטן אלף־בית אויף אַלע הלכות פון „שולחן ערוך", כדי עס זאָל זיין לייכט צו געפינען אַ דין. ער האָט דעם חיבור אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער מלחמה... איצט פאַרענדיקט ער אים. פאַראַן רבנים, באַזונדערס פון דער פּראָווינץ, וואָס זיצן טאָג און נאַכט און שרייבן זייערע חיבורים אויף תורה.

אַ גרויסע נאָכפראַגע איז אויף משניות, באַזונדערס מיט עברי־טייטש. די שטערבלעכקייט אין געטאָ איז גרויס, אין יעדן הויף זענען פאַראַן אבלים, איז דערפאַר דאָס לערנען משניות מיט עברי־טייטש, אויך „עין־יעקב", שטאַרק פאַר־שפּרייט געוואָרן אין געטאָ, און ס'איז נישט קיין ווונדער, ווען מען זעט מענטשן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געלערנט, לערנען היינט, וואָס דאָס גיט זיי באַפרידיקונג צו זייער געדריקטן געמיט און אַ גרונט צו האָפן אויף אַ בעסערער צוקונפט, ווי דער ביטערער איצט.

דער יידישער היסטאָריקער ישעיה טרונק גיט איבער אין זיין בוך „לאָדזשער געטאָ" [16], ווי מען האָט געלערנט אין לאָדזשער געטאָ.

אין די ערשטע צייטן, איידער די גאַנצע מענלעכע באַפעלקערונג איז אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דער געטאָ־פּראָדוקציע, האָט מען אין געטאָ געלערנט יומם ולילה... די בחורים האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון ש"ס און געלערנט אין אַ הויז, אויפן דריטן שטאָק... אויף קעלמע־גאַס 42, ס'רוב ביי נאַכט, אום נישט געשטערט צו ווערן, אויך (כדי) נישט צו מאַכן אויפמערקזאַם די אָפטע דייטשע קאָמיסיעס, וואָס האָבן גראַסירט אין געטאָ... ביי די רעליגיעזע קיבוצים איז געווען איינ־געריכטעט אַ מנין און (עס האָט) זיך געפונען אַ ספר־תורה און פיל ספרים, ווו אין דער פרייער מינוט האָט די רעליגיעזע יוגנט געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַפילו אָפּגעהיט דעם דף יומי [17].

זומער נאָך דער אַרבעט פלעגט מען טרעפן יידן זיצן אין די הייף און לערנען [18].

עס האָבן אויך ווייטער עקזיסטירט אין געטאָ רעליגיעזע חברות (עס זענען אַנטשטאַנען אויך נייע), וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו קעמפן קעגן די דעסטרוקטיווע איינפלוסן פון געטאָ אויפן רעליגיעזן לעבן. די גרופּע „בני־חורב" — אַ מין המשך פון דער געזעלשאַפט „חורב", וואָס האָט עקזיסטירט אין לאָדזש פאַר דער מלחמה (די אָנהענגערס פון ר' שמשון רפאל הירשס שיטה), האָט געפירט אין געטאָ אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר שמירת־שבת. מיטגלידער פון דער גרופּע פלעגן אינטערווענירן אין די וואַרשטאַטן אין פאַלן ווען מען פלעגט אַ פרומען אַרבעטער שיקאַנירן פאַר נישט וועלן אַרבעטן אום שבת. זיי האָבן אין געטאָ געפירט אַ „חורב"־שול, וואָס אַרום איר האָבן זיך גרופּירט די לאָדזשער „הירשיסטן".

ווען אין געטאָ זענען געשלאָסן געוואָרן די חדרים, פלעגן די „בני־חורב" קומען צו די קינדער און פּריוואַט לערנען מיט זיי, ווי אויך אָרגאַניזירן קינדער־גרופּעס און מיט זיי לערנען העברעיִש, יידישע געשיכטע און דת. זיי פלעגן אויך אויפזוכן יתומים, פירן זיי אין גרופּעס צום דאַווענען און אַכטונג געבן זיי זאָלן זאָגן קדיש. פרייטיק־צו־נאַכטס פלעגן אין פּריוואַטע דירות פאָרקומען מסיבות, ווו לערערס פלעגן האַלטן דרשות מעניני דיומא און קינדער פלעגן אין כאָר זינגען זמירות. דעם 28סטן מאַרץ 1944 האָט די חברה געפייערט דעם פינפיאָריקן יובל פון איר עקזיסטענץ אין געטאָ"[19].

רעליגיעזע שולן אין ווילנער געטאָ

אין די געטאָ־שולן אין ווילנע איז רעליגיע נישט געווען אָבליגאַטאָריש, אָבער די רבנים מאַרקוס, סלאָדזינסקי און דער ישיבה־בחור נאַבאַרשטשיק־ניעבאָשטשיק האָבן געלערנט מיט די קינדער רעליגיע. פאַקטיש פלעגן אַלע קינדער באַזוכן די רעליגיעזע לימודים, און דאָך האָבן די עלטערן באַשלאָסן צו שאַפן ספּעציעלע שולן, ווו עס זאָל געגעבן ווערן אַן אויסשליסלעכע רעליגיעזע דערציִונג פאַר די קינדער.

עס איז געשאַפן געוואָרן רעליגיעזע שול נומער 1, רעליגיעזע שול נומער 2 און אַ ישיבה־קטנה. די לימודים זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צום מיינסטנס אין אַזעלכע שעהען, אַז אַ גאַנצע רייע קינדער האָבן גלייכצייטיק געקאָנט באַזוכן די אַלגעמיינע שולן.

די לערערשאַפט און די גזעלשאַפטלעכע קרייזן האָבן נישט געזען אין דעם רעליגיעזן שולוועזן אַ קאָנקורענץ קעגן דעם אַלגעמיינעם געטאָ־שולוועזן, נאָר אַ צוגאָב צום שולוועזן.

די רעליגיעזע שול נומער 1 האָט זיך געפונען אויף שאַוועלסקע־גאַס נומער 1, אין יאַגעכעס קלויז; די רעליגיעזע שול נומער 2 — אויף יאַטקעווער גאַס אין קצבישער קלויז; ישיבה־קטנה — אויף שאַוועלסקע־גאַס נומער 1, אין יאַגעכעס קלויז; ישיבה גדולה — אויפן נאָמען פון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי — אויף שאַוועלסקע־גאַס נומער 5, אין ר׳ שאולקעס קלויז.

אין די רעליגיעזע שולן נומער 1 און 2 האָבן געלערנט קינדער ביז צוועלף יאָר: עברי, חומש, נ"ך, אַ ביסל רעכענען; אין ישיבה־קטנה — קינדער פון צוועלף ביז זעכצן יאָר: משניות, גמרא; אין ישיבה־גדולה האָבן געלערנט בחורים פון נאָך ערב דער מלחמה. צוזאַמען האָט דאָס רעליגיעזע שולוועזן אַרומגענומען קרוב צוויי הונדערט תלמידים.

„צווישן די לערערס פון רעליגיעזן שולוועזן, דערמאָן איך זיך — שרייבט מ. דוואָרזשעצקי[20] — הרב יעקב יאַקאָבזאָן פון דער מירער ישיבה, אָנפירער פון

דער ישיבה־גדולה; ר׳ גרשון ליבמאַן, (פון ביאַליסטאָק), אָנפירער פון ישיבה־קטנה; דעם סלאָנימער משגיח (אין ישיבה־קטנה), לייבל נאַבאַרשטשיק־ניעבאָש־טשיק און חיים באַרטמאַן — פון די רעליגיעזע שולן.

„נאַבאַרשטשיק־ניעבאָשטשיק איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער לערער, אַ צוואַנ־ציק־יאָריקער ישיבה־בחור. כ׳דערמאַן זיך, איך בין אַריין אין דער רעליגיעזער שול נומער איינס, אין יאַגעכעס קלויז, כדי צו מאַכן אַ מעדיציניש אונטערזוכונג פון די קינדער. נאַבאַרשטשיק האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער דעם ערשטן קאַפּיטל יהושע און ער האָט זיי געטייטשט בזה הלשון:

„ויהי אחרי מות משה — און עס איז געווען נאָכן טויט פון משהן; משה האָט געטראָגן דאָס ליכט פון דער תורה אין אַ פינצטערער וועלט, און מיר טראָגן זי אויך אין געטאָ, דערפאַר יאָגט אונדז די וועלט״.

„נאַבאַרשטשיק־ניעבאָשטשיקן האָב איך געטראָפן שפּעטער אין די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן פון שטוטהאָף און דאַאוטמערגען. אַרום אים זענען שטענדיק געווען קרייזלעך פון ישיבה־לייט, וועלכע פלעגן אַריינכאַפּן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַרן שלאָף אַ פּרק משניות. אַ פּאָר חדשים פאַר דער באַפרייונג איז ער אויסגעגאַנגען אין דאַאוטמערגען פון אַלגעמיינער קערפּער־שוואַכקייט.

„פון צייט צו צייט פלעגן די רעליגיעזע שולן איינאָרדענען עפנטלעכע „פאַרהערענישן״. די קינדער פלעגן אויסגעזעצט ווערן אַרום טישן, אין מיטן — דער רבי, ער האָט זיי פאַרהערט דאָס געלערנטע און די געסט האָבן געשטעלט פראַגן די קינדער. נאָך דעם איז פאַרגעקומען אַ „סעודת מצוה״.

„מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי אַזאַ מין „פאַרהעריניש״. די קינדער זענען פאַרהערט געוואָרן אין דער סוגיא פון „יאוש שלא מדעת״. קינדער האָבן זיך געאַמפּערט און געפּלפּולט וועגן „יע״ל קג״ם״ — די זעקס תיקו־פראַגן פון דער גמרא, אויף וועלכע אליהו הנביא וועט ערשט קענען געבן אַ תשובה.

אַ דרייסיק מעטער פון דער „גמרא־פאַרהעריניש״ איז געשטאַנען אויף דער וואַך דער עסעס־מאַן ביים טויער״.

וועגן דער ישיבה אין ווילנער געטאָ דערציילט אויך לעאָן בערנשטיין [21]:

„אין געטאָ (ווילנע) איז געווען אַ ישיבה־קטנה און אַ ישיבה־גדולה אויפן נאָמען פון הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי. אַ סך יידן האָבן אונטער די גרעסטע אָנשטרענ־גונגען געהאַלטן כשרות, בדרך כלל האָט זיך דאָס רעליגיעזע געפיל פון די מאַסן ווייניק וואָס געביטן אין געטאָ״.

אויך דער דיכטער אברהם סוצקעווער גיט איבער [22], אַז „לויט אַ באַפעל פון מורערן, האָבן אין געטאָ זיך נישט געטאָרט געפינען קיין רבנים, מען האָט נישט געטאָרט דאַוונען און דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָבער, ווי די מאַ־ראַנען בעת דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, האָבן די רעליגיעזע יידן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער גלויבן. אין שאולקעס קלויז האָבן זיי געגרינדעט אַ ישיבה אויפן נאָמען פון הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי. עס האָבן דאָרט געלערנט דרייסיק בחורים. דער ראש־ישיבה איז געווען ר׳ יצחק קאַרניקס. שפּעטער איז אויך

געווען אַ ישיבה־קטנה פאַר קינדער. דער ראש־ישיבה איז געווען ר׳ אהרן בערעק. די ישיבה־לייט פלעגן לערנען אין די נעכט. ביי טאָג איז מען געגאַנגען אויף צוואַנגס־אַרבעט. וועגן די צוויי ישיבות האָט דער געטאָ־עולם כמעט ווי נישט געוווּסט. בלויז אין דער צייט פון אַ שחיטה, פלעגט אַדורכדרינגען דורך די געס־לעך דער ניגון פון אַ קאַפּיטל תהילים. דאָס פלעגן דעמאָלט די ישיבה־לייט העכער אויפהייבן זייערע שטימען״...

הערמאַן קרוק דערציילט וועגן אַ סיום־פייערונג אין ווילנער געטאָ, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער רעליגיעזער קיך אין געטאָ, שאַוועלסקע 5.

„זונטיק, דעם 24סטן יאַנואַר אין אָוונט, איז פאָרגעקומען דער סיום פון דער מסכתא קידושין, עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס פון רעליגיעז־געשטימטע מענטשן, צווישן אַ סך אַנדערע געסט זענען דאָרט געווען פאָרשטייער פון דער אָפיציעלער געטאָ־אָנפירונג״ [23].

ליקווידאַציע פון דער סלאָבאָדקער ישיבה אין קאָוונע

צען טעג נאָך דעם ווי די יידן זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ, און נאָך דעם ווי די קאָוונער יידן האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן 10,000 נפשות, איז די געסטאַפּאָ אַריין אין געטאָ (דעם 8־טן אויגוסט 1941) און פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי צושטעלן 500 אינטעליגענטע מענטשן, וואָס זיי דאַרפן, מכלומרשט, האָבן אויס־צוסאָרטירן דעם מלוכה־אַרכיוו. צווישן די, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן צו דער דאָזיקער אַרבעט, זענען געווען פּערציק ישיבה־לייט, צווישן זיי הרב שמואל ראַבלע, יהושע גראַז, ברוך שטראַס א״אַ.

דעם 26סטן סעפּטעמבער 1941, ערב שבת־תשובה, האָבן די נאַציס אַרומגע־רינגלט די גאַסן פון געטאָ און די געגנט, ווו עס האָבן געוווינט די ישיבה־לייט און רבנים. דער קאָמאַנדיר פון געטאָ קאָזלאָווסקי, אַ ליטווישער נאַצי, האָט זיך באַקלאָגט, אַז מען האָט אויף אים געשאָסן אין געטאָ. באַוואָפנטע ליטווינער האָבן אַרויסגענומען טויזנט נפשות, צווישן זיי 64 ישיבה־לייט און רבנים, און זיי דערהרגעט.

דעם 28סטן אָקטאָבער 1942 איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. עס זענען צונויפגעקליבן געוואָרן צען טויזנט יידן, טייל זענען געשטעלט געוואָרן רעכטס, אַ טייל לינקס. עס זענען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע צענדליק ישיבה־בחורים, צווישן זיי פינף רבנים: ר׳ יחזקאל באַרנשטיין, ראש־ישיבה פון דער ישיבה „כנסת ישׂראל״ מיט זיין משפחה; ר׳ ישׂראל יעקב לובאַטשאַנסקי, דער גייסטיקער פירער פון דער באַראַנאָוויטשער ישיבה; דער בושטריצער רב, ר׳ מרדכי ליפשיץ מיט זיין משפחה; ר׳ נפתלי וואַדערמאַן;

הרב ר׳ זלמן שטיין מיט זיין משפחה און דער סעקרעטאַר, דער ראש־ישיבה, ר׳ יעקב שלמה און אַ סך אַנדערע רבנים.

איינער פון די ישיבה־בחורים, קאָפּל פּאַטינסקי, פון פּילבישאָק, איינער פון די בעסטע ישיבה־בחורים אין סלאַבאַדקע, איז אומגעקומען ווי אַ קדוש. ווען די נאַציס זענען אַריין קיין קאָוונע איז קאָפּל אַנטלאָפן אין זיין שטעטל פּילבישאָק צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק. אַ לאַנגע צייט האָט זיך זיי איינגעגעבן זיך אויסצובאַהאַלטן פון די נאַצישע נעגל. ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט אַלע יידן אין שטעטל, זענען זיי געבליבן לעבן אויפן בוידעם פון אַ גוי, זייערס אַ באַקאַנטער. יקותיאל פרידמאַן האָט זיי געבראַכט עסן, אָבער, כאָטש קאָפּל האָט געליטן הונגער, האָט ער נישט אַנגערירט דאָס עסן. ווען יקותיאל פרידמאַן האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ער עסט נישט? האָט ער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט עסן, איידער ער האָט זיך נישט פריִער געוואַשן די הענט צו מאַכן אַ ברכה. יקותיאל פרידמאַן האָט באַזאָרגט, אַז קאָפּל זאָל האָבן וואַסער, דעמאָלט האָט ער טועם געווען פון מאכל... צוויי חדשים איז זיי געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן פון די רוצחים, אָבער זיי זענען סוף־כל־סוף געכאַפּט געוואָרן. מען האָט זיי דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין טייך.

יקותיאל פרידמאַן איז געווען פון די געציילטע, וואָס איז געבליבן לעבן, און ער האָט די צוויי קדושים געבראַכט צו קבר־ישׂראל[24].

כאָטש דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָבן די גדולי התורה נישט אויפגעהערט צו לערנען תורה. ר׳ אברהם גראָדזענסקי, דער מנהל הרוחני פון דער סלאַבאַדקער ישיבה, איז געלונגען דורך אַ נס, זיך אַרויסצורייסן פון די נאַצישע נעגל אַ צוויי־דריי יאָר. ער איז געווען אַ בעל־מום אויף איין פוס און האָט געליטן גרויסע יסורים. דאָך איז זיין הויז אויף דער פּאַרענאַ־גאַס 15, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אכסניה של תורה. אין זיין ענגער דירה האָבן געוווינט רבנים, ראשי־ישיבה און ישיבה־בחורים. ביז צו דער לעצטער רגע האָט מען דאָרט געלערנט תורה. הרב גראָדזענסקי האָט געזאָגט מוסר, ר׳ אלחנן וואַסערמאַן האָט געלערנט מיט די ישיבה־בחורים די מסכתא „נידה", ביז מען האָט אים אַריינגעפירט צוזאַמען מיט נאָך צוועלף רבנים און ישיבה־בחורים אין דער „ניינטער פעסטונג" (דאָרט האָט מען אומגעבראַכט די קאָוונער יידן) און זיי דערהרגעט. ר׳ יחזקאל באַרנשטיין האָט געלערנט מיט דער חברה מסכתא „נדרים" און ר׳ ישׂראל לובאַטשאַנסקי, דער איידעם פון ר׳ יוזל פון נאָוואַראַדאָק, האָט געלערנט מיט דער חברה „שערי תשובה" פון רבנו יונה.

די ישיבה־בחורים, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן, פלעגן זיך צונויפקומען יעדן ערב־שבת אין הויף פון ר׳ אברהם גראָדזענסקיס הויז און ר׳ אברהם האָט מיט זיי געהאַט אַ שמועס אין מוסר. ער האָט אין יענער צייט, דער עיקר, גערעדט וועגן קידוש־השם, און ער האָט אַריינגעגעבן התחזקות אין די הערצער פון די יידן, ער האָט כסדר דערמאָנט, אַז דער וואָס גייט מיט ריינע מחשבות מקדש השם זיין, דער פילט גאָרנישט קיין יסורים. ער האָט געגעבן אַביישפּיל פון קידוש השם פון רבי עקיבא און פון אַנדערע הרוגי מלכות[25].

אין משך פון דריי יאָר, זינט די דייטשן זענען אַריין קיין ליטע, האָט ר׳ אברהם גראַדזענסקי געשטאַרקט דעם גייסט פון דעם הייפעלע יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן. שבת, י״ז תמוז (דעם 8טן יולי 1944), האָבן די דייטשן אַנטדעקט זיין בונקער. ער האָט אַנטלויפנדיק צעבראָכן אַ פוס, מען האָט אים אַריינגעפירט אין שפּיטאָל. דאָרט זענען געלעגן קראַנקע קינדער, וואָס האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן און זיי זענען געשאָסן געוואָרן. זייערע יסורים און זייערע געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים. די דייטשן האָבן זיך געגרייט צו פאַרברענען דאָס גאַנצע שפּיטאָל מיט די קינדער.

ר׳ אברהם גראַדזענסקי האָט געהאַט גרויסע יסורים פון זיין צעבראָכענעם פוס. מר. שמעון סגל (היינט אין ניו־יאָרק), האָט אים באַזוכט אין די לעצטע רגעס, האָט ר׳ אברהם צו אים געזאָגט: „מען דאַרף העלפן דאָס קליינע מיידעלע, וואָס ליגט לעבן מיר, זי איז אַ קליין קינד, וואָס איז זי שולדיק?״.

אַן אַנדערער ישיבה־בחור, וואָס האָט פאַרבראַכט מיט ר׳ אברהם גראַדזענסקין אין זיינע לעצטע שעהען, האָט איבערגעגעבן, אַז ר׳ אברהם האָט געזאָגט: „מיך אַרן נישט די אַלע יסורים וואָס איך לייד״ [26].

*

וועגן לעבן פון די ישיבה־לייט אין קאָוונע גיט אויך איבער הרב ר׳ אלחנן פּערסאָן [27]:

אין די קאַלטע פינצטערע פרימאָרגנס, ווען די צעבראָכענע מידע און הונגעריקע געטאָ־מענטשן זענען ווידער איינגעשפּאַרט געוואָרן אין די לאַנגע קאָלאָניעס צום אָפּמאַרש אויף דעם אַעראָדראָם, אויף עבודת הפרך, האָבן אַלע געפונען אַ טרייסט און באַפרידיקונג פון דעם קול התורה, וואָס איז דערגאַנגען צו יעדנס אויער — טראָץ דעם שטאַרקן אָפּקלאַנג פון די קלומפּערס (האָלץ־שיך), וואָס האָט פאַרהילכט די גאַסן — פון די ישיבה־לייט, וואָס האָבן אין דער פרייער צייט פון מאַרש צו דער אַרבעט זיך מפלפל געווען אין ש״ס און פּוסקים, ווי אין נאָרמאַלע צייטן אין דער ישיבה.

און ווען מען איז געקומען פון דער אַרבעט, האָבן די ישיבה־לייט געפונען זייער רו אין אַ בלאַט גמרא, וואָס זיי האָבן געלערנט צוזאַמען אין דער קלויז „הלויית המת״. דאָס לערנען האָט פאַרהילכט די גאַנצע דוואָרא־גאַס...

אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די ישיבה־לייט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין די געטאָ־וואַרשטאַטן. דער ישיבה־מאַן בלעכמאַן האָט אָרגאַניזירט אַ בית־המדרש, ווו מ׳האָט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. אין דער קיך פון וואַרשטאַט האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ כשרן קעסל פאַר די, וואָס האָבן געגעסן כשרע מאכלים. מען האָט זיי אויך דערלויבט צו לערנען ביי דער אַרבעט.

שמחת תורה 1943 האָבן די ישיבה־לייט באַשלאָסן צו פייערן דעם יום־טוב אין וואַרשטאַט. הרב סניעג האָט געמאַכט קידוש און הרב שמואל מאַראַק פון דער ישיבה האָט באַגריסט. עס רעדט פון די ישיבה־לייט שמריה מילער, און מיט

ישיבה־ניגונים און התלהבותדיקע טענץ האָט מען פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען דער ערשטער סעקטאָר פון געטאָ ווערט אויסגעשלאָסן פון געטאָ־ראַיאָן, וואָס דורך דעם בלייבט דער געטאָ אָן בתי־מדרשים (אַלע בתי־מדרשים האָבן זיך געפונען אין ערשטן סעקטאָר, ווייל דאָרט האָבן יידן אַ מאָל געוווינט), שטעלט זיך די פראַגע פאַר די ישיבה־לייט, ווו צו קריגן אַ פּלאַץ ווייטער צו קענען לערנען צוזאַמען. זיי קריגן אַ דערלויבעניש צו מעגן לערנען אין די וואַרשטאַטן. פאַר זאַגער פון אַ בלאַט גמרא ווערט אויסגעקליבן הרב בנימין אָזשינסקי, הי״ד. דער בלאַט איז געלערנט געוואָרן מיט חריפות.

צוזאַמען מיטן טעמפּן קלאַנג פון צווייטן שיכט, וואָס האָט געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן, האָט זיך געהערט דאָס אַלטע יידישע קול — דער קול תורה.

די דאָזיקע גייסטיקע איבערמענטשלעכע העלדן זענען אַלע אומגעקומען, אַ טייל אין די בונקערס ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ, און די אַנדערע אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו...

די טעלזער ישיבה

די טעלזער ישיבה האָט עקזיסטירט ביז כ״ה סיון 1941, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין ליטע. דעמאָלט איז אַלץ חרוב געוואָרן. די ישיבה־בחורים זענען אַנט־לאָפן אויף פאַרשידענע ערטער. אַ גרופּע פון 16 תלמידים זענען אַנטלאָפן קיין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע ביטשווא, ביים טייך מאַלמאַ, אין דער געגנט פון קיראָוו. זיי האָבן ביי טאָג געאַרבעט און ביי נאַכט געלערנט. די גרופּע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז נאָך סוכות, דערנאָך האָבן זיי זיך געמוזט צעשפּרייטן. פון דער חברה זענען אַכט געשטאָרבן פון קראַנקייטן און הונגער און אַכט זענען געבליבן לעבן, טייל פון זיי געפינען זיך אין ישראל און אַ טייל אין אַמעריקע.

ב׳ תמוז 1941 האָבן די דייטשן אַרויסגענומען אַלע יידן פון טעלז און זיי פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגער אין דער קאָלאָניע ריין, נעבן טעלז. און כ׳ תמוז 1941 האָבן די דייטשן אויסגעהרגעט אַלע יידן, צווישן זיי הרב ר׳ אברהם יצחק בלאָך, צוזאַמען מיט אַלע אָנפירער פון דער ישיבה און די ראשי הישיבה, צוזאַמען מיט די בחורים פון „כולל הרבנים״ און אַלע יידן[28].

לויט אַ גבית עדות, וואָס געפינט זיך אין כתב־יד אין „יד ושם״ אין ירושלים, האָט הרב אברהם יצחק בלאָך געזאָגט, איידער די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט: „מיט אונדזער בלוט ווערן באַשפּריצט די ביימער, מיט אייער בלוט וועט מען וואַשן דעם ברוק״...

לימוד־תורה אין קאָוונער געטאָ

אין קאָוונער געטאָ איז די השפעה פון ראש־ישיבה פון דער סלאָבאָדקער ישיבה, ר׳ אברהם גראָדזענסקי, געווען זייער גרויס.

הרב אלחנן פערסאָן דערציילט:

„ר׳ אברהמס זיין די גאַנצע צייט אין געטאָ האָט שטאַרק משפיע געווען אויף די אַלע ישיבה־בחורים; יעדער פון זיי האָט זיך באַטראַכט ווי ער געהער נאָך צו דער ישיבה און איז מחויב צו טראָגן די פליכטן, וואָס אַ ישיבה לייגט אַרויף אויף אירע תלמידים. די ערשטע צייט פון געטאָ, ווען ס׳איז נאָך נישט געווען קיין טאָטאַלער איינזאַץ אויף אַרבעט, האָבן מענטשן זיך געריסן אין שטאָט אַריין, כדי צו קענען אַריינברענגען פּראָדוקטן, צו שטילן דעם הונגער. דער געדראַנג ביים סלאָבאָדקער געטאָ־טויער איז געווען מוראדיק; מענטשן האָבן זיך געשטופּט, זיך געקריגט, באַוואָרפן זיך מיט זילזולים. — אין אָט דער צייט זענען די ישיבה־לייט געזעסן ביי דער גמרא און געשטילט זייער הונגער מיט חידושי־תורה און פּילפּול. די ישיבה־לייט האָבן אַרויסגעוויזן אַן איבערמענטשלעכע התמדה אין לימוד־התורה, און דערמיט שוין פון ערשטן טאָג געטאָ אַרויסגעוויזן אַ גייסטיקן ווידערשטאַנד קעגן דעם נאַצישן אַכזריותדיקן פּאַרמעסט צו אַוועקטייטן דעם יידישן גוף און נשמה.

ווען דאָס געטאָ האָט געמוזט געבן אַרבעטס־קרעפטן צום בוי פון קאָוונער אַעראָדראָם, זענען אַלע געטאָ־איינוווינערס אַריינגעצויגן געוואָרן אין די אַרבעטס־קאָמאַנדעס. די ישיבה־לייט האָבן זיך געמוזט שיידן פון דער גמרא. דער גייסט פון די הייליקע ספרים, דער רוח־התורה, איז אָבער מיט זיי מיטגעגאַנגען און זיי באַגלייט אויף טריט און שריט. וועמענס אויערן עס זענען נישט פאַרטויבט, האָט באַנומען פאַרן אָפּמאַרש פון די קאָלאָנעס צו דער אַרבעט און ביים קומען צוריק דעם יידישן אַלטן קול, דעם קול־התורה, וואָס די ישיבה־לייט האָבן נאָר אין אַ פרייער מינוט געלאָזט הערן ביי דער גמרא. געווען נישט ווייניק ישיבה־לייט, וואָס האָבן פאַרשטעקט אַ ספר און מיטגענומען מיט זיך צו דער אַרבעט. אין אַ פרייער מינוט פלעגן זיי פאַרקריכן אין אַ ווינקל, ווו דעם פּאָסטנס אויגן זענען נישט דערגאַנגען, און זיך פאַרטיפט אין דער תורה. אין די קורצע ווינטערטעג, ווען ביי דעם אָפּמאַרש פון געטאָ איז נאָך געווען נאַכט, פלעגן די ישיבה־לייט אויסנוצן די קלענסטע פרייע־צייט ביי דער אַרבעט אויף לייגן תפילין און דאַוונען.

דער עיקר לימוד־התורה איז אָנגעגאַנגען אין אָוונט נאָך דער אַרבעט. די קלויז „הלוית־המת״ איז דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אכסניה של תורה. גלייך נאָך דער אַרבעט, נאָך הונגעריק, פאַרפרוירן און פאַרחלשט פון דעם שווערן אַר־בעטס־טאָג, איז דער ערשטער וועג, וואָס האָט געפירט דעם ישיבה־מאַן פון געטאָ־טויער, געווען אין קלויז „הלוית־המת״ אַריין. דאָ איז געלערנט געוואָרן בחבורה;

מיט גרויס ברען האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן אין ים־התלמוד, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אָן די אַלע ליידן און פּיין, אָן די יסורים און נויט. די געזיכטס־אויסדריקן זענען גאָר פאַרענדערט געוואָרן אין אָנבליק פון לימוד־התורה. ס׳איז גאָרנישט קענטיק געווען, אַז די מענטשן געפינען זיך אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג און פאַר־ניכטונג. זומער תש״ג וועט בלייבן אין זכרון פון יעדן ייד, וואָס איז פאַרבייגע־גאַנגען דער קלויז „הלוית־המת״ אין דער צייט צווישן 5 און 9 אין אָוונט. דאָן האָבן די ישיבה־לייט געלערנט בחבורה מסכתא „ברכות״, און מיט אַזאַ פאַרנעם, טאַקע ווי אין אַ ישיבה רבתא אין די נאָרמאַלע צייטן!

באַזונדער איינדרוקספול איז געווען די ערשטע נאַכט פון שבועות תש״ג. די נאַכט פון שבועות, וואָס איז מסוגל צו דערגרייכן פיל אין תורה, די נאַכט האָבן די ישיבה־לייט באַשלאָסן צו פאַרברענגען אין לימוד־התורה, ווי אין די גוטע צייטן אין דער ישיבה. אַ גאַנצע נאַכט זענען די ישיבה־לייט געזעסן אין קלויז „הלוית־המת״ און געלערנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער התמדה. יעדער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ מיד־צעבראָכענער, אויסגעמאַטערטער פון דער שווערער אַרבעט. די נאַכט פון שבועות האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין געטאָ. די וווּנדערלעכע אָפּפערוויליקייט פאַר תורה האָט געעפנט די אויגן פון אַ סך מענטשן, מ׳האָט בפועל־ממש געזען, אין וואָס עס דריקט זיך אויס די יידישע שטאַרקייט, די אומבויגזאַמקייט פון יידישן פאָלק. עס איז געווען בחוש צו פילן, ווי ריכטיק ס׳איז דער מאמר חז״ל „חומה זו תורה״, די תורה איז אַ פעסטונג, וואָס פאַרהיט דעם ייד, ער זאָל נישט צוזאַמענגעבראָכן ווערן פון די פגעי הזמן.

צווישן די ישיבה־לייט זענען געווען אויך יחידים, וואָס האָבן פאַר קיין פאַל זיך נישט געקאָנט פועלן צו זיין אָפּגעריסן דעם גאַנצן טאָג פון דער גמרא, זיי פלעגן זיך פאַרשטעקן אין פאַרשידענע לעכער און דאָרט נישט אויפגעהערט צו לערנען. די געטאָ־פּאָליציי ביי אירע אַבלאַוועס אויף די נישט־גייענדיקע צו דער אַרבעט פלעגט אָפט טרעפן ישיבה־לייט אין תפילין ביי דעם דאַווענען, אָדער פאַר־טיפט אין אַ סוגיא גמרא. ראובן דאַנציגער, אַ ישיבה־בחור, אַ פּליט פון פּוילן, איז געלעגן העכער דריי חדשים באַהאַלטן ווינטער אין די פרעסט אויף אַ חרובן בוידעם און דאָרט געלערנט יומם ולילה. דער לימוד־התורה האָט אים געשיצט פון קעלט. לייבל אָרלינסקי איז געווען באַהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער תש״ד און געלערנט. ווי איך געדענק האָט ער דאָן געלערנט מסכתא „זבחים״. מרגלית פון אַרבעטס־אַמט האָט געוווּסט פון דעם און געשוויגן, ווייסנדיק, אַז ביי דעם בחור איז דאָס אַ לעבנס־פראַגע, ווי לופט צום אָטעמען.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן דער מעמעלער „חוט המשולש״, די דריי האַרציקע בחורים פון דער שטאָט מעמעל. דאָס זענען געווען: ירחמיאל זימאַן; חיים יצחק יפה, זון פון ר׳ מרדכי יפה; משה שאַפּיראָ, זון פון ר׳ אליהו שאַפּיראָ. זייער אויפפירונג, הן בין אדם למקום און הן בין אדם לחברו, איז געווען אַ מוסטער. זייער איבערגעגעבנקייט און פריינדלעכקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו אַ צווייטן, איז געווען אין לשער. היינט זייער צובונד צו דער

תורה! דער „חוט המשולש" האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט און מעגלעכקייט צו דערגרייכן אין תורה און מוסר. דער באַרימטער טאָווריקער עילוי, הרב ר׳ מרדכי פּאָגראַמאַנסקי, פלעגט אָפּט מיט זיי אָפּהאַלטן שמועסן אין מוסר. אַלע אין געטאָ האָבן געוווּסט פון אָט די דריי.

אַ גרויסע אַכטונג האָט אין געטאָ אויך געהאַט דער בחור דוד פּאַקעלנישקי, אַן אויסערגעוויינלעכער מתמיד. מיט זיינע אַלע מחשבות איז ער שטענדיק געווען אַריינגעטאָן אין לימוד־התורה.

אַזוי האָט מיטגעווירקט אין לעבן דער ישיבה־גייסט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ליטע במשך פון דורות.

אויסער די ישיבה־לייט, וואָס האָבן נישט איבערגעריסן דאָס לערנען, איז אין קלויז „הלוית־המת" געווען אַ לומדישער קרייז פון בני־תורה, און צווישן זיי איז געווען הרב ר׳ בנימין אָזשינסקי, הרב ר׳ זלמן פּערמוט, ר׳ אַלטער גיבראַלטער און ר׳ אהרון גורוויץ.

סלאָבאָדקער רב, הרב ר׳ משה שקארוטע, האָט געהאַט צוויי שיעורים אין קלויז. פאַר מעריב האָט ער געלערנט „עין יעקב" פאַר אַן עולם און נאָך מעריב — אַ בלאַט גמרא. שבת נאָך מנחה פלעגט הרב שקארוטע רעדן אין קלויז „הלוית־המת" מענינא דיומא און באַלויכטן די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען לויט דער סדרה פון דער וואָך.

הרב שקארוטע, הרב בנימין אָזשינסקי און הרב פּערלמאַן, דער אלעקסאָטער רב, זענען אומגעקומען אין אַ באַהעלטעניש אין בלאָק ב, ווו זיי האָבן זיך באַהאַלטן בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אין קלויז „הלוית־המת" איז געווען אַ חדר, אַנגעפירט פון דעם סלאָבאָדקער בן־ישיבה אברהם קלישעלער (זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט). ר׳ אברהם האָט געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן אויס־צוהאַלטן דאָס חדר און לערנען די קינדער אַ יידיש וואָרט. פון זיין טאַש פלעגט ער קויפן באַנבאַנקעס און טיילן די קינדער, זיי זאָלן קומען אין חדר; דערביי האָט ער זיי אויסגעלערנט ווי צו מאַכן אַ ברכה"[29].

גמרא־שיעור אין קאָוונער וואַרשטאַט

הרב אלחנן פּערסאָן דערציילט, ווי אַזוי ישיבה־בחורים פון קאָוונער געטאָ האָבן אין די געטאָ־וואַרשטאַטן געלערנט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט אַ בלאַט גמרא:

„אַלס זאָגער פון בלאַט ווערט אויסגעקליבן הרב ר׳ בנימין אָזשינסקי הי"ד. ווער עס האָט געזען, ווי מען לערנט דעם בלאַט, האָט געהאַט פאַר זיך די ליטווישע ישיבות בזעיר אנפּין. דער בלאַט איז געלערנט געוואָרן מיט חריפות און עמקות, אויף יעדער סוגיא האָט מען זיך מפלפל געווען, ווי אין נאָרמאַלע צייטן אין ישיבה.

צוזאַמען מיטן טעמפּן קלאַנג פון צווייטן שיכט, וואָס האָט געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט, האָט זיך געהערט דאָס אַלטע יידישע קול, דאָס קול התורה, וואָס האָט אויפגעציטערט די מענטשן און גלייכצייטיק אָנגעפילט די צעבראָכענע הערצער מיט מוט און האָפענונג צו קענען אַריבער־טראָגן די צרות און פּיין אַלס יידן.

ליידער זענען די דאָזיקע גייסטיקע איבערמענטשלעכע העלדן אומגעקומען. אַ טייל אין די בונקערס, ביי דער עוואַקואַציע פון געטאָ, אַ טייל אין די קאַצעטן פון דאַכאַו.

דערמאָנענדיק די דאָזיקע הייליקע העלדן איז אויך כדאי צו דערמאָנען די וואַרשטאַטן־לייטונג און באַזונדערס ר׳ בערל פרידמאַן, פאַר זייער מיטהילף אין פלעכטן די גאָלדענע קייט, וואָס האָט באַרימט געמאַכט ליטע אויף דער וועלט ביז דעם לעצטן מאָמענט, וואָס יידן זענען געווען אין ליטע. זאָל אויף זיי אַלע מקוים ווערן דער פּסוק „עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר״ [30].

מנינים אין קאָוונער געטאָ

„אין געטאָ זענען געווען אויך אַ סך מנינים אין פּריוואַטע וווינונגען. דער חסידישער מנין איז געווען ביי זוסמאַנען אין הויז. דאָרט דאַוונט הרב שמואל אבא סניעג. אַ מנין איז געווען אין וווינונג פון באַרגער רב הרב קרימער. אויף וויע־נאַזשינסקע־גאַס איז אין וווינונג פון הרב מרדכי שלאָפּאָבערסקי אויך געווען אַ מנין. אַ גרויסער מנין איז געווען אויף וויטעניאַ־גאַס ביי ר׳ משה מיכל גאַפּאַנאָוויץ. אין אָקטאָבער 1943, ווען מען האָט אים אַרויסגעשיקט מיטן טראַנספּאָרט אויף עסט־לאַנד, נעמט איבער די וווינונג ווייגטרויב, און דער מנין עקזיסטירט דאָרט ווייטער ביזן לעצטן טאָג אין געטאָ. אין זעלבן מנין איז אויך געווען אַ חדר פאַר 10 קינדער. — אויף מאַרגיאַ 31 איז געווען אַ מנין, איינגעאָרדנט דורך ר. שאַפּער. דאָרט האָט געדאַוונט לעצטנס הרב שמוקלער פון שאַנץ. ווען דער ערשטער ראַיאָן ווערט אָפּגעשלאָסן פון געטאָ, דאַוונט אַ מנין פון ישיבה־לייט ביי פּרוי קאַהאַן אויף קריקשטשיוקייטשיאַ 92.

אין געטאָ האָבן אויך פונקציאָנירט חדרים פאַר קליינע קינדער. אין איין חדר האָבן הרב צוקערמאַן און דער ישיבה־בחור אברהם געלערנט מיט די קינדער תנ״ך און גמרא. אין אַ צווייטן חדר האָט געלערנט הרב פייוול ראַזין און ר׳ אליהו שאַפּירא [31]״.

די חברהס „בית־יעקב" און „תפארת בחורים" אין קאָוונער געטאָ

„אין דעם ערשטן ראַיאָן פון געטאָ איז ביי דער „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע אויך געווען טעטיק אַ „בית־יעקב". יעדן שבת איז אויף לינקוווער 17 געלערנט געוואָרן פאַר די חורבות פון „בית־יעקב" קיצור שולחן־ערוך און אַ קאַפּיטל נ"ך. דער רבי איז געווען דער „מזרחי"־טוער ר' דוד לעווין (געשטאָרבן ווינטער 1944).

אין צווייטן און דריטן ראַיאָן פון געטאָ איז אויך אָנגעגאַנגען אַ רעליגיעזע טעטיקייט. אין דעם טייל געטאָ האָבן קיין יידן פריִער נישט געוווינט. דעריבער זענען קיין בתי־מדרשים דאָ נישט געווען. מיטן אויפקום פון געטאָ זענען דאָ אויך געוואָרן מנינים. אַ גרויסער מנין צו דאַוונען איז געווען אויף וויטעניאַ 7, ביי גאַפּאַנאָוויץ דעם שניידער, דער פאָטער פון סאָוויעטישן פּראָקוראָר אין ווילנע, מאָטל גאַפּאַנאָוויץ. דער מנין איז דאָ געווען פון ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן טאָג, וואָס יידן זענען געווען אין געטאָ. בין מנחה למעריב איז יעדן טאָג געלערנט געוואָרן. ביי טאָג איז אויך דאָ געווען אַ חדר, אָנגעפירט דורך הרב ווערזבלאָווסקי. — אַ צווייטער מנין איז געווען אויף יאַנוטשיאָ־גאַס, ביי דעם חסיד ר' פייוול זיסמאַן. דאָס איז געווען דער מנין פון די אַנשי־חב"ד אין געטאָ. פרייטיק פאַר קבלת שבת פלעגט דאָרט געלערנט ווערן „תניא" און שבת איז געפּראַוועט געוואָרן שלוש־סעודות מיט חסידות זאָגן. אַ מנין איז אויך געווען אויף מאַריאַ 31, איינגעאָרדנט דורך חיים שאַפּער. אין דעם מנין פלעגט דער שאַנצער רב, הרב ר' שמואל יעקב שמוקלער אָפט רעדן שבת נאָך מנחה. הרב שמוקלער איז נפטר געוואָרן אין געטאָ פּסח תש"ג. אַ מנין איז אויך געווען אין בלאָק ב, ביי דער פאַמיליע פון הרב גוטמאַן. אין דעם מנין פלעגט שבת רעדן הרב תנחום שטיינפעלד.

נאָך דער פּטירה פון קאָוונער רב, הרב שאַפּיראָ (אדר תש"ב), איז געווען אַ מנין אין זיין הויז. אַ בלאַט גמרא האָט דאָרט געזאָגט אינטעליגאַטאָר.

זומער 1943 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מנין אין בלאָק צ. אין דעם בית־מדרש איז געלערנט געוואָרן אַ בלאַט גמרא מיט דער באַטייליקונג פון דעם שרייבער פון די שורות, ר' משה זאר און ר' פייוול ראָזין. ס'איז געלערנט געוואָרן מסכתא „ראש־השנה".

נאָך דער אַקציע אויף עסטלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 26סטן אָקטאָבער 1943, זענען רעקווירירט געוואָרן די גרויסע בלאָקן, און דער ענין האָט אויך אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

נאָכן אַרויסנעמען דעם ערשטן ראַיאָן פון די געטאָ־גרענעצן איז געגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש צו באַוווינען דעם בלאָק צ. מען האָט דאָרטן אויסגעראַמאַנטירט אַ צימער און געמאַכט עס פאַר אַ בית־מדרש. „תפארת־בחורים" האָט אויך אויסגערעמאָנטירט אַ צימער און געהאַט אַן אייגענעם בית־מדרש. דאָ איז

יעדן טאָג געדאַווּנט געוואָרן און אין אָוונט געלערנט געוואָרן אַ בלאַט גמרא דורך הרב מאַראַק [32].

✶

אין ערשטן ראַיאָן פון געטאָ, איז ביז ענדע 1943, ווען מען האָט זיך געמוזט פון דאָרט אַרויסקלייבן, געווען טעטיק אַ חברה „תפארת־בחורים". די חברה האָט זיך געפונען ביי הירשל לאַפּיאַנסקין אין שטוב, אויף לינקווער גאַס. גלייך פון אָנהייב איז דער רב פון „תפארת־בחורים" געווען ר' משה בענדעט, וואָס איז אָבער צוגענומען געוואָרן ביי דער גרויסער אַקציע (28.10.41). דאַן האָט איבערגענומען די חברה הרב ר' שמואל מאַראַק, וואָס איז געווען דער רבי פון „תפארת־בחורים" ביז די חברה איז ליקווידירט געוואָרן. הרב מאַראַק פלעגט פון דער אַרבעט גלייך גיין אין „תפארת־בחורים" לערנען. יעדן שבת פלעגן דאָרט געהאַלטן ווערן דרשות פון דער פרשת השבוע פון הרב מאַראַק אָדער הרב אשרי.

שמעון סגל האָט מיט הרב ר' אפרים אשרי אָרגאַניזירט אַ „תפארת־בחורים־הצעיר", און הרב אשרי האָט מיט זיי געלערנט. זייער פיל האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון „תפארת־בחורים" די ברידער אַבעלאָוו.

זומער 1943 האָט „תפארת־בחורים" אויסגערעמאָנטירט אַ רוים אויף קאַקליו גאַס, צום לערנען און דאַווענען. חמשה עשׂר באב תש"ג איז פאָרגעקומען די חנוכת־הבית. די פייערונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַניפעסטאַציע לכבוד התורה אין געטאָ. די גאַנצע פּני פון געטאָ איז געקומען צו דער פייערונג. הרב שמואל מאַראַק עפנט די פייערלעכע מסיבה מיט אַ גרויסער רעדע. איינגעהילט אין אַ טלית שלאָגט אָן די מזוזה בערל פרידמאַן, דער ערן־פאָרזיצער פון „תפארת־בחורים". ס'רעדט הרב ר' אפרים אשרי. נאָך אים האַלט אַ שיינע רעדע דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון עלטעסטנראַט אַדוואָקאַט אברהם גאָלוב. דער סלאַבאָד־קער רב הרב שקאַרוטע דערמאָנט, אַז אין טאָג פון חמשה עשׂר באב האָט זיך פאַרענדיקט דער דור המדבר, און יידן האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן צום מאַרש קיין ארץ־ישׂראל. אויך דער היינטיקער יו"ט וועט אונדז געבן אַ נייע ווענדונג צו אַ פרישן לעבן, אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם ים פון צרות און פיין.

מיט שטאַרקע רעדעס טרעטן אַרויס ד"ר שמואל גרינהויז, אַדוואָקאַט נחום גירשאָוויץ, אַגראָנאָם יעקב אָלייסקי.

עס רעדן אויך דער סמאַרגאָנער רב הרב צוקערמאַן, דער ערן־פאָרזיצער פון „תפארת־בחורים" בערל פרידמאַן, דער ועד־מיטגליד בן־ציון לאַפּיאַנסקי. ר' משה זלמן שוב דאַנקט דער חברה „תפארת־בחורים" פאַר דער דערציִונג פון זיינע קינדער. ר' פייוול ראָזין ווענדט זיך צו אַלע פאַרזאַמלטע אָפּצוגעבן זיך מיט טאָן צדקה און חסד.

ר' אברהם גראָדזענסקי, דער מנהל פון סלאַבאָדקער ישיבה, וואָס האָט צוליב זיין קראַנקייט נישט געקענט אָנטייל נעמען, האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג. דער וויצע־פאָרזיצער פון עלטעסטנראַט אַדוואָקאַט לייב גאַרפונקעל האָט אין נאָמען פון עלטעסטנראַט אויך צוגעשיקט אַ באַגריסונג.

בעלי מנגנים האָבן אויף דער חנוכת־הבית געוויזן, וואָס זיי קענען. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די חנוכת־הבית זיך פאַרצויגן און האָט געגעבן אַן אומגעהויערן עונג רוחני די אָנטיילנעמערס. בכלל האָט די פייערונג פון „תפארת־בחורים" אַריינגעבראַכט אַ נייעם קוואַל פון לעבן און האָפענונג אין געטאָ און האָט צוגעצויגן אַ סך מענטשן צו תורה און יידישקייט [33].

מען לערנט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן

יידן האָבן געלערנט תורה אויך אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע און טויט־לאַגערן. הרב אברהם זעמבאַ דערציילט [34]:

„ווען מען האָט מיך אַרויסגעפירט פון וואַרשעווער געטאָ, אין דער צייט פון אויפשטאַנד, שביעי של פסח 1943, און מיך געבראַכט קיין באַדזין ביי קראַשניק, וואָס איז געווען אַן אָפּטייל פון מיידאַנעק, זענען דאָרט געווען אַ 3,000 יידן. מיר האָבן דאָרט געדאַוונט אַלע טאָג. מיר האָבן געפונען בלעטער גמרות, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אין זיי איינגעפּאַקט זייערע קעפּ פון פיש און זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט (די פּאָליאַקן עסן נישט קיין קעפּ פון פיש), האָבן מיר די בלעטלעך גמרא אויפגעהויבן און מיר האָבן פון די דאָזיקע בלעטלעך געלערנט אַ צייט לאַנג.

מיין ברודער הרב יצחק זעמבאַ (היינט אין שיקאַגאָ) האָט געהאַט מיט זיך אַ תנ"כל און ער האָט מיט אונדז געלערנט תנ"ך און געזאָגט אַ שיעור פון די בלעטלעך גמרא, וואָס מיר האָבן געפונען".

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער גאָלדפּיילץ, עסטלאַנד, צווישן נאַרוואַ און רעוואַל, האָט מען געלערנט גמרא, איין מאָל האָט מען געבראַכט אין לאַגער גאַלע בלעט־לעך, מען האָט זיי אויפגעוויקלט און דערזען, אַז זיי זענען פון דער גמרא „ראש־השנה" און מען האָט פון די בלעטלעך געלערנט [35].

משניות אין דאַוטמערגען

אין דעם לאַגער דאַוטמערגען, דרום־דייטשלאַנד, איז געווען אַ גרופּע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן, טייל מאָל ביי נאַכט, און האָבן געלערנט משניות, איידער זיי זענען אַרויף אויף זייערע שמוציקע פּריטשעס.

איינער פון זיי, אַ דאַרער און בלייכער בחור פון נאַוואָגרודעק, האָט טייל מאָל פאַר זיי פאַרגעלערנט פון אויסווייניק פּרקים משניות און די אַנדערע האָבן נאָכ־געזאָגט אַ משנה נאָך אַ משנה [36].

תנ״ך אין מײדאַנעק

אין מײדאַנעק איז געװען אַ יונגער בלאָנדער בחור פון האָלאַנד, װאָס האָט נישט געװאָלט גײן אין בלױזן קאָפּ. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ קלײנע יאַרמלקע און זי געטראָגן אױפן קאָפּ. בשעת די שװערסטע איבונגען, האָט ער צוגעבונדן מיט דינע פעדים זײן יאַרמלקע צו די אױערן. טײל מאָל האָבן דאָס באַמערקט די אױפזעער און האָבן אים שטאַרק געשלאָגן. אים האָבן נאָכגעטאָן די מערסטע ייִדן פון זײן לאַנד.

צװײ האָלענדישע ייִדן האָבן דורך געהײמע װעגן באַקומען דעם תנ״ך און יעדן טאָג, װען זײ זענען אַרױס צו דער אַרבעט, האָבן זײ זיך אַרײנגעשטופּט צװישן די רײען און גײענדיק האָבן זײ געלײענט אין דער שטיל דעם תנ״ך.

מען האָט דערצײלט, אַז זײ האָבן געפונען אין די גאַז־קאַמערן עטלעכע ספרים און האָבן זײ באַהאַלטן אױף אַ געהײמען אָרט, װאָס נאָר זײ אַלײן האָבן דערפון געװוּסט. די בלאָקן־עלטסטע זענען מיד געװאָרן זײ צו שלאָגן און זײ האָבן אָװעקגעקוקט. אין די נעכט, בײם בלאַסן שײן פון דער לבנה, האָט אײנער פון זײ אַרײנגעדרונגען זײנע אױגן אין די קלײנע בלעטלעך און געזוכט יעדעס אות [37].

אַ בלאַט גמרא ראַטעװעט אַ ייִד

ב. אביעזר דערצײלט, װי אַזױ אַ בלאַט גמרא האָט אים געראַטעװעט פון טױט. ער איז געװען אין דעם אַרבעטס־לאַגער בלוזשין, אין קרײז קיעלצע. דאָרט האָבן געאַרבעט בײ צװאַנגס־אַרבעט צװײ טױזנט ייִדן. אינעם לאַגער זענען נישט געװען קײן גאַז־קאַמערן אָדער קרעמאַטאָריעס װי אין אױשװיץ. דאָ האָבן די דײטשן געהאַט געאַרבעט מיט אַן אַנדער סיסטעם, װי אַזױ צו פאַרניכטן די ייִדן — מיט עבודת פרך און מיט אױסהונגערן זײ.

אין לאַגער האָט מען געאַרבעט 12 שעה אַ טאָג און עסן האָט מען געגעבן אַ קלײנע פּאָרציע און בלױז אײן מאָל אין טאָג.

„איך האָב געאַרבעט בײ אַ װעבמאַשין [38] — שרײבט ב. אביעזר — מיר האָבן געדאַרפט שטריקן זאָקן פאַר די דײטשע מיליטערישע רוצחים און פאַר דער דײטשער באַפעלקערונג.

דער טיפוס האָט אָנגעהױבן בושעװען אין לאַגער. אײן טאָג האָב איך געפילט, אַז איך פאַל פון די כוחות, איך האָב זיך אַרײנגעשלעפּט אין שפּיטאָל אַרײן, איך האָב געפילט, אַז איך האַלט בײם שטאַרבן.

מיט אַ מאָל איז מיר בעסער געוואָרן, עס האָט מיך געדריקט די איינזאַמקייט. איך האָב אַרויסגענומען פון מיין מאַנטל־קעשענע עטלעכע בלעטלעך פון דער מסכתא „כתובות", וואָס איך האָב זיי אַ מאָל געפונען אַרומוואַלגערן זיך אין באַראַק, ווו ס'זענען געלעגן שמאַטעס. איך האָב זיך פאַרטיפט אין די בלעטלעך גמרא. אין דער שעה איז אַריינגעקומען דער הויפּט פון די „קברנים". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן.

„וואָסערע זענען די בלעטלעך, וואָס דו האַלטסט"? — האָט ער מיך נייגעריק געפרעגט.

איך האָב זיי אים געוויזן. ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך געזעצט נעבן מיין בעט און ער האָט מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן ווער איך בין, אין וועלכער ישיבה איך האָב געלערנט, ווי אַזוי איך האָב געקריגן די בלעטלעך גמרא. און דער שמועס האָט זיך אַנטוויקלט וועגן די ישיבות אין פוילן, זייער שיטה אין לערנען. ער האָט דערמאָנט באַוווּסטע לומדים פון פוילן און איך האָב פון שמועס דערזען, אַז ער געהער צו דער שיכט לומדים.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיך געפרעגט וועגן מצב פון מיין קראַנקייט. אין זעלבן טאָג איז ער נאָך אַ מאָל געקומען צוזאַמען מיטן דאָקטאָר. ער האָט איבערגעגעבן דעם דאָקטאָר אַ פּעקעלע פול מיט רפואות און איינשפּריצונגען און געזאָגט: „זיי זענען באַשטימט פאַר דיר".

פון דעמאָלט אָן איז מיר בעסער געוואָרן. דער דאָקטאָר און די קראַנקן־שוועסטער האָבן מיך אָפט באַזוכט. איך האָב באַקומען איינשפּריצונגען און פאַרשידענע רפואות. איין מאָל האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז דער מענטש, אַלס אָנגעשטעלטער ביים באַגראָבן די מתים, באַזוכט אָפט פריי דאָס דערבײַיקע שטעטל, דאָרט קויפט ער איין מעדיקאַמענטן.

צוליב דער ספּעציעלער באַהאַנדלונג, האָט זיך מיין געזונט־צושטאַנד געבעסערט פון טאָג צו טאָג, ביז איך האָב שוין געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט. ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם קראַנקען־באַראַק, איז צו מיר געקומען דער הויפּט פון די „קברנים". ער האָט מיך באַגריסט און האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער איז געווען דער אָנפירער פון דער „בית־יוסף"־ישיבה אין אָסטראָווצע, פוילן".

געלערנט חדשים־לאַנג איין בלאַט „שולחן־ערוך"

פּראָפ. דוד ווייס־הלבני פון ניו־יאָרק האָט אין אַ גבית־עדות [39] איבערגעגעבן, ווי אַזוי ער האָט חדשים לאַנג געלערנט איין בלעטל „שולחן ערוך" אין וואָלפסבערג, אַן אָפּטייל פון קאָנצענטראַציע־לאַגער גראָסראָזען, 80 מייל פון ברעסלאָו, נידערשלעזיע.

דוד ווייס־הלבני שטאַמט פון סיגעט, אונגאַרן. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער

געשמט פאַר אַן עלוי. ער איז אַלט געווען 16 יאָר, ווען ער איז אַריין אין טויטן־לאַגער אוישוויץ. דאָרט זענען זיינע עלטערן פאַרגאַזט געוואָרן, ער איז דערנאָך געשיקט געוואָרן קיין וואָלפסבערג.

אינעם אַרבעט־לאַגער האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט יידן. דוד ווייס־הלבני האָט געאַרבעט אין אַ טונעל, וואָס די דייטשן האָבן דאָרט געבויט, כדי זיך צו שיצן קעגן באָמבעס. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר.

דער יונגער דוד ווייס־הלבני פלעגט יעדן ביינאַכט לערנען מיט אַ פערציק, פופציק יידן פון אונגאַרן, משניות פון אויסווייניק, פון מסכתא „שבת". איין מאָל איז אַריינגעקומען דער הויפט־קאַפּאָ אין באַראַק און ער האָט געזען, ווי דער יונגער דוד לערנט מיט אַ גרופּע יידן, האָט ער אים אַריינגענומען אין זיין גרופּע, וווּ ער האָט געדאַרפט שאַרפן די בויער־מעסערס. די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ גרויסער געפאַר. איין מאָל האָט דוד באַמערקט ווי דער קאַפּאָ האָט געגעסן אַ שטיק ברויט איינגעוויקלט אין אַ בלאַט פון „שולחן־ערוך". ער האָט געבעטן דעם קאַפּאָ, ער זאָל אים געבן דאָס בלעטל אַ מתנה. דער קאַפּאָ האָט עס אים געגעבן. דאָס איז געווען אַ בלאַט פון „שולחן־ערוך — אורח חיים" סימן תל"ד פון פעסל באַלאַבאַנס אויסגאַבע אין לעמבערג.

דוד ווייס־הלבני האָט זיך מיט דעם בלאַט „שולחן־ערוך" דערפרייט, ווי ער וואָלט געפונען אַן אבן־טוב. ער האָט דאָס בלעטל „שולחן־ערוך" געבראַכט אין באַראַק אַריין און עס געגעבן צו באַהאַלטן אַ ייד מיטן נאָמען פינקלשטיין פון מאַטעסאַלקע, טשעכאָסלאָוואַקיע. יעדן צווייטן זונטיק האָט דוד ווייס־הלבני געלערנט מיט דער גרופּע יידן פון דעם בלעטל „שולחן־ערוך".

זעקס חדשים איז דוד ווייס־הלבני געווען אין דעם דאָזיקן אַרבעטס־לאַגער. פון דאָרט איז ער, צוזאַמען מיט טויזנטער יידן, געטריבן געוואָרן פון די דייטשן אויף אַ פיר־וואָכן־מאַרש קיין עבענזע, וואָס איז געווען אַן אָפּטייל פון מאַטהאַוזען. די מערסטע יידן זענען געשטאָרבן אויפן וועג, דער אַלטער פינקלשטיין האָט אויס־געהאַלטן דעם טויטמאַרש, און ער איז אָנגעקומען קיין עבענזע. דאָרט האָט מען ווייטער געלערנט פון דעם איינציקן בלעטל „שולחן־ערוך" ביז ל"ג בעומר 1944. דאַן איז דער זקן פינקלשטיין געפאַלן פון דער שווערער אַרבעט. מען האָט אים צוגענומען צוזאַמען מיטן בלעטל „שולחן־ערוך" און זיי ביידן פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע.

דער יונגער דוד ווייס־הלבני איז אין לאַגער עבענזע באַפרייט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער געלערנט אין ישיבת ר' חיים בערלין, ער האָט געקריגן די צווייטע היתר הוראה פון הרב הגאון ר' משה בנימין טאָמאַשאָוו [40].

איצט איז דוד ווייס־הלבני פּראָפעסאָר פאַר תלמוד אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, וווּ ער האָט געלערנט ביים גאון הרב ר' שאול ליבערמאַן, און פּראָפעסאָר פאַר תלמוד אין קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק.

לעקציעס וועגן יידישקייט אין טערעזיענשטאַט

הרב ד"ר לעאָ בעק פון בערלין, דער גייסטיקער מנהיג פון דייטשן יידנטום, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין טערעזיענשטאַט, גיט איבער, ווי אַזוי ער האָט געגעבן לעקציעס וועגן יידישקייט, פאַרבאָרגענערהייט, ביי נאַכט, אויף אַ בוידעם־שטיבל אין טערעזיענשטאַט [41].

„איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען. מיר פלעגן זיך צונויפקומען אין דער פינצטער, אַזוי ווי אַ מאָל די מאַראַנען. אָנצינדן אַ ליכטל, אַפילו אַ שוועבעלע, האָט געקאָנט ברענגען אַן אומגליק.

און דאָך, אין דער פינצטער האָב איך געפילט אַ ליכטיקייט, ווי אַ העכער ליכט וואָלט אַרויסגעשיינט פון די פּנימער פון די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן בוידעם־שטיבל אין טערעזיענשטאַט, בעת מען האָט פאַר זיי גערעדט וועגן גייסטיקע פּראָבלעמען, וועגן גאָט, וועגן די יידן און וועגן נצח ישׂראל...

איך האָב דערפילט אַ ליכט אינעם בוידעם־שטיבל, וואָס איז נישט געווען באַלויכטן — דאָס ליכט פון דער תורה...

און ווען איך וואָלט געווען געפרעגט צו מאָרגנס איינעם פון מיינע צוהערער, צי איז דאָס נישט קיין עוולה, ווען מענטשן וואָס זענען געצוווּנגען צו אַרבעטן עבודת־פּרך, זאָלן נאָך זיצן שפּעט ביי נאַכט, לערנען תורה און הערן לעקציעס? וואָלט ער מיר געווען געענטפערט: „איר מאַכט אַ טעות, ד"ר בעק, די לעקציעס שוואַכן נישט אָפּ, פאַרקערט — זיי שטאַרקן אונדז, נישט בלויז אין גייסטיקן זין, נאָר זיי שטאַרקן אונדזערע כוחות, מיר זאָלן קאָנען איבערטראָגן די צרות".

נישט איין מאָל האָב איך זיך איינגעקוקט אין מיין קהל, איך האָב נישט געזען זייערע פּנימער, אָבער איך האָב געזען אַרויסשטראַלן אַ גרויס גייסטיק ליכט"...

ישיבות אין אונגאַרן

ישיבות האָבן בעת דער מלחמה עקזיסטירט אין אונגאַרן אַ צייט לאַנג, ווען מען האָט שוין געברענט יידן אין פאַרשידענע טויטלאַגערן אין פּוילן. כאָטש אין אונגאַרן זענען שוין געווען איינגעפירט אַנטיסעמיטישע געזעצן, האָבן פון דעסטוועגן נאָך עקזיסטירט ישיבות.

אין דער ישיבה אין פּאַפּאַ (פּופּע) האָבן געלערנט 150 ישיבה־בחורים. דער ראש־ישיבה איז געווען הרב ר' יעקב גרינוואַלד, דער זון פון בעל „אריגת הבושׂם".

אויך האָט עקזיסטירט אַ ישיבה אין דוב (אין אונגאַריש דיאַר), אַ קליין שטעטל מיט קרוב צו טויזנט יידישע משפּחות.

ישיבות האָבן אויך עקזיסטירט אין דער מלחמה־צייט אין שאַלגאָטאַריאַן, אין סאַנטאָ, אין דעברעצין, אין גאַלאַנטאָ, אין ערנבור (שאָפּראָן), אין ווייצען און אין אַנדערע מקומות.

אין יעדער ישיבה זענען די ישיבה־בחורים געווען צעטיילט אין דריי סעקציעס: די עלטסטע זענען געווען „בחורים", יונגעלייט פון 20 יאָר און העכער, זיי האָבן געלערנט שוין „פאַר זיך"; דאַן — די „שיעור־בחורים" יינגערע תלמידים, וועלכע האָבן געלערנט צו צוויי און דריי צוזאַמען, און צום סוף — די „חזר־בחורים" — די קלענסטע תלמידים, וועלכע מוזן אָנקומען צו עלטערע, כדי מען זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין דעם שיעור, וואָס דער ראש־ישיבה האָט פאָרגעלייענט.

די „חזר־בחורים" האָבן געצאָלט עטלעכע „פּענגעס" (פינף פּענגעס איז געווען אַ דאָלאַר) אַ חודש די „שיעור־בחורים", וועלכע האָבן געלערנט מיט זיי. די „שיעור־בחורים" האָבן געצאָלט אַ קליינעם אָפּצאָל פאַר די עלטסטע „בחורים".

די ישיבות אין אונגאַרן האָבן זיך אויסגעהאַלטן פון די עליות פון צוויי שבתים אין יאָר. אין די דאָזיקע צוויי שבתים זענען די עליות פאַרטיילט געוואָרן רייכע יידן, און זיי האָבן מנדר געווען פאַר די ישיבות. אַחוץ דעם זענען אויך אין אַ ריי שטעט געווען אָרגאַניזאַציעס „תומכי ישיבות", וואָס האָבן געשטיצט די ישיבות.

עס זענען אָנגעקומען פּליטים פון פּוילן און פון דער באַרימטער ישיבה אין פּרעשבורג (בראַטיסלאַוואַ) היינט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, און זיי זענען אַריין לערנען אין די עקזיסטירנדיקע ישיבות אין אונגאַרן.

אין דער ישיבה אין סאַנטאָ איז איינגעפירט געוואָרן, אַז די ישיבה־בחורים האָבן געלערנט פון פאַר טאָג ביז מיטאָג. נאָך מיטאָג זענען זיי אַוועק אין אַ געדונגענער פאַרם, ווו זיי האָבן געאַרבעט מיטן רידל און מיט דער קאָסע אין האַנט.

די יידן אין אונגאַרן האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן קאָנען ווייטער אַזוי פירן זייער לעבן. אָבער היטלער האָט אין גאַנצן פאַרכאַפּט אונגאַרן און די אונגאַרישע יידן האָבן געטיילט דעם זעלבן ביטערן גורל, וואָס די יידן אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע [42].

די לעצטע ישיבה אונטער דער נאַצישער הערשאַפט

אין נייטראַ, סלאָוואַקיע, האָט זיך געפונען די לעצטע ישיבה אין אייראָפּע אונטער דער נאַצישער הערשאַפט.

דער ראש־ישיבה איז געווען דער רב ר' שמואל דוד אונגער, און ווי עס גיט איבער זיין איידעם הרב ר' מיכאל דוב ווייסמאַנדעל אין זיין ספר „מן המיצר", האָבן הונדערטער יידן, אַנטלאָפענע פון די נאַציס אין פּוילן און גאַליציע, זיך אויסבאַהאַלטן אין דער ישיבה אין נייטראַ. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ בונקער אונטערן באַלעמער, און מען האָט זיך צוגעהערט צום שיעור, וואָס דער רב ר' שמואל דוד

אונגער האָט געזאָגט יעדן טאָג. מען האָט אויך געמאַכט פאַלשע פּאַפּירן פאַר די יידישע פּליטים פון פּוילן, כדי זיי זאָלן בלייבן לעבן.

דער רב און זיין איידעם האָבן אויך געלאָזט וויסן דורך געהיימע וועגן די וועלט, אַז מען פאַרברענט יידן אין אוישוויץ. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן די פאַרבינ־דעטע מלוכות אויפצורייסן די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ מיט באָמבעס פון עראָפּלאַנען. ישיבה־בחורים האָבן זיך געמאָלדן פריייוויליק אויפצורייסן די באַן־רעלסן, אויף וועלכע עס גייען די צוגן מיט יידן קיין אוישוויץ, אָבער זייער פּלאַן איז צו נישט געוואָרן.

די סלאָוואַקישע גוואַרדיסטן האָבן דערנאָך אַרויפגעלייגט הויזאַרעסט אויף הרב ר׳ שמואל אונגער. עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער וואָס וועט זיך שמדן וועט באַפרייט ווערן פון גירוש. דערפון האָט זיך דערוווּסט הרב אונגער. ער האָט זיך איינגעשטעלט און אַרויס פון זיין וווינונג, האָט צונויפגערופן אַן עדה יידן און ער האָט זיי געזאָגט: „מיר וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, די צרות מערן זיך פון טאָג צו טאָג. יידיש בלוט ווערט פאַרגאָסן ווי וואַסער. מיר קענען נישט פאַרשטיין די דרכים פון אייבערשטן און זיין פירונג פון דער וועלט. ס׳איז אָבער ביי אונדז קיין שום ספק נישט, אַז הקדוש ברוך הוא איז דער מנהיג פון דער וועלט און אין דעם וועלן מיר זיך האַלטן ביז אונדזער לעצטן אָטעמצוג. מיר דאַרפן מקבל זיין זיין גזר דין באהבה. טייערע ברידער! לאָמיר מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות השמים און לאָמיר אַלע אויסשרייען אויפן קול: „שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד״.

און אַלע יידן האָבן געשריגן אויפן קול „שמע ישראל״...

דעם ערשטן שבת נאָך פּסח, אין יאָר 1942, האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש פון די יידן אין נייטראַ. דריי טעג זענען גוואַרדיסטן געזעסן אין רבס בנין. זיי האָבן קאָנטראָלירט די פּאַפּירן פון יעדן ייד און באַשטימט, ווער עס זאָל בלייבן און ווער עס זאָל אַרויסגעשיקט ווערן.

אין משך פון די דריי טעג זענען יידן געקומען זיך געזעגענען מיטן רב. ער האָט געוויינט אויף אַ קול און האָט געזאָגט: „איך דאַרף מיטגיין מיט אייך, איך בין דאָך אייער רב, מסתמא האָבן מיינע זינד דאָס גורם געווען. ירמיהו הנביא איז מיטגעגאַנגען מיט די גולים, כאָטש ער האָט געקאָנט בלייבן אין ירושלים. עס וועט דאָך זיין אַ חלול־השם, אַז די עדה יידן איז אַוועק אין גלות און דער רב איז געבליבן אויפן אָרט״!

אָבער זיין איידעם, הרב ר׳ מיכאל דוב וויסמאַנדעל, האָט אים אָפּגערעדט דערפון, ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט בלויז פאַלן צו לאַסט אויף די יידן, וואָס נעמען מיט זייערע משפחות אין גלות אַריין, און ווען דער שווער וועט בלייבן אין זיין גרויסן הויז, וועלן יידן דאָ קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן.

ר׳ שמואל דוד אונגער איז געבליבן אין נייטראַ, ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס הויפּט־רב פון סלאָוואַקיע און דאָס האָט אים געגעבן די דערלויבעניש, ער זאָל מעגן בלייבן אין זיין הויז. זיין בית־המדרש האָט געקראָגן דעם נאָמען

„דער וואַטיקאַן", ווייל די דייטשן האָבן אים דערלויבט דאָרט צו פאַרבלייבן.

אויפן סמך פון דער דערלויבעניש האָבן זיך הונדערטער יידן באַהאַלטן אין זיין הויז און אין בית־המדרש. דער רב האָט יעדן טאָג געזאָגט זיין שיעור אין דער ישיבה פאַר די ישיבה־בחורים און יידן האָבן זיך צוגעהערט צו זיין שיעור ליגנדיק באַהאַלטן אין בונקער אונטערן באַלעמער.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן דער רב די ישיבה ביז סוף זומער 1944.

אין די סליחות־טעג פון יאָר 1944, זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון ניטראַ. דאָס איז געווען די איינציקע ישיבה אין אייראָפּע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די סליחות־טעג פון יאָר 1944.

ווען די יידן פון ניטראַ זענען נאָענט צום יאָר תש"ה (1944) פאַרטריבן געוואָרן, האָט ר' שמואל דוד מיט זיין זון ר' שלום משה זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג זאַבאָר, אין די דאָרטיקע וועלדער, וואָס זענען געווען נאָענט צו ניטראַ. אין די וועלדער האָבן געהערשט די סלאָוואַקישע פאַרטיזאַנער.

נאָך אין פרילינג פון יאָר 1944, האָט הרב אונגער געהייסן פאַרזייען ווייץ אין זיין הויף, כדי צו האָבן מצה שמורה אויף דעם קומענדיקן פסח. אין חודש סיון האָט מען געשניטן דעם ווייץ, מען האָט אים צעמאָלן און מען האָט דאָס מעל באַהאַלטן אויף אַ געהיימען אָרט, כדי דעם קומענדיקן יאָר פסח צו באַקן פון דעם מעל מצות.

הרב ר' שמואל דוד אונגער האָט דעמאָלט געזאָגט: „איך האָב אַלץ צוגע־גרייט, כאָטש איך ווייס, אַז איך וועל נישט דערלעבן דעם קומענדיקן פסח"...

געציילטע וואָכן, איידער עס איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די יידן אין ניטראַ, האָט הרב ר' שמואל דוד אונגער צוזאַמען מיט זיין איידעם הרב ר' מיכאל דוב ווייסמאַנדעל אַרויסגעשיקט אַ בריוו, אויף אַ געהיימען אופן, צו ר' ברוך משולם לייבאָוויטש קיין ציריך און אים געבעטן, ער זאָל שיקן אַ כשרן אתרוג און כשרע הדסים אויף סוכות, און אויב מעגלעך — אויך אַ נייעם לולב. „מיר ווילן דעם אתרוג אַרומשיקן איבער דער גאַנצער מדינה" — שרייבן זיי — „אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געטאָן פאַר אַ יאָרן סוכות, און טויזנטער יידן האָבן געבענטשט סוכות מיט איין אתרוג".

די פאַרטיזאַנער האָבן איינגענומען אין דער צייט פון די ימים־נוראים פון יאָר 1944 די שטאָט באַנסקאַ־ביסטריצאַ, און ר' שמואל דוד אונגער האָט ראש־השנה דאָרט געדאַוונט מיט אַן עדה יידן און געבלאָזן שופר. דערנאָך האָבן די דייטשן צוריק פאַרכאַפּט די שטאָט. דער רב ר' שמואל דוד אונגער איז אַנטלאָפן אין אַ דאָרף, און פון דאָרט — צוריק אַוועק אין וואַלד, ווו עס האָבן געהערשט די פאַרטיזאַנער און אין דעם וואַלד קאַליטשי האָט דער רב אויסגעהויכט זיין נשמה.

הרב מיכאל ווייסמאַנדעל מיט זיין שוואָגער הרב ר' שלום משה, זענען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געקומען מיט אַ צאָל ישיבה־בחורים קיין מאָנט קיסקאָ, ניו־יאָרק, ער האָט דאָרט צוריק געעפנט די „ניטראַער ישיבה" [43].

1. ש.ז. כהנא: „מפעלו החינוכי של היהדות הדתית בפולין" אין „ספר החינוך והתרבות העברית באירופה בין שתי מלחמות העולם", ניו־יאָרק, 1957, ז' 79.
2. די „בית־יעקב"־שולן זענען געווען פאַר רעליגיעזע יידישע מיידלעך. זע: יוסף פרידנזאָן: „בתי ספר לבנות „בית יעקב" בפולין אין פריער דערמאָנטן בוך, ז' 71.
3. הלל זיידמאַן : „יומן גיטו ווארשה", פאַרלאַג „די יידישע וואָך", ניו־יאָרק 1957, ז"ז 334–335.
4. דאָרט.
5. דאָרט, ז' 337.
6. פון אַ גבית־עדות פון הרב אברהם זעמבאַ אין ניו־יאָרק, אַ ברודער־זון פון גאון ר' מנחם זעמבאַ, וואָס איז אומגעקומען בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אויפ־געגומען פון מחבר פונעם בוך.
7. פון דער גבית עדות פון הרב אברהם זעמבאַ.
8. מרדכי שקלאַרטשיק : „ידיעות יד ושם", ירושלים, נומער 21–22.
9. הלל זיידמאַן : „יומן גיטו ווארשה", ז"ז 83–85.
10. הלל זיידמאַן : „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס, 1947.
11. דאָרט, ז"ז 142–143.
12. דאָרט, ז' 144.
13. ישעיה טרונק : „לאָדזשער געטאָ", ניו־יאָרק 1962, ז"ז 32.
14. דאָרט, ז"ז 51–52.
15. פון „מן המיצר", ליטעראַרישע ביילאַגע צו דער צייטונג „המספר", דערשינען אינעם לאָדזשער געטאָ אין יאָר תש"א, לויט די „דפים לחקר השואה והמרד", הוצאת „הקיבוץ המאוחד", מאסף א', טבת–ניסן תש"י—1950. די ווייטערדיקע שילדערונג איז אויך גענומען פון דאָרט.
16. ישעיה טרונק : „לאָדזשער געטאָ", ניו־יאָרק, 1962, ז"ז 405–406.
17. גבית עדות פון פרענקעל, „לאָדזשער געטאָ", ז"ז 7–8.
18. „אנציקלופדיה של גיטו לודז", „ידיעות" פון „קיבוץ לוחמי הגיטאות", נומער 14–15, ז' 69.
19. דאָרטן, נומער 7, ז' 15.
20. מ. דוואָרזשעצקי : „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום", פאַריז, ז"ז 232–233.
21. לעאָן בערנשטיין, „אידישער קעמפער", ניו־יאָרק, 31סטן יאַנואַר 1947.
22. אברהם סוצקעווער : „ווילנער געטאָ", 1947, ז' 105.
23. הערמאַן קרוק : „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ", ניו־יאָרק 1961, ז' 448.
24. הרב אפרים אשרי: „ישיבת כנסת ישראל" בסלובודקה, אין ספר „מוסדות תורה באירופה בבנינם ובחורבנם", ניו־יאָרק 1956, ז"ז 165–166.
25. דאָרט, ז"ז 166–167.
26. דאָרט, ז' 167.
27. הרב אלחנן פערסאָן: „יידישע שטימע" מינכען, דעם 21סטן נאָוועמבער 1947.
28. מרדכי גיפנער : „ישיבת טלז", מוסדות תורה אירופה בבנינם ובחורבנם, ניו־יאָרק, 1956, ז' 187.
29. הרב אלחנן פערסאָן : „פון לעצטן חורבן", צייטשריפט, סעפטעמבער 1948, מינכען, ז"ז 39—40.
30. הרב אלחנן פערסאָן : „די בני־ישיבה אין קאָוונער געטאָ", „יידישע שטימע", מינכען, 21סטן נאָוועמבער 1947, ז' 4.

31. רבקה גוטמאַן : „פון לעצטן חורבן", צייטשריפט. סעפטעמבער 1948 מינכען, ז"ז 49–50.
32. הרב אלחנן פערסאָן : „פון לעצטן חורבן", צייטשריפט, מינכען סעפטעמבער 1948, ז"ז 42–43.
33. דאָרט, ז"ז 41–42.
34. גבית עדות, געפינט זיך אין כתב־יד.
35. מאַרק דוואָרזשעצקי : „יידישער קעמפער", 4טן אָקטאָבער 1946.
36. מ. דוואָרזשעצקי : „בין הבתרים", הוצאת „קרית ספר", ירושלים.
37. מ. שטריגלער : „נרות שאכלו", הוצאת „עם־עובד" תל־אביב.
38. ב. אביעזר: „דף הגמרא הצילני", גראַבאָווער „יזכור־בוך", תל־אביב, 1966, ז"ז 417–419.
39. אויפגענומען פון מיר, געפינט זיך ביי מיר אין כתב־יד.
40. די ערשטע היתר־הוראה האָט דוד ווייס־הלבני באַקומען אין סיגעט ווען ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 16 יאָר פון בית־דין פון הרב ר' יקותיאל יהודה גראָס.
41. זכרונות פון הרב ד"ר לעאָ בעק, „מאַרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, דעם 24סטן סעפט. 1945. הרב ד"ר בעק איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1957.
42. פון אַ באַריכט פון ש. יצחקי, פון אַ גבית עדות פון צבי עבערט פון בודאַפעשט, פאַרעפנטלעכט אין „מאַרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, 13טן אָקטאָבער 1940, ז' 10.
43. הרב מיכאל דוב ווייסמאַנדעל, אין זיין ספר „מן המיצר".

שבת

מסירת־נפש פאַר שבת און כשרות אינעם קאָוונער געטאָ

מענטשן האָבן בפועל ממש געבראַכט קרבנות פאַרן שבת אינעם קאָוונער געטאָ. געווען שוואַכע מענטשן, וואָס זענען געווען קאָלאָנעפירערס אויפן אַעראָ־דראָם און האָבן אַליין נישט געדאַרפט אַרבעטן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּאָסטן און מיט די לעצטע כוחות געאַרבעט מיטן שופל און קרייצהאַק, כדי נאָר צו קענען אויסקאָמבינירן און האָבן דעם טאָג שבת אַ פרייען. געווען אַזוינע, וואָס האָבן, כדי נישט מחלל שבת זיין, מוותר געווען אויף דער ספּעציעלער צוטיילונג פאַרן אַרבעטן די אַלע זיבן טעג אויפן אַעראָדראָם, אין דער צייט, ווען דער הונגער איז געווען אין געטאָ אומדערטרעגלעך. געווען אַזוינע, וואָס האָבן געאַרבעט אין געטאָ אין לייכטע בריגאַדעס. שבת איז דאָרט כמעט ווי נישט געווען קיין אַרבעטס־טאָג און מען האָט פּאַקטיש נישט געאַרבעט. 12 ביי טאָג פלעגט מען שוין זיין צוריק אין געטאָ. דאָך זענען אַ סך מענטשן פון אָט די בריגאַדעס נישט געגאַנגען אַרבעטן אין טאָג פון שבת און פאַר אָט דעם פרייען טאָג האָבן זיי געדאַרפט אָפּאַרבעטן דעם טאָג זונטיק אויפן אַעראָדראָם אָדער אין דער קאָמאַנדאָ פון „גרין און בילפינגער", ווו מען איז פאַרשוואַרצט און פאַרפּייניקט געוואָרן. די מענטשן האָבן די עבודת־פּרך מקבל געווען באהבה, דער עונג פון שמירת־שבת האָט זיי פאַרזיסט די פּיין.

אין די געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן די שומרי־שבת אויך געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין פריי שבת און זונטיק אַרבעטן הויף־אַרבעט אָדער אויפראָמען די וואַר־שטאַטן. דאָ זענען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך אונטער אַ דאַך ביי פאַרשידענע פאַכמענישע אַרבעט, און זונטיק האָבן זיי געאַרבעט אויפן הויף ביי שוואַרצער אַרבעט, אַנשטאָט דעם רוטאָג שבת, וואָס זיי האָבן געהאַט. ביי די שומרי־שבת איז געווען איין זאָרג: ווי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך אויסצוהיטן פון חילול־שבת. און דאָ האָט מען טאַקע אַרויסגעזען די רייד פון חז"ל: „הבא לטהר מסייעין אותו", ווער ס'האָט געוואָלט היטן שבת, האָט שוין ווי עס איז געהאַט די מעגלעכקייט דערצו.

די קאָוונער יידן, וואָס זענען שטענדיק געווען טריי דער יידישער תורה און מסורה און געווען ניזהר פון אכילת טרפות, האָבן ביי די אכזריותדיקע געטאָ־באַדינגונגען בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן אַ כשרע קיך. דאָך האָבן זיך

געפונען יחידי סגולה, וואָס האָבן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער עקשנות אויסגע־האַלטן כשרות. דאָס זענען געווען די רבנים, בני־ישיבה און מערערע יחידים פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט פועלן צו מטמא זיין זיך מיט מאכלים־אסורים. פאַרשטייט זיך, אַז אָט די מענטשן האָבן ביי דער אַלגע־מיין ביטערער דערנערונגס־לאַגע, נאָך מער געהאַט צו ליידן. (אלחנן פערסאָן: „פון לעצטן חורבן״, צייטשריפט, סעפטעמבער 1948, מינכען, ז״ז 41 — 42).

שבת אין ווילנער געטאָ

אָפּצוהיטן שבת אין געטאָ איז געווען זייער שווער אויף פאַר אַ רעליגיעזן יידן, אויב ווען נאָר ער איז געגאַנגען אַרבעטן אויסערן געטאָ אין אַ דייטשער קאָמאַנדאָ. פרומע פרויען פלעגן שטעלן טשאָלנטן אין די געטאָ־בעקערייען, בכדי נישט צו דאַרפן קאָכן אום שבת. אין די בתי־מדרשים פלעגט זיין פול יידן, וואָס אַרבעטן נישט אויף קאָמאַנדאָס.

אין דער צווייטער תקופה פון געטאָ האָט זיך באַוויזן אַ באַוועגונג אָפּצוהיטן שבת. אַ פרוי פלעגט האַלטן רעדעס אין די בתי־מדרשים רופנדיק צו שמירת שבת. אַבעלע (זיין טאַטע איז געווען איינער פון די צוויי יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין געטאָ דורך אונטערוועלטניקעס), אַ דרייצן־יאָריק יינגל פון דער ישיבה־קטנה מיט געדרייטע פּאותלעך, פלעגט שבת פאַרהאַלטן אין די געסלעך פון געטאָ די יידן, וואָס רויכערן פּאַפּיראָסן — מיט דער פראַגע:

— פאַר וואָס רויכערסטו? היינט איז שבת! רויכערן מוזסטו דאָך נישט! (מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז).

שבת אויף אַ בוידעמשטיבל אין סאָקאָלאָווער געטאָ

ביי ר׳ מרדכי יאַנקל סלאָוויטשער אין זיין בוידעם־שטיבל, אויף פּיענקנע גאַס 17, האָבן געלערנט פאַרן עולם אַ פאַר מאָל אין דער וואָך און יעדן שבת אין דער פרי דער שוחט ר׳ שמואל יאָסל (לערמאַן) און ישראל גאָלדפאַרב. דאָ פלעגן זיך פאַרזאַמלען די שכנים פון רבינס הויז. אין דעם שטיבל פלעג איך אָפט קומען קדיש זאָגן נאָך מיין פאָטער ע״ה. יידן האָבן געדאַוונט, געלערנט און זיך באַהאַפטן מיט זייער גלויבן אין אַ מאָדנער, פאַרבאָרגענער שטילקייט, ווי די אַמאָליקע אַנוסים... (שמחה פּאָליאַקעוויטש: „אין שאָטן פון טרעבלינקע״, חורבן סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי, אַרויסגעגעבן פון „אירגון יוצאי סוקולוב־פודלסקי בישראל״, תל־אביב, תשי״ז — 1957).

דער לעצטער פרייטיק צו נאַכטס אין דאָמבראָווע (מערב־גאַליציע)

דער דאָמבראָווער רבי ר׳ חיים יחיאל רובין מיט נאָך צוואַנציק יידן זענען געבראַכט געוואָרן אויפן בית־הקברות פרייטיק אין דער פרי. די נאַציס האָבן די יידן אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. ווען עס איז געקומען פרייטיק פאַר נאַכט, האָט דער רבי געבעטן איינעם פון די יידישע קברנים ער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין שטעטל אַריין און אים ברענגען צוויי חלות. פאַרנאַכט־צו, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, האָט דער רבי שטאַרק געקרעכצט, וואָס עס איז נישט באַשערט צו גיין אין מקווה אַריין; דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער פאַרפעלט צו גיין פרייטיק אין מקווה אַריין לכבוד שבת, און דערצו נאָך אין אַזאַ הייליקן טאָג, ווען יעדער פשוטער ייד דאַרף האָבן טבילה — האָט דער רבי געזאָגט.

דער רבי האָט מקבל שבת געווען בלחש, אין דער שטיל. ער האָט געבעטן אַלע יידן זיי זאָלן דעם לעצטן קבלת־שבת דאַוונען מיט גרויס ברען און מיט האַרץ. די נאַציס זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס מיט די מאַשין־ביקסן און האָבן אָפּגעוואַרט אויפן באַפעל זיי אומצוברענגען. זיי האָבן נאָך פון נאָך מיטאָג אָן געצוווּנגען די יידן אַליין צו גראָבן אַ בשותפותדיקן קבר, וואָס די יידן האָבן דאָס געטאָן, און אָט אין דעם אָפענעם קבר האָבן די יידן טאַקע געדאַוונט דעם לעצטן קבלת שבת.

נאָכן דאַוונען האָט דער רבי געזאָגט צו די יידן און צו די יידישע קברנים „גוט שבת״ און האָט גלייך אָנגעהויבן צו זינגען „שלום־עליכם״, געמאַכט קידוש איבער די צוויי חלות און געזאָגט תורה אויף די כ״ב אותיות פון דער תורה. און אין מיטן דער תורה, האָט דער יידישער קברן איבערגעגעבן, איז דער רבי אַריינ־געפאַלן אין גרויס התלהבות, און ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען. ער האָט מיט זיין זינגען אַזוי באַגייסטערט די צוואַנציק יידן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אים מיטצוזינגען און געמאַכט אַ רקוד אין קבר, און אַזוי זינגענדיק און טאַנצנדיק האָבן די יידן צוזאַמען מיט דעם רבין אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות. דער נאַצי־שער פירער האָט געגעבן אַ באַפעל: „שיסן״. די מאַשין־ביקסן האָבן געעפנט זייערע מיילער און אין מיטן דער רקידה איז געווען „יצאה נשמתם בטהרה״... (לויט אַ בריוו צום דאַלינער רבין אין ברוקלין, „טאָג״, 3טן מאַרץ 1946).

קבלת שבת אין אוישוויץ

אַ טייל פון יאָר 1944 האָב איך געאַרבעט אינעם אָפּטייל „קונסטשטאָפּפרעסע״ פון דער אַמוניציע־פאַבריק „אוניאָן״. געווען אַ צייט ווען איך האָב געאַרבעט

ביים לעצטן טיש, האַרט ביים אַריינגאַנג צום מאַגאַזין מיט רוי־מאַטעריאַלן. מיר האָבן פּראָדוצירט מעטאַלענע קעפּ צו גראַנאַטן און ביי דער אַרבעט זענען שטענדיק געווען באַשעפטיקט עטלעכע אַרעסטאַנטן, בעיקר יידן. די מאַנאַטאָנישקייט ביי דער אַרבעט, דער צער און ווייטיק, די מורא פאַר די אויפזעערס, מייסטערס און פאַר דער ס.ס. האָבן שטענדיק געדריקט אויף אונדז. כדי צו קאָנען אַנטלויפן — אין געדאַנק — פון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט, כדי זיך קאָנען קעגנשטעלן דער פינצטערניש, וואָס האָט פּערמאַנענט געהויערט אויף אונדז, האָט מען געמוזט זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט — אין דעם עולם רוחני.

אין משך פון די וואָכנטעג האָבן מיר זיך אונטערגעהאַלטן מיט זכרונות, מיט כאַפּן אַ שמועס וועגן אַלעם און גאָרנישט אונטער די אויגן פון כלערליי היטערס. וואָרעם שמועסן ביי דער אַרבעט איז שטאַרק פאַרווערט געווען.

אַנדערש איז אָבער געווען פריייטיק צו נאַכטס. צו קבלת־שבת האָבן מיר זיך ספּעציעל צוגעגרייט — לכל הפחות אין דמיון. קיין סידורים האָבן מיר נישט געהאַט און קיין שליח־ציבור האָבן מיר נישט געדאַרפט; געווען זענען מיר אַ מאַן פיר ביים טיש. יעדער האָט געזאָגט פון זכרון די תפילה, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט. איינער דעם „לכו נרננה", אַ צווייטער אַ „מזמור", אַ דריטער טיילן פון „מעריב" און אַ פערטער עפּעס אַנדערש. דער „לכה דודי" און דעם „מזמור שיר ליום השבת" האָבן מיר זיך באַמיט אונטערברומען און זאָגן בציבור.

אפשר מער ווי אַ מאָל האָבן מיר דערפילט דאָס נשמה־יתירהדיקע, דאָס שבתדיקע אין זיך, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן מקבל שבת צו זיין; עפּעס איז פאַרשוווּנדן דאָס דערדריקנדיקע. ס'איז געוואָרן גרינגער אויפן געמיט, ווייל עס האָט אונדז צוריקגעטראָגן אין אַ וועלט — הגם מער נישט קיין לעבעדיקע — וואָס האָט אונדז געלערנט און געגעבן גייסטיקן כוח, אויסצוהאַלטן ווי יידן אין מינוטן פון יאוש, וואָס האָט געשטאַרקט אונדזער בטחון און אמונה אין אונדזער אייביקייט.

דעם קבלת־שבת האָבן מיר אָנגעהאַלטן לויט צייט און אומשטאַנדן ביז דער עוואַקואַציע פון לאַגער — יאַנואַר 1945. (ד״ר וו. גליקסמאַן, פילאַדעלפיע, אין אַ גבית־עדות).

שבת ביי בלינדע אין טערעזיענשטאַט

אין טערעזיענשטאַט־געטאָ האָט זיך אויך געפונען אַן אינסטיטוט פאַר בלינדע. עס פאַרקוועטשט תמיד דאָס האַרץ, ווען מען באַוועגט זיך צווישן מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער ראיה, אָבער טויזנט מאָל טרויעריקער ווערט, בשעת מען זעט די בלינדע אַרויסגעריסן פון זייער צוגעוווינטער סביבה, אַרומגיין אין אַ נייעם רוים, נישט וויסנדיק און נישט פאַרשטייענדיק ווו זיי געפינען זיך און וואָס וועט געשען מיט זיי. איך האָב דעם אינסטיטוט פאַר בלינדע זייער אָפט באַזוכט. און דאָ האָב איך איבערגעלעבט טראַגישע סצענעס. צום ליבסטן האָב

איך זיי באַזוכט פֿרייטיק צו נאַכטס, כּדי איינלייטן דעם שבת מיט אַ דרשה.

אַ בלינדער חזן האָט פֿאָרגעזאָגט אַלע תּפֿילות אויף אויסנווייניק. מען האָט זיי אַלעמען, צוזאַמען מיטן בלינדן חזן, אַוועקגעשיקט אין די גאַזאויוונס. (ד״ר מ. פֿרידינגער, אויבער־ראַבינער פֿון דענעמאַרק, אין זיין בוך אין דעניש „טער־רעזיענשטאַט״, 1947. דער דאָזיקער אויסצוג איז איבערגעזעצט געוואָרן פֿון י. זילבערבערג־כאַלעוואַ אין „פֿאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 5טן יולי 1968).

שבת אין אַ בונקער

איטשע דאַוונט אויך יעדן טאָג. ער פֿאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און לאָזט אַראָפּ די אויגן אין סידור. דורך דער שמאָלער עפֿענונג פֿאַלט אַריין אין גרוב אַ פּאַס ליכט און ער בעט שטיל, ער באַוועגט לייכט מיט די ליפּן, זאָגט וואָרט ביי וואָרט און דאַוונט אינערלעך — טיף. מיר האָבן נאָך ביי דער פֿעלקאָווע אויפֿן בוידעם געהאַט געמאַכט אַ סידור. איך און פֿרוימאַן האָבן דיקטירט די תּפֿילות און אפֿרים האָט זיי מיט דער האַנט אויסגעדרוקט אין אַ העפֿט. איך און פֿרוימאַן דאַוונען פֿון אויסנווייניק, בעל־פּה. אפֿרים מיט איטשען — פֿון סידור, איינער נאָכן אַנדערן. אפֿרים רעדט אַרויס שאַרף יעדעס וואָרט, ווי ער האָט געלערנט אין דער תּרבות־שולע — הברה ספֿרדית. ער גלאָצט מיט די אויגן אונטער דער האַנט, וואָס ער פֿאַרלייגט איבער זיי ווי אַ דעכל. אויך די פֿרויען זאָגן יעדן טאָג קריאת־שמע און מודה אני.

מודים אנחנו, מיר דאַנקען און לויבן גאָט פֿאַר יעדן טאָג, פֿאַר יעדער שעה און פֿאַר יעדער רגע. מיר שטרעבן צו דערהויבנקייט, זיך צו באַהעפֿטן צו אַ העכע־רער קראַפֿט, איינוועבן זיך אין רוחניותדיקייט. שבת פֿילן מיר זיך יום־־טובדיק, נשמה־יתרהדיק. עס זינגט עפּעס טיף אין אונדז. מיר האָבן אים ליב, דעם שבת־דיקן טאָג. מען שעפּט פֿון אים קראַפֿט, אויסדויער־כּוח אויף אַ גאַנצער וואָך. פֿאַר נאַכט אין דעמערונג זינגט מען אין דער שטיל זמירות „בני היכלא״, „צבי לחדא בהא ועדא״ — גאָט איז מיט אונדז און ביי אונדזער טיש — „עמו אנוכי בצרה״ — „שכינתא בגלותא״ — מיר פֿילן זיך עפּעס היימישער, נישט אַזוי עלנט, מיט אַ גרויסן אורח, וואָס וואָגלט איצט אָן זיין פֿאָלק, מיט אַ גאַסט, וואָס טיילט אונדזער צער. מיר טוליען זיך אין דער פֿינצטער צום גאַסט און צום שבת, אַ שאָד זיך צו שיידן. מיר בלייבן דאָך אַליין אין אַזאַ גרויסער, גרויער און שרעקנדיקער וואָך. פֿון זונטיק אָן ציילן מיר אין האַרץ די טעג נענטער צום פֿרייטיק צו נאַכטס. דע־מאָלט, פֿרייטיק פֿאַר נאַכט, אין בין־השמשות, דאַכט זיך, אַז אין דער טונקל שפּרייטן זיך אויף אַלע פֿעלדער פֿלושענע, סאַמעטענע טעפּיכער לכּבוד שבת. די ליכט אין די ווייטע פֿענצטערלעך זעען אונדז אויס ווי שבת־ליכטלעך — געצונדן אין חלל פֿון דער וועלט. און זיי, אונדזערע הייליקע מאַמעס, די צינדערינס, שוועבן

מיט ווייסע פאַרטעכער אין דעם בלויען חלל, פאַרשטעלן זיך מיט די הענט די פּנימער — לייגן זיי אויף אונדזערע קעפּ און בענטשן אונדז צוזאַמען מיט די מלאכים. פון הימל לייכטן מילד די שטערן — בליצן פון שבת־ליכט. באַלד ברענען זיי זיך שוין אויס. אין דער לופט שוועבט אַ פרייטיק צו נאַכטס־ניגון, וואָס קומט פון ערגעץ, פון הינטער די וועלדער. עס גלוסט זיך נישט צו שלאָפן. מיר וואָלטן אַזוי געזעסן ביי די שפּאַרעס און אין זיך איינגעזאַפּט דעם ניגון ביז אין דער פרי.

שבועות, „ווען די הימלען שפּאַלטן זיך", זענען מיר געזעסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט הינטער די סטאַדאָלע־טירן און פאַרנומען טענער.

לויטן סדר א—ת, ב—ש, ג—ר, ד—ק האָבן מיר אויסגערעכנט די צייט און געמאַכט אַ יידישן קאַלענדאַר, צו וויסן ווען עס זענען אונדזערע ימים־טובים. מיר דערוואַרטן זיי ווי עפּעס אַ אתחלתא דגאולה. ווי אַ קליינע, כאָטש גייסטיקע דער־לייזונג. אונדזערע נשמות עפענען זיך, די הערצער פלאַטערן. אָ, ווי מיר וואָלטן זיך אויפגעריסן, אָפּגעריסן פון דאַנען, אָפּגעריסן אין חלל און אַוועקגעשוועבט! — — שטייט אויף, — „קומי, צאי מתוך ההפכה, רב לך שבת בעמק הבכא" — שטייט אויף, „מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתיך עמי — קרבה אל נפשי גאלה". „קומי, קומי, אורי, עורי, עורי. כבוד ה׳ עליך נגלה". — קומט, שטייט אויף, קום דו אויך, פאָטער גרויסער, אַנטפּלעק זיך און לייז אונדז אויס! (לייב ראַכמאַן: „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן", פּאַריז, 1949, ז"ז 308 — 309).

שבת 1940 אין פּאַריז

פּאַריז, שבת צו נאַכטס, 20סטער יולי 1940.

היינט פאַר נאַכט בין איך געווען אין דער סינאַגאָגע. אין גרויסן זאַל דאַוונט מען מנחה. ביים אַנבליק פון דער ספר־תורה, וואָס איז איינגעהילט אין איר פּורפּור־מענטעלע, גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב: אָט איז זי דאָך, די תורה, וואָס איז די סיבה פון אַלע אונדזערע אומגליקן! זאָל זי זיין געבענטשט און געטייערט! און מיט אַ פאַרטאָפּלטער כוונה הער איך מיך צו צום בעל־קורא, בשעת ער לייענט די סדרה פון דער וואָך. (ישעיה זאַנדבערג: „פונקען אין דער נאַכט" פּאַריז, ז׳ 149).

שבת אין אַנטווערפּן

11טער סעפּטעמבער.

...איך בין געווען אין דער סינאַגאָגע פון רי דע טהי. איך בין דערנאָך געווען ביי דער מאַמען אין אָרעמען צימערל, ווו ס׳געפינט זיך איר בעט און גאַז־מאַשינקע. זי האָט גראָד געבענטשט ליכט...

איך האָב געמאַכט קידוש אין קעגנוואַרט פון דער משפּחה העלמאַן און גדולה, וואָס איז איצט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געבליבן אַליין, צעשיידט פון אירע עלטערן, ברידער און שוועסטערן. אַ יתומה פון אַ נייעם מין (זיי זענען אַלע שוין געוואָרן דעפּאָרטירט). (ישעיה זאַנדבערג: „פונקען אין דער נאַכט", פּאַריז, ז' 154).

„גאָט פון אברהם" אין בערגען־בעלזען

גייענדיק אַ מאָל מיט אַ פּאָר פרויען האָט מיין אויער אויפגעכאַפּט עפּעס אַ קול; איך האָב זיך לאַנג צוגעהערט און זיך געוואָלט דערמאָנען וואָס דאָס איז. איך בין אפשר משוגע? אפשר דאַכט זיך מיר בלויז אויס? אָבער ניין, איך הער בפירוש זאָגן „גאָט פון אברהם פון יצחק פון יעקב", און אַזוי ווייטער און ווייטער.

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש, און ווען אַלע זענען אַריין אין באַראַק, האָב איך זיך געלאָזט נאָך דעם קול. איך האָב אין דעם גאַנג דורכגעלעבט אין מיינע מחשבות מיינע קינדער־יאָרן אין מיין עלטערנס הויז; דעם שבתדיקן בין־השמשות; די מאַמע האַלט מיך אויף איר שויס און זאָגט דעם זעלבן „גאָט פון אברהם", מיט דעם זעלבן היימישן אומעטיקן ניגון. שפּעטער, איך בין שוין פינף אָדער זעקס יאָר אַלט, און איך זאָג מיט מיין מאַמען יעדעס וואָרט... איך בין געווען אין די פּאָר מינוט אין אַ פאַרכישופטער וועלט. איך קום טאַקע צו צום באַראַק, ווו איך זע דורך דעם אויסגעהאַקטן פענצטער, אַז אויף דעם דריטן שטאָק, דאָס הייסט, אויף דער העכסטער נאַרע אויבן, קוקן אַרויס אַ פּאָר אויס־געלאָשענע אויגן פון טיפע לעכער, און אַ פּנים פון אַ סקעלעט. די אויגן קוקן גלייך אין דעם שטיקל הימל אַריין, וואָס מען האָט געקאָנט זען פון דאָרט. אפשר האָט זי געקוקט און געזוכט, צי די שטערן באַווייזן זיך שוין? און זי האַלט אין איין זאָגן ...„קומען זאָל אויף אונדז אַ געזונטע וואָך, אַ פרנסהדיקע וואָך, אַ מזל־דיקע וואָך, אויף מיר, מיין משפּחה און כלל ישׂראל. אמן".

איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. שפּעטער בין איך אַריינגעגאַנגען אין דעם באַראַק. פריִער פון דרויסן זיך געמאַכט אַ צייכן, אָפּגע־ציילט לעבן וועלכן פענצטער, און זיך קוים דורכגעשטופּט אַהינצו. אַזוי ווי אין אַנדערע באַראַקן, איז מען דאָרט געלעגן איינער אויף די אַנדערע. איך האָב גע־פונען אַ פרוי און זי אַ צי געגעבן ביים פוס, ווייל אַרויפדראַפּען זיך דאָרט האָב איך קיין כוח נישט געהאַט. זי האָט געלאָזן אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו מיר.

— איר האָט געזאָגט אַזוי שיין „גאָט פון אברהם" — האָב איך געזאָגט.

איר ענטפער איז געווען:

— גאָט דאַרף מען לויבן, ווו מען זאָל נישט זיין. און אויב עס איז שוין פאַר אונדז קיין הילף נישטאָ — האָט, נעבעך, די פאַרצווייפלטע אויסגערופן — זענען נאָך אויף דער וועלט דאָ יידן און זיי דאַרפן דאָך אויך אַ גוטע וואָך...

איך האָב איר געדאַנקט און געזאָגט, אַז אַ דאַנק איר האָב איך אויסגעפונען, אַז היינט איז שבת, און אַז די נאָענטסטע וואָך וועל איך קומען צו איר. איך וועל מיט איר זאָגן, כאָטש נאָך איין מאָל דעם „גאָט פון אברהם".

איך האָב זי געפרעגט ווי אַזוי ווייסט זי ווען ס'איז שבת, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז אַן אונגאַרישע און איז בלויז אַ פּאָר וואָכן אין לאַגער, און זי איז זייער אַ פרומע, זי מאַכט זיך יעדן טאָג אַ צייכן מיט אַ קניפּ אין איר שמאַטע־קלייד.

איך בין דעם צווייטן שבת־פאַרנאַכט געקומען צו דער פרוי. אָבער אויף דעם אָרט איז שוין געלעגן אַן אַנדערע. דאָס קול האָט מען שוין מער נישט געהערט. עס איז פאַרשטומט געוואָרן דאָס זאָגן „גאָט פון אברהם". אָבער אין מיר לעבט עס און איך וויל, אַז עס זאָל אין מיר קיין מאָל נישט איינגעשטילט ווערן... (בערטאַ פערדערבער־זאַלץ: „און די זון האָט געשיינט", פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1965, ז"ז 134 — 135).

די מאַמע צינדט ליכט ערב־שבת

קיין וואַרשע זענען מיר אָנגעקומען אין דער צייט פון אויפשטאַנד, מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג. אין יענער צייט האָבן מיר געלעבט אויף „אַרישע" פּאַפּירן, מען קאָן דאָס אָנרופן אַנוסים.

אין צווישן איז אָנגעקומען מיין מאַמע און מיין שוועסטער.

מיט שרעק האָט מיין מאַמע יעדן ערב־שבת פּאָר נאַכט געצונדן ליכט אונטערן טיש און פאַרדעקט דעם גאַנצן טיש מיט אַ גראָבער דעק, דאָס ליכט זאָל נישט אַרויסשיינען אין דרויסן.

די גאַנצע צייט האָט מיין מאַמע אָפּגעהיטן כשרות און די גויִישע שכנה האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס אַזאַ קליינע משפחה קאָכט זופּ אין צוויי באַזונדערע טעפּ.

פאַר פסח האָט מיין מאַמע צונויפגעזאַמלט ווייצענע קערנדלעך פון פעלד און זיי צעמאָלן מיט די הענט און געבאַקן מצות — מצות געמישט מיט טרערן. מיר האָבן זיי צעטיילט צווישן די חברים צום אָנדענק פון פרייהייט, וואָס איז אַזוי ווייט פון אונדז... (קלאַראַ מעין־מינצבערג, תל־אביב, „קהילת רישא — ספר זכרון", הוצא לאור על ידי ארגוני בני רישא בישׂראל ובארצות הברית, תל־אביב, 1967, ז' 325).

ימים נוראים

אַריינפיר

יידן האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע גייסטיקע און רעליגיעזע גבורה אין די ימים־טובים, און בפרט אין די ימים־נוראים.

יידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען צו דאַוונען אין די ימים־נוראים מיט אַ מנין און צו הערן בלאָזן שופר.

יידן האָבן מיט דער גרעסטער מסירת נפש געפאַסט אין יום־כיפור אין די אַרבעטס און טויטלאַגערן.

יידן האָבן געפאַסט יום־כיפור אין די וועלדער און אין די בונקערס, ווען אַפילו זיי האָבן פאַרגעסן ווען עס פאַלט אויס יום־כיפור.

און די דייטשן האָבן זייערע מאָרד־אַקציעס דורכגעפירט אין די ימים־טובים, און בפרט אין די ימים־נוראים.

די דייטשן האָבן זיך אין די מאָרדלאַגערן געריצט מיט יידישע מיידלעך און זיי פאַרגעלייגט צו עסן גוטע שפייזן אין יום־כיפור; זיי האָבן אַריינגעפירט יידישע יינגלעך אין יום־כיפור אין אַ גאָרטן פון פרוכט־ביימער און זיי דערלויבט צו רייסן פרוכט, וויפל זייער האַרץ גלוסט, אָבער די יינגלעך האָבן זיך נישט צוגערירט צו די ביימער.

יידישע קינדער האָבן געהערט שופר־בלאָזן אין אוישוויץ אין ראש־השנה איידער זיי זענען געפירט געוואָרן אין די גאַזאויוונס.

צעוואָרפן זענען די פונקען פון גייסטיקער און רעליגיעזער גבורה פון די יידישע קדושים אין פאַרשידענע יזכור־ביכער און אין זכרון פון די שארית הפליטה, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיי אויפצושרייבן.

מיר גיבן אין דעם קאַפיטל, ווי אַזוי ראש־השנה און יום־כיפור איז געפייערט געוואָרן ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן — אין די שטעט און שטעטלעך, אין די געטאָס, אין די אַרבעטס־ און אין די טויט־לאַגערן.

ראש־השנה אין לאָדזשער געטאָ

דער יידישער היסטאָריקער ד״ר ישעיה טרונק גיט איבער אין זיין בוך „לאָדזשער געטאָ״, ווי אַזוי יידן האָבן אין לאָדזשער געטאָ געדאַוונט אין די ימים־נוראים אין יאָר 1939 און אין יאָר 1940. אויפן סמך פון דאָקומענטן און באַשרייבונגען פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין לאָדזשער געטאָ.

ד״ר טרונק שרייבט:

די ימים־נוראים פון ת״ש (1939) זענען דורכגעגאַנגען אונטערן איינדרוק פון די מלחמה־געשעענישן און נאַציש ן טעראָר און די תפילות האָט מען אָפּגעריכט אין געהיים אין קעלערן מיט פאַרקלאַפּטע פענצטערלעך און מיט שומרים אין דרויסן, וואָס זאָלן צו וויסן געבן אין פאַל פון אַ סכנה.

עס איז געווען אַ פאַרבאָט צו דאַוונען מיט מנינים אין שולן און אין פריוואַטע דירות. עס איז אויך געווען אַ באַפעל פון דער מאַכט, אַז אַלע געשעפטן און אַמטן מוזן זיין אָפן יום־כיפור.

אַ גרויסער טייל פון די יידישע סוחרים האָבן סאַבאָטירט די גזירה, אַרויסגענומען די סחורות פון די געשעפטן און זיך אויסבאַהאַלטן אין פרעמדע דירות. אַנדערע האָבן, כדי יוצא זיין, געעפנט די געוועלבער אויף אַ פּאָר שעה.

פרומע באַאַמטע זענען נישט געקומען צו דער אַרבעט. אין אַ צאָל פאַלן זענען פריוואַטע מנינים אַנטדעקט געוואָרן דורך די עס־עס־לייט און די מתפללים זענען אין די קיטלען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אין דרויסן און געפירט געוואָרן איבער די גאַסן.

פאַלן פון פייניקונגען און חוזק־מאַכן פון רעליגיעזע געפילן פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען פאָרגעקומען נאָך פריִער. פאַרן אויפרייסן די גרויסע סינאַגאָגע, למשל, האָבן די דייטשן פאַראָרדנט דער קהילה צוצושטעלן 400 מתפללים אין טליתים און אָפּריכטן אַ תפילה מיט דער באַגלייטונג פון אַ כאָר. די תפילה איז פילמירט געוואָרן. נאָך דעם האָט מען די מתפללים געשלאָגן מכות רצח. אַ טייל זענען געיאָגט געוואָרן איבער דער שטאָט צו אַ רעסטאָראַן, ווו עס האָט זיי שוין אָפּגעוואַרט אַ גרופּע דייטשן. די יידן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו טאַנצן. די דאָזיקע סצענע איז ווידער געפילמט געוואָרן. נאָך דעם האָט מען די קרבנות, אונטער מערדערלעכע קלעפּ, געצוווּנגען אויסצופירן שווערע אַרבעט.

פאַרן פאַרברענען די וואָלינער שול, האָבן די דייטשן באַפוילן דעם לאָדזשער מורה־הוראה, הרב סעגאַל, צו קומען אין שול אַריין אין טלית און תפילין און דאָרט צערייסן די ספר־תורהס.

די לאַגע האָט זיך אין דעם פּרט געביטן בעת די ימים־נוראים פון יאָר תש״א

(1940). תפילות זענען אָפּגעריכט געוואָרן אומגעשטערט מיט דער הסכמה פון דער שטאָטמאַכט, און עס איז אַפילו געווען אַ באַזוך פון נאַצישע אָפיצירן צו „כל נדרי" אין דעם קינאָ־זאַל „בייקאָ", ווו עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מנין. זיי האָבן זיך אָנשטענדיק אויפגעפירט, מען האָט געדאַווענט אין פיל פלעצער און אַפילו אין דרויסן.

יום־כיפור איז עפנטלעך, דורך ח. רומקאָווסקיס באַקאַנטמאַכונג, דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אָבליגאַטאָרישן רוטאָג. צוויי צירקולאַרן פון 30סטן סעפּטעמבער און 15טן אָקטאָבער האָבן אויך ראש־השנה און סוכות באַשטימט פאַר רוטעג אין די אַמטן און וואַרשטאַטן.

אין די ווייטערדיקע יאָרן איז שוין יום־כיפור געווען אַ פאַרפליכטנדיקער אַרבעטסטאָג, אָבער פרומע יידן האָבן זיך איינגעשטעלט. די, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַפרייען זיך פון דער אַרבעט, זענען געקומען אין די וואַרשטאַטן, און ווו דער אָנפירער האָט טאָלערירט, זענען זיי געשטאַנען און געדאַווענט אַפילו אין די טליתים. אַנדערע זענען געבליבן אין דער היים און אין די באַהעלטענישן אָפּגעריכט די תפילות ביחידות, אָדער אין קליינע גרופּעס.

אין מאַרישין האָט מען איינגעאָרדנט אַ מנין אין אַ נישט־באַוווינט הויז. ביי פאַרמאַכטע טירן און לאָדנס, און פאַרזיכערנדיק זיך פריִער אַ פרייען צוטריט צום בוידעם און קעלער, האָט מען בסודי סודות געדאַווענט. דאָרט האָבן אויך געדאַוונט אַ סך פון די געטאָ־פּני. ווען מען פלעגט הערן אַ פאַרדעכטיקן גערויש, פלעגן די מתפּללים שטיל זיך פונאַנדערגיין, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. ביי עליות פלעגן די געטאָ־פּני מנדר זיין אַ ביסל קאַרטאָפל און ירקות פאַר די אָרעמע מתפּללים. (ד״ר ישעיה טרונק: „לאָדזשער געטאָ", פאַרלאַג „יד ושם" — ייוואָ, 1962, ז״ז 403—404).

אומקום פון רבנים אין ראש־השנה אין לאָדזשער געטאָ

די אַקט „שפּערע"־טעג, פונעם 4טן ביזן 12טן סעפּטעמבער 1942, זענען אויס־געפאַלן גראַד אין די סליחות־טעג פונעם סוף יאָר תש״ב און אין ראש־השנה. די דייטשע מאַכט האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן פרומע און נישט־פרומע יידן, צווישן רבנים און סתם יידן. אויך ח. רומקאָווסקי (פאָרזיצער פון לאָדזשער יודענ־ראַט), וואָס האָט מיט אַ געוויסן דרך־ארץ זיך באַצויגן צו די רבנים און כלי־קודש אין געטאָ, און זיי צוגעטיילט ספּעציעלע שפּייז־טאַלאָנען, האָט בעת דער „שפּערע" גאָרנישט געטאָן צו ראַטעווען די רבנים פון דער אויסראָטונג.

הרב י. ל. גירשט, אַ רעליגיעזער שרייבער, וואָס האָט זיך געפונען אין לאָ־דזשער געטאָ (געשטאָרבן אין ישראל), האָט אין זיין ספר „מן המיצר" — אַזוי באַשריבן זיינע איבערלעבונגען בעת דער „שפּערע":

אין ערשטן טאָג ראָש־השנה (1942) בין איך געזעסן באַהאַלטן אין מיין קליי־נעם צימער אויף דער זאַבאָרנע־גאַס און געטראַכט, וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז.

עס איז געווען צוויי נאָך מיטאָג. פּלוצלונג — טראַך, טראַך! די הילכן פון די שאָסן האָבן געשפּאָלטן די לופט אַרום מיין הויז. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען די עס־עס־לייט שיסן אויף אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אַ לאַגער פון גרינצייג מיט דער האָפענונג צו באַקומען פון דאָרט עפּעס אויפצוהאַלטן דאָס נפש.

דאָס אָרט איז באַלד פול געוואָרן מיט בלוט און הרוגים. אָבער די רוצחים האָבן זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט, נאָר באַפוילן צו זייערע מיטהעלפער פון צווישן די פאַרברעכער (געמיינט די „זאָנדער" און „אָרדענונגס־דינסט־פּאָליציי") אַרויס־צוטרייבן אַלע מענטשן פון די שטובן.

אין איין רגע איז געוואָרן אויסגעפּירט דער דאָזיקער באַפעל.

איך האָב באַשלאָסן בשום אופן נישט אַראָפּצוגיין. איך מיט מיין פרוי האָבן פאַרשלאָסן די טיר. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל און די יום־כיפּור־דיקע ווידוי געזאָגט אין ראָש־השנה.

די מלאכי־חבלה האָבן מיט שטורעם געקלאַפּט אין טיר און כמעט זי צעבראָכן. איך האָב זיך נישט גערירט פון אָרט, און געווען גרייט אויפצונעמען די מלאכי־חבלה מיט אַן אייזן, אויב זיי וועלן אויפברעכן די טיר. עטלעכע מאָל האָבן זיי געזעצט אין טיר, און ווייל זיי האָבן נישט געהערט פון דאָרט קיין שום באַוועגונג, זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער איז דאָרט נישט פאַראַן און זיי זענען אַוועק.

— — — פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, זענען שטיל געוואָרן די קולות, די רוצחים האָבן פאַרלאָזט די „קאַמף־פּאָזיציע". איך בין אַרויס פון מיין צימער, אויף די טרעפּ זענען געזעסן יידן, וואָס האָבן געציטערט פון פּחד. זיי זענען פון די נאָענט־סטע געסלעך אַנטלאָפן אין אונדזער הויז, ווו עס איז שוין פאַרגעקומען די „אַקציע". טייל פון זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט סידורים און מחזורים און אין דער שטיל געזאָגט די ראָש־השנהדיקע תפילות.

די ערשטע, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן און אומגעבראַכט געוואָרן, זענען געווען די מיטגלידער פון רבנים־ראַט. נאָר געציילטע פון זיי זענען דורך אַ נס ניצול געוואָרן, דורך אויסבאַהאַלטן זיך אין פאַרבאָרגענע לעכער: הרב ר׳ שמואל דוד לאַסקי, הרב ר׳ מענדל ראַזמוטער און הרב ר׳ אברהם זילמאַן.

אויך די דריי רבנים האָבן נישט איבערגעלעבט דאָס געטאָ. וועגן הרב פּישל ראַבינאָוויטש איז באַוווסט, אַז ער איז אויסגעפונען געוואָרן אין זיין באַהעלטעניש און דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר גינטער פוקס האָט דעם רב דערשאָסן.

אלימלך הכהן שוואַרץ האָט אין זיינע פאַרעפנטלעכטע זכרונות אָנגעגעבן, אַז בעת דער „שפּערע" אין לאָדזשער געטאָ זענען אומגעבראַכט געוואָרן 40 רבנים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש מיט דער האָפענונג זיך צו ראַטעווען ביי רומקאָווסקין. צווישן זיי איז געווען דער שוואָגער פון

א. ה. שוואַרץ, דער זייער באַגאַבטער און יונגער תלמיד־חכם, דער לוטאָמירסקער רב, הרב ירחמיאל וואַלבראַמסקי.

די צוגעקומענע רבנים האָבן געלעבט אין געטאָ ווי פּשוטע און געוויינלעכע אַרבעטער. דער יודענראַט האָט זיי אָבער צוגעטיילט מער בכבודיקע אַרבעט, ווי: אויפזעער פון אַ ריי געטאָ־בנינים, און האָט זיי אויך געגעבן עפּעס מער צו עסן, ווי די געוויינלעכע שפּייז־פּאַרציעס. ביי נאַכט, נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג, האָבן די רבנים זיך פאַרנומען מיט לערנען תורה און מיט אַריינברענגען חיזוק צווישן דעם פאַרצווייפלטן עלעמענט. אין פאַרשידענע ערטער אין געטאָ האָבן זיי געזאָגט שיעורים וועגן אמונה און בטחון און געטרייסט דעם צעבראָכענעם יידישן כלל.

און דעם צווייטן טאָג ראש־השנה תש״ג (1942), האָט מען אויסגעזוכט אַלע רבנים, עטלעכע רביים, אויך אַ טייל מורה־הוראהס פון לאָדזשער ראַבינאַט גופא, און זיי צוזאַמענגעבראַכט אין איין בנין פון יודענראַט פון לאָדזשער געטאָ. דאָרט האָט מכלומרשט געזאָלט זיין אַ זיצונג, אָבער גלייך ווי זיי זענען זיך דאָרט צונויפגעקומען, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ. מיט מערדערלעכע קלעפּ האָט מען זיי געטריבן אין די אויטאָס און גלייך זיי אַוועקגעפירט צום אומקום. (א. וואָלף יאַסני: „די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש״, פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב, 1968, ז״ז 253 — 254).

ראש־השנה 1939 אין פּריסטיק

ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, אין יאָר 1939, האָבן זיי אין ראש־השנה און יום־כיפור שוין דורכגעפירט זייער מאָרד־אַקציע.

יידן האָבן נאָך נישט געוווּסט, וואָס דער דייטשער מאָנסטער איז, און אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך איז מען אין ראש־השנה געגאַנגען דאַווענען אין די בתי־מדרשים און שולן, כאָטש דאָס האָרץ האָט געציטערט.

שלמה שמידט דערציילט אין זיין טאָגבוך, וואָס איז נאָך אין כתב־יד און געפינט זיך אין מיין רשות (איבערגעגעבן פון זיין טאָכטער חיה שמידט־ראַפּאָפּאָרט, ניו־יאָרק), ווי אַזוי די יידן זענען אין זיין שטעטל פּריסטיק (מערב־גאַליציע) ראש־השנה געגאַנגען דאַווענען און ווי די דייטשן האָבן גלייך באַוויזן ווער זיי זענען:

„ראש־השנה אין דער פרי, אַלע יידן זענען געגאַנגען אין די שטריימלעך צום דאַווענען.

ביים דאַווענען שחרית דערהער איך, ווי עס קומען אָן עטלעכע אויטאָס, איך שיק אַרויס מיין זון געוואָר ווערן. עס דויערט נישט קיין פינף מינוט און מיין זון צבי קומט צו לויפן, ווייס ווי די וואַנט, ער קאָן קוים פּאָר שרעק אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— וואָס איז געשען?

— כ׳בין אַרויסגעגאַנגען דערוויסן זיך וואָסערע אויטאָס דאָס זענען, האָב איך

דערזען, ווי דייטשע זעלנער מיט טויטנקעפּ־צייכנס אויף די היטלען זענען אַרויס־געשפּרונגען פון די אויטאָס. ווי נאָר זיי האָבן מיך באַמערקט, האָט איינער פון זיי אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און געצילט אין מיר. איך בין אַנטלאָפן אין אַ הויז. דער דייטש איז מיר נאָכגעלאָפן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. אָבער מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן צווישן די הייזער. אַרויסקוקנדיק דורך די ברעטער פון פּאַר־קאַן, האָב איך געזען, ווי דער פּאָליאַק דיבזשאַב פירט די דייטשן צו צום בית־מדרש.

די עס־עס־לייט זענען אַריין אין בית־מדרש, געעפנט אַ שיסעריי אויף די זעקס הונדערט מתפללים. דער עולם האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד און אַזוי אַרום אויסגעמיטן אַ בלוטבאָד.

ווער ווייסט צי איין ייד וואָלט אַרויס אַ לעבעדיקער, ווען נישט וואָס אַן אָפיציר האָט געשריי געטאָן: „גענוג, עס איז נישט שיין פאַר אויסלאַנד!"...

די דייטשן האָבן באַפוילן די פאַרוווּנדעטע יידן פאַרבאַנדאַזשירן און די שול פאַרשליסן. און אַזוי האָבן זיי דאָרט געהאַלטן מתפללים צוויי שעה צייט.

דערנאָך האָבן זיי אונדז געהייסן אַרויסנעמען אַלע ספרים פון בית־מדרש, אַ זעקס טויזנט בענדער, אויך די ספרי־תורהס, טליתים, שטריימלעך, געהייסן מאַכן אַ פייער און אַלץ פאַרברענט.

די דייטשן האָבן דערנאָך אויפגעשלאָסן די שול און דאָרט דאָס זעלבע געטאָן.

זיי האָבן אַלע יידן צוזאַמענגענומען, געהייסן האַלטן די הענט אין דער הויך, געמאַכט מיט אונדז פאַרשידענע איבונגען, אונדז געפּייניקט אַן ערך פון צוויי שעה און צו אונדז געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין צוריק אין אַ צוויי שעה אַרום. די גאַסן פון דער גאַנצער שטאָט מוזן זיין אויסגעקערט, אויב נישט וועלן זיי אַלע יידן אויסשיסן. זיי זענען אָפּגעפאָרן מיטן אויטאָ מיטנעמענדיק מיט זיך דריי יידן און נאָך איין קאַליטשיצער ייד, וואָס איז שוין געזעסן אין אויטאָ.

מיר האָבן נישט געוווּסט, ווו די דריי פּריסטיקער יידן זענען אַהינגעקומען. דער דייטשער קאָמאַנדיר האָט דערנאָך געשיקט רופן די דריי פרויען צו זיך און זיי האָבן געמוזט אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז זייערע מענער זענען געשטאָרבן מיט אַ „נאַטירלעכן טויט".

די דריי קדושים זענען געווען אַזוי צעשלאָגן, אַז די פרויען האָבן זיי נישט דערקענט. מען האָט זיי געבראַכט צו קבורה אויפן יידישן בית הקברות.

אָט אַזוי האָבן די דייטשן דורכגעפירט די ערשטע שחיטה אויף יידן אין אונדזער שטעטל פּריסטיק אין ראש־השנה אין יאָר 1939, באַלד ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט פוילן".

ראש־השנה אין גאָסטינין אין יאָר 1939

יעקב סענדעראָוויטש דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון שערפּץ קיין גאָסטינין אין יאָר 1939, באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין קיין פוילן.

ער שרייבט: „מיר דאַוונען אין שול. די געוויינען און יללות פון די פון דער היים פאַרטריבענע האָבן געריסן הימלען. פאַר תקיעת־שופר האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה. ער האָט געטרייסט און געמוטיקט די יידן, מען זאָל נישט פאַר־לירן די האָפענונג, דעם בטחון. אָבער עס איז שווער צו טרייסטן די געפּלאָגטע יידן. טרערן שטיקן דעם אַלטן רב.

מען דאַוונט ווייטער מיט שטאַרקע געוויינען. יעדער איינער גיסט אויס זיין האַרץ פאַרן פאָטער אין הימל און בעט רחמים פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק. נאָכן דאַוונען זענען די מתפללים זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך בין אַוועק צום גאָסטינינער רבס איניקל. ער האָט געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער אַליין איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

דער ערשטער ראש־השנה אין דער פרעמד, אָן עלטערן און אָן קרובים, אין עלנט, דחקות און פּיין, איז געווען דער יום פון מידת־הדין.

נאָך היינט געדענק איך די ווערטער פון גאָסטינינער רב וועגן חרב־חדה און קידוש השם, וואָס האָבן געקלונגען, ווי אַ נבואה וועגן דעם קומענדיקן חורבן"...

(יעקב סענדעראָוויטש: ימים־נוראים אונטער דער דייטשער ממשלה, אין „קהלת שרפּץ", ספר זכרון, תל־אביב 1959, ז"ז 426—429).

דער לעצטער ראש־השנה אין אָטוואָצקער געטאָ

בנימין אָרנשטיין, דער געוועזענער פאָרזיצער פון אָטוואָצקער־פּאַלעניצער־קאַרטשעווער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, שיל־דערט דעם לעצטן ראש־השנה אין אָטוואָצקער געטאָ אין יאָר 1941.

אין יאָר 1941 איז אָטוואָצק געווען איינגעטיילט אין דריי באַזונדערע אָפּגע־צוימטע טיילן — דריי געטאָס.

צו יענער צייט זענען שוין דערגאַנגען שוידערלעכע ידיעות, אַז די דייטשן פאַרברענען שולן און בתי־תפילות צוזאַמען מיט די מתפללים. אין אַנדערע ערטער פלעגן די דייטשן אַרויסטרייבן די מתפללים פון די בתי־תפילה און זיי פירן איבער די גאַסן און זיי אויסשטעלן צו שאַנד און צו שפּאָט. עס זענען געווען אויך פאַלן, אַז יידן פון די שולן זענען געטריבן געוואָרן צו צוואַנגס־אַרבעט, און דערביי געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח.

דער פאַקט, וואָס אין אָטוואָצק זענען די צוויי איינציקע פּראַכטפולע סינאַ־גאָגעס צעשטערט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן גרויס זאָרג. עטלעכע יידן פון אַ מנין זענען זיך צונויפגעקומען און געטראַכט וואָס צו טאָן. עס זענען געווען פאַרשידנ־אַרטיקע פאָרשלאָגן. איינער האָט געהאַלטן, אַז היות ווי די גרעסטע סכנות דראָען אין דער פרי, וואָלט אפשר גלייכער געווען אָנצוהייבן דאָס דאַוונען נאָך די געפאַר־שעהען, דאָס הייסט, נאָך 12 אַ זייגער. אָן אַנדערער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל נאָר דאַוונען קריאת־שמע, די הויכע שמונה־עשרה און אַדורכפירן די

קריאת־התורה, און דאָס איבעריקע זאָל יעדער ביחידות דאַוונען אין שטוב. אַן אַנדערער האָט געהאַלטן, אַז עס מוז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט די יתומים צו זאָגן קדיש. אַן אַנדערער האָט געהאַלטן, אַז אונטער אַלע אומשטענדן דאַרף דאָס דאַוונען פאָרקומען נאָרמאַל, ווייל זיין אַ ייד הייסט מקריב זיין זיך פאַר דער אמונה אין איבערגעבן זיך דעם ווילן פון בורא־עולם.

דער פאָרשלאָג האָט אַלעמען אַנטוואָפנט, קיינער האָט נישט פּרובירט זיך אַקעגנשטעלן. דאָס דאַוונען ראש־השנה בציבור איז באמת געווען אַן אַקט פון סכנות־נפשות. אין די צוויי ראש־השנה־אָוונטן איז די שרעק נישט געווען אַזוי גרויס, צוליב דער סברה, אַז די דייטשן באַווייזן זיך נישט אין די אָוונטן אין געטאָ. דערפאַר איז אָבער דאָס דאַוונען אין די צוויי טעג ביי טאָג בציבור געווען אַ טאָט פון מסירת־נפש. אַלע פאָרזיכטס־מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן. דאָס פענצטער, די טיר פון דער וועראַנדע און די אַרויסגאַנגס־טיר זענען געווען אָפן. עס זענען אויך געשטאַנען אָבסערוואַטאָרן, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרהיטן פון כל צרה שלא תבוא.

אָבער דאַוונען שטיל און שנעל איז שוין נישט מעגלעך געווען אַדורכצופירן צוליב צוויי מערקווירדיקע מתפללים; איינער אַן אומאַנער חסיד און דער צווייטער אַ ליטווישער ייד.

דער אומאַנער חסיד, אַן אויסגעמאָגערטער, אויסגעדאַרטער ייד, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלער באָרד, אַ לענגלעך בלייך געזיכט, אויסגעאיידלט פון פיזישע און גייסטיקע ליידן. זיין הויכער שטערן מיט טיפע קנייטשן און דיקע ברעמען האָבן באַצירט זיינע פאַרחלומטע אויגן. אין אַלגעמיין האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אַסקעטישן טיפּ, וואָס געהערט גאָרנישט צו דער ערדישער וועלט, נאָר ער איז אַ שוועבנדיקע געשטאַלט פון מלכות השמים. ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ התמדה און התפעלות, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. יעדן אות פון אַ וואָרט און יעדעס וואָרט פון אַ פּסוק האָט ער שטאַרק אַקצענטירט, ווי עס וואָלט געווען דער גרעסטער אוצר, דער גרעסטער ברילִיאַנט און פון דעם פּסוק איז אָפּהענגיק דער קיום פון דער גאַנצער וועלט.

דער חזן האָט געמוזט כסדר בלייבן שטיין און וואַרטן ביז דער אומאַנער חסיד וועט פאַרענדיקן יעדע תפילה.

דער צווייטער מתפלל איז געווען אַ ליטווישער ייד, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, הויט און ביין. קוים וואָס די נשמה האָט זיך געהאַלטן אין זיין אויסגעמאָגערטן גוף. דווקא ער האָט געוואָלט איבערשרייען אַלע מתפללים. אָבער ווו נעמט מען כוח דערצו? האָט ער זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ווען אַלע מתפללים האָבן שוין אָפּגעזאָגט די תפילה און געוואַרט אויפן חזן, און דער חזן האָט געוואַרט אויפן אומאַנער חסיד, האָט דער ליטווישער ייד מיט איבערנאַטירלעכער אָנגעשטרענגטקייט און מיט די לעצטע כוחות אויסגעשריגן דעם לעצטן פּסוק. דאָס וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט, אָבער די צרה איז געווען, אַז ער האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן קיין „ש". אַ שין איז ביי אים אויסגעקומען אַ סין.

דער עפּיזאָד געהערט שוין היינט צו דער געשיכטע. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ פּאַסיוון קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט. אַ קאַמף פאַר רעליגיעזע איבערציי־גונגען אין דער צייט פון דער נאַצי־עפּאָכע, אַ קאַמף פון מסירת־נפש פאַר אָפּהיטן די יידישע אמונה אין פילפאַך ערגערע און טראַגישערע באַדינגונגען ווי אין די צייטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

צום באַדויערן איז דאָס געווען דער לעצטער ראש־השנה פון אָטוואָצקער יידנטום.

דעם 19טן אויגוסט 1942 איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון די אָטוואָצקער יידן קיין טרעבלינקע. די זעכצן טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דייטשן קלעם אין די דריי אָטוואָצקער געטאָס, און צווישן זיי דער אויבן־באַשריבענער מנין, זענען אומגעקומען אין די טרעבלינקער גאַזאָויוונס.

ראש־השנה 1941 איז געווען דער לעצטער יום־טוב, ווען אָטוואָצקער יידן האָבן געדאַוונט בציבור. אויף אייביק זענען איבערגעריסן געוואָרן די שטימען פון די מתפללים, און צווישן זיי די שטימען פון אומאַנער חסיד און פון ליטווישן ייד. (בנימין אָרנשטיין: „דער לעצטער ראש־השנה אין אָטוואָצקער געטאָ אין יאָר 1941", „דער אַמעריקאַנער", ניו־יאָרק, 24סטן סעפּטעמבער 1954, ז' 11).

די אויטאָ־דאַ־פע דעם צווייטן טאָג ראש־השנה אין גראָדזשיסק

ראש־השנה, 1941.

אין קראָקע און אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך איז צום סוף 1940 שוין געווען זייער ביטער, נישט צום אויסהאַלטן: די טאָג־טעגלעכע קרבנות, דער הונגער, די שרעקלעכע רעוויזיעס, דאָס צונעמען אַלצדינג און דאָס גרייטן זיך צו גיין אין געטאָ.

מיין מאַן האָט געהאַט אַ באַפעל פון זיין קאָמיסאַר, ער זאָל זיך נישט גרייטן צו פאַרלאָזן קראָקע, ווייל ער מוז אים האָבן, ווי ביז היינט, צו פירן דאָס געשעפט מיט דער קאַנצעלאַריע און מיט די אַנדערע אָנגעשטעלטע. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע געשעפט אין פּוילן פון דער פּאַפּיר־בראַנזשע און אַלע אַנדערע צוגע־העריקע זאַכן, מיט פיליאַלן אין אַלע גרעסערע שטעט אין פּוילן. די צענטראַלע איז געווען אין קראָקע און געהערט צו די אייגנטימער, די טייערסטע און קאַליר־פולסטע פּערזענלעכקייטן אין פּוילן, די ברידער אַלעקסאַנדראָוויטש.

מיר זענען געגאַנגען אין געטאָ, אָבער זייער פיל מענטשן זענען געלאָפן אין קליינע שטעטלעך, ווו מען האָט נאָך געקראָגן עסן פון די אַרומיקע דערפער און עס זענען נישט געווען אַזוי פיל דייטשן. מיר, ווי אַלע אַנדערע, האָבן געהאַט גענוג זאָרג אין געטאָ מיט די קינדער — צי וועט מען האָבן עסן פאַר זיי. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן — איך און מיינע צוויי קינדער און מיין שוועסטער מיט

אירע דריי קינדער — אַז מיר זאָלן פאָרן אין דעם שטעטל גראָדזשיסק, ווו עס האָט געוווינט אונדזערע אַ ווייטע קרובה.

ס'איז אָנגעקומען ראש־השנה.

איך בין געווען קראַנק. געלעגן אין בעט. קיין דאָקטאָר אין שטעטל איז נישט געווען, פון בעט האָב איך נישט געקאָנט אַראָפּ. און דאָ, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נאָך מיטאָג, הערט מען, אַז די רוצחים קומען, ווי אַלע מאָל, אין אַ יידישן יום־טוב. דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, איז זיך צעלאָפן. זיך באַהאַלטן ווו איינער האָט נאָר געקאָנט. איך הייס מיין שוועסטער זי זאָל לויפן מיט אירע קינדער. אויך אַ שוועסטערן־זון פון אַן אַנדערער שוועסטער, זי און איר מאַן האָבן שוין נישט געלעבט. איך רוף צו מיינע קינדער צום בעט, ווייל זיי האָבן געוויינט. די עלטערע טאָכטער, שוין אַ פאַרשטענדיקע, האָט אָן מיר נישט געוואָלט לויפן. איך בעט מיין שוועסטער: דיינע קינדער זענען אויסבאַהאַלטן, לויף ראַטעווע דיך אויך. נאָר זי וויל מיך נישט איבערלאָזן. מיינע צוויי קינדער זיצן ביי מיר אויפן בעט, מיין שוועסטער דערנעבן, און מען וואַרט אויף דעם טויט.

געוווינט האָבן מיר ביים הויפט־אַריינקום אין שטעטל, און מיר זעען ווי די רוצחים לויפן אַרום איבער די יידישע הייזער. זיי געפינען קיינעם נישט. כאַפּן זיי אַ שגץ און הייסן אים אַרויסטראָגן פון אַלע שטיבלעך די ספרים און טליתים אין מיטן מאַרק. זיי האָבן אָנגעטראָגן גאַנצע בערג און אונטערגעצונדן און דערביי ווילד געשריגן:

— ווו ביסטו, דו הייליקער מאָזעס? העלף דיינע יידן! מיר וועלן זיי שוין העלפן!

אַלע הייזלעך האָבן זיי שוין חרוב געמאַכט, און זיי קומען צו אונדזער הויז. דאָס ערשטע האָבן זיי אויסגעהאַקט די פענצטער־שויבן מיט די רעוואָלווערן און צעהאַקט די האַלץ־ראַמען און ווילד געשריגן: — דאָ זענען יידן! זיי זענען אַריין צו אונדז אין שטוב. איינער האָט ביים צעהאַקן די שויבן, זיך צעבלוטיקט אַ פינגער און דאָס ערשטע האָט ער באַפוילן מיין שוועסטער, זי זאָל אים באַנדאַזשירן דעם פינגער. דאַן האָבן זיי געפרעגט, פאַר וואָס איך ליג אין בעט? איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין קראַנק. זייער ענטפער איז געווען: אויב דו ביסט קראַנק מוזסטו שטאַרבן! פאַר שרעק זענען מיר ווי געליימט געווען און געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט קומען.

געהאַט האָבן מיר אַ סך ספרים און ביכער, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון אונדזער היים, זאַכן וואָס זענען אונדז געווען זייער טייער. ווען זיי האָבן דערזען די שאַנק מיט ביכער, האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן אַלץ אין הויז און אַלע צע־בראָכענע שטיקער מיר געוואָרפן אין בעט אַריין. איך האָב מיין קליין קינדס קעפעלע צוגעדעקט מיט מיינע הענט און עס באַשיצט ווי וויט איך האָב געקאָנט. דאַן האָבן זיי באַפוילן מיין עלטער קינד זי זאָל אַרויסטראָגן צום פאַרברענען אַלע ספרים און ביכער אין מאַרק, אויף דעם באַרג ספרים און טליתים, וואָס האָבן שוין געברענט.

מיר זענען געווען קרובים פון דעם רב פון קענט, הרב לאַנדוי (דער ערשטן נאָמען געדענק איך נישט). געוווינט האָט ער אין אָשוויענטשים. צו שׂמחות אין דער משפחה זענען זיי געקומען. ווען דער רב האָט חתונה געמאַכט זיינע קינדער זענען מיר אַהין געפאָרן.

בעת ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, זענען מיר געווען ביי דער חתונה אין אָשוויענטשים. מיין מאַן, הגם אַ מאָדערנער מענטש, איז געווען זייער באַליבט ביי אונדזער רבנישער משפחה, און ביי דער חתונה האָט אונדז דער קענטער רב געגעבן אַ טייערע מתנה, אַ ספר, וואָס ער האָט מחבר געווען, און אונדז געזאָגט: — דער ספר איז אייער יחוס־בריוו; דער יחוס גייט צוריק ביז צום רמ״א. דערביי האָט ער אָנגעוויזן, אַז מיין מאַן, פון זיין מוטערס צד, איז פון דעם רמ״אס גזע.

מיר זענען געווען זייער גליקלעך צו האָבן דאָס ספר. מיין קינד האָט פון דעם געוווסט. איצט, ווען זי אַליין האָט עס געדאַרפט לייגן אין פייער אַריין, האָט זי פאַרטראַכט אַ מיטל, ווי אַזוי עס צו ראַטעווען:

דאָס הייזל, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט געהאַט אַ פאָרהויז און צוויי שטובן פוןביידע זייטן: אין איין זייט, ווו מיר האָבן געוווינט, און אין דער צווייטער, ווו אונדזער יידישער בעל־הבית האָט געוווינט. אין עק פון דעם פאָרהויז איז געווען אַ פינצטער שטעלעכל, ווו זיי האָבן געהאַלטן אַ קו. האָט מיין קליינע חכמה זיך גוט באַרעכנט און אַלע ביכער געלייגט אויף איר קליין הענטל אויף אַזאַ אופן, אַז די מיט עברית רוקנס (זי איז געווען אַ שילערין פון תרבות־שולע), האָט זי געלייגט פון אויבן. אַרויסטראָגנדיק די ביכער, האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אויף צוריק און אַריינגעוואָרפן די אויבערשטע ביכער אין שטאַל צו דער קו און דאָס רעשט צוגעטראָגן צום שייטערהויפן מיט דעם באַרג ספרים. דאָס פייער איז געוואָרן גרעסער און גרעסער און זיך געריסן און געשריגן צום הימל.

דאָס שטעטל מיט מענטשן האָבן געוווסט, אַז איך ליג קראַנק און האָב נישט געקאָנט אַנטלויפן. פון זייערע באַהעלטענישן האָבן זיי געזען דעם רויך און די פלאַמען פון דער אויטאָ־דאַ־פע. נאָך אַ פּאָר שעה, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן פון די פּויערים, אַז די משחיתים זענען אַוועק פון שטעטל, האָט נעבעך די קליינע עדה יידן אָנגעהויבן צוריקקומען און מיט וואַקלענדיקע פיס זיך צוגעשלייכט צו אונדזער הויז, גרייט צו טרעפן דאָס ערגסטע. זיי האָבן אָבער אונדז געפונען לעבעדיקע. דאַן האָט מיין טייער קינד אַריינגעבראַכט אין שטוב די ספרים, וואָס זי האָט אָפּגעראַטעוועט.

אָבער אויף ווי לאַנג?... (בערטאַ פערדערבער־זאַלץ: „און די זון האָט געשיינט״, פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב, תשכ״ה — 1965, ז״ז 45 — 55).

ראש־השנה אין פיעטריקאָוו אין יאָר 1942

יעקב קורץ גיט איבער ווי אַזוי יידן אין פיעטריקאָוו האָבן געדאַוונט אין די ימים־נוראים אין יאָר 1942.

כאָטש די יידן האָבן שוין געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי און וואָס עס איז געשען מיט זייערע ברידער, דאָך האָבן זיי נישט אָפּגעטראָטן פון זייערע מנהגים און זיי האָבן געדאַוונט אין די ימים־נוראים אין פאַרשידענע ערטער אין געטאָ. זיי האָבן געדאַוונט בציבור, איינגעהילט אין טליתים, און יום־כיפור — אין קיטלען.

יידן זענען אין די ימים־נוראים געגאַנגען אין גאַס אין די יום־טובדיקע מלבושים און עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו גיין אין די גאַסן איינגעהילט אין זייערע טליתים, ווי זיי וואָלטן געווען אין ירושלים. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די יידן האָבן אַ סך געליטן דערפון, וואָס זיי האָבן זיך דעם ערשטן יום־כיפור, ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, דערלויבט צו דאַוונען בציבור. אַ סך יידן זענען דעמאָלט פאַרשיקט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן חטא קיין דייטשלאַנד. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָבן די יידן זיך אויפגעהערט צו שרעקן. וואָס וועט מען זיי טאָן? מען וועט זיי שיסן? וועט מען לכל הפחות וויסן ווו זייער קבר געפינט זיך.

סוכות זענען יידן געזעסן אין די סוכות. אויף מיין הויף זענען געשטאַנען צוויי סוכות. אין איין סוכה איז געזעסן אַ ייד און האָט געזונגען הויך אויף אַ קול זמירות. איך בין אַריין צו אים און האָב אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט ווו ער געפינט זיך. וואָס הייסט, ער זיצט און זינגט זמירות, ווי קיין שום זאַך וואָלט נישט געשען? האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק און ווייטער געזונגען. צום סוף האָט ער צו מיר געזאָגט:

— וואָס קאָנען זיי מיר טאָן? זיי קענען צונעמען מיין גוף, אָבער נישט מיין נשמה, אויף מיין נשמה האָבן זיי קיין שליטה נישט! (יעקב קורץ: „ספר עדות", פאַרלאַג „עם עובד" ישראל, תש"ך — 1960).

ראש־השנה אין קאָרעץ אין יאָר 1942

ראש־השנה האָבן די יידן געדאַוונט אין דער געוועזענער שוסטער־שול, דאָס איז געווען די איינציקע גאַנץ־געבליבענע שול, וועלכע איז צוליב איר קליינעם פאָרמאַט נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ תבואה־לאַגער.

די יידן, וואָס האָבן געמוזט זיך צושטעלן צו דער אַרבעט אין דער נאָרמאַלער צייט, האָבן געדאַווענט פאַר טאָג, און די, וואָס זענען געווען פריי, האָבן געדאַווענט שפּעטער.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע צוויי טעג ראש־השנה. דאָס גאַנצע דאַווענען איז באַגלייט געוואָרן מיט געוויינען פון די פרויען און מענער. אַלע יידן אין געטאָ זענען געווען אין שול, אַפילו די וויניק גלייביקע האָבן גע־דאַווענט מיט גרויס כוונה. אַלע האָבן געפילט, אַז די איינציקע הילף קענען זיי איצט דערוואַרטן נאָר פון גאָט.

די פיינלעכסטע מאָמענטן זענען געווען בשעת קדיש־זאָגן, ווען אַלע פאַר־זאַמלטע האָבן געזאָגט אין איין קול, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט האָבן נאָך וועמען צו זאָגן קדיש. (אינזש. מ. גילדענמאַן: „חורבן קאָרעץ״, פּאַריז, 1949, ז״ז 71 — 72).

ראש־השנה אין אַ פאַבריק אין זאַוויערטשע אין יאָר 1943

מיר זענען געווען אַ 500 „לעבעדיקע מתים״ אין אַ פאַבריק אין משך פון זעקס וואָכן. ביז דעם 17טן אָקטאָבער 1943 האָבן מיר געלעבט אין איין ציטערניש.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט ראש־השנה. אַ צאָל טראַדיציאָנעל־געטרייע יידן האָבן געפונען טליתים אויף עפּעס אַ מיסטעריעזן, מיר אומבאַקאַנטן אופן. בקיצור, נאָך דער אַרבעט האָבן די יידן אין די ימים־נוראים זיך געשטעלט דאַווענען מיט אַ מנין. דאָס איז געווען ממש סכנות־נפשות, אָבער די יידן האָבן נישט גע־וואָלט מוותר זיין אויפן דאַווענען בציבור אין די ימים־נוראים.

עס איז געקומען די ערשטע סוכות־נאַכט. יחיאל שוואַרץ, ישראל איסר פּול־טאַראַק, מיין שוועך, אברהמטשע קאָניעצפּאָלסקי, מעכטיקער און אַנדערע האָבן אין דער פאַבריק אויפגעשטעלט אַ סוכה.

אויף דער וואָך איז געשטאַנען אַ טויבער זעלנער. האָט ער געזען אַ ליכט אין עפּעס אַ קאַמער — האָט ער געשאָסן אין דער ריכטונג פונעם ליכט. די קויל האָט געטראָפן מעכטיקערן און אים שווער פאַרוווּנדעט. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מעכטיקער געשטאָרבן פון די ווונדן. (י. גרינקרויט: „חורבן זאַוויערטשע״, אינעם „ספר זכרון לקדושי זבירצ׳ה והסביבה״, תל־אביב, תשי״ח — 1959, ז״ז 298 — 299).

ראש־השנה אין פּאָדלאַשקער לאַגער

פנחס ראַפּאַלאָוויטש גיט איבער, ווי אַזוי אַ בראַצלאַווער חסיד האָט געדאַוונט ראש־השנה, אַרבעטנדיק אין אַ גרוב אין פּאָדליאַשקער לאַגער.

ער שרייבט:

ראש־השנה האָבן מיר געמוזט אַרבעטן אויף די ווילדע פעלדער. יונה פּאָס־מענטע, דער איידעם פון אברהם מידלאַרסקי, אַ בראַצלאַווער חסיד, האָט פון טיפן גרוב, וווּ ער האָט געאַרבעט, שטייענדיק אין דער העלפט אין וואַסער, אַרויס־געדאַוונט אויפן קול, און צוקומענדיק צו: „ובכן תן פחדך", האָט ער געזאָגט מיט אַזעלכע יללות, אַז אַלע אַרומיקע זענען מיטגעריסן געוואָרן און אַלע ווי איינער האָבן אויסגעשריגן: „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעבור ממשלת זדון מן הארץ". (פנחס ראַפּאַלאָוויטש: „ספר זכרון סוקולוב־פּאָדליסקי", תל־אביב, 1962, ז' 399).

דער מחזור אין מאַטהאַוזען

ערב ראש־השנה האָט אַ ייד אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער מאַטהאַוזען באַ־שלאָסן, אַז ראש־השנה זאָלן יידן דאַוונען לכל הפחות איין מאָל מיט אַ מנין. פאַר טאָג, איידער מען האָט זיך געשטעלט צום „אַפּעל", איז ער אַרומגעלאָפן צווישן די יידן און האָט ביי זיי צונויפגעזאַמלט די פאַרשידענע ראש־השנהדיקע תפילות, וואָס זיי האָבן געדענקט פון אויסנווייניק. ער האָט די ברעקלעך תפילות פאַרשריבן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין מיסט, איבערבלייבעכצער פון אַ פּאַפּירענעם זאַק, אין וועלכן עס איז געלעגן צעמענט.

און ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט דער דאָזיקער ייד מיר געוויזן מיט גרויס פרייד די שטיקלעך תפילות אויף די פאַרשריבענע פּאַפּירלעך.

ראש־השנה מיטאָג־צייט, ווען מיר האָבן געהאַט אָפּרו פון אַ דריי־פערטל שעה, האָט דער דאָזיקער ייד צונויפגערופן אַ מנין צו דאַוונען. ער איז געשטאַנען פאַרן עמוד אין אַ טלית און אין אַ קיטל און ער האָט אויסגעזונגען די ראש־השנה־דיקע שטיקלעך תפילות, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן אויף די פּאַפּירלעך.

מיר זענען געשטאַנען אַרום אים און מיר האָבן אויף אַ רגע פאַרגעסן די הויכע אַלפּן־בערג, וואָס רינגלען אונדז אַרום, און זיסע זכרונות פון נאָענטן עבר האָבן אָנגעפילט אונדזערע הערצער.

דער נאַצישער „קאַפּאָ" וואָס האָט נאָכשפּיאָנירט יעדן טריט אונדזערן, האָט געזען, וואָס מיר האָבן געטאָן, און ער איז אויף אונדז אָנגעפאַלן מיט זיין גומענעם

קאַנטשיק. ער האָט אויך געבראַכט צו הילף די עס־עס־וואַך מיט זייערע הינט און זיי זענען אַלע אויף אונדז אָנגעפאַלן. זיי האָבן געשלאָגן דעם בעל־תפילה און יעדן איינעם פון אונדז. פון די קלעפּ זענען אַלע געפאַלן אין חלשות. און ערשט פאַר נאַכט זענען זיי צוריקגעקומען צו זיך און זענען געלעגן קראַנק פון די קלעפּ און פון די ווונדן פון די הינט, וואָס האָבן זיי צעביסן. (אפרים פּיסטינער: „אומר", ערב־יום־כּפּור, תשי״ג — 1952).

ראש־השנה ביי יידישע פּאַרטיזאַנער אין וועלדער

ערב ראש־השנה תש״ד — 1943 האָבן זיך פאַרזאַמלט די רעשטלעך לעבנ־געבליבענע יידן פון די שטעטלעך און פון דאָמבראָוויץ. צווישן אונדז זענען אויך געווען יידן פון סטעפּן, סאַרנע, וולאַדימיר, ראַפאַלאָווקע, דובנע און פון אַנדערע שטעט.

דאָס איז געווען אין איינעם פון די פּינסקער וועלדער אינעם וואַלד ניגאָוו־שעץ. מיר האָבן פון קלעצער געמאַכט זיצפּלעצער, און דאָ האָבן מיר איינגעאָרדנט צו דאַוונען בציבור.

די דאָזיקע תפילה אין וואַלד וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. בלויז צוויי סידורלעך האָבן מיר געהאַט. דער חזן יצחק פייגלשטיין, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן איציק פון דובנע, האָט געדאַוונט אויפן קול לויט דעם סטאָלינער חסידישן נוסח. דער אָפּקלאַנג פון אונדזער תפילה האָט זיך צעטראָגן ווייט צווישן די ביימער. פון אַלע עקן וואַלד האָבן זיך צונויפגענומען מענער און פרויען. אַפילו די פּוילישע פּליטים, וואָס זענען געווען מיט אונדז זענען אויך געקומען הערן אונדזער דאַוונען. אונדזער געוויין האָט געלעכערט הימלען.

נאָכן דאַוונען האָט יצחק פון דובנע געהאַלטן אַ דרשה: „מיר שטייען אויף אַ גרויסן ברידער־קבר. מיר טאָרן נישט פאַרבלייבן אין דעם לאַנד פון מאָרד, מיר מוזן אַזוי ווי די יידן אין שפּאַניע געבן אַ שבועה, אַז מיר וועלן נישט בלייבן אין דעם לאַנד פון חורבן פון אונדזער פאָלק, נאָר מיר מוזן גיין אין אונדזער הייליקן לאַנד". („ספר ולאדימרץ", רעדאַקטאָר אהרן מאירוביץ, אַרויסגעגעבן דורך דעם אירגון יוצאי ולאדימרץ בישראל" ז״ז 333 — 334).

ראש־השנה אין ווילנער געטאָ און ביי די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער

ראש־השנה האָט מען געדאַוונט אין די קלויזן פון ווילנער געטאָ.

די קלויזן זענען פול מיט מתפּללים. מען רעכנט אויס, אַז אַן ערך 30 פּראָ־צענט איז היינט אַוועק צו דער אַרבעט. די אינסטיטוציעס פון געטאָ האָבן געזאָלט

אַרבעטן. די לעצטע מינוטן, היינט 9 פרי, איז געקומען אַ פאַראָרדענונג: פייערן! עס אַרבעטן נאָר טיילווייז די טעכנישע וואַרשטאַטן, ווי די וואַרשטאַטן פון גע־ביטס־קאָמיסאַר. (הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״, פאַרלאַג ייווא״אָ, ניו־יאָרק, 1961, ז׳ 346).

דאָס איז געווען אין יאָר 1943, ווען ס׳זענען אָנגעקומען די ימים־נוראים. כאָטש אַ גרויסע צאָל איז נישט געווען רעליגיעז, האָט מען דאָך געשפּירט אין די דאָזיקע ימים־נוראים שטאַרקע געפילן פאַר דעם נעכטן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן. אויך אין וואַלד האָט מען נישט געוואָלט אין גאַנצן איבעררייסן מיטן נעכטן, וואָס איז געהייליקט געוואָרן.

מיר האָבן צוגעגרייט אַ מנין, אויסצוגיסן פאַר דעם, וואָס זיצט אין הימל, און מתפּלל צו זיין די תפילות פון „הזכרת הנשמות״. (ש. קאַטשערגינסקי: אינעם בוך „איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן״).

יידישע גבורה אין די ימים־נוראים אין אוישוויץ

הרב צבי הירש מייזליש, איינער פון די שארית הפליטה, גיט איבער וועגן דער יידישער גבורה אין די ימים־נוראים אין אוישוויץ.

ערב ראש־השנה האָבן די נאַציס צונויפגעטריבן אַלע יידישע קינדער, וואָס זענען געווען יינגער פון אַכצן יאָר און זיי איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון די נאַציס בעת דער ערשטער סעלעקציע, וואָס איז פאָרגעקומען באַלד ווי זיי זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ. אין יענער סעלעקציע זענען אַלע קינדער באַלד געשטעלט געוואָרן אויף דער „צווייטער זייט״ און גלייך אַריינגעפירט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן.

איצט איז געקומען די ריי פון די קינדער, וואָס האָבן זיך פריִער אָפּגעראַ־טעוועט פון פאַרניכטונג.

אַזוי זענען צונויפגעקליבן געוואָרן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ הינטער די בלאָקן פון לאַגער אַ טויזנט זעקס הונדערט קינדער. אַלע האָבן געוווּסט וואָס פאַראַ גורל עס דערוואַרט זיי. (מיין זון זלמן לייב, אַ יינגל פון 14 יאָר, וואָס איז געווען אין אוישוויץ, איז ניצול געוואָרן און ער איז נישט געכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קינדער).

דערנאָך איז דער הויפּט־אַנפירער פונעם לאַגער צוגעקומען צו די קינדער און ער האָט געהייסן אַריינשטעלן אַ דרענגל אין דער ערד און שטעלן אין דער ברייט אַ ברעטל, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ דלת.

און ער האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע קינדער זאָלן, יעדער איינער באַזונ־דער, דורכגיין אונטער דעם ברעטל. ווער עס וועט דערגרייכן מיט זיין קאָפּ

אינעם ברעטל — וועט בלייבן לעבן און ער וועט צוריקגעשיקט ווערן אין לאַגער אַריין; די קינדער וואָס וועלן מיט זייערע קעפּלעך נישט דערגרייכן דאָס ברעטל, וועלן געשיקט ווערן אין די גאַזקאַמערן אַריין. דורך אַזאַ „טעסט" האָט דער נאַצי־פירער באַשטימט די עלטער פון קינד און זיין פעיִקייט צו אַרבעטן.

און אַזוי ווי די קינדער האָבן געוווּסט, אַז דאָס נישט דערגרייכן מיטן קאָפּ דאָס ברעטל באַדייט פאַרברענט צו ווערן, האָבן אַ טייל קינדער זיך באַמיט צו שטעלן זיך אויף די שפּיץ פינגער, ווען זיי זענען צוגעקומען אונטערן ברעטל. אָבער דער נאַצי־פירער, ווען ער האָט געזען, אַז אַ קינד הייבט זיך אונטער, האָט ער מיט אַ רוט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, געשמיסן איבערן קינדס פּנים ביז בלוט.

אַן ערך טויזנט פיר הונדערט קינדער זענען געבליבן אויפן פּלאַץ. זיי זענען גלייך אַריינגעפירט געוואָרן אין אַן אָפּגעזונדערטן בלאָק ביז אין דער פרי. זיי האָבן נישט געקראָגן קיין שום עסן. די היטער און די קאַפּאָס זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון בלאָק און האָבן קיינעמען נישט געלאָזט צוקומען צו זיי.

אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה אין לאַגער. פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן אַז פאַר נאַכט וועט מען די קינדער פירן אין די גאַזקאַמערן אַריין (בדרך כלל האָט מען איבערגעפירט די טראַנספּאָרטן צו פאַרברענען נאָר ביי נאַכט).

אַ סך יידן, וועמענס קינדער זענען געווען פאַרשפּאַרט אין דעם אָפּגעזונדערטן בלאָק, זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן צעשראָקענע אַרום דעם בלאָק, מיט דער האָפענונג, אפשר וועט זיי געלונגען צו ראַטעווען אין דער לעצטער רגע זייערע טייערסטע.

אָבער די קאַפּאָס, וואָס האָבן געהיט דעם בלאָק, האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דעם געוויין פון די אומגליקלעכע עלטערן. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן גע־קראָגן אַ צאָל קינדער און זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר נאַכט זיי איבערצוגעבן צום עס־עס־פירער. זיי זענען געוואָרן געוואָרנט, אַז אויב עס וועט פעלן איין קינד, וועלן זיי באַצאָלן מיט זייער לעבן.

אָבער נאָך אַ געהיימען משא־ומתן מיט די טאַטעס פון די אומגליקלעכע קינ־דער, איז ביי זיי געשטיגן די גייציקייט נאָך געלט און זיי האָבן מסכים געווען פאַר אַ גרויסע סומע געלט כופר־נפש אַרויסצולאָזן אַ יינגל, אָבער באַלד אויפן אָרט האָבן זיי געכאַפּט אַ צווייט יינגל אויף זיין אָרט, כדי די צאָל קינדער זאָל שטימען.

און אָט איז צו מיר צוגעקומען אַ ייד און האָט צו מיר געזאָגט:

— רבי, מיין איינציקער זון געפינט זיך צווישן די קינדער, וואָס זענען פאַר־אורטיילט געוואָרן פאַרברענט צו ווערן. איך האָב אַ מעגלעכקייט אים צו באַ־פרייען, אָבער עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז די קאַפּאָס וועלן גלייך כאַפּן אַן אַנדער קינד אויף זיין אָרט. פרעג איך אייך אַ שאלה, און איך וויל איר זאָלט מיר פּסקענען, צי על פי התורה האָב איך אַ רעכט אויסצולייזן מיין קינד? ווי איר וועט פּסקענען, אַזוי וועל איך טאָן.

ווען איך האָב דערהערט די שאלה, האָט אַ ציטערניש מיך אָנגעכאַפּט, ווי אַזוי קאָן איך פּסקענען אין דיני־נפשות?

און איך האָב אים געענטפערט:

— ווי קאָן איך פּסקענען אַ הלכה אויף דער שאלה? אויך אין דער צייט ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, האָט מען געפּסקנט דיני נפשות נאָר דורך די סנהדרין, און איך בין דאָ אין אוישוויץ, אָן אַ ספר און אָן אַנדערע רבנים, מיט וועמען איך זאָל זיך קענען באַראָטן וועגן דעם שווערן ענין.

און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן צייט אַ פּאָר מינוט, איך זאָל נאָכטראַכטן וועגן דעם ענין. איך האָב געזוכט אַ היתר צו ראַטעווען דאָס יינגל. איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: אויב די קאַפּאָס וועלן פריִער באַפרייען דאָס יינגל, וואָס זיצט פאַרשפּאַרט, און דערנאָך וועלן זיי כאַפּן אַ צווייט יינגל אויף זיין אָרט, איז פאַראַן אַ צד מתיר צו זיין, ווייל די קאַפּאָס זענען יידן און זיי טאָרן על פּי־דין נישט שטעלן אין סכנה אַ צווייט קינד, וואָס וועט געשיקט ווערן פאַרברענט צו ווערן. דאָס געהער צו „יהרג ואל יעבור". עס איז אויך פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אפשר, אין דער לעצטער רגע, וועט זיך אין זיי דערוועקן דאָס יידישע געפיל און זיי וועלן נישט כאַפּן קיין צווייט יינגל אויף זיין אָרט.

אָבער צום באַדויערן האָב איך געוווּסט, אַז די קאַפּאָס כאַפּן פריִער אַן אַנדער יינגל איידער זיי באַפרייען דאָס אויסגעלייזטע קינד, כדי זיי זאָלן זיין זיכער, אַז עס וועט זיי נישט פעלן קיין קינד, ווען זיי וועלן דאַרפן פאַר נאַכט איבערגעבן די צאָל קינדער צו דער עס־עס.

דערנאָך האָב איך צוגערופן דעם ייד און האָב אים געזאָגט, אַז איך קאָן נישט פּסקענען קיין פּסק־הלכה, וואָס ער זאָל טאָן, אָבער ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט טאָן נאָר אַזוי, ווי איך וועל פּסקענען.

פאַר נאַכט איז דער ייד צו מיר צוגעקומען און ער האָט מיר געזאָגט:

— כאָטש איך האָב געקאָנט אויסלייזן מיין איינציק קינד, האָב איך עס נישט געטאָן, ווייל די תורה האָט מיר דאָס נישט מתיר געווען און זאָל מיין איינציק קינד זיין אַ קרבן, אַזוי ווי עקידת יצחק, וואָס ס'איז אויך געווען אין ראש־השנה...

און נאָך אַ פאַל איז פאָרגעקומען אין אָט דעם ביטערן טאָג.

צווישן די אָפּגעזונדערטע קינדער איז אויך געווען מיין טייערער תלמיד, אַ מופלג בתורה און אַ יראה־שמים, משה ראָזנצוויג פון דער שטאָט שאַלגאָ־טאַריאָן (אונגאַרן). ער איז שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר, אָבער ער איז געווען קליין געוואַקסן און היות ווי דער „טעסט" איז געווען, צי מען קאָן דערגרייכן דאָס ברעטל, האָט מען אים אויך אַריינגענומען צווישן די יונגע קינדער, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַרברענט צו ווערן.

ווען איך בין אַזוי געגאַנגען אין לאַגער זייער פאַרטרויערט, איז צו מיר צוגע־קומען אַ פּופצן־יעריק יינגל, עקיבא מאַן איז געווען זיין נאָמען, און ער האָט צו מיר געזאָגט בזה הלשון:

— רבי, וואָס וועט זיין מיט משהלען? ווי איז עס מעגלעך, אַז משה וועט פאַרברענט ווערן, און מיר שוויגן?

האָב איך געענטפערט:

— האָסט אַן עצה, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען?

האָט ער געענטפערט מיט גרויס התלהבות:

— יאָ, איך האָב אַן עצה, איך וועל אַריינגיין אַנשטאָט אים. איך נעם אויף מיר מיט גרויס שמחה צו זיין דער קרבן אויף זיין אָרט.

ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך אויף אים אָנגעבייזערט און געזאָגט: איך וועל בשום אופן נישט מתיר זיין דו זאָלסט זיך מקריב זיין אויף אַזאַ אופן. די הלכה האָט שוין געפסקנט „חייך קודמין", — דיין לעבן איז פריַער...

נאָך עטלעכע רגעס איז ער ווידער געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז ער קאָן נישט רוען, ווען ער ווייסט, אַז משהלע וועט אַריינגעפירט ווערן פאַרברענט צו ווערן, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אַריינגיין אַנשטאָט אים, ער וויל נאָר, איך זאָל אים מבטיח זיין, אַז ער וועט נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ „מאבד־עצמו־לדעת", וואָס האָט נישט קיין חלק לעולם־הבא.

אויך דאָס, האָב איך אים געענטפערט, קאָן איך אים נישט מבטיח זיין, ווייל אַ מענטש האָט נישט קיין רעכט זיך אויסצוקלייבן דעם טויט, כל זמן עס איז אים נאָך באַשערט צו לעבן.

און מיט גרויסע שווערקייטן האָט זיך מיר איינגעגעבן, איך זאָל אים צוריק־האַלטן ער זאָל נישט גיין צו די קאַפּאָס און ער זאָל זיך אַליין זיי איבערגעבן, כדי צו ראַטעווען משהלען.

הרב צבי הירש מייזליש דערציילט ווייטער, ווי אַזוי ער האָט געבלאָזן שופר ראש־השנה פאַר די קינדער, וואָס די דייטשן האָבן צוגעגרייט צו פאַרברענען.

— מיט גרויסע נסים איז מיר געלונגען אַריינצוברענגען אַ שופר אין לאַגער, און איך בין ראש־השנה געגאַנגען פון איין בלאָק צום צווייטן און האָב געבלאָזן שופר פאַר די יידן.

דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס סכנה. איך האָב זיך געדאַרפט היטן, אַז עס זאָלן דערפון זיך נישט דערוויסן די דייטשע היטער און די רשעימדיקע קאַפּאָס.

עס איז מיר געלונגען אין יענעם ראש־השנה צו בלאָזן שופר הונדערט קולות, אין אַן ערך צוואַנציק בלאָקן. די אומגליקלעכע יידן האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי האָבן לכל הפחות זוכה געווען צו הערן שופר־בלאָזן, אַפילו אין אוישוויץ.

פאַר נאַכט בין איך צוגעקומען צו דעם לאַגער, ווו עס זענען געווען יידן גרייט אָוועקגעשיקט צו ווערן אויף אַן אומבאַשטימטן פלאַץ. איך האָב אויך פאַר זיי געבלאָזן שופר און זיי זענען געווען מלא־שמחה, וואָס זיי האָבן זוכה געווען, אפשר צום לעצטן מאָל, צו הערן תקיעת־שופר.

ווען די קינדער, וואָס די דייטשן האָבן באַשטימט זיי צו פאַרברענען, האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב אַ שופר, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען אויף קולי־

קולות, אַז איך זאָל בלאָזן שופר — זיי זאָלן הערן דעם קול־שופר אײדער זיי גייען פאַרברענט ווערן.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ עצה מיר צו געבן. עס איז שוין געווען פאַר נאַכט. די דייטשן האָבן געקאָנט אָנקומען יעדער רגע אין לאַגער צוצונעמען די קינדער.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט צוהערן די געשרייען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געבעטן, אַז זיי ווילן הערן תקיעת־שופר אין די לעצטע רגעס פון זייער לעבן.

איך האָב זיך דערנענטערט צום בלאָק און איך האָב פאַר די קינדער געבלאָזן שופר, כאָטש די היטער האָבן מיך געוואָרנט, אַז ווען די דייטשן וועלן מיך כאַפּן, וועלן זיי מיך נעמען מיט די קינדער פאַרברענט צו ווערן...

מיט דעם אייבערשטנס הילף איז מיר געלונגען ניצול צו ווערן אויך פון דער דאָזיקער סכנה... ((הרב צבי הירש מייזליש, „שו״ת מקדשי השם״, „שער נחמדים״, שיקאַגאָ, תשט״ו (1955) ז״ז 7 — 9, 11).

„כל־נדרי״ אין וואַרשע אין יאָר 1939

אברהם זאַק שילדערט „כל־נדרי״ אין וואַרשע אין די ערשטע טעג פון דייטשן איבערפאַל אויף פוילן אין יאָר 1939, ווען זיי האָבן באָמבאַרדירט וואַרשע:

איך בין אַריין אין בית־מדרש, וואָס בשכנות פון מיר, אין דריטן הויף. דער בית־מדרש נישט קיין גרויסער, איז געווען געפּאַקט. אונדזער בלאָק האָט פאַרמאָגט גאַנצע דריי הויפן און אַלע שכנים פונעם גרויסן הויז זענען דאָס מאָל געקומען אַהער. אין נאָרמאַלע צייטן איז אין דאָזיקן בית־מדרש געווען נאָך צו געַרוים, ווייל יעדער איינער איז געגאַנגען ערגעץ אַנדערש: ווער אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, ווער צו די מאָדזשיצער, חסידים זענען געגאַנגען אין זייערע „שטיבלעך״: גערער — צו די גערער, קאָצקער — צו די קאָצקער. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך אַלע איינוווינער פונעם גרויסן הויז געשטופּט אין אייגענעם בית־מדרש. איז טאָקע דעריבער געווען דאָ אַ געוואַלדיקע ענגשאַפט. טייל האָבן געמוזט שטיין אין פאָדערהויז און אַפילו פון אויסווייניק ביי די אָפענע פענצטער. אויפן הויף פאַרן בית־מדרש זענען געשטאַנען אויך פרויען. עלטערע און יונגע מיידלעך. אַפילו קינדער האָבן נישט געפעלט.

— על דעת המקום ועל דעת הקהל... — האָט אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטים דער בעל־תפילה.

און אין אַ ווײַלע אַרום צעטראָגט זיך דער אַלטער ניגון:

— כל־נדרי — — —

דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער. דער ניגון טראָגט זיך איבערן חלל פון בית־מדרש, דרינגט דורך די פענצטער אין דעם פאַרנאַכט אַריין, שוועבט ווייט, ווייט, דורך פלאַמען און רויך פון שׂריפות, צו די רקיעים, צום כסא־הכבוד — — — — כל־נדרי — — —

דער גאַנצער בית־מדרש איז צעזונגען. אַלץ גיסט זיך צונויף מיט דער הייליקער נגינה. אַלע מתפללים ווערן בעת־מעשׂה פאַרטראָגן אין אַנדערע עולמות און פאַרגעסן זיך לחלוטין אָן דעם אָרום — אָן די חורבנות, אָן די שׂריפות, וואָס וויקלען זיך דאָ־דאָרט אין די שכנישע גאַסן, צו די הימלען — — — (אברהם זאַק: „אין אומרו פון יאָרן״, פאַרלאַג „יידבוך״, בוענאָס־איירעס, 1954, ז׳ 28).

יום־כּיפּור אינעם וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1942

די דייטשן האָבן דורכגעפירט אַן אַקציע דעם צווייטן טאָג ראש־השנה און מוצאי יום־כיפור, מאָנטיק, דעם 21סטן אָקטאָבער.

הלל זיידמאַן פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך וועגן דעם:

די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אויך יום־כיפור מוז מען אַרבעטן. יידן האָבן זיך אָבער „אַן עצה געגעבן״, און אין אַלע „שאָפּן״ און הייזער, וווּ ס׳זענען געווען יידן, האָט מען געמאַכט מנינים און געדאַוונט. מ׳האָט געדאַוונט מיט האַרץ, מיט צעבראָכנקייט. אין איין שאָפּ האָט געדאַוונט פאַרן עמוד גרשון סיראָטאַ. פאַר דער מלחמה און בעת דער מלחמה איז ער שוין געווען שוואַך, זיין שטימע האָט שוין נישט געקלונגען ווי אַ מאָל. און — מערקווערדיק! — גראָד איצט, אויף דער עלטער, און אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, האָט זיין שטימע זיך צעהילכט אין איר גאַנצער פּראַכט. מענטשן זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און פאַרוווּנדערט. — דער געני־אַלער חזן האָט דאָס מאָל זיך אַליין איבערגעשטיגן. יידן האָבן געהאַלטן אין איין גיסן מיט טרערן ביי זיין דאַוונען. ס׳איז געווען ענג געפּאַקט, אין נישט גרויסן צימער, און סיראָטאָס שטימע איז זיך צעגאַנגען אין מתיקות אין „ומלא משאלותינו במדה טובה, ישועה ורחמים״, — דער „ורחמים״ האָט דאָס מאָל געקלונגען ווי אַ געוויין פון אַ קליין קינד, און — ווי אַן אַלאַרם... געוויינען פון געפּייניקטע און געמאַרדעטע, האָבן זיך אַרויסגעהערט פון דעם דאָזיקן „ורחמים״...

אין אַ האַרציקן השתפכות הנפש איז זיך סיראָטאַ צעגאַנגען ביי „אבינו מלכנו״. דאָס איז נישט געווען אַ חזנישע קאָמפּאָזיציע, — ווי מענטשן, וואָס האָבן אים געהערט שטענדיק, פאַרזיכערן מיר, — פלעגט ער קיין מאָל נישט זינגען די דאָזיקע תחינה. בלויז היינט — אַ נייעס, דאָס איז אַ האַרציקע אימפּראָוויזאַציע, ממש — דברים הנובעים מן הלב. באַזונדער צעוויינט זיך זיין העלדישע שטימע ביי:

„אבינו מלכנו, עשה למען הרוגים על שם קדשך!
„אבינו מלכנו עשה למען טבוחים על יחידך!
„אבינו מלכנו, עשה למען באים באש ובמים על קידוש שמך!..."

די דאָזיקע תּפילות דרינגען אַריין טיף אין אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק און אין געמיט פון יעדן איינעם פון אונדז. מענטשן צעגייען זיך אין געוויין. יעדער געדענקט זיינע נאָענטע, טייערסטע. דאָס איז נישט מער סתם אַ תּפילה פונעם מחזור — נאָר אַ „פּערזענלעכער" ענין פון יעדן איינעם פון אונדז. און נישט מער אַ תפילה פון אַמאָליקע צייטן, נאָר פון היינט, פון איצט ממש.

שפּעט פאַרנאַכט צו, ווען מ'האַלט ביי נעילה, איך דאַוון נעילה ביי ר' מנחם זעמבאַ, קומט צו גיין מיין חבר פון דער קהילה פּנחס וואַסערמאַן, און ברענגט אַ ידיעה: אַן „אַקציע" ביי שולצן.

איך לויף אין דער קהילה אַריין געוואָר ווערן פּרטים. כ'הער, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ „צוגאָב" צו דער פריערדיקער אַקציע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט דעם צווייטן טאָג ראש־השנה. „בלויז" איינִיקע הונדערט יידן.

דורכן פענצטער פון דער קהילה אויף זאַמענהאָף 19 זע איך דורכפירן צום „אומשלאַג־פּלאַץ" אַ גרופּע יידן. ס'איז שוין טונקל; איך דערקען אָבער איינִיקע מענטשן צווישן דער גרופּע:

אָט גייט רבי מאיר אַלטער, דער עלטסטער זון פונעם גערער רבין, ער איז אָנגעטאָן אין אַרבעט־קליידער, אָבער דאָס אצילות שיינט אים פונעם פּנים. ער איז נאָך זיכער פאַרטיפט אין די הייליקע יום־כיפורדיקע תפילות. נעבן אים זע איך יצחק אייזנער. דאַן רבי מאיר אַלטערס אידעם וואָלף לאַנדוי, און זיין פרוי מיט צוויי ייִנגלעך, אין עלטער פון 13 יאָר, אַ צווילינג, פראַכט־שיינע קינדער, זיי שמען אין געטאָ מיט זייער אינטעליגענץ און התמדה; זיי קענען שוין גוט לערנען און באַהערשן אויך אייראָפּעיִשע שפּראַכן — ענגליש, פראַנצויזיש.

דאַן באַמערק איך פאַלמאַנען, דעם סעקרעטאַר פון דער טלאָמאַצקע־סינאַגאָגע און אַדוואָקאַט ד"ר איזידאָר גראָספעלד.

איך באַמערק וויטער דעם אַלעקסאַנדערער רבינס משפּחה, זיינע טעכטער און אידעמס, ווי אויך הרב יוסף חיים דאַנציגער. דאַן גייט לוי גוטגעלט פונעם ארץ־ישׂראל־אַמט, סטאַראָווינסקי פונעם קרן היסוד.

דאַן מאַרישאַ אייזענשטאַט, די טאָכטער פונעם כאָר־דיריגענט פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, דוד אייזענשטאַט, וועלכע מ'האָט גערופן די „נאַכטיגאַל פון געטאָ"; זי איז געווען באַרימט מיט איר וווּנדערלעכער שטימע... (הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס, 1947, ז"ז 120 — 123).

דער פּיאַסעטשנער רבי ערב יום־כּיפּור אין דער מקווה אין וואַרשע

דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלונימוס קלמן שפּירא, האָט געלעבט אין וואַר־שעווער געטאָ און איז אומגעקומען אויף קידוש־השם*.

צווישן די גזירות, וואָס די דייטשן האָבן באַלד די ערשטע צייט אַרויסגעגעבן קעגן די יידן אין וואַרשע, איז אויך געווען דער פאַרבאָט, אַז יידן טאָרן זיך נישט טובל זיין אין דער מקווה. אַלע מקוואות זענען פאַרחתמעט געוואָרן און ביים אַריינ־גאַנג פון דער מקווה איז געהאָנגען אַ מעלדונג פון דער געסטאַפּאָ, אַז ווער עס וועט עפענען די טיר און זיך טובל זיין אין דער מקווה, וועט קריגן צען יאָר תפיסה, אָדער דערשאָסן ווערן.

און דאָך האָט דער פּיאַסעטשנער רבי באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך טובל זיין אין אַ מקווה ערב יום־כיפור. עס האָבן נישט געפעלט אַלע בעטענישן פון זיינע מקורבים, אַז ער שטעלט איין זיין לעבן. דער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: זאָל זיין וואָס עס וויל, ער וועט גיין אין מקווה אַריין.

האָבן די מקורבים געפּועלט ביי דעם בעדער ער זאָל עפענען בסוד די מקווה, און אין דער נאַכט פון שלוש עשרה מידות, פינף פאַר טאָג, ווען יידן האָבן שוין געמעגט גיין אין די גאַסן, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ קליינע גרופּע חסידים אין רבינס הויז צו גיין מיטן רבין אויפן מסוכנדיקן וועג אין מקווה אַריין.

דער וועג פון רבינס הויז אין מקווה אַריין איז געווען אַ לאַנגער. מען באַשטעלט אַ „ריקשע", אַ וועגעלע, וואָס איז געשלעפּט געוואָרן פון אַ מענטש. אָבער די „ריקשע" האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען. האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין צו פוס, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט צו באַשטעלן אַ צווייטע „ריקשע", ווארעם אַלץ האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן בסוד־סודות.

מיט שטילע טריט זענען מיר אַראָפּ פון די שטיגן פון הויז, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה: דער טויער איז געווען פאַרמאַכט און דער פּוילישער היטער האָט נישט געוואָלט עפענען דעם טויער. ערשט ווען מען האָט אים אַריינגערוקט אַ גרויסע מטבע אין יד אַריין, האָט ער געעפנט דעם טויער.

אויפן וועג האָבן די יידן באַגעגנט אַן אויטאָמאָביל מיט נאַציס, וואָס האָבן געוואָרפן פאָסן עלעקטרישע ליכט אויף דער גאַס. די יידן האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אָבער אַלע טויערן זענען נאָך געווען פאַרמאַכט. די יידן זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

---

* וועגן זיין אומקום זע: מנשה אונגער: „ספר קדושים", פאַרלאַג שולזינגער ברידער, ניו־יאָרק 1967, ז״ז 311 — 320.

דער רבי מיט דער קליינער גרופּע חסידים זענען צוגעקומען צו דער מקווה. זיי זענען שטילערהייט אַריין דורכן פענצטער און דורך אַ געהיימען וועג איז דער רבי מיט די חסידים אַריין אין דער מקווה. דער רבי און די חסידים האָבן זיך טובל געווען און צוריק אַרויס דורך דעם געהיימען וועג אויף דער גאַס. ביים טויער פון דער מקווה האָט נאָך אַלץ געהאָנגען דער צעטל, אַז ווער עס וועט זיך באַנוצן מיט דער מקווה, דראָט אים אַ שטראָף פון צען יאָר תפיסה, אָדער דער־שאָסן צו ווערן...

אָט אַזוי האָט דער פּיאַסעטשנער רבי זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן צו גיין ערב יום־כיפור אין מקווה אַריין.

דער פּיאַסעטשנער רבי האָט דערנאָך געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט געאַרבעט אין אַ שיך־פאַבריק, און בעת דער גרויסער „אויסזידלונג" איז דער רבי צוזאַמען מיט פיל טויזנטער יידן געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט איז ער אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאָך דער מלחמה האָט מען געפונען אַ כתב־יד פון פּיאַסעטשנער רבין, וואָס איז געווען באַגראָבן אין אַ בלעכן קעסטעלע אין אַ בונקער אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ. די פּיאַסעטשנער חסידים אין ירושלים האָבן דאָס ספר אַרויס־געגעבן אונטערן נאָמען: „אש קדש". (קלמן הובערבאַנד: „עדות", „יד ושם", ירושלים, איבערגעדרוקט אין ספר „אני מאמין" פון מרדכי אליאב, פאַרלאַג „מוסד הרב קוק", ירושלים 1965, ז"ז 82 — 83).

„כל־נדרי" אין וואַרשעווער פּאַוויאַק

י. הירשהויט דערציילט, ווי אַזוי יידן האָבן געזאָגט „כל־נדרי" אין דער וואַרשעווער תפיסה „פּאַוויאַק":

היינט איז ערב יום־כיפור. די לעצטע גרופּע פון די יידן אין וואַרשע האָבן באַשלאָסן צו זאָגן „כל־נדרי" מיט אַ מנין. מיר זענען דעמאָלט געווען אין דער פּערטער אָפּטיילונג פון דער תפיסה. די יידן האָבן פאַרנומען צוויי גרויסע צימערן, איז נישט געווען שווער דאָס דורכצופירן.

נאָך דעם ווען אַלע וועלן צוריקקומען פון דער אַרבעט, וועט מען זיך שטעלן דאַוונען. אַלטשוביש, דער געוועזענער מעבל־פאַבריקאַנט פון וואַרשע, וועט דאַוונען פאַרן עמוד. קיין טלית האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער אין אונדזערע באַדינגונגען קען מען דאַוונען אָן אַ טלית. גוט נאָך וואָס מען האָט געקראָגן אַ מחזור.

אין דער פרי זענען אַלע אַרויס צו דער אַרבעט און עס איז אָפּגערעדט גע־וואָרן, אַז פאַר נאַכט וועט מען דאַוונען צוזאַמען. אָבער מיטאָגצייט האָט מען געזען, אַז די אוקראַינער און די דייטשן רינגלען אַרום די יידן מיט מאַשין־געווער. באַלד האָט מען דערהערט דאָס פייפן פון די לופט־אַטאַקעס־סירענעס. אַלע אַרעסטאַנטן

זענען געווען צופרידן וואָס עראָפּלאַנען וועלן אַראָפּוואַרפן באָמבעס אויף די דייטשן, אָבער קיין לופט־אַטאַקע איז נישט געקומען.

פאַר נאַכט איז ביים טיש פון דער תפיסה, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עמוד, געשטאַנען אַלטשוביש און מיט אַ שטיל קול האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן: „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, און האָט צו זיי געזאָגט מיט אַ צעבראָכן קול, אַז ער איז נישט קיין בעל־תפילה, און זיין דאַוונען וועט זיכער נישט זיין אַזוי גוט ווי דאָס דאַוונען, וואָס מען פלעגט הערן יום־כיפור פאַר נאַכט אין די שולן, אָבער ער ווייסט, אַז מען קען פילן אין דער תפילה פון „כל־נדרי״ דעם ביטערן מצב. און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „כל נדרי ואסרי״ און ווען ער איז געקומען צו „שביתין״ האָט ער זיך ביטער צעוויינט.

זיין זון, וואָס איז געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט אים, איז געשטאַנען הינטער אים און האָט זיך אויך צעיאָמערט. דעם ייִנגלס לעפצן האָבן כסדר אַרויסגעזאָגט בלויז די צוויי ווערטער:

„מיין מאַמע״...

מייטעק דער הינקענדיקער איז נאָך געווען אַ קינד. ער האָט די תפילות נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אויך נישט געקענט דאַוונען. אָבער דאָס האָט ער געוווּסט, אַז ער דאַרף זיך צודעקן דעם קאָפּ, און אַזוי ווי קיין היטל האָט ער נישט געהאַט, האָט ער צוגעדעקט זיין קאָפּ מיט אַ טיכל.

נאָך נעילה האָט עמעצער געזאָגט:

„יידן, זאָגט קדיש״.

און די יידן האָבן אַלע צוזאַמען אָנגעהויבן צו זאָגן מיט פאַרשטיקטע קולות פון געוויין:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבה״... (י. הירשהויט: „פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק״, פאַרלאַג „פוילישע יידן״, בוענאָס־איירעס, 1948).

יום־כיפור אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ

דער ספרדישער ייד משה בן אברהם שטאָמט פון דער משפחה שמואל פון סאַלאָניקי. די נאַציס האָבן אין אוישוויץ אויסגעקריצט אויף זיין האַנט דעם נומער 114577, וואָס איז שוין געווען פון די שפּעטערדיקע נומערן, ווייל די סאַלאָניקער יידן זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ ערשט אין יאָר 1943. ער גיט איבער אין אַ גבית עדות, ווי אַזוי די יידן אין אוישוויץ האָבן נישט פאַרגעסן דעם יידישן לוח, ווען עס איז שבת און ווען עס איז יום־טוב.

איין מאָל ביי נאַכט איז אויפגעשטאַנען ר׳ רפאל חביב, וועלכער איז געווען

פון דער באַרימטער דיין־משפּחה, אַן אָפּשטאַמיקער פון ר׳ יעקב חביב דיין, פון די אַנגעזעענע יידן אין דער סאַלאָניקער קהילה, און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן דעם ספרדישן פּזמון פון די סליחות „בזכרי על משכבי״...

דאָרט, אין בלאָק 12, איז געווען אַ צדיק פון פּוילן מיטן נאָמען ראַבינאָוויץ, און ווען דער צדיק האָט דערהערט דעם דאָזיקן ניגון, איז דאָס האַרץ אים צע־גאַנגען און ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און מיט אים האָבן מיטגעוויינט אַלע אין לאַגער, אַפילו די „קאַפּאָס״ האָבן ביטער געוויינט.

איין מאָל פרייטיק צו נאַכטס, אין גרויסן באַראַק איז געווען שטאַרק פינצטער, די מערסטע זענען געשלאָפן ווי געהרגעטע אויף די הילצערנע פּריטשעס, נאָר איינעם אַ סאַלאָניקער, דוד פּיטשו, האָט זיך פּלוצלונג פאַרגלוסט צו זינגען דעם ספרדישן פּזמון פאַר פרייטיק צו נאַכטס, „ויקדשהו״, ווי ער וואָלט געווען פאַרגעסן פון אַלע מלאכי־חבלה, וואָס רינגלען אַרום און ער פייפט אויפן שׂטן אַליין.

אין דער רגע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער דער צדיק פון פּוילן, פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס זיין נאָמען איז געווען ראַבינאָוויץ, און ער האָט אויפ־געוועקט נאָך יידן, זיי זאָלן הערן ווי דער סאַלאָניקער ייד זינגט. און ער האָט אָנגעהויבן צו קושן דעם סאַלאָניקער ייד, וואָס האָט געהאַט די העזה צו זינגען דעם שבתדיקן זמר „ויקדשהו״...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך געשאַפן אַ פריינדשאַפט־בונד צווישן די סאַלאָניקער און פּוילישע יידן אין אוישוויץ.

מיר האָבן אַלע געדענקט אין אוישוויץ, אַז דער יום־הדין דערנענטערט זיך, אָבער ווי וועלן מיר דאָ געפינען אַ שופר? און ווער וועט זיך וועלן מקריב זיין צו בלאָזן שופר?

דאָס האָבן נאָר געקענט טאָן די „זאָנדער קאָמאַנדאָ״. זיי האָבן געהאַט אַן אָפּגעזונדערטן לאַגער אַרומגעראַדזשעט מיט שטעכלדראָט, וואָס איז געווען עלעקטריפיצירט. זייער לאַגער איז געווען אָפּגעזונדערט פון אונדזער לאַגער און זיי האָט זיך געלעבט בעסער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז קיין מענטש פון דער „זאָנ־דער״ וועט נישט בלייבן לעבן מער ווי דריי חדשים. די תּלינים וועלן זיי נישט פאַרזען. דער סוף וועט זיין, אַז זיי אַלע, ביז צום לעצטן, וועלן אומגעבראַכט ווערן.

און וואָס האָבן די מענטשן פון דער „זאָנדער קאָמאַנדאָ״ געטאָן ראש־השנה? אין אונדזער באַראַק האָבן מיר געקענט גוט הערן שופר־בלאָזן, וואָס איז געקומען פון דעם „זאָנדער״־לאַגער. זיי האָבן געבלאָזן שופר. זיי האָבן מער נישט קיין מורא געהאַט פאַר די תּלינים. זיי האָבן אויך געדאַווענט בציבור, און דאָס קול פון שופר האָט פון דער ווייטנס דערגרייכט צו אונדזער לאַגער.

אין סעפּטעמבער 1943 האָבן מיר, סאַלאָניקער אין אוישוויץ, באַקומען אַ באַ־פעל, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין וואַרשע אָפּרייניקן די חורבות פון געטאָ. אויך איך בין אויסגעקליבן געוואָרן צו פאָרן קיין וואַרשע.

מיר זענען אָנגעקומען אויף דער גענשע־גאַס אין וואַרשע. עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען איז אויסגעפאַלן יום־כיפור. די נאַציס האָבן אונדז געצוווּנגען

מיר זאָלן גראָבן אין דער ערד צונויפצוזאַמלען קאַרטאָפל. אָבער אויף יום־כיפור האָבן מיר נישט מותר געווען.

אין אונדזער אָפּטייל זענען געווען יידן פון פאַרשידענע לענדער, פון פראַנק־רייך, בעלגיע, אשכנזים און ספרדים. איך בין דאָך געווען דער חזן פון דער אָרגאַן־קהילה אין סאַלאָניקי, האָב איך אָפּגעריכט די תפילות. מיטן פאַסטן האָבן מיר קיין שום שוועריקייטן נישט געהאַט. מיר זענען שוין געווען צוגעוווינט צו הונגערן, ווען מען פאַסטן נאָך אַ טאָג. אָבער אָפּצוריכטן תפילות איז נישט געווען אַזוי לייכט.

אין איינעם פון די חורבהדיקע הויפן אויף דער געגנשע־גאַס האָבן מיר גע־מאַכט אויף שנעל אַ מנין און געדאַוונט. אַלץ וואָס איך האָב געדענקט פון אויסנ־ווייניק, האָב איך געדאַוונט מיט אַ צעבראָכן האַרץ. דאָס דאָזיקע דאַוונען וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

איך האָב קיין סך נישט געקענט דאַוונען. פון דער שווערער אַרבעט און פון פאַסטן האָט זיך מיר געמישט אין קאָפּ. אויך די מתפללים האָבן נישט געקענט גוט הערן וואָס איך דאַוון. האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און האָב געזאָגט אַ קורצע תפילה:

רבונו של עולם! נאָך דעם, וואָס עס איז אַלץ אויף אונדז דורכגעגאַנגען אין אוישוויץ, נאָך דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין וואַרשעווער געטאָ, ווי ער איז פאַרברענט און חרוב געוואָרן, ווענדן מיר זיך צו דיר אין דער לעצטער רגע מיט אונדזער לעצטער בקשה: שומר ישׂראל! שמור — היט אָפּ די לעצטע איבער־בלייבעכצער פון יידישן פאָלק, און זאָלן נישט פאַרלענדט ווערן די לעצטע איבער־געבליבענע פון פאָלק ישׂראל, וואָס זענען זיך מוסר־נפש צו הייליקן דיין נאָמען, און אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ רופן זיי אויס מיט אַ הויך קול: „ד׳ הוא האלוקים!״... (משה בן אברהם: גבית עדות אין „בית יעקב״, חודש־זשורנאַל, ישׂראל, תשרי, תשכ״ג — 1962).

יום־כיפור אין ווילנער געטאָ אין יאָר 1941

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי שרייבט:
שווערע כמאַרעס זענען געהאָנגען איבערן געטאָ.
עס גייט יום־כיפור...

עס גייט דער טאָג, וועלכן די דייטשן האָבן אַ מנהג צו פאַרוואַנדלען אין אַ יום־הדין פאַר יידן.

נאָך אין יאָר 1939, ווען איך בין אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט און איך בין דורך די שטאָט יאַראָסלאַוו און געזען זי „יודענריין״, האָבן די פּויליש־ע לאַקאַמאַטיוו־אַרבעטער מיר דערציילט, אַז יום־כיפור האָבן די דייטשן גע־צוווּנגען אַלע יידן צונויפצוזאַמלען זיך ביים טייך סאַן (וועלכער טיילט יאַראָסלאַוו

אויף צוויי טיילן), אויסטאָן זיך נאַקעט און אַריין אין טייך. אַרויסגיין פון טייך האָט מען שוין נישט געלאָזט. די אַרומרינגלענדיקע דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער פון מאַשינען־געווער, ווער עס האָט געקענט אַריבערשווימען דעם טייך איז אַרויס אַ נאַקעטער אויפן צווייטן ברעג סאַן (וועלכער האָט שוין געהערט צו די סאָוועטן). אַלע איבעריקע זענען אומגעקומען אין וואַסער פון סאַן.

פליטים אַנטלאָפענע פון פוילן, האָבן געוווּסט צו דערציילן ענלעכע אומצאָליקע געשיכטעס פון דייטשע מעשׂים־נוראים, פּראָוואָקאַציעס און גרויליקע שחיטות אין טאָג פון יום־כיפור.

פאַר נאַכט צו „כל־נדרי" זענען די געטאָ־בתי־מדרשים (יאַגיכעס קלויז, ר' שאולקעס קלויז, קצבישע קלויז) געווען איבערפּראָפּט. דער עולם האָט גע־שטראָמט. עס האָבן זיך ספּאָנטאַן פאָרמירט מנינים אין צימערן, אין חורבות און אין די הויפן פון די בתי־מדרשים.

ווער ס'איז געקומען רייסן הימלען מיט האָפענונג: אפשר וועט ער מיט תשובה ותפילה וצדקה מעביר זיין די גזירה, און ווער ס'איז געגאַנגען זאָגן זיין לעצטן ווידוי, אין זיין לעצטן יום־כיפור.

און ווער ס'איז געגאַנגען אָן האָפענונג, ווי אַלע, און אָן רעזיגנאַציע, נאָר געטריבן פון פאַרלאַנג צו זיין צוזאַמען מיט יידן, ווען עס וויינען די הערצער, ווען עס טראָגן זיך תפילות פון ברידער יידן, פון וועלכע אַ סך וועלן שוין נישט זיין איבער אַ יאָר ביים לעבן (און אפשר אויך ער און זיין פרוי און זיין קינד?).

די תפילות האָבן געריסן הימלען. די עקזאַלטאַציע איז דערגאַנגען צו מיס־טעריעזע פאָרמען. מענטשן האָבן געשריִען תפילות, הייבנדיק פויסטן צום הימל. פרויען און מענער פלעגן פאַלן אין אַנמאַכט, פון געוויין און געשריי.

יום־כיפור ביי טאָג זענען געקומען דייטשע שטורמיסטן אין געטאָ, געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט, אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער, פון די בתי־מדרשים. מען האָט זיי אָוועקגעפירט אין די זעלנער־קאָמאַנדאַס אויף פּיראַמאַנט, לעבן „אַלטן בית־עולם", געהייסן לויפן אָן אויפהער טראַגנדיק שווערע קלעצער און דערביי געשניטן זייער לייב מיט גומענע נאַגייקעס.

— — — צו נעילה זענען ווידער די שולן פאַרפולט איבער די ברעגן.

און ווידער דאַוונט מען מיט עקסטאַז און האַרציק געוויין.

מען האָט געבלאָזן שופר — און בקולי קולות געשריִען: לשנה הבאה בירו־שלים.

און יידן זענען אַרויס און געזעגנט זיך:

— אַ גוטער יום־טוב! אַ גוט יאָר! מיר האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר! און אפשר טאַקע לשנה הבאה בירושלים? אוי, וואָלט דאָס געווען אַ יושר — נאָך אַזוי פיל שרעק און ליידן.

און יוגנט האָט זיך געדריקט די הענט און געווונטשן:

— לשנה הבאה בירושלים! לשנה הבאה בירושלים! — — — (ד"ר מ. דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום", פּאַריז 1948, ז"ז 89—91).

★

הערמאַן קרוק פאַרצייכנט אין זיין „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״:

ערב יום־כיפור, דינסטיק, דעם 30סטן סעפּטעמבער 1941.

דער היינטיקער ערב יום־כיפור אינעם געטאָ איז אַן אייגנאַרטיקער.

אַרבעטער וואָס קומען פון שטאָט דערציילן, אַז די דייטשן האָבן זיי באַפרייט אויף יום־כיפור.

מען גייט צו „כל־נדרי״. כל־נדרי״ מוז מען ענדיקן ביז האַלב 7. אַזוי האָט באַפוילן דער יודענראַט. „כל־נדרי״ זאָגט מען דאָ אין דער פינצטער. די קלויזן זענען איבערפולט, מען שטייט אויף די שטיגן, פאַרן אַריינגאַנג. דער הויף, די גאַס — אַלץ ברעכט זיך, אַלץ איז טרויעריק.

יידן קומען צו מיר אין ביבליאָטעק כדי איך זאָל זיי אויסבאָרגן מחזורים.

בעתן זאָגן „כל־נדרי״ זענען געווען פאַלן פון ספּאַזמעס, מענטשן האָבן געחלשט.

דער יום־כיפורדיקער טאָג האָט זיך דאָ אָנגעהויבן דערפון, וואָס באַלד אין דער פרי האָט די מיליץ באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך שטעלן צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער ווי אין אַ נאָרמאַלן טאָג. אַרום 9 פרי זענען געסטאַפּאָ־לייט אַריין אין געטאָ און גענומען כאַפּן צו דער אַרבעט. מען האָט נישט גערירט די וואָס האָבן שיינען און אויך נישט די וואָס האָבן צייגענישן, אַז זיי אַרבעטן אין די אינסטי־טוציעס פון יודענראַט.

ווי נאָר געסטאַפּאָ איז אַריין אין געטאָ איז דאָ געוואָרן אַ גרויס טומלעניש. מענטשן האָבן גענומען זוכן באַהעלטענישן. יידן אין טליתים זענען געלאָפן איבער די גאַסן מיט דערשראָקענע אויגן. די קלויזן פוסט. יעדער האָט געזוכט אַ לאָך ווו זיך צו באַהאַלטן.

אַרום 3 ביי טאָג איז געוואָרן קלאָר, אַז היינט פאַרלאַנגט דער געסטאַפּאָ־מאַכער ש[ווייענבערג], אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן 1.000 יידן. אָדער מען וועט זיי אים צושטעלן, אָדער ער וועט זיי נעמען אַליין. דער יודענראַט באַשליסט בעסער אַרויסגעבן. אויסקלייבן צווישן די, וואָס האָבן נישט קיין שיינען פון אַרבעט. אין געטאָ איז אַן אומבאַשרייבלעכע מהומה. די פּאָליציי יאָגט און טרייבט די איינ־ווינער. יעדער באַהאַלט זיך ווו מעגלעך. אַלע ווייסן, אַז אויף דער פראַגע פון פאַרשטייער פון יודענראַט צי מען וועט זיי אַריבערפירן אין געטאָ נומער 2, האָט דער לעצטער געענטפערט, אַז ניין. וווהין מען וועט פירן, איז נישט קלאָר. די איינ־ווינער פון געטאָ ווייסן שוין, אַז דאָס שמעקט מיט תפיסה און שפּעטער, ווי ביז איצט — מיט פּאָנאַר...

עס איז שוין האַלב 8 אָוונט, אין גאַס טומלט זיך. מען ווייס שוין דאָ צו דער־ציילן, אַז פון געטאָ נומער 2 האָט מען היינט אַרויסגעפירט ביי 1.500 מענטשן. ווו? אין דער ריכטונג פון לוקישקי...

דער היינטיקער יום־כיפור איז געווען אַן אמתער יום־כיפור. דער טומל פון

היינטיקן טאָג האָט באַוויזן אַ שטימונג פון רעזיגנאַציע. מען גלייבט, אַז דער גיהנום וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן.

די רעזיגנאַצע וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

מען וועט אונדז שלעפּן צו דער שחיטה ראַטעסווייז!...

9 אָוונט. איצט איז שוין קלאָר: ביז האַלב 8 האָבן זיך געמאָלדן צום טויער 46 (!) מענטשן. 8 אָוונט איז געקומען אין געטאָ דער דייטש שוויינענבערג, דער 23־יאָריקער בעל־הבית פון אונדזער לעבן און טויט. ער האָט פאַראָרדנט אַרויס־טרייבן אַלע יידן פון געטאָ צום טויער און אָפּקלייבן די באַשטימטע צאָל — 1.000. באַלד איז אַריין אין געטאָ אַ גרופּע דייטשן און ליטווישע מיליץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע וואַקכאַנאַליע. די יידישע מיליץ האָט געהייסן און די ליט־ווישע האָט געטריבן. אין דער פינצטערער נאַכט האָבן זיך די פאַרחושכטע און פאַרמאַטערטע איינוווינער פון געטאָ גענומען שלעפּן מיט זייער האָב און גוטס צום טויער ווו מען וועט דאַרפן „וויזן די שיינען". ווער עס האָט געקאָנט האָט זיך באַהאַלטן און אויסגעמיטן דאָס מעלדן זיך צום טויער. עס זענען דערביי פאָרגעקומען די שוידערלעכסטע סצענעס. מען האָט זיך געשלעפּט מיט זעק, מיטן גאַנצן האָב און גוטס. טייל האָבן גאָרנישט געוואָלט מיט זיך נעמען, ווייל... גיין צום טויט קען מען אָן זאַכן. אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט פאַרבאַהאַלט איך זיך אויפן באַלקאָן סטראַשונאַ 6 און קוק זיך צו. (הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ", ניו־יאָרק, ייוואָ, 1961, ז״ז 86—88).

יום־כיפור אין ווילנע אין יאָר 1942

די דייטשן האָבן על פּי רוב דורכגעפירט די גרויסע אַקציעס אין די יידישע יום־טובים, בפרט אין די ימים־נוראים.

וועגן דער יום־כיפור־אַקציע פון יאָר 1942 שרייבט הערמאַן קרוק אין זיין טאָגבוך אַזוי:

היינט אַ יאָר זענען מיר שוין געווען נאָך די ערשטע „רייניקונגען" און פאַר דער באַרימטער יום־כיפורדיקער־אַקציע. איצט נאָך ציטערט יעדער נערוו, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן יענעם יום־כיפור.

דער נעכטיקער ערב־יום־כיפור איז דאָ פאַרביי מיט גרויס פייערלעכקייט. דאָס ווינטשן איינער דעם צווייטן איז דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט.

איצט, אין פּערספּעקטיוו פון יאָר, שרייב איך וועגן דעם פיל לייכטער. אין דער אמתן איז דאָס אַ יאָרצייט נאָך אַ גאַנצער סעריע אַקציעס, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען:

האַלב 2 ביי נאַכט — די ערשטע „רייניקונג" אין געטאָ נומער 2, וואָס האָט געקאָסט 800 קרבנות. ביי נאַכט קומט דער פאַל פון גיין צום טויער פון געטאָ

נומער 1 פון וואָס עס זענען געפאַלן 2.200 קרבנות. נאָך האַלב 7 איז געווען די צווייטע „רייניקונג" אין געטאָ נומער 2 מיט 900 קרבנות. אויבערפלעכלעך — לויט שאַצונגען און חשבונות — 3.900 קרבנות.

דאָס דאָזיקע איז געווען ערשט אַ פּרעלוד צו אַ גאַנצער סעריע ווייטערע און נאָך טרויעריקערע אַקציעס (3טער און 4טער אָקטאָבער, 16טער אָקטאָבער, 21סטער און 24סטער אָקטאָבער).

אַט אַזוי איז עס געווען פאַר אַ יאָרן.

היי־יאָר ווערן דאָ געמאַכט צוגרייטונגען צום יום־כּיפּור, אָבער נאָך אונטערן איינפלוס פון די פאָראַיאָריקע געשעענישן.

דער געטאָ האָט צוגעגרייט זייער אַ סך מנינים. דער הויכפּונקט האָט גע־דאַרפט זיין דאָס דאַווענען אין טעאַטער־זאַל. דאָ האָבן די מיטאַרבעטער פון געטאָ־טעאַטער אויף זייער אייגענער ריזיקע אָרגאַניזירט אַן אימפּרעזע — אַ מנין אין די רוימען פון געטאָ־טעאַטער, וועלכער איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „כל־נדרי"־פאַראַד.

דאָ דאַוונט דער חזן פון דער גרויסער שול יוסף איידלזאָן * אין דער באַגליי־טונג פון אַ ספּעציעלן כאָר. דער אַריינגאַנג — לויט בילעטן.

ביי דער מזרח־וואַנט? אַלע פּאָליציי־קאָמיסאַרן, די מיטגלידער פון ביז־איצטיקן יודענראַט און אַ ריי געקויפטע ערטער פון ווייסקאָפּן, דער העלד פון געטאָ אַבערהאַרט א"אַ. דער זאַל איז פול און אַלע וואַרטן. מען וואַרט אויפן שעף, הער גענס. ער קומט אַריין. אין זאַל ווערט אַ באַוועגונג.

גענס טוט אָן אַ טלית און עס הייבט זיך אָן.

עס זינגט דער חזן, דער כאָר, אַ באַס, אַ יוגנטלעכער. די שטימונג איז אַ יום־טובדיקע.

נאָך „כל־נדרי" רופט אויס ד"ר צמח פעלדשטיין, אַז הער גענס וועט רעדן.

גענס זאָגט: לאָמיר אָנהייבן מיט אַ יתגדל ויתקדש שמיה רבה פאַר די וואָס זענען אַוועק. מיר האָבן מיטגעמאַכט אַ שווער יאָר, לאָמיר בעטן גאָט, אַז דאָס קינפטיקע יאָר זאָל זיין לייכטער. מיר מוזן זיין האַרט, דיסציפּלינירט און אַרבעטזאַם.

ביים אָנהייב פון גענסעס רעדע ווערט אַ גרויס געוויין. עס טוט אַ ווײ מיט פאַנאַר, מיט טויט, מיט אַוועקרייסן קינדער, פרויען, מענער. גענס אַליין איז שטאַרק גערירט.

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!.. (הערמאַן קרוק: דאָרט, ז"ז 349 — 350).

---

* יוסף איידלזאָן איז געווען דער לעצטער ווילנער שטאָט־חזן. געקומען קיין ווילנע אין יאָר 1910. וועגן אים זע: נחמן סטאַלניץ, „נגינה אין יידישן לעבן", טאָראָנטאָ 1957, ז"ז 58—60.

יום־כיפור־קטן אין שאולקעס קלויז

ווי נאָר די ידיעה וועגן נייעם מאָרד אין פּאָנאַר איז אויף זיכער פעסטגע־שטעלט געוואָרן, איז דורך די היגע אָרטאָדאָקסן דערקלערט געוואָרן אַ יום־כיפּור־קטן. אין שאולקעס קלויז איז געווען פול מיט יידן. מען האָט געזאָגט תהילים. יידן האָבן מוראדיק געוויינט. (דאָרט, ז׳ 501).

יום־כיפּור אין לוקאָוו אין יאָר 1942

ערב יום־כיפּור איז געווען אַ געוואַלדיקע באַוועגונג אין שטעטל. אַ גאַנצן טאָג איז מען געגאַנגען איינער צום אַנדערן זיך איבערבעטן און זיך מוחל זיין. קינדער זענען געגאַנגען צו עלטערן, מען איז זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך געזעגנט, נישט קאָנענדיק זיך אָפּרייסן איינער פון צווייטן. די קולות און געוואַלדן, די געוויינען און געשרייען האָבן פאַרפולט די גאַסן. פון יעדן הויז האָט זיך גע־הערט וויינען פון אַלע שטוב־מענטשן. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט, אויסשרייענדיק איינער פאַרן צווייטן די לעצטע פאַרלאַנגען. מען האָט זיך גע־וווּנטשן, אַז די שונאים זאָלן נישט דערלעבן זייער פרייד.

אויף דער גאַס זענען מענטשן, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט באַגריסט, אָדער ביז איצט ברוגז געווען און זיך אויסגעמיטן, דערזעענדיק זיך, געפאַלן זיך אין די אָרעמס.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן ווי איין משפּחה. מען האָט זיך פעסט געדריקט די הענט, געקוקט זיך לאַנג אין די אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך געגאָסן טרערן און בלוט.

פאַר נאַכט זענען אַלע אַוועק אין שול און אין בית־מדרש. די מענער מיט די טליתים אויף די אַקסלען און די פרויען מיט ווייסע שאַלן געהילט די קעפּ. מען האָט געטראָגן מיט זיך די לעצטע ליכט אָנצוצינדן פאַר די אומגעקומענע נשמות און יעדער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ער גייט דעם לעצטן וועג און נאָך זיין נשמה וועט שוין קיינער קיין ליכט נישט שטעלן.

אַזוי זענען אַלע, יונגע און אַלטע, קינד און קייט, געגאַנגען אין שול. די שול און דאָס בית־מדרש זענען געווען פול געפּאַקט, קיין פוס האָט מען שוין נישט געקאָנט אַריינשטעלן. טויזנטער זענען פאַרבליבן אויפן הויף.

אין שול איז מען געשטאַנען ענג צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן שטיל, ווי אויף אַ בית־הקברות. די פענצטער פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען. די דושנעקייט איז געווען שרעקלעך, די העמדער האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די לייבער און פון די פּנימער איז גערונען דער שווייס מיט ד׳י טרערן אויסגעמישט.

מען איז געווען שרעקלעך פאַרמאַטערט און צעבראָכן, אָבער ווער האָט דאָס געפילט ?

ענדלעך האָט מען דערהערט דאָס דינע, שניידנדיקע קול פון „כל־נדרי״.

דאָס דאַוונען דויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיינער רעכנט זיך נישט דערמיט, וואָס מען מעג גיין אין גאַס נאָר ביז זעקס אַ זייגער, אַז פאַר אַהיימגיין שפּעטער קאָן מען דערשאָסן ווערן. אַלע פילן אינסטינקטיוו, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך. („די לעצטע אויסראָטונגס־אַקציע פון די יידן אין לוקאָוו״, „ספר לוקאָוו״, תל־אביב, תשכ״ח — 1968, ז״ז 349 — 350).

יוגנט פאַסט יום־כיפור אין באָרשטשיוו

יעקב מייזיל גיט איבער אין אַ בריוו, פון 23סטן סעפּטעמבער 1942, פון באָרשטשיוו, ווי אַזוי מ׳האָט געדאַוונט יום־כיפור און ווי די יידישע יוגנט האָט געפאַסט.

ער שרייבט :

„כ׳בין געווען ביי אונדז אין צימער. איבער אַ וואַנט, ביי מאירל, ג., איז געווען אַ מנין. מ׳האָט דאָרט יום־כיפור זיך באַמיט שטיל „אונטער אַ סורדינקע״ אויס־גאָרגלען זיך און אויף אַזאַ אופן אויסדריקן די געפילן פון דערשלאָגנקייט און דערדריקטקייט פון דער פינצטערער צייט, דערביי געלאָזט אַ טרער. איך האָב דאָ ביחידות געהאַלטן אַן אָפּענעם מחזור און געצויגן דעם פאָדעם פון אַלטן טראַדיציאָנעלן נוסח, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַזוינס און אַזעלכעס. דאָס קאָן מיך אַריינטרייבן אין אַ באַזונדערער שטימונג, אין אַ לירישער שטימונג. איך האָב אַ ספּעציעל געפיל פאַר יידישע נוסחאות, ווער רעדט נאָך איצט, ווען יעדער איינער האָט איצט, ווי שלום־עליכם זאָגט, מיאַכקע לבבות, אַ ביסל צע־שרויפט, גערירט... — איך וויל פאַרענטפערן מיין שרייבן צו דיר אין אַזאַ גע־רירטקייט. פאָרט די טעג פון גאָטפאַרכטיקייט.

— — — באַר. האָט געהאַט אַ מענגע מנינים. די יוגנט (די פאַרגעשריטענע) האָט זיך מאַסנוויז באַטייליקט אין דעם תענית. כאַראַקטעריסטיש, אַז יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין אָריגינעלן תירוץ און פאַרענטפערונג פאַר וואָס ער פאַסט. העט צו נעילה באַגעגנט דעם ד״ר ראָזענבלאַט, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן פאַר וואָס ער פאַסט. — — — מומע איז געווען אַ גאַנצן טאָג ביים דאַוונען, געפאַסט און פילט זיך נאָך איצט אָפּגעשוואַכט פונעם תענית, און דווקא אָן שום תירוצים. איר געזעגענען זיך פאַר „כל־נדרי״ איז געווען זייער רירנדיק, דאָס זעלבע ביים צוריקקומען פון שול מוצאי יום־כיפור. דאָ ווערט מען ממש מיטגעצויגן״. (יעקב מייזיל איז געווען דער ברודער פון שרייבער נחמן מייזיל, דער בריוו איז געשריבן געוואָרן צו דעם יידישן היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל, געדרוקט אין „ספר באָרשטשיוו״, הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1960, ז״ז 239—241).

דער באָדזאַנאָווער רב

דאָס איז געווען אין טשענסטאָכאָוו, אין יאָר 1942. דעם טאָג פון ערב־יום־כּיפּור האָבן די נאַציס גערופן צו זיך דעם באָדזאַנאָווער רב ר׳ חנוך גאַברי, און אים געזאָגט, אַז מאָרגן, דאָס הייסט, יום־כּיפּור, זאָל ער שיקן זיינע יידן צו דער אַרבעט. דער רב האָט זיי געענטפערט, אַז ער וועט אום יום־כּיפּור נישט שיקן צו דער אַרבעט. אויב זיי ווילן, אַז די יידן זאָלן אַרבעטן, זאָלן זיי זיי נעמען מיט כּוח. האָבן זיי אים געענטפערט, אַז אויב ער וועט נישט שיקן — וועלן זיי אים שיסן.

— גוט, האָט ער געענטפערט — איך באַשטיי אויף דעם.

און אַזוי איז עס געווען. די נאַציס האָבן געוואַרט ביז איבער יום־כּיפּור, און ער האָט קיין מענטשן צו דער אַרבעט נישט געשיקט. און אַ טאָג נאָך יום־כּיפּור האָבן זיי אים דערשאָסן. פאַרן טויט האָבן אים די מערדער נאָך געפרעגט, וואָס ס׳איז זיין פאַרלאַנג, האָט ער געבעטן זיי זאָלן אים לאָזן תּפילה טאָן און אַז מען זאָל אים געבן אַ באַזונדערן קבר...

אַזוי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם דער באָדזאַנאָווער רב, ר׳ חנוך גאַברי, הי״ד. ער איז געווען 70 יאָר אַלט. („קידוש השם״, רעדאַקטירט פון ש. ניגער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג ציקאָ, 1948, ז׳ 354).

יום־כּיפּור אין יאַרטשעוו

פייגע פּעסל בערגמאַן איז אַנטלאָפן פון טאָמאַשאָוו מיט איר טאָכטער און מיטן מאַן, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. זיי האָבן געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף עטלעכע טעג ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין יאַרטשעוו צו אַ שוחט אין שטוב.

„אָפּגעמאַטערט פון וואַנדערן, זענען מיר אַריין צום שוחט אין שטוב, דאָס איז געווען ערב יום־כּיפּור פאַר נאַכט. די פרויען האָבן געבענטשט ליכט, דער עולם אין שטעטל האָט זיך געאיילט צו „כל־נדרי״. פּלוצלונג איז אָנגעקומען דייטש מיליטער מיט פיל אויטאָס און אָנגעהויבן שיסן אין אַלע זייטן. אַ פּחד איז אַלע מענטשן באַפאַלן. מיר זענען שנעל פון דאָרט אַנטלאָפן, און אויך אַלע מענטשן פון שטעטל, מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס און פּיצלעך קינדער אויף די הענט. מען לויפט, איבערלאָזנדיק די שטובן אויף הפקר און מ׳האָלט אין איין לויפן נישט ווייסנדיק וווּ״. (פייגע פּעסל בערגמאַן: „פינצטערע טעג פון מיין לעבן״, „טאָמאַשאָווער יזכור־בוך״, ניו־יאָרק 1965, ז׳ 712).

יום־כיפור אין קלעצקער געטאָ

„ערב יום־כיפור זענען די שטאָט־רבנים געגאַנגען פון הויז צו הויז און פאַרלאַנגט פון די יידן, אַז קיינער זאָל מאָרגן נישט פעלן ביי דער אַרבעט.

מיר האָבן געפאַסט אַ גאַנצן טאָג און געאַרבעט ווי יעדן טאָג ביי די בנינים פון די מיליטערישע קאַמערן.

מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פערד... מען האָט אונדז צוגעשפּאַנט צו וועגענער און מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט דאָס מיסט פון די שטאַלן.

דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג האָבן מיר געדאַוונט שחרית. מיר האָבן אויך גע־פאַסט מאַנטיק און דאָנערשטיק און מיר האָבן געזאָגט סליחות.

מיר האָבן געפילט, אַז עס איז דורכגעגאַנגען אַ רעליגיעז געפיל אויף צווישן די פרייע". (י. קשאַזקי: „פנקס קלעצק", תל־אביב, תשי"ג — 1953).

שחיטה אויף יידן אין זאַגער ערב יום־כיפור 1941

זאַגערער יידן געדענקען די שיינע, פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פון הרב ר' ישׂראל ריף.

הרב ישׂראל ריף איז געווען אומגעוויינלעך באַליבט און שטאַרק געאַכט פון די זאַגערער יידן. האָבן איין מאָל די נאַציס אַרויסגעגעבן אַ גזר, אַז יעדער, וואָס גייט פאַרביי דעם רבֿ, זאָל אים שפּייען אין פּנים אַריין. יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, און אַ סך יידן זענען דערפאַר דערשאָסן געוואָרן. דאָס האָט געהייסן, לויט די דייטשע געזעצן, מרידה. און פאַר דער דאָזיקער „מרידה" זענען אַ סך יידן אומגעקומען. ווען הרב ישׂראל ריף האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער גלייך געלאָזט וויסן, אַז ער האַלט עס פאַר אַן עבירה, פאַר איבוד עצמו לדעת, ווען אַ ייד לאָזט זיך שיסן פון די רוצחים דערפאַר וואָס ער וויל אים, דעם רבֿ, נישט אָנטאָן קיין בזיונות.

אויב דאָס קאָן ראַטעווען אַ יידן, האָט הרב ריף געלאָזט וויסן, אויב מיין פאַרשעמונג פאַרלענגערט אַ יידן דאָס לעבן, בין איך גרייט, אַז מען זאָל עס טאָן, וויל איך, אַז מען זאָל עס טאָן...

ערב יום־כיפור פאַר נאַכט האָבן די רוצחים אַרויסגעפירט פון לאַגער אַלע אַכט טויזנט יידן, מיט דעם רבֿ אין דער שפּיץ, און זיי געפירט צום שיסן. יום־כיפור תש"ב זענען אַלע זאַגערער יידן אומגעקומען אויף קידוש־השם. אַלע אַכט טויזנט יידן, מיטן רבֿ הגאון ר' ישׂראל ריף אין שפּיץ, האָבן גייענדיק אויף זייער

לעצטן וועג געזונגען כל־נדרי. (לויט הרב אשרי: „חורבן ליטע", „מאָרגן־זשורנאַל", 6סטן אָקטאָבער 1946, איבערגעדרוקט אין בוך „קידוש־השם" רעדאַקטירט פון ש. ניגער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג ציקא, 1948, ז"ז 419 — 420).

יום־כיפור אין בעלכאַטאָוו

די נאַציס האָבן אָרגאַניזירט אין בעלכאַטאָוו ספּעציעלע חוזק־דעמאָנסטראַציעס, כדי צו דערנידעריקן די יידן. אַזוי, למשל, האָבן זיי געצוווּנגען אַ גרופּע יידן צו טראָגן אַ לייטער, און אויפן לייטער זאָל זיצן אַ ייד אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. נאָך זיי זאָלן נאָכגיין אַ גרעסערע צאָל יידן, וואָס זאָלן זינגען תפילות און יידישע לידער, אויך מאַכן אויסגעשרייען, אַז יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה און דאָס גלייכן.

דעם יום־כיפור פון יאָר 1939 האָבן די נאַציס פאַרוואַנדלט פאַר די יידן אין אַ טאָג פון פּיין און יסורים. באַלד אין דער פרי האָבן זיי מחנות יידן אַרויסגעטריבן אויף עפנטלעכע פּלעצער. אַהין האָבן יידן געמוזט צונויפטראָגן די ספרים פון בית־מדרש, חסידים־שטיבלעך, פון רב און פון אַנדערע יידישע שטובן. אויפן נייעם מאַרק איז אויפגעלייגט געוואָרן אַ שייטער־הויפן — אַ באַרג מיט ספרים האָט געברענט אויפן פּלאַץ. און אַרום דעם פייער האָבן יידן געמוזט טאַנצן אויף אויסגעשפּרייטע תורהס. די דאָזיקע באַרבאַרישע שאַנדטאַט פון די נאַציס האָבן בייגעוווינט דייטשן און פּאָליאַקן. ווען די יידן זענען באַפרייט געוואָרן אויף צו גיין אַהיים, זענען זיי געגאַנגען צעבראָכענע, מיט געבויגענע קעפּ. (זלמן פּודלאָווסקי: „חורבן בעלכאַטאָוו", „בעלכאַטאָוו", יובילײ־אויסגאַבע, בוענאָס־איירעס, 4טן סעפּטעמבער, 1959, ז"ז 17 — 18).

שטילע גבורה

די יידן אין קאַלאָמייער געטאָ האָבן יום־כיפור תש"ב (1941) געדאַוונט אין אַ קעלער איינגעהילט אין טליתים און אָנגעטאָן אין קיטלען.

די אַרישע שכנים פון הויז האָבן דערהערט די שטילע תפילות פון קעלער. זענען זיי אַראָפּ און האָבן געסטראַשעט די מתפללים, אַז אויב מען וועט זיי נישט געבן קיין אויסלייז־געלט, וועלן זיי מסרן פאַר דער געסטאַפּאָ, אַז יידן האַלטן אָפּ אַ געהיימע פאַרזאַמלונג.

די יידן זענען געווען געצוווּנגען זיי צו געבן אַ גרויסע סומע אויסלייזגעלט.

צו מאָרגנס, יום־כיפור, האָבן די דייטשן געצוווּנגען די יידן צו אַרבעטן שווערער, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ טאָג, ווען די יידן פאַסטן.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן לזכרון עולם אַ יונגער בחור, משה גראַף, אַ פּליט

פון וואַרשע, אַן אייניקל פון קראָקעווער רב ר׳ שמעון סופר. ווען ער איז דורכ־געגאַנגען דעם הויף, האָבן אים די דייטשן געכאַפּט און אים געפרעגט פאַר וואָס ער איז נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. זיי האָבן נישט געוואָרט אויף זיין ענטפער, נאָר אַליין געזאָגט: „אַהאַ, היינט איז אַ טאָג, ווען איר זענט אין תענית. איר פאַסט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן מיט אַ מפלה פאַר די דייטשן״...

די דייטשן האָבן אים דאַן אַריינגעשלעפּט אין איינעם פון די רעסטאָראַנען און האָבן געוואָלט מיט געוואַלד עפענען זיין מויל, כדי אים צו געבן צו טרינקען וואַסער. דער יונגער בחור האָט מיט אַלע זיינע כוחות געהאַלטן דאָס מויל פאַר־מאַכט און ער האָט קיין שלונג וואַסער נישט געטרונקען, ער זאָל נישט איבעררייסן דעם תענית. די דייטשן האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז ער איז געפאַלן אין חלשות׳ (אליעזר אונגער: „זכור״, הוצאת „מסדה״, תל־אביב, תש״ה — 1945).

גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי דאַוונט ערב יום־כיפור אין ראַדזשיוויל

יעקב דאַניק פון קליוולאַנד, איינער פון די שארית הפליטה גיט איבער אין אַ גבית־עדות (אויפגענומען פון מיר), ווי אַזוי אַ גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי האָט געדאַוונט אין שול ערב יום־כיפור פאַר נאַכט אין ראַדזשיוויל:

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין ראַדזשיוויל, האָבן די יידן ערב יום־כיפור געדאַוונט אין די שולן און אין די קלויזן אַזוי ווי פריִער.

ערב יום־כיפור, ווען די יידן האָבן געדאַוונט מנחה ביי דעם רבין ר׳ יצחק לערנער אין קלויז, איז אַריינגעקומען אַ רוסישער גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בוכאַרישער ייד. ער איז צוגעגאַנגען צו די מתפללים און האָט געפרעגט ווער עס איז דאָ דער „חכם״ (כאַכאַם).

די יידן האָבן אָנגעוויזן אויף דעם רבין, און זייער האַרץ האָט געציטערט: ווער ווייסט וואָס דער רוסישער גענעראַל וועט דאָ טאָן מיט דעם רבין? אָבער דער גענעראַל איז צוגעגאַנגען צום רבין, אים געגעבן „שלום עליכם״ און אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט און אין שפּיץ פון דעם רבינס באָרד. דערנאָך האָט ער געבעטן דעם שמש, אַז ער זאָל אים, דעם סאָוויעטישן גענעראַל, שלאָגן מלקות.

דער רויטער גענעראַל האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דעם היי, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע, און דער שמש האָט אים געשלאָגן מלקות. און בעת דער שמש האָט געשלאָגן דעם גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי מלקות, האָט מען געזען ווי דער סאָוויעטישער גענעראַל שלאָגט זיך „על חטא״ אויפן האַרצן.

דערנאָך איז דער דאָזיקער גענעראַל צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, אַריינגע־שטעקט דעם קאָפּ אינעם ארון־קודש, און ער איז אַזוי געשטאַנען אַ צען מינוט.

ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט פון דעם ארון־קודש, האָט מען געזען ווי זיינע אויגן זענען געשוואָלן פון וויינען...

דער גענעראַל איז דערנאָך צוגעגאַנגען צום רבין. ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַק מיט רוסישע רובלס און געהייסן דאָס געלט צעטיילן צווישן די אָרעמע יידן. דערנאָך האָט ער געזאָגט „לשנה טובה" צום רבין און נאָך אַ מאָל אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. איצטער איז ער צוגעגאַנגען צום שמש און אויך אים געווונטשן „לשנה טובה". דערנאָך איז ער אַרויף אויף דער בימה, געווונטשן אַלע יידן אַ „גמר חתימה טובה", און ער איז אַרויס פון דער קלויז...

די מתפללים זענען געבליבן שטיין פאַרציטערט. זיי האָבן נישט געוווסט ווער דער דאָזיקער יידישער סאָוויעטישער גענעראַל איז. זיי האָבן נאָך דעם דאַוונען מנחה אים געזוכט, אָבער ער איז שוין געווען אַוועק פון ראַדזשיוויל.

יום־כיפּור אין טשענסטאָכאָוו אין 1944

אין יולי 1944 האָט מען אונדז איינגעשלאָסן אין טראַנספּאָרט־וואַגאָנען און מען האָט אונדז איבערגעשיקט אין סקאַרזשיסקער אַמוניציע־פאַבריק, קיין טשענ־סטאָכאָוו.

דאָ איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ סעלעקציע און אַ טייל האָט מען איבער־געשיקט קיין דייטשלאַנד.

מיט מיר איז געשען אַ גרויסער נס. איך בין געבליבן אין טשענסטאָכאָוו. דאָ איז אונדז געווען אַ סך בעסער. איך האָב געאַרבעט אַלס שלאָסער און געהאַט אונטער זיך צוואַנציק מאַשינען און אַן אַרבעט־פּערסאָנאַל פון אַ זעכציק מאַן.

געוווינט האָב איך אין אַ ספּעציעלן חסידישן באַראַק. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ קליין ספר־תורהלע, סידורים, חומשים און אַנדערע ספרים. ווער עס האָט געהאַט יאָרצייט, האָט תמיד געפונען אַ מנין.

די רויטע אַרמיי איז דערגאַנגען ביז וואַרשע און שטיין געבליבן ביי דער ווייסל. די דייטשן האָבן עס אויסגענוצט. מען האָט אונדז געיאָגט און געטריבן צו אַרבעטן גאַנצע מעת־לעתן.

און ווידער איז געקומען יום־כיפּור. איך האָב געדאַוונט מיט מיין מנין איבער דער פאַבריק. עס זענען געווען עטלעכע הונדערט מתפללים. איך בין געשטאַנען אין טלית און געזאָגט נעילה. פּלוצלונג איז אַנגעקומען אַן אוקראַיִני־שער „ווערקשוץ" און אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַ רימענעם שפּיצרוט. איך האָב באַוויזן אויסצוטאָן דעם טלית און זיך באַהאַלטן אין בעט. דער אכזר האָט געפאָ־דערט מען זאָל אים אַרויסגעבן דעם, וואָס האָט געטראָגן דעם טלית, אָבער קיינער האָט מיך נישט אויסגעגעבן. אויפן טיש האָט ער געפונען מיין מחזור, האָט ער מיט אים אַזוי לאַנג געקלאַפּט, אַז אַלע בלעטער זענען זיך צעפלויגן.

ווען ער איז אַוועק, האָבן מיר ערשט געענדיקט נעילה מיטן „לשנה הבאה בירו־שלים״.

ביים חסידישן באַראַק האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ סוכה, וווהין מיר פלעגן אַריינגיין דורכן פענצטער. אויך אויפן פאַבריקס־הויף האָט מען אויפגעשטעלט אַ סוכה. דאָרט האָט מען געגעסן אין די אַרבעטס־פּויזעס. (אברהם יעקב קאָלסקי: „ספר סקערניעוויץ״, תל־אביב, תשט״ז — 1956, ז״ז 522 — 523).

יום־כּיפּור אין קאָריוו

מייסטנס פלעגן די רוצחים מאַכן איבערפאַלן בעת די יידישע ימים־טובים. איין מאָל, ס׳איז געווען ערב יום־כּיפּור, האָט אַ שכן פון דערביייִקן צימער אָנגע־צונדן אַ יאָרצייט־ליכט. זייער וואַנט האָט זיך געגרענעצט מיט אונדזער, ווו איך מיט מיין שוועסטערל זענען שוין געשלאָפן. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר: אויפמאַכן! די שכנים פון הויף צעלויפן זיך אין די צוגע־גרייטע באַהעלטענישן, פאַרשטופן זיך אין לעכער. נאָר מיר ליגן און קאָנען זיך נישט רירן, ווייל יעדער שאָרך וואָלט אונדז פאַרראַטן, מען וואָלט אונדז תיכף דערזען דורכן פענצטער, וואָס איז אַרויס אין גאַס ווו די מערדער זענען געשטאַנען. דאָ הערן מיר:

— אויב איר וועט נישט אויסלעשן דאָס ליכט, וועלן מיר אַלע אויסשעכטן!

איך וויל שוין גיין אויסלעשן דאָס ליכט, אָבער מיין קליין שוועסטערל לאָזט מיך נישט און רייסט זיך עס צו טאָן. איך כאַפּ זי אָן אין דער פינצטער ביי די האָר. ס׳פאַלט מיר איין, אַז דאָס איז זייערס אַ טריק. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר, כדי דאָס ליכט אויסצולעשן. אַ בינטל האָר איז מיר פאַרבליבן אין דער האַנט. אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ שאָס און נאָך איינער און מיין שוועסטערס קול:

— גאָלדע, גאָלדע — כ׳וועך טויט!

און זי איז אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן... (זהבה פאַגלמאַן: „יזכור־בוך קאָריוו״, תל־אביב, 1955, ז׳ 174).

קריגט שמיץ פאַר פאַסטן יום־כּיפּור

איך בין אָנגעקומען מיטן עסן צום אַרבעטס־פּלאַץ, און איך האָב דאָרט, ווי קיין מאָל פריִער, געטראָפן זיצן אויף אַ פערד דעם לאַגער־אינזשיניער אין ציווילע קליידער. זעענדיק מיך אָנקומען, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער און

אויסגערופן: עס איז פינקטלעך 1 אַזייגער... דו האָסט דאָך נישט געזאָלט ברענגען דאָס עסן, ווייל איר דאַרפט דאָך היינט פאַסטן!...

דער הויפּט־אינזשיניער האָט זיך געשיקט אויסגעדרייט אין זאַטל און אַ געשריי געטאָן צו דער מאַסע יידן־שקלאַפן:

— ווו איז אייער גאָט?! איר האָט געבראָכן גאָטס געזעץ און ער האָט אייך פאַרלאָזט... ער העלפט אייך מער נישט, דער יידישער גאָט!...

הערנדיק די גאָטלעסטערנדיקע ווערטער, איז מוטיק אַרויסגעטראָטן דער בערלינער ייד, האַלצענדאָרף, און אַן אויפגעברויזטער, אין אַ שיינעם דייטש געפרעגט דעם אינזשיניער, פאַר וואָס ער וואָגט פרעדיקן די יידן מאָראַל. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום דייטש און אים געזאָגט:

— ...ווען מיר שטאַרבן פון הונגער ביי דער שקלאַפן־אַרבעט, אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, דאָס זעט איר נישט... איר גיט אונדז צו עסן פּאַקריווע און באַפעלט אונדז צו אַרבעטן איבער אונדזערע כוחות. דאָס זעט איר אויך נישט! און אַז ווער פון אונדז ס׳וויל אויספירן זיינע רעליגיעזע פליכטן, קומט איר אונדז פרעדיקן מאָראַל? זייט וויסן, אַז מיר יידן וועלן אייך איבערלעבן!...

דער דייטש אויפן פערד האָט זיך אומבאַקוועם אַ דריי געטאָן אין זאַטל און אויסגערעוועט:

— אויסטיילן די זופּ!

די זשאַנדאַרמען האָבן אויסגעשטעלט די לאַגערניקעס אין רייען און געהייסן צוגיין צו דער טאַטשקע, ווו איך האָב זיי אויסגעטיילט יעדן די פּאָרציע זופּ.

אַלע האָבן גענומען זייערע פּאָרציעס, אויסער דעם בערלינער ייד מיט זיין זון. זיי האָבן נישט געוואָלט עסן.

ווען דער רוצח אויפן פערד האָט דאָס געזען, האָט ער אַן אויפגערעגטער געצויגן דאָס פערד ביים מויל־ציימל, זיך אַרומגעדרייט אין אַ ווילדן קרייז און לסוף שטרענג באַפוילן צו די זשאַנדאַרמען:

— 25 שמיץ — דעם יודענעלטסטן און זיין זון!

מיר, די לאַגערניקעס, האָבן זיך געמזט אויסשטעלן אין אַ ראָד און זיך צוקוקן, ווי די זשאַנדאַרמען מעסטן אויס דעם פּסק־דין אויפן אָרט.

נישט געקוקט אויף די דראָונגען און שמיץ, האָט דער ייד מיט זיין זון נישט געגעסן און מיט זייער אַנטשלאָסנקייט האָבן זיי דעמאָנסטרירט פאַר די דייטשע מנוולים זייער יידישע ווירדע. („לאָוויטש — ספר זכרון״, אַרויסגעגעבן דורך דעם בוך־קאָמיטעט פון לאָוויטשער לאַנדסלייט אין מעלבורן (אויסטראַליע), מיט דער מיטהילף פון לאָוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיטעט אין ישראל און אין די תפוצות, ישראל, 1966, ז׳ 239).

רב ווערט דערשאָסן פאַר נישט אַרבעטן יום־כיפור

ב. שטיק, פון ווּסטער, מאַסס. גיט איבער אין אַ געשריבענעם גבית־עדות, אַז ער איז געווען אין אַ נאַצישן לאַגער אין ראַזוואַדאָוו, (מערב־גאַליציע) מיט אַ רב מיטן נאָמען פרענקעל (דעם ערשטן נאָמען גיט ער נישט אָן), פון וויעליטשקע, נעבן קראָקע. יום־כיפור 1942, האָבן זיי געאַרבעט אין סטאַלאָווּאַ וואָלאַ. ביי נאַכט, מוצאי יום־כיפור, האָט דער דייטשער לאַגער־קאָמענדאַנט אַרויסגערופן דעם רב פרענקעל און צו אים געזאָגט:

„איך ווייס, אַז דו האָסט היינט נישט געאַרבעט, ווייל עס איז געווען יום־כיפור, דעריבער וועל איך דיך דערשיסן".

און דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט באַלד דערשאָסן דעם רב פרענקעל.

יום־כיפור מיט פוילישע געפאַנגענע ביי די דייטשן

צוליב אַ בלבול, אַז אַ גרופּע יידן האָבן געשאָסן אויף דייטשן אין טאָמאַשאָוו, האָבן די דייטשן די יידן מיטגענומען צוזאַמען מיט די פוילישע געפאַנגענע זעלנער אויף זייער מאַרש.

ערב יום־כיפור האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז „פאַרפאַסטן", אויב נישט מיט עסן, זאָל זיין כאָטש מיט טרינקען. עס האָט מיר אָפּגעגליקט צו געפינען אַ פאַרזשאַווערט קענדל פון קאָנסערוון און יעדעס מאָל ווען מיר האָבן פאַרביי־מאַרשירט אַ פוילישן פויער, וועלכער איז געשטאַנען און געטיילט וואַסער פאַר די געפאַנגענע פאַליאַקן, האָב איך געלאָזט הפקר מיינע 2 פערד, צוגעשפּרונגען און אָנגעשעפּט וואַסער פון עמער און אויף שנעל אויסגעטרונקען נאָך איידער דער דייטשער אויפזעער האָט דאָס געקאָנט באַמערקן. איך האָב אויך עטלעכע מאָל דערפאַר באַקומען קלעפּ, אָבער עס איז ווערט געווען. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז מיר געלונגען אין זכות פון ערב יום־כיפור, ווען ס'איז אַ מצווה צו עסן און טרינקען. אָבער נאָך עטלעכע געלונגענע „אָפּעראַציעס" בין איך איין מאָל צוריקגעקומען מיטן קענדל וואַסער און פעסטגעשטעלט, אַז איינער פון מיינע 2 פערד האָט דערוויל געמאַכט פּליטה. איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס דאָס הייסט. איך האָב געשפּילט מיט מיין לעבן. יעדער האָט געהאַט 2 פערד, בלויז איך האָב געהאַט איינעם. דער דייטשער אויפזעער איז באַלד צוגעקומען צו מיר און מיר געמאַלדן, אַז דאָס באַדייט טויטשטראָף. צום גליק האָט זיך אָפּגעזוכט אַן עסטרייכישער אָפיציר, וועלכער איז צוגעקומען און מיר דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט זיין גומענער נאַהייקע איבער מיין געזיכט און געזאָגט דעם

אויפֿזעער, אַז דעם אָוונט וועט מען מיך משפּטן פֿאַר פֿאַרלירן אַ מיליטעריש פֿערד און ער וועט די זאַך דערליידיקן. און אַזוי אַרום האָט ער אויסגעמיטן, אַז דער פּאַטרול וואָס האָט געהאַט אויפֿזיכט איבער אונדז זאָל מיך גלייך נישט אַוועקפֿירן און אויך אויספֿירן דעם אורטייל.

ערב יום־כּיפּור זענען מיר אויך פֿאַרבייגעגאַנגען סטאַראַדזשיקאָוו. עטלעכע דייטשע רוצחים פֿון אונדזער וואַך זענען געקומען מיט רעוואָלווערן אין די הענט און זיך באַרימט פֿאַר זייערע קאָלעגן, אַז זיי האָבן נאָר וואָס דערשאָסן 3 יידן. די „כּל־נדרי"־נאַכט האָבן מיר פֿאַרבראַכט אויף אַ גרויסן פּלאַץ אַרומגערינגלט מיט מאַשין־געווער, וואָס האָבן פֿון צייט צו צייט אויסגעשאָסן אונדז אָפּצושרעקן נישט צו פּרובירן אַנטלויפֿן.

יום־כּיפּור אין דער פֿרי האָבן די דייטשן — ווייסנדיק הפּנים וואָסער טאָג עס איז — אונדז אויסגעשטעלט אין סאַמע עק פֿון די רייען געפֿאַנגענע, אַזוי אַז די וואַך, וואָס רינגלט אַרום דעם מאַרשירנדיקן עולם, זאָל אונדז קאָנען האָבן באַזונדערס אויפֿן אויג. מען האָט אונדז דעם טאָג נישט געגעבן צו פֿירן קיין פֿערד, נאָר אַנשטאָט דעם האָבן זיי עפּעס ספּעציעלס אויסגעטראַכט ווי אַזוי זיך אַרום אונדז פֿריילעך צו מאַכן. זיי האָבן גענומען 2 שווערע קעסטלעך אַמוניציע פֿאַראיי־ניקט מיט אַ קייט און אויפֿגעהאָנגען עס יעדעס מאָל אַ צווייטן פֿון אונדז אויף די פּלייצעס, און ווען יענער האָט זיך געבראָכן אונטער דער משׂא, נישט קאָנענדיק ווייטער גיין, האָט מען אים גענומען שלאָגן מכּות־רצח. ווען מען האָט מיך מכבד געווען דערמיט האָט זיך מיין פֿאָטער ז״ל אָנגערופֿן, אַז ער וועט עס בעסער טראָגן אויף מיין אָרט, זיי האָבן אים באַרויקט, אַז זיי האָבן פֿאַר אים עקסטראַ, און דאָס מאָל דאַרף איך עס טראָגן. איך האָב אָבער באַשלאָסן, אַז איך וועל עס בשום אופֿן נישט טראָגן, ווייל עס איז צו שווער פֿאַר מיר. איך האָב זיך אַנידערגעלייגט מיט דער משׂא אין מיטן וועג. אין צווישן האָט אונדזער צוג גענומען מאַרשירן ווייטער. אַ דייטשער אָפֿיציר, וואָס איז אַדורכגעריטן, האָט מיך געטראָפֿן הינטערשטעליק. ער האָט ביי מיר צוגענומען די אַמוניציע, מיך אָנגענומען ביים אויער, און אַזוי רייטנדיק אין גאַלאָפּ מיך געשלעפּט צוריק צום צוג. ווען איך האָב מיך פֿאַר אים פֿאַר־ענטפֿערט, אַז איך בין נישט געזונט און קאָן נישט שלעפּן די שווערע משׂא, האָט ער דערויף געזאָגט, אַז אויב איך בין נישט געזונט, דאַרף מען מיך דערשיסן, איך זאָל נישט אָנשטעקן אַנדערע.

מיין חבר שמואל קויפֿמאַן הי״ד, דער זון פֿון איזדיטישער שוחט, איינער פֿון די תּלמידים מצויינים פֿון ישיבת חכמי לובלין, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מיר, האָבן זיי אָנגעהאָנגען די זעלבע משׂא און דערביי אים געהייסן טראָגן אַ באַגנעט, אין וועמענס שפּיץ עס איז געווען אַריינגעשטעקט אַ סידור. זיי האָבן אים באַפֿוילן צו האַלטן די האַנט הויך און דערביי אויף איין סעקונדע נישט איינבויגן דעם עלנבויגן. זייענדיק שוואַך געבויט און דערצו — נאָך אַ פּאָר טעג פֿון הונגער, האָט ער עס נישט באַוויזן צו טאָן, זיי האָבן אים דאָן אַריינגעשטאָכן דעם באַגנעט אין עלנבויגן.

ווייזט אויס, אַז צו להכעיס, האָבן זיי אונדז דווקא יום־כיפור נאָך מיטאָג צום ערשטן מאָל צוגעטיילט אַ טעפּעלע זופּ. אַרום נעילה־צייט האָט מיין פאָטער ע״ה מער נישט געקאָנט גיין. זיינע באָרוועסע פיס זענען געווען צעקאַליעטשעט פון די שטיינדלעך איבערן גאַנצן וועג. מען האָט מיר געגעבן צו האַלטן אַ גרויס שטיק האָלץ אונטער איין אָרעם און מיך געהייסן פירן מיין פאָטער ז״ל אונטערן צווייטן אָרעם. מען האָט אָנגעהויבן מיין פאָטער ז״ל צו שמייסן און מיך האָט מען באַפוילן צו זינגען. מיר איז געקומען אין געדאַנק אַ מעלאָדיע פון „אם אמרתי מטה רגלי״. ווען כ׳האָב זיך שפּעטער אָריענטירט וואָס איך האָב געזונגען אין דאַזיקן עת רצון־זמן פון נעילה, האָב איך געפילט אַ חיזוק און אַ האָפענונג דאָס דער מאָמענט פון „חסדך ה׳ יסעדני״ איז שוין נאָענט. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם סאַן אויפן וועג קיין שינעווע, און מוצאי יום־כיפור האָבן מיר געגעבכטיקט אויף אַ גרויס פעלד.

צו יענער צייט איז אונדזער צוג שוין באַשטאַנען פון איבער 20 טויזנט פּויִלישע געפאַנגענע זעלנער. ציווילע זענען געווען בלויז אונדזער גרופּע יידן. עס איז געפאַלן אַ דראָבנער רעגן. אַ פולשטענדיק אויסגעמאַטערטער בין איך געלעגן אויף דער נאַסער ערד. מיר האָבן געפונען אַ פּאָר רויע ריבן, אָבער דאָס האָט אונדז אַלעמען פאַרשאַט.

מיין פאָטער ז״ל האָט צוגעזען מיין צושטאַנד און זיך געלאָזט איבערן פעלד מיט אַ פלעשל זוכן וואַסער פאַר מיר. עס איז פאַרביי אַ לאַנגע צייט און ער איז נישט צוריקגעקומען. איך בין געוואָרן זייער אומרויִק, און ווען ער איז נישט געווען צוריק ביז אין דער פרי, האָב איך און מיין חבר שמואל קויפמאַן הי״ד באַשלאָסן זיך צו לאָזן אים אויפזוכן איבערן פעלד. אַזוי אַרומדרייענדיק זיך איבערן גרויסן לאַגער פון די געפאַנגענע האָבן מיר דערזען אַ ציווילן מאַן אין שוואַרצע קליידונג שטיין אין האַנדלען מיט די דייטשן (ער האָט ביי זיי אָפּגעקויפט פערד). פלוצלונג האָט ער זיך געווענדעט צו אונדז אויף יידיש: „יהודים, וואָס טוט איר דאָ״? מיר האָבן אים דערציילט, אַז מען האַלט אונדז דאָ אויפן סמך פון אַ בלבול, אַז מיר האָבן געשאָסן אויף די דייטשן און אַז מיר זוכן מייך פאָטער ז״ל. ער האָט אונדז געגעבן אַ ווונק נאָכצוגיין נאָך אים, ער האָט אונדז געהייסן אויסבאַהאַלטן זיך צווישן דער תבואה אויפן פעלד און דערביי געוויזן אַ סטעזשקע וווהין שפּעטער צו גיין צום הויז פון אַ ייד, וואָס וועט אונדז אויסבאַהאַלטן ביי זיך. ווען די אַנדערע יידן פון דער גרופּע האָבן געזען, אַז אויך מיר זענען פאַרשווונדן, האָבן זיי געטראַכט, אַז מסתמא איז דאָ ערגעץ אַ וועג ווי צו אַנטלויפן און אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין פאַרשידענע פלעצער אַרום דעם לאַגער־פעלד... (גבית־עדות פון איינעם פון דער שארית הפליטה, אינעם בוך „טאָמאַשאָווער יזכור־בוך״, ניו־יאָרק, 1965, ז״ז 591 — 593).

יום־כיפור אין לאַגער בלעכהאַמער

געווען איז דאָס אין לאַגער בלעכהאַמער, ביי אוישוויץ, אין יאָר 1943. דאָרט איז געווען אַ גרויסע פאַבריק פון קינסטלעכן בענזין.

אין זומער האָבן די אַמעריקאַנער פליִער אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די געגנט. אַלע פרעמד־פעלקישע אַרבעטער האָבן געהאַט אַ רעכט בעת אַ לופט־אַלאַרעם זיך צו באַהאַלטן אין גרויסע בונקערס, אָדער אַרויסצולויפן מחוץ פון לאַגער. בלויז די יידן האָבן געמוזט בלייבן אין לאַגער און זיי זיינען געווען אויסגעזעצט אויף אַטאַקעס און אויפן צופאַל פון גורל.

יום־כיפור האָבן אַ פיר טויזנט יידן זיך אויסגעשטעלט צום אָפּמאַרש אין דער פאַבריק אַריין, אין דעם טאָג האָט מען זיך געריכט אויף אַ לופט־אַטאַקע.

פאַר נאַכט האָט מען זיך אויסגעשטעלט אַ צוויי שעה צייט, ביז דער עס־עס־קאָמאַנדאָ־פירער האָט אַלע איבערגעציילט, צו זען וויפל קרבנות עס זענען געפאַלן פון דער לופט־אַטאַקע. צו אונדזער גליק האָט קיינער נישט געפעלט.

דערנאָך, ווען מען איז שוין געווען ביים טויער פון לאַגער, האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון קאָמאַנדאָ־פירער: „אַלע זאָלן שטיין בלייבן״!

אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ תליה. צו דער תליה איז צוגעפירט געוואָרן אַ האַלבנדישער בחור. ער האָט זיך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס ער האָט ביי דער אַרבעט גענומען צוליב נאַזיוויטעט דעם שטויב פון אַ געפּלאַצטער באָמבע. עס האָט זיך דערהערט דער אורטייל, אַז „דער עס־עס־פירער האָט דעם העפטלינג נומער... פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען פאַר פאַרשווערונג און פאַר באַזיצן פולווער!״...

אויף דעם אומגליקלעכן בחור איז פאַרוואָרפן געוואָרן די פעטליע, אָבער עס איז געשען אַ נס און דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן. דער בחור האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן, אָבער דער אכזריותדיקער עס־עס־פירער אַליין האָט גענומען אַ גרעבערן שטריק און האָט אים פאַרוואָרפן איבערן האַלדז פון קרבן.

דער בחור האָט באַוויזן צו זאָגן זיינע לעצטע ווערטער: „חברים, איר זאָלט אַלע דערלעבן צו קומען געזונט אַהיים!״. און מיטן געשריי „שמע ישראל״ האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דאָס איז געווען פּונקט אין דער צייט, ווען יידן האָבן אין די אַמאָליקע יאָרן געזאָגט נעילה.

אַזוי איז דער יום־כיפור געהייליקט געוואָרן מיט נאָך אַ קדוש. (בעריש זאלטע: „יום־כיפור תו שין דלת״, פאַרקירצט, „יידישע צייטונג״, לאַנדסבערג, מערב־דייטשלאַנד, סעפּטעמבער 1947).

יום־כיפור אין יאַנאָווער לאַגער

יוסף ווייסבערג שילדערט יום־כיפור אין יאַנאָווער לאַגער:

זינט אַ פּאָר טעג רוימט מען איין אַ סוד אין אויער, אַז די דייטשן האָבן אויסגעקליבן פיר טויזנט פּרויען צו פאַרברענען. זיי זענען אַלע נאַקעטערהייט צוזאַמענגעדריקט אין איין באַראַק. שוין פיר טעג ליגן זיי דאָרט איינע אויף דער צווייטער אָן עסן און טרינקען. דעם דאַך האָבן זיי מיט זייערע לייבער אַרויסגע־שטופּט. די עס־עס־לייט שיסן אויף זיי ווי אויף האָזן...

ביי נאַכט קאָן קיינער נישט איינשלאָפן. מאָרגן איז ערב יום־כיפור. טראַגיש זענען די ימים נוראים־טעג!

נאָך דעם אָוונט־אַפּעל גייט מען צו „כל־נדרי".

שוין זינט אַ לענגערע צייט האָט מען זיך צוגעזאָגט, אַז היי־יאָר וועט מען דאַווענען „כל־נדרי". אַ יידישער בלאָק־עלטסטער האָט דערלויבט צו דאַווענען ביי אים אין בלאָק. עמעצער האָט פון דער קליידער־קאַמער געבראַכט אַ טלית. אין לאַגער פילט זיך די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט. עס זעט אויס, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געגרייט צו „כל־נדרי".

פון אַלע בלאָקן קומט מען זיך צוזאַמען אין דעם באַראַק פון דעם יידישן בלאָק־עלטסטן. די מענטשן לייגן זיך אויס אויף די פּריטשן, שטייען איינער נעבן דעם צווייטן, הענגען איינער אויף דעם צווייטן. אַלץ, וואָס פילט אין זיך אַ יידיש האַרץ, איז געקומען צו „כל־נדרי", — אַפילו די בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס. שטענדיק זענען זיי די גרויסע מיוחסים. איצט שטייען זיי אויסגעמישט מיט די פּשוטע „העפטלינגע". אַן אימה איז אויף זיי געפאַלן. אַפילו די דייטשע בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס, די שרעקלעכע מערדער, זענען פאַרשוויגן. אין אַ גרויסן האַלבקרייז מיידן זיי אויס דעם באַראַק. היינט האָבן זיי עפּעס מורא באַקומען פאַר די יידן.

דער רב דאַוונט.

ערשט נישט לאַנג האָט מען אים געבראַכט אין לאַגער אַריין. באַקאַנטע האָבן אים געהאָלפן און געשטיצט ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. שוין אַזוי פיל רבנים אומגעקומען, וויל מען דעם איינעם העלפן: זאָל וויניקסטנס איינער בלייבן!

איינגעהילט אין טלית זאָגט ער „תפילה זכה". קלאָר הערט מען זיין שטים. אַלץ אַרום איז פאַרגליווערט. „כאלו הקרבנו את גופנו על גבי המזבח ותקבל לפניך לריח ניחוח כקרבן וכעולה".

דורך די אָפענע ברעטלעך אין באַראַק קוק איך אויף דעם אויוון פון דער קרעמאַטאָריע, אַרום וועלכן ס'טראָגט זיך אַ רויך ביז גאָר הויך אין טריבן הימל אַריין.

און איך הער דאָס קול פון רב, ווי ס'וואָלט איצט נישט מער געקומען פון זיין האַרץ, נאָר ווי דאָס האַרץ זיינס וואָלט זיך געעפנט און געוויינט:

„ובמעוט חלבנו ודמנו".

ער פֿאַרהאַלט זיך און זאָגט נאָך אַ מאָל. אָבער איצט בלוטיקט זיין האַרץ, ער לאָזט אויס דעם „ובמעוט". די פֿאַרזאַמלטע זאָגן נאָך: „ובחלבנו ודמנו". ווי פֿאַר־כישופֿט איז מען ביי די צוויי ווערטער שטיין געבליבן. דער רב קאָן נישט ווייטער. וואָס אַ מאָל העכער האַלט אים דער עולם אונטער: ובחלבנו ודמנו.

עמעצער שרייט אויס: „חלב ודם הורינו, ילדינו וקרובינו"!

טרערן רינען פֿון אַלעמענס אויגן. ווי אַ טייך גיסט זיך צוזאַמען דאָס שרעק־לעכע געוויין. די פֿאַרשטיינערטע הערצער האָבן נישט אויסגעהאַלטן.

דער רב זאָגט „על דעת המקום". די געשרייען ווערן גרעסער — — — און פּלוצלונג פֿאַרשוויגט אַלץ. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין באַראַק. קיינער דאַוונט נישט, קיינער וויינט נישט מער. ווי מ'וואָלט די אַלע מענטשן דאָס לשון אָפּ־גענומען.

נאָר פֿון דרויסן טראָגן זיך שרעקלעכע יללות. אויפֿן וועג נעבן די דראָטן פֿירט מען די פֿרויען צום פֿאַרברענען. די מאָטאָרן פֿון די אויטאָס ווערן פֿאַר־הילכט פֿון די יאָמערלעכע קולות פֿון די נאַקעטע פֿרויען. אין באַראַק געפֿינען זיך אַ סך, וואָס האָבן צווישן די אומגליקלעכע זייערע נאָענטע. אַלע ליגן שטיל, ווי מ'וואָלט וועלן צווישן די יללות דערקענען דאָס קול פֿון די אייגענע. דורך די אָפֿענע טויערן זעט מען, ווי די קרבנות ציִען אויס די הענט צום הימל און בעטן רחמים. די פֿרויען דערזעען די מענער אין באַראַק. זייערע געוואַלדן ווערן שטאַרקער. ווי פֿאַרשטיינערט זענען אַלע אינעווייניק.

דער ערשטער וועקט זיך דער רב פֿון דער פֿאַרגליווערטקייט.

ער רייסט איבער דעם „כל־נדרי" און הייבט אָן:

ונתנה תוקף קדושת היום.

ווען דער רב קומט צו די ווערטער „ומי באש" — רייסן זיך פֿון אַלע העלדזער אַרויס אַ געיאָמער: „ומי באש".

אין מיטן דעם געיאָמער פֿון דער תפֿילה רייסט זיך אַריין דאָס קול פֿון שופֿר. עמעצער בלאָזט שופֿר.

תקיעה, שברים, תרועה.

תקיעה גדולה.

דער שופֿר האָט די מענטשן ווי פֿון חלום אויפֿגעוועקט. צו ערשט ווערט אין באַראַק שטיל. באַלד וויינט דער גאַנצער עולם. ביז צום הימל טראָגן זיך די קולות פֿון די נאַקעטע פֿרויען.

דער „גאַנג" דערמאָנט, אַז מען מוז צוריקגיין אין די באַראַקן. מען איילט זיך, מען זאָל נישט קומען צו שפּעט.

אין בלאָק, וווּ מען האָט געדאַוונט, נעבן דעם אויוון, וואָס מען האָט אין אַן עמוד פֿאַרוואַנדלט, ליגט איינגעהילט אין טלית דער רב. דער רועה צאן האָט די נשמה אויסגעהויכט.

אין וועלדל נעבן קרעמאַטאָריום ברענט אַ פֿייער אַ גאַנצע נאַכט; דער אויוון

איז צו קליין. (יוסף ווייסבערג: „צווישן גאָט און פערניר", אַרויסגעגעבן דורך דעם יידישן פרויען־פאַראיין פון געוועזענע דעפּאָרטירטע און אינטערנירטע אין פראַנק־רייך, פּאַריז, 1954, ז"ז 262 — 266).

יום־כיפור־תפילות אין בונקערס אין קאָוונע

צום לויב פון די רעליגיעזע יידן און די שומרי המצוות דאַרף פאַרשריבן ווערן, אַז באַלד נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן די ערשטע גזירה צו שאַפן אַ געטאָ אין קאָוונע, האָבן זיי, די רעליגיעזע יידן, צוריק געעפנט די פאַרמאַכטע שולן און מען האָט געדאַוונט בציבור, געלערנט משניות און גמרא, און זיך גאַר־נישט גערעכנט מיט דער סכנה, וואָס איז געווען פאַרבונדן דערמיט.

אין דעם זעלבן יאָר, וואָס די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט קאָוונע, זענען אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אין געטאָ מנינים צו דאַוונען אין די ימים־נוראים. איין מנין איז אויך געווען אין שפּיטאָל.

און אין יום־כיפור, אין מיטן מוסף, ווען דער חזן מיט די מתפללים האָבן אויסגעגאָסן זייערע צעבראָכענע הערצער ביים דאַוונען, האָט זיך פּלוצעם פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז צוויי דייטשע באַאַמטע פון „שטאַטס־קאָמיסאַריאַט" זענען אַריין אין געטאָ און זיי גייען אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל. מען האָט שנעל דאָס מודיע געווען דעם שפּיטאָל, און ממש אַזוי ווי אין די צייטן פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע איז אין אַן אויגנבליק אָפּגעווישט געוואָרן יעדער שפּור פון דער „גרויסער עבירה". עס איז באַהאַלטן געוואָרן דער ארון־קודש, עס זענען פאַר־לאָשן געוואָרן די ברענענדיקע יום־כיפור־ליכט, מען האָט באַהאַלטן די מחזורים, און די מתפללים האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ באַזונדערן צימער.

די צוויי דייטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שפּיטאָל אַ שטיקל צייט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל ביי זיי אַרויסרופן אַ חשד.

נאָך דעם ווי זיי זענען אַוועק, האָט מען אַלץ צוריקגעשטעלט אויף זייער אָרט און מען האָט ווייטער געדאַוונט מוסף ביזן סוף. (לייב גאַרפינקל, „קובנה היהודית בחורבנה", הוצאת „יד ושם", ישראל, תשי"ט — 1959).

„כל־נדרי" אין אַ גרוב

י. ל. גירשט דערציילט, ווי אַזוי מען האָט געדאַוונט יום־כיפור אין אַן אַר־בעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד אין יאָר 1944:

עס איז געקומען ערב יום־כיפור. מיר אַרבעטן שווער. מיר שלעפּן די זעק

מיט צעמענט צו בויען בנינים פאַר אונדזערע פייניקער. פון דער פרי אָן האָבן מיר געזוכט אַ פאַרדאַרט בלעטל צו עסן, אָבער מער ווי שטעכנדיקע נאָדלען פון די נאָדלביימער האָבן מיר נישט געפונען. מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר וועלן נישט קאָנען מקיים זיין דעם מאמר־חז״ל, וואָס זאָגט, אַז „דער וואָס עסט און טרינקט דעם ניינטן טאָג (ערב יום־כיפור), איז גלייך ווי ער וואָלט געפאַסט דעם ניינטן און דעם צענטן טאָג״.

פאַר נאַכט זענען מיר צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין. אונדזערע גופים זענען געווען פאַרטריקנט. מיר האָבן נאָך באַוויזן אַראָפּצושלינגען דאָס שטיקל ברויט און די וואָסערדיקע זופּ איידער די שטערן זענען אַרויסגעקומען אויפן הימל. דאָס איז געווען אונדזער „סעודה המפסקת״.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען און די פינצטערניש איז אָנגעקומען. אין אַ גרוב אין דער ערד, וואָס מען רופט עס באַראַק אָדער „בלאָק״, האָבן מיר זיך צונויפּ־געקליבן, אַ גרופּע רעליגיעזע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין אַ ווינקל פון בלאָק און אין דער פינצטער האָבן מיר געזאָגט „כל־נדרי״. מיר האָבן נישט געהאַט קיין מחזורים אָדער סידורים, אָבער יעדער איינער פון אונדז האָט געדענקט עפּעס אַ תפילה אָדער אַ טייל פון אַ פּיוט פון אויסנווייניק.

איינער פון אונדז איז געוואָרן דער שליח־ציבור און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „כל־נדרי״, און באַלד איז עפּעס ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעגאַנגען אונדזערע גופים און נשמות. דאָ, אין דער פינצטער, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דעם ווייטן עבר... די מעלאָדיע פון „כל־נדרי״ האָט אין אונדז דערוועקט דעם הייליקן ציטער פון פאַרגאַנגענע דורות...

די תפילות יום־כיפור ביי טאָג האָבן מיר געזאָגט אין גרוב פון אויסנווייניק. מיין חבר האָט געברומט: „ממעמקים קראתיך ד׳״ און איך האָב נאָכגעזאָגט.

אויבן אין דער הייך האָט שפּאַצירט אונדזער היטער דער עס־עס־מאַן און מיר אין גרוב האָבן געזאָגט: „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר״... ווייסט ער אויך, אַז זיין סוף וועט זיין אַז ער וועט ווערן אַ ביסל ערד?

און פּלוצעם דערהערן מיר דאָס פייפן פון די סירענעס. עראָפּלאַנען פון „פיינט־לעכן מיליטער״ האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל און זיי דערנענטערן זיך צו אונדזער אַרבעטס־לאַגער, און באַלד דערפילן מיר די שווערע משא פון דעם טמאדיקן גוף פון דעם עס־עס־מאַן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין גרוב אַריין, כדי זיך צו שיצן פון דער לופט־אַטאַקע...

ווי זיס איז געווען דעמאָלט דאָס געפיל פון נקמה! ער האָט זיך אין גאַנצן איינגעקאָרטשעט פאַר שרעק און פון בושה, וואָס ער דאַרף זוכן שוץ אין אונדזער גרוב... (י. ל. גירשט: „מן המיצר״, ירושלים, תש״ה — 1944).

יום־כיפור אין שטוטהאָף

ווען עס איז געקומען יום־כיפור אינעם לאַגער שטוטהאָף האָט מען אַלע יידן אַרויסגענומען אויף אַ גרויסן פּלאַץ. מיר זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין שורות פון פאַר טאָג ביז שפּעט נאָך מיטאָג.

צום סוף האָט מען געבראַכט אַ זופּ פון פלייש, מייערן און קאַרטאָפל. די זופּ איז געווען הייס און האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ גוטן ריח, וואָס די מענטשן אינעם לאַגער האָבן דאָס שוין לאַנג נישט געפילט.

מען האָט יעדן איינעם אָנגעפילט זופּ אין זיין בלעכענער שיסל, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט.

דער ריח פון דער וואַרעמער און געשמאַקער זופּ האָט גערייצט דעם אַפּעטיט פון די אויסגעהונגערטע יידן. עס איז געווען שווער עומד בנסיון צו זיין און נישט צו עסן. אָבער איינער האָט געשטאַרקט דעם צווייטן: „מען דאַרף איינהאַלטן דעם יצר־הרע און נישט עסן! אַפילו אין דעם אַרבעטס־לאַגער, ווו מען גייט אויס פון הונגער דאַרף מען נישט פאַרשוועכן דעם הייליקן טאָג!".

געווען איינצלנע, שוואַכע, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן. זיי האָבן באַגראָבן די אויגן אין דער ערד און האָבן געגעסן. אָבער די אַנדערע אַרעס־טאַנטן, און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן ביז איצט נישט געפאַסט יום־כיפור, האָבן ווייטער געפאַסט און געשטאַנען אויף די פיס ביז די שטערן זענען אַרויס־געקומען...

פאַר נאַכט, בשעת נעילה, האָבן זיי זיך צונויפגענומען ווי אַ שוצוואַנט און געדאַוונט נעילה, און איינער האָט געווונטשן דעם צווייטן: „לשנה הזאת בירושלים". און זיי האָבן אויסגעהאַלטן ביז מען האָט פאַרענדיקט דאַוונען נעילה. (ד"ר מ. דוואַר־זשעצקי, „בין הבתרים", הוצאת „קרית ספר", ירושלים, תשט"ז — 1956).

„כל־נדרי" אין פרויען־לאַגער אין שטוטהאָף

אין פרויען־לאַגער אין שטוטהאָף האָט זיך פּלוצעם פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מאָרגן איז יום־כיפור און היינט אָוונט דאַרף מען זאָגן „כל־נדרי" — דערציילט רעסקא ווייס.

ווען מען איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט יעדער איינער געקראָגן זיין פּאָרציע ברויט, אַלע האָבן עס גלייך אויפגעגעסן, ווייל אַלע האָבן געוואָלט פאַסטן יום־כיפור.

טויזנטער יידישע פרויען זענען געלעגן אויף זייערע פריטשעס, אַלע האָבן געשוויגן. עס האָט געהערשט אַ הייליקע שטילקייט. עס איז דאָך היינט די נאַכט פון „כל־נדרי״.

און פּלוצעם האָט זיך דערהערט אין דער פינצטער אַ קול, דאָס איז געווען דאָס קול פון דער אָנפירעריןפון לאַגער, און זי האָט געזאָגט: שוועסטער מיינע, היינט איז יום־כיפור. דאָס איז דער אַלטער טראַדיציאָנעלער טאָג פון פאַרגעבונג. דאָס איז אויך דער טאָג, ווען עס ווערט אַריינגעשריבן אין ספר צו לעבן אָדער צו שטאַרבן. מיינע שוועסטער, כאָטש מיר אַלע ווייסן, אַז מיר זענען פאַרשריבן געוואָרן צו שטאַרבן, דאָך דאַרפן מיר האָפן און גלייבן און מיט דעם דאָזיקן גלויבן און האָפענונג זענען מיר מתפלל, אַז אין דעם קומענדיקן יום־כיפור זאָלן מיר זיין צוזאַמען פאַראייניקט מיט אונדזערע משפחות אין אונדזערע הייזער״...

מער האָט זי שוין נישט געקענט רעדן, די טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. עס האָבן זיך דערהערט קרעכצן. אַלע פרויען האָבן אָנגעהויבן צו וויינען. יעדע איינע האָט אויף איר אופן געבעטן דעם אויבערשטן, ער זאָל איר מוחל זיין די זינד, זי זאָל ראוי זיין צו זיינע חסדים... (רעסקאָ ווייס, „דזשורני טרו העל״).

„כל־נדרי״ אין לאַגער „קלאָאָגאַ״

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, ווו מיר זענען געווען פון ערשטן ביזן לעצטן מאָמענט, זענען מיר, אַ גרופּע מענער, אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין עסטלאַנד, און ערב ראש־השנה תש״ד (1943) זענען מיר, 750 מאַן, אָנגעקומען אין אַ געגנט, וואָס האָט געטראָגן דעם פאַר אונדז זייער צוגעפּאַסטן נאָמען „קלאָאָגאַ״.

ביים אָנקומען אין לאַגער האָט מען פון אונדז צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן ביי זיך און מיט זיך געהאַט. מען האָט אַפילו גלייך ביים אַריינגיין אין לאַגער דערשאָסן אַ יונגן־מאַן, ווייל דער לאַגער־פירער האָט ביי אים געפונען עטלעכע רוסישע פּאַפּירענע רובלס.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר זענען אין בנין אַריין אָט אַזוי ווי מיר זענען געשטאַנען, האָבן שוין אויף מאָרגן, פאַר טאָג, יידן געדאַוונט פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין טליתים.

מען האָט זיך גענומען צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. מען האָט זיך גענומען „איינאָרדענען״ און מען האָט דערלעבט צו ערב יום־כיפור — צו „כל־נדרי״.

ווען מיר זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָבן אַ סך שנעל פאַרפאַסט מיט די טרוקענע שטיקלעך ברויט און דער שוואַרצער קאַווע און מען איז גלייך אַריין אין גרויסן זאַל, ווו עס זענען געווען ביי אַ 300 מאַן. דאָרטן, אין אַ ווינקל, ביי אַ קליין טישל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער באַס פון ווילנער כאָרשול, שלמה

שאַרף, וואָס האָט אין ווילנער געטאָ אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט אַ גרויסן העברעיִשן כאָר.

ווען שלמה שאַרף האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „כל־נדרי" איז אין גרויסן זאַל געווען טומלדיק. מען איז אַרומגעגאַנגען, מען האָט געגעסן, מען האָט גערעדט. צו אונדז איז צוגעקומען אַ היפּשער עולם, אָבער דאָס רוב זענען געווען אויף זייערע ערטער, ביי די צייטווייליקע נאַרעס.

אָבער וואָס ווייטער עס האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן די אַלטע און היימישע טענער פון „כל־נדרי", אַלץ שטילער און שטילער איז געוואָרן אין זאַל און אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער רעדל אַרום אונדז. די יעניקע, וועלכע האָבן „נישט געהאַלטן" פון „כל־נדרי" האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זייערע נאַרעס, די אַנדערע זענען אַנטשוויגן געוואָרן און אין זאַל איז געוואָרן רויִק, שטיל. וואָס ווייטער איז שלמה שאַרף אַלץ מער אַריין אין דער שטימונג און אין דער שטימע, און צום דריטן מאָל זאָגן „כל־נדרי" האָט ער מיט זיין באַס־שטימע געשטורעמט, ממש געריסן שטיקער פון אונדזערע הערצער, הגם די טענער זענען געווען דערשטיקטע. מיר זענען געשטאַנען אַרום מיט פאַרקלעמטע הערצער, הערנדיק אויף אויסנווייניק די גוט־באַקאַנטע ווערטער:

„מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה..." גאָט ווייס ווער עס וועט דערלעבן דעם צווייטן יום־כיפור.

ווען שלמה שאַרף האָט געענדיקט זאָגן „כל־נדרי", האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און אַ זאָג געטאָן: „חבר באַלבערישסקי, זאָגט עטלעכע ווערטער"...

איך האָב גערעדט וועגן יום־כיפור ביי די אַנוסים, וועגן דער אַלטער און נייער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישן פאָלק, וועגן אונדזער איצטיקן מצב, וועגן אונדזערע פרויען און קינדער, וואָס מען האָט פון אונדז אָפּגעריסן מיט צוויי וואָכן צוריק צוגענומען. איך האָב גערעדט, און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון מיינע אויגן.

אין זאַל איז געווען טויט־שטיל. עס האָבן זיך דערהערט שטילע געוויינען, וואָס זענען אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַריבער אין אַ שלוכצן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שלמה שאַרף גענומען דאַווענען מעריב. נאָכן דאַווענען, ווען איך בין אַריין צו זיך אין צימער, ווו עס האָט געלעבט כמעט די גאַנצע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פון לאַגער, האָט איינער אַ דאָקטאָר געפּרוּווט אַ ביסל איראָניזירן איבער אונדזער דאַווענען. אָבער אַ צווייטער דאָקטאָר האָט אים גלייך איבערגעריסן, זאָגנדיק:

„יאָ, גליקלעך זענען די מענטשן, וואָס האָבן אַ גלויבן. זיי האָבן זיך כאָטש אָן וואָס אָנצושפּאַרן, זיי איז לייכטער פאַר אונדז. וואָס איז אונדזער גלויבן?".

מער האָט מען נישט גערעדט און אַלע זענען געלעגן שטיל אויף זייערע נאַרעס.

אויף מאָרגן איז מען, ווי געוויינלעך, אַרויס צו דער אַרבעט. דער גאַנצער לאַגער האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון נעכטיקן „כל־נדרי". איבערהויפּט

האָבן די זאַך איבערגעלעבט די פרויען. אַלע האָבן זיי גערעדט מיט באַגייסטערונג, אַז „מענער זענען פאַרט מענער"... זיי האָבן נישט פאַרגעסן וועגן יום־כּיפּור, זיי האָבן נישט פאַרגעסן צו רעדן וועגן דער לאַגע...

זייער פיל האָבן דעם טאָג געפאַסט.

אויפן אַרבעטס־פּלאַץ האָבן אַ סך פרויען געזאָגט „יזכור". זיי האָבן געבעטן די מענער און פיל האָבן געמאַכט „אל מלא רחמימס", באַגיסנדיק זיך דערביי מיט זודיקע טרערן. און נאָך ווען מאַכן „אל מלא רחמים" און זאָגן „יזכור" איז געווען !...

אַ סך פרומע יונגעלייט האָבן געהאַט מחזורימלעך. סידורימלעך און זיי האָבן ביי דער אַרבעט געדאַווענט. מיט איין וואָרט, דער גאַנצער לאַגער האָט געלעבט מיטן יום־כּיפּור.

די דאָזיקע געשעעניש האָט אין די לאַגער־מענטשן, ביי 2.000 מענער און פרויען, אַריינגעגעבן אַ סך מוט, ענערגיע, בטחון און כוחות אויסצוהאַלטן די שווערע, ביטערע, פינצטערע טעג, וואָכן און חדשים, וואָס זענען אָנגעקומען. אַחוץ געציילטע האָט דער גאַנצער לאַגער דערלעבט ביז איבער אַ יאָר ראש־השנה, און אין די ביידע יום־טובדיקע טעג זענען אַלע צעשאָסן און פאַרברענט געוואָרן.

דעם אַנדערן יום־כּיפּור זענען מיר אויך געווען אין זעלבן לאַגער, אָבער ווי פרייע מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט היטלערן.

אָבער צו דעם זכות האָבן דערלעבט פון די צוויי טויזנט — נאָר 87 פערזאָן...

(מ. באַלבערישסקי: „אויסטראַלישע יידישע צייטונג", מעלבורן, פרייטיק, 15טן סעפּטעמבער 1958, ז' 4).

יום־כּיפּור ביי אָסטראָלענקער יידן אין לאַגער „שטאַבלאַג"

אָסטראָלענקער יידן האָבן זיך געפינען אין לאַגער „שטאַבלאַג". די קברים אויף יענער זייט פלויט האָבן זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג.

יהודה חמיאל איז געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער אינעם לאַגער. זיין פאָטער, קוקנדיק אויף די דאָזיקע פרישע קברים, האָט זיך ביטער צעוויינט און מיט אַ פאַרשטיקט קול געזאָגט צו יהודה חמיאלן: „ביין מיין זון! דו וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נאָך זוכה זיין צו קומען קיין ארץ־ישראל, אַזוי ווי דו האָסט שטענדיק געחלומט! גלייב נישט די גויים, נאָר דיין אייגענעם כוח אַליין; נאָר איר, די יוגנט, וועט בייקומען דאָס אומגליק און בויען ארץ־ישראל. דאַן זאָלסטו מער נישט פאַרלאָזן דיין לאַנד, נאָר באַמִיִען זיך מיט אַלע כוחות דאָרט צו בלייבן!" — „יאָ" — האָב איך געענטפערט — „איך זאָג דיר צו, אַז אויב כ'וועל זוכה זיין, וועל איך שוין וויסן וואָס צו טאָן!".

ס׳איז אָנגעקומען ראש־השנה. אָן מחזורים און סידורים האָבן מיר געדאַוונט און געזאָגט פאַרשידענע תפילות אויסנווייניק.

און ס׳איז אָנגעקומען יום־כיפור. די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט פאַר אונדז געצעלטן, און דעמאָלט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מנין צום דאַוונען, אַזוי אַז די דייטשן און פּאָליאַקן האָבן אונדז נישט געשטערט.

אַזאַ מין דאַוונען האָב איך קיין מאָל פאַר מיינע אויגן נישט געזען: יידן איינגעבויגענע און צעבראָכענע מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, שטייען און שווייגן, אָדער מורמלען עפּעס אין דער שטיל, און ווען דער חזן הייבט אָן „אור זרוע לצדיק״, ברעכט אויס אַן אימהדיק געשריי, און די דערשלאָגענע יידן לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד און קלאַפּן אין איר מיט די קעפּ.

— — — פלוצלונג בין איך אין גאַנצן דערשיטערט געוואָרן, זעענדיק ווי אַ ייד הייבט אויף זיין צוועלף־יאָריקן יינגל, וואָס איז אויך פאַרשלעפּט געוואָרן דאָ אַהער אַלס „קריגסגעפאַנגענער״, און נעמט אים קושן אין פּנים און אויפן קאָפּ, און דערביי שרייט ער: „גאָט! אין זכות פון די דאָזיקע קליינע קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט געזינדיקט, זיי אונדז מציל, קער אונדז אום אין אונדזערע היימען, צו אונדזערע משפחות״! כ׳האָב אָנגעהויבן וויינען. אַלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען רייסן קריעה אויף די קדושים, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אומגעקומען און אויך אין דער צייט פונעם דאַוונען. אַזוי זענען זיי געבליבן ליגן מאַכטלאָז, נישט האָבנדיק קיין כוח אויפצושטיין און געגאָסן מיט ביטערע טרערן. (יהודה חמיאל: „ספר קהילת אוסטרולנקה — בוך פון דער אָסטראָלענקער קהילה״, אַרויסגעגעבן פון ארגון יוצאי אוסטרולנקה בישראל, תל־אביב 1963, ז״ז 326 — 327).

יום־כיפור 1944 אין לאַגער בזשעזשינקי

יום־כיפור 1944. מיר זיצן יעדע אויף איר פּלאַץ ביי דער אַרבעט. ס׳באַוויזט זיך דער אונטערשאַרפירער. ער בלייבט שטיין ביים טויער פון אָפענעם באַראַק, קוקט זיך אַרום און פרעגט: — ווער פון אייך וויל אַ זעמל מיט וווּרשט? — און ווי צו רייצן זיך מיט אונדז, וויקלט ער פונאַנדער אַ פרישן זעמל, צעשניטן אויף צוויי העלפטן, אַדורכגעלייגט מיט רויטן ווורשט. — ווער וויל דאָס? — פרעגט ער נאָך אַ מאָל. קיינער ענטפערט נישט.

— איך פאַרשטיי שוין — שרייט ער — איר ווילט נישט, ווייל היינט איז אַ פאַסט־טאָג! איר האָט מורא פאַר גאָט — צעלאַכט ער זיך הויך. ער שאָקלט זיך פון פרייד, זיין גרינער מונדיר טאַנצט. — אָבער ווו איז אייער גאָט? — ווערט ער ערנסט — איר האָט מורא, אַז ער וועט אייך באַשטראָפן? אויך דו ווילסט נישט? — ווענדט ער זיך צום ערשטן מיידל און גיט איר אַ קאָפּע מיטן שטיוול.

פאַר גרויס פּחד שטרעקט זי אויס די האַנט צו נעמען דעם זעמל. אָבער דאָ באַקומט די אויסגעשטרעקטע האַנט אַ שמיץ מיט דער גומי.

— דו ווילסט יאָ עסן? — האָט ער זיך געחידושט — דו האָסט נישט קיין מורא, אַז דיין גאָט וועט דיך שטראָפן? — שרייט ער אַ באַנומענער, אַ ווילד־געוואָרענער. — פאַרדאַמטעס פאָלק! — דערלאַנגט ער איר אַ זעץ מיט דער גומי. ער וויקלט איין דעם זעמל, לייגט גלייכגילטיק אַריין אין קעשענע און גייט אַוועק. (הדסה פריוועס: „אין רויך פון בזשעזשינקי״, ישראל 1964, ז׳ 218).

„כל־נדרי״ ביי פּאַרטיזאַנער

דער פּאַרטיזאַנער גד ראָזענבלאַט דערציילט, ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען קיין ראַקיטנע, אין די קאַרפּאַטן־בערג, און האָט זיך דאָרט דערוווּסט, אַז אין די דערפער האַלטן זיך אויס יידן. נישט ווייט פון סנאַבידאָוויטש האָט ער געטראָפן עטלעכע יידישע משפּחות, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פעלדער ביי די פּאָליאַקן.

אין אַ צוויי טעג אַרום וועט זיין יום־כיפור, האָבן די יידן געזאָגט. ווו וועט מען נעמען אַ מנין און אַן אָרט צו דאַווענען? אָבער אַ ייד פון ראַקיטנע האָט געזאָגט, אַז ער און נאָך צוויי פון זיין משפּחה, זענען שוין דריי, און אַז מען וועט צורעכענען די יידישע פּאַרטיזאַנער וועט שוין זיין מער פון אַ מנין.

ערב יום־כיפור האָט דער דאָזיקער ייד פון ערגעץ געקראָגן פיר גרויסע וואַקסענע ליכט. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַוועקגעשטעלט די ביקסן אין אַ ווינקל פון שטוב. אַרום דעם הויז זענען געשטאַנען פיר באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אַלס שומרים. עס איז געוואָרן פאַר נאַכט.

„ווער וועט דאַווענען?״

„יעדער איינער וועט דאַווענען פאַרן עמוד דאָס וואָס ער געדענקט פון אויסנ־ווייניק. יעדער איינער וועט זאָגן אַ פּסוק״.

„ונסלח לכל עדת בני ישראל כי לכל העם בשגגה״ — האָט דער ערשטער בעל תפילה געזאָגט מיט אַ גרויס געוויין.

פון דעם אָפענעם פענצטער האָבן זיך דערהערט שטילע געוויינען. דאָס זענען געוועזן די פרויען און מיידלעך, וואָס זענען געקומען הערן „כל־נדרי״.

דער ערשטער בעל־תפילה איז געוועזן דער ייד, וואָס האָט צונויפגערופן דעם מנין. דערנאָך שמואל און איך. יעדער האָט עפּעס געדענקט פון זיין יוגנט. דאָס דאַווענען האָט געדויערט אַ שעה צייט. מען האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן. פּלוצעם, אין מיטן דאַווענען, האָט מען געזאָגט, אַז נאָך אַ פּאַרטיזאַנער איז אָנגעקומען. דאָס איז געוועזן דער פּאַרטיזאַנער אָלשינסקי, וואָס איז געוועזן באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה. ער איז געוועזן אַ גבר, אַ געזונטער ברייטפּלייציקער, און געהאַט אַ פריינדלעך פּנים, אַן אמתער יידישער פּאַרטיזאַנער־טיפּ, וואָס האָט

געגומען נקמה פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק. אַלע פויערים פון דער געגנט האָבן דערמאָנט זיין נאָמען מיט גרויס כבוד און ליב. פאַרשידענע לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן זיינע העלדישע טאַטן.

אַלשינסקי האָט אַוועקגעשטעלט זיין „אויטאָמאַט" אין דער זייט און האָט אָנגעהויבן מיט אונדז מיטצודאַוונען... (גד ראָזנבלאַט: „אש אחזה ביער", הוצאת הקבוץ המאוחד, ישׂראל, תשי"ז—1957).

יום־כּיפּור ביי ראַדזשיווילער יידן אין 1942 און 1944

די דייטשן האָבן אין ראַדזשיוויל דורכגעפירט די ערשטע מאַסן־שחיטה אויף יידן כ"א סיון 1942, ווען זיי האָבן אומגעבראַכט אַן ערך פון אַ דריי טויזנט יידן פון דעם געטאָ, ווו עס האָבן געלעבט די „נישט־נוצלעכע יידן". ערב יום־כּיפּור פאַר נאַכט האָבן יידן געזאָגט „כּל־נדרי", גאַנץ יום־כּיפּור האָבן יידן געפאַסט. ביים אויסנעמען האָט מען דערהערט, אַז די דייטשן כאַפּן יידן, אָבער מען האָט ווייטער געדאַוונט.

ר' יוחנן מיכל, פון אַ רבנישער גזע, איז אַרויף אויפן באַלעמער פון דער שול און ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און ער האָט געפרעגט: „רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס אונדז?" די גאַנצע שול איז אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין.

ר' יוחנן מיכל איז געבליבן שטיין עטלעכע רגעס, אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער און דערנאָך האָט ער אַליין געענטפערט:

„מפּני חטאנו"? זאָל זיין, אַז מיר האָבן געזינדיקט, אָבער פאַר וואָס דאַרפן מיר אומקומען דורך די דאָזיקע רוצחים"?...

דערנאָך האָט זיך דער עולם געשטעלט דאַוונען מוסף...

— האָט זיך ביי אייך די אמונה פאַרקלענערט? — האָבן מיר געפרעגט יעקב דאַניק, וואָס איז איינער פון די צוויי און פופציק יידן וואָס זענען געבליבן לעבן אין ראַדזשיוויל.

— ניין! מיר האָבן עפּעס נישט געקאָנט אָפּטיילן דאָס וואָס געשעט אַרום אונדז מיט דער אמונה אין יידישקייט... מיר האָבן געהאַט טענות צום רבונו של עולם, הארבע טענות, אָבער צו אמונה האָט עס קיין שייכות נישט געהאַט.

דאָס איז שוין געווען אין 1944.

זעקס וואָכן איידער מען האָט ליקווידירט דעם געטאָ פון די אַרבעטנדיקע יידן אין ראַדזשיוויל, בין איך אַנטלאָפן אין אַ וואַלד אַריין, איך בין געלעגן ביי אַ פויער אין אַ בונקער, מיין פרוי איז שוין ביי אים געווען פון פריער. אין בונקער איז אויך געווען מיין שוואָגער, אַ תלמיד פון דער לידער ישיבה. איך

און נאָך עטלעכע יידן האָבן באַשלאָסן, אַז יום־כּיפּור מוזן מיר פֿאַסטן. איין ייד האָט מיטגעבראַכט אַ סידור אין בונקער אַריין. אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט ווען עס פֿאַלט אויס יום־כּיפּור.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר וועלן אַרויסגיין און זען ווען עס איז אַ פֿולע לבנה־נאַכט, דעמאָלט וועלן מיר פֿאַסטן... מיר זענען אַרויס אין מיטן דער נאַכט און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז לויט דער לבנה וועט דאָנערשטיק זיין יום־כּיפּור. מיטוואָך פֿאַר נאַכט האָט דער גוי, ביי וועמען מיר זענען געלעגן אין בונקער, אונדז געגעבן אָפּגעקאָכטע בוראַקעס צו פֿאַרפֿאַסטן, מיר האָבן געטרונקען וואַסער און פֿאַר נאַכט האָבן מיר געזאָגט „כּל־נדרי״ אין בונקער און אַ גאַנצן טאָג געפֿאַסט...

דערנאָך, ווען מיר זענען אַרויס אויף דער פֿריי, ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען ראַדזשיוויל, האָבן מיר אויסגעפֿונען, אַז יום־כּיפּור איז אויסגעפֿאַלן אין שבת, אָבער וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? קיין לוח האָבן מיר נישט געהאַט, און מיר האָבן דאָך איין טאָג געפֿאַסט און לויט אונדזער חשבון האָט יום־כּיפּור געדאַרפֿט אויספֿאַלן אין דאָנערשטיק.

פֿאַר אַלע יידן אין דער וועלט איז טאַקע יום־כּיפּור אין דעם יאָר געווען שבת, אָבער פֿאַר אונדזערע עטלעכע יידן אין בונקער איז יום־כּיפּור געווען דאָ־נערשטיק, מיט דריי טעג פֿריִער, און מיר האָפֿן, אַז דער בורא עולם וועט אונדז מוחל זיין פֿאַר דער דאָזיקער זינד, ווייל אונדזער כּוונה איז געווען אַ גוטע. (יעקב דאַניק, פֿון אַ גבית־עדות, וואָס מיר האָבן אויפֿגענומען).

געפֿאַסט לויט אַ חלום

אברהם זינגער איז געלעגן באַהאַלטן ביי אַ פּויער אין אַ סטאָדאָלע נעבן טאָמאַשאָוו, ער האָט נישט געוווּסט ווען עס איז יום־כּיפּור. ער דערציילט:

אין 1943 אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך אָנגעהויבן פּייניקן: ס׳דערנענטערט זיך יום־כּיפּור און איך ווייס נישט, וועלכן טאָג עס פֿאַלט אויס. אַ גאַנצן טאָג איז מיר דאָס געלעגן אין קאָפּ און מיר נישט געגעבן קיין רו. ביי נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, ווי מיין פֿאָטער ע״ה איז צו מיר צוגעקומען און געזאָגט, אַז דעם נאָענטן שבת איז יום־כּיפּור און איך זאָל נישט פֿאַרגעסן צו פֿאַסטן. איך האָב דעם שבת געפֿאַסט און גלייכצייטיק זיך איינגעקריצט דעם שבתדיקן טאָג אין זכּרון בכדי שפּעטער, אויב כ׳וועל בלייבן לעבן, פֿעסטשטעלן צי איך האָב ריכטיק געפֿאַסט און צי עס איז טאַקע געווען יום־כּיפּור. ווי איך האָב שפּעטער פֿעסטגעשטעלט, איז טאַקע אַזוי געווען. (אברהם זינגער, „מיינע איבערלעבונגען אונטער די דייטשן״, אויפֿגענומען דורך י. שוואַרץ, טאָמאַשאָווער־לוב. „יזכּור־בוך״, ניו־יאָרק 1965, ז׳ 621).

„כל־נדרי" אין דאַכאַו

— — — דורך עפּעס אַ צופאַל איז אונדזער קאָמאַנדאָ אין דעם באַגינען ערב יום־כיפור באַשטימט געוואָרן צו בלייבן אין לאַגער און אַרויסצוגיין מיטן נאַכטיקן אַרבעטסשיכט. בכלל איז דאָס געווען אַ טראַגעדיע, דאָס מאָל איז עס געווען אַ גוטער צופאַל: ביי נאַכט איז מען דאָך נאָך „זאַט" און באַגינען גלייך, קומענדיק פון דער אַרבעט, לייגט מען זיך שלאָפן, ווערט מען פאַרשלאָפן דעם טאָג.

פיר אַזייגער ביי טאָג פלעגט מען שוין דאַרפן „אַנטרעטן" ביים קיך און גלייך נאָכן קריגן דאָס ביסל זופּ אָפּמאַרשירן צום נאַכטשיכט.

אַ טיף־שטילע איינגעהאַלטנקייט אין די רייען פון די „אַנגעטרעטענע". מען האָט דאָס מאָל נישט געשטופּט זיך ביים קיך. די ערב־יום־כיפור־שטימונג האָט אויך אַהער געטראָפן, הינטערן שטעכיקן עלעקטראָ־דראָט פון דאַכאַוער טויט־לאַגער־פיליע, אין לאַגער 2 פון קויפערינג.

די פאַרפאַסטער האָבן זיך פאַררוקט מיט זייער זופּ אין אַ ווינקל, כדי אין רויִקייט אָפּצועסן דעם פאַרפאַסט־מאָלצייט — די 250 גראַם ברויט און די דריי פערטל ליטער זופּ.

שטיל האָט מען זיך געשטעלט אין די מאַרש־רייען, אַוועקצוגיין צו דער אַרבעט.

לאַנג איז די ריי. צוויי טויזנט סקעלעטן־גופים וויגן זיך איבערן שוואַרצן אַספאַלט־וועג, וואָס פירט פאַרביי לאַגער צום אַרבעטס־פּלאַץ.

— — — אָט איז מען פאַרביי דעם פעלד, ווו עס שטייען סנאָפּעס רייפע בעבלעך. אַלע מאָל, ביים פאַרבייגיין זיי, רייסן זיך צענדליקער מענטשן אַרויס פון די רייען, לויפן אין פעלד, כאַפּן אַ פּאָר באָב. די פּאָסטן ווייסן עס, וואַרטן זיי נאָר אויף דעם — צו קענען לאָזן אין גאַנג זייערע פּריקלאַדן.

היינט לויפט קיינער נישט צום פעלד. וואַרפן זיך די פּאָסטנס איבער מיט ווערטער: „זייער פאַסטטאָג היינט".

די נאַכט פאַלט צו. אַ קאַלטע, אַ כמורנע, אַ טיף־שוואַרצע.

אין העל־באַלויכטענעם מיטן פון וואַלד באַוועגן זיך די טויזנטער אַרבעטער. יידן וואַרפן זיך איבער מיט ווערטער. יידן, וואָס אַרבעטן אין געמיינזאַמע קאָלאָנעס און אַזעלכע, וואָס פאַרבינדן אין אַרבעטס־צווייג מיטן צווייטן, צוברענגענדיק אייזן, געהילץ, מאַשין־טיילן — אַלע שושקען זיך שטיל: יאָ, מען וועט דאַווענען, באַלד, אין דער מיטאָג־הפסקה.

איינס ביי נאַכט איז מיטאָג. אַ גאַנצע שעה. וועט מען אויסנוצן די צייט. מען וועט זיך ערגעץ פאַרגנבענען, בכדי אין גרופּעס צו זאָגן „כל־נדרי".

ווייט הינטער אַ באַגער, אין טונקעלן ווע‏לדל, קלייבן מיר זיך צונויף, אַ פּאָר צענדליק יידן. מייסטנס זענען דאָס אונגאַרישע, נאָך גאָר יונגע בחורימלעך.

איינער שטעלט זיך אַוועק ביי אַ ביימל, ווי ביי אַן ארון־קודש און מיר אַלע אַרום אים. ער הייבט אָן זאָגן:

בישיבה של מעלה — — —

כל נדרי — — —

אַלע טוליען זיך נענטער צום פאַרזאָגער, צום חזן, וואָס איז נאָך אַ גאָר יונגער בחורל. און פלוצעם, אין מיטן „כל־נדרי״, האָט עמעצער אָנגעהויבן וויינען. אַן אָפּגעהאַקט שלוכצן האָט זיך דערהערט — און אַלע נאָך אים. די פאָר צענדליק צוזאַמענגעזאַמלטע יידן וויינען. אויך דער חזן וויינט, אָבער ער זאָגט ווייטער. דער עולם זאָגט אים נאָך, נאָר די ווערטער ווערן פאַרשטיקט אין טרערן.

צוריק צו דער אַרבעט איז מען זיך צעגאַנגען וויינענדיקע. אויפן האַרצן איז לייכטער געוואָרן, ווי מען וואָלט עפּעס אַראָפּגעקייקלט פון זיך. די טרערן און תפילות האָבן אויסגעלייטערט דאָס געמיט, אָנגעאָטעמט גלויבן. (לוי שאַליט, „כל־נדרי״ אין דאַכאַו״, „אונדזער וועלט״, וואָכנשריפט, מינכען, 12טן אָקטאָבער 1948, ז׳ 3).

יום־כיפור אין אוישוויץ

1. „כל־נדרי״ אין אוישוויץ

אין דרויסן בוקט זיך דער טאָג צו דער נאַכט. אַ לייכטער ווינט יאָגט דורך די אָפענע טירן. מיט הילכיקע טריט פּאַטראָלירט אַ וואַך. עס פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן „בלאָק־שפּערע״, וועלכע זאָגן אָן, אַז עפּעס הענגט אין דער לופטן. די גאַס אָטעמט מיט מאָרד און יום־כיפור־דעמערונג.

און מיר גרייטן זיך אויך צו „כל־נדרי״. ס׳שטייט שוין אַ טיש, געמאַכט פון אַ טיר אויף צוויי גראָבע סלופּעס, באַדעקט מיט אַ טישטעך פון אַ „פּרומער בלאָקאָווע״. צוויי ליכט האָט געשענקט אַ „באַרמהאַרציקער קאַפּאָ״.

אויפן טיש ליגט אַ קרבן־מנחה־סידור. אַ בלאַסע לבנה דרינגט אַריין דורך די קליינע דאַך־פענצטערלעך...

גאַטס שטראָף האָט געניִדערט איבער די שטילע גאַסן פון אוישוויץ.

דורך באַוואַכטע פון אַ לאַנגע קייט אויסגעשטעלטע עס־עס־זעלנער האָט מען געטריבן יידישע מענער. פיס פאַרמאַטערטע, מידע, געבויגענע, באַוואַקסענע, זענען זיי געלאָפן אין ווילדן געיעג. אַ מידערער, אַ שוואַכערער בלייבט אין וועג. דער פּאַטער פאַלט, דער זון לויפט ווייטער... אַ שיסעריי, אַ קנאַלעריי, אַ מישמאַש...

און ווען טויטע קערפּער האָבן זיך געוואַלגערט אין שטילן אוישוויצער געסל, שטייען יידישע פּרויען־קנעכטינס פאַרשעמטע קעגן גאָט, און מיט געבויגענע קעפּ טוען זיי ליכט בענטשן. פלאַמיק שטייגן אויף די ליכטלעך אין קאַרטאָפל־לייכ־טערלעך און וואַרפן בלאַסע פלעקן.

טיפע האַרץ־געוויינען רייסן זיך אַרויס פון די געשענדעטע. ס'האָט אויסגעזען, ווי פון אַ בית־עולם וואָלטן אַרויסגעוויינט טויטע...

פאַרמשפּטע העגט האָבן זיך געדריקט, געפאַלן אין די אָרעמס, געטוליעט, געקושט און געווונטשן דערלעבן אַ שפּליטער פון דער פריי.

עס צאַנקען אויס די ליכטלעך, און אויך מיר, צאַנקענדיקע נשמות, וואָס זאָגן היינט אפשר דעם לעצטן „כל־נדרי". (שבע גלאָס: „כל־נדרי אין אוישוויץ", „לשון און לעבן", חודש־זשורנאַל, לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1947, ז"ז 5 — 7).

2. „כל־נדרי" אין יאָר 1944

ד"ר וואָלף גליקסמאַן פון פילאַדעלפיע, איינער פון די שארית הפליטה, פאָרשער פון דער חורבן־ליטעראַטור, באַשרייבט, ווי אַזוי ער האָט זיך מצרף געווען צו אַ מנין, וואָס האָט יום־כיפור פון יאָר 1944 געזאָגט „כל־נדרי" אין קעלער פון בלאָק 4 אין אוישוויצער לאַגער, דאָרט ווו עס געפינט זיך היינט דער מוזיי פון דער דייטש־נאַציאָנאַלער קולטור, דאָרט ווו עס ליגן היינט די שיכלעך פון די יידישע קינדערלעך, מלבושים פון יידישע מענער און האָר פון יידישע פרויען, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן, אָבגעשוירן געמאַכט פון הויט פון יידן, וואָס זענען פאַרגאַזט געוואָרן, רציעות און יריעות, שטיקער ספר־תורהס און נאָך אַנדערע דאָקומענטן פון דייטשן וואַנדאַליזם.

פון דעם אַריבער אַ מנין יידן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קעלער, האָט מען זיך געטוישט דריי מאָל, צו שטיין אויף די טרעפּן, וואָס פירן פון קעלער אויפן הויף אַרויס, אַכטונג צו געבן, צי אַ דייטשע ס.־ס.־חיה דערנענטערט זיך נישט צום בלאָק. אַזוי, אַז יעדער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו הערן דעם שליח־ציבורס ווערטער פון „כל־נדרי" פון אָנהויב ביזן סוף.

דער קול דממה דקה־טאָן פונעם ערשטן מאָל „כל־נדרי" גייט אַדורך רויק. די לייכטע באַוועגונגען פון די שאָטנס אויף די ווענט דערציילן וועגן דער איינגעהאַלטנקייט פון די מתפללים. אַזוינע מינוטן פון דבקות און קאָנטעמפּלאַציע קאָן מען נאָר איבערלעבן ווען אַ געפאַר לויערט פון אַלע זייטן אַרום. ווי אין אַ טרוים וועבן זיך אַדורך זכרונות פון דעם נאָענטן עבר: די יידן אין די ווייסע קיטלען און אין טליתים מיט די שווערע זילבערנע עטרות; גאַרטלען מיט די אויסגענייטע „כי ביום הזה יכפר"... ווייסע יאַרמולקעס און ווייסע זאָקן און ווייס־פילצענע טופל. אַ ווייסע וועלט אין שול, אַ וועלט פון כולו הייליקייט, אַ וועלט, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן אויף אייביק.

און ווען עס דערהערן זיך צום צווייטן מאָל דעם שליח־ציבורס „ולא קימין"... פאַלט פּלוצעם אַריין איינער, וואָס האָט געוואַכט אין דרויסן, מיט אַ רוף: חברים, וועקט זיך אויף, ווערט וואַכנדיק... סאַממער גייט... (איינער פון די בלוטדורשטיק־סטע ס.ס.־הינט אין אוישוויץ). ווי אַראָפּגעוואָרפענע פון די הימלען האָבן מיר זיך אין דער דאָזיקער מינוט דערפילט. מיר זענען ווידער געוואָרן נומערן... אויס

יידן, אויס יום־טובדיקע יידן. אָבער דער דייטשער מנוול איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען דעם בלאָק 4. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אים צוריקגעהאַלטן פון דערנענטערן זיך צום קעלער, וואָס איז געוואָרן אַ ישיבה של מטה.

שנעל האָבן מיר אָפּגעזאָגט צום דריטן מאָל „כל־נדרי״ און די פּסוקים פון סליחות. נאָר די ברכה פון „שהחינו״ האָט געקלונגען לויטערער און העכער.

מיט דעם טראַדיציאָנעלן „לשנה טובה תכתבו ותחתמו״ זענען מיר צוריק אַריין אין די באַראַקן, כדי אויף די האַרטע נאַרעס אויסצורוען די מידע ביינער.

מוצאי יום־קודש, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן די דייטשן ווידער דורכגעפירט די טרויעריק־באַרימטע „סעלעקציעס״ און אַרום דריי הונדערט יידן האָט מען געשיקט אין אויוון אַריין. ((ד״ר וואָלף גליקסמאַן: „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, באַנד 14 נומער 348, 1טן אָקטאָבער 1948, ז״ז 2 — 3).

3. יום־כיפור אין 1944

דער יידישער היסטאָריקער ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַ געראַטעוועטער פון טויטלאַגער אוישוויץ, דערציילט וועגן יום־כיפור אין אוישוויץ אין יאָר 1944, וואָס עס האָט אים איבערגעגעבן דער געוועזענער אַרעסטאַנט י. ראַטענבערג [1]:

„איך דערמאָן זיך דעם לעצטן ערב־יום־כיפור אין אַשוויענטשימער לאַגער. די פרומע פּוילישע און אונגאַרישע יידן האָבן זיך געגרייט צום דאַווענען און פאַסטן, ביי באַדינגונגען, וואָס זענען געווען שווערער ווי ביי די מאַראַנען אין שפּאַניע. קליינע גרופּקעלעך אויסגעדאַרטע און אויסגעהונגערטע יידן האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן; שטיל און טרויעריק האָבן זיך דערהערט די ערשטע ווערטער פון „כל־נדרי״. קיין זאַך האָט נישט אָנגעזאָגט, אַז די תלינים גרייטן צו אַ שרעקלעכן קלאַפּ אויף דער דאָזיקער נאַכט. פּלוצעם האָבן מחנות צעיושעטע ס.ס.־לייט און קאַפּאָס זיך אַריינגעריסן פון אַלע זייטן מיט שווערע שטעקנס אין זייערע הענט און ווילד געשריען: „אַלעס אַרויס״. נאָך איידער עמעצער האָט געהאַט צייט צו מאַכן וועלכע עס איז באַוועגונג, האָט זיך אַ האָגל קלעפּ געלאָזן פאַלן איבער אונדזערע קעפּ. ביי אַן אומבאַשרייבלעכער פּאַניק האָבן זיך אַלע געמוזט אויסטאָן נאַקעט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע סע־לעקציע פאַר די קרעמאַטאָריעס״.

ד״ר פרידמאַן גיט איבער ווי אַזוי אַ גרופּע יידישע פרויען פון דייטשלאַנד האָבן געפאַסט יום־כיפור אין אוישוויץ.

„אַ גרופּע דייטשע יידישע פרויען און מיידלעך איז געלונגען אָפּצופאַסטן אַ יום־כיפור, כאָטש די דייטשע אויבער־אויפזעערין האָט זיי דערפאַר אויסגע־לאַכט און חוזק געמאַכט פון זיי. (זכרונות פון גערטע שולץ, אַרכיוו פון צ.יי.ה.ק. [2]) אָבער דאָס זענען אויסנאַם־פאַלן, אַז דייטשן זאָלן זיך האָבן באַגנוגנט בלויז מיט אויסלאַכן פאַר פראַווען יידישע מנהגים. אָפט מאָל האָבן זיי די יידן שווער באַשטראָפט דערפאַר. חנה קאַמפעל דערציילט [3] וועגן יום־כיפור 1944: „צו אונדז

אין קיך האָט מען צוגעטיילט צום שיילן קאַרטאָפל אַ צאָל יידישע פרויען און מיידלעך, ס׳רוב אונגאַרישע, פון אַ פרישן טראַנספּאָרט. פריש אָנגעקומען, האָבן זיי זיך נאָך נישט אָריענטירט ווי געהעריק אין די לאַגער־באַדינגונגען און געטאָן אַ נאַיִוון שטות. זיי האָבן געשיקט פאַר יום־כיפור אַ דעלעגאַציע צו דער אויפֿזעערין פראַנץ, לייטערין פון דער קיך, און זי געבעטן צו באַפרייען זיי יום־כיפור פון דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן בדעה צו פאַסטן און ווילן דעריבער נישט האָבן קיין כוח צו אַרבעטן. די אויפזעערין פראַנץ האָט די גאַנצע דעלעגאַציע תיכף אַוועקגעשיקט אויף שטראָף־אַרבעט, פאַראָרדנט פאַר אַלע יידישע פרויען אַ צוואַנגס־פאַסטן, געגעבן זיי אינעם דאָזיקן טאָג אַ ספּעציעלע שווערע אַרבעט און דערצו נאָך דער אַרבעט געמאַכט מיט זיי „ספּאָרט" (שפּרינגען און „זשאַבקעס אין דער בלאָטע").

---

[1] ד״ר פיליפּ פרידמאַן: „אשוויענטשים", פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע", בוענאָס־איירעס, 1950, ז״ז 206 — 298).

[2] אַרכיוו פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע.

[3] ד״ר פרידמאַן גיט אָן, אַז ער האָט גענומען פון די זכרונות פון חנה קאַמפּעל.

4. קינדער פאַסטן אין אוישוויץ

איבער איין מיליאָן יידישע קינדער האָבן די דייטשן אומגעבראַכט אין אייראָפּע.

די יידישע קינדער אין די טויטלאַגערן זענען גלייך אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע עלטערן. אַ טייל האָבן געהאַט דאָס „גליק" גלייך געשיקט צו ווערן אין די גאַזאויוונס אַריין, אָבער דאָס רוב פון זיי האָט מען געמאַטערט מיט די שוי־דערלעכסטע עינויים, ביז זיי האָבן אויסגעהויכט די יונגע נשמהלעך...

געוועזן יידישע קינדער, וואָס כאָטש זיי זענען אַזוי יונג אָפּגעריסן געוואָרן פון טאַטע־מאַמע, און זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אין זיך איינ־צוזאַפּן אַ יידישע טראַדיציאָנעלע דערציִונג, האָבן זיי אָבער דאָך געלעבט אין אַ יידישער אַטמאָספער און אין אַ יידישער טראַדיציאָנעלער סביבה, און זיי האָבן געקעמפט פאַר אָנהאַלטן די יידישע אמונה. זיי זענען געווען קליינע העלדן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מסירת־נפשדיקייט פאַר אָנהאַלטן דעם נאָמען ייד, גלייך מיט די דערוואַקסענע.

וועגן דער גרויסער הערצִשקייט פון יידישע קינדער אין יום־כיפור, דער־ציילט יוסף (יעזשי) ווייס, נומער 29054, ווי אַזוי ער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע קינדער געאַרבעט אין בירקענאַו, וואָס איז געווען דער טויטן־לאַגער פון אוישוויץ.

יוסף ווייס האָט געדאַרפט אַרבעטן ביי גראָבן קאַנאַלן און שוץ־גראָבנס פאַר די דייטשן, מען האָט געאַרבעט עבודת פרך.

„מיר האָבן נישט געוווּסט קיין שום דאַטע פון יידישן לוח, ווען עס פאַלט אויס אַ יידישער יום־טוב. מיר זענען געווען אַ זיבעציק קינדער אין „בלאָק נומער 14״. צווישן אונדז איז געווען איטשע־מאָטל פון מלאַווע, אַ חסידיש ייִנגל און ער האָט אונדז שטאַרק מקרב געווען, און האָט אין אונדז צוריק אַריינגעבראַכט דעם צלם־אלוקים, מיר זאָלן נישט אין גאַנצן ווערן אויס מענטשן, מיר זאָלן זיך נישט שרעקן, נאָר כסדר האָפן, אַז מיר וועלן בלייבן לעבן, על אפּם ועל חמתם פון די דייטשן, ימח שמם.

מיט וואָס האָט איטשע־מאָטל אונדז צוגעצויגן ? מיט זינגען חסידישע ניגונים. איך שטאַם פון שטעטל טירנאָו, סלאָוואַקיע, ביי אונדז זענען קיין חסידים נישט געווען, אָבער ער האָט מיך און אַלע אַנדערע קינדער צוגעצויגן מיט זיינע חסי־דישע ניגונים.

איטשע־מאָטל איז געווען פון די „פיר און זיבעציקער״. דאָס מיינט, אַז זיין נומער, וואָס מען האָט אים אויסגעקריצט אויף דער האַנט, האָט זיך אָנגעהויבן פון דער צאָל פיר און זיבעציק טויזנט, דאָס איז שוין געווען אַ הויכער נומער. מיר, קינדער פון סלאָוואַקיע, זענען שוין געווען אַלט־איינגעזעסענע און מיר האָבן געהאַט קלענערע נומערן.

אַט דאָס ייִנגל איטשע־מאָטל איז פריִער דורכגעגאַנגען פאַרשידענע קאָנצענ־טראַציע־ און טויט־לאַגערן ביז ער איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ, ער איז שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט, אָבער דאָך האָט ער געהאַט אַ ברענענדיקע נשמה און האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און האָט נאָך אויך אונדז מעורר געווען און אין אונדז אַריינגעגעבן אַ התחזקות, מיר זאָלן וועלן לעבן, ווייל דאָס רוב קינדער זענען שוין געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז זיי האָבן מער נישט געוואָלט לעבן און זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען מען וועט אויך זיי פירן אין די גאַז־קאַמערן אַריין פאַרגאַזט צו ווערן.

און פאַר יום־כיפור האָט איטשע־מאָטל אונדז געזאָגט, אַז עס קומט באַלד אָן דער יום־הדין, און אַז מיר זאָלן געדענקען, אַז מיר זענען יידן און פאַסטן אין דעם דאָזיקן טאָג. ער האָט אין אונדז דערוועקט דעם יידישן שטאָלץ און מיר אַלע האָבן געשוווירן, אַז מיר וועלן אין יום־כיפור פאַסטן.

אין יום־כיפור איז אַריינגעקומען אין אונדזער בלאָק דער „אָבערשאַרפירער״, דער, וואָס האָט אונדז יעדן טאָג געגומען צו דער אַרבעט און האָט אונדז געזאָגט, אַז „היינט וועלן מיר אייך פירן צו טאָן אַ לייכטערע אַרבעט״...

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער אכזר וויל אונדז היינט עפּעס אָנטאָן אַ שפּיצל, אָבער וואָס, האָבן מיר נישט געוווּסט...

און אַנשטאָט אונדז צו פירן צו גראָבן שוץ־גראָבנס, ווו מיר האָבן געאַרבעט, האָט ער אונדז געפירט אין אַ סאָד פון עפּלביימער. מיר האָבן געריסן די עפּל און זיי אַריינגעוואָרפן אין די קערב אַריין.

צווישן אונדז האָט זיך אַרומגעדרייט דער עס־עס־אָפיציר און האָט נאָכגע־קוקט, צי מיר עסן פון די עפּל. און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז קיינער עסט נישט

פון די עפּל, האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן טאָן, וואָס איז גאָרנישט געווען זיין שטייגער אַזוי צו רעדן, געזאָגט: „מיינע יונגע, איר קענט עסן וויפל אירווילט, ביטע שיין! עסט און זאָל איך וויל באַקומען!"...

דער עס־עס־אָפיציר האָט אונדז איבערראַשט מיט זיין אָנבאָט, אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך נישט צוגערירט צו די עפּל.

ווען דער אָפיציר האָט דערזען, אַז זיינע גוטע, פאַלשע רייד האָבן נישט געווירקט אויף די קינדער, איז ער צוריק אַריין אין זיין נאַטירלעכער אכזריותדיקער ראָלע און האָט אָנגעהויבן צו שרייען: „וואָרום פרעסטן זי ניכט?"

ער האָט אַריינגעקוקט אין מיין פּנים, אַזוי ווי ער האָט אַריינגעקוקט אין אַלע קינדערס פּנימער, און איך האָב דערפילט, אַז ער שטעכט מיך דורך מיט זיינע בליקן, און אַז ער וווּנדערט זיך פאַר וואָס מיר פירן נישט אויס זיין באַפעל.

און ער האָט געהאַט רעכט זיך צו וווּנדערן, וואָרעם וואָס זענען מיר געווען אין זיינע אויגן? נידעריקע שקלאַפן, וואָס זענען פאַראורטיילט צום טויט, וואָס זייער גזר־דין איז שוין אַ פאַרחתמעטער און זיי וואַרטן נאָר עס זאָל קומען זייער ריי, זיי זאָלן געפירט ווערן אין די גאַזקאַמערן אַריין... נבזהדיקע באַשעפענישן זענען מיר געווען אין זיינע אויגן, הונגעריקע הינט, שרצים, וואָס גראָבן צווישן מיסט צו געפינען אָפּפאַל פון שפּייז. דערשלאָגענע יידן זענען מיר געווען, וואָס אונדזער שטאָלץ וואַלגערט זיך אין שטויב און דאָ דערלויבט אונדז אָן עס־עס־אָפיציר מיר זאָלן עסן פון די עפּל, וואָס וועגן דעם קאָן אַ קאַצעטניק בלויז חלומען ביי נאַכט, און מיר זאָגן זיך אָפּ דערפון!...

און דער עס־עס־אָפיציר איז אַריינגעפאַלן אין כעס און האָט אָנגעהויבן צו שרייען: „פאַרפלוכטע יודען! איך וייס אַלץ! היינט איז אייער „פאַרזענונגסטאַג" (יום־כּיפּור אויף דייטש), אַלע פאַסט איר היינט, קרויץ, דאָנער וועטער!

און איטשע־מאָטל האָט געזיגט. דער עס־עס־אָפיציר האָט אונדז נישט געקאָנט בייקומען! אַלע קינדער האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון און קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צו די עפּל!

מיר האָבן געפאַסט אַ גאַנצן יום־כּיפּור און געמיינט, אַז דער עס־עס־אָפיציר וועט אונדז דערנאָך באַשטראָפן מיט שמייסן אָדער מיט אַנדערע קערפּערלעכע פּייניקונגען, אָבער ער האָט אונדז גאָרנישט געטאָן.

אפשר האָט ער אַליין איינגעזען, אַז מען קאָן אונדז קינדער נישט ברעכן, און אפשר האָט ער זיך געטראַכט, אָט אָט, וועט קומען זייער ריי און אויך זיי וועלן פאַרגאַזט ווערן. ווער ווייסט וואָס דער שטן האָט געטראַכט?

און באַלד איז טאַקע געשען אַן אויסטערלישע געשעעניש.

עס איז געווען אין אַ וואָכנטאָג. מען האָט געפירט אַ גרויסע גרופּע יידן אין די גאַזקאַמערן אַריין. און פּלוצעם איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע זאַך. איינער פון די יידן איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער ריי און האָט געבעטן דעם עס־עס־אָפיציר ער זאָל אים דערלויבן צו רעדן מיטן הויפּטפירער, מיטן „טויטן־קאָפּ". מען האָט דעם ייד נישט גלייך דערשאָסן, נאָר מען האָט אויסגעהערט וואָס ער וויל.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער גרופּע יוגנטלעכע ביים באַפּעסטיקן די עלעקטריזירטע שטעכלדראָטן אַרום דעם לאַגער, כדי יידן זאָלן נישט קענען אַנטלויפן, און איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם ייד, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון דער ריי. דאָס איז געווען דער אויבער־קאַנטאָר פוקס פון טירנאַו. איך האָב אים געקענט פון מיין קינדהייט אָן. ער האָט פאַרלאַנגט פון דעם „טויטן־קאָפּ" מען זאָל אים דערלויבן צו זאָגן די לעצטע תפילה, איידער מען פירט זיי אַריין אין די גאַזקאַמערן אַריין.

דער אָפיציר האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט האָבן אַ פריילעך ספּעקטאַקל איידער מען פירט זיי פאַרגאַזט צו ווערן, און ער האָט געגעבן די דערלויבעניש דעם חזן פוקס אָפּצוריכטן אַ תפילה.

דער חזן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן די מענער און האָט אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיקער שטימע צו זאָגן די תפילה „אל מלא רחמים". ער האָט געטאָן תפילה פאַר די מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן אַריין פאַרגאַזט צו ווערן.

ווער האָט דעם כוח איבערצוגעבן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין אוישוויץ, ווען דער חזן האָט געזאָגט די לעצטע תפילה פאַר די נשמות פון די יידן וואָס גייען ערשט אין די גאַזקאַמערן אַריין?

דער חזן פוקס איז דעמאָלט נישט געפירט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן אַריין. ער איז אָבער דערנאָך צעטראָטן געוואָרן אויף טויט אין איינעם פון די בלאָקן דורך אַ קאַפּאָ...

און אויך איטשע־מאָטל איז נישט געבליבן לעבן. ער איז נישט פאַרגאַזט געוואָרן, נאָר ער איז אומגעקומען ווען די דייטשן האָבן זיך שוין געהאַט צוריק־געצויגן פון אוישוויץ און האָבן געטריבן טויזנטער יידן אין אַנדערע טויטלאַגערן אַריין. דעמאָלט איז דאָס חסידישע יינגל איטשע־מאָטל, וואָס האָט מיט זיינע חסידישע ניגונים אונדז אַלע דערפרייט, אומגעקומען, און דער חסידישער ניגון איז איבערגעריסן געוואָרן. אָבער דער אָפּקלאַנג פון זיינע ניגונים, באַגלייט מיך ביזן היינטיקן טאָג"... (יוסף ווייס: „בית יעקב", חודש־זשורנאַל, ירושלים, ניסן תשכ"ד — 1964).

5. דער לעצטער יום־כיפור אין אוישוויץ

ד"ר מ. זלאַטאָלאָוו, איינער פון די שארית הפליטה, גיט איבער, ווי אַזוי יידן האָבן אָפּגעריכטן די תפילות דעם לעצטן יום־כיפור אין אוישוויץ, אין יאָר 1944:

אין יענעם יאָר האָבן די נאַציס געהאַט פאַרשלעפּט קיין אוישוויץ צענדליקער טויזנטער אונגאַרישע און קאַרפּאַטן־רוסלענדישע יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען שטאַרק פרום און זיי האָבן נאָך בסך הכל מיט אַ יאָר צוריק, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס געפייערט דעם יום־הקדוש.

גראָד אין יענער צייט זענען צו אונדז אין טויטן־לאַגער דערגאַנגען פריילעכע

ידיעות, אַז די אַלאירטע האָבן ענדלעך געעפנט דעם אַזוי לאַנג דערוואַרטן צווייטן פראָנט. דעמאָלט האָט זיך ביי אונדז דערוועקט די האָפענונג, אַז אפשר וועלן מיר פאָרט באַפרייט ווערן פון גיהנום.

די דייטשן האָבן אונדז דערוויַיל געיאָגט און געוואָרנט, אַז אויב די מלחמה וועט זיך ענדיקן צוועלף אַ זייגער, וועלן זיי אונדז אומברענגען פינף מינוט פאַר צוועלף.

שוין אַ פּאָר טעג פאַר יום־כיפור האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט, וואָס וועט זיין מיט יום־כיפור? ווו וועט מען דאַוונען? צי וועט מען גיין צו דער אַרבעט? און דער עיקר — וואָס וועט מען טאָן מיט פאַסטן?

און דער הייליקער טאָג איז געקומען. ערב יום־כיפור ביי דער אַרבעט האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַ געוויסע אומגעדולדיקייט ביי אַ סך יידן, ס׳רוב אונגאַרישע, וואָס האָבן זיך געאיילט וואָס גיכער „אַהיים״־לויפן אין די לאַגער־באַראַקן, כדי אַראָפּשלינגען דעם ליטער וואַסערדיקע זופּ און מיט דעם פאַרפאַסטן.

און ווי נאָר די זון איז אונטערגעגאַנגען און אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טונקעלער צו ווערן, איז מיט אַ מאָל אין די באַראַקן אַנטשטאַנען אַן אומגעהויערע באַוועגונג און איילעניש. מ׳איז געלאָפן פון איין באַראַק אין צווייטן, דריקנדיק די האַנט איינער דעם צווייטן און ווינטשנדיק זיך מיט טרערן אין די אויגן, מ׳זאָל דערלעבן דעם קומענדיקן, שוין פרייען יום־כיפור.

אין אַ זייטיק ווינקעלע פון יעדן באַראַק האָבן זיך צונויפגעקליבן יידן און מיט צעבראָכענע הערצער געשטעלט זיך זאָגן אויסנווייניק „כל־נדרי״.

געדאַוונט האָבן דעמאָלט יידן אָן טליתים, אָן מחזורים און אַפילו אָן סידורים, ווייל דאָס איז כמעט ווי נישט געווען אין לאַגער. נאָר געציילטע יחידי־סגולה האָבן אַזאַ יקר־המציאות פאַרמאָגט. און אָן יאָרצייט־ליכט, אין דער שטיל און אין דער פינצטערניש, האָט מען נאָכגעזאָגט נאָכן שליח־ציבור די ווערטער פון „כל־נדרי״ און פון אַנדערע תפילות.

די יעניקע אין די באַראַקן, וואָס האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן מיט די דאַווּנערס, זענען געלעגן אָן באַוועגונג אויף זייערע בעטלעך, אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו דער וואַנט, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם האַרצנרייסנדיקן ניגון פון „כל־נדרי״ און שטילערהייט יאָמערלעך געוויינט.

אויף צו מאָרגנס, יום־כיפור באַגינען, פונקט פינף אַ זייגער אין דער פרי, האָט זיך מיט אַ מאָל געלאָזט הערן דער לאַגער־גלאָק, וואָס האָט געוועקט די האַלב־טויטע שקלאַפן צו דער אַרבעט.

אַלע האָבן שנעל זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעטאָן. זיי האָבן געקראָגן די פּאַרציעס ברויט, און כאָטש זיי האָבן עס נישט געגעסן, האָבן זיי עס נישט געוואָלט איבערלאָזן אין די באַראַקן, כדי אַנדערע יידן זאָלן נישט נכשל ווערן אויפן לאוו פון „לא תגנוב״ און זיי זענען געגאַנגען אַרבעטן אין יום־כיפור.

אין יענעם יום־כיפור איז גראָד געווען אַ גאָר גרויסע היץ, ווי אין אַ תמוז־טאָג, און הונדערטער יידן, וואָס האָבן געפאַסט, זענען פּשוט געפאַלן פון די פיס, געאַרבעט מיט די לעצטע כוחות, אָבער נישט געגעסן.

שטייענדיק ביי דער אַרבעט האָט נישט איינער בלחש געמורמלט מיטן ימים־נוראימדיקן ניגון אַ יום־כיפּורדיקע תּפילה, וואָס ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק.

צוועלף אַ זייגער, ווען עס איז געווען מיטאָג־פּויזע, האָבן פון אַלע ווינקעלעך זיך צונויפגעזאַמלט יידן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן הימל אויפן פרייען פעלד, און געזאָגט בציבור „בראש השנה יכתבון" און נאָך אַנדערע תּפילות.

די זון האָט געברענט און מיר האָבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געאַרבעט מיט די לעצטע כּוחות. ווען די זון האָט געהאַלטן ביים זעצן זיך, האָבן מיר זיך קוים געשלעפּט אינעם לאַגער אַריין. און דאָ איז ממש געשען אַ נס — די לעצטע, כּמעט שוין טויטע מענטשן, האָבן ווי דורך אַ צויבער באַקומען פרישע כּוחות און זענען שנעל געלאָפן זוכן ערגעץ אין לאַגער, הינטער די באַראַקן, אַ ווינקל אונטערן בלויען הימל, צו קענען דאַווענען בציבור נעילה.

און ווער ס'האָט דעמאָלט געזען אָט די דאָזיקע איינגעעקשנטע פרומע יידן דאַווענען נעילה, איז פּשוט מיטגעריסן געוואָרן, און ער האָט זיך געמוזט דערנענטערן און צוזאַמען בעטן אויף אַ חתימה טובה און אויף אַ רחמנותדיקן גזר־דין.

און געבעטן האָבן מיר דעמאָלט, אין יענעם לעצטן יום־כיפּור ביי נעילה, אונטערן פרייען הימל, אַז מיר זאָלן דערלעבן אין קומענדיקן יאָר דעם צוועלף אַ זייגער פון אונדזער באַפרייונג און נישט די פינף מינוט פאַר צוועלף, ווי די נאַציס האָבן געוואָלט, פון אונדזער פאַרניכטונג... (ד"ר מ. זלאָטאָלאָוו: „מאָרגן־זשורנאַל", דעם 3טן אָקטאָבער 1945, ז' 5).

6. די יום־כיפּור־סעלעקציע פון יידישע קינדער אין אוישוויץ

יעדער ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם דייטשן גיהנום און איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון די קאַלך־אויוונס, דערציילט ווי די דייטשע מאָרדמאַשין האָט געאַרבעט מיט מער אימפּעט אין די ימים־נוראים.

אָט איז אַן אויסצוג פון עדות־זאָגן פון י. ז. קליינמאַן אויפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים.

„די יידישע ימים־טובים זענען פאַר אונדז געווען באַזונדערס שרעקעדיקע טעג. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די דייטשן פריִער אונדז מודיע געווען, אַז עס דערנענטערן זיך די יידישע ימים־טובים. די עלטערע איינוווינער פון דעם קינדער־לאַגער אין אוישוויץ האָבן אונדז געזאָגט: אין אוישוויץ וועט איר נישט קריגן קיין צוקערקעס — די ימים־טובים דערנענטערן זיך.

דאָס ערשטע מאָל בין איך ניצול געוואָרן פון די נעגל פון דעם אַרכי־מערדער ד"ר מענגעלע פאַר ראש־השנה פון יאָר 1944. ווען ער איז דורכגעגאַנגען צווישן די קינדער־באַראַקן און דערנאָך צווישן די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט ביים אַפּעל און ער האָט געשיקט די קליינע און אויסגעדאַרטע קינדער

אויפן אַנדערן זייט וועג, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן צו מיין ברודערס באַראַק. ביז מוצאי ראש־השנה זענען טויזנט יידישע קינדער געהאַלטן געוואָרן פאַרשפּאַרט אין זייערע באַראַקן, דערנאָך איז אויסגערופן געוואָרן אַ „פאַרשפּערונג", קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן די עס־עס־לייט מיט דער הילף פון די קאַפּאָס „אויפגעלאָדן" די קינדער אויף לאַסטאויטאָס, זיי צו פירן צו די גאַזקאַמערן. דעמאָלט האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע געשרייען: „שמע ישׂראל, טאַטע! מאַמע"!...

אַ דריי טויזנט קינדער זענען געווען אין קינדער־לאַגער, געבליבן זענען צוויי טויזנט.

אָבער ערב יום־כיפּור איז די מערדערישע האַק אויך געפאַלן אויף אַ גרויסן טייל פון די צוויי טויזנט קינדער. פאַר טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען וועט פאַרטיילן גרעסערע פּאָרציעס ברויט, אַ דריטל ברייטל אַנשטאָט אַ פינפטל פון אַ ברייטל. די קינדער האָבן זיך געפרייט, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן קאָנען מאַרגן פאַסטן, אין דעם הייליקן טאָג יום־כיפּור, אָבער זייער פרייד איז באַלד צערונען געוואָרן.

באַלד נאָך מיטאָג איז אָנגעקומען דער באַפעל, אַז אַלע קינדער דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אויפן ספּאָרטפּלאַץ. דאָרט איז געשטאַנען די טרויעריק־באַוווּסטע לייסט. ווער עס האָט מיטן וווּקס דערגרייכט דעם לייסט, איז געבליבן לעבן, ווער ס'האָט נישט דערגרייכט, איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

דאָס איז געווען אַ שוידערלעכע סצענע. די אומגליקלעכע קינדער האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיך אויסצוציִען, כדי צו קריגן נאָך אַ צענטימעטער צו דערגרייכן צום לייסטל.

איך האָב זיך גלייך מייאש געווען זעענדיק, אַז גרעסערע קינדער פון מיר קענען נישט דערגרייכן דאָס לייסטל. אָבער איך בין נישט אַריין אין דער גרופּע פון די „גרויסע", נאָר אין דער גרופּע, וואָס האָט געוואַרט דורכצוגיין דעם טויער מיטן לייסטל פון אויבן... איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז כדאי צו לעבן נאָך אַ האַלבע שעה. איך האָב זיך דערנאָך ווידער אַריינגעדרייט צווישן דער גרופּע „גרויסע", וועלכע זענען שוין דורכגעגאַנגען מיט הצלחה דעם שרעקלעכן טעסט...

אַ טויזנט קינדער האָבן אין דעם טאָג נישט באַוויזן אויסצוהאַלטן דעם פּרווו, וואָס מענגעלע האָט זיי געגעבן. זיי זענען אַריינגעפּירט געוואָרן אין באַזונדערע באַראַקן, און צוויי טעג נאָך יום־כיפּור זענען זיי אַלע אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן.

עס זענען געבליבן בלויז נאָך אַ טויזנט קינדער, וואָס אויך זיי זענען אין דער גרעסטער מערהייט אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, ימח שמם".

דער סאָביבאָר־אויפשטאַנד איז צוגעגרייט געוואָרן יום־כיפור אין שול

דער אויפשטאַנד פון די יידן אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר, איז צוגעגרייט געוואָרן אין יום־כיפור ביים דאַווענען אין שול.

וועגן דעם דערציילט משה בהיר, איינער פון די אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד אין יאָר 1943:

אין יום־כיפור תש״ד (1948) האָבן זיך פאַרזאַמלט די אָרגאַניזירער פון אויפשטאַנד צו דאַווענען אין דעם מענער־באַראַק אין לאַגער נומער 1.

די תפילה, וואָס איז דערלויבט געוואָרן דורך די אויפזעער פונעם לאַגער, איז אויסגענוצט געוואָרן צו דער ענדגילטיקער אָרגאַניזירונג פון אויפשטאַנד.

פאַרן עמוד איז געשטאַנען דער זקן פון לאַגער, אַ סטאָלער. זיין תפילה איז מיר שטאַרק געבליבן אין זכרון. דאָס איז געווען אַ תפילה, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ים פון טרערן און דאָס געפיל איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערס, ווי איך פיל היינט, ווען איך דאַוון אין אַ בית־כנסת. די איינציקע תפילה איז געווען, מיר זאָלן זוכה זיין איבערצורייסן די עלעקטרישע דראָט־פאַרצוימונגען און באַוויזן צו ליקווידירן וואָס מער פאַרשאָלטענע נאַציס איידער מיר וועלן פאַרלאָזן דעם מוראדיקן לאַגער.

דאָס איז געווען די תפילה פון די אָרגאַניזירער פון אויפשטאַנד און פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם אויפשטאַנד. ווייל פון די זעקס הונדערט אַסירים וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אינעם לאַגער האָבן וועגן אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד געוווּסט בלויז יחידים, וואָס מען האָט זיי געקאָנט אָפּציילן אויף די פינגער פון איין האַנט.

אינעם דורכפירן דעם אויפשטאַנד האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אַ דרייסיק מענטשן.

איך בין נישט צוגערעכנט געוואָרן צו די אָרגאַניזירער פון אויפשטאַנד, ווייל איך בין דעמאָלט אין גאַנצן אַלט געווען פופצן און אַ האַלב יאָר, אָבער איך האָב זיך באַטייליקט אינעם דורכפירן דעם אויפשטאַנד, דעריבער איז מיין תפילה געווען אַנדערש פון דער תפילה פון די אָרגאַניזירער פון אויפשטאַנד. מיין תפילה איז געווען, אַז איך זאָל דערלעבן אַ לייכט פאַרגאַזונג אין די גאַזקאַמערן פון סאָביבאָר, וואָרעם ווער ס׳איז דאָ אַריין, האָט געהאַט נאָר איין האָפענונג — פאַרגאַזט צו ווערן... צוזאַמען מיט דעם איז אויך דערגאַנגען צו מיינע אויערן אַ קלאַנג וועגן אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד. איז צווישן מיינע תפילות אויך געווען די בקשה, אַז כאָטש איינער פון אונדז זאָל בלייבן לעבן, כדי ער זאָל קאָנען דערציילן פאַר דער וועלט, אַז אין דעם לאַגער איז דער יידישער גייסט נישט געבראָכן געוואָרן, און ביים שוועל פון טויט האָבן זיי געמאַכט אַן אויפשטאַנד.

דער אמת איז, אַז איך האָב נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן מצליח זיין אין אונדזער אונטערנעמונג. מיר זענען געווען וווינציקע, אָן געווער, קעגן אַ סך, וואָס זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס מיטן מאָדערנסטן געווער.

און טראָץ דעם איז אונדז געלונגען אומצוברענגען זעכצן דייטשע אָפיצירן פון העכערן ראַנג — פון די 1.200, וואָס האָבן אונדז געהיטן אין לאַגער.

עס איז אונדז געלונגען, אַז פיר הונדערט יידן זענען אַרויס פון די זעקס הונדערט, וואָס זענען געווען אין לאַגער, אָבער די מערסטע זענען דערנאָך גע־הרגעט געוואָרן אין די פּוילישע און רוסישע וועלדער, דורך די פּוילישע פּאַר־טיזאַנער, וואָס האָבן זיך גערופן א. ק., און דורך די אוקראַינער.

פון די זעקס הונדערט יידן, וואָס זענען געווען אין דער צייט פון אויפשטאַנד, זענען געבליבן לעבן ביז נאָך דער מלחמה נישט מער ווי דרייסיק, די מערסטע פון זיי געפינען זיך אין ישראל.

מיט צוויי יאָר צוריק (1966) איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל אין פאַרניכטונגס־לאַגער „סאָביבאָר" — אַ „ריין פּוילישער". אויפן אויפשריפט ווערט געזאָגט, אַז עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אַ האַלבער מיליאָן פּוילישע בירגער. מיט קיין איין וואָרט ווערט נישט דערמאָנט, אַז אַלע אומגעקומענע זענען געווען יידן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון פּוילן, בעלגיע, פראַנקרייך, אונגאַרן און אויך רוסישע געפאַנגענע — יידן.

דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון די יידן אין סאָביבאָר — אַ קליינע צאָל יידן, וואָס זייערע גופים און זייער גייסט איז געבראָכן געוואָרן אונטער דער דייטשער בייטש, אָבער האָט דאָך נישט פאַרלוירן דעם צלם־אלוקים, און מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר געמאַכט אַן אויפשטאַנד, און מיר האָבן זיי באַזיגט.

מיר, די איינצלנע וואָס זענען געבליבן, האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז, אָבער אַ דאַנק דעם אויפשטאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס הרגענען און פאַרברענען יידן אינעם דאָזיקן לאַגער — און דאָס איז געווען אונדזער פאַרדינסט. (משה בהיר: „על המשמר", טאָג־צייטונג, תל־אביב, דעם 18טן אָקטאָבער 1968, ז' 6).

יום־כּיפּור אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1944

יום־כּיפּור אין ביאַליסטאָק 1944.

פון זעכציק טויזנט יידן האָבן זיך קוים אויפגעקליבן דרייסיק יידן, און נאָך צען צוגעקומענע פון דער פּראָווינץ. און איך מוז שטעלן די פראַגע, וואָס האָט אונדז דעמאָלט געבראַכט אין שול? און די יידישע אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס שטייען מיט אַ סידור אין דער האַנט און דאַווענען? און די אָפיצירן פון דער פּוילישער אַרמיי?

מיין דירה איז דעמאָלט געווען אויף קופּיעצקע 39, אַן אַלטע חרובע געביידע.

מיר זיצן עטלעכע לעבנגעבליבענע און איינער רופט זיך אָן: „קומט, מיר גייען צו „כל־נדרי״ !...

אָנקומענדיק אין דער פינצטער (אויף מלינאָווע 151, ווו מ׳דאַוונט), זעען מיר שוין פון דער ווייטנס, ווי אין אַ פענצטער פון אַ ניי הויז לייכט זיך עפּעס, מיר גייען אַריין און אויפן ערשטע בליק באַגעגענען מיר אַזאַ בילד: אין אַ קליינעם צימער אין אַ ווינקל פון מזרח שטייט אַ טיש אָנגעשטעלט מיט ליכט, וואָס ברענען; דער גאַנצער צימער איז פול מיט יידן, מערסטנס מענער, אַלע שטייען צוזאַמען און וויינען, אַלע פּנימער באַוואַקסן, אָנגעטאָן אין זאַכן אַלטע, צעריסענע. שטייט מען אויסגעדרייט יעדער איינער מיט זיינע ווונדן, קיין איין ייד מיט קיין באָרד און קיין איין קינד. אַלע אין עלטער פון 25 ביז 45. דערצו קומען נאָך צו מיליטער־לייט, אָפיצירן פון אַלע אַרמייען, פּשוטע סאָלדאַטן, אַנדערע מיט אויס־צייכענונגען און אַנדערע אינוואַלידן. דער ביים עמוד זאָגט פאַר, אָבער מען הערט אים זייער שוואַך, ווייל פון יעדן ווינקל און פון יעדער זייט רייסט זיך אַרויס אַן „אוי״ מיט אַ כליפּ. אָן טליתים, אָן ווייסע קיטלען, אָבער אַלע מיט גרויסע ווונדן אין האַרצן און געשוואָלענע אויגן. אַ רוסישער הויכער אָפיציר שטייט, האַלט אַ סידור לעבן דער ברוסט פול מיט מעדאַלן און וויינט. אָט שטייט אַ ייד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּאָליאַק: גרויסע וואָנסן, אַ פּויליש היטל, שטיוול, אַ צלם אויפן האַרצן — שווער צו דערקענען, צי ס׳איז אַ ייד, צי נישט, אָבער די אויגן זענען פאַרשוואָלן. קיין סידור האַלט ער נישט, נאָר אַ שטעקן. וואָס טוט ער דאָ? ווען אַלעמענס אויגן קוקן אויף אים, וויינט ער גלייך מיט אַלעמען. ענטפערט „אמן״. ער נעמט דעם צלם נישט אַראָפּ, אָבער ער פאַראינטערעסירט זיך מיט אַלע יידישע ענינים.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער ייד איז דערנאָך אומגע־קומען אין אַן אָנפאַל פון פּאָליאַקן אויף אַ שטעטל, ווו עס האָבן זיך צוריק אומ־געקערט צען יידן. ער איז אומגעקומען זייענדיק אין שטעטל צווישן די יידן. (סראָלקע קאַט: „חורבן ביאַליסטאָק״, בוענאָס־איירעס, 1947, ז״ז 142 — 145).

סוכות און שמחת־תורה

אַריינפיר

יידן איז געווען שווער מקיים צו זיין די מצווה פון זיצן אין סוכות אונטער דער נאַציִשער הערשאַפט. דאָס אויפשטעלן אַ סוכה האָט גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשע רוצחים, און דער ייד איז געווען אין סכנה דערשאָסן צו ווערן, אָדער, ווינציקסטנס, געשיקט צו ווערן אין די אומברענג־לאַגערן.

דאָך האָבן יידן זיך מוסר־נפש געווען און אויפגעשטעלט סוכות אין די געטאָס און אַפילו אין די אַרבעט־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

יידן האָבן געבויט געהיימע סוכות אינעם אַרבעטס־לאַגער אין פלאַשעוו, אינעם ווילנער געטאָ האָבן יידן געהאַט דריי סוכות. יידן האָבן אויך געהאַט אַ סוכה אין טויטלאַגער אוישוויץ.

גאָר שווער איז געווען מקיים צו זיין די מצווה פון בענטשן אתרוג. יידן האָבן פשוט נישט געהאַט קיין אתרוג. דאָך האָבן יידן אין געוויסע מקומות אָנגעהאַלטן דעם זכר פון מקיים זיין די מצווה פון ארבעה מינים.

אין שׂמחת־תורה האָבן יידן אויך אין די געטאָס געטאַנצט אין הקפות מיט דער תורה, און דאָרט ווו קיין ספר־תורה איז שוין מער נישט געווען, האָט מען גענומען אַ קליין יידיש ייִנגל און מען האָט מיט אים געטאַנצט. ער האָט סימבאָליזירט די תורה, ער איז פאַר זיי געווען דער יונגער שפּראָץ, וואָס וועט ווייטער לעבן און פון אים וועט אויף ס'ניי זיך פונאַנדערבליען דאָס יידישע פאָלק.

די דייטשן האָבן תמיד אויסגעקליבן אַ יידישן יום־טוב דורכצופירן זייערע מאָרד־אַקציעס קעגן דעם יידישן פאָלק. אין געוויסע מקומות האָבן די דייטשן אָפּגעלייגט זייערע „אַקציעס" אויף סוכות און שׂמחת־תורה, כדי אין די טעג אויסצופירן זייערע טייוולאָנישע פּלענער. אַפילו צו פאַרגאַזן יידן אין די טויטלאַגערן האָבן די דייטשן אויסגעקליבן דעם טאָג פון שׂמחת־תורה.

יידן האָבן אַרויסגעוויזן גייסטיקן און רעליגיעזן ווידערשטאַנד און זיך משמח געווען אין שׂמחת־תורה אינעם קאָוונער געטאָ, אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין פראַנקרייך, אינעם ווילנער געטאָ, און יידן האָבן אויפגעהויבן דעם ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע רוצחים אינעם טויטן־לאַגער סאָביבאָר אין סוכות.

די ליקווידאַציע אין קאָרעץ ערב סוכות

פרייטיק, י״ג תשרי שנת תש״ג (1942), ערב סוכות, האָט דער דאָקטאָר יעקב וואַלאַך, וועלכער האָט באַדינט דעם לאַגער פון רוסישע קריגס־געפאַנגענע, זיך געפונען (ווי יעדן טאָג) אין דער פרי אין לאַגער אויף אַ באַזוך. צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָט ער אין לאַגער נישט געטראָפן די געפאַנגענע. בלויז עטלעכע קראַנקע האָבן זיך אַרומגעדרייט, און די אויפזעערס, וועלכע האָבן אים נישט זייער פריינדלעך אויפגענומען, האָבן אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דעם לאַגער. די דאָזיקע קאַלטע אויפנאַמע האָט אים באַאומרויִקט, און אַרויס־גייענדיק האָט ער אַ פרעג געטאָן איינעם פון די קראַנקע געפאַנגענע, וועמענס לעבן דאָקטאָר וואַלאַך האָט געראַטעוועט, ווו זענען עס די איבעריקע. דער קראַנ־קער האָט אים בסוד מיטגעטיילט, אַז דער גאַנצער לאַגער איז אַוועקגעגאַנגען גראָבן גריבער פאַר די יידן, וועלכע מען וועט היינט אויסענדיקן. ד״ר וואַלאַך איז באַלד אַוועק אין יודענראַט און איבערגעגעבן די דאָזיקע שרעקלעכע ידיעה. אין עטלעכע מינוטן האָבן שוין די יידן אין געטאָ וועגן דעם געוווּסט און עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע בהלה.

עטלעכע יידן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַ גרופּע דרייסטערע האָבן באַשלאָסן זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. ווי מיט אַן אייזערנעם רינג זענען שוין געווען אַרומגערינגלט, דורך אוקראַיִנישער פּאָליציי און געסטאַפּאָ־לייט, אַלע גאַסן, וואָס גרענעצן זיך מיטן געטאָ. באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ אַ מחנה געסטאַפּאָווצעס און צונויפגעטריבן אַלע יונגע פרויען צום הויז פון משה מלכה מעניס. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעשליידערט אין קעלער אונטער דעם הויז. אין קעלער האָבן די מערדער פריִער אָנגעוואָרפן פיל פעדערן פון יידיש בעטגעוואַנט, אונטערגעצונדן די פעדערן און פאַרשלאָסן דעם קעלער.

עד לב השמים האָבן דערגרייכט די געשרייען פון די לעבעדיקערהייט גע־ברענטע יידישע פרויען. אַ צווייטע גרופּע תלינים האָט, שלאָגנדיק מערדערלעך די מענער, זיי געטריבן צום שאָסיי.

באַלד נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע״, האָט אָנגעהויבן ברענען דאָס הויז פון וואָלף וואַסערמאַן. דאָס האָט משה קראַסנאָסטאַווסקי אויס־געפירט זיין צוזאָג. פאַרריגלענדיק די טירן, האָט ער אויסגעגאָסן בענזין און אים אונטערגעצונדן. דאָס פייער האָט שנעל אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע הויז און, אַרויס־רייסנדיק זיך דורך די פענצטער, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף די שכנישע געביידעס.

באַלד האָט אָנגעהויבן ברענען דאָס הויז פון ליאָווע דעם שניידער (גייפמאַן) און עס איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ וואַנט פון פייער, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין

טייל שולגאַס פון דער צווייטער. דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שוין דאָס גאַנצע געטאָ געשטאַנען אין פלאַמען.

די מערדערס זענען געצווונגען געווען זיך אַרויסצוציִען פון געטאָ. זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פון ווייטנס פון די ברענענדיקע הייזער און געכאַפּט די יידן, וואָס האָבן, אין גרויס שרעק, זיך געוואָלט ראַטעווען פון פייער. אַ סך יידן, דער־זעענדיק די מערדערלעכע פּנימער פון די דייטשן און אוקראַיִנער, מיט זייערע ביקסן אָנגעשטעלט אויף די יידן, האָבן זיך געוואָרפן צוריק, אויסקלייבנדיק בעסער דעם טויט אין די פלאַמען פון ברענענדיקן געטאָ, איידער פון די הענט פון די דייטשע און אוקראַיִנישע מערדער.

לויט דעם עדות זאָגן פון אוקראַיִנער און פּאָליאַקן, וועלכע זענען בייגעווען בשעת דער ליקווידאַציע, איז דעם טאָג געלונגען די מערדערס אויסצוכאַפּן בלויז זייער אַ קליינע צאָל יידן, וועלכע זיי האָבן אָוועקגעפירט צו די גריבער און דאָרט זיי דערשאָסן. פיל יידן זענען דעם טאָג פאַרברענט געוואָרן און אַ גרויסע צאָל יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין די קעלערס פון שלאָס און אויף דעם בית־עולם.

דעם צווייטן טאָג זענען אויף דעם אָרט פון געוועזענעם געטאָ געלעגן הויפנס ציגל און טליִענדיקע געהילצער. די גויִים פון דער נייער שטאָט און זאַראָוויע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שׂריפה פון געטאָ און באַדויערט, וואָס דאָס יידישע פאַרמעגן גייט אָוועק מיטן פייער, אַנשטאָט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט. זיי האָבן אָבער נישט רעזיגנירט פון געדאַנק זיך צו באַרייכערן אויף דעם חשבון פון די אומ־גליקלעכע יידן, און נאָך אַ סך חדשים נאָך דער ליקווידאַציע האָט מען געקענט זען, ווי די גויִים גראָבן צווישן די חורבות פון געטאָ און ברעכן די איבערגעבליבענע ווענט, זוכנדיק יידישע אוצרות.

די פולקאָמע ליקווידאַציע פון די קאָרעצער יידן האָט נאָך געדויערט עטלעכע וואָכן נאָך דער „אַקציע״. יעדן טאָג האָט מען געבראַכט אין דער פּאָליציי איינציקע יידן, וועלכע די פּאָליציי, מיט דער הילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, האָט אויסגעפונען. אייניקע אוקראַיִנער האָבן אַליין געבראַכט די יידן, וועמען זיי האָבן צוגעזאָגט אויסצובאַהאַלטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן פון די יידן אויסגעפּרעסט דעם לעצטן חפץ, זיי איבערגעגעבן צו דער מאַכט.

עס זענען געווען פאַלן, ווען די גויִים האָבן אַליין דערמאָרדעט די יידן. דוד פּערל האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פויער אין דאָרף מאַראַזאָווקע. ווען דער פויער האָט ביי אים צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער מיט אַ האַק דער־הרגעט דודן מיט זיין פרוי צירל און אַ מיידעלע פון אַ יאָר 8 און זיי באַגראָבן ביי זיך אין שטאַל. אַזוינע פאַלן זענען געווען אַ סך. די יידן, וואָס מען האָט געבראַכט אין דער פּאָליציי, זענען ביי נאַכט אַרויסגעפירט געוואָרן הינטער דער שטאָט, אָדער אין שלאָספּאַרק, און דאָרט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. אַזוי אַרום איז אַפילו נישט באַקאַנט דאָס פּלאַץ ווו זייער געביין געפינט זיך. (אינזשיניער מ. גילדענמאַן: „חורבן קאָרעץ״, פּאַריז 1949, ז״ז 14 — 16).

די „אַקציע" סוכות אין טאָמאַשאָוו

אין יאָר 1941 ווערט איינגעפירט אַ געטאָ פאַר די יידן אין טאָמאַשאָוו. די ימים־נוראים פון יאָר 1941 דערנענטערן זיך. די שולן און בתי־מדרשים זענען פאַרברענט, האָבן יידן זיך פאַרזאַמלט אין פּריוואַטע שטובן און געמאַכט מנינים.

די פאָלקסדייטשן, וואָס האָבן גוט געקענט די יידישע ימים־טובים, האָבן נאָכשפּיאָנירט צו זען, וואָס די יידן טוען אין די טעג פון גרויסן יידישן יום־טוב. זיי האָבן, מיט דער הילף פון דער פּוילישער פּאָליציי, געמאַכט אין סוכות אַן „אַקציע", גראָד ווען די יידן האָבן געדאַוונט. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די יידן אין די טליתים און מיט די טליתים האָבן זיי געמוזט קערן די גאַסן. די ייִנגערע מענטשן, אין דער צאָל פון עטלעכע הונדערט, האָט מען פאַרזאַמלט אויף איין פּלאַץ, און אונטער דער באַוואַכונג פון דייטשער און פּוילישער פּאָליציי האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף 4 קילאָמעטער הינטער טאָמאַשאָוו, קיין זאַוואַדאַ.

אָקטאָבער 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע גרויסע אויסזידלונג פון דעם געטאָ טאָמאַשאָוו. אַ גרויסער טייל האָט געפּרוווט ראַטעווען זיך מיט די פאַמיליעס, דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשריבן צו אַרבעטן אין די שאָפּס. עס האָט געהייסן, אַז פאַמיליעס פון די שאָפּ־אַרבעטער וועלן זיך ראַטעווען. אָבער ס'איז אַנדערש געשען: מ'האָט פאַרזאַמלט אַלע שאָפּ־אַרבעטער צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, דאַן האָט מען געהייסן די מענער זאָלן זיך שטעלן אויסער דער ריי, אויף דער אַנדערער זייט, און די פרויען מיט די קינדער האָט מען גענומען צום טראַנספּאָרט און זיי אַוועקגעשיקט אין טרעבלינקע. אַ סך מענער זענען אַריבער צו זייערע פאַמיליעס און צוזאַמען מיט פרוי און קינדער געגאַנגען דעם לעצטן וועג.

אַ טייל יידן זענען געבליבן אין זייערע שטובן. דאָס רוב פון זיי זענען געווען רעליגיעזע יידן און זיי האָבן באַשלאָסן אומצוקומען אויפן אָרט, אין זייערע וווינונגען. ווען די געסטאַפּאָ האָט זיי געוואָלט אַרויסטרייבן צו דער אויסזידלונג, האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און זיך נישט געוואָלט רירן פונעם אָרט. אַזוי האָט מען זיי דערשאָסן אין זייערע וווינונגען. אַ סך פון זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין קיטל מיט טלית און תפילין, די מענטשן האָט מען אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער אויסזידלונג קובר געווען אויפן יידישן בית־עולם.

אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער אויסזידלונג האָט מען דערציילט אַזאַ געשיכטע:

בשעת דער „טראַנספּאָרט" איז געגאַנגען צו דער באַן און איז פאַרבייגעגאַנגען דעם יידישן בית־הקברות, איז פון דער ריי אַרויסגעשפּרונגען אַ רעליגיעזער ייד יוסף פישאַץ, און געלאָפן צום טויער פון בית־הקברות. די דייטשן האָבן אויף אים געשאָסן און ער איז געבליבן ליגן אין טויער פון בית־הקברות. אויפן אַנדערן

טאָג, ווען מ׳האָט צונויפגענומען די קרבנות צו דער קבורה און מען האָט גענומען דעם קרבן יוסף פּישאַץ אויסצוטאָן די קליידער, האָט מען דערזען, אַז אונטער דעם מאַנטל האָט ער געהאַט אָנגעטאָן טלית און תפילין און מען האָט אים מיט זיי קובר געווען. (גבית עדות פון וואָלף גאַרפינקל פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי, אויפגענומען דורך ישׂראל באַרנשטיין, כתב־יד אין ייִוואָ, ניו־יאָרק).

סוכות אין ווילנער געטאָ אין יאָר 1942

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי דערציילט, אַז יידן האָבן אויפגעשטעלט סוכות אין ווילנער געטאָ.

איייניקע יידן האָבן אויפגעשטעלט סוכות פון ברעטער און טירן. אַלס סכך האָבן געדינט צווייגלעך, וואָס יידן האָבן געבראַכט פון דער אַרבעט אויף די קאָ־מאַנדאָס. אין געטאָ אין אויך געווען אַן אתרוג מיט אַ לולב, געפונען אין אַ חרובער שטוב. דעם ערשטן אָקטאָבער 1942, דעם פערטן טאָג חול־המועד סוכות איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער קצבישער קלויז אַ שׂמחת־בית־השואבה־פייערונג. דער רעליגיעזער לערער אליעזר גאָלדבערג האָט גערעדט אויף דער טעמע: ווייִן, וואַסער און טרערן, און דער חזן אידעלסאָן האָט געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים.

שׂמחת־תורה האָבן קינדער געטראָגן פענדעלעך, מיט טירעלעך וואָס עפענען זיך צום אָרון־קודש. די פענדעלעך זענען געפונען געוואָרן אין די חרובע ביכער־האַנדלונגען פון פונק, ראָזענטאַל, מאַזע. עס זענען אויך געווען שׂמחת־תורה־פענדעלעך פון געטאָ־פּראָדוקציע.

צו יזכור פלעגן די שולן זיין איבערפולט. מענטשן האָבן זיך געפרעגט:

— ווער וועט זאָגן נאָך אונדז אַ מאָל יזכור?

*

הערמאַן קרוק שרייבט:

די ווילנער רעליגיעזע יידן האָבן אויפגעשטעלט אין געטאָ דריי סוכות, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ווי גאָט האָט געבאָטן, אַפילו צוגעדעקט מיט גרינס, וואָס מען האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג געבראַכט פון וואַלד... (ד״ר מאַרק דוואָר־זשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז 1948; הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״, ייִוואָ, ניו־יאָרק 1961, ז׳ 354).

עטלעכע קהילות מיט איין אתרוג

אין אונגאַרן און אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז די לאַגע פון די יידן אין דער ערשטער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ ביסל בעסער ווי דער

מצב פון די יידן אין פוילן און גאַליציע. דאָרט האָבן יידן נאָך געקענט מאַכן סוכות און אַפילו געהאַט אַן אתרוג פאַר עטלעכע קהילות.

אַט איז אַ בריוו, וואָס איז געפונען געוואָרן אינעם אַרכיוו פון הרב ר׳ מיכאל דוב ווייסמאַנדעל.

דער בריוו איז דאַטירט: „יום ב׳ לס׳ דברים תש״ד״.

מיר גיבן דעם בריוו פאַרקירצט, אין דער יידישער איבערזעצונג:

„צו הרב ר׳ ברוך משולם... אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, בעט איך תיכף צו שיקן דורך דעם שליח, אָדער דורך אַן אַנדערן אופן, אַ כשרן אתרוג און כשרע הדסים, און אויב מעגלעך אויך אַ נייעם לולב.

מיר דאַ דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר יעדן טאָג, וואָס ער לאָזט אונדז לעבן, און אויב מיר וועלן זוכה זיין, אַז השם יתברך זאָל אונדז לאָזן לעבן ביז דעם קומענדיקן סוכות, וועלן מיר דאַנקען דעם אויבערשטן מיט די ארבעה מינים, און אויב עס וועט זיין בלויז איין אתרוג, וועלן מיר אים אַרומשיקן אין דער גאַנצער מדינה, אַזוי ווי מיר האָבן געטאָן פאַר אַ יאָרן און טויזנטער יידן האָבן געבענטשט אויף איין אתרוג און האָבן געוויינט מיט דמעות שליש״... (דער בריוו איז געדרוקט אינעם זשורנאַל „בית יעקב״, ישׂראל, נומער 14, תמוז תשכ״ג — 1963).

יידן בויען אין געהיים אַ סוכה אין בענדין

יידן זענען געגאַנגען אויף מסירת־נפש און האָבן אין געהיים געבויט סוכות.

אַזאַ געהיימע סוכה האָבן די יידן געבויט אין בענדין, דערציילט דוד ליור:

יום־כיפור האָבן מיר זיך געווענדט צו לאַרענצן, דעם אָנפירער פונעם אַר־בעטס־לאַגער, ער זאָל אונדז אין דעם טאָג באַפרייען פון דער אַרבעט. נאָך שווע־רער מי האָט ער מסכים געווען, אַז מיר זאָלן אַרבעטן בלויז ביז צוועלף אַ זייגער ביי טאָג.

נאָך דער אַרבעט האָבן יידן געדאַוונט בציבור.

געווען יידן אין לאַגער, וואָס האָבן געזאָגט, אַז פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועלן זיי נישט אַרבעטן אין יום־כיפור. מיר האָבן די דאָזיקע יידן באַהאַלטן, דער אויפזעער איבערן אַרבעטס־לאַגער זאָל זיי נישט זען.

דאָ דאַרף דערציילט ווערן וועגן דעם ייד פּינטשע שטייער, דער זון פון משה שטייער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער צעירי אגודת ישׂראל אין בענדין.

אין יאָר תש״ב (1942) איז ער פאַרשיקט געוואָרן אינעם אַרבעטס־לאַגער אין אויבערשלעזיע. ער האָט געלעבט פון טרוקן ברויט און וואַסער. ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין טריפהנע מאכלים. עס איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

ער איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן פון דער צוואַנגסאַרבעט און איז צוריקגע־

קומען קיין בענדין. אָבער אַ חודש נאָך דער אויסזידלונג האָבן אים די דייטשן געכאַפּט אין געטאָ, ווען ער איז אַרויס פונעם בונקער זוכן אַ ביסל וואַסער.

די דייטשן האָבן אים געפּייניקט ער זאָל אָנווייזן ווו זיין בונקער איז, אָבער ער האָט דעם בונקער נישט געוואָלט אַנטפּלעקן. אין זיין בונקער זענען געווען זיין פרוי און קינדער, און ער האָט ווייטער געזאָרגט וועגן דער עקזיסטענץ פון זיין פרוי און קינדער.

פּינטשע אַליין איז געבליבן אינעם אַרבעט־לאַגער אין בענדין. ער איז געווען דער איינציקער אינעם לאַגער, וואָס האָט זיך נישט צוגעהערט צו די באַפעלן פונעם לאַגער־אויפזעער בעת דעם „אַפּעל" אין דער פרי. ווען יעדער איינער האָט געדאַרפט שטיין אויפן פּלאַץ, איז פּינטשע נישט געווען, ער האָט דעמאָלט געדאַוונט...

איין מאָל, ווען מיר זענען געשטאַנען נאָך מיטאָג אין דער ריי, גרייט צוריק־צוגיין צו דער אַרבעט, איז פּינטשע נישט געווען. נאָך אַ סך זוכענישן האָבן מיר אים געפונען זיצן אויפן בוידעם פון הויז אין אַ סוכה, וואָס ער האָט זיך אַליין אין געהיים אויסגעבויט (עס איז דעמאָלט געווען סוכות), און ער האָט געזאָגט אויף אַ קול די „אושפּיזין"...

פּינטשע איז דערנאָך באַשטראָפט געוואָרן מיט זיצן זיבן טעג אין אַ טונקעלן און קאַלטן קעלער. זיין שפּייז איז געווען ברויט מיט וואַסער. ווייזט אָבער אויס, אַז ער האָט זיך נישט שטאַרק מצער געווען דערפון. די גאַנצע זיבן טעג, וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה, האָט ער געזאָגט תהילים אויפן קול און חוזק געמאַכט פונעם אויפזעער פון אַרבעטס־לאַגער. (דוד ליור: „ספר בנדין בחורבנה עיר המתים", תל־אביב, תש"י — 1950).

געהיימע סוכה אין אַרבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו

אינעם אַרבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו, לעבן קראָקע, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ גרויסע הריגה אין דער ערשטער נאַכט סוכות פון יאָר תש"ד (1943).

די דייטשן האָבן יעדן יום־טוב געפּאַדערט פון אונדז קרבנות, און דאָך, וועגן וואָס האָבן געזאָרגט די יידן, וואָס זענען געבליבן לעבן? זיי האָבן געטראַכט כל מיני תחבולות ווי אַזוי מקיים צו זיין די מצווה פון זיצן אין דער סוכה און צו מאַכן די ברכה „שהחיינו" און זאָגן „זמן שמחתנו".

אין דער ערשטער נאַכט סוכות האָט זיך געצויגן אַ געהיימער מאַרש אין אינעם פון די ווינקלען פונעם לאַגער. וווהין איז געגאַנגען די געהיימע מחנה?

צו דער סוכה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן „האַלץ־פּלאַץ" פונעם לאַגער.

די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אָפּטייל, האָבן אויפגעבויט ביי

טאָג אַ „באַראַק" צו באַהאַלטן די אַרבעטס־כלים. דער „באַראַק" איז געווען אָן אַ דאַך, נאָר באַדעקט מיט כשרן סכך, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון די דינע שפּענדלעך פון די אָפּגעהובלטע ברעטער.

צו דער דאָזיקער סוכה האָבן זיך געצויגן אַלע לאַגער־אַרעסטאַנטן.

די בשורה איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. די יידן האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו פאַרלאָזן זייערע באַראַקן און גיין צו דער געהיימער סוכה.

אויך איך בין געווען צווישן די, וואָס זענען אַהין געגאַנגען.

בלויז איין רגע האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין דער געהיימער סוכה. איך האָב געמאַכט אַ „שהחיינו" און בין אַרויס פון דער צווייטער זייט. איך האָב זיך לענגער דאָרט נישט געקענט אויפהאַלטן, ווייל דער געהיימער מאַרש האָט זיך ווייטער געצויגן און הינטער מיר זענען געשטאַנען אַנדערע יידן און געוואַרט אַריינצוגיין אין דער סוכה און צו מאַכן אַ „שהחיינו"... (גבית עדות פון שמואל ליפשיץ, געדרוקט אינעם ספר „אלה שלא נכנעו" פון משה פּראַגער, הוצאת „נצח", 1963).

יידן בויען אַ סוכה אין לאַגער „וואַרטאַ"

הרב חיים פּנחס לובינסקי, איינער פון די שארית הפליטה, וואָס איז געווען רב אין פּליטים־לאַגער אין האַנאָווער, האָט איבערגעגעבן:

אין דער געגנט פון טשענסטאָכאָוו האָבן זיך געפונען עטלעכע געווער־פאַבריקן, ווו יידן האָבן געאַרבעט שקלאַפן־אַרבעט.

די אַרבעטס־פּונקטן זענען געווען: האַסאַג, טשענסטאָכאָוו, פּעלצערן און וואַרטאַ. דאָרט האָבן זיך געפונען אָרגאַניזירטע יידישע גרופּעס.

עטלעכע פון דער דאָזיקער גרופּע אין לאַגער „וואַרטאַ" איז געלונגען אין יאָר תש"ד (1943) אויפצושטעלן אַ סוכה אונטער דער נאָז פון די ס־ס־לייט און פון „ווערק־שוץ", דאָס מיינט די לאַגער־היטער, וואָס זענען באַשטאַנען פון אוקראַינער און האָבן געדינט די נאַציס.

די סוכה איז אויפגעשטעלט געוואָרן דווקא אין דעם וואַך־קעמערל פון דער ס־ס. אין איינעם פון די ווינקלען פון דעם לאַגער האָט זיך געפונען אַ ליידיק וואַך־קעמערל, וואָס איז נישט באַנוצט געוואָרן. די דייטשן האָבן צוגעגרייט אַ גרויסע צאָל וואַך־קעמערלעך. און פון אָט דעם פאַרלאָזענעם וואַך־קעמערל האָבן מיר אַראָפּגעריסן דעם דאַך. פאַר סכך האָבן מיר גענוצט די שטרוי, וואָס מיר האָבן אַרויסגעצויגן פון די שעניקעס פון אונדזערע פּריטשעס. מיר האָבן מיט דעם שטרוי צוגעדעקט דעם דאַך.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אונדזערע אַן אייגענע שמירה, צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום און אַז אַ פרעמד אויג זאָל נישט דערזען די געהיימע סוכה.

און אַזוי זענען מיר געזעסן אין דער סוכה גאַנץ סוכות און ס׳איז גאָרנישט געשען. (גבית־עדות פון הרב פנחס לובינסקי, געדרוקט אינעם בוך „אלה שלא נכנעו״ פון משה פראַגער, הוצאת „נצח״ 1963, ז״ז 151 — 152).

געהיימע סוכה פאַר איין מענטשן אין אַ לאַגער

אברהם יעקב קאָלסקי דערציילט ווי די יידן האָבן אויפגעשטעלט אַ געהיימע סוכה אינעם לאַגער. ער שרייבט:

אויף די ימים־נוראים האָבן מיר געהאַט מנינים. איך אַליין האָב געדאַווענט שחרית ביי אַ גרויסן עולם. אַ שופר האָבן מיר אויך געהאַט. דער רב אַליין האָט אים אויסגעאַרבעט פון אַ האָרן, וואָס אַ קריסט האָט אים געבראַכט.

סוכות האָט דער רבי אויפגעשטעלט אַ קליין סוכהלע אין אַ באַהאַלטענעם אָרט, נאָר פאַר איין מענטש. איינציקווייז זענען מיר אַריין, געמאַכט אַ „לישב בסוכה״, אַ „שהחיינו״ און געגעסן אַ כזית. (אברהם יעקב קאָלסקי, „ספר סקער־ניעוויץ״, תל־אביב, תשט״ז — 1956, ז׳ 521).

סוכות אין די פּינסקער וועלדער

סוכות פון יאָר תש״ד (1943) זענען מיר געזעסן אין סוכות אין די פּינסקער וועלדער, אינעם וואַלד ניגאָושעץ, נעבן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער פונעם אָפּטייל „קאַשטשושקאָ״, וואָס זייער קאָמאַנדיר איז געווען אַן אַסימילירטער ייד, מיטן נאָמען פּאַניסעוויטש, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערווילן צו די רעשטלעך יידן, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגענומען.

די דייטשן האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן ליידן מפּלות, אָבער אָפּט מאָל פלעגן זיי מאַכן אויף אונדז לופט־אַטאַקעס. בעת אַזעלכע אַטאַקעס פלעגן מיר זיך צעשפּרייטן צווישן דיביימער.

איך געדענק אַזאַ לופט־אַטאַקע נעבן דאָלסק, מיר זענען אַנטלאָפן פון די סוכות. („ספר וולאדימרץ״, רעדאַקטאָר אהרן מאירוביץ, ישראל, ז׳ 334).

אַ לולב און אתרוג און אַ סוכה אין אוישוויץ

אַ לאַנגע צייט פאַר סוכות האָב איך זיך געזאָרגט ווי אַזוי מקיים צו זיין די מצווה פון זיצן אין סוכה און בענטשן אתרוג אין אוישוויץ.

עס איז געווען גוט באַוווסט, אַז די היטערס אין לאַגער דערלאָזן נישט די יידן זאָלן מקיים זיין אַ יידישער מצווה און ווער עס איז דערביי געכאַפּט געוואָרן, איז עלול געווען גלייך אויפן אָרט דערהרגעט צו ווערן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַראַ שוועריקייטן עס זענען געווען פאַר אַ ייד, וואָס האָט געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון בענטשן אתרוג און זיצן אין אַ כשרע סוכה אין אוישוויץ.

און דאָך איז מיר געלונגען מקיים צו זיין ביידע מצוות מיט גרויס מסירת־נפש און עס איז מיר קיין שלעכטס נישט געשען.

איר וועט מסתמא פרעגן: ווי אַזוי האָט מען געקאָנט מען אין אוישוויץ קריגן אַ לולב מיט אַן אתרוג?

אַ ייד פון לאָדזש איז געלונגען אויף אַ מאָדנעם אופן אַריינצוברענגען קיין אוישוויץ אַ פאַריאָריקן לולב מיט אַן אתרוג, ווען ער איז אַהין פאַרשיקט געוואָרן פאַר סוכות.

ערבות האָב איך געשניטן ביים טייך, וואָס איז געפלאָסן נאָענט צום לאַגער, אַזוי האָבן איך געהאָט דריי מינים, אַחוץ הדסים...

איך האָב די דריי מינים בסוד סודות געבראַכט צו די יידן, וואָס האָבן געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון בענטשן אתרוג אַפילו אין זייער אומגליקלעכן מצב.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די גרויסע שמחה, וואָס ס'האָט אַרומגענומען די יידן, בעת זיי האָבן גענומען דעם לולב מיטן אתרוג אין דער האַנט אַריין איבער זיי צו בענטשן מיט גרויס כוונה, טראָץ דעם, וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער סכנה...

ס'איז טאַקע נישט געווען מער ווי דריי מינים, אָבער מיר האָבן זיך סומך געווען אויף דער דעה וואָס זאָגט, אַז בשעת הדחק, אויב עס פעלט איין מין פון די ארבעה מינים, בענטשט מען אויף דריי מינים.

אויך די מצווה פון זיצן אין סוכה איז אונדז געלונגען מקיים צו זיין.

עטלעכע יידן האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער ביים פאַרריכטן בעטן און בענקלעך, האָב איך מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן ברענגען עטלעכע ברעטער און איך האָב געמאַכט אַ סוכה, פאַר סכך האָב איך גענומען זעגעכץ פון ברעטער.

אָבער דאָס זיצן אין דער סוכה איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפש ממש. די עס־עס־לייט זענען כסדר דורכגעגאַנגען נעבן דעם אָרט, קאָנטראָלירן צי די יידן אַרבעטן פלייסיק, און ווען זיי האָבן געכאַפּט אַ ייד, וואָס האָט נישט געהערט צו דאָרטיקע באַשטימטע אַרבעטער, האָט אים דערוואַרט אַ גאַר שווערע שטראָף.

און דאָך האָבן אַ סך יידן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, זיי האָבן גענומען אַ „כזית״, זיי זענען אַריין אין דער „סוכה״, כדי צו מאַכן די ברכה „לישב בסוכה״ און באַלד אַרויסגעלאָפן.

זיי האָבן טאַקע געכאַפּט מיין זון בשעת ער איז געזעסן אין דער סוכה און האָט געגעסן אַ כזית ברויט. זיי האָבן אים מערדערלעך געשלאָגן, נאָר על פי נס איז ער געבליבן לעבן. (הרב צבי הירש מייזליש: „שו״ת מקדשי השם״, (שער

מחמדים), שיקאַגאָ, תשי״ג — 1955 ז׳ 14. איבערגעדרוקט אין אַ פּאַרגרעסערטער פּאָרעם, „בית־יעקב״־זשורנאַל, בני־ברק, ישׂראל, ערב ראש־השנה, תש״ך — 1960, ז׳ 13).

דער אויפשטאַנד אין סאָביבאָר אין סוכות 1943

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר מוזן מאַכן דעם אויפשטאַנד צום אָנהייב נישט מיט קיין הייס געווער, כדי ס׳זאָל נישט זיין באַלד קיין אַליאַרם. אין לאַגער האָבן זיך געפונען אויסער 30 ס.ס.־באַנדיטן, אויך 150 אוקראַאִינער געהילפן. אַן אָפענער קאַמף מיט זיי באַלד אין אָנהייב, האָט געהייסן נישט האָבן די מינדעסטע שאַנסן אַרויסצוגיין לעבעדיק פון דעם קאַמף. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט זיך ראַטעווען, אַנטלויפן, ווען דאָס וועט נישט געלונגען, איז כאָטש נישט ווערן פאַרברענט אין גאַזקאַמער, נאָר פאַלן מיט דעם געפיל, אַז מיר האָבן עפּעס פּרובירט טאָן קעגן די בעסטיעס.

מיר האָבן געקענט די 30 ס.ס.־לייט. דער פּלאַן איז געווען, אַז ווען 10 פון די געפערלעכסטע בעסטיעס וועלן זיי אויף אורלויב, דאַן וועלן מיר דאָס דורכפירן. ספּעציעל האָבן מיר געמוזט וואַרטן ווען דער שרעקלעכער ס.ס.־מאַן גוסטאַוו וואַגנער וועט נישט זיין. ביז עס איז געקומען דער טאָג און ער איז אַוועק צוזאַמען מיט נאָך 9 ס.ס.־לייט אויף 2 וואָכן אורלויב. האָבן מיר געהאַט אַ באַראַטונג און באַשלאָסן: אַצינד אָדער קיין מאָל נישט!

ס׳איז געווען ערב סוכות תש״ג. מיר זענען געווען צען פּערזאָן. יעדער איינער פון אונדז האָט געדאַרפט זיך אויסקלויבן 5 — 6 מענטשן און זיי איבערגעבן וואָס עס גרייט זיך, זיי זאָלן זיין גרייט. מיר האָבן אויסגערעכנט דעם קאַמף אָנצוהויבן 4 נאָך מיטאָג, כדי מיר זאָלן האָבן פאַר זיך די פינצטערע נאַכט. ס׳איז אויך געוואָרן אַריינגעצויגן, נאָך לאַנגע באַמיִונגען, דער בערלינער ייד מיטן נאָמען שוואַרץ. ער איז געווען עלעקטראָ־מעכאַניק און אָנגעפירט מיט דער עלעקטראָווניע, וואָס האָט באַלויכטן דעם לאַגער. עס האָט געדאַרפט איבעררייסן די באַלויכטונג פון לאַגער באַלד נאָך דעם, ווי ער וועט באַקומען אַ סיגנאַל, אַז מען האָט געהרגעט דעם ערשטן באַנדיט. אין אַלע וואַרשטאַטן און אין די מאַגאַזינען, און ביים האָלץ האַקן, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אַרבעטער (און אַלע זענען געווען יידן), איז געווען אָפּגערעדט, ערשטנס, אַז ווען ס׳קומט צו אַן ס.ס.־מאַן — גלייך פאַרשטאָפּן אים דעם פּיסק און זיך מיט אַלע כוחות באַמיִען אים קאַלט צו מאַכן אויף שטיל, זיך באַמיִען צו באַהאַלטן זיין נבלה און פאַרווישן די שפּורן. ס׳זענען אויך געווען צוגעגרייט רעזערוו־פּאָסטנס. ס׳זענען פריִער גוט צוגעגרייט געוואָרן שאַרפע מעסערס און העק. די „האַסלאָ״ פאַר די 70 — 80 מענטשן איז געווען: זיך געבן אַ וויש מיט דער צונג איבער די ליפּן.

ס׳איז דער ערשטער טאָג סוכות, תש״ד 1943. ביי דעם אַפּעל 3 נאָך מיטאָג

איז געקומען די „האַסלאַ״, און אַלע האָבן זיך געשטעלט אויף די פּאָסטנס. אין דעם שניידער־וואַרשטאַט, ווו מען האָט געאַרבעט בלויז פאַר די ס.ס.־לייט, האָבן געאַרבעט 10 יידישע שניידער, צווישן זיי 4 ברידער פון וואַרשע (זייער נאָמען האָב איך פאַרגעסן), האָבן זיי דעם יינגסטן ברודער אַוועקגעשיקט רופן דעם הויפּט פון לאַגער, אויבערשטורמפירער נימאַן, וואָס האָט זיך געמאַכט אַן אַנצוג, קומען מעסטן דעם אַנצוג, ער זאָל אים האָבן צו זיין נאָענטסטן אורלויב. ער איז געקומען צו רייטן אויף אַ ווייס פערד. ווען ער איז אַראָפּ פון פערד, און אַריין אין וואַרשטאַט, האָט דאָס זעלבע יינגל וואָס האָט אים גערופן — אַוועקגעפירט צוריק דאָס פערד אין שטאַל אַריין, כדי עס זאָל נישט שטיין דאָ, און אַרויסרופן די אויפמערקזאַמקייט פון די רעשט דייטשן. (הערשל צוקערמאַן: „פון קאַריוו קיין סאָביבאָר און דער אויפשטאַנד״, „יזכור־בוך קאַריוו״, רעדאַקטאָר משה גראָסמאַן, אַרויסגעגעבן דורכן אירגון יוצאי קוריב אין ישׂראל, תל־אביב 1955, ז״ז 605—608).

דער שׂמחת־תורה־טאַנץ אין וואַרשעווער געטאָ

דאָס איז געווען דער לעצטער שׂמחת־תורה אין וואַרשעווער געטאָ. שׂמחת־תורה פון יאָר תש״ד (1943). בלויז 40—50 טויזנט יידן פון דעם גרויסן קיבוץ פון אַ האַלבן מיליאָן יידן זענען געבליבן אין וואַרשע.

אַן אַנדערטהאַלבן מנינים יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער וווינונג פון הרב ר׳ מנחם זעמבאַ צו מאַכן „הקפות״ און צו דאַווענען. פאַרן לייענען האָט מען אַרויסגענומען די ספר־תורהס פון אָרון־קודש, מ׳האָט געמאַכט הקפות אַרום דעם טיש. אַלע זענען געווען צעבראָכענע מענטשן, אומגליקלעכע נפשות, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע משפחות, דאָס האַרץ איז געווען פול מיט טרויער. די טראַדי־ציאָנעלע פסוקים, וואָס מ׳פלעגט אַ מאָל זיי אויסזינגען, זענען געזאָגט געוואָרן מיט געוויין.

צווישן די מתפללים איז אויך געווען יהודה לייב אָריאַן, דער גרויסער פּעדאַגאָג, וועלכער איז געווען דער פירער פון דער שול פאַר לערערינס „בית יעקב״. אויך ער איז געווען פאַראָבלט, זיין פרוי און זיינע קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

פּלוצעם איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ יינגעלע. ער איז אַלט געווען אַ צוועלף יאָר. דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר אַלעמען. עס זענען שוין דעמאָלט מער נישט געווען קיין קינדער אין געטאָ, אַלע זענען זיי פאַרברענט געוואָרן אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע.

דאָס קינד איז געשטאַנען אַליין, ס׳האָט גענומען אַ סידור און אָנגעהויבן מיט אונדז מיטצודאַווענען.

ווען די מתפללים זענען שווער געגאַנגען מיט די ספר־תורהס אַרום דעם

טיש, ווי זיי וואָלטן געמאַכט הקפות, האָט ר׳ יהודה לייב אַריאַן געגעבן אַ כאַפּ דאָס ייִנגעלע, אים צוגעדריקט צו זײַנע אָרעמס צוזאַמען מיט דער ספר־תורה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, ער האָט זיי ביידן געדריקט צו זײַן האַרץ און ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַען מיט אַ קול, וואָס האָט צעבראָכן די הערצער: „אַ קליין ייִדעלע מיט דער הייליקער תורה״! ער האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ חסידישן התלהבותדיקן טאַנץ און ער האָט כסדר געשריען: „אַ קליין ייִדעלע מיט דער הייליקער תורה״!...

די מענטשן אַרום זענען באַגײַסטערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן בילד און פון זיך אַליין געשאַפן אַ ראָד אַרום די דריי: דעם גרויסע פּעדאַגאָג מיטן קינד און דער ספר־תורה.

דאָס איז געווען דער לעצטער טאַנץ אין לעצטן שׂמחת־תורה פון די לעצטע ייִדן אין וואַרשע... (פון דער הקדמה צום ספר פון יהודה אריאל: „בעיות החנוך״, פאַרלאַג „מורשת״, ירושלים, תש״ך — 1960).

שׂמחת־תורה אין ווילנער געטאָ אין יאָר 1943

ז. קאַלמאַנאָוויטש גיט איבער אין זײַן „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״ וועגן דער נאַכט פון שׂמחת־תורה אין יאָר תש״ד (1943) אין אַ שול אין ווילנער געטאָ:

שׂמחת־תורה אין אָוונט בין איך געקומען אויף דער פאַרבעטונג פון רב צו די הקפות אין אַ הויז, וואָס איז פריִער געווען אַ שול און איצטער איז דאָס אַ מוזיקשול. די רעשטלעך ישיבה־בחורים און לערנערס האָבן זיך פאַרזאַמלט. אויך אַ צאָל קינדער. מען האָט געזונגען און געטאַנצט. אויך דער קאָמענדאַנט און זײַנע העלפערס זענען געווען. מען האָט מיך מכבד געווען מיט דער ערשטער הקפה. אויך ה. ק. איז געקומען זען דעם ספּעקטאַקל. איך האָב געזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

„דאָס געזאַנג און דער טאַנץ זענען אַן עבודה. די שׂמחה איז אַ דאַנק דעם וואָס איז גוזר איבער לעבן און איבער טויט. דאָ אין מיטן פון דער קליינער עדה, אין דער אָרעמער און חרובער שול, זענען מיר זיך מצטרף מיט כלל־ישׂראל. נישט נאָר מיט די וואָס זענען דאָ היינט און מיט די וואָס זענען אַוועק אויף יענער וועלט לחיי עולם הבא, מיט דעם קהל פון הייליקע און ריינע, מיט די צענדליקער טויזנטער — נאָר מיט אַלע דורות ייִדן, וואָס זענען געווען פאַר אונדז. מיט דער דאָזיקער שׂמחה, וואָס מיר פרייען זיך היינט, דאַנקען מיר פאַר די פריִערדיקע דורות, די שיינע דורות, וואָס עס איז כדאי געווען צו לעבן אין זיי. מיר פילן, אַז היינט, מיט דעם געזאַנג, זענען מיר מקדש שם שמים, פּונקט ווי אונדזערע אבות אבותינו האָבן דאָס געטאָן. און איך, אַ בלאָנדזשענדיקע ייִדישע נשמה, פיל דאָ מײַנע וואָרצלען. און איר, אין אײַער שׂמחה, פאַר־

דעקט דאָ די זינד פון אַ דור, וואָס גייט פאַרלוירן. איך ווייס, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן. עס שטייט דאָך געשריבן: כימי שמים על הארץ (אַזוי ווי די טעג פון הימל איבער דער ערד). און אַפילו ווען מיר וואָלטן געווען דער לעצטער דור, וואָלטן מיר געקאָנט געבן אַ לויב און זאָגן דיינו, גענוג פאַר אונדז, אַז מיר האָבן זוכה געווען צו זיין די קינדער פון די דאָזיקע! און יעדער טאָג, וואָס הקדוש ברוך הוא גיט אונדז אין זיין גנאָד, איז אַ מתנה, און מיר וועלן זי אָננעמען מיט שׂמחה און געבן אַ דאַנק זיין הייליקן נאָמען".

ווי ש. קאַטשערגינסקי גיט איבער, האָט ער געזען ז. קאַלמאַנאָוויטשן שׂמחת־תורה אין בית־מדרש, ווו ער האָט מיט דביקות געטאַנצט מיט אַ ספר־תורה אַרום דער בימה. (ז. קאַלמאַנאָוויטש: „אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ", ייוו"אָ־בלעטער, באַנד 35, 1951, ז"ז 38 — 39. אויך קאַטשערגינסקיס צוגאָב געפינט זיך דאָרט, ז' 38, אין דער באַמערקונג 81).

שׂמחת־תורה אין קאָוונער געטאָ

הרב אלחנן פּערסאָן דערציילט ווי ישיבה־לייט האָבן געפייערט שׂמחת־תורה אין די וואַרשטאַטן אין קאָוונער געטאָ, ווו זיי האָבן געאַרבעט.

די נאַכט פון שׂמחת־תורה תש"ד (1943) פאַרזאַמלען זיך אַלע ישיבה־לייט, וואָס אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן מיט די לייטונג־מיטגלידער אין בית־מדרש פון די וואַרשטאַטן זיך צו פרייען צוזאַמען מיטן יום־טוב. הרב סניעג שליט"א עפנט די מסיבה מיט מאַכן קידוש, דאַן באַגריסט אין נאָמען פון די ישיבה־לייט דער לייטונג־מיטגליד הרב ר' שמואל מאַראַק, הי"ד. זיינע רייד, וואָס זענען אַ רוף צו לימוד התורה וחיזוק היהדות, באַגייסטערן און רופן אַרויס אַ גרויסע התעוררות ביי אַלע פאַרזאַמלטע. יעדער לייטונגס־מיטגליד זאָגט צו זיין הילף צו החזקת־התורה אין געטאָ. גלייכצייטיק דריקן די לייטונגס־מיטגלידער אויס זייער צער, וואָס זיי אַליין זענען נישט פון די לומדי־התורה, וואָס וואָלט זיי אַ סך פאַרגרינגערט די ליידן און פּיין.

פון די ישיבה־לייט רעדט נאָך שמריה מילנער, הי"ד. מיט ישיבה־ניגונים אין אַ התלהבותדיקן טאַנץ פאַרברענגט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די פייערונג לאָזט איבער אַ ריזיקן איינדרוק אויף אַלעמען. נישט קוקנדיק, וואָס צו יענער צייט איז דער געטאָ געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, ברענגט די שׂמחה אַריין אין געטאָ אַ ליכט פון האָפענונג און בטחון, אַז דעם בלוטיקן שׂונא וועט נישט געלינגען צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער איבער אונדז, אַזוי לאַנג ווי דער בונד צווישן יידן מיט דער תורה האַלט אָן. (הרב אלחנן פּערסאָן, תל־אביב: „די בני ישיבה אין קאָוונער געטאָ", „יידישע שטימע", מינכען, 21סטן נאָוועמבער 1947, ז' 4).

שׂמחת־תורה אין טשענסטאָכאָוו

דאָס איז געווען שׂמחת־תורה פון יאָר 1942. די קליינע צאָל אומאָנער חסידים, די אַזוי גערופענע „טויטע־חסידים”, האָבן געפּראַוועט דעם לעצטן און טראַגישן שׂמחת־תורה אין זייער חברה אויף גאַרנצאַרסקע־גאַס, זינגענדיק: „היום, היום, חיים, מחר, מחר, מת (היינט, היינט לעבן, מאָרגן, מאָרגן טויט). איין טאָג נאָך שׂמחת־תורה איז פאָרגעקומען די פינפטע און לעצטע אויסזידלונג פון די טשענ־סטאָכאָווער יידן קיין טרעבלינקע. (בנימין אָרענשטיין, „חורבן טשענסטאָכאָוו”, אַרויסגעגעבן פון דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, 1948, ז׳ 101).

*

אין אַ פאַבריק „האַראָוויטש און שותּפים”, וווהין מען האָט צוזאַמענגעטריבן יידן, בתוכם מיין פאָטער ר׳ אברהם גליקסמאַן הי״ד, האָט מען דעם זעלביקן שׂמחת־תורה געפּראַוועט הקפות מיט איין איינציקער ספר־תורה. נאָך דעם דאַווענען, האָב איך אָפּראַזירט מיין טאַטנס באָרד, כדי ער זאָל אויסקוקן יינגער. דאָס האָט אָבער נישט געהאָט קיין פּעולה. ער, מיט אַ צאָל אַנדערע יידן, זענען אין אַ געוויסן טאָג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז... (גבית־עדות פון ד״ר וו. גליקסמאַן, פילאַדעלפיע).

שׂמחת־תורה אין ראַדזשיוויל

דעם ערשטן טאָג סוכות האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. די „אַר־בעטנדיקע יידן” האָבן נאָך געדאַוונט סוכות אין דער שול. קיין אתרוג און לולב האָבן מיר מער שוין נישט געהאַט, אָבער מיר האָבן געזאָגט „יזכור” און מיר האָבן געוויינט. מיר האָבן געהערט, אַז די יידן האָבן אונטערגעצונדן דאָס געטאָ אין פּישטשייעוו. שׂמחת־תורה האָבן יידן געוויינט און געטאַנצט מיט די ספר־תורהס.

זונטיק, נאָך שׂמחת־תורה, האָבן מיר אַריבערגענומען אַלע ספרים פון דער קצבים־שול. ר׳ יואל לערנער האָט געפּסקנט, אַז מיר זאָלן אַליין אונטערצינדן די שול און אַליין פאַרברענען אַלע ספר־תורהס, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די דייטשע טמאדיקע הענט, וואָס וועלן פון זיי מאַכן לעדערנע געזעסן פאַר די פערד. די יידן האָבן אַליין פאַרברענט די שול מיט די ספר־תורהס און ספרים און דערביי געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים... (גבית־עדות פון יעקב דאַניק, איינער פון די שארית הפליטה פון ראַדזשיוויל, אויפגענומען פון מיר).

שׂמחת־תורה־טאַנץ אין אַרבעטס־לאַגער פּלאַשאָוו

מרדכי בראַכפעלד דערציילט, ווי אַזוי חסידישע בחורים, גערער חסידים, האָבן געטאַנצט שׂמחת־תורה מיט אַ ספר־תורה אין אַרבעטס־לאַגער אין פּלאַשאָוו:

אין יאָר 1941 האָב איך געוווינט אין וויעליטשקאַ קראַסנאַ (פאַרשטעטל פון וויעליטשקע, אַ שטאָט פון זאַלצגריבער אין פּוילן). דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער אַ צוואַנציק בחורים, גערער חסידים.

זיי זענען געווען פאַרשלאָסן און זיי האָבן עוסק געווען טאָג און נאַכט אין לערנען תורה. מיין שוועסטער האָט פאַר זיי פון צייט צו צייט געקאָכט אַ מאכל פון מייערן און אַנדערע גרינסן. זי פלעגט אַראָפּלאָזן דעם טאָפּ אין קעלער אַריין דורך אַ קליין פענצטערל.

דערנאָך זענען זיי אַלע אַנטלאָפן אין קראָקעווער געטאָ אַריין און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם צעשטערטן בית־המדרש „ביקור חולים".

דאָרט זענען זיי אַנטדעקט געוואָרן דורך דעם וויצע־אויפזעער פון דער „יידי־שער פּאָליציי", משה פּיילער. אָבער אויף אים האָבן די בחורים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסבאַהאַלטן און האָבן קיינעם נישט געזאָגט וועגן זייער באַהעלטעניש.

ווען דאָס געטאָ אין קראָקע איז ליקווידירט געוואָרן, האָב איך זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם פון אַ פאַרלאָזט הויז. די דייטשן האָבן מיך נאָכשפּיאָנירט און זיי האָבן געפונען אין מיין קעשענע אַ חסידישן גאַרטל, און איינער פון די פּאָליציי האָט געזאָגט צו די דייטשן: „דאָס איז אַ חסיד". „אויב אַזוי, וועלן מיר דיך נעמען אין „אוסעמקאַ" (דער צעל נומער 8 פון תפיסה) צו די חסידים". אַזוי האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט דער גרופּע גערער חסידים אין דער תפיסה־קאַמער, וווּ אַלע זענען געהאַלטן געוואָרן ביז זיי וועלן אומגעבראַכט ווערן פון די דייטשע רוצחים. די חסידים האָבן געזאָגט תהילים, זיי האָבן געלערנט אַ שיעור פון אויסנ־ווייניק און האָבן עוסק געווען אין טבילה (ניין מעסטלעך וואַסער אַרויפגעגאָסן אויף זיך) מיט דער הילף פון דער רייניקונגס־שעפּ. אויך די פרייע אַרעסטאַנטן האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיט פאַרערונג, לכתחילה זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלאַכט פון זיי — „משוגעים", אָבער ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט זיי, האָבן זיי דערזען, אַז זיי זענען ריינע נשמות און טיף־גלויביקע.

איין מאָל זענען זיי איבערגעפירט געוואָרן אין פיניקונגס־לאַגער לעבן פּוס־טאַקאָוו. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז אין דעם טאָג איז שׂמחת־תורה, האָבן זיי זיך אַרויסגעגנבעט אין פאַרלאָזענעם בית־מדרש. איינער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און האָט אין געהיים אַרויסגענומען אַ ספר־תורה פונעם לאַגער פון די עס־עס, וווּ אַלץ איז געווען אויסגעלייגט מיט אַ סדר און פאַרשריבן.

די בחורים האָבן געטאַנצט מיט גרויס שׂמחה מיט דער תורה לכבוד שׂמחת־תורה. דער אויפזעער פון אַלע לאַגערן אין דער קראָקעווער געגנט איז געווען דער מוראַדיקער סאַדיסט געט. ער האָט אויפגעגייט רייטהויזן פון אַ צערי־סענעם טלית און די ספר־תורה פאַרמעטן האָט ער באַנוצט פאַר פאַרשידענע שמוציקע אַרבעטן.

זיי, די יונגע חסידים, האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אַרויסצוגנבענען אַ ספר־תורה פון לאַגער און זיי האָבן מיט דער ספר־תורה געטאַנצט מיט אַ חסידישן ברען אין שׂמחת־תורה. („ידיעות יד ושם״, ירושלים, נ׳ 122).

שׂמחת־תורה אין אוישוויץ

שׂמחת־תורה ביי נאַכט האָבן די דייטשן געכאַפּט פופציק יונגע בחורים, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן אין לאַגער אין אוישוויץ און האָבן זיי אַריינגעפירט אין די גאַזקאַמערן.

ווען די בחורים זענען אָנגעקומען אין די גאַזקאַמערן, האָבן די דייטשן זיי געהייסן זיך אויסטאָן, זיי זאָלן אַריינגייך נעמען אַ באָד. אויף אַזאַ אופן האָבן די דייטשן אַריינגענאַרט די יידן אין די גאַזקאַמערן אַריין. אַנשטאָט וואַסער, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט די טויטלעכע גאַז, און ווען די יידן זענען שוין געווען פאַרגאַזט, האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף וועגעלעך אין די ברענאויוונס אַריין און זייערע קערפּערס פאַרברענט.

אָבער די ייִנגלעך האָבן שוין געוווּסט, וואָס עס איז געשען מיט די טויזנטער קינדער, וואָס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן און זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אויסטאָן.

איינער פון די בחורים האָט זיך געווענדט צו די ייִנגלעך:

— היינט איז שׂמחת־תורה, מיר האָבן טאַקע נישט קיין ספר־תורה מיר זאָלן טאַנצן, אָבער דער אייבערשטער איז זיכער מיט אונדז, לאָמיר טאַנצן מיט אים, איידער אונדזערע גופים ווערן פאַרברענט!

און גלייך האָבן אַלע, אין התלהבותדיקן טאַנץ, אָנגעהויבן צו זינגען: „אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו״, און „וטהר לבנו לעבדך באמת״...

די קולות פון דעם געזאַנג האָבן געלעכערט די ווענט פון די גאַזקאַמערן און דערגרייכט ביז צום הימל.

ווען די דייטשע היטער, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן, האָבן דערהערט דאָס געזאַנג פון די ייִנגלעך, זענען זיי געוואָרן מלא כעס קעגן דער יידישער „חוצפה״ צו זינגען און טאַנצן אויף דער שוועל פון טויט. אויף זייער פראַגע, פאַר וואָס זיי זענען אַזוי פריילעך, האָבן די בחורים געענטפערט:

— מיר העלן דאָך סיי ווי פאַרניכטעט ווערן, פרייען מיר זיך, וואָס מיר

וועלן פּטור ווערן פון דער שפלדיקער וועלט און פון אַזעלכע הינט, ווי איר זייט. און נאָך אַ סיבה האָבן מיר צו זיין פריילעך: באַלד וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט אונדזערע עלטערן, וואָס איר האָט דערמאָרדעט...

דער נאַצישער קאָמאַנדיר האָט אַ געשריי געטאָן:

— איך וועל אייך אַנלערנען! אַנשטאָט אייך אומצוברענגען אויף אַ שנעלן אופן, וועל איך פאַרלענגערן אייער גסיסה אויף ווי לאַנג איך וועל קאָנען, איך וועל אייך אַריבערפירן אין אַ באַזונדער אָרט, און דאָרט וועט מען אייך מאַטערן מיט די גרעסטע ענויים און שוידערלעכסטע יסורים!

אָבער די יינגלעך האָבן זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד און זיי האָבן ווייטער געטאַנצט מיט גרויס דביקות.

די דייטשן האָבן גלייך אַרויסגענומען די בחורים פון די גאַזקאַמערן און זיי איבערגעפירט אין אַן אָפּגעזונדערטן בלאָק, כדי דאָרט זיי צו מאַטערן מיט כלערליי ענויים קשים.

אָבער דאָ איז געשען אַ גרויסער נס:

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי זענען געוואָרן צוגעגרייט עטלעכע הונדערט מענטשן, געשיקט צו ווערן אין אַ נייעם לאַגער, דאָרט האָט מען זיי געדאַרפט צום גראָבן אָקאָפּעס פאַרן פראָנט, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

דורך אַ צופאַל איז דורכגעגאַנגען דורך דעם בלאָק, וווּ די בחורים זענען געווען פאַרשפאַרט דער עס־עס־אָנפירער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַרויס־שיקן די עטלעכע הונדערט מענטשן אין דעם נייעם לאַגער. ווען ער האָט דערזען די פופציק בחורים, האָט ער געגעבן אַ באַפעל די היטער, זיי זאָלן די יינגלעך צושטעלן צום טראַנספּאָרט.

אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ הויכער נאַצישער אָפיציר, האָבן די שומרים זיך נישט געקאָנט שטעלן קעגן אים און זיי האָבן אים אויך נישט דערציילט וועגן דעם, וואָס ס'האָט זיך נעכטן געטראָפן מיט די דאָזיקע יינגלעך.

אויף אַזאַ אופן זענען אַלע פופציק בחורים, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט געפונען ביים שוועל פון טויט, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

די ידיעה וועגן דעם גרויסן נס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַגער. (הרב צבי הירש מייזליש, „בית יעקב״־זשורנאַל, ערב ראש־השנה, תש״ך (1960), ז׳ 13, אויך אין זיין ספר „שו״ת מקדשי השם״ (שער מחמדים), שיקאַגאָ תשט״ו — 1955, ז״ז 14 — 15).

חנוכה און חמישה עשר בשבט

חנוכה

אַריינפיר

יידן האָבן געפייערט חנוכה אין די געטאָס און אין די קאָנצענ־טראַציע־ און טויטלאַגערן.

דער נס חנוכה איז פאַר די יידן, וואָס האָבן געשמאַכט אונטער דעם דייטשן אכזריותדיקן רעזשים, געווען אַ סימבאָל, אַז זיי וועלן בייקומען היטלערן מיט זיינע מלאכי־חבלה.

יהודה המכבי און די חשמונאים זענען פאַר די יידן געווען דער סימבאָל, אַז זיי וועלן איבערלעבן דעם שונא, אַז עס וועט ווידער אַ מאָל געשען דער נס ווען עס וועלן פאַלן „רבים ביד מעטים" און די יידן וועלן בלייבן לעבן.

יידן האָבן געצונדן חנוכה־ליכטלעך אין אוישוויץ, געפייערט חנוכה מיט אַ קינדערשפּיל אין טערעזיענשטאַט; זיי האָבן געמאַכט אַ חנוכה־לאָמפּ פון אַ דייטשן צעשאָסענעם עראָפּלאַן און זיי האָבן אין געהיים געצונדן חנוכה־ליכטלעך אין אַרבעטס־לאַגער אובערניק און אין אַנדערע לאַגערן.

פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועט מען זען ווי יידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען צו צינדן חנוכה־ליכטלעך אין פאַרשידענע געטאָס און לאַגערן.

דאָס פאַרלאָזענע חנוכה־ליכטל
אין וואַרשעווער געטאָ

איןווינטער פון יאָר 1943 זענען אין וואַרשעווער געטאָ געבליבן איינצלנע יידן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגערופן „רעשט־געטאָ", מיר האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ און יעדן ביינאַכט זענען מיר אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ.

אין איין טאָג, ווען איך בין געשטאַנען און געאַרבעט די שווערע שקלאַפן־אַרבעט, האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק אין מיין מוח: היינט ביי נאַכט איז חנוכה און איך מוז קריגן אַ ליכטל צו צינדן חנוכה־ליכט.

איך בין געלאָפן צו דעם פּאָליאַק באַרטעק, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט אין געטאָ שפּייז פאַר די זאַכן, וואָס ער האָט באַקומען פון די אויסגעליידיקטע דירות, וועמענס איינוווינער עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרברענט צו ווערן אין די גאַזאויוונס.

— וויפל וועסטו באַצאָלן פאַר אַ ליכטל, וואָס עס איז שווער צו קריגן אין גאַנץ וואַרשע?

— נישט איין ליכטל, נאָר צוויי ליכטלעך — האָב איך אים געזאָגט — אויב דו וועסט מיר פאַרשאַפן צוויי ליכטלעך, וועל איך דיר באַצאָלן וויפל דו וועסט פאַרלאַנגען!

איך האָב אים צוגעוואָרפן אַ פּעקל סיגאַרעטן, וואָס איז דעמאָלט ווערט געווען אַן אוצר געלט.

— מסכים — האָט דער גוי אויסגערופן מיט פרייד.

— אָבער איין תנאי נעם איך זיך אויס מיט דיר, אַז די ליכטלעך מוז איך צינדן אין דיין שטוב, וואָס גרענעצט זיך מיטן געטאָ, ווייל היינט איז חנוכה.

דער גוי האָט געשריגן, אַז איך בין משוגע געוואָרן, אַז עס איז פאַרבאָטן אָנצוצינדן ליכט אין פענצטער ביי נאַכט, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס און אים געזאָגט, אַז איך וועל די ליכטלעך אָנצינדן אין פענצטער בלויז אויף עטלעכע רגעס.

און אין דער דירה פון דעם פּאָליאַק באַרטעק, וואָס האָט זיך געפונען האַרט ביים אַריינגאַנג אין געטאָ, האָבן מיר, אַ גרופּע שקלאַפן־אַרבעטער געצונדן חנוכה־ליכט.

בלויז עטלעכע רגעס האָבן געברענט די חנוכה־ליכטלעך אין פענצטער פון דעם גוי און מיר האָבן געמאַכט די ברכה „להדליק נר של חנוכה"...

אַזוי האָבן מיר געצונדן די חנוכה־ליכטלעך אין דעם לעצטן חנוכה אין וואַרשעווער געטאָ. (גבית־עדות פון לייבל פּינקאָוויטש, איינער פון די שארית הפליטה, געדרוקט אין ספר: „אלה שלא נכנעו", ספר שני, פון משה פּראַגער, פאַרלאַג „נצח", בני־ברק, ישראל, 1963, ז"ז 156 — 158).

חנוכה אין ווילנער געטאָ

מיר האָבן שוין נישט איין מאָל געשריבן, אַז דאָס געטאָ האָלט זיך זייער שטאַרק ביי טראַדיציעס. אַלע יום־טובים, וועלכע זיי זאָלן נישט זיין, ווערן דאָ געפייערט מיט גרויס אייפער. דאָנערשטיק, דעם 13טן, איז אין טעאַטער־זאַל פאָרגעקומען אַ גרויסער חנוכה־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דער פּאָליציי. נאָך די רעדעס פון די „פירער" זענען פאַרטיילט געוואָרן אָפּצייכענונגען אַלע פּאָליציסטן, וואָס זענען אין דער פּאָליציי זינט דעם ערשטן טאָג פון איר עקזיסטענץ. אין דער צווייטער טייל פון אָוונט זענען געווען רעווי־נומערן, ווו איינער האָט זיך געוויצלט אויפן חשבון פון צווייטן.

צווישן די רעדנערס איז אויך געווען לעוואַס: ער האַלט, אַז פּונקט ווי יהודה המכבי, אַזוי וועלן אויך יידישע פּאָליציסטן אַרויספירן די יידן... פון געטאָ.

דער עולם פרעגט דערביי: און ווו וועלן דאַן זיין די יידישע פּאָליציסטן?

אַ צווייטער חנוכה־אָוונט ווערט דאָ אָרגאַניזירט דורך די רעליגיעזע קרייזן. לויטן אַפיש הייסט דאָס אַ „חנוכה־אַקאַדעמיע".

אין געטאָ איז דערלויבט געוואָרן צינדן חנוכה־ליכט נאָר מיט איין ליכט אַלע אַכט טעג. דער מאָטיוו — ליכט זענען טייער און מען קאָן זיך דערויף נישט דערלויבן.

די אָנגעשטעלטע פון יודענראַט האָבן באַקומען אַן עקסטרע חנוכה־„פּאַיאָק" — 2 קילאָ ברויט, 2 פּעקלעך שוועבעלעך און 1 איי.

צו אונדזערע ידיעות וועגן חנוכה־פייערונגען ווילן מיר נאָך פאַרצייכענען: די „ילדים" האָבן דעם 13טן ה"ח איינגעאָרדנט אין געטאָ־טעאַטער אַ חנוכה־פאָרשטעלונג.

6 אין אָוונט דעם זעלבן טאָג איז אין טעאַטער־זאַל אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע חנוכה־אימפּרעזע מיט אַ רייכן קינסטלערישן אינהאַלט.

דער קינדערקלוב האָט פרייטיק דעם 11טן אָרגאַניזירט אַ חנוכה־אָוונט מיט „לאַטקעס". דער אָוונט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ חנוכה־אָוונט אין אַ גלענצנדיקן אָוונט פון די ווילנער קינדער פון די אַמאָליקע יידיש־וועלטלעכע שולן. דער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן הימען פון די „צישאָ"־שולן...

אין געטאָ, ווי ס'איז צו זען, האָט זיך זייער פיל געחנוכהוועט. די לעצטע אימפּרעזע אָבער איז פון אַ נס פון חנוכה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נס פון דער יוגנט, וועלכע איז מונטער צו אַ ניי באַפרייט לעבן... (הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ", 1961, ז"ז 416 — 418).

חנוכה־דריידלעך אין ווילנער געטאָ

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי שרייבט (אין זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״), אַז:

חנוכה זענען פאַרקויפט געוואָרן אין די געטאָ־געסלעך בלייענע חנוכה־דריידלעך, געפונענע אין די ביכער־האַנדלונגען, ווי אויך הילצערנע דריידלעך פון געטאָ־פּראָדוקציע.

חנוכה אין שאַוולער געטאָ

חנוכה 1942. דער קרייז פאַר גוף־ און גייסט־שוץ „מסדה״ האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען אַן אָוונט.

פון פרי׳ען באַגינען האָט הירשל ראַז אויפגערוימט אַ גרויסע געטאָ־שטאָל, אַריינגעשלעפּט אַהין אויף זיינע געזונטע פּלייצעס לאַנגע ברעטער און זיי אויסגעלייגט פאַר בענק, אויבן אַן אַוועקגעשטעלט אַ טישל מיט אַ פּאָר שטולן, אַריינגעצויגן עלעקטרישע ליכט, און דער „זאַל״ איז גרייט געווען.

די גאַנצע געטאָ־יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט: נאָך דעם ווי דוב שיינזאָן האָט געבענטשט חנוכה־ליכט, האָט גערעדט ישראל וויץ, דער לערער גרינבערג און אברהם שווייגער. איצט האָט בעבאַ[1] געדאַרפט שפּילן. אויסגעפּוצט אין דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געהאַט אָנצוטאָן, און מיט אַ בלאַס געזיכט, האָט ער פייערלעך אַ נעם געטאָן דאָס פידעלע מיט ציטערדיקע הענט. זיינע רויט־ענטצינדענע אויגן האָבן אַ בליץ־געטאָן איבערן „זאַל״. דער זאַל איז פול געווען; קאָפּ אויף קאָפּ זענען געשטאַנען יוגנטלעכע און עלטערע. בעבאַ האָט דערפילט אַ גרויסע שעה אין זיין לעבן. ער האָט באַלד פאַרגעסן, ווו ער שפּילט און ביי וועלכע באַדינגונגען. ער האָט פאַרגעסן, וואָס מ׳האָט אים אָנגעזאָגט: ער זאָל שפּילן, אַזוי ווי די רעדנער האָבן גערעדט — שטיל. קיינער פון אַרום זאָל חס־ושלום נישט הערן. בעבאַ האָט אַ צי געטאָן דעם סמיטשיק איין מאָל, אַ צווייט מאָל, און זיך צעזונגען:

אָך, בלוט פליסט פון די גריבער,
אַ שוידער גייט יעדן מענטשן אַריבער.
אָ, מאַמע, זאָג געשווינד
ווו ביסטו איצט אַצינד? —
אין שול
אַריינגעפירט דאָרט מענטשן פול,

ווען איך דערמאָן זיך, ווער איך דול —
אַזוי פיל אומשולדיקע קרבנות! — — —

אַז בעבאַ האָט געענדיקט זינגען און שפּילן דאָס דאַזיקע ליד פון צבי גאַרמיזע[2], האָט ער געשפּילט דאָס ליד פון חנה כייטין[3], וועגן פאַרוואַגלטן קינד:

אין אַ ליטוויש דערפל ווייט,
אין אַ שטיבל אָן אַ זייט,
דורך אַ פענצטער נישט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס:
ייִנגעלעך מיט פלאַקסן־קעפּ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפּ,
און צוזאַמען דאָרט מיט זיי —
קוקן שוואַרצע אויגן צוויי.
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

אַז בעבאַ האָט געענדיקט די געטאָ־לידער און דערזען פאַר זיך דעם פאַרגאַפטן עולם, האָט ער געשפּילט פון שאָפּענס זיבעטער סימפאָניע און פון גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא״. דער עולם האָט זיך פאַרגעסן, ווו מען געפינט זיך, מ׳האָט הויך און וואַרעם אַפּלאָדירט, געבעטן אים ווידער שפּילן, און בעבאַ האָט געשפּילט. די פידל האָט זיך געכוואַליעט אונטער זיינע ביינערדיקע פינגער; אַלע זיינע גלידער האָבן געזונגען שירה, ביז אין גרויען טאָג אַריין. (לוי שאַליט: אין שאַולער געטאָ, „המשך״, מינכען, אַפּריל 1948, ז״ז 51 — 52).

---

1. בעבאַ איז געווען דער איינציקער פידל־שפּילער אין געטאָ.
2. אַ פּליט פון פּוילן, געשריבן לידער.
3. געשריבן לידער ביי איר אַרבעט אין דער בערשטלעך־פאַבריק און אַליין צוגעפּאַסט מעלאָדיעס צו זיי.

חנוכה אין געטאָ

מיר, די געטאָ־לערער, פלעגן זיך באַמיִען אָפּט צו מאַכן יום־טובים פאַר די נאָך לעבן־געבליבענע קינדער. מיר האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, ווי גרויס די געפאַר איז, ווי ווייניק מעגלעכקייטן עס איז אונדז אַלעמען געבליבן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן ביז דער באַפרייונג.

האָבן מיר געוואָלט צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער געניסן וואָס מער פון דעם אַלץ, וואָס גרויסע, קלוגע מענטשן האָבן געשאַפן. מיר האָבן אויך געוואָלט, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין די וויכטיקייט פון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שונא און

נישט לאָזן זיך אַרויספירן פון געטאָ איז די טויטלאַגערן, פון ווען צוגרייטן אַן אויפשטאַנד מיט געווער אין די הענט, פון פירן אַ קאַמף, וועלכער וועט זיכער נישט זיין קיין גלייכער, ווייל זיי זענען געווען דאָך אַזוי פיל און אַזוי שטאַרק.

מיר האָבן געוווּסט און געפרוווט איבערצייגן אַנדערע, אַז אין אויפשטאַנד, אין קאַמף, וועט אַ סך פון אונדז געלינגען זיך דורכצוררייסן און אַוועקצוגיין אין די אַרומיקע וועלדער, ווו מען וועט לעבן ווי פּאַרטיזאַנער.

מיר פלעגן דאָס אַלץ דערקלערן די קינדער. און אַ סך, אַ סך פון זיי האָבן מיטגעהאָלפן אין דער צוגרייטונג־אַרבעט. אַ סך פון זיי זענען טאַקע אַרויס דורך פאַרשידענע אופנים פון דעם געטאָ, אין די וועלדער אַריין צו די פּאַרטיזאַנער.

אַ סך פון די קינדער פלעגן העלפן אַריינגנבענען געווער פון שטאָט אין געטאָ אַריין, ריזיקירנדיק דערביי מיט זייער לעבן, און געהאָלפן די עלטערע זיך צו אָרגאַניזירן אין געטאָ גופא.

שווער איז געווען דאָס לעבן אין געטאָ, און נאָך שווערער איז עס געווען פאַר אונדזערע קינדער. האָט נאָר ווער פון די קינדער געהאַט דאָס גליק צו האָבן וועמען פון די עלטערן — פלעגט עס נאָך באַקומען אַ מאָל אַ גלעט, אַ שמייכל, אַ וואַרעמען טעלער עסן.

די עלנט־געבליבענע קינדער, ביי וועמען די עלטערן זענען שוין לאַנג געווען צוגענומען, פלעגן מוזן זיך באַזאָרגן אַליין אי דאָס עסן, אי דאָס איבערגעוואַשענע העמדל. האָט מען זיי געדאַרפט העלפן אַרומוואַשן, געבן פּאַרטיקע שפּייז, זען — אַז מען זאָל זיי פון זייער געלעגער נישט פאַרטרייבן, לערנען מיט זיי אין שול און געבן זיי כאָטש אַ ביסל פרייד, פאַרגעניגן — מאַכן זיי זינגען און לאַכן. זיי העלפן צו פאַרגעסן די אַלע שרעקלעכע זאַכן, וועלכע זיי זעען אַרום זיך, אַריינגעבן אין זיי דעם גלויבן, אַז עס קען נאָך אַ מאָל זיין גוט.

אָט צוליב דעם אַלץ פלעגן מיר זיך באַמיִען צו מאַכן אָפּט יום־טובים. איינער פון די גרעסטע יום־טובים איז געווען ביי אונדז איין מאָל אַ חנוכה.

נאָך אַ צייט פאַר חנוכה, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פירן שמועסן מיט די קינדער וועגן דעם קומענדיקן יום־טוב. זיי פלעגן זיך צוהערן צו די דערציילונגען פון דער יידישער געשיכטע, וועגן דער אַמאָליקער העראָישער צייט — זיי האָבן אַזוי גוט פאַרשטאַנען די יידן פון דעמאָלט, דעם רעוואָלט פון די חשמונאים — אַזאַ קליין הייפעלע, קעגן אַ גרויסן, מעכטיקן שונא, האָט זיך פאַרמאָסטן קעגנצושטעלן זיך. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ מעגלעכקייט פון זיגן קען נאָר זיין דאַן, ווען מען וואַגט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונגס־אַרבעט צו דעם חנוכה־אָוונט. עס האָט געמאָלט דעקאָראַציעס די מאָלער־סעקציע, די טאַנץ־גרופּע האָט געגרייט אַ „חשמונאים־קאַמף", די האַנטאַרבעט־סעקציע האָט געגרייט די קאָסטיומען (און געהאַט אַ סך שוועריקייטן מיט מאַכן פאַר אַלע טענצער־קעמפער די שווערדן. ווייל האָלץ איז אין געטאָ געווען אַזאַ טייערע זאַך). דער כאָר האָט געגרייט כאָר־דעקלאַמאַציעס, און דאָס וויכטיקסטע — די קאָלעקטיוו־

געשאַפענע פּיעסע „די מכבייער אין געטאָ", — אין וועלכער מען האָט דייטלעך געזען די המשכדיקייט פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, זיין געראַנגל פאַרן קיום.

שיין זענען די קינדער געווען מיט זייערע צעשטראַלטע פּנימלעך, פול מיט אויפריכטיקן פאַרלאַנג צו זיין אַ ביישטייער צום אַלגעמיינעם דערפאָלג. — ווי גרויס איז דאַן געווען די קינדערשע שמחה, ווען מיר האָבן זיי געטיילט „חנוכה־געלט" — וועמען אַ העפט, וועמען אַ בלייפעדער, און וועמען אַ בוך. (דעמאָלט זענען דאָס געווען אַזעלכע גרויסע אוצרות...)

זיי זענען נישטאָ, אונדזערע קינדער פון די געטאָס... בלויז אַ גאָר קליין הייפל זענען דורך ניסים געבליבן. (סימע דאַוואַנג: „חנוכה אין געטאָ"; „צו הילף דעם לערער", פּאַריז דעצעמבער 1948, ז"ז 17 — 18. לידער ווערט נישט אָנגעגעבן, אין וועלכן געטאָ אָט די חנוכה־פייערונג פאַר קינדער איז פאָרגעקומען).

חנוכה־קאָנצערט פאַר קינדער אין אָטוואָצקער געטאָ

דער לעצטער חנוכה אין אָטוואָצקער געטאָ אין יאָר 1941, איז געפייערט געוואָרן אין קינדער־אַנשטאַלט „צענטאָס" און אין שפּיטאָל „זאַקאָפּאַנע".

בנימין אָרענשטיין באַשרייבט, ווי אַזוי עס איז געפייערט געוואָרן חנוכה אין געטאָ:

עטלעכע טעג פאַר חנוכה זענען פאָרגעקומען גרויסע צוגרייטונגען צום חנוכה־קאָנצערט. די יידן אין געטאָ האָבן געהאַט באַקומען אַ צוטיילונג פון האַלב־פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, זיך באַזאָרגט מיט געלן אייל, און דאָס באַהאַלטן אויף חנוכה — צו מאַכן לאַטקעס.

דער חנוכה־קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין „צענטאָס". די קינדער־אַרטיסטן האָבן אויסגעצייכנט געשפּילט און רעציטירט לידער, וואָס דער דיכטער קלמן ליס האָט פאַר זיי צוגעגרייט. דער רעזשיסער אַלבער, דער דערציִער פון „צענטאָס", האָט געזונגען לידער און פאָרגעטראָגן דעם מאָנאָלאָג, וואָס איך האָב געשריבן.

דאָס פּובליקום, וואָס איז באַשטאַנען פון קינדער און דערוואַקסענע, האָט אַ ביסל פאַרגעסן אין דער טרויעריקערווירקלעכקייט, האָט כסדר געלאַכט, ווייל דער מאָנאָלאָג האָט געחוזקט פון דער געטאָ־פּאָליציי און פון קאָמענדאַנט בער־נאַרד קראָנענבערג.

איך בין אויך געווען ביי ר' אַהרעלע, דעם קאָזשעניצער רבין *, וואָס האָט געוווינט אין מיטעלן געטאָ נעבן קעלנערס ווילע.

---

* דער קאָזשעניצער רבי ר' אהרעלע האַפּשטיין, איז נפטר געוואָרן אין זשעליכאָוו. אויספירלעכער — אין „ספר קדושים — רביים אויף קידוש השם" פון מנשה אונגער, פאַרלאַג שולזינגער ברידער, ניו־יאָרק 1967, ז"ז 333–340.

דער יום־טוב חנוכּה 1941 איז ביים רבין געפּייערט געוואָרן מיט אַ גרויסער ערנסטקייט.

דעם רבינס נאָענטע חסידים האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז דער רבי האָט געהאַט דעם פּאַרגעפיל, אַז דאָס איז דער לעצטער חנוכּה פֿון אָטוואָצקער געטאָ.

אויך אַן אייגנאַרטיקן אופן איז געפּייערט געוואָרן דער לעצטער חנוכּה אין שפּיטאָל „זאַפּיוווקאַ". אין זאַל פֿון ערשטן פּאַווילאָן איז פֿאָרגעקומען אַ רעווי־פֿאָרשטעלונג פֿאַר די קראַנקע. די רעווי איז רעזשיסירט געוואָרן דורך אַ פּאַציענט פֿון שפּיטאָל — קאַזשימיעזש בזשעסקי, אַ געטויפטער ייד, אַ זון פֿון געוועזענעם אינטענדענט פֿון יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט רעדן קיין יידיש, דערפֿאַר איז די פֿאָרשטעלונג פֿאָרגעקומען אין דער פּוילישער שפּראַך. די אַרטיסטן זענען געווען פּאַציענטן און סאַניטאַרן פֿון שפּיטאָל. די קראַנקע האָבן באַקומען „יום־טובדיקע" מיטאָגן. אויסער דער פּאָרציע נאָרמאַלע זופּ, אויך קלאָפּסלעך פֿון פֿערדפֿלייש.

דאָס איז געווען דער לעצטער חנוכּה אין אָטוואָצקער געטאָ. מער האָט מען אין אָטוואָצק נישט געזונגען „הנרות הללו". (בנימין אָרענשטיין: „קאַנאַדער אָדלער", מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 22סטן דעצעמבער 1949).

חנוכּה־שפּיל פֿון קינדער אין טערעזיענשטאַט

שולמית כּאַלעוואַ־גוטקין, געווען פֿאַרשיקט פֿון קאָפּענהאַגען קיין טערעזיענ־שטאַט און האָט דאָרט געאַרבעט צוזאַמען מיט יהודית פּישער מיט די דענישע קינדער, גיט איבער, ווי אַזוי עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ חנוכּה־שפּיל פֿון קינדער אין געטאָ.

אַ פּאָר טעג פֿאַר חנוכּה און גלייכצייטיק אַ וואָך פֿאַר ניטל, האָבן די דייטשן געפֿאָדערט, אַז די יידן זאָלן פֿון זיך אויסקלייבן פֿינף טויזנט אַלטע מענטשן, וואָס דאַרפֿן ווערן געשיקט אין טראַנספּאָרט, דאָס הייסט, צו די גאַזקאַמערן אין אוישוויץ.

פֿון די הונדערט טויזנט יידן, וואָס זענען פֿון זיבט נאָוועמבער 1941 אַרויס־געשיקט געוואָרן פֿון געטאָ, איז בלויז זייער זעלטן, און דאָס תּיכּף נאָך דער רעפּאַטריאַציע פֿון טערעזיענשטאַט, דערהאַלטן געוואָרן אַ צייכן פֿון לעבן. שוין פֿון דעם אַליין האָבן מיר געוווּסט, אַז דער טראַנספּאָרט האָט באַדייט טויט.

אָבער די דעניש־יידישע קינדער זענען געווען „פּריווילעגירטע", ווייל זיי האָבן די דייטשן געלאָזט לעבן אַ שטיקל צייט. אַנדערע יידישע קינדער האָבן נישט געהאַט אַזאַ מזל און זיי זענען באַלד אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

צוליב פּראַקטישע טעמים, האָבן מיר איינגעטיילט די קינדער אין עלטער־

גרופעס, אַזוי, אַז די ייִנגסטע האָבן געלייענט מעשׂהלעך פֿון תנ״ך און די עלטסטע דעניש...

נאָך אַ שטיקל צייט זײַן אין געטאָ, האָבן מיר אויסגעפֿונען, ווער עס זענען געווען די פֿריִערדיקע באַוווינער פֿון באַראַק.

דאָרט האָבן געוווינט פֿינף הונדערט ייִדישע קינדער פֿון אוקראַיִנע אין עלטער פֿון צוויי ביז פֿופֿצן יאָר.

זייערע עלטערן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, אָדער מען האָט זיי געהרגעט פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער. די דאָזיקע קינדער זענען געבראַכט געוואָרן קיין טערעזיענשטאָט און מען האָט זיי באַשטימט אין דעם באַראַק, וווּ מיר וווינען איצטער. די דאָזיקע קינדער זענען געהאַלטן געוואָרן שטרענג איזאָלירט און קיינער האָט נישט געטאָרט רעדן מיט זיי. זייער איינציקער דאָקטאָר און די פֿיר קראַנקן־שוועסטער האָבן נישט געטאָרט האָבן קיין שום מגע־ומשׂא מיט די אַנדערע ייִדן פֿון געטאָ. אַ יונגן ייִדישן בחור, וואָס האָט, פֿאַרבײַפֿאָרנדיק, עפּעס געזאָגט צו עטלעכע פֿון די קינדער הינטער די שטאַכעטן, האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה און דערנאָך אים געשיקט קיין פּוילן צו די גאַזאויוונס...

דאָס עסן, וואָס מען האָט געבראַכט, האָט מען אַוועקגעשטעלט הינטער דעם באַראַק. נאָך דעם, ווי די ייִדישע יונגעלייט, וואָס האָבן געבראַכט דאָס עסן, זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, האָבן די קראַנקן־שוועסטער געמעגט נעמען דאָס עסן. אַזוי שטרענג איז די איזאָלאַציע דורכגעפֿירט געוואָרן...

און אין איין נאַכט האָבן די דײַטשן גענומען די פֿינף הונדערט ייִדישע קינדער צוזאַמען מיטן דאָקטאָר און די פֿיר קראַנקן־שוועסטער און זיי ערגעץ אַוועקגע־פֿירט, און מען האָט מער נישט געהערט פֿון זיי...

צוזאַמען מיט די קינדער פֿון די קינדערהיימען, האָבן אויך מיר זיך צוגע־גרייט צו דער חנוכּה־פֿייערונג. אויף אַלע שפּראַכן, וואָס די קינדער האָבן גערעדט אין געטאָ, האָט געדאַרפֿט געפּראַוועט ווערן דער באַפֿרייונגס־יום־טוב.

מיר האָבן איבערגעזעצט אויף דעניש אַ שפּיל „חכמת שלמה״, און מיר האָבן געהאַט אַ ראָלע פֿאַר יעדן קינד...

מיר האָבן אונדזער קלאַס־צימער פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָריענטאַלישן פּאַלאַץ, וואָס האָט געשײַנט מיט די דעקאָראַציעס און מיט די עלטערנס אויגן...

אַ חוץ דער שפּיל, האָבן מיר דורכגעפֿירט געזאַנג און דענישע פֿאָלקסטענץ. דאָס זענען געווען וווּנדערלעכע שעהען, איינגעהילט מיט ווייטיקלעכער בענקשאַפֿט...

(שולמית כאַלעווא־גוטקין, געדרוקט אירע זכרונות פֿון טערעזיענשטאָטער געטאָ אין אַ דענישער אויסגאַבע, איבערגעזעצט אין ייִדיש פֿון י. זילבערבערג־כאַלעווא, „ייוו״אָ־בלעטער״, ניו־יאָרק, באַנד 30, איבערגעדרוקט אין זײַן בוך „מענטש און פֿאָלק״, פֿאַרלאַג „המנורה״, תּל־אָביב, 1967, ז״ז 19 — 32).

חנוכה אין דאַכאַו

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו האָט זיך געפונען דער אַלטער שמש פון דער אַלט־ניי־שול אין פּראַג, פישהאָף איז געווען זיין נאָמען. ער האָט געהאַט דעם לוח אין קאָפּ און געוווּסט ווען עס פאַלט אויס אַ יום־טוב.

און ער, דער אַלטער פישהאָף, האָט אונדז געזאָגט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט זיין חנוכה און מיר זאָלן זיך צוגרייטן דערצו.

אָבער ווי אַזוי וועלן מיר קענען צינדן די חנוכה־ליכטלעך? און מיט וואָס?

דערויף האָט שוין געזאָרגט דער אַלטער פישהאָף: מאַרגן פאַרטיילט מען די פּאַרציע מאַרגאַרין פאַר דער גאַנצער וואָך, וועט מען אַראָפּנעמען אַ קליינעם טייל און באַהאַלטן פאַר די חנוכה־ליכטלעך. עס זענען געווען נאָך עטלעכע פון די קאַצעטניקעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער „קאָנספּיראַציע״.

מיר האָבן באַקומען בסך־הכל צען גראַם מאַרגאַרין, און פאַר די מערסטע קאַצעטניקעס איז דאָס געווען דאָס איינציקע ביסל פעטס פאַר זייער דערנערונג, און דאָך זענען די שותפים פון דער „קאָנספּיראַציע״ גרייט געווען אַראָפּצוגעבן עפּעס פון זייער חלק צו באַהאַלטן אויף חנוכה.

אָבער ווי אַזוי וועלן מיר עס באַהאַלטן? און אין וואָס?

— איך האָב אַן עצה — האָב איך געזאָגט — איך האָב באַהאַלטן צוויי קאַרטאָפל, וואָס איך האָב צוגעשלעפּט פון דער קיך, איך וועל זיי צעשניידן אויף צוויי העלפטן, זיי אויסהוילן און אין זיי באַהאַלטן דעם מאַרגאַרין.

און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן.

אָבער אין וואָס וועלן מיר צינדן חנוכה־ליכט? ווו וועלן מיר נעמען אַ חנוכה־לעמפּל?

— איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן — האָט דער אַלטער פישהאָף געזאָגט — מיר וועלן טאַקע די אויסגעהוילטע האַלבע קאַרטאָפל פאַרוואַנדלען אין חנוכה־לעמפּלעך און אין זיי צינדן די חנוכה־ליכטלעך.

אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן, אַזוי ווי דער אַלטער פישהאָף האָט צוגעטראַכט.

אין מיטן דער נאַכט פון ערשטן חנוכה־ליכטל זענען זיך צונויפגעקומען אַלע קאַצעטניקעס פון בלאָק. דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל איז אָנגעצונדן געוואָרן אויף אַ הילצערנער פּריטשע. פישהאָף האָט געמאַכט די ברכה און מיט אַ ציטערדיק קול האָט ער אָנגעהויבן זאָגן: „הנרות הללו קודש הם״. מיר אַלע האָבן שטיל אים נאָכגעזאָגט: „הנרות הללו קודש הם״... (פון אַ גבית־עדות פון מרדכי אַנסבאַכער, וואָס איז געווען אַן עדות אויפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים, געדרוקט אין זשורנאַל „בית יעקב״, ירושלים, כסלו, תשכ״ז — 1966).

צען טעג חנוכה אין אַרבעטס־לאַגער אובערניק

אין בין דורכגעגאַנגען דרייצן דייטשע אַרבעטס־לאַגערן פון זינט איך בין געכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרופּע גערער חסידים אין פּאַביאַניצער געטאָ.

דער אַרבעטס־לאַגער אונדזערער איז געווען אין אובערניק, נעבן פּויזן. דאָרט איז מיט אונדז געשען אַ מאָדנע זאַך, וואָס האָט זיך אפשר נאָך קיין מאָל נישט געטראָפן: מיר האָבן געפּייערט צען טעג חנוכה.

פאַר וואָס האָבן מיר דאָס געטאָן? משום „ספיקא דיומא״. מיר האָבן פאַרגעסן דעם חשבון פון לוח און מיר האָבן נישט געוווּסט, ווען עס איז ראש־חודש, האָבן מיר ממילא נישט געוווּסט ווען מיר זאָלן צינדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל, און כדי מיר זאָלן נישט פאַרפעלן איין נאַכט פון צינדן די חנוכה־ליכטלעך, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצוהייבן צינדן די חנוכה־ליכטלעך מיט צוויי נעכט פריִער, טאָמער האָבן מיר זיך טועה געווען אין חשבון.

אַז איר וועט פרעגן, ווי האָבן מיר גענומען אין לאַגער אַזוי פיל בוימל מיר זאָלן קענען צינדן די חנוכה־ליכטלעך צען טעג? איז דער ענטפער, אַז מיר האָבן געצונדן די חנוכה־ליכטלעך מיט נאַפט, אָבער דער אמת איז, אַז אויך נאַפט האָבן מיר אַזוי לייכט נישט געקאָנט באַקומען.

זעקס בחורים, גערער חסידים, זענען מיר געווען באַהאַלטן אויף אַ בוידעם־שטיבל ביז מיר זענען געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אין דעם אַרבעטס־לאַגער אובערניק.

די דייטשן האָבן מיט אונדז געאַרבעט עבודת פרך, אָבער אונדזער גייסט האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשקלאַפן, מיר האָבן יעדן טאָג געלערנט דעם טעגלעכן שיעור ביי נאַכט, גמרא מיט תוספות, און דאָרט האָבן מיר צען טעג געצונדן די חנוכה־ליכטלעך.

די דייטשן האָבן אונדז אַריינגעוואָרפן אין אַ צעבראָכענער שטאַל, זיי האָבן אונדז געהיטן ביי טאָג, און ביי נאַכט האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט מיט די מייז, וואָס זענען געקראָכן איבער אונדז. זיי האָבן אַריינגעגאָסן יעדער נאַכט אַ ביסל נאַפט אין אַ טינטן־פלעשעלע, און דאָס האָט געדאַרפט באַלייכטן דעם גאַנצן באַראַק.

מיר האָבן אַריינגעטאָן אַ קנייטל אין פלעשעלע נאַפט און ביי דעם ליכטל האָבן מיר געלערנט גמרא.

צווישן אונדז איז געווען ר׳ יעקל יאַקעלאָוויטש, וואָס האָט באַוויזן אַריינ־צולייגן אין זיין רוקזאַק אַ קליינע גמרא פון מסכת שבת, פון פאַרלאַג „יהונתן״, בערלין, און ער האָט באַוויזן ביי דעם קליינעם ליכטל צו דערזען די קליינע אותיות. און אפשר האָט ר׳ יעקל געקענט די גמרא מיט תוספות פון מסכת שבת בעל פה?...

און כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען נישט מקיים די מצווה פון צינדן חנוכה־ליכטלעך ווי דער דין איז, דאָך האָבן מיר געצונדן די חנוכה־ליכטלעך פון נאַפט כדי „פרסומא דניסא״ — מיר זאָלן מפרסם זיין דעם נס.

מיר האָבן עטלעכע טעג פאַר חנוכה אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעלע נאַפט פון דעם טינט־פלעשעלע. דעם נאַפט האָבן מיר באַהאַלטן אין ליידיקע שוואָקס־שעכטעלעך, און אַזוי האָבן מיר אָנגעזאַמלט גענוג נאַפט מיר זאָלן צינדן צען נעכט די חנוכה־ליכטלעך. און דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט מקיים זיין די מצווה ווי עס דאַרף צו זיין, צו צינדן חנוכה־ליכטלעך אַזוי ווי דער דין איז, האָבן מיר דערפאַר געלערנט די סוגיה „כבתה אין זקוק לה״... (פון אַ גבית־עדות פון יואל פראַנקענטאַל, געדרוקט אין זשורנאַל „בית יעקב״, ירושלים, כסלו תשכ״ז — 1966).

אַ חנוכה־לאָמפּ פון אַ דייטשן עראָפּלאַן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער

שוין אַכט חדשים, ווי מיר, די „וואַרשעווער אויפשטענדלער־באַנדיטן״, (אַזוי האָט אונדז אָנגערופן דער מאַסן־מערדער, ס.ס.־הויפּטשאַרפירער פייקס, וועלכער איז געווען אונדזער לאַגער־קאָמענדאַנט), האָבן זיך געפונען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בורזין. מען האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו די צרות, מען האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז סיי ווי, וועט קיינער פון אונדז נישט אויסהאַלטן די קאַצעט־יסורים און אַז אונדזער לעבן איז נאָך וויניקער ווי הפקר.

ביי אַזאַ שטימונג און געמיט איז אָנגעקומען זמן חנוכה.

די איינוווינער פון דער אַזוי גערופענער זיבעטער קאַיוטע האָבן נישט געקאָנט איינרוען. ס׳טייטש, האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט, שוין־זשע וועלן מיר מער נישט אָנצינדן קיין חנוכה־לעמפּל? צי וועלן מיר שוין טאַקע נישט פייערן אונדזער פרייהייטס־יום־טוב?

אינעם קליינעם באַראַקל האָבן זיך צונויפגעקוועטשט לערך אַ 30 וואַרשעווער יידן, צווישן זיי הרב שפּירא, הרב זעמבאַ, אַדוואָקאַט פרידהיים, הרב שטאָקהאַמער, דירעקטאָר בלאָך פון קרן קימת לישׂראל און איך.

אין יענער צייט האָט די דייטשע מאַכט אָנגעהויבן אויסצונוצן די יידן נישט נאָר ביי שוואַרצאַרבעט, נאָר אויך צו גייסטיקע. כמעט דער גאַנצער לאַגער האָט געאַרבעט אין דער באַרימטער דייטשער עראָפּלאַנען־פאַבריק „היינקעל־ווערקע״, וווהין מיר זענען יעדן פאַרטאָג געגאַנגען 4 קילאָמעטער, און ביי נאַכט, ווען מיר האָבן די אַרבעט געענדיקט, האָט מען אונדז, אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון ס.ס.־לייט און אוקראַינער, צוריקגעטריבן אין לאַגער אַריין.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין „היינקעל־ווערקע״ אַלס צייכענער און קאָנסטרוקטאָר פון עראָפּלאַנען־טיילן.

דעמאָלט איז מיר טאַקע איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז לכבוד חנוכה מוז מען מאַכן אַ חנוכה־לאָמפּ, און דווקא פון אַ דייטשן אַראָפּגעשאָסענעם עראָפּלאַן. נאַטירלעך, אַז עס איז פיל לייכטער געווען צו טראַכטן וועגן אַזאַ איינפאַל, איידער אים אויסצופירן. אויף טריט און שריט האָט געלויערט דער טויט. די דייטשע מייסטערס מיט אַ ספּעציעלער וואַך האָבן אונדז שטאַרק געהיט, אָבער דאָס לעבן האָט פאַר אונדז שוין סיי ווי פאַרלוירן יעדן ווערט און מיר האָבן זיך געטראַכט, אַז אויב שוין אומקומען, זאָל כאָטש זיין פאַר עפּעס.

איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט נאָך עטלעכע חברים, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס וועלן אויסגעפאַרטיקט ווערן צוויי חנוכה־לאָמפּן; איינע פאַר אונדזער קאַיוטע און די צווייטע אַלס מתנה פאַר אונדזער יידישן לאַגער־קאָמענדאַנט שטאָקמאַן, וואָס האָט נישט בלויז פאַר אונדז, נאָר כמעט פאַר אַלע קרוב 4.000 יידן זיך באמת צו לינדערן די פּיין מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

מיט דעם ח׳ פיינמעסער האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ „סטראַטעגישן" פּלאַן, ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן, מען זאָל אונדז נישט כאַפּן „ביים פאַרברעך". אין פאַבריקזאַל, וווּ איך האָב געאַרבעט און געמאַכט מיינע טעכנישע צייכענונגען, האָבן זיך געפונען נאָך צוויי חברים, (זאָלן זיי מיר מוחל זיין, וואָס איך דערמאָן נישט זייערע נעמען, ליידער האָב איך זיי פאַרגעסן), וועלכע האָבן מיך כסדר געוואָרנט מיטן אָפּגערעדטן אויסדרוק „זעקס", אַז עס גייט דער מייסטער. דעמאָלט האָב איך שנעל מיין צייכענונג מיטן חנוכה־לאָמפּ באַהאַלטן אונטערן בויגן, אויף וועלכן איך האָב געצייכנט אַ הענקעל־עראָפּלאַן. אָבער איין מאָל בין איך אַזוי פאַרטאָן געווען אין מיין חנוכה־לאָמפּ, אַז איך האָב נישט דערהערט די וואָרענונג „זעקס" און מיט אַ מאָל דערפיל איך, ווי דער דייטשער מייסטער שטייט איבער מיין קאָפּ און קוקט זיך צו צו מיין חנוכה־לאָמפּ.

איך האָב זיך שנעל געכאַפּט און געזאָגט, אַז דאָס צייכן איך אַ נייעם מאָדעל ווי אַזוי צום בעסטן צו שניידן בלעך, ביים צוריקמאָנטירן די שטיקער פון אַן אַראָפּגעשאָסענעם עראָפּלאַן. שטעלט אייך פאָר, אַז דעם יעקע איז דער דאָזיקער ענטפער שטאַרק געפעלן און ער האָט מיך צורו געלאָזן און געזאָגט אויף זייער שטייגער „ווייטער מאַכן". צו מיין גליק איז די צייכענונג פונעם חנוכה־לאָמפּ נאָך נישט געווען געענדיקט, און וואָלט ער מיך געכאַפּט ביי דער דאָזיקער מעשה, ווען אויף אַ שיינער מגן־דוד איז מיט אַ שעה שפּעטער געווען אָנגעצייכנט אויף דער חנוכה־לאָמפּ, וואָלט איך שוין היינט נישט געלעבט.

ווען די צייכענונג איז שוין געווען פאַרטיק, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אייגנטלעכע אַרבעט. פון אַ גרויסן פליגל פון אַן עראָפּלאַן האָבן מיר אויסגעשניטן די בלעך, וואָס איז נויטיק געווען פאַר די צוויי חנוכה־לאָמפּן; פונקט ווי עס איז געווען דער פאַל מיט מיר, זענען עטלעכע ייִנגלעך געשטאַנען אויף דער וואַך און כסדר געגעבן סיגנאַלן, אַז דער שונא גייט און מען זאָל גיך באַהאַלטן די חנוכה־לאָמפּן. אָט, ביי אַזאַ שטימונג, וואָס האָט נישט איינעם פון אונדז דערפירט ביז פיבער, האָבן מיר געאַרבעט איבער די חנוכה־לאָמפּן גאַנצע צוויי טעג. איך

דערמאָן זיך וואָסער ליבע, וויפל האַרץ און נשמה מיר האָבן אַריינגעלייגט אין אויספּאַרטיקן דעם מגן־דוד אויף דער חנוכה־לאָמפּ. עס איז געווען אונדזער אינערלעכער אויסדרוק פון אומענדלעכן פּראָטעסט און גרענעצלאָזער פּאַראַכטונג צו די היטלעריסטן־מערדער. איך דערמאָן זיך מיט וואָסער אייפער אונדזערע ייִנגלעך האָבן געפּוצט און פּאָלירט די חנוכה־לאָמפּ. זי האָט געבלאַנקט, ווי זי וואָלט געווען פון זילבער און נישט פון דוראַלומיניום־בלעך פון דייטשן עראָפּלאַן.

ווען די חנוכה־לאָמפּן זענען געווען פאַרטיק, האָט מען נאָך אַרויסגעגנבעט אַ פּלעשל פיינסטן בוימל, וועלכן מען האָט גענוצט צו די עראָפּלאַנען, געמאַכט קנויטן פון וואַטע און...

איצט הויבט זיך אָן די שווערסטע פאַזע פון אונדזער אויפגאַבע. ווי אַזוי פירט מען אַריין די חנוכה־לאָמפּן אין לאַגער אַריין? ווי געזאָגט, האָט זיך די היינקעל־פאַבריק געפונען 4 קילאָמעטער ווייט פון לאַגער. ביים אַריינקומען אין לאַגער איז פאַרן איינגאַנגס־טויער געשטאַנען אַביידל פון דער אוקראַיִנישער לאַגער־וואַך. פון דער דאָזיקער וואַך האָבן מיר שטענדיק געליטן געברענטע צרות, ווי נאָר דער לאַגערצוג מיט די „העפטלינגע" האָט אָנגעהויבן פאַרבייגיין פאַרן ביידל מיט די אוקראַיִנישע רוצחים, פלעגן זיי אויפן אויג אַרויסכאַפּן פון די פאַרביימאַרשירנדיקע רייען צו עטלעכע מאַן, אַריינפירן אין ביידל און דאָרטן גוט אויסשלאָגן און באַזוכן, צי מען שמוגלט נישט עפּעס אַריין אין לאַגער.

ווי אַזוי פירט מען אַריין די חנוכה־לאָמפּן אין לאַגער אַריין? מיר האָבן זיך לאַנג באַראָטן און באַשלאָסן די חנוכה־לאָמפּן אַריינפירן אויף „קראַנק". דאָס איז געווען אַזאַ מין טריק, מיט וועלכן מיר האָבן זיך נישט איין מאָל באַנוצט. ווען עפּעס אַריינשמוגלען אין לאַגער. איינער פון אונדזערע חברים האָט זיך געמאַכט קראַנק און 4 קאַצעטלער האָבן אים דעם גאַנצן וועג געמוזט טראָגן אויף די אַקסלען. אַזאַ גרופּע פלעגן די אוקראַיִנער נישט פאַרהאַלטן. מיר האָבן דאָס טאַקע אויסגענוצט און מיטגענומען מיט זיך די חנוכה־לאָמפּן, וועלכע מיר האָבן באַהאַלטן אונטער די פּאָלעס פון מאַנטל. איין חנוכה־לאָמפּ האָב איך אויף אַזאַ אופן אַליין אַריינגעפירט אין לאַגער אַריין, די צווייטע האָט געטראָגן ח' פיינמעסער.

ווען די חנוכה־לאָמפּן האָבן זיך מיט מזל שוין געפונען אין לאַגער, איז מען ערשט צוגעטרעטן צו פייערן אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן יום־טוב מיטן גאַנצן קנאַק. קודם־כל האָבן מיר אַוועקגעטראָגן איין חנוכה־לאָמפּ צום לאַגער־קאָמענדאַנט שטאָקמאַן. ער איז געווען גערירט פון דער מתנה און זיך שטאַרק צעוויינט. עס איז באַלד באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר מאַכן אַ חנוכה־פייערונג אין... באָד, ווּהין דער ס.ס.־לאַגער־פירער לייפּעלד קומט נישט אַריין. מיר האָבן פאַרהאַנגען די פענצטער און טירן מיט דיקע טיכער, כדי מען זאָל נישט הערן פון דרויסן. דער לאַגער־פירער שטאָקמאַן האָט גערופן צו זיך אַלע 12 קינדער, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט אין לאַגער און זיי אַוועקגעפירט אין באָד. אויך דירעקטאָר בלאָך און איך זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער דאָזיקער פייערונג.

מיט אַ געבראָכענער שטימע האָט דירעקטאָר בלאָך אָפּגעזאָגט די ברכות

איבערן ערשטן ליכטל, וואָס האָט אַזוי וואַרעם געגומען לויכטן איבערן צימער און וואָס האָט אַזוי פּיל דערינערונגען דערוועקט אין אונדז. שטיל האָבן זיך געקייקלט די טרערן אויף אונדזערע פּנימער, ווען דיר. בלאָך האָט גענומען דער־ציילן פֿאַר די קינדער די געשיכטע פֿון די חשמונאים און זייערע העלדנטאַטן און געמונטערט די קינדער זיי זאָלן זיין שטאַרק און מוטיק. דער לאַגער־פירער האָט דאַן יעדעס קינד געגעבן אַ שיין פּעקל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון עפּל און צוקער־לעך. מיר האָבן שטיל געזונגען „מעוז צור ישועתי״ און זיך איינצלוויז פונאַנדער־געגאַנגען, כדי עס זאָל ביי די אוקראַ:נער נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט.

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די אייגנטלעכע פייערונג ביי אונדז אין דער זיבעטער קאַיוטע, אויך דאָ האָבן מיר געדיכט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער און אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי דער טיר, כדי צו וואָרענען אין פאַל עס באַוויזט זיך אַן אוקראַ:נער.

הרב שפּיראָ האָט אָנגעפּילט דאָס ערשטע קריגעלע מיטן בוימל, געמאַכט אין אָרדענונג דאָס קנייטל און ביי אַ טויטער שטילקייט פֿון אַלע אָנוועזנדיקע אָנגעהויבן די ברכות. וויפל פייער און הייליקן גלויבן האָט ער אַריינגעלייגט דעמאָלט אין די דאָזיקע געציילטע ווערטער פֿון די ברכות!

באַלד דערנאָך האָבן מיר זיך אַלע אַוועקגעלייגט אויף די פּריטשעס, און שטיל האָבן מיר אַלע גענומען זינגען „מעוז צור ישועתי״. אין דער דאָזיקער שיינער מעלאָדיע האָבן מיר דעמאָלט אויסגעזונגען אונדזער גאַנצן ווייטיק. אַפילו די, וועלכע זענען גאַנץ ווייט געווען פֿון יידישקייט האָבן אויך שטיל מיטגעזונגען און אַ מיסטעריעזע הייליקייט האָט גענומען שוועבן איבער אונדזער זיבעטער קאַיוטע.

הרב זעמבאַ האָט נאָך גענומען זאָגן אַ מאמר איבער חנוכה, צו וועלכן אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ביסלעכוויז איז מען איינגעשלאָפן נאָכן שווערן טאָג אַרבעט. דאָס ערשטע חנוכה־לעמפּל האָט גענומען צאַנקען און איז ענדלעך אויסגעגאַנגען. (נפתלי זילבערבערג: „נס חנוכה אין קאַצעט״, „דער ווידעראויפבוי״, פּאַריז, דעצעמבער 1947, איבערגעדרוקט פֿון „אונדזער מאָמענט״, 20סטן דעצעמבער 1946, ז׳ 5).

הירש גליק אויף אַ חנוכה־אָוונט אין נאַרוואַ

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי ברענגט אין זיין בוך „הירשקע גליק״, אַז דער דיכטער פֿון דעם ליד „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״, האָט זיך באַטייליקט מיט לידער אין אַ חנוכה־אָוונט אין קאַצעט נאַרוואַ, אין יאַנואַר 1944. (די ידיעה האָט דעם ד״ר דוואָרזשעצקי איבערגעגעבן אריה אַרבאַך).

וועגן זעלבן חנוכה־אָוונט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט סיי הירשקע

גליק און סיי דער באַקאַנטער שרייבער, פּאַרזיצער פון פּען־קלוב אין דער יידישער ווילנע, זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש, און וועגן דער לאַגער־מנורה, וואָס איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרן פון גאָפּלען, מעסערס און לעפלען — ווערט דערציילט אין אַן עדות זאָגן פון מאיר סליווקין (ש. קאַטשערגינסקי, „חורבן ווילנע", ז"ז 109 — 110; פאַרשריבן דורך ש. ק. 1טן יולי 1945).

מאיר סליווקין דערציילט:

אין יאַנואַר 1944, חנוכה־צייט, האָבן מיר זיך געפונען אין דריטן באַראַק פון נאַרוועך לאַגער. לויט דער איניציאַטיוו פון דיכטער הירש גליק, האָבן 300 געפאַנגענע באַשלאָסן צו מאַכן אַ חנוכה־אָוונט. מיט דער הילף פון די עלטסטע פון באַראַק: גרישע מאַרקמאַן, מאיר שאַפּיראָ און מישע נאָטאַנזאָן, האָט מען זיך צו דעם אָוונט ספּעציעל געגרייט, געמאַכט אַ כאָר און צוגעגרייט רעציטאַציעס. דער באַקאַנטער ווילנער גראַוויאַר מאָריץ ליפּשיץ, האָט פון גאָפּל, לעפל און מעסער אויפן וואַנט געמאַכט אַ מנורה. ליכט האָבן מיר געבראַכט פון דער אַרבעט. דאָס ערשטע ליכטל האָט געבענטשט דער האַלץ־סוחר צוקערמאַן. אַכט אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער אָוונט. גערעדט האָט קאַלמאַנאָוויטש ביי אַ האַלבער שעה. ער האָט גערעדט וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע, און האָט אונדז געגעבן האָפענונג, אַז מיר וועלן סוף כל סוף אַלץ איבערלעבן. מען האָט געדאַוונט מעריב, געבענטשט חנוכה־ליכט. קאַלמאַנאָוויטש האָט ווייטער גערעדט. גליק האָט געלייענט צוויי גרויסע לידער, ווו ס'איז געוועזן געזאָגט, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר דערלעבן די צייט, ווען די דייטשן וועלן אָפּטרעטן, און זיי וועלן וואַרפן זייער „העקל־פּעקל", און זיך נאָך בעטן ביי אונדז, מיר זאָלן דאָס פון זיי צונעמען. נאָך דעם ווי דער מענערכאָר פון 8 מאַן (קאַץ, אַקטיאָרן פּימע און מאַרעק שאַפּיראָ, כתריאל (ברוידאָ) און אַנדערע) — האָט געזונגען לידער פון געטאָ און פאָלקסלידער, האָט מען זיך געזעצט צום יום־טוב־עסן, וואָס איז באַשטאַנען פון קאַווע און שטיקלעך ברויט, באַשמירט מיט פּוטער. (ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „הירשקע גליק", פּאַריז 1966, ז"ז 57 — 58).

חנוכה אין לאַגער דוואָרעץ

דער לאַגער דוואָרעץ איז שוין געוועזן פּוסט. דער אינזשיניער, דער אויפזעער אויפן לאַגער, האָט אונדז געמאָלדן, אַז מען וועט די טעג אונדז אַרויספירן אין דעם נייעם לאַגער אויף „ביעליע באָלאָטאָ".

מיר באַשליסן, מיר וועלן זיך נישט לאָזן פירן קיין „ביעליע באָלאָטאָ". מיר וועלן גיין אין וואַלד.

און דערווייל קומט אָן חנוכה.

אין לאַגער איז שוין פאַראַן אַ צווייטער און אַ דריטער קרבן.

אָבער היינט איז ביי אונדז חנוכה, דער יום־טוב פון יידישער גבורה. אויף צו להכעיס דעם אינזשיניער און אַלע דייטשן! היינט איז ביי אונדז יום־טוב!

אונדזער שפּיטאַל־קאָלעקטיוו האָט באַשלאָסן אַ „הוליע" צו טאָן חנוכה. מען האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער זיך, ווער עס האָט נאָך געהאַט, די ליילעכער, אויסגעוואַשן און געדעקט דעם טיש, דער דאָקטאָר האָט געגעבן פעטס, וואָס ער האָט געקראָגן פון אַ קריסטלעכן פּאַציענט (אין דוואָרעץ איז נישט געווען קיין אַרישער אַרצט, פלעגט מען, מיט דער דערלויבעניש פון אינזשיניער, אַרויסרופן פון לאַגער דעם ייד, און דער דאָקטאָר איז דעריבער געווען זאַט). ביי נאָך עמעצן האָט זיך געפונען אַ ביסל מעל. מען האָט געבאַקן לאַטקעס. ס'איז געווען יום־טוב.

אין צווייטן עק לאַגער האָט געלעבט אַ מינסקער אַרטיסט, קאַגאַן. דער עולם האָט באַשלאָסן, אַז עס מוז זיין אַ קינסטלערישער טייל.

אויף דער גאַס איז געווען אַ שרעקלעכער שטורעמווינט, אַ זאַווערוכע. מען האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע צו ברענגען קאַגאַנען.

מיר זענען אַרויס זאַלבעדריט, געבראָדזשעט ביז די קני אין בלאָטע, אַריינ־געפאַלן אין דער פינצטער אין אַ קאַלוזשע. נאָר מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם אַרטיסט פון זיין געלעגער און אים געבראַכט אין שפּיטאַל אַריין.

דעם אָוונט האָט מען פאַרגעסן, אַז מען איז אין לאַגער. עס זענען שוין נישטאָ קיין טאַטע־מאַמע, קיין קינדער, יעדן טאָג וואַרט מען אויפן אָנגעזאָגטן סוף... מען האָט פאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס די פענצטער, עס זאָל זיך נישט הערן אויף דער גאַס, און מען האָט זיך צעזונגען.

אַ סך פון אונדז האָבן זיכער אין די גוטע יאָרן נישט געזונגען מיט אַזוי פיל ברען און האַרץ, ווי אין דער שטורעמדיקער נאַכט. מען האָט געזונגען אַמאָליקע יידישע פאָלקסלידער, מאָדערנע סאָוועטישע, העברעיִשע, אַלערליי ניגונים און לידער, וואָס יעדער איינער האָט געהאַט אין זכרון, קאַגאַן האָט רעציטירט.

הינטערן פענצטער לויערט דער טויט, אָבער ביי אונדז איז פריילעך, ס'איז חנוכה... (שרה נשמית: „פּנקס סלאָנים", ספר ב', תל־אביב, 1962, ז"ז 329 — 330).

ביי די חנוכה־ליכטלעך

משה פלינקער, אין זיין טאָגבוך „הנער משה", שרייבט:

12טן דעצעמבער, מוצאי־שבת.

פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק האָבן מיר אָנגעצונדן די חנוכה־ליכטלעך צום לעצטן מאָל אין דעם חנוכה.

מיר האָבן נאָך די זכיה געהאַט צו צינדן די אַכט חנוכה־ליכטלעך, אַלע דריי צוזאַמען, מיין פאָטער, מיין קליינער ברודער און איך. כאָטש עס איז שוין געווען שווער צו קריגן ליכטלעך, האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט און מיר האָבן זיי געקויפט פאַר אַ טייערן פּרייז.

זינגענדיק די לעצטע סטראָפע פון מזמור „מעוז צור" בין איך געוואָרן פאַרוווּנדערט ווי זי פּאַסט זיך אַריין אין אונדזערע היינטיקע צרות:

„חשוף זרוע קדשך
וקרב קץ הישועה.
נקום נקמת דם עבדיך
מאומה הרשעה,
כי ארכה לנו הישועה
ואין קץ לימי הרעה".

אין האָג איז געווען אַ ייִנגל, יונה יערעט האָט ער געהייסן. ער איז געווען פאַר מיר אַ מוסטער פון אַ קינד. אַ ייִנגל מיט אַזאַ גוט האַרץ האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען. ער איז געווען אינטעליגענט און האָט גוט געלערנט אין דער שול. תמיד האָט ער געקראָגן די בעסטע צייכנס. און ווען איך שרייב איצט וועגן אים, וועל איך אויך שרייבן, וואָס איך האָב געהערט וועגן אים פון אַ באַגלויבטן מענטש, ווען איך בין געווען אין בריסל. ער האָט מיר דערציילט, אַז יונה איז געכאַפּט געוואָרן ווען ער האָט געוואָלט אַריבערגיין צוזאַמען מיט אַ סך מענטשן די האָלענדיש־בעלגישע גרענעץ.

ווען עס זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע חדשים, האָבן זיינע עלטערן געקראָגן אַ ידיעה, אַז זייער זון איז געשטאָרבן.

„נעם נקמה פאַרן בלוט פון דיינע קנעכט פון דעם רשעותדיקן פאָלק". (משה פלינקער: „הנער משה", הוצאת „יד ושם" ירושלים, תשכ"א — 1961, איבערגעדרוקט אינעם ספר „אני מאמין", פון מרדכי אליאב, הוצאת „מוסד הרב קוק", ירושלים, 1965, ז"ז 176 — 177).

חנוכה־ליכטלעך אין אַרבעטס־לאַגער נידעראַשל

ש. ב. אונסדאָרפער דערציילט ווי אַזוי יידן האָבן געצונדן אַ חנוכה־ליכטל אין דעם אַרבעטס־לאַגער נידעראַשל, אין דעם סאַמע האַרץ פון דייטשלאַנד:

אין מיין קליין טאָגביכל, ווו איך האָב געהאַט אַריינגעשריבן אויך די יידישע ימים־טובים, האָב איך צו מיין גרויסער פרייד אויסגעפונען, אַז חנוכה, דער יום־טוב פון ליכט, וועט זיין אין אַ פּאָר טעג אַרום. איך האָב באַשלאָסן, אַז אַפילו אין נידעראַשל דאַרפן מיר צינדן חנוכה־ליכטלעך.

באַלד האָב איך זיך באַראַטן מיט בענצין, וואָס איז געוואָרן דער פאַרטרויונגס־מאַן פון די איינוווינער פון בלאָק.

בענצי איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון מיין געדאַנק.

— יאָ! — האָט בענצי געזאָגט — מיר דאַרפן אָנצינדן די חנוכה־ליכטלעך. דאָס וועט הייבן דעם „מאָראַל" און וועט רייניקן די לופט. גרייט צו אַ פּלאַן, אָבער זיי פאָרזיכטיק.

צוויי פּראָבלעמען האָבן מיר געדאַרפט לייזן: מען האָט געדאַרפט געפינען „בוימל״ און געפינען אַן אָרט ווו אָנצוצינדן די חנוכה־ליכטלעך און דאָס ליכט זאָל מען נישט זען. אין דער פאַבריק האָט נישט געפעלט קיין אייל, אָבער ווי אַזוי קריגט מען דאָס אַרויס? און נאָך פאַר מאָנטיק פאַר נאַכט, דעם 11טן דעצעמ־בער, ווען עס פאַלט אויס די ערשטע נאַכט חנוכה?

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען נישט מחויב על פּי הלכה צו שטעלן אונדזער לעבן אין סכנה מקיים צו זיין די מצווה פון צינדן די חנוכה־ליכטלעך. אָבער צווישן אַ סך פון אונדז איז געווען אַ געפיל, אַז מיטן אָנצינדן די חנוכה־ליכטלעך וועלן מיר הייבן די געדריקטע שטימונג און אין אונדז איינפלאַנצן אַ האָפענונג, גלויבן און שטאַרקייט, אַז מיר זאָלן קענען אויסהאַלטן דעם לאַנגן שווערן ווינטער.

מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרפן גורל: ווער עס וועט אַרויס דער ערשטער, דאַרף צוגנבענען דעם אייל; דער דריטער דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך אים צו באַהאַלטן ביז מאָנטיק ביי נאַכט; און דער פינפטער וועט אָנצינדן דאָס חנוכה־ליכטל אונטער זיין פּריטשע.

איך בין אַרויס דער פינפטער אינעם גורל. גרינוואַלד, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דער גורל ער זאָל קריגן דעם אייל, האָט זיין אויפגאַבע דערפילט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן. ער האָט איבערצייגט דעם אָנפירער פון דער אַרבעט, וואָס איז ביי אַלעמען געווען פאַרהאַסט, אַז זיין אויטאָמאָביל וועט אַרבעטן בעסער, אויב מען וועט אים איילן יעדן טאָג אין דער פרי. דעריבער איז וויכטיק, אַז מען זאָל קריגן אַ קליין קריגעלע אייל מיטן בעסטן מאַשין־אייל און עס האַלטן אין אונדזער קעסטל, ווו מיר האַלטן די אַרבעטס־כלים. דער אָנפירער האָט מסכים געווען דערויף און עס איז שוין ממילא מער נישט געווען קיין פּראָבלעם ווו מען זאָל באַהאַלטן דעם אייל...

ווען עס איז געקומען מאָנטיק אָוונט, האָב איך אַריינגעגאָסן אַ ביסל אייל אין אַ ליידיק פּושקעלע פון שוואַקס. איך האָב אַרויסגעצויגן עטלעכע פעדים פון מיין דינעם צודעק און איך האָב פון זיי געדרייט אַ קניטל.

ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, האָב איך זיך אָנגעקוועצט, עס שנעל צוגעגרייט און האָב אויך פאַרבעטן אַלע אונדזערע חברים זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אָנצינדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל. אָבער פּלוצלונג האָב איך זיך דער־מאָנט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אָנצוגרייטן שוועבעלעך. איך האָב דאָס איינגערוימט בענצין און בענצי האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „אַלע זאָלן איבערלאָזן אַ ביסל זופּ״, און אין משך פון פינף מינוט זענען אויסגעביטן געוואָרן אין נאָענטן באַראַק פינף פּאָרציעס זופּ פאַר אַ ציגאַרעטל. דאָס ציגאַרעטל איז געגעבן געוואָרן דעם אויפזעער אויף דער קיך פאַר אַ שאַכטעלע שוועבעלעך אָן יעדער פראַגע.

נאָכן אָפּעסן דאָס אָוונט־ברויט, האָב איך געבענטשט די דריי ברכות און דאָס קליינע חנוכה־ליכטל האָט שטיל געלויכטן אונטער מיין פּריטשע. נישט בלויז

די חברים פון „רעליגיעזן" טיש האָבן זיך באַטייליקט, נאָר אויך אַ סך אַנדערע פון באַראַק האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין שטילן געזאַנג פון די חנוכה־מזמורים...

ווי מיט אונדזערע אויגן האָבן מיר געזען אונדזערע הייזער, אונדזערע עלטערן, אונדזערע ברידער, אונדזערע שוועסטער, אונדזערע פרויען און אונדזערע קינדער, ווי זיי זענען פאַרזאַמלט אַרום די שיינע, זילבערנע חנוכה־לעמפּלעך און זינגען „מעוז צור". טרערן זענען גערונען איבער אונדזערע איינגעפאַלענע באַקן...

דערנאָך האָט זיך יעדער איינער געזעצט אויף זיין פּריטשע, פאַרזונקען אין טיפע מחשבות. איין רגע האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קיין שום זאַך איז נישט וויכטיק פאַר אונדז. מיר האָבן געפייערט די ערשטע נאַכט חנוכה אַזוי ווי מיר האָבן זיך נוהג געווען אין די אַלע פריערדיקע יאָרן איידער מען האָט אונדז אַרעסטירט און געפּייניקט. מיר זענען געווען אַ גרופּע יידן, וואָס זענען מקיים מצוות און חלומען וועגן זייערע היימען און וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָבער דער חלום איז שנעל פאַרשוווּנדן. אַ געשריי „שטילשווייגן!" האָט זיך דערהערט איבערן גאַנצן באַראַק. מיר זענען גלייך צוריקגעקומען צו דער ווירקלעכקייט. מיר זענען געבליבן שטיין שטיל. דער קליינער אונטערשאַרפירער איז געשטאַנען ביי דער טיר שטיל און פּלוצלונג האָט ער פאַרקרימט די נאָז און געשריגן: „עס שפּירט זיך דאָך דאָ אייל!"... מיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געקוקט אויפן חנוכה־ליכטל וואָס האָט געפלעמלט...

ווען דער אונטערשאַרפירער האָט אָנגעהויבן גיין מיט זיין הונט לענג־אויס די פּריטשעס, זוכנדיק דעם ברענענדיקן אייל, האָב איך נישט געוואָגט זיך אַראָפּצובייגן און פאַרלעשן דאָס ליכטל מיט מיין שוך, טאָמער וועט דער הונט דערזען מיין באַוועגונג און וועט אויף מיר אָנפאַלן. איך האָב געגעבן אַ שנעלן קוק אויף די טויט־בלייכע פּנימער אַרום מיר. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער דייטשער אָנפירער. איך האָב געוווּסט, אַז אין אַ רגע אַרום וועט ער צוקומען צו אונדזערע געלעגערס, און קיין שום זאַך וועט אונדז נישט מציל זיין...

אָבער פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט סירענע־רופן, וואָס וואָרענען וועגן אַ לופט־איבערפאַל, און אין איין מינוט זענען אַלע ליכט פון דעם לאַגער אויס־געלאָשן געוואָרן. דער אַליאַרם־סיגנאַל האָט אָפּגעהילכט אין דעם גאַנצן לאַגער. אינעם טומל האָב איך מיט מיין שוך פאַרלאָשן דאָס חנוכה־ליכטל, און לויטן באַפעל פון לאַגער־אָנפירער זענען מיר אַלע אַרויס אין דרויסן.

„עס וועט נאָך זיין אַן אויספאָרשונג!" האָט געשריגן דער אונטערשאַרפירער צו די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען אינעם טומל געלאָפן צום איינשטעלונגס־פּלאַץ. אָבער איך האָב זיך מער נישט געזאָרגט. מיט פרייד האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די קליינע מנורה און בין אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דאָס איז געווען אַ נס חנוכה. איך בין געהאָלפן געוואָרן פון אויבערשטן אַפילו אין דעם פאַרגעסענעם לאַגער אין נידעראַשל.

אין דרויסן, אין דער קאַלטער ווינטערנאַכט, האָבן געפינקלט די שטערן און די באָמבאַרדירערס פון אונדזערע פאַרבינדעטע זענען מיט אַ רעשיק זשומען

געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. איך האָב ממשיך געווען צו דאַנקען דעם אויבערשטן, וואָס האָט געטאָן ניסים צו זיין פאָלק „אין יענע טעג און אין אונדזער צייט!״... (S.B. Unsdorfer: "The Yellow Stare", London 1961)

חנוכה 1944—1945 אין אוישוויץ

איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אויפן בלאָק 4. אויבנאויפיק איז די דיסציפּלין אין לאַגער געווען ווי שטענדיק אַ שטרענגע, שטראָפן פאַר דעם קלענסטן אַרויסטריט קעגן לאַגער־רעגולאַמין. די ס.ס. האָט ווייטער געהערשט מיט איר גאַנצער ברוטאַלקייט און אכזריותדיקייט. דאָס האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטערן די האָפענונגען אויף אַ גיכער באַפרייונג, אויב דער שׂונא וועט אונדז נישט אויסראָטן פריִער. די רוסישע אַרמייען זענען דעמאָלט געווען שוין נישט ווייט פון אוישוויץ — סך־הכל עטלעכע שעהען פון לאַגער. מיר זענען געווען זיכער, אַז די באַפרייונג איז בלויז אַ פראַגע פון טעג און אפשר טאַקע שעהען.

אין דעם דאָזיקן געשאַפענעם מצב האָט זיך אויך פאַרגלוסט זיך אַרויסצוהייבן פון דער גרויקייט און פינצטערניש צו גייסטיקער ליכט און דערהויבנקייט. היות עס איז געווען אַרום חנוכה־צייט, האָבן עטלעכע אסירים, און איך צווישן זיי, פון דערמאָנטן בלאָק, באַשלאָסן צו צינדן חנוכה־ליכט. דער ענין איז אָבער נישט געווען אַזוי פשוט. ראשית כל — פון וואַנען נעמט מען ליכטלעך, ווען אַפילו נאָר צוויי — איינס פאַר דעם שמש און איינס פאַר די אַכט. שנית — ווו צינדן? דאָס ברענענדיקע ליכטעלע איז דאָך שטאַרק אַנזעעוודיק און איז עלול צו ברענגען כלערליי קאָנסעקווענצן.

און דאָך האָבן מיר זיך פון דעם נישט אָפּגעהאַלטן. איינער האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן צוויי ליכטלעך, אַ צווייטער — עפּעס אַ שטיקל בלעך ווו אַוועקצושטעלן די ליכטלעך, אַ דריטער — צינדהעלצלעך, און עטלעכע האָבן זיך אונטערגענומען צו שטיין אויף דער וואַך — זיך אויסצוהיטן פון בלאָקעלטסטן, אָדער ס.ס.־מאַן.

די צערעמאָניע פון הדלקת־הנרות האָבן מיר דורכגעפירט ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל פון „שטובע״ 1, אויפן בלאָק 4, שנעל, סימבאָליש. דער „מעוז צור״ האָט אָבער אָפּגעהילכט נאָך לאַנגע מינוטן. (גבית עדות פון ד״ר וו. גליקסמאַן, פילאַדעלפיע).

דאָס ליכטל פון האָפענונג אין אוישוויץ

הרב סיני אַדלער, איינער פון די שארית הפליטה דערציילט:

אין אונדזער באַראַק, דער באַראַק פון דער יוגנט אין לאַגער אוישוויץ, זענען

געווען קאָנצענטרירט יונגעלייט פון פאַרשידענע לענדער. די מערסטע זענען געווען פון צענטראַל־אייראָפּע, אָבער עס איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל יונגטלעכע פון גריכנלאַנד, וואָס צווישן זיי זענען געווען שומרי־שבת ומצוות. זיי האָבן גאַנץ גוט באַהערשט די העברעיִשע שפּראַך און דעריבער האָבן מיר זיך געקענט צו־נויפרעדן.

יעדן טאָג פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען אין אַ ווינקל פון באַראַק צו דאַווענען בציבור. דאָס דאַווענען מיט אַ מנין און דאָס אָפּהיטן די מצוות האָט גורם געווען, אַז מיר האָבן זיך נענטער פאַרבונדן, טראָץ דעם וואָס אונדזער אָפּשטאַם איז געווען אַן אַנדערער און אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן.

ווען עס איז געקומען חנוכה איז אונדז געלונגען צו קריגן איין ליכטל. אין דער ערשטער נאַכט חנוכה האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויפן ערשטן שטאָק ביי איינער פון די פּריטשעס און מיר האָבן אָנגעצונדן דאָס ליכטל.

דאָס דאָזיקע ברענענדיקע ליכטל האָט אויך אָנגעצונדן אין אונדזערע הערצער נייע האָפענונגען פאַר דער גוטער צוקונפט און האָט געשטאַרקט אונדזער בטחון אין „מעוז צור ישועתי״.

אין דער דאָזיקער רגע האָבן זיך אין אונדז דערוועקט גרויסע בענקענישן פאַר אונדזער פאַרגאַנגענהייט, ווען מיר פלעגן יום־טובן די חנוכה־טעג, יעדער איינער אין זיין פאָטערס הויז. אָבער די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט איז פאַרשוווּנדן און זי איז מער נישטאָ. דעריבער האָט עס דערוועקט אין אונדז דעם פאַרלאַנג, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון די טיפעניש פון אונדזער האַרץ, פאַר דער צוקונפט, וואָס איז נאָך געווען ווייט פון אונדז, אָבער אין איר וועט פאַרווירקלעכט ווערן די תפילה, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געזונגען, און זי איז: „תכון בית תפילתי ושם תודה נזבח... אז אגמור בשיר מזמור חנוכת המזבח״. (הרב סיני אַדלער, אין אַ גבית עדות וועגן אוישוויץ. געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט אין אַרכיוו פון „יד ושם״ אין ירושלים).

חמישה־עשׂר־בשבט פייערונג אין אוישוויץ

איין מאָל אין אָוונט, ליגנדיק מיד נאָך דער אַרבעט אויף מיין געלעגער, דערהער איך פלוצלונג פון אַ צווייטן בלאָק, ווו ס׳ווינען יידישע פרויען, אַ מע־לאָדיע. די מעלאָדיע איז מיר געווען נאָענט, זי האָט מיר צוגענומען מיין רו און צעשטערט מיין גאַנצן גייסטיקן גלייכגעוויכט. געזונגען האָבן זיי די „התקוה״ און נאָך אַנדערע העברעיִשע לידער. די לידער האָבן פון מיין נשמה אַרויסגעצויגן אַלע מיינע זכרונות.

דעם צווייטן טאָג האָב איך געפונען אַ געלעגנהייט צו פרעגן אַ יידיש מיידעלע: „וואָס האָט איר עפּעס נעכטן אַזוי לאַנג געזונגען?״ האָט זי אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט טרויעריקע אויגן און געזאָגט: „פאַר אייך איז דאָס מאָדנע, אָבער

פאַר אונדז איז דאָס, טאַקע אין סאַמע ווינטער, געווען דער יום־טוב פון פרילינג. אין ארץ־ישׂראל הויבן אָן איצט צו בליִען די ביימער. ביי אונדז איז פאַראַן אַ גרופּע מיידלעך פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר זיך נעכטן נאָך דער אַרבעט צוזאַמענגענומען און געזונגען העברעיִשע לידער״. פון די דאָזיקע ווערטער אירע האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען חמשה עשׂר בשבט.

(זכרונות פון חנה קאַמפּעל, איבערגעגעבן פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין זיין בוך: „אָשוויענטשים״, פאַרלאַג „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע״, בוענאָס־איירעס 1950, ז׳ 201).

פורים

אַריינפיר

די דייטשן האָבן צוגעגרייט זייערע הריגות אויף יידן על פי רוב אין די יידישע ימים־טובים; איז געקומען אַ יידישער יום־טוב, האָבן יידן זיך געריכט אויף אַן „אַקציע". בפרט האָבן די דייטשן אויסגע־קליבן פורים אויף דורכצופירן זייערע פאַרניכטונגס־אַקציעס, ווייל פורים איז פאַר די יידן געווען דער סימבאָל פון המנס מפלה, און היטלער האָט געוווּסט, אַז ער ווערט באַטראַכט ביי די יידן אַלס דער צווייטער המן און אַז ער וועט האָבן די זעלבע מפלה, וואָס דער ערשטער המן האָט געהאַט.

האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ בלוטיקן פורים אין טשענסטאָ־כאָוו, אין באַראַנאָוויטש און אין אַנדערע שטעט.

יידן האָבן אָבער, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט, געלייענט די מגילה, מקיים געווען די מצווה פון שיקן שלח מנות און אַפילו געטאַנצט פורים אין אַ טויטלאַגער...

דער בלוטיקער פורים אין טשענסטאָכאָווער קליינעם געטאָ

נאָך די גרויליקע און בלוטיקע געשעענישן, אין די טעג פון 22סטן סעפּ־טעמבער ביזן 4טן אָקטאָבער 1942, ווען די ווייט גרעסטע מערהייט פון טשענ־סטאָכאָווער יידנטום איז אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן פון טרעבלינקע, איז דאָס גרויסע געטאָ ליקווידירט געוואָרן. אַלע הייזער און וווינונגען זענען גע־שטאַנען ליידיק און אַן אימהדיקע פוסטקייט האָט געוויעט מיט אַ מוראדיקער, פאַריתומדיקער איינזאַמקייט. די קנאַפּע פיר טויזנט יידן, וואָס זענען געבליבן, זענען איבער דער צייט געווען קאַשאַרירט אויף די אַרבעטס־פּלעצער אין די ערגסטע און אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

פאַר די לעבנגעבליבענע יידן, די עדות פון גרויל, חורבן און אומקום, איז געשאַפן געוואָרן דאָס אַזוי גערופענע „קליינע געטאָ".

אין דעם קליינעם געטאָ איז געווען אַן אונטערגרונט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך גערופן „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע". וועגן דעם האָבן די נאַציס געוווּסט, דעריבער האָבן זיי געזוכט פון צייט צו צייט מיט ראַפינירטע מיטלען ווי אַזוי אויסצומאָרדן אַ ביסל יידן און אויסמיידן אַ באַוואָפנטן קאַמף מיט דער אונטער־גרונט־באַוועגונג.

צוויי וואָכן פאַר פורים איז דער פאַרזיצער פון יודענראַט אַרויסגערופן גע־וואָרן אין דער „געסטאַפּאָ" און דאָרטן האָט מען אים דערקלערט, אַז אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך מיט דער ענגלישער מאַכט דאַרף פאַרקומען אַן אויסטויש פון יידן אויף דייטשע קריגס־געפאַנגענע און די יידן וועלן געשיקט ווערן קיין פּאַלעסטינע. באַרעכטיקט צום אויסטויש זענען די יידן, וואָס האָבן נאָענטע משפּחה אין פּאַלעסטינע. די אָנפירונג פון יודענראַט און אויך אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידן אין קליינעם געטאָ, נאָך אַזוי פיל ביטערע דערפאַרונגען פון די נאַצישע טריקן, בייזוויליקע ליגנס און אָפּנאַרערייען, האָט גאָרנישט גענומען אין אַכט, אַז אפשר איז עס דאָס מאָל אויך אַ ראַפינירט נאַציש שפּיצל, נאָר דאָס אָנגענומען פאַר וואַרשיינלעך אמת. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגיסטראַציע אין די ביוראָען פון יודענראַט און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט פּראָטעקציע, ווייל ווער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסרייסן פון די נעגל פון טויט און אומקום? די איינציקע, וואָס האָבן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דעם גאַנצן פּלאַן איז געווען די „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", ווייל לויט זייער מיינונג איז אַזאַ זאַך גאָרנישט מעגלעך; די נאַציס וועלן נישט דערלויבן, אַז לעבעדיקע עדות פון נאַצישע מערדערייען זאָלן אַרויס אויף דער פרייער וועלט און דערציילן דעם אמת. נישט געקוקט דערויף איז דער פּסיכאָז פון רעגיסטרירן זיך צום פאָרן

קיין פּאַלעסטינע דערגאַנגען צו אַ שגעון, ביז די גאַנצע רעגיסטראַציע־משוגעת האָט זיך אָפּגעשטעלט און כמעט פאַרגעסן געוואָרן.

אַ טאָג פאַר פּורים איז דער הויפּט־נאַצי־תליון הויפּטמאַן דעגענהאַרדט געקומען אין קליינעם געטאָ, ווי קיין מאָל גאַרנישט אַרומגעגאַנגען איבער די אינסטיטוציעס און נאָך דעם אַריין אין יודענראַט, געפירט שמועסן און צום סוף האָט ער זיך „דערמאָנט", אַז דער אויסטויש פון יידן אויף דייטשע קריגס־געפאַנגענע קען אַדורכגעפירט ווערן. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז צו ערשט זאָלן זיין אויף דער ליסטע די מיטגלידער פון יודענראַט מיט זייערע משפחות און די אינטעליגענץ.

צו מאָרגנס, פּורים, ווען די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג איז שוין געווען ביי דער צוואַנגס־אַרבעט, איז פאָרגעקומען דער „כלומרשטער אויסטויש". „נאָרמאַל" גענומען, איז ביי יעדער אַקציע דאָס קליינע געטאָ שטאַרקער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט באַוואָפנטע משחיתים, אָבער דאָס מאָל זענען נישט געווען קיין שום סימנים פון אַן אַקציע.

נישט חושד זייענדיק קיין שום שלעכטס זענען די ערשטע אַרויס פון קליינעם געטאָ צום וואַרשעווער מאַרק די מיטגלידער פון יודענראַט מיט זייערע משפחות און נאָך דעם — די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ: דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן מיט זייערע משפחות. ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט האָט דעגענהאַרדט פאַראָרדנט, אַז זיי זאָלן גיין אין דער ריכטונג פון דער וואַרשעווער גאַס צום נייעם מאַרק. ווידער אַ מאָל איז נישט געווען קיין שום באַוואַכונג און צוליב דעם האָט דאָס נישט געקענט אַרויסרופן קיין שום פאַרדאַכט. ווי נאָר די יידן זענען אָנגעקומען אויף דער וואַרשאַווסקע גאַס, האָט זיך די גאַנצע סיטואַציע אין גאַנצן געענדערט. פון לעווקאָוויטשעס הויז, וואַרשאַווסקע 9, זענען אַרויס זשאַנדאַרמען און געצוווּנגען די יידן אַריינצוגיין אין די געדעקטע פּאָליציייִשע אויטאָס, וואָס זענען אָוועקגעפאָרן נישט אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע, נאָר אין דער ריכטונג פון זאַוואַדזשע, אין דער ריכטונג פון יידישן בית־עולם. פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי זענען ביטער אָפּגענאַרט געוואָרן. די יידן, די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, האָט זיך דערפילט אין קלעם און אָן שום אויסוועג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרצווייפלטע געראַנגלענישן; מאַנכע זענען אַרויסגעשפרונגען פון די לויפנדיקע אויטאָס, אַנדערע זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַראָפּשלינגען ציאַנקאַלי־טאַבלעטן. די מערהייט איז דערשאָסן געוואָרן אויפן בית־עולם. דער טאָג האָט געקאָסט 157 לעבנס פון דער יידישער אינטעליגענץ פון דעם קליינעם געטאָ. דער טאָג פון פּורים, 20סטן מערץ 1943, איז אַריין אין דער געשיכטע פון חורבן־טשענסטאָכאָוו אַלס דער בלוטיקער פּורים. („בלעטער פון אומקום און קאַמף", מאָנטרעאַל 1958, ז"ז 18 — 20).

פורים אין ווילנער געטאָ

כל זמן די יידן האָבן נאָך געקענט אָטעמען אין די געטאָס, האָבן זיי זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן דעם צלם אלוקים און אָנצוהאַלטן די יידישע רעליגיעזע טראַדיציעס.

אַזוי דערציילט הערמאַן קרוק, ווי אַזוי די יידן האָבן געפייערט פורים אין יאָר 1942 אינעם ווילנער געטאָ.

הערמאַן קרוק שרייבט:

אַ גרויסע פורים־פייערונג האָט איינגעאָרדנט אַ גרופּע חסידים. מען האָט געטרונקען בראָנפן און זיך משמח געווען, ווי קיין מאָל גאַרנישט.

דער עיקר איז אינטערעסאַנט דער פאָלגנדיקער פּאַראַדאָקס: אין געטאָ איז נישט פאַראַן קיין „מגילת אסתר״, האָט מען געמוזט אָנקומען צום סאָציאַליסט הערמאַן קרוק מיט דער ביטע ער זאָל פון זיין זאַמלונג אויסבאָרגן מגילות.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען זייער אַ סך.

עס איז פורים־וואָך. עס איז שבת־צו־נאַכטס נאָך פורים.

איצט, 12 ביי נאַכט, איך בין אָקאָרשט נאָכן ליטעראַרישן צוזאַמענטרעף. דאָס מאָל איז דער אָוונט געגאַנגען אונטערן נאָמען „המן־אָוונט״. אָנגעפירט מיטן אָוונט האָט ה. קרוק. אין דעם אָוונט האָבן אָנטיילגענומען די חשובסטע פון געטאָ.

דער נאָענטסטער אָוונט וועט זיין געווידמעט ירושלים ד׳ליטא.

עס איז פאַרגעקומען אַ פורים־אָוונט פון חסידים.

*

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי שילדערט אין זיין בוך „ירושלים דליטא״, ווי אַזוי די יידן אין ווילנער געטאָ האָבן געפייערט פורים מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר 1943.

ערב פורים 1943 האָט שוין דער עולם געוווּסט זיכער, אַז דאָס קאָנצענטרירן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, כדי זיי צו ברענגען אין געטאָ, איז שוין דעצידירט.

איינער האָט דעם אַנדערן געוואָלט טרייסטן און פאַריאָגן די שווערע געפילן. אָבער יעדער איינער האָט געוווּסט אין האַרצן, אַז די ליקווידאַציע פון די אַרומיקע געטאָס, די קאָנצענטראַציע פון די אַרומיקע יידן אין ווילנער געטאָ — דאָס איז דער ערשטער שריט צו דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ.

אין אָוונט האָבן געשטראָמט המונים יידן צו דער מגילה.

יידן האָבן צווישן זיך גערעדט:

„לאָמיר גיין הערן די מגילה — לאָמיר הערן וועגן דעם אַמאָליקן נס און

וועגן דער מפּלה פון אַמאַליקן המן. וואָס מיינט איר, אויך אַפילו פאַר אונדז קען אומגעריכט אָנקומען די ישועה״.

די שול אויף יאַטקעווער גאַס איז געווען איבערפולט. עס איז געווען שטאָק־פינצטער אין בית־המדרש. נאָר ביי דער בימה האָט געצאַנקט אַ קליין ליכטל. צונויפגעפּרעסטע זענען געשטאַנען יידן, און ווי פון ווייטע ווייטענישן האָט אָפּגעקלונגען די שטים פון בעל־קריאה:

„שעשה ניסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה״.

מיט כוונה און האַפענונג האָט אויפגעכאַפּט דער עולם די לעצטע ווערטער, און הונדערטער קולות האָבן אָפּגעענטפערט אין איין כאָר:

„בזמן הזה!״

און עס האָט זיך געדוכט, אַז די צונויפגעפּרעסטע עדה יידן און די ציטערנדיקע שאָטנס ביים צאַנקנדיקן ליכטל און די עמודים פון אַלטן בית מדרש זאָגן אַלע איין תפילה — בזמן הזה! בזמן הזה!

די עדה האָט פּלוצלונג דערשפּירט אַ באַנייטן אינהאַלט אין אַלטע ווערטער און אַלטע פּסוקים, ווי זיי וואָלטן איצט געזאָגט געוואָרן פון נייע אנשי כנסת הגדולה.

און זאָצן, געהערטע שוין צענדליקער מאָל, האָבן אָנגעהויבן קלינגען אין בית מדרש, ווי עפּעס אַ רוף פון אַ געהיימער, אונטערערדישער שטים:

„להקהל ולעמוד על נפשם, להשמיד, להרוג ולאבד את כל חיל עם ומדינה הצרים אותם!״ — איינזאַמלען זיך און קעמפן פאַרן לעבן! פאַרניכטן, אויסהרגענען און פאַרטיליקן די קרעפטן פון פעלקער און מדינות, וואָס אונטערדריקן זיי.

„נקהלו היהודים בעריהם לשלוח יד במבקשי רעתם״ — און עס האָבן זיך איינגעזאַמלט די יידן אין זייערע שטעט צו קעמפן מיט די וואָס טוען זיי שלעכטס.

דער לערער גאָלדבערג האַלט אַ רעדע: „נישט פאַלן אין מוט; זען צו האָבן וואָס מער אויסדויער. געציילט זענען די חדשים, די וואָכן צו המנס מפּלה״. — ער זינגט מיטן עולם „שושנת יעקב״, פּסוק נאָך פּסוק. דער עולם זינגט נאָך מיט כוונה:

„תשועתם היית לנצח, ותקוותם בכל דור ודור״...

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שטים אין דער פינצטערניש פון בית מדרש:

— יידן! נישט פאַלן אין מוט! לאָמיר זינגען די „התקוה״!

דער גאַנצער עולם זינגט די „התקוה״, פערז נאָך פערז, איין מאָל און אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל — ווי אַ תפילה פון אַ נשמה פאַרן אויסגיין...

ד״ר דוואָרזשעצקי שרייבט אויך אַז: „אויף פּורים זענען דורך די בעלי־מלאכות אויסגעאַרבעט געוואָרן הילצערנע גראַגערס פאַר די קינדער״. (הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״, פאַרלאַג ייוו״אָ, ניו־יאָרק 1961, ז״ז 190—194; ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז, ז״ז 418 — 419).

חמישה עשׂר־ און פורים־פייערונגען פאַר קינדער אין ווילנער געטאָ

חמישה־עשׂר־בשבט איז אויסגעפאַלן דאָנערשטיק. די פייערונג איז פאָר־געקומען אונטער דער לאָזונג: אַ גרוס די קינדער פון געטאָ צו די קינדער פון ארץ־ישׂראל.

דער לערער ישׂראל דימענטמאַן האָט געהאַלטן אַ רעדע און געענדיקט מיט די ווערטער: „עס וועט נאָך קומען אַ שעה און איר וועט, קינדערלעך, צוזאַמען מיט די פרייע קינדער אין ארץ־ישׂראל, פלאַנצןביימער און זינגען לידער, און ווי אַ שלעכטן חלום, דערמאָנען די טעג פון געטאָ״... די התלהבות פון די קינדער איז אָן אַ גרענעץ.

פון דער בינע האָט אַראָפּגערעדט אַ פּלאַקאַט: „מיר זענען אין געטאָ, איר זענט אין ארץ־ישׂראל״.

חנוכה און פורים פלעגט יעדע שול און יעדער קינדער־גאָרטן פייערן אין אייגענעם לאָקאַל, אין דער סביבה פון לערער, קינדער און עלטערן. די לערער פלעגן אויסקעמפן ביים יודענראַט, צו די חנוכה און פורים־פייערונגען, שפּייז־מתנות פאַר די קינדער.

איך דערמאָן זיך ווי פורים 1943 האָט אַ גאַנצע נאַכט דיזשורירט דער לערער ישׂראל דימענטמאַן אין בעקעריי אויף שפּיטאָל־גאַס און אַכטונג געגעבן, עס זאָלן אַרויסקומען שיינע המן־טאַשן פאַר די קינדער. אויף צו מאָרגנס האָט מען אין אַלע קלאַסן געטיילט יעדן קינד צו צוויי המן־טאַשן פון ווייסן מעל און דערציילט די קינדער וועגן המנס מפּלה. (ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז 1948).

ביי די ישיבה־בחורים אין קאָוונער געטאָ

פורים תש״ד האָט „תפארת בחורים״ אין דעם בית־מדרש איינגעאָרדנט אַ סעודת־פּורים. ימים־נוראים פלעגט אויך זיין אַ מנין אין שפּיטאָל, איינגעאָרדנט דורך ד״ר זאַכאַריִן, און אַ מנין ביי ר׳ אליהו שאַפּיראָ פון מעמעל, אויף קריק־שטשוקייטשיאָ 64. אין דעם מנין האָבן געדאַוונט כמעט בלויז ישיבה־לייט. נאָך דער רוימונג פון ערשטן ראַיאָן איז יעדן שבת געווען אַ מנין ביי פּרוי קאַהאַן, אויף קריקשטשוקייטשיאָ 92.

ווען די געטאָ־וואַרשטאַטן זענען געוואָרן אַ וויכטיקע אַרבעטס־שטעלע אין

געטאָ, און ישיבה־לייט זענען אויך אַהין אַריינגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט. איז דאָרט אויך געגרינדעט געוואָרן אַ מנין, מיט דער איניציאַטיוו פון דעם ישיבה־מאַן בנימין בלעכמאַן, ביי דער מיטהילף פון בערל פרידמאַן, דעם לייטונגס־מיטגליד פון די וואַרשטאַטן. יעדן טאָג, אין דער פרי פאַר דער אַרבעט, איז געדאַוונט געוואָרן ביי אַ גרויסער צאָל מתפללים. מיטאָגצייט איז געדאַוונט געוואָרן מנחה. דורך דער ווירקונג פון די ישיבה־לייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַר־שטאַטן, איז דאָרט געשטעלט געוואָרן אַ כשרע קיך, וואָס האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער אין די וואַרשטאַטן.

שפעטער איז דורך דעם שרייבער פון די שורות אָרגאַניזירט געוואָרן אין די וואַרשטאַטן אויך אַ בלאַט גמרא פאַר די ישיבה־לייט. אַלס פאָרזאָגער איז אויסגעקליבן געוואָרן הרב ר׳ בנימין אָזשינסקי. דער בלאַט איז געלערנט געוואָרן פון 5 ביז 7 אָוונט. ס׳איז געלערנט געוואָרן מיט גרויס חריפות און פילפול. אַזוי ווי קיין מפרשים זענען אין געטאָ נישט געווען, איז געווען אַ קאָנקורענץ צווישן חריפות און בקיאות. דאָ איז מען דורך מסכתא ביצה און יומא. פורים תש״ד איז פון די חברי הבלאַט געמאַכט געוואָרן אַ סיום אויף מסכתא ביצה און דער פורים איז אַדורך אין אַ ישיבה־שטימונג.

די ישיבה־לייט צוזאַמען מיט דער לייטונג פון די וואַרשטאַטן האָבן אָפט איינגעאָרדנט גרויסע תורה־פייערונגען. די שמחת־תורה־פייערונג תש״ד און די שבועות־פייערונג אין זעלבן יאָר האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו שטאַרקן די אמונה און אַריינגעבן מוט און האָפענונג אין די פאַרטייעטע הערצער פון די מענטשן אין געטאָ. די געטאָ־לופט איז שמחת־תורה תש״ד געווען זייער אָנגעהיצט. איבער דער געטאָ האָט געשוועבט דער קאַזערנירונגס־פּלאַן פון די ס.ס., וואָס האָבן נאָר וואָס איבערגענומען די געטאָ. די אומרויִקייט פאַרן מאָרגן האָט פאַרטריבן יעדע בעסערע שטימונג פון געטאָ, געווען שווער צו געפינען אין די טעג דעם פּאַסיקן טרייסטוואָרט. די יידן פון בית־מדרש האָבן אָבער דערקוויקט די געטאָ מיט יומטובן שמחת־תורה. ביי ר׳ אברהמען איז די ישיבה געגאַנגען הקפות, מיט אַ פּאַרנעם, וואָס מען האָט געזען אין די נאָרמאַלע צייטן אין ישיבה. (הרב אלחנן פערסאָן: „פון לעצטן חורבן״, צייטשריפט, סעפּטעמבער 1948, ז׳ 43).

דער פּיאַסעטשנער רבי שיקט שלח מנות אַ מאַראַנץ

ר׳ אברהם הענדל, דער הצלה־העלד פון וואַרשעווער געטאָ, דערציילט, אַז אין דער שאָפּ פון פריץ שולץ, ווו ער איז געווען אָנפירער און ווו עס האָבן געאַרבעט רבנים און רביים אַלס שוסטערס, איז ער געווען איבערראַשט ווען פורים אין דער פרי איז צו אים צוגעקומען דער פּיאַסעטשנער רבי ר׳ קלונימוס קלמן שפּיראָ און האָט אים געגעבן שלח מנות אַ מאַראַנץ.

„איך האָב זיך צעוויינט, ווען איך האָב דערזען די שלח־מנות, איך האָב דער־נאָך אויסגעפונען, אַז דער דייטשער שאָפער פון דער פאַבריק האָט די מאַראַנץ אַריינגעשמוגלט פון יענער זייט געטאָ פאַרן רבין, כדי ער זאָל קאָנען מקיים זיין די מצווה פון שלח מנות מן המובחר. דאָס איז געווען פורים גאַנץ פרי, ווען מען האָט געלייענט די מגילה אין פאַרשידענע שיכטן און אָפּטיילונגען, די דייטשן זאָלן עס נישט באַמערקן. דער רבי איז דערנאָך צוגעקומען צו מיר, האָט מיר געגעבן די מאַראַנץ און געזאָגט: „איך וויל מקיים זיין די מצווה פון שלח מנות איש אל רעהו"... (גבית עדות פון אברהם הענדל, געדרוקט אין „בית יעקב"־זשורנאַל, ירושלים, אדר—ניסן תשכ"ו (1966), ז' 26).

די שחיטה אויף יידן אין פורים אין באַראַנאָוויטש

ד"ר ז. לעווינבוך, איינער פון די שארית הפליטה, דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן דורכגעפירט די ערשטע מאַסן־שחיטה אין באַראַנאָוויטש אין פורים אין יאָר 1942.

ד"ר לעווינבוך שרייבט:

2טער מערץ. ערב פורים. נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג זאַמלען זיך צונויף אין באַזונדערע הייזער גרופּעס פון יידן און מען לייענט די מגילה.

שושנת יעקב צהלה ושמחה... מען ווינטשט זיך מ'זאָל איבערלעבן דעם המן פון אונדזערע צייטן און מען גייט זיך פונאַנדער פול מיט בטחון אין אַ בעסערער צוקונפט.

נישט פאַרגעפילט האָבן די יידן, וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען. נישט געוווּסט האָבן זיי, אַז דער פּור, דער גורל פון זייער אומקום, איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דעם געביטס־קאָמיסאַר ווערנער, דורך דעם לייטער פאַר יידישע ענינים קראַמפּע און דורך דעם אָנפירער פון ס.ד. אמעלונג, אויף פורים.

דינסטיק, 3טער מערץ 1942. פורים פרי, נאָך דער מגילה גייען אַלע אַרבע־טער, ווי געוויינלעך, אַרויס פון געטאָ צו די אַרבעטס־שטעלן. אין דרויסן שטייט אַ שיינער וועטער. אַרום און אין געטאָ איז אַלץ רויִק. עס לאָזט זיך נישט מערקן קיין שום פאַרדעכטיקס.

אָבער שוין מיטאָגצייט דערשפּירט זיך עפּעס אומהיימלעכס אין דער לופט: נישט אַלעמען לאָזט מען אַרויס דורך דעם הויפּט־געטאָ־טויער צו דער אַרבעט; פון צווייטן טויער לאָזט מען נאָך אַרויס. נישט לאַנג דויערט עס, און אויך פון דעם טויער לאָזט מען שוין נישט אַרויסגיין. אַריינגיין איז דערלויבט דורך בײדע טויערן.

נאָך אַ מאָמענט, און צום הויפּט־טויער פאָרט צו אַ לאַסטאַויטאָ. פון אים שפּרינגען אַרויס דייטשן אין העלמען. מען פאַרמאַכט דעם טויער און אָנטקעגן

געטאָ שטעלן זיי אַוועק אַ פּולעמיאָט. מען לאָזט שוין אויך נישט אַריין דורך דעם טויער. אַריינגיין דאַרף מען נאָר דורך דעם צווייטן טויער.

דער „יידן־עלטסטער", איזיקזאָן, וואָס האָט אַ צייגניש אויף אומגעשטערטן אַרויסגאַנג פון געטאָ, ווערט נישט אַרויסגעלאָזט, און יעדע האָפענונג וועגן אינטערווענץ ביי דער מאַכט ווערט צו נישט. זיין פּאַרטרעטערין, די אחריות־פולע פרוי זשעניע מען, וועלכע געפינט זיך איצט אויסערן געטאָ (זי איז אַרויס פריִער) מאַכט אַלע באַמיִונגען אויפצוגעמען צו ווערן דורך די מאַכט־אָרגאַנען — אָבער אומזיסט. זי גייט אין געטאָ כדי צו זיין צוזאַמען מיט אַלע יידן.

אין צווישן ווערט דאָס גאַנצע געטאָ אַרומגערינגלט דורך אַ שטאַרקן פּאָליציי־קאָרדאָן פון ווייסרוסן מיט געווער אין די הענט. איבער די גאַסן פון שטאָט פאָרן אַרום אויף מאָטאָציקלען דייטשע פעלד־זשאַנדאַרמען. די יידן, וואָס קערן זיך אום פון דער אַרבעט, ווערן אָפּגעשיקט צום אַריינגאַנג דורכן צווייטן טויער.

אין געטאָ, וואָס איז אין דער פאַרעם פון אַ „ח", קומט דערווייל פאָר אָט וואָס: די יידן פון דעם טייל, ווו עס געפינט זיך דער הויפּטטויער, ווערן אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן די הייזער און איבערגיין אין דעם צווייטן טייל פון געטאָ, מיטנעמענדיק עסן אויף איין טאָג. מיט דער דאָזיקער איבערזידלונג פאַרנעמט זיך די ווייסרוסישע פּאָליציי און די יידישע „געטאָ־פּאָליציי". קודם כל ווערן איבערגעטראָגן די קראַנקע פון געטאָ־שפּיטאָל.

אַ סך יידן באַהאַלטן זיך אין די קעלערן, אויף די בוידעמער און אין אַנדערע לעכער.

די „געטאָ־פּאָליציי" באַקומט אַ באַפעל צו גיין פון הויז צו הויז און רופן די פאַרבאַהאַלטענע יידן, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין, אַז עס דראָט נישט קיין געפאַר. זיי האָבן עס געטאָן, אָבער איינצייטיק געבן זיי צו: „יהודים, לא!"

די גאַנצע נאַכט זענען די הייזער אין דעם טייל געטאָ אָן אויפזיכט. די ווייס־רוסן גייען פון שטוב צו שטוב, פּאַגראַמירן און רויבן.

די אַלע אויבנדערמאָנטע הכנות ווערן אָפיציעל אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז די יידן פון גאַנצן געטאָ דאַרפן זיך צונויפזאַמלען אין איין אָרט, ווו מען וועט זיי אַרויסגעבן אַרבעטס־שיינען.

אין דעם טייל געטאָ, ווו ס'זענען פאַרזאַמלט אַלע יידן, איז דערווייל קיין פרעמדע (נישט־יידישע) פּאָליציי נישטאָ.

עס פאַרפאָרט אַ טאַקסי מיטן אינספּעקטאָר פון אַרבעטס־אַמט און ברענגט אַראָפּ אַ פּאַק מיט שיינען, געדרוקטע אויף גרינעם קאַרטאָן, ווו עס איז אויפגע־שריבן די פאַמיליע, דער נאָמען און געבוירן־יאָר פון באַשעפטיקטן. אונטערגע־שריבן — „דער געביטס־קאָמיסאַר באַראַנאָוויטש, אַרבייטס־איינזאַץ" און אַ רונדער שטעמפּל. אין מיטן פון דעם שיין איז פאַראַן אַ גרויסער „או" וואָס פאַרן באַדייטונג דער דאָזיקער „או" האָט, איז נישט באַקאַנט. מען האָט געטראַכט, אַז דאָס באַ־דייט — אומפאַרטרעטבאַר. שפּעטער האָט מען זיי אָנגערופן „די לעבנס־שיינען".

דער פּאַק שיינען ווערט פאַרטיילט. מען ברענגט אַ צווייטן פּאַק, און אויך

דער ווערט פאַרטיילט. אַ גרויסער טייל יידן פאַרבלייבט אָן שיינען. דער „יידן־עלטסטער" אינטערוועניִרט. מען ברענגט נאָך אַ פּאַק שיינען אין בלאַנקאָ און מען דאַרף זיי אויסשטעלן. דערמיט באַקומט דער יודענראַט די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן שיינען פאַר רבנים א״אַ.

אַ טייל אַרבעטער פאַרבלייבט נאָך אָן שיינען און מען זאָגט זיי צו, אַז מען וועט ברענגען נאָך שיינען. מען וואַרט אַ גאַנצע נאַכט אויף דער גאַס, מען האָפט, אַז מען וועט באַקומען. מען שטייט אין רייען, מען שרייט און מען אַמפּערט זיך, ווער ס'איז פריִער אין דער ריי... אַלטע, שוואַכע, קינדער, וואָס האָבן נישט אויף קיין שיין, באַהאַלטן זיך. עס באַהאַלט זיך אויך אַ טייל מיט שיינען.

שושן פּורים. 4 אַ זייגער פאַר טאָג קומט פון די דייטשן אַ באַפעל, אַז די שיינען־באַזיצער זאָלן איבערגיין אין דעם ביז איצט פרייען טייל פון געטאָ. זיי דאַרפן דורכגיין דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישןביידע געטאָ־טיילן. ביים דורכגאַנג שטייט ווייסרוסישע פּאָליציי און קאָנטראָלירט די שיינען, דערביי שלאָגן זיי יעדן פאַרבייגייענדיקן ייד מכות רצח מיט די קאָלבעס פון די ביקסן און מיט גראָבע שטעקנס.

די יידן גייען אַריין אין די פאַגראַמירטע הייזער, ווו אַלץ איז צעבראָכן און צעשטערט.

נישט אַלע באַזיצער פון די „גרינע שיינען" גייען אַריבער אין צווייטן טייל פון געטאָ; זיי זענען אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס עס וועט מיט זיי געשען; אַנדערע פאַרשפּעטיקן אַריבערגיין, ווייל שוין אין 2 שעה אַרום לאָזט מען זיי נישט אַרויס. צווישן די געפינט זיך דער הויפּט־דאָקטאָר פון געטאָ־שפּיטאָל, ד״ר לייב נאַכומאָווסקי מיט זיין פאַמיליע, ד״ר סאָלאָמאָן קאַפּלאַן פון וואַרשע מיט זיין פרוי. ד״ר נאַכומאָווסקי איז גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר און וויל נישט אַריבערגיין אין צווייטן טייל פון געטאָ. מיט גרויס מי געלונגט ענדלעך אים איינרעדן, אַז ער זאָל אַריבערגיין אין אַנדערן געטאָ־טייל. מען לאָזט אים אָבער נישט אַרויס. שוין צו שפּעט.

ער בלייבט שטיין ביי די שטעכלדראָטן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דערזעענדיק זיין פריינד, דעם „יידן־עלטסטן" איזיקזאָנען, ווילכער באַמיט זיך, אַז מען זאָל דעם דאָקטאָר דורכלאָזן, אָבער אָן דערפאָלג, זאָגט ער צו אים: „זייט געזונט, הער איזיקזאָן! איך וועל שוין פאַרענדיקן מיט אונדזער אַלטן „שמע ישׂראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!"

אין דער זעלבער צייט שטייט אַ גרופּע יידן־חסידים. עס טיילט זיך אויס צווישן זיי די געשטאַלט פון באַקאַנטן דיין ניסיע שיינבערג. ער רופט אויס:

— יידן! היינט איז פּורים אויף דער וועלט! פריילעך מוז מען זיין! פילט אָן די כוסות! לאָמיר טרינקען לחיים! דעם גלויבן נישט פאַרלירן! דעם בורא עולם לויבן! לחיים, יידן, לחיים!

די ווערטער ווירקן. מען גייט אין אַ טאַנץ. ביז... ביז די רוצחים פאַרלאַדעווען זיי אויפן אויטאָ.

אויף איינעם פון די אָנגעלאָדעוועטע אויטאָס טיילט זיך אויס די באַקאַנטע הויכע געשטאַלט פון מענדל גאָלדבערג, דעם באַוווּסטן פון אַמאָל „פּאָטער פון די אסירים — פּאַרהאַפּטעטע״, ער שטייט איינגעהילט אין אַ טלית, זיינע אויגן לויכטן און ער זינגט „שושנת יעקב צהלה ושמחה״.

6 פּאָר טאָג. עס עפנט זיך אויף אָרלע גאַס דער טויער פון דעם טייל געטאָ, ווו מען האָט אַרויסגעגעבן די „או״־קאַרטן און עס פּאַרפאָרן לאַסטאויטאָס מיט ליטווינער און ווייסרוסן. עס קומען אויך דייטשן פון ס.ד., ס.ס., זשאַנדאַרמעריע און געביטס־קאָמיסאַריאַט. מען לאָדעוועט אויף אַלע יידן, וואָס זענען געבליבן וואַרטן אויף די שיינען און אונטער אַ האָגל פון קלעפּ פירט מען זיי אַרויס פון געטאָ. אין דער ערשטער ריי וואַרפט מען אַרויף אויף די אויטאָס די קראַנקע פון געטאָ־שפּיטאָל, וואָס זענען אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אויפן שניי, נאָכן איבער־טראָגן זיי פון שפּיטאָל.

צו דער צייט זענען געווען אין געטאָ אויך אַ פּאָר בר־מינגס, „צדיקים״ האָט מען זיי אָנגערופן, ווייל זיי זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אויך די מתים לאָדעוועט מען אויף און מען פירט זיי צו די גריבער, ווייל זיי, די דייטשן ווילן האָבן מער אויף „זייער קאָנטאָ״.

פּאַרשטיינערטע, פּאַרגליווערטע און מוטלאָזע ווערן די יידן אַרויפגעשטופּט אויף די מאַשינען און דערביי פאַלן אויף זיי קלעפּ פון אַלע זייטן.

עס זענען אָבער אויך דאָ פאַלן, ווען איינציקע רייסן זיך אַרויס פון די הענקערס הענט, אַנדערע שפּרינגען אַרויס פון די אויטאָס אין גאַנג און אַנטלויפן. עס זענען אויך דאָ פאַרן פון ווירדיקער האַלטונג: ווען די פאַמיליע פון ד״ר נאַכומאָווסקי איז שוין אויפן אויטאָ, באַמערקט איינער אַ העכערער אָפיציר פון ס.ד. דעם דאָקטאָרס שוועגערין מאַניע, וועלכע האָט געאַרבעט אין ס.ד.־וועשעריי אַלס וועשערין. דער אָפיציר לייגט איר פאָר אַראָפּגיין פון אויטאָ, ער וויל זי ראַטעווען, אָבער זי שטעלט אים אַ באַדינג, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען איר גאַנצע פאַמיליע צוזאַמען מיט איר 6־יאָריקן ייִנגעלע, אויף וואָס ער איז נישט מסכים. דאַן שרייט זי אויס:

— איר שמוציקע הינט! איר, אייערע פרויען און קינדער, אייער גאַנץ פאָלק וועט מיט אייער בלוט באַצאָלן פאַר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון אונדז און פון אונדזערע קינדער!

מיט קלעפּ ווערן אירע ווערטער איבערגעריסן — און דער אויטאָ פאָרט אַרויס פון געטאָ.

דאָס איז געווען די ערשטע מאַסן־שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט אין באַראַנאָוויטש. (ד״ר ז. לעווינבוך: „אומקום פון באַראַנאָוויטשער יידנטום״, „ברנוביץ — ספר זכרון״, הוצאת ארגון יוצאי ברנוביץ בישׂראל, תל־אביב תשי״ד — 1953, ז״ז 542 — 546).

פורים אין בוכענוואַלד

מיר זענען אַ גרופּע קאַצעטניקעס, וואָס ווינען אויפן פּערטן שטאָק, דאָס האָט געמיינט, מיר זענען געשלאָפן אין דעם גרויסן באַראַק אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף הילצערנע פּריטשעס אויף דעם פּערטן עטאַזש. מיר האָבן זיי גערופן די „טהרה־ברעטער". דאָרט האָבן מיר זיך צונויפגענומען, אַ גרופּע חסידישע קאַצעטניקעס, כאָטש עס איז געווען שווער דאָס אַרויפקלעטערן איבער דריי „עטאַזשן" פון ברעטער, וואָס האָבן געדינט פאַר בעטן. דערפאַר אָבער האָבן מיר געקאָנט זיין אָפּגעזונדערט און טראַכטן אונדזערע מחשבותן.

עטלעכע טעג פאַר פּורים האָב איך אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען אין לאַגער יעדעס שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך האָבן געפונען אַרום דעם לאַגער. איך האָב די שטיקלעך פּאַפּיר צעטיילט צווישן די חברה און יעדער איינער האָט אויפגעשריבן וויפל פּסוקים ער געדענקט פון אויסנווייניק פון מגילת אסתר. לכבוד פּורים האָב איך אויך פאָרגעשלאָגן די חברים, מ׳זאָל אָנהייבן אַ שיעור אין משניות מסכת מגילה.

אסתר תענית ביי נאַכט האָבן מיר זיך צונויפגענומען אויפן „פּערטן שטאָק" צו לייענען די מגילה. די קאַצעטניקעס פון די „אונטערשטע שטאָקן" האָבן זיך דערוווּסט פון דעם און אויך זיי האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין אונדזער שׂמחה:

„אויך מיר ווילן נקמה נעמען אין המן הרשע" — האָבן זיי געזאָגט.

מיר וועלן אָנהויבן לייענען די מגילה צען אָדער עלף אַ זייגער ביי נאַכט, ווען מ׳שלאָפט שוין...

מיר האָבן געוווּסט, אַז על פּי דין טאָרן מיר נישט מאַכן די ברכה „על קריאת מגילה", ווייל מיר לייענען די מגילה געשריבן אויף צעריסענע פּאַפּירלעך, אָבער דאָס לייענען אַליין איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג פאַר אונדז אַלעמען, בפרט דאָס זינגען דערנאָך „שושנת יעקב".

אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער קאָנצענטראַציע־לאַגער הערט זיך איצט צו צו די ווערטער: „ארור המן, אשר ביקש לאבדי, ברוך מרדכי, מרדכי היהודי"...

צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר ווידער פאַרשנירט אונדזערע שמאַטעס אויף די פיס, ווי יעדן טאָג, דאָך זענען מיר געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, ווי עס וואָלט עפּעס פאָרגעקומען אָן ענדערונג אין דער לופט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיר האָבן געהאַט די העזה צו זאָגן אויף אַ הויך קול „ארור המן" און יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען ווענען מיר מיינען...

אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר דערלעבט אַן אמתע שׂמחת־פּורים. אברהם־אליהו, דער ענערגישער בחור פון אונדזער גרופּע, איז צו אונדז געקומען און

האָט אונדז דערציילט בסוד, אַז דער אוקראַיִנער קאַפּאָ האָט איינגערוימט איינעם פון אונדז אין אויער: „היטלער קאַפּוט"... (איבערגעגעבן דורך יעקב פרענקעל, פאַרצייכנט פון מ. פראַגער אין זיין ספר: „אלה שלא נכנעו", 1963, ז"ז 165—167).

„שלח־מנות" אין לאַגער דאַכאַו

דאָס איז געווען פּורים אין יאָר 1945. די דייטשן האָבן געוווּסט, אַז זיי פאַר־לירן די מלחמה, און האָבן דערפאַר דערלויבט דעם „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ" אַריינצושיקן שפּייז־פּעקלעך אין דעם טויטלאַגער דאַכאַו.

אין די פּעקלעך זענען געווען פּושקעס טריפה פלייש, איך האָב דאָס פלייש נישט געוואָלט עסן, ווייל עס איז טריפה. איך האָב געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אַרעסטאַנטן, וואָס האַלטן שוין ביי די לעצטע כוחות און זיי מעגן זיכער עסן דאָס פלייש צוליב סכנות־נפשות, האָב איך באַשלאָסן צו שיקן צו אַזאַ ייד די פּושקע פלייש „שלח־מנות".

אָבער זעט, וואָס יידן זענען! אויך דער ייד, וואָס האָט געקראָגן די פּושקע פלייש האָט נישט געוואָלט דערפון נהנה זיין, און אויך ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט לכל לפחות קאָנען דערמיט מקיים זיין די מצווה פון „שלח־מנות" — און ער האָט די פּושקע פלייש געשיקט „שלח־מנות" צו אַן אַנדער ייד, וואָס האָט קוים געזשיפּעט. אויך דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ פרומער, און ער האָט די פּושקע פלייש געשיקט צו אַ פערטן. אַזוי איז די פּושקע פלייש אַרומגעגאַנגען פאַרמאַכטערהייט פון איין ייד צו אַ צווייטן; יעדער איינער האָט מיט איר געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון „שלח־מנות" און אַליין דאָס פלייש נישט געוואָלט עסן. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען דעם מאמר חז"ל „קיימו וקבלו" — אַז די יידן האָבן אין טויטלאַגער דאַכאַו מקיים געווען אין פּורים, וואָס זיי האָבן פריִער מקבל געווען אויפן הר סיני... (גבית עדות פון דעם יונגן פישהאָף, דער זון פון אַלטן שמש פון דער אַלט־ניי־שול אין פּראַג, געדרוקט אין „בית יעקב"־זשורנאַל, ירושלים, תשכ"ו — 1966, ז' 26).

פורים אין אַן אַרבעטס־לאַגער

דער סלאָנימער רבי, דער קדוש ר' שלמהלע (דוד יהושע) ווייַנבערג, האָט באַוויזן קדושה און גבורה אין פּורים.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין באַראַנאָוויטש, האָבן זיי געשאַפן אַ געטאָ. דער רבי ר' שלמהלע, וואָס האָט געוווינט אין באַראַנאָוויטש, איז אַריין אין געטאָ.

ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיינע חסידישע מלבושים, און אַלע יידן האָבן זיך צו אים געווענדט נאָך עצות און הילף.

דאָס געטאָ אין באַראַנאָוויטש איז ליקווידירט געוואָרן אין חודש טבת תש״ג (1943).

דער סלאָנימער רבי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ דייטשן אַרבעטס־לאַגער לעבן באַראַנאָוויטש.

דער סלאָנימער רבי איז תמיד אַרומגעגאַנגען — שרייבט ד״ר ז. לעווינבוך — מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און אין די אויגן, רויק און געלאַסן, ליבלעך צו יעדן און באַשיידן.

דער סלאָנימער רבי האָט אינעם דייטשן אַרבעטס־לאַגער געאַרבעט אַלס סטאָלער.

יידן אין אַרבעטס־לאַגער האָבן אים געהאָלפן. ווען עס איז געקומען אַ קאָנטראָל, האָט דער רבי גענומען דעם הובל אין דער האַנט אַריין און געפירט איבער די ברעטער. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אַרויסגערוקט. ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זיין אומגעבראַכטער פאַמיליע, האָט ער אָנגעהויבן אונטערצוזינגען אַ חסידיש זמרל.

נאָך דער אַרבעט, אין די באַראַקן, האָט דער רבי געהאַט אַרום זיך אַ גרופּע חסידים און פאַרערער.

דריי מאָל אַ טאָג האָט דער רבי געדאַוונט. אין דער פרי האָט ער זיך מוסר־נפש געווען צו דאַוונען אין טלית־און־תפילין, כאָטש דאָס איז געווען אַ גרויסע סכנה, ווייל די רוצחים האָבן געקענט פּלוצלונג אַריינקומען.

אין די צייטן ווען ד״ר לעווינבוך איז געווען אינעם אַרבעטס־לאַגער, האָט דער רבי קיין מאָל נישט געאַרבעט אין שבת און יום־טוב. דער רבי איז באַפרייט געוואָרן אין די דאָזיקע טעג אַלס קראַנקער.

„עס קומען צו מיר יידן — שרייבט ד״ר לעווינבוך (אין „אומקום פון באַראַנאָוויטשער יידנטום״, ז׳ 622) — און בעטן, אַז איך זאָל אים נישט באַפרייען יעדן שבת, ווייל די דייטשע אויפזעער קענען זיך אַרומזען, און אַלע קענען נאָך באַשטראָפט ווערן. איך באַרויק זיי, אַז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם בין איך און זיי דאַרפן נישט מורא האָבן...

און פורים ווייל דער סלאָנימער רבי גיין טאַנצן כדי מקיים צו זיין די מצוה פון „עד דלא ידע״ און טאַנצן אין פורים אויף המנס מפלה.

איז ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

ווען דער רבי וועט אין זיין באַראַק טאַנצן מיט די חסידים, וועלן דאָס דערהערן די קריסטלעכע קאַצעטניקעס אין שכנותדיקן באַראַק, און זיי וועלן מסרן פאַר די דייטשן, אַז דער רבי האָט געטאַנצט.

די קריסטלעכע אַרבעטער אינעם לאַגער זענען אויך געווען שקלאַפן, אָבער זיי זענען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן און צו זיי האָבן זיך די דייטשן באַצויגן מענטשלעכער ווי צו די יידן.

דער סלאָנימער רבי וויל אָבער פאָרט טאַנצן אין פורים...

פאַלט דער רבי אויף אַן אָריגינעלער המצאה.

פרים ביי נאַכט, פאַרן גיין שלאָפן, לאַדט ער איין אין זיין באַראַק די קריסטן, וואָס זייער טיר גייט אַרויס אין יידישן באַראַק, און ער פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס וועגן טענץ.

— ווער טאַנצט בעסער, מיר, יידן, צי איר? — פרעגט דער רבי.

די קריסטן ווערן מלא חמה און זיי זאָגן:

— פאַרשטייט זיך, אַז מיר טאַנצן בעסער פון אייך. ווי קומט איר, זשידלאַקעס, צו קענען טאַנצן?

— נו, באַווייזט וואָס איר קענט!

די קריסטן הייבן אָן צו טאַנצן. זיי באַווייזן וואָס זיי קענען. דער רבי גיט צו ביסלעך משקה און דער עולם צעוואַרעמט זיך. די קריסטן טרינקען צו ביסעלעך און זיי צעהוליען זיך און טאַנצן.

— און איצט באַווייזט איר, וואָס איר קענט! — שרייען די קריסטן צו די יידן.

אויף דעם טאַקע האָט דער רבי געוואַרט.

איצט האָט דער רבי געטאַנצט מיט די חסידים אַ התלהבותדיקן טאַנץ. זיי האָבן געזונגען „שושנת יעקב צהלה ושמחה" און געטאַנצט מיט אַ חסידישן ברען...

דער סלאָנימער רבי האָט זיין ציל דערגרייכט. ער האָט פורים געטאַנצט מיט די חסידים אינעם שאָטן פון טויט און ער האָט נישט קיין מורא געהאַט, אַז די קריסטן וועלן אים אין דער פרי פאַרמסרן פאַר די דייטשן, ווייל זיי אַליין האָבן דאָך אויך געטאַנצט"... (ד"ר ז. לעווינבוך: ברנוביץ — ספר זכרון, תל-אביב תשי"ד — 1953).

(וועגן דעם אומקום פונעם סלאָנימער רבין ר' שלמה הי"ד — זע אין „ספר קדושים — רביים אויף קידוש השם", פון מנשה אונגער, ניו-יאָרק 1967, ז"ז 275—281).

דאָס לייענען די מגילה אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער

עס האָט נישט לאַנג גענומען און מיר האָבן געמוזט דאַוונען אין פאַרבאָרגענע פלעצער. אונדז איז געקומען צו הילף אַ בחור מיטן נאָמען ניסן קריידיץ, אַ תלמיד פון „חפץ חיים". ער האָט פאַר אונדז געפונען אַ זיכער אָרט ווו צו דאַוונען. אין איינעם פון די געדרייטע טונקעלע אַריינגענג, נאָענט פון געטאָ, האָט ער אַנטדעקט אַ גרוב, פאַרדעקט מיט אַ ברעט. זעכציק הילצערנע שטיגן האָבן אַראָפּגעפירט אין דעם גרוב אַריין און דאָרט, אַ 6 — 7 מעטער טיף האָט זיך געפונען אַ הייל, ווו עס האָבן געקאָנט אַריין אַ 15 מענטשן. וועגן דער דאָזיקער הייל זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס. טייל האָבן געזאָגט, אַז זי איז

געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די הייל איז שוין עטלעכע הונדערט יאָר אַלט און זי איז געמאַכט געוואָרן פון רויבערס.

ניסן קריידיץ האָט אונדז דערציילט בסוד סודות וועגן דער דאָזיקער הייל, וואָס ער האָט אַנטדעקט, און ער האָט אונדז געוויזן ווי אַזוי מען הייבט אויף דאָס דיקע ברעט איבערן גרוב. אָט די דאָזיקע הייל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט צו דאַוונען. ניסן האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַ מין עמוד פון ברעטער. דאָרט זענען תמיד געווען טליתים און תפילין, עטלעכע תהילימלעך און אַ פּאָר ספרים פון „חפץ חיים״. אַן איילעמפּל מיט אַ קנייטל האָט דאָרט געברענט כסדר. ניסן האָט שוין געזאָרגט, אַז עס זאָל תמיד זיין גענוג בוימל פאַרן „נר תמיד״.

מיר זענען געווען גאָר גליקלעך, ווען מיר זענען דאָס ערשטע מאָל אַריין אין דער הייל און מיר האָבן דאָרט געקאָנט דאַוונען.

און איך געדענק, פּורים האָבן מיר דאָרט געלייענט די מגילה. מיר זענען געשטאַנען צונויפגעפּרעסט און איינגעבויגן. אין דער הייל זענען געווען די ראשי־הקהלה און ניסן האָט פּאָר זיי געלייענט די מגילה, ביי די ליכטלעך, וואָס האָבן ציטערדיק געברענט. עס זענען געווען צווישן אונדז מתפללים, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרציכטן אויף „קלאַפּן המן״, און יעדעס מאָל ווען דער בעל־קורא האָט ביים לייענען די מגילה דערמאָנט המנען, האָבן די יידן געקלאַפּט מיט די פיס מיט אַזאַ כוח און התלהבות, אַז מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דער דיל וועט זיך איינ־ברעכן און מיר וועלן פאַרשיט ווערן אין דער הייל. געווען דאָרט יידן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געפילט אַזאַ התרוממות ביים לייענען די מגילה ווי דאָרט. מיר אַלע האָבן געהאָפט און געגלייבט, אַז עס וועט מיט אונדז נאָך אַ מאָל געשען דער זעלבער נס־פּורים און מיר וועלן איבערלעבן די נייע המנס...

צוויי וואָכן נאָך פּורים האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון איינער פון די פּרויען אין געטאָ, אַז איר זון איז פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס איז געווען די מוטער פון ר׳ ניסן, דער „בעל המערה״. מיר זענען אַלע געוואָרן דערציטערט, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז איר איינציקער זון, ניסן, איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די נאַציס אין דער שטיל פון געטאָ און זיי האָבן אים אומגעבראַכט.

יעדע נאַכט פלעגן מיר הערן אַ געוויין אַרויסקומען פון הויז פון דער אומ־גליקלעכער מוטער. און ווען מיר האָבן זי דערהערט וויינען האָבן מיר אַלע מיט־געוויינט אויף דעם יונגן ניסן, וואָס איז פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן.

די אומגליקלעכע מוטער האָט דערנאָך גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, וואָס איר זון פלעגט אָפּט טאָן — זי האָט יעדן טאָג אָנגעצונדן דעם „נר תמיד״ אין דער הייל, אַזוי ווי עס פלעגט טאָן איר זון, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם... (ספר „אני מאמין״ רעדאַקטירט פון מרדכי אליאב, „מוסד הרב קוק״, ירושלים 1965, ז׳ 179, לויט אַ גבית עדות פון אַ פּליט, געדרוקט אין דער צייטונג „קול ישראל״, י״ד אדר, תש״ד (1944). עס ווערט אָבער נישט אָנגעגעבן אין וועלכן געטאָ דאָס איז פאָרגעקומען).

מקיים געווען די מצווה פון „שלח־מנות״ אין אַרבעטס־לאַגער אייכענוואַלד

די יידן אין אַרבעטס־לאַגער אייכענוואַלד, נעבן פויזן, האָבן געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון „שלח־מנות איש אל רעהו״ אין פורים.

דאַוונען מיט מנין האָבן די יידן נישט געקאָנט, לייענען די מגילה איז זיי אויך נישט מעגלעך געווען, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן לכל הפחות מקיים זיין די מצווה פון „שלח־מנות״.

מיט וואָס וועט מען מקיים זיין די דאָזיקע מצווה? מיט שיקן איינער דעם אַנדערן אַ שטיקל ברויט. אָבער יעדעס שטיקל ברויט איז געווען מיט גאָלד גליך, ווי אַזוי גיט מען אַוועק אַזאַ טייערן ביסן צו אַן אַנדערן?

האָבן עטלעכע יידן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן אָפּשפּאָרן פון זייערע פּאָרציעס שטיקלעך ברויט אויף „שלח־מנות״. די פּאָרציעס ברויט האָט מען אויסגעטיילט אין באַראַק יעדן פרייטיק אַוונט. צו ערשט האָט מען געגעבן אַ וואַסערדיקע זופּ און דערנאָך אַ שטיקל ברויט. אָבער אויב מען וועט אָפּשפּאָרן דאָס שטיקל ברויט, וועט מען נישט האָבן איבער וואָס קידוש צו מאַכן פרייטיק צו נאַכטס.

האָבן די פרומע יידן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן אין דער וואָכן אָפּשפּאָרן אַ שטיקל ברויט, אַזוי אַז עס איז אויסגעקומען איין טאָג אין דער וואָך צו פאַסטן, כדי צו קאָנען מקיים זיין די מצווה פון „שלח־מנות״ אין פורים.

עטלעכע טעג פאַר פורים פון יאָר 1941 האָבן די יידישע שקלאַפן־אַרבעטער דערזען, אַז אין מיטן דער שטאָט זענען אויסגעבויט געוואָרן שוצקעלערן און אַז אויף די דייטשן ציטערט די הויט פאַר די אַליאירטע לופטאַטאַקעס. דאָס האָט אַריינגעגעבן פרייד די יידן. זיי האָבן געהאָפט, אַז די ישועה איז שוין נאָענט, און זיי האָבן זיך געגרייט מיט מער שמחה צו פייערן פורים.

און אַז עס איז געקומען פורים האָבן מיר געשיקט איינער דעם צווייטן „שלח־מנות״ שטיקלעך ברויט. ווער עס האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ שטיקל ברויט, האָט צוריקגעשיקט, און ווער נישט — האָט בלויז געקריגן די „שלח־מנות״. מיר האָבן דערנאָך מיט גרויס דערהויבנקייט געזונגען „שושנת יעקב״. (פון אַ גבית עדות פון זאב קיבל, געדרוקט אין „בית יעקב״־זשורנאַל, ירושלים, אדר־ניסן תשכ״ו (1966), ז׳ 26).

„שלח מנות״ אין קראָקעווער תפיסה

די פרוי דבורה אַבראַמאָוויטש־ארנון, די טאָכטער פון דזשיקאָווער רבין, ר׳ אַלטערל האָראָוויץ, דערציילט אין אַ גבית עדות:

„בעת איך בין געזעסן אין תפיסה אין קראָקע, צוזאַמען מיט מיין קינד און מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעצייכנטע נומערן און אַנדערע סימנים, (ביז היינט ווייסן מיר נישט וואָס די סימנים זענען געווען), האָט מען פורים געלייענט די מגילה אין מיין צעל, ווו „אויסלענדישע״ יידן זענען געזעסן.

דערנאָך איז צוגעקומען צו מיר אַ גראָער ייד. ער האָט געהאַלטן פאַרוויקלט אין אַ שטיקל פאַפיר אַ צוקערל און געזאָגט: „דאָס ברענג איך שלח־מנות דעם יינגסטן דזשיקאָווער רבינס אייניקל״ און האָט עס דערלאַנגט מיין קינד״. (פון אַ גבית עדות אין כתב־יד, געפינט זיך ביי מיר).

דער דזשיקאָווער רבי, ר׳ אַלטערל האָראָוויץ, איז אומגעקומען אויף קידוש השם ה׳ אדר תש״ג (1943), צוזאַמען מיט זיין רביצין, דעם וויזשניצער רבין ר׳ ישראלטשע האַגערס טאָכטער. מער אויספירלעך וועגן דעם אין „ספר קדושים — רביים אויף קידוש השם״ — פון מנשה אונגער, פאַרלאַג שולזינגער, ניו־יאָרק 1967, ז״ז 111 — 116).

פסח

אַרייַנפֿיר

דעם ערשטן פּסח אונטער די דייטשן, אין יאָר 1940, האָבן די ייִדן שוין געהאַט געפֿילט די דייטשע אכזריותדיקייט אין משך פֿון לעצטן האַלבן יאָר צייט.

אַ ריי שטעט זענען פֿאַר דער צייט געוואָרן „יודענריין", אין אַ סך אַנדערע זענען שוין איינגעפֿירט געוואָרן געטאָס און אַהין זענען גע־בראַכט געוואָרן ייִדן פֿון די אַרומיקע ליקווידירטע שטעטלעך. אָבער אין געוויסע שטעטלעך האָט מען נאָך אַלץ געגלויבט, אַז מען וועט קאָנען אויסהאַלטן און איבערלעבן די צרות — ווי מיר זעען דאָס פֿון דעם שטעטל פּריסטיק, וווּ מ'האָט נאָך געכשרט אַ מיל פֿאַר יום־טובדיקן מעל און געוואָלט נעמען אַן אָפּצאָל פֿאַר דעם מאָלן לטובת ייִדישע פּליטים, וואָס זענען צו זיי אַרייַנגעשיקט געוואָרן.

ייִדן האָבן אין ערשטן יאָר פֿון דייטשן רעזשים כמעט אומעטום אָפּגעריכט דעם סדר און געבאַקן אין געהיים מצות.

די ייִדן האָבן זיך מוסר־נפֿש געווען צו באַקן מצות אין געהיים אין ווילנער געטאָ און אין לאָדזשער געטאָ; ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן אין סטאָפּניץ פֿאַר אָפּריכטן דעם סדר; ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן פֿאַר באַקן מצות און ייִדן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר אויך אין די טויטלאַגערן און אין די בונקערס.

אויך אין אוישוויץ האָבן ייִדן אָפּגעריכט דעם סדר, און ווען זיי האָבן מער נישט געקענט האָבן קיין מצות, האָבן זיי בלויז געזאָגט די הגדה, ווי דאָס ווערט אילוסטרירט מיט פֿאַקטן און באַשרייַבונגען אין דעם קאַפּיטל.

פסח אין די געטאָס אין פוילן

דעם פסח פון יאָר 1940 האָבן נאָך נישט אַלע יידן אין פוילן געפייערט אין די געטאָס. פאַרמעל זענען נאָך נישט אומעטום איינגעפירט געוואָרן די געטאָס, אָבער איבערצ:ען זיך פון איין טייל שטאָט אין דער אַנדערער, האָט מען שוין נישט געטאָרט. אָן ספּעציעלע דערלויבענישן האָט מען זיך נישט געטאָרט רירן פון אָרט. עס זענען שוין פאָרגעקומען גירושים פון אַ ריי שטעט און שטעטלעך, ווו די דייטשן האָבן ביי די יידן צוגערויבט דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

די יידן האָבן נאָך אין טייל מקומות געקאָנט באַקן מצות, און די אונגאַרישע יידן, כאָטש זיי אַליין האָבן שוין דעמאָלט געלעבט אונטערן שאָטן פון שווערע גזירות, האָבן זיי באַזאָרגנט מיט מצות געוויסע קהלות אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכיע און פוילן.

לויט אַ באַריכט, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן זשורנאַל" (ניו־יאָרק, דעם 22סטן פעברואַר 1940), האָט די קהלה אין בודאַפּעשט שוין אין חודש פעברואַר אָנגעהויבן באַקן מצות פאַר די יידן אונטער דער נאַצישער הער־שאַפט. אויך אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע מצה־בעקערייען האָבן זיך געעפנט ספּעציעל פאַר די יידן אין די היטלער־לענדער. די גרעסטע צאָל מצה־בעקערייען זענען געווען טעטיק אין דער אַלט־אָרטאָדאָקסישער שטאָט מונקאַטש (קאַרפּאַטן־רוס, היינט געהער זי צו רוסלאַנד).

אויף פּסח 1940 האָט די „יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף" דורכגעפירט אַ גרויסע הילפס־אַקציע, שרייבט משה פּאָליאַקעוויטש (אין „פוילישער ייד", אַרויס־געגעבן פון דער פעדעראַציע פון פוילישע יידן, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל 1942, ז"ז 14 — 15 און 21), פון וועלכער בלויז אין וואַרשע האָבן גענאָסן 250.000 נפשות, אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג — 360.000 נפשות.

בלויז די „יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף" האָט פאַנאַנדערגעטיילט אין וואַר־שע 565.000 קילאָ שפּייזפּראָדוקטן.

די קהילה אין וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן פּסחדיקע מיטאָגן פון די פאָלקסקיכן.

ספּעציעלע סדרים זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר קינדער־פּליטים, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע טאַטעס און מאַמעס, סיי בשעת די דייטשע באָמבאַרדירונגען אויף וואַרשע, סיי בשעת די גירושים פון זייערע היימען און סיי ווען זייערע עלטערן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דייטשן און דערשאָסן געוואָרן אָן אַ פאַר־וואָס און אָן אַ פאַרוועץ.

די בתי־מדרשים זענען געווען געשלאָסן. יידן האָבן נישט געטאָרט דאַווענען

בציבור. ס׳האָט געהייסן — צוליב געזונט־טעמים, ס׳זאָלן זיך מער נישט פאַר־שפרייטן בויך־טיפוס, פלעקן־טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען בלויז איין רינגעלע אין דער קייט פון באַליידיקונגען, דערנידע־רונגען און מאָראַלישע פּיין.

אָבער טראָץ דעם פאַרבאָט האָבן יידן זיך יאָ פאַרזאַמלט צו דאַוונען אין געהיים. ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות, אָבער מען האָט נישט געקוקט אויף דעם און מען איז זיך צונויפגעקומען אָפּצוריכטן די תפילות בציבור.

אין דער „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״, די איינציקע יידישע צייטונג אין דער פּוי־לישער שפּראַך, וואָס איז נאָך דעמאָלט דערשינען אין וואַרשע, איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן פּסח, אונטערגעשריבן ה. ט., אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „אַ פאָלק וואָס הייבט אָן די סדר־נאַכט מיט די ווערטער: „הא לחמא עניא״ און פאַרענדיקט מיט „שיר־השירים״ — קאָן נישט פאַרצווייפלען. דורך טויזנטער יאָרן, דורך תהומות פון ליידן, ציט זיך אַ רעגנבויגן צו דער צוקונפט; פון ווייטן עבר דערגרייכט אַ שטראַל פון מוט און אויסדויער״...

די לאַגע פון די יידן אין פּוילן איז אָבער ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. כמעט אין גאַנץ פּוילן זענען געשאַפן געוואָרן געטאָס, אין פיל שטעט — צו צוויי און דריי געטאָס, אין וועלכע מען האָט לעבעדיקערהייט פאַרמויערט די פּוילישע יידן.

צום צווייטן פּסח אין יאָר 1941 זענען די יידישע קהלות אין פּוילן אָוועק־געשטעלט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. אַ דאַנק די באַמיִונגען פון די יידישע קהלות, זענען יידן נאָך באַזאָרגט געוואָרן מיט מצות. די געזעלשאַפט „צענטאָס״ האָט באַזאָרגט אירע קינדערהיימען מיט קאַרטאָפל אויף פּסח.

אין די יידישע פאָלקסקיכן אין וואַרשע האָט מען אַרויסגעגעבן אין משך פון גאַנץ פּסח מיטאָגן. דער יידישער האַנטווערקער־פאַראיין האָט דורכגעפירט אַ גרוי־סע זאַמל־אַקציע. עס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן צווישן זיינע מיטגלידער בעלי־מלאכות 15,000 זלאָטעס, וואָס מען האָט צעטיילט צווישן 1,000 האַנטווערקער־משפחות, אַחוץ דעם האָט דער האַנטווערקער־פאַראיין פאַנאַנדערגעטיילט 200 שפּייז־פּעקלעך מיט צוקער און אייער פאַר קראַנקע. די הויז־קאָמיטעטן פון דער „יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף״ אין וואַרשע האָבן געזאַמלט צו איינצלנע מצות און צו אַ פונט קאַרטאָפל. די הויז־קאָמיטעטן האָבן צוגעגרייט ספּעציעלע שפּייז־פּעקלעך פאַר קינדער. אין באַזונדערע הייזער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן געמיינ־זאַמע קיכן.

וועגן דער דאָזיקער הילפסאַקציע האָט געשריבן א. מ. ראַגאָוואָי אין „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״, אַז: „דער פּסח קומט אָן, קיין שום ייד טאָר זיך נישט אָוועקזעצן צום סדר־טיש נישט אָוועקגעבנדיק אַ טייל פון זיין מאָגערן יום־טוב־בודזשעט פאַר די אָרעמסטע... היינט זענען מיר אַלע גלייך, איין מחנה, איין פאָלק, איין געשיכטע, איין גורל, איין צוקונפט!״...

אין וואַרשעווער געטאָ זענען אין דעם דאָזיקן יאָר 1941 נאָך אָפּגעריכט

געוואָרן סדרים, אין אַ טייל הייזער — בשותפותדיקע סדרים. אויך אין אַ סך קינדערהיימען זענען אָפּגעריכט געוואָרן בשותפותדיקע סדרים.

אין אַ קינדערהיים אין וואַרשע, אויף כלאָדנע־גאַס, האָבן זיך פאַרזאַמלט 150 קינדער־פּליטים. דער עלטסטער האָט געזאָגט די הגדה, דער אָנפירער פון אַנ־שטאַלט האָט פאַרטייטשט די באַדייטונג פון פּסח אין דער יידישער געשיכטע, עס זענען געזונגען געוואָרן ארץ־ישׂראלדיקע לידער און ביז פאַר טאָג איז מען געזעסן און גערעדט וועגן יציאת מצרים.

דער פּסח אין יאָר 1941 איז געווען פול מיט שרעק. ביים עפענען די טיר צו „שפוך המתך", האָט זיך געקאָנט באַוויזן אַ דייטשער עס־עס־מאַן און פאַרשלעפּן די יידן צו צוואַנגס־אַרבעט אָדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ביי די בשותפותדיקע סדרים האָט מען שוין געמוזט בלייבן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל נאָך אַכט אָוונט האָט מען נישט געטאָרט באַווייזן זיך אויף דער גאַס.

נאָכן סדר אין יאָר 1941 האָט ע. ק. געשריבן אין „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ": „דעם הײַ־יאָריקן סדר האָבן מיר אָפּגעריכט אַנדערש, ווי אין די לעצטע צענדלי־קער יאָרן. בשותפותדיקע איבערלעבענישן האָבן דערנענטערט צו דער יידישער טראַדיציע משפּחות, וואָס האָבן שוין לאַנג פון אונדז זיך דערווייטערט"...

פּסח אין יאָר 1942 האָט שוין אויף די יידן אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס געלויערט דער טויט. די יידן זענען שוין געווען אָפּגעריסן פון דער וועלט. די קרעמאַטאָריעס אין אוישוויץ, טרעבלינקע, און אין אַנדערע טויט־לאַגערן האָבן שוין געאַרבעט טאָג און נאַכט. אַ מיליאָן יידן זענען שוין אומגעקומען אויף קידוש־השם אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, און די, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן, האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט. און דאָך האָבן יידן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען געזוכט אַ מעגלעכקייט מקיים צו זיין די מצווה פון עסן אַ כזית מצה, אָפּצוריכטן אין געהיים דעם סדר און נישט צו עסן קיין חמץ...

און ערב פּסח ביי נאַכט, אין יאָר 1943, איז אויסגעבראָכן דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען בסך־הכל פאַרבליבן נישט מער ווי בערך 40 טויזנט יידן, מער פון 90 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע, וואָס האָט געציילט קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן יידן, זענען שוין געהאַט אומגעקומען פון הונגער, קראַנקייט און רציחות אין וואַרשעווער געטאָ און אין די לאַגערן.

אָבער אויך אין דעם לעצטן פּסח פונעם וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן אָפּ־געריכט דער סדר, און דער היסטאָרישער אויפשטאַנד פון די לעצטע יידן אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע אין אָט דער סדר־נאַכט פון יאָר 1943. די שאָסן פון די יידישע אויפשטענדלער האָבן אָפּגעהילכט אין דער נאַכט פון פרייהייטס־יום־טוב.

סדר־נאַכט בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

מאָנטיק, ערב פסח, דעם 19טן אַפּריל, פאַלט דער סיגנאַל:

— ווידערשטאַנד!

דאָס הייסט: באַוואָפנטער אויפשטאַנד.

די קאָמאַנדע פון די באַוואָפנטע גרופּן וואַרפט די פון לאַנג אָפּגעשמועסטע לאָזונג:

פייער־גרייטשאַפט!

אַ פיבערהאַפטע באַוועגונג. אַלע ווערן מאָביליזירט. די פון לאַנג־גרייטע ווידערשטאַנד־גרופּן „בר־כוכבא", „בריונים", „עקיבא", „ביתר", „באַטווין" א"אַ זענען אין אַלאַרם־גרייטקייט.

— —

די דייטשן לאָזן זיך לויפן אין דער ריכטונג פון דלוגאַ־גאַס. אָבער אויף דעם עק שווענטאָ־יערסקאַ און נאַלעווקעס ברעכט אויס אַן אינטענסיוו שיסערײַ. דאָרט געפינט זיך אַ שטאַרקע „פּאַרטײ"־אָפּטיילונג פון דעם „שאָפּ" בערשטן־מאַכערס „שטשאָטקאַזשע". זיי זענען גוט באַוואָפנט. זיי האָבן אַ סך מאַשינען־געווער, האַנט־באָמבעס. די דייטשן קענען נישט ווייטער. זיי זענען איינגעשלאָסן. לויפן זיי צוריק אין דער ריכטונג פון מוראַנאָווסקאַ. דאָרט אָבער זענען ווידער צוגעקומען פרישע אָפּטיילונגען פון דער „פּאַרטײ". דער קאַמף פאַרשטאַרקט זיך. טייל דייטשן שיסן אָן אַ ציל, טייל אַנטלויפן. אַנדערע ווידער באַמי־ען זיך צו געפינען אַ באַהעלטעניש אין די טויערן אָדער אין די חורבות. דערווייל פאַלט אַלץ מער פון זיי. זיי ווערן דעמאָראַליזירט.

אויף מוראַנאָווסקאַ באַווייזט זיך — דאָס ערשטע מאָל אויף דער גאַס — אַן אָפּטיילונג פון דער „פּאַרטײ"; אין דײַטשע מונדירן. זיי שיסן אויף די אַנטלויפנדיקע דייטשן און לאַטישן.

דער קאַמף דויערט ביז האַלב 12 ביי טאָג.

דאַן ווערט שטיל.

ס'פליסן שעהען און שעהען. מען זעצט זיך צום סדר.

שפּעט אין דער נאַכט. שלייכט מען זיך דורך פון בונקער צו בונקער — צו הערן „נייעס", געוואר ווערן ווי ס'איז דער מצב, וואָס ווייטער, און — צוזאַמען אָפּריכטן דעם סדר.

אויף זאַמענהאָף 21, פונקט אַקעגן דער קופּיעצקאַ־גאַס, אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער „פּאַרטײ", ריכט מען אויך אָפּ דעם סדר.

ס'געפינען זיך דאָרט אויך הרב ראובן האַראָוויץ (דער מזרחי־עסקן, רב פון

אַליק), הרב זעמעלמאַן פון פשייטש (פון צעירי אגודת ישׂראל), די ברידער ראַדאַל, יוסף קעניגסבערג מיט זיין אײדעם שׂמחה, מנחם קירשענבוים מיט זיין טאָכטער — וואָס איז געווען דער „פאַרבינדונגס־אָפיציר" מיט די שאָפּן „שולץ" און „שילינג" — און איידעם בירנבוים, (פסעוודאָנים: „סטאַשעק", געווען איינער פון די אָרגאַני־זאַטאָרן פונעם אויפשטאַנד אויף שוויענטאָ־יערסקאָ), „אַדעק" זעמבאַ, אַ זון פון ה׳ יצחק מאיר זעמבאַ, צבי זילבערבערג פון לובלין, יוסף טענענבוים, פאַגעל, פינקעלקרויט, אַניעלעוויטש, „טאַשיאַ".

די רבנים זאָגן נישט קיין דרשות, נאָר גיבן אַרויס לאָזונגען. רופן צו אויס־דויער און צום קאַמף.

ביי רבי מנחם זעמבאַ, אויף קופיעצקאַ־גאַס 7, זענען פאַרזאַמלט אייניקע רבנים, ווי הרב בעער פון זדונסקע־וואָלע, הרב גאָלדשלאַג פון שערפּץ, הרב אליעזר יצחק מייזעלש פון לאָדזש, א. ג. פרידענזאָן, דעפּוטאַט יעקב טראַקענהיים, יוסף שטשעראַנסקי א״אַ.

מ׳ריכט אָפּ דעם סדר. ס׳פליסן שעהען אין דער שפּעטער נאַכט. וווּנדערלעכע שעהען. די טויטשרעק האָט אָפּגעטרעטן אַן אַנדערער שטימונג:

פסח און אויפשטאַנד, יום־טוב און קאַמף.

פּלוצלונג, זייגער האַלב איינס נאָך חצות, הערט מען שיסן: די דייטשן זענען ווידער באַפאַלן דאָס געטאָ. (ד״ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס 1947, ז״ז 288 — 290 און 296 — 299).

ערב־פסח בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד

די פרומע יידן האָבן זיך באַטייליקט אינעם געטאָ־אויפשטאַנד, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי נישט געוואָלט מוותר זיין אַפילו אויף אַ קיצו של יוד פון די יידישע דינים.

דער גאון ר׳ לייב פרומער האָט כסדר געלערנט אין שאָפּ פון אויסנוויינִיק, חכמי לובלין, האָט געאַרבעט אין שאָפּ ביי ר׳ אברהם הענדל, אַלס אַרבעטער פון „האָלץ־פעלץ־שיך", וואָס דער שאָפּ האָט אויסגעאַרבעט פאַר די דייטשע סאָלדאַטן אויפן רוסישן פראָנט.

דער גאון ר׳ לייב פרומער האָט געסדר געלערנט אין שאָפּ פון אויסנוויינִיק, און פאַר פסח, ווען די יידן האָבן זיך געגרייט צום געטאָ־אויפשטאַנד, האָט ר׳ לייב פרומער פאַרלאַנגט פון ר׳ אברהם הענדל, דעם אָנפירער פון שאָפּ, ער זאָל לאָזן בעמיש אונטערזוכן דעם מאַרגאַרין, וואָס מען צעטיילט אין שאָפּ — אפשר איז דערין אַריינגעמישט געוואָרן טריפהנע פעטס.

דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלונימוס קלמן שפּירא, האָט געזעצט אַ ספּעציעלן בית־דין אין וואַרשעווער געטאָ מען זאָל מתיר זיין צו עסן קטניות אין פּסח.

ערב־פסח, ערב דעם אויפשטאַנד, איז אַריינגעקומען אין שאָפּ דער סאָקאָ־לאָווער רבי, ר׳ בנימין מאָרגנשטערן, וואָס איז געוואָרן רבי אין געטאָ אויפן פּאַטערס אָרט, און געבעטן, אַז ר׳ אברהם הענדל זאָל אים געפינען אַ גוי צו פאַרקויפן אים דעם חמץ.

„איך האָב נעכטן געמאַכט שטר מכירות אין געטאָ — האָט דער רבי געזאָגט — און איצט האָב איך נישט וועמען צו פאַרקויפן דעם חמץ, ווייל די פּאָליאַקן זענען היינט נישט געקומען אין געטאָ אַריין״.

איך האָב איבערגעקויפט דעם פּאָליאַק סטאַנסקי — דערציילט אברהם הענדל — אַ שונא־ישראל, און ער האָט אָפּגעקויפט דעם חמץ ביי דעם רבין.

עטלעכע טעג פאַר פסח זענען יידן געגאַנגען ביי נאַכט אין געהיים אין געטאָ שעפּן „מים שלנו״, כדי עס צו באַנוצן ביים באַקן מצות.

פריץ שולץ, אַן אַריינגייער ביי די דייטשע פירער, האָט איבערגעגעבן עטלעכע טעג פאַר פסח, אַז „די יודען וועלן עטוואָס ערלעבן אין פייערטאַגע״ (די יידן וועלן עפּעס איבערלעבן אין פסח).

איך האָב דאָס איבערגעגעבן צו די, וואָס האָבן עס געדאַרפט וויסן, און דאָס האָט נישט געשטערט די פרומע יידן זיך מוסר נפש צו זיין צו שעפּן „מים שלנו״ פון אַ טיפן ברונעם, אין וועלכן מען האָט געדאַרפט אַראָפּגיין אַ סך שטיגן.

געשעפּט „מים שלנו״ האָבן די רביים פון קרימעלעוו, פון פּיאַסעצנע, פון סאָקאָלאָוו. און עס זענען דאָרט אויך געוועזן די רביים פון סטריקעוו, דער אַלטער רב פון סאָסנאָווצע, די צוויי ברידער פון רבין פון אַלעקסאַנדער און דער ברודער פון רבין פון ראַדאָמסק.

אַלע האָבן זיי געשעפּט „מים שלנו״ און געזאָגט דערביי הלל מיט אַ פאַר־שטיקטן אָטעם״. (איבערגעגעבן פון אברהם הענדל אין זשורנאַל „בית יעקב״, ירושלים, ניסן תשכ״ג — 1963. וועגן פּיאַסעצנער רבין און זיין אומקומען אויף קידוש־השם ווערט דערציילט אין „ספר קדושים״ פון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג שולזינגער, 1967, ז״ז 311 — 320).

אַ סדר אין אַ בונקער אינעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע

אין אַ קעלער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בונקער פאַר דרייסיק מענטשן, אָבער ערב פסח, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד, זענען אין בונקער אַריין עטלעכע זעכציק מענטשן.

ערב פסח באַלד אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד. די יידישע קאַמפּס־גרופּן האָבן געשאָסן אויף די דייטשן, אוקראַינער, ליטווינער און לעטן אויף עק זאַמענהאָף־גאַס און גענשע־גאַס.

די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף אַ ווייל און זיי זענען צוריקגעקומען

מיט אַ פאַרשטאַרקערונג, די אַרטילעריע האָט כסדר באַשאָסן הייזער און זיי פאַר־וואַנדלט אין חורבות.

אין בונקער איז געווען דער אַלטער אַלטוסקי, דער פאָטער פון צבי אַלטוסקי, ער האָט אַראָפּגעבראַכט אין בונקער דריי מצות און אַ הגדה. ער האָט פון צוקער־וואַסער געמאַכט וויין, און ביי נאַכט, ווען אין דרויסן האָבן די דייטשן צעשאָסן הייזער, האָט דער אַלטער אַלטוסקי זיך געזעצט אָפּריכטן דעם סדר. ער האָט געהייסן אָנצינדן צוויי ליכטלעך, אָבער צוליב דער שטיקנדיקער לופט האָבן זיי נישט געוואָלט ברענען.

ער האָט אָנגעהויבן „הא לחמא עניא״, און פּלוצלונג האָט דאָס הויז אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן אַ שטאַרקע באָמבע אין שכנותדיקן הויז, ווו עס האָבן זיך געהאַט פאַרבאַריקאַדירט די גרעסטע גרופּע יידישע קעמפער. אויפגעציטערטע, האָבן מיר גענומען בעטן דעם פאָטער, ער זאָל אויפהערן זאָגן די הגדה, אָבער דער פאָטער איז געבליבן איינגעשפּאַרט :

„קינדער — האָט ער געזאָגט — זאָגט שנעל און מיט קדושה „עבדים היינו״, איך וויל נאָך באַווייזן אויסצושרייען „שפוך חמתך אל הגוים״...

און ער האָט ווייטער געזאָגט די הגדה.

אָבער נישט באַשערט איז געווען דעם סדר צו פאַרענדיקן. באַלד איז אויך אונדזער הויז אַרומגענומען געוואָרן פון פלאַמען. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויס־צוגיין פון בונקער און דורכרייסן זיך אויף דער שכנותדיקער גאַס, אויף דער מייזעלס־גאַס, אָבער ביים אַרויסקריכן פון לאָך זענען עטלעכע און צוואַנציק מאַן אומגעקומען... (צבי אַלטוסקי : „מיין פאָטערס לעצטער סדר״, לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג, 15טן אַפּריל 1946).

פסח אין וואַרשע אין יאָר 1944

געווען איז עס אין 1944 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וואַרשע. אויף גענשע־גאַס, אַרומגעצוימט מיט פעסטע מויערן, נעבן דעם געוועזענעם מיליטערישן געפענג־ניש, זענען אָנגעוואָרפן אַ גאַנצע ריי לאַנגע, גרויע האָלץ־באַראַקן. דאָס זענען די איינציקע הייזלעך, אויסער דעם פּאַוויאַק, וועלכע זענען נאָך געווען צו יענער צייט באַוווינט. געהויזט האָבן דאָרט יידן, נישט קיין וואַרשעווער, נאָר יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון אַלע טיילן אייראָפּע, צוזאַמענגעקליבענע טראַנספּאָרטן, וואָס מען האָט ספּעציעל געבראַכט פון אושוויץ, אָפּצורוימען די חורבות פון וואַרשע־ווער געטאָ.

קיין גרעסערע פּיין האָט דער טייוול אַליין נישט געקענט אויסקלערן, ווי ברענגען יידן, די לעצטע יידן פון אייראָפּע, ביי וועלכע וואַרשע איז געווען טייער ווי אַ עיר ואם בישראל, אַז דווקא זיי זאָלן אָפּרייניקן די חורבות, די חורבות פון זייער אייגן לעבן, וואָס ליגט צעשמעטערט פאַר זייערע אויגן.

טויזנטער יידן אין שמוציקע פּאַסן־בגדים האָבן יעדן טאָג דורכגעצויגן דורך די גאַסן און געסלעך פון יידישן וואַרשע, ווו יעדער שטיין האָט אויפגעוועקט בילדלעך פון דעם שענסטן און שפּרודלדיקסטן יידישן ישוב אין דער וועלט.

אַזוי האָבן מיר אין די שווערע ווינטער־טעג פון 1943־44 געגראָבן אין די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ און געפילט, ווי מיר גראָבן אין אונדזערע אייגענע ווונדן. מיר האָבן צענומען די רעשטלעך פון איינגעפאַלענע מויערן, וואָס זענען געבליבן ווי מצבות אויף אַ דעמאָלירטן בית־עולם און געפילט, אַז דאָס צענעמען מיר אברים פון אונדזערע חרובע לעבנס.

אַ שווערער ווינטער געווען, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין אונדזערע נאַקעטע לייבער און צעשטערט די לעצטע כוחות.

— — — אין פעברואַר 1944 איז פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ טיפוס, וואָס האָט אָנגענומען קאַטאַסטראָפאַלע פאַלגן.

— — — בלאָק 7 און 8 זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט, אין דער צייט פון דער עפּידעמיע, אין שפּיטעלער. אין אַפּריל האָט מען שוין ליקווידירט דעם בלאָק 7, ווייל די קראַנקע האָבן זיך ביסלעכווייז געשיידט מיט זייער לעבן און די איבעריקע קראַנקע האָבן שוין געהאַט פּלאַץ אין בלאָק 8. דער בלאָק 7 איז געשטאַנען ליידיק. אַ טאָג פאַר ערב פּסח האָבן זיך ביי נאַכט אַריינגעגנבעט אַ פּאָר יונגע־לייט אין דעם ליידיקן בלאָק, געמאַכט פייער אין דעם ספּעציעל איבערגעבויטן אויוון און זיך גענומען צו דער הייליקער מלאכה: מצות באַקן...

מען האָט זיך פאַרשאַפט פאַר אַ גרויסן פּריז אַ ביסל מעל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צום קנעטן און וואַלגערן. דער אויוון איז געוואָרן אויס־געבריט און געכשרט, דאָס פייער האָט געפינקלט, געקנאַקט און געשאַפן אַרום זיך אַ מיסטישע שטימונג.

אַרום זענען געשטאַנען יונגעלייט, אויסגעבלייכטע, אויסגעמאַטערטע. זייע־רע אויגן האָבן געברענט, זייערע באַקן האָבן זיך באַרויטלט מיט די לעצטע בלוט־טראָפּנס און זייערע הערצער האָבן געפלאַטערט. מען האָט געשפּירט דאָס נשמה־יתירהדיקע, וואָס שוועבט אין דער לופט. דאָס איז געווען אַ גלויבן, וואָס קראַמפט זיך און וויל נישט אויסגיין, וואָס טרייבט צו מסירת נפש און צו איבער־מענטשלעכע מעשׂים.

אין דרויסן איז די גרעסטע יידישע קהילה אין אייראָפּע, וואַרשע, געלעגן אַ צעשמעטערטע און צעשטערטע. פון גענשע 45 בוכעט אַ רויך (דאָרט איז געווען אַ קרעמאַטאָריע), וואָס טראָגט מיט זיך דעם ריח פון פאַרסמאַליעט פלייש, דאָרט שטויבן זיך די לעצטע רעשטן פון אייראָפּעישן יידנטום. געבליבן אַ קליין און נישטיק הייפל, וואָס ראַנגלט זיך פאַר יעדן טאָג. פון אַלע זייטן קוקט אַריין דאָס צעפלאַקערטע גיהנום, און דאָ, אין סאַמע מיטן פון גיהנום, שטייען די לעצטע יידן אין וואַרשע און באַקן מצות אויף פּסח... (ק. חרמץ: „יידן באַקן מצות אין גיהנום", „אַרבעטער־וואָרט", פּאַריז, 26סטן אַפּריל 1946, ז' 3).

בריוו פון רבנים אין לאָדזשער געטאָ ניט צו עסן קיין חמץ אין פסח

די רבנים פון לאָדזשער געטאָ האָבן געשיקט צוויי בריוו צום הויפּט פון לאָדזשער געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, וועגן זיין נזהר פון חמץ אין פסח.

דער בריוו איז דאַטירט: „דאָנערשטיק, כ״ח אדר, תש״א (1941), לכבוד נשיא עדתנו מר מרדכי חיים רומקאָווסקי, כאן.

„דער היגער וועד הרבנים האָט דעם כבוד צו בעטן כבוד מעלתו, צו געבן אַ באַפעל צו מאַכן אַן „אַנאַליזע״ פון „ציטרין זוירע״ און פון „קרימאַטאַטרע״, צי מען מעג זיי עסן אין פסח, און אויב עס איז מעגלעך אויך צו מאַכן אַן „אַנאַליזע״ פון סאַכאַרין און פון מאַרגאַרין.

„אין נאָמען פון וועד הרבנים: יוסף פיינער״.

אין לשון־קדוש גייט דער בריוו אַזוי: „וועד הרבנים דפה מתכבד בזה לבקש מכבודו מעלתו לתת צו לעשות „אַנאַליזיע״ מ„ציטרין־זוירע״ מ„קרימאַטאַטרע״, אם הם מותרים בפסח, ואם אפשר אבקש לעשות „אנאליזיע״ גם מ„סאַכאַרין״ ומ„מאַר־גאַרין״.

דער צווייטער בריוו איז געשריבן „לראש היהודים כאַן״ הרבנות בישיבתה־המלאה מיום ראשון כ״ו שבט תש״א (22סטן פעברואַר 1941) החליטה להביע את דעתה בקשר אכילת בשר כדלקמן: (דאָס רבנות אויף איר פולער זיצונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן כ״ו שבט, האָט באַשלאָסן אויסצודריקן איר מיינונג וועגן עסן פלייש ווי פאָלגט) — און דאָ ווערט אויסגערעכנט, אַז אַלע יולדות (געווי־נערינס) און מענטשן, וואָס זענען שוואַך, דאַרפן קריגן אַ צייגעניש פון אַ דאָקטאָר, און אויך זיך ווענדן צום ראַבינאַט צו קריגן אַזאַ דערלויבעניש. דער אַמט פון ראַבינאַט איז: מיאַדאָוואַ גאַס נומער 4, אָפן צווישן 12 און 3 נאָך מיטאָג.

אונטערגעשריבן זענען די רבנים: הרב יוסף פיינער, הרב אלעזר ליפשיץ, הרב משה ווייס, הרב אברהם סיטמאַן, הרב שמואל דוד לאָסק, הרב יוחנן ליפשיץ, הרב אהרן באָרנשטיין, הרב עקיבא אייגער, הרב אלי׳ פליישהאַקער, הרב שמחה בונם סטערבוים, הרב נחמיה אַלטער, הרב שלמה יאַקובאָוויטש, הרב משה דוד דאַמב און הרב הירשל פּישהאָף.

פסח אין לאָדזשער געטאָ

דער יידישער היסטאָריקער ישעיה טרונק גיט איבער אין זיין בוך „לאָדזשער געטאָ״, ווי אַזוי יידן האָבן געפייערט פסח אין לאָדזשער געטאָ — אויפן

סמך פון דאָקומענטן און באַשרייבונגען פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין געטאָ.

אויף פסח פלעגט מען אין געטאָ באַקן מצות על פּי רוב פון קאָרנמעל, אָבער מען האָט אויך געקאָנט אַפּנעמען אויף די ברויטקאַרטן ברויט אַנשטאָט מצות. די פּאַרציע מצות האָט באמת געקלעקט נאָך אויף יוצא צו זיין. צוליב חשש חמץ אויף די צוגעטיילטע לעבנס־מיטלען האָבן פרומע יידן אין פסח מער געפאַסט ווי געגעסן. רומקאָווסקי פלעגט טיילן יום־טוב־טאַלאָנען פאַר פּראָטעזשירטע און כלי־קודש. אַנשטאָט וויין פלעגט מען נוצן דעם זאַפט פון רויטע בוריקלעך פאַר־צוקערט מיט סאַכאַרין. דאָס איינציקע וואָס איז געווען לרוב איז געווען מרור, אויך נישט אויפן טיש ווי אויף יעדנס האַרץ. ביי געוויסע שטעלן פון דער הגדה, וואָס האָבן גערעדט וועגן קנעכטשאַפט און אויסלייזונג, פלעגט נישט זעלטן אויס־ברעכן ביים טיש אַ געוויין ווי אין אַמאָליקן יום־־כיפור־טאָג. אַלע פסחדיקע מאכלים ווי פיש, כרעמזלעך, פלעגט מען מאַכן פון קילעריבן און קאַרטאָפל, וואָס די געטאָ־בעל־הביתטעס האָבן זיך אויסגעלערנט קונציק צונויפשטעלן. די אַלע מאכ־לים זענען געווען „טעם גן־עדן״. מיט אַ באַזונדערער אַקטועלער כוונה פלעגט מען זאָגן „שפוך המתך״. דער פאַר־פסח פון 1942 איז געווען אַ פאַרשטערטער. גראָד דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען די דעפּאָרטאַציע פון געטאָ. אָבער צו דער ער־שטער סדר־נאַכט איז אין געטאָ געשען אַ נס: אַ פּאָר הונדערט מענטשן זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון דער באַנסטאַציע, ווייל די קריסטלעכע פּסחא איז דעמאָלט אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן יידישן פסח און די עס־עס־לייט זענען זיך צעפאָרן אויף אורלויב, איז אין געטאָ דעם ערשטן טאָג פסח געווען אַ גרויסע שמחה... (ישעיה טרונק: „לאָדזשער געטאָ״, פאַרלאַג יד־ושם — ייוואָ, ניו־יאָרק 1962, ז״ז 404 — 405).

פסח אין ווילנער געטאָ

וועגן פסח אין ווילנער געטאָ אין די יאָרן 1942 און 1943 דערציילט הערמאַן קרוק:

די יידן, אַפילו היי יאָר, אינעם ווילנער געטאָ, וועלן אויך נישט זיין אָן מצות. דערפאַר האָט שוין געטראַכט אַ קאָמיטעט פון אָרטאָדאָקסן. די איינוווינער פון געטאָ באַקומען אויף דערנערונג־קאַרטן פאַר מאַרץ אַ „פּאַרציע מצות״ פון אַ פערטל קילאָ פאַרן באַטרעף פון 10 רובל. מעגלעך, אַז געוויסע איינוווינער וועלן קאָנען באַקומען נאָך אַ האַלבן קילאָ. די וועלט איז נישט הפקר. מצות וועלן זיין און יידן וועלן קאָנען זאָגן „עבדים היינו לפרעה במצרים״...

און פסח, דעם 19טן אַפּריל 1943, פאַרצייכנט הערמאַן קרוק:

אונטערן דרוק פון אַלעם געשעענעם, אין איינדרוק פון דעם, וואָס דערוואַרט

אונדז, פייערט מען דאָ דעם צווייטן פסח אין געטאָ. דאָס איינציק בעסטע, וואָס איינער ווינטשט דעם צווייטן, איז די ברכה, אַז פון היינט איבער אַ יאָר זאָל מען זיך ווידער זען.

די רעליגיעזע יידן האָבן זייער גאַנצן אייפער אַריינגעלייגט אינעם הייאָריקן פסח. די רעליגיעזע קיך אויף שאַוולער 5 גרייט אויף היינט אַ סדר פאַר 100 יידן, צווישן אַנדערע וועלן דאָרט זיין דער שעף, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, רבנים און נאָך.

אַ קילאָ מצות אין געטאָ האָט געקאָסט 300 רובל, אַזוי ווי 6 קילאָ ברויט. פון דעסטוועגן איז, דוכט זיך, נישטאָ קיין שטוב, וווּ עס זאָל נישט קיין קיין מצות.

דער יוגנטקלוב פּראַוועט אַ סדר. די ציוניסטן נוצן אויס די רעליגיעזע קיך אויף אַ סדר. אַפילו געגנס אַליין אָרגאַניזירט ביי זיך אויף היינט אַ גרויסן סדר.

סדרים זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר שוליוגנט. די ערשטע סדר־נאַכט אין לאָקאַל פון יוגנטקלוב — פאַר עלטערע שילער, די צווייטע — פאַר ייִנגערע שילער. אַ סדר האָט אויך געפּראַוועט די העברעיִשע סטודיע מיטן העב־רעיִשן כאָר און די יינגל־ און מיידל־אינטערנאַטן פון „ילדים״.

די סוועַנציאַנער און אָשמענער יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין ווילנער געטאָ, וועלן דעם היינטיקן סדר זיכער אַדורכשווימען אין אייגענע טרערן... (הערמאַן קרוק: „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ״, 1961, ז״ז 207 און 520 — 521).

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי גיט איבער:

ווי טרויעריק און שווער עס איז נישט געווען דאָס לעבן אין געטאָ, זענען די פסח־טעג נאָך געפייערט געוואָרן מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען. עס זענען קאָנסטרויִרט געוואָרן מאַשינען, ווו מען האָט געבאַקן מצות. די באַשפּייזונגס־אָפּטיילונג פון געטאָ האָט אויף די שפּייזקאַרטן אַרויסגעגעבן אַ פערטל קילאָ ביז אַ האַלבן קילאָ מצות פאַר אַ מענטשן אויף גאַנץ פסח. אַ סך פלעגן אָבער לאַנגע חדשים פריִער אָפּשפּאָרן פון זייער מעל, וואָס זיי האָבן ווי עס איז אַריינגעגנבעט אין געטאָ, בכדי צו קענען אויף פסח האָבן מצות, וועלכע זענען געבאַקן געוואָרן אין געטאָ דורך אַ געמיש פון קאָרן־ און ווייץ־מעל. רבנים האָבן מתיר געמאַכט אַרבעס און רעטשקענע מעל. געווען מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פסח מיט אַ פערטל קילאָ מצות אויף אַכט טעג און מיט אַ פאָר קאַרטאָפל אַ טאָג.

דעם סדר אין יאָר 1942 האָבן די יידן געפּראַוועט אין זייערע געטאָ־צימערלעך, משפחותווייז אָדער צימערווייז.

פסח 1943 זענען געווען אַ סך קאָלעקטיווע פייערלעכע סדרים: אין דער רעליגיעזער קיך, אין ברית עברית, אין די פאָלקסשולן, אין די אינטערנאַטן פון ילדים און ילדות. (ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז, ז״ז 166 — 167).

אויך רוזשקע קאַרטשאַק שילדערט אין „המצפה" אַ סדר אינעם ווילנער געטאָ:

אין די שמאָלע אַלטע געטאָ־געסלעך האָט אַריינגעוויִעט אַ פריש יום־טובדיק ווינטל.

די פרויען רוימען אויף, זיי טראָגן אַרויס אַלץ, וואָס איז אין שטוב, אין הויף אַריין.

דער יודענראַט האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַקן מצות אין געטאָ, און די בעקערייען זענען באַלאַגערט מיט לאַנגע רייען, וואַרטנדיק אויף די מצה־צוטיילונגען.

די קינדער לערנען אין די שולן וועגן יום־טוב, זיי חזרן די פיר קשיות און פרייען זיך מיטן אָנקומען פון „סדר".

אויך מיר האָבן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ סדר פאַר אונדזערע חברים.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטער סדר אין געטאָ, און פאַר אַ סך פון אונדז — דער לעצטער.

אין צימער — אַ סך ליכט און ווייסקייט. אויף די לאַנגע טישן — בלומען, אמתע בלומען אין געטאָ! טייבל און דינה האָבן עס געגנבעט אין דאָרף און אונטער די מלבושים עס אַריינגעשמוגלט אין געטאָ.

פאַר די ווינציקע גראָשנס אונדזערע האָבן מיר געקויפט בוראַקעס און קאַר־טאָפל. די מיידלעך האָבן צוגעפּראַוועט דעם „רוישטאָף" און דערפון זענען אַרויס־געקומען פּאַטראַוועס.

דער גרויסער עולם זיצט ביים טיש. דאָס ערשטע מאָל זיצט מען אַלע צוזאַמען.

די חברים הייבן אָן זינגען. אַ מאָמענט דוכט זיך אויס, אַז דאָס איז דער אַלטער הימען, וועלכן מיר זענען געוווינט געווען צו זינגען אויף די פייערלעכע אַסיפות פון גדוד, קן און מושבה.

און איך הער קלאָר די ווערטער, וואָס האָבן אויפגעריסן די שטילקייט נאָך דעם געזאַנג:

ווי יעדער ייד אין סדר־נאַכט, נעם איך זיך דאָס רעכט צו פרעגן די קשיא, זיך אַליין און אַלע בייזיצנדיקע דאָ: מה נשתנה? מיט וואָס זענען מיר אַנדערש פון אַלע אַנדערע אונדזערע ברידער יידן? מיט וואָס זענען מיר אַנדערש פון אונדזערע חברים, פאַרפייניקטע דורך די מערדער?

איך פרעג און ענטפער זיך אַליין:

מיר זענען אַנדערש. אויב מיר וועלן פאַלן, וועלן מיר פאַלן קעמפנדיק, ווי פרייע מענטשן און אונדזער בלוט וועט אויסלייזן יענץ בלוט, וואָס שרייט נאָך נקמה.

פסח איז אַ יום־טוב, וואָס דערמאָנט אונדז אין אַ סך פאַרגאָסן בלוט.

און איך פרעג ווייטער: איז דאָ אַן אונטערשיד אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט?

און איך ענטפער: יאָ, ס'איז וויכטיק ווי דאָס בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן.

פון די טויזנטער אומגעבראַכטע און באַגראָבענע אין פּאָנאַר וועלן בלייבן

בלוטיקע דערינערונגען און טיפע אומהיילבאַרע ווונדן אין האַרץ פון פאָלק.
דאָס בלוט, וואָס איז דאָרט פאַרגאָסן, באַפּרוכפּערט דעם באָדן, זאַפּט זיך איין און פאַרבלייבט אין אים אייביק, און מיט דער צייט שפּראָצט עס אַרויס מיט ניילעבן. און אַזוי פאַרוואַנדלט זיך דער טויט אין לעבן. — — —
אַ ווייטיקלעכע בענקשאַפט ליגט אויסגעגאָסן אויף די חברימס פּנימער.
ארץ־ישראל, ווי ווייט ביסטו, ווי אומדערגרייכבאַר! („פּסח אין געטאָ" רוזשקע קאָרטשאַק, „המצפּה", מינכען, אַפּריל 1947, ז"ז 9 — 12).

אַ סדר ביי די קינדער אין ווילנער געטאָ

אין לאָקאַל פון יוגנטקלוב איז פאָרגעקומען פּסח 1943 אַ גראַנדיעזער „מאַסן־סדר".
אַלע קינדער זענען געקומען געקליידט אין ווייסן, פאַר יעדן קינד זענען געווען צוגעגרייט עטלעכע מצות, עפּעס, וואָס דאַרף דערמאָנען חרוסת און גע־טראַנקען, וואָס דאַרפן דערמאָנען וויין. די קינדער האָבן אין כאָר געזונגען די פיר קשיות: „אבא אשאל אותך ארבע קשיות" (טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות).
דאָן זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע פּראָגראַם־טיילן. דער אינהאַלט: פּסח, דער יום־טוב פון באַפרייונג, פיר פראַגן פון געטאָ... (ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום", פּאַריז 1948).

יידן באַקן מצות אין שאַוול

די דייטשע פאַרשטייערשאַפט האָט פאַרבאָטן די יידן אין שאַוול צו באַקן מצות.
די בעקערס האָבן באַקומען אַ באַפעל פון יודענראַט אָפּצושטעלן דאָס באַקן מצות, ווייל עס וועט ברענגען צו אַ חורבן אין געטאָ.
די יידן האָבן אָבער נישט געקוקט אויפן באַפעל פון די נאַציס און אויף דער וואָרענונג פון יודענראַט און זיי האָבן געבאַקן מצות. (ד"ר אליהו ירושלמי: „פּנקס שאַוול").

מצות אינעם קאָוונער געטאָ

צו פּסח האָט זיך כמעט יעדער איינער געגעבן די מי צו האָבן מצות. אין יאָר תש"ג (1943) איז מצה געבאַקן געוואָרן אין ערשטן ראַיאָן, אויף לינקע־ווער גאַס. הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען אין ריי אָפּצוגעבן זייער מעל

און צו קריגן מצה. יעדער, וואָס האָט געוואָלט האָבן מצה, האָט געדאַרפט ברענגען מעל; פאַר דעם האָט ער געקראָגן מצה מיט 15 פּראָצענט ווייניקער, ווי די געוויכט פון דעם מעל. דערצו האָט ער געדאַרפט צוצאָלן 15 מאַרק פּראָ קילאָ. פאַר די וואָס זענען נישט געווען אין דער לאַגע אַליין זיך צו באַזאָרגן מיט מצה, איז געשאַפן געוואָרן אַ מעות־חיטים־קאָמיטעט, בראש מיט הרב שמואל יעקב שמוקלער, שאַנצער רב.

דאָס יאָר תש״ד (1944) איז געווען פיל שווערער מיט מצה. דער ערשטער ראַיאָן איז אַרויסגעפאַלן פון געטאָ. קיין מצה־מאַשינעס זענען נישט געווען, און אויך נישט קיין פרייע אויוונס צום באַקן מצה. די וואַרשטאַטן־בעקעריי האָט יאָ געבאַקן מצה, אָבער בלויז פאַר די אייגענע מענטשן פון די וואַרשטאַטן. דאַן האָט דער שרייבער פון די שורות, צוזאַמען מיט דעם קלעצקער ישיבה־בחור יעקב מלמד, אָרגאַניזירט אַ מצה־בעקעריי אין איינעם פון די בלאָקן. דערביי האָט אונדז פיל מיטגעהאָלפן ר׳ בערל פרידמאַן, דער מיטגליד פון וואַרשטאַטן־לייטונג אין געטאָ.

די לעצטע וואָך פון אדר האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַקן מצה. מיר האָבן אין טאָג אויסגעבאַקן דריי הונדערט קילאָ. דער נאָכפרעג איז געווען אומגעהויער גרויס. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער שׂטן. די עס־עס האָבן דורכגעפירט דעמאָלט די קינדער־אַקציע.

נאָך דער אַקציע האָט מען שוין קיין מצות מער נישט געבאַקן. דאָס הייפל בני־תורה האָבן זיך צוזאַמענגענומען און פאַר זיך נאָך אָפּגעבאַקן אַ ביסל מצה. די אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס ריזיקע, ווייל צו יענער צייט האָבן אין געטאָ שוין פאַטרולירט די באַנדעס פון עס־עס.

אַ באַזונדער מסירת־נפש צו פסח האָט אַרויסגעוויזן ר׳ אליהו שאַפּיראָ פון מעמעל. דער ייד איז אויך אין געטאָ געווען אַ זהיר אין אַלע תרי״ג מצוות. ר׳ אליהו פלעגט עסן נאָר שמורה־מצה, און צוליב דעם פלעגט ער שוין פון שניט־צייט, צוזאַמען מיט די חסידים אין געטאָ, אָנגרייטן ווייץ און לאָזן ספּעציעל מאָלן. צוליב דער אַקציע איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען דאָס שמורה־מעל, און ר׳ אליהו האָט זיך באַגנוגנט דעם גאַנצן פסח מיט 250 גראַם מצה־שמורה. ס׳דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין ר׳ אליהוס הויז אין געטאָ איז אויך דורכן גאַנצן יאָר געווען נויט און הונגער.

דער זעלבער ר׳ אליהו האָט אויך מקפיד געווען צו מאַכן מוצאי־שבת הבדלה אויף „חמר מדינא״, כאָטש אויף ביר. פלעגט ער שוין זונטיק אין דער פרי לויפן צו די מענטשן וואָס גייען אין שטאָט אַרבעטן, זיי זאָלן אים זען ברענגען ביר אויף הבדלה. (הרב אלחנן פערסאָן: „פון לעצטן חורבן״, צייטשריפט, סעפּ־טעמבער 1948, מינכען, ז״ז 47—48).

ווי אַזוי מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר אין געטאָ וואָלבראָם

שלמה גלאַזער, איינער פון די שארית הפליטה, וואָס איז איצט שו״ב אין בני־ברק, ישׂראל, דערציילט ווי אַזוי מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר אין געטאָ אין וואָלבראָם:

לויטן באַפעל פון די נאַציס האָט מען נישט געטאָרט פייערן די ימים־טובים, אָבער מיר האָבן נישט געקוקט דערויף.

לויט זייער באַפעל איז יעדן איינעם געקומען טויטשטראָף, אויב ער איז געגאַנגען אין די גאַסן פון געטאָ אין אָוונט אָדער ביי נאַכט, אָבער מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין דער דירה פון שטאָט־רב, הרב זילבערבערג, וואָס האָט געהערט צו די אָסטראָווצער חסידים, כדי מיר זאָלן צוזאַמען פראַווען דעם סדר פסח ביי נאַכט. מיר זענען דערנאָך אַהיימגעגאַנגען שפּעט ביי נאַכט אין „ליל השמורים".

גייענדיק צוריק אַהיים האָבן מיר באַגעגנט אַ נאַצישן פּאַטרול, וואָס איז באַ־שטאַנען פון צוויי עס־עס־אָפיצירן. מיר זענען אַנטלאָפן און זיי האָבן אונדז נאָכגע־יאָגט. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען אַ געוואַגטער שריט צו אַנטלויפן פון זיי, זיי האָבן דאָך געקאָנט גלייך נאָכשיסן נאָך אונדז. פון דער אַנדערער זייט, איז עס געווען אַ גרויסע סכנה צו בלייבן שטיין, ווייל זיי פלעגן דערשיסן גלייך אויפן אָרט.

איך בין אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון מאַרק, ווו עס געפינט זיך מיין הויז. איינער פון די אָפיצירן, וואָס איז געווען באַקאַנט אין געטאָ פאַר אַ גרויסע רשע, האָט מיך נאָכגעיאָגט און ער האָט מיך געכאַפּט. איך האָב אים גלייך דערקענט: דאָס איז געווען יאַניק, אַ רשע מרושע און גרויסער סאַדיסט.

ער האָט קיין סך נישט געקלערט און האָט מיך צוגעשטעלט צו דער וואַנט און אויסגעשטרעקט זיין רעוואָלווער גלייך קעגן מיר. און דאָ איז געשען אַ נס: דער רעוואָלווער האָט נישט געשאָסן... (משה פּראַגער: „אלה שלא נכנעו" (ספר שני), בני־ברק 1963, ז' 152).

פּסח אין סקערניעוויץ

ערב פּסח האָט די פאַרוואַלטונג אין סקערניעוויץ דערהאַלטן אַן איינלאַדונג צו אַ סדר אין אַן איזאָלאַציע־הויז.

ווען מיר זענען אַהינגעקומען צום סדר, האָבן זיך אונדז טרערן געשטעלט אין די אויגן:

אַרום לאַנגע ווייסגעדעקטע טישן, מיט לייכטער און ברענענדיקע ליכט, זענען געזעסן איבער צוויי הונדערט יידן, אַלע ציכטיקע מיט צעשטראַלטע פּנימער, און פאַר יעדן יידן — אַ פיין סערווירטער סדר־טעלער.ביים מיטלסטן טיש אויבן זענען געזעסן עטלעכע פרויען, אויף זייערע שויסן האָבן זיי געהאַלטן די יתומים־לעך, אָפּגעוואַשענע און איבערגעטוענע אין נייע בגדימלעך.

פאַרן קאָמיטעט צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער־קאָמיסיע איז געווען סער־ווירט אַ ספּעציעלער טיש. דער מורה־הוראה האָט געטראָגן זיין שטריימל און די אַטלאַסענע קאַפּאָטע. ער הייסט אַלעמען אָנגיסן די כוסות, נעמט זיין אייגענעם כוס אין דער האַנט און הייבט אָן מאַכן קידוש. זיין שטימע ברעכט זיך, פון די אויגן גיסן טרערן. „סברי מרנן ורבנן״, כליפּעט ער אַרויס און פון אַלע עקן טראָגן זיך שלוכצן.

דאָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער סדר אונטער דער נאַצישער הערשאַפט אין סקערניעוויץ. (עזריאל קוטשינסקי: „ספר סקערניעוויץ״, תל־אביב, תשט״ז — 1956).

ווי אַזוי יידן האָבן געבאַקן מצות אין פּריסטיק

אינעם טאָגבוך פון שלמה שמידט פון פּריסטיק, מערב־גאַליציע, וואָס איז נאָך אין כתב־יד, אין מיין רשות, געפינען זיך פּרטים, ווי אַזוי די יידן פון יאַסלע און קראָסנאָ האָבן אין יאָר 1940 נאָך געבאַקן מצות אויף פּסח.

שלמה שמידט איז געווען איינער פון די ראשי־קהל אין פּריסטיק, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן פּוילן, האָבן זיי אין שטעטל געלאָזט ווייטער פונקציאָנירן די ראשי קהל.

אינעם טאָג דאַטירט דעם 12טן פעברואַר 1940, דערציילט שלמה שמידט:

אויף דער זיצונג פון קהל איז באַשלאָסן געוואָרן צו כשרן די יידישע מיל פון יוסף פויסט אין פּאַטשאַסי, צו קענען מאָלן ווייץ אויף פּסח.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָלן וועט מען קענען נאָר מיט דער דער־לויבעניש פון קהל. עס וועט קאָסטן 15 גראָשן איין קילאָגראַם מעל.

מיר מוזן דאָס טאָן, ווייל עס האָבן זיך געמאָלדן אין קהל נאָך קמחא דפּסחא פינף הונדערט מענטשן, כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

אַרויפלייגן אַ שטייער אויף יידן אין שטאָט, וועט שווער זיין דאָס געלט איינ־צומאָנען. אַחוץ די מצות, וואָס מיר דאַרפן פאַרטיילן די אָרעמע יידן, דאַרפן מיר אויך זיי פאַרזאָרגן מיט קאַרטאָפל. מוזן מיר אַרויפלייגן אַן אָפּצאָל פון פופצן גראָשן פאַר אַ קילאָ מעל.

פון אַלע אַרומיקע שטעט, ווי קראַסנאָ, סטריזשאָוו, יאַסלאָ, וויעלעפּאָליע, קומען אָן אָנפראַגעס, צי מיר וועלן כשרן די מיל, צי וועלן מיר קענען אויף אַזאַ אופן פאַרזאָרגן די אָרעמע אָן אַ דירעקטן שטייער.

דעם 22סטן פעברואַר פאַרצייכנט שלמה שמידט אין זיין טאָגבוך, אַז אַ דעלע־גאַציע פון צוויי יידן איז אָנגעקומען פון קראַסנאָ צום פּריסטיקער קהל, מען זאָל זיי דערלויבן צו מאָלן פופציק מעטער ווייץ, אָבער זיי וועלן באַצאָלן בלויז וויפל עס וועט קאָסטן דאָס מאָלן, און נישט קיין איבעריקן שטייער, וואָס דאָס פּריסטיקער קהל האָט אַרויפגעלייגט, ווייל זיי מוזן פאַרזאָרגן זייערע אייגענע אָרעמעלייט אין קראַסנאָ.

„מיר מאַכן זיי אויפמערקזאַם, אַז קראַסנער יידן זענען תמיד געווען רייכער פון די פּריסטיקער יידן, און אַז אָן דעם צושטייער וועט קהל נישט זיין אימשטאַנד צו באַזאָרגן די פּריסטיקער אָרעמעלייט מיט מצות און קאַרטאָפל אויף פּסח".

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָבן די יידן פון פּריסטיק אַרויסגעגעבן דאָס מעל אָן דעם אָפּצאָל פאַר די פּריסטיקער אָרעמעלייט.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס פּריסטיקער קהל פאַרזאָרגט די אָרעמע יידן מיט מצות און קאַרטאָפל און אויך די יידן אין קראַסנאָ האָבן געהאַט מצות אויף פּסח.

דעם 3טן אַפּריל פאַרצייכנט שלמה שמידט, אַז יידן האָבן שוין מורא געהאַט צו דאַוונען אין בית המדרש און אין די קלויזן, האָט מען געדונגען אַ שטוב אין אַ הינטערגעסל, ווו עס האָבן געוווינט בלויז יידן, און דאָרט געדאַוונט.

אָבער צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערוווסט דערפון און זיי זענען אַריינגעקומען אין דער שטוב בעת די יידן האָבן געדאַוונט.

די יידן האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען דורך די פענצטער, האָט איין פּאָליציאַנט אויסגעשאָסן אין דער לופט און די יידן זענען געבליבן שטיין. די פּאָליציאַנטן האָבן געוואָלט מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, אָבער מען האָט זיי געגעבן אַ גרעסערע סומע געלט און זיי האָבן די אָנקלאַגע צעריסן.

יידן באַקן מצות אין גראַיעווע

אין געטאָ אין גראַיעווע האָבן יידן געבאַקן מצות. איך האָב באַקומען ניין מצות. איך האָב זיי צעטיילט אויף קליינע שטיקלעך און געגעבן די יידן.

דריי מצות זענען געבליבן פאַר מיר. איך האָב נישט געגעסן קיין חמץ, נישט ווייל איך בין אַ פרומע, נאָר די זכרונות פון מיינע עלטערן, וואָס זענען געווען פרומע יידן, זענען נאָך געווען פריש אין מיין זכרון. (פון דער גביית עדות פון פּסיה פרענקל־זאַלצמאַן).

דייטשן דערהרגענען אַ ייד אין בוסק ביים באַקן מצות

עטלעכע טעג פאַר פסח האָט דער יודענראַט אין בוסק באַקומען די דער־לויבעניש פון דעם דייטשן שטאָט־קאָמענדאַנט צו מעגן באַקן אַ קליינעם קוואַנטום מצות. די דייטשן האָבן דערלויבט צוויי דעקאָ מצות פאַר יעדן ייד.

די יידן האָבן אָנגענומען די גזירה, און זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי וועלן לכל הפחות האָבן אַ כזית מצה אויף פסח.

און ווען דער בעקער בירנבוים האָט געהאַלטן אין מיטן באַקן די מצות, האָט זיך אַריינגעריסן אַ גרופּע דייטשן פון דער „זאָנדער־פּאָליציי", מיט די שוואַרצע קעפּ אויף זייערע העלמען, און זיי האָבן געשריגן ווילד:

„איר ווילט נאָך פייערן אייער יום־טוב?"

זיי האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן דעם ייד בירנבוים, ביז ער איז געפאַלן אַ טויטער פאַרגאָסן מיט בלוט... (לויט דער גבית עדות פון רבקה זוסמאַן, פון דער היים אַקסענהענדלער, די פרוי פון צבי זוסמאַן פון ראשון־לציון).

דייטשן דערשיסן צוואַנציק יידן אין סטאָפּניץ ביים אָפּריכטן דעם סדר

די יידן אין סטאָפּניץ האָבן טראָץ אַלע רדיפות און נגישות, זיך געגרייט אין יאָר 1940 צו פייערן דעם יום־טוב פסח, דערציילט דער יידישער פּאַרטיזאַן אין סטאָפּניץ, יצחק האַנדלסמאַן.

„דער יודענראַט האָט געגעבן כאַבאַר דער געסטאַפּאָ און באַקומען אַ דער־לויבעניש צו מעגן באַקן מצות.

ביי אונדז איז אַפילו געווען מצה שמורה. און די יידן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן.

אָבער אין מיטן אָפּריכטן דעם סדר, פּונקט צען אַ זייגער ביי נאַכט, האָט די געסטאַפּאָ זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט; זיי האָבן אַרעסטירט צוואַנציק יידן און אין דער זעלבער נאַכט זיי דערשאָסן אין מיטן מאַרק.

צווישן די דערשאָסענע איז געווען כמעט די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פון שטאָט". (יצחק האַנדלסמאַן, פּאַרטיזאַן פון סטאָפּניץ, „בית יעקב"־זשורנאַל, ירושלים כ"ה ניסן, תש"ב).

די שחיטה ערב פסח אין קריניק

דאָס איז געווען ערב פסח 1942. דער טאָג איז געווען אַ כמורנער. אַ ווינטל האָט געבלאָזן איבערן געטאָ. אין דער פרי, ווי אַלע טאָג, שטייען ביים טויער די אַרבעטס־קאָמאַנדעס און וואַרטן ביז דער בעל־הבית פון געטאָ וועט דערלויבן אַרויסצומאַרשירן. דאָס מאָל זענען געשטאַנען ביים טויער דער געטאָ און אַמטס־קאָמיסאַר און האָבן נישט געלאָזט אַרויסגיין קיין עלטערע יידן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס קען באַדייטן. די יידישע פּאָליציי האָט געהייסן דעם גאַנצן יונגוואַרג אַרויסגיין צו דער אַרבעט. אַזאַ פאַראָרדענונג האָט געגעבן דער געטאָ־קאָמיסאַר.

איך בין דאַן דעם ערשטן טאָג אַרויס צוזאַמען מיט די לעדער־אַרבעטער. צען אַ זייגער האָט זיך אויפגעמאַכט דער טויער און אַ גרופּע פון הונדערט פופציק דייטשע מערדער, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין געטאָ מיטן „האָרסט וועסעל״־ליד: „ווען יידיש בלוט פון מעסער שפּריצט״. גלייך האָבן זיי זיך געוואָרפן איבער די הייזער פון געטאָ און ס׳האָט זיך געהערט אַ שיסעריי, אויסגעמישט מיט געוויינען און געוואַלדן. יעקב איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, פאַנאַנדערגעשפּילעט דאָס העמד. זיינע אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט געהאַלטן אין שרייען: יידן פאַרבאַהאַלט זיך, מען וועט אייך שיסן! ער האָט געשלעפּט די דייטשן פאַר די אַרבל, אַז זיי זאָלן נישט שיסן, אָבער די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט.

צוויי שעה האָט געדויערט די שחיטה, ביז 12 אַ זייגער. ביז פאַר נאַכט האָט מען נאָך נישט געקענט פעסטשטעלן די צאָל דערשאָסענע, ווייל די מענטשן, וואָס מען האָט דערשאָסן, זענען געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער.

— — — די טויטע האָט מען מער נישט דערלויבט אַרויסצופירן אויפן בית־עולם, נאָר מען האָט אַלעמען געמוזט באַגראָבן אין געטאָ, נעבן דעם „לינת הצדק״, אין איין ברודער־קבר. דעם חסידישן מורה־הוראה, דעם געלן, האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט די באָרד און אים צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס צו דער וואַנט פון חסידים־שטיבל.

דאָס גאַנצע געטאָ איז געוואָרן איינגעהילט אין טרויער. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. דער געטאָ־קאָמיסאַר האָט פאַרבאָטן צו באַוויינען די טויטע. אין די קליידער האָט מען זיי באַערדיקט, אין דער אָנוועזנהייט פון דעם געטאָ־קאָמיסאַר און אַמט־קאָמיסאַר. דער ערשטער סדר 1942 איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סדר פון חורבן, טרויער און פּיין.

אין טויטלאַגער

נאָענט פאַר פסח האָבן די בעסטיאַלישע נאַציס אַנגעהויבן ברענגען צענדליקער טויזנטער סלאָוואַקישע, טשעכישע און אונגאַרישע יידן פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אין אַ גן־עדן, ווו זיי וועלן לעבן ווי „גאָט אין אַדעס".

האַרט פאַר פסח האָבן אַנגעהויבן ברענען די ערשטע צוויי קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן אין אַ מעת־לעת פאַרברענט ביז פופצן טויזנט מענטשן.

דאָ, אין דעם שוידערלעכסטן, גרויזאַמסטן טויטלאַגער, ווו אַ מענטשנס לעבן האָט נישט געהאַט די קלענסטע ווערט, האָבן זיך נאָך געפונען מענטשן מיט ליבע איינער צום צווייטן, אויף וועלכע ס׳האָט אַזוי נישט געווירקט דער לאַגער־קלימאַט און די מנהגים.

ווען די פרומע יידן פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד זענען געקומען אין לאַגער און האָבן געזען דעם „גן־עדן", אין וועלכן מען האָט זיי געבראַכט, זענען זיי אין ערשטן טאָג פון פסח אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און אייניקע פון זיי האָבן געהאַלטן זייער ברויט אין קעשענע און נישט געוואָלט עסן חמץ. עטלעכע פון די יידן האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר און ווען איך האָב זיי געזאָגט וועגן דעם גורל פון די פאַמיליעס, וועלכע מען האָט אַוועקגעפירט אויף די אויטאָס פון באַן־סטאַציע, האָבן זיי דאָס נישט געוואָלט גלויבן, מיינענדיק, אַז מיר ווילן בלויז אויף זיי אָנוואַרפן אַ שרעק. (א. סויפער: „קריניק אין חורבן", מאָנטעווידעאָ 1948, ז״ז 136 — 137 און 201).

אַ סדר־נאַכט אין אַ סאָוועטישער תפיסה

פישל לודמירער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור פון דער ישיבה „אוהל תורה" אין באַראַנאָוויטש, דערציילט וועגן אַ סדר־נאַכט אין אַ סאָוועטישער תפיסה אין דער שטאָט:

י״ב ניסן איז געוואָרן 4 חדשים ווי מיר זיצן אין תפיסה. גאָט אין הימל, וויפל תפיסה־גילגולים מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט אין אָט די קורצע פיר מאָנאַטן. אין מאַצקישקי, און סאָלעטשניק ביי לידע, האָבן מיר נאָך געגלויבט, אַז מען וועט אונדז אָפּהאַלטן אייניקע טעג ווי אַנדערע גרענעץ־גייער און אונדז גלייך באַפרייען. אין דער לידער תפיסה האָט מען אונדז נאָך אַלץ פאַרזיכערט: אייך, בני־תורה, וועט מען זיכער באַפרייען. אָבער אין צווייטן פּאַוויליאָן פון באַראַנאָוויטשער

תפיסה, אין צעל נומער 31, זיצן מיר 38 פערזאָן שוין העכער דריי מאָנאַטן און מאָרגן איז בדיקת־חמץ און איבער מאָרגן — די ערשטע סדר־נאַכט. מען טאָר קיין חמץ נישט עסן. און וואָס טוט מען מיט מצות ?...

וואָלטן די טייערע באַראַנאָוויטשער יידן געוווסט, אַז דאָ אין תפיסה ביי זיי אין שטאָט געפינען זיך 25 יידן, דערונטער 10 בני־תורה, און אַז אַלע ווי איינער, אַפילו יעקעלע דער קאָמוניסט פון קאָוונע, האָבן באַשלאָסן, אַז אין דער ערשטער סדר־נאַכט וועלן זיי קיין חמץ נישט עסן — וואָלטן זיי זיכער אַריינגעשיקט מצות. אָבער באַראַנאָוויטשער יידן וויסן נישט און מען דערלאָזט נישט, זיי זאָלן וויסן ווער עס שמאַכט ביי זיי אין שטאָט אין די תפיסה־מויערן.

ערב־פסח. דורך די קראַטן פון די הויכע תפיסה־פענצטער, וואָס גרייכן כמעט ביז צום סופיט, שיינען אַריין זון־שטראַלן און אַ שטיק בלויער הימל.

לייבעלע בעריש פון ביאַליסטאָקער ישיבה איז נאָך בטוח, אַז דער בורא־עולם קאָן נאָך באַווייזן אַ נס און אונדז באַפרייען. ס'וועט זיין, זאָגט ער, דער אמתער חג־חרותנו...

אָבער דער טאָג רוקט זיך. אויף דער מערב־וואַנט באַווייזן זיך שאָטנס פון צוויי גרויסע פאַרקראַטעוועטע פענצטער.

לייבעלעס בטחון איז נישט מקוים געוואָרן, אַפילו נישט דער בטחון, אַז מיר וועלן די לעצטע מינוט נאָך קריגן אַריינגעשיקט מצות. נאָך אַ נס, וואָס מיר האָבן נאָך גאַנץ פרי פאַרקויפט אונדזערע „פאַיקעס"־ברויט די גויים פאַר פאַרציעס צוקער (לייבל אויך בתוכם) ווען נישט, וואָלטן מיר עובר געווען אויף „חמץ בעין"...

עס הייבט אָן צוצופאַלן די נאַכט. ספּאָנטאַן נעמען מיר זיך צונויף אַלע 25 יידן.

אַדוואָקאַט מאַרעק קאַהאַן, (געוועזענער סינדיק פון פוילישן „מאָמענט") און יעקעלע ריבאַק קומען אויך צו און שטעלן זיך דאַווענען מעריב של יום־טוב.

ווי דעם עלטסטן פון אַלע בני תורה, פאַלט מיר צו דער כבוד צו זיין דער שליח־ציבור.

אויפן האַרצן דריקט אַ באַלאַסט פון אומבאַשרייבלעכע טרויעריקע געפילן. אַ מינוט פריִער האָב איך באַמערקט, ווי דער שטענדיק האָפערדיקער בחור פון ראַוואַ־רוסקאַ, משה גרובער, האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט. איך לויף שנעל צו צו זיין בעטל. ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער תפיסה־קאָלדרע.

— וואָס איז געשען ? פרעג איך — אויך דו הייבסט זיך אָן איינצוברעכן ? אַזוי האָסטו געלערנט ביי דיין בעלזער רבי ?

משה הייבט שנעל אויף דעם קאָפּ :

— כ'האָב זיך דערמאָנט אין טאַטנס סדר. און דאָס האָט מיך אין גאַנצן צענומען. אָבער עס איז שוין פאַרביי.

— נו, הייב זיך אויף, מיר שטעלן זיך דאַוונען — זאָג איך צו אים און איך הויב גלייך אָן מיטן יום־טובדיקן ניגון :

„ברכו את ה' המבורך".

דער עולם ענטפערט אויפן קול :

„ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד!״.

אין דער טיר פון צעל נומען 31 קלאַפּט דער וועכטער און שרייט הויך אויפן קול: „פּרעקראַטיט שום!״ (שטיל זאָל זיין).

מיר דאַווענען שטילער. מיר זאָגן הלל בציבור. הלל אין די תפיסה־מויערן.

אַ קוואַל פון טרערן עפנט זיך ביי יעדן. עס וויינט דאָס האַרץ, וואָס קאָן באַין אופן נישט באַנעמען די אומזיסטע ליידן פון זיין פאָלק, און בעט זיך ביים פאָטער אין הימל — „אנא ד׳, מלטה נפשי, חנון ד׳ וצדיק!״...

מיר ווערן מוטיקער ביי די ווערטער פון „אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה״ — מיר וועלן ווערן דער ווינקלשטיין. „בשם ד׳ כי אמילם״ — מיט גאָטס הילף, מיר וועלן זיי פאַרשניידן, מיר וועלן זיי איבערלעבן.

דער עולם זאָגט נאָך האַסטיק, דאַוונט אַלץ העכער און העכער, און מיר באַמערקן גאַרנישט, ווי דורכן „יודאַש־פענצטערל״ קוקט אַריין דער וועכטער. ער שליסט גלייך אויף די שווערע אייזערנע טיר, און בלייבט אַ ווײַלע שטיין פאַרגאַפט. ס׳איז אַ זעלטן בילד: יידן דאַווענען אין אַ סאָוויעטישער תפיסה...

„וואָס קומט דאָ פאָר?״ — פרעגט ער.

פון עולם מתפללים טרעט אַרויס אַדוואָקאַט קאַהאַן. ער דערקלערט אים עפּעס אויף רוסיש. דער וועכטער לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, און צו מיינע אויערן דערגייען די ווערטער „טאַלקאָ בעז שומו״ (נאָר אָן טומל). מיט אַ שטאַרקן גרילץ פון די שליסלען אין דער אייזערנער טיר.

נאָכן „גוט־יום־טוב״, זעצן מיר זיך צום סדר. אַלע זעצן מיר זיך אויס אויף די בעטלעך, וואָס שטייען אין מזרח־דרומדיקן ווינקל פון דער צעל.

— מיינע אחים לצרה! — דערקלער איך זיי — מיר וועלן הײַיאָר נאָכקאָפּירן מרדכיס סדר. — איך דערקלער זיי גענויער — מיר לייענען אין דער מגילה „ויעבור מרדכי״. וואָס, אייגנטלעך, האָט ער עובר געווען? זאָגן אונדזערע חז״ל, ער האָט געפאַסט אום פּסח. מיר טרעטן צו — זאָג איך ווייטער — פּראַווען דעם סדר אָן מצות. קינדער, ווער עס געדענקט אויסנווייניק די הגדה זאָל אָנהייבן. מיר הערן!...

ביי אַ שטילן געפּליסטער פון אַלע אַרומיקע יידן הויבט אָן לייבעלע אונדזער אַלטע הגדה מיט אַ גאָר שטאַרקער טענה צום פאָטער אין הימל: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות״? אין געדאַנק פרעגן מיר אַלע מיט אים מיט די האַרבע קשיה: פאַר וואָס איז אַנדערש די הייַנטיקע סדר־נאַכט פון אַלע סדרים־נעכט, וואָס מיר האָבן שוין דורכגעלעבט?

עס קומט דער אַלטער תירוץ: „עבדים היינו״ — ווייל מיר זענען קנעכט צו פרעמדע פרעהס... דערפאַר האָבן געליטן אונדזערע עלטערן, און דערפאַר ליידן מיר. אונדזערע אייביקע צרה — קנעכט און דינער ביי פרעמדע מושלים, ביי פרעמדע מלוכות, נאָר נישט ביי זיך אַליין...

לייבעלע לייענט כסדר די הגדה ווי פון סידור אַרויס און מיר הערן, און מיר בלאָנדזשען אין אונדזערע מחשבות.

אָבער מיט אַ מאָל וועקט אונדז אויף לייבעלע פון אונדזער פאַרזינקעניש. ער האַלט שוין ביי חסל סידור פסח... „פדוים לציון עירך ברינה" — ענדיקט ער. מיר וואַכן אַלע אויף, אַפילו יעקל דער קאָמוניסט האָט געשריגן, ממש געשריגן: „לשנה הבאה בירושלים!".

די טיר פון צעל פּראַלט זיך אויף. ס'לויפט אַריין דער וועכטער מיט אַ געשריי: „שוין זאָלט איר גיין שלאָפן, אַז נישט גייט איר אַלע אין קאַרצער!"...

אָבער ווער הערט אים? ווי נאָר ער גייט אַרויס, זינגען מיר: „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב... במהרה... בימינו... בקרוב... אל יבנה"...

נענדעלע געשטנער פון טאַרנאָוו זינגט פּסחדיקע לידער: „אחד מי יודע", „חד גדיא" און סתם חזנישע שטיקלעך. מיר זענען אַלע מונטער. מיר האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט האָפענונג אין אָט דער סדר־נאַכט אָן מצות. מיר האָבן אַ ציל פאַר אונדזערע אויגן. דער עתיד איז נאָענט... לאָמיר זיך פרייען מיט אים... „זה היום עשה ד', נגילה ונשמחה בו"...

אין אָט דער סדר־נאַכט אָן מצות איז יעקעלע דער קאָמוניסט געוואָרן אַ ציוניסט, אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ייד.

אָט אַזוי האָבן מיר, אַ גרופּע ישיבה־בחורים, געפּראַוועט דעם סדר אין אַ תפיסה אין באַראַנאָוויטש. (פישל לודמירער: „באַראַנאָוויטש אין אומקום און ווידערשטאַנד", מימאָגראַפיש, אַרויסגעגעבן פון יוסף פוקסמאַן, ניו־יאָרק 1964, ז"ז 81 — 83).

דער ערשטער פסח אין וואַלד

פלוצלונג האָב איך דערזען ישׂראל קצב מיט זיין ווייב חיה און זיין זון יאָסל.

מיר זענען געגאַנגען אַ שעה אין וואַלד, מיר האָבן זיך אָפּגערוט. ישׂראל האָט אַרויסגענומען טלית און תפילין און געזאָגט: דאַנקען גאָט, וואָס איך האָב באַוויזן דאָס מיטצונעמען, זאָל כאָטש זיין אַ טלית, ווען איך וועל שטאַרבן.

מיר זענען געזעסן אויף דער ערד. ישׂראל האָט דערציילט ווי אַזוי אים איז געלונגען אַרויסצוגיין פון שטעטל אין טאָג פון דער שחיטה. ער האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרי און געגאַנגען דאַווענען מיטן „מנין".

ישׂראל האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין, זיך געשטעלט דאַווענען ביי אַ בוים. ער האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אַלע רייסן קריעה אויף די יידן אין שטעטל.

מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן צו וויינען.

ישׂראל קצב איז געשטאָרבן. ער האָט די גאַנצע צייט געלעבט פון קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געבראָטן אין פייער.

אין צווישן איז געקומען דער ערשטער פסח אין וואַלד. איך געדענק, אַז פייגע־לאה און מינע האָבן געהאָט צעבראָכענע פושקעס. זיי האָבן זיי אויסגעגליט,

כדי זיי צו מאַכן כשר אויף פסח. גאַנץ פסח האָבן זיי נישט געגעסן קיין ברויט, נאָר קאַרטאָפל.

מיר האָבן געבאַקן מצות פון גערשטן־מעל. מיר האָבן אָפּגעריכט דעם סדר אין וואַלד. (איטקע, אין „ספר מגילת קאַרניץ").

סדר־נאַכט אין אוישוויץ

יוסף קאַטליאַנסקי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט צוויי מאָל אָפּגעריכט דעם סדר אין אוישוויץ:

„מיט דריי יאָר צוריק (1942), ביז איך געווען דעם ערשטן פסח אין אוישוויץ.

ערב שבת הגדול האָט מען געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט יידן פון גריכנ־לאַנד. די יידן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך מצות, ראַזשינקעס און אַנדערע פסח־דיקע מאכלים.

אין שבת הגדול האָבן די דייטשע מערדער אומגעבראַכט די גריכישע יידן אין די גאַזקאַמערן און די אַנדערע יידן האָבן באַוויזן צוצונעמען פון זיי אַ ביסל מצות און אַנדערע פסחדיקע מאכלים.

מיר זענען געווען אַכט מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשמועסט אָפּצוריכטן דעם סדר אין אונדזער בלאָק.

ווי געוויינלעך זענען מיר געווען געצוווּנגען צו ליגן אויף די פּריטשעס און אויסצולעשן דאָס ליכט 9 אַ זייגער אין אָוונט, — ווײַ איז געווען צו דעם, וואָס דער אויפזעער פון בלאָק, דער פּאָליאַק לעאָן, האָט אים באַגעגנט עטלעכע רגעס נאָך 9 נישט ליגנדיק אויף דער פּריטשע.

אין דער ערשטער נאַכט פסח זענען מיר געגאַנגען שלאָפן פּונקט 9 אַ זייגער. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר געוואַרט אויף דער באַשטימטער שעה. 10 אַ זייגער האָט שוין קיינער פון די אויפזעער נישט געטראַכט, אַז עס וועט ווער וואַגן איינ־צושטעלן זיין לעבן און פאַרלאָזן זיין פּריטשע. דעמאָלט זענען מיר אַראָפּ פון די געלעגערס און פאָרזיכטיק האָבן מיר אַריינגעלייגט עטלעכע שפּענדלעך אין אויוון. אויב מען וועט אונדז כאַפּן, וועלן מיר זאָגן, אַז מיר וואַרעמען זיך ביים אויוון. מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּריכטן דעם „סדר".

אונדז איז געלונגען צו באַקומען צוויי מצות. עטלעכע ראַזשינקעס האָבן מיר איינגעווייקט אין וואַסער פאַר א זכר פון וויין. אַן אַלטע צעריסענע הגדה האָבן מיר אַרויסגענומען פון די ספרים, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך די גריכישע יידן.

מיר זענען אַלע געזעסן ביים צוגעגרייטן טיש... אויף דער ערד. מיר האָבן איינער דעם אַנדערן זיך אָנגעקוקט און אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. אָבער

אויך דאָס געוויין האָבן מיר געמוזט דערשטיקן, עס זאָל נישט ווערן דערהערט פון פוילישן אכזר לעאָן.

זענען מיר געזעסן און מיר האָבן פאַר זיך געמורמלט די ברכות אויף דער מצה און אויפן וויין...

מיר זענען געזעסן ביז האַלב נאָך צוועלף. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן וויפל ער איז גרייט אָפּצוגעבן, כדי זיך אויסצוקויפן זיין פרייהייט? טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען גרייט זיך לאָזן אָפּשניידן אַ האַנט, אָדער אַ פוס, אַבי צו זיין פריי. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען גרייט אָפּצוגעבן אַפילו זייער לעבן, כדי לכל הפחות צו שטאַרבן ווי אַ מענטש, נישט מיט אַזאַ מיתה־משונה, ווי עס קומען אום אונדזערע שוועסטער און ברידער.

דער טראַנספּאָרט פון די גריכישע יידן איז געווען אַ גרויסער און די דייטשע רוצחים האָבן נישט באַוויזן זיי אַלע צו פאַרברענען אין שבת הגדול. זונטיק איז דאָך די חגא פון די מערדער. ממש אין די זעלבע רגעס, וואָס מיר האָבן אָפּגעריכט דעם „סדר" — האָבן מיר געזען פון דער ווייטנס די פלאַמען, וואָס גייען אַרויס פון די אויוונס, וווּ מען האָט פאַרברענט די גריכישע יידן, די זעלבע, וואָס האָבן מיט זייערע מצות און ראַזשינקעס געגעבן די מעגלעכקייט מקיים צו זיין די מצווה פון אָפּריכן דעם סדר...

פינף אַ זייגער פאַר טאָג זענען מיר אַרויס ווי געוויינלעך צו דער אַרבעט און מיר האָבן זיך באַמיט מען זאָל אין אונדז נישט דערקענען קיין שום מידקייט פון דער לעצטער סדר־נאַכט.

אין יענעם פסח האָב איך געמאַכט „גרויסע מסחרים" אין לאַגער: איך האָב אויסגעביטן מיינע פּאַרציעס ברויט אויף קאַרטאָפל און איך האָב אויסגעפירט מיין באַשלוס נישט צו עסן קיין חמץ גאַנץ פסח.

דעם צווייטן פסח אין אוישוויץ, אין יאָר 1943, האָבן מיר שוין מער נישט געהאַט קיין סדר. אַנשטאָט דעם, האָבן מיר געקריגן געשלאָגן און שווער גע־אַרבעט.

פסח פון יאָר 1944 בין איך געווען אין דאַכאַו. מיר האָבן אין דער סדר־נאַכט געזוכט אין מיסט קאַרטאָפל־שאָלן כדי צו דערהאַלטן די נשמה".

פסח אין יאָר 1945 איז יוסף קאַטליאַנסקי שוין געווען אין כפר־סבא אין ארץ־ישׂראל און ער האָט דאָס אַלץ דערציילט. (פאַרצייכנט פון ש. ב. אין „ספר חורבן וולקוביסק", ישׂראל, ז"ז 13 — 16).

*

פרייטיק פאַר שבת הגדול, האָט מען געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט גרי־כישע יידן. די יידן האָבן מיטגעבראַכט מצות. שוין שבת האָבן די דייטשן די יידן פאַרגאַזט. מיר האָבן געקראָגן אַ טייל פון די מצות.

מיר זענען געווען אַ גרופּע פון אַכט און מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצוריכטן דעם סדר. מיר האָבן געקראָגן צו צוויי מצות און אַ ביסל ראַזשינקעס, וואָס מיר האָבן געווייקט אין וואַסער לזכר פון וויין.

מיר האָבן אין באַרג ספרים, וואָס איז געווען אין לאַגער, געפונען אַן אַלטע הגדה. מיר זענען געזעסן אויף דער ערד און מוראדיק געוויינט. פינף אין דער פרי זענען מיר געגאַנגען צו דער אַרבעט. מיר האָבן זיך באַמיט מען זאָל נישט באַמערקן, אַז מיר זענען מיד פון זיין אויף ביי נאַכט און אָפּריכטן דעם סדר. איך האָב אין יענעם פסח געביטן מיין פּאַרציע ברויט אויף קאַרטאָפל, כדי נישט צו עסן קיין חמץ... (רפאל רייזנער אינעם בוך: „די פאַרניכטונג פון די ביאַלי־סטאָקער יידן", מעלבורן, אויסטראַליע, 1948).

דער שטילער סדר מיט זינגען „חד־גדיא" אין אוישוויץ

יוסף (יעזשי) ווייס, טאַרנאָו, סלאָוואַקיע, אַרעסטאַנט אין אוישוויץ נומער 29054, דערציילט אין זיין גבית עדות, ווי אַזוי מ'האָט געפּראַוועט אין געהיים דעם סדר אין אוישוויץ און געזונגען „חד גדיא".

„איך בין געווען פון די ערשטע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן גלייך פון סלאָוואַקיע מיט די טויטן־צוגן קיין אוישוויץ. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר. צוזאַמען מיט מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן נאָך עטלעכע צענדליק יינגלעך. איך בין געווען אין די הענט פון טייוול נאָענט צו דריי יאָר.

אין אוישוויץ האָבן די דייטשן מיך אַריינגעפירט אין בלאָק נומער 14. אַהין זענען אַריינגעפירט געוואָרן נאָך אַ זיבעציק בחורים, געזונטע, מיט לוסט צום לעבן, אָבער מיר האָבן גלייך רעזיגנירט פון לעבן. צווישן אונדז איז געווען אַ בחור איטשע מאָטל, וואָס איז געקומען פון מלאָווער געטאָ. ער איז געווען אַ חסידישער בחור, מיר האָבן אַלע אים ליב געהאַט און זענען גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אים. ער האָט אונדז צוריקגעגעבן דעם כבוד פון מענטשן, ער האָט אין אונדז אָנגעצונדן דעם ווילן, אַז מיר זאָלן זיך נישט אונטערגעבן.

אין וואָס איז באַשטאַנען איטשע מאָטלס כוח? ביז היינט איז דאָס מיר נאָך נישט קלאָר. ביי אונדז אין סלאָוואַקיע זענען נישט געווען קיין חסידים, און איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן קיין מאָל נישט געהערט קיין חסידישע ניגונים, ווי איך האָב זיי געהערט זינגען פון דעם בחור איטשע מאָטל אין אוישוויץ.

איטשע מאָטל איז געווען אַן אויסגעדאַרטער בחור. ווען ער איז געקומען קיין אוישוויץ האָט ער שוין געהאַט דורכגעמאַכט דעם דייטשן גיהנום אין מלאָווער געטאָ, ער איז געווען פון די „פיר און זיבעציקער", דאָס הייסט, אַז דער נומער וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף זיין האַנט, האָט זיך אָנגעהויבן פון פיר און זיבעציק טויזנט. מיר יינגלעך פון סלאָוואַקיע, וואָס זענען געקומען אַ סך פריִער פון אים קיין אוישוויץ, זענען געווען געזונטער פון אים, און מיר האָבן אים געהאָלפן, ווייל איטשע מאָטל האָט אונדז צוגעצויגן מיט זיינע חסידישע ניגונים, ווען איטשע מאָטל האָט אָנגעהויבן זינגען, האָבן מיר פאַרגעסן אין די גאַזאָוויונס, אין די קאַפּאָס און אין אוישוויץ בכלל.

איטשע מאָטל האָט פאַר אונדז איינגעאָרדנט אַ סדר פּסח ביי נאַכט. ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון און ער האָט געדענקט דעם יידישן לוח פון אויסנ־ווייניק. ער האָט געוווּסט ווען ס׳איז ראש־חודש און ווען ס׳איז אַ תענית־טאָג. פאַסטן איז ביי אים געווען איינע פון די לייכטסטע זאַכן: זיין גוף האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט דערצו. אָבער ווי אַזוי קאָנען מען אָפּריכטן אַ סדר מיט פאַסטן?

און עס האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט די פראַגע, מיט וואָס וועלן מיר אָפּ־ריכטן דעם סדר?

„מרור״ האָבן מיר געהאַט איבער גענוג, מצות אַפילו נישט קיין כזית, ארבע כוסות האָבן מיר אויך געהאַט נישט פון וויין, נאָר פון אונדזערע טרערן, אָבער מצות — אַפילו נישט קיין כזית. אונדזערע הערצער זענען שוין געווען פאַר־שטיינערט. מיר האָבן זיך געריכט יעדן טאָג אַריינצוגיין אין קאַלכאויוון פאַרברענט צו ווערן, אויב נישט היינט, איז מאָרגן. מיר האָבן מער נישט געקאָנט וויינען, אָבער איטשע מאָטל האָט געקאָנט פון אונדז אַרויסציִען טרערן. מיט וואָס? מיטן זינגען זיינע חסידישע ניגונים, מיט זיין זינגען „חד גדיא״.

מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויף אונזערע הילצערנע פּריטשעס. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער „בלאָקעלטסטער״ וויסט, אַז היינט ביי נאַכט איז דער יידישער פּסח. זענען מיר געלעגן אויף די פּריטשעס און אונדזער איטשע מאָטל האָט אָנגעהויבן צו זינגען „והיא שעמדה לאבותינו ולנו״, דערנאָך „הודו לד׳ כי טוב״ פון הלל. מיט יעדן ניגון האָט ער אונדז דערהויבן, אָבער גאָר שטאַרק האָט ער אונדז באַגייסטערט מיט זיין זינגען „חד גדיא״. פון זיין ניגון האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען דעם משל פונעם טאַטן, וואָס האָט געקויפט דאָס ציגעלע. און אַז ער איז געקומען צו „ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט לשוחט״, זענען מיר אַלע אויפגעציטערט געוואָרן, ווייל מיר האָבן געוווּסט וואָס דער סוף פון „שוחט״ וועט זיין ווען הקדוש־ברוך־הוא אַליין וועט אים שעכטן.

און וואָס איז געוואָרן פון איטשע מאָטל? ער איז נישט אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ, נאָר געפאַלן אויפן וועג, ווען די דייטשן האָבן זיך צוריק־געצויגן פון אוישוויץ, בעת די רוסן האָבן זיך דערנענטערט. (די גבית עדות איז געדרוקט אין „בית יעקב״־זשורנאַל, ירושלים, ניסן תשכ״ד, ז״ז 6—7).

פּסח אין אוישוויץ

אהרן טווערסקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ רבישער משפחה, איז פון פּאַריז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. ער האָט זיך געראַטעוועט און ער האָט אַרויס־געגעבן אַ בוך, אין וועלכן ער דערציילט ווי אַזוי מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר אין אוישוויץ:

איך קאָן זיך גוט דערמאָנען, אַז דאָס איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן טאָג פּסח.

די נאַכט פריִער האָבן מיר, די קראַנקע, אָפּגעריכט דעם ערשטן סדר. קיין מצות און חרוסת האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער מרור האָט אונדז נישט געפעלט. די הגדה האָבן אַלע געקענט אויף אויסנווייניק און מאָדנע האָבן געקלונגען די ווערטער „עבדים היינו לפרעה במצרים״, בשעת מיר אַלע זענען ערשט איצט ווידער די ריכטיקע קנעכט פון דעם אייראָפּעיִשן פרעה.

יעדער איינער פון אונדז האָט שטיל און דערשטיקט פאַרגאָסן טרערן אויף אונדזער איצטיקער מערכה. מיר האָבן זיך איבערגעגעבן אונדזערע זכרונות וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען מיר האָבן פרייִלעך פאַרבראַכט אין דער וואַרעמער סביבה פון דער משפחה די יום־טוב־טעג.

אין מיין ענגן בעט ליגנדיק, האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן צו מיין ליבער משפּחה, פרוי און בן־יחיד, וואָס ווייסן נישט וועגן מיין עקזיסטענץ און מוזן נעבעך אין אַ הייל אָדער אין אַ לאַגער פאַרגיסן טרערן איבער זייער אומגליקלעכן יידישן גורל.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין מיינע קינדער־יאָרן, אין די סדרים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי מיין פאָטערס טיש. דאָס געשטאַלט פון מיין הייליקן פאָטער, הרב זכרונו לברכה, אין זיין זילבערנעם קיטל מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, זיצנדיק אויף דער היסב־בעט, פון וועלכן עס האָט געשיינט די שכינה, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן.

די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. די יונגע יאָרן מיינע מיט מיין גאַנץ לעבן זענען פאַר מיינע אויגן דורכגעלאָפן ווי אַ פילם.

דער ערשטער טאָג פסח איז אין לאַגער פאַרצייכנט געוואָרן דורך אַ ניי געשעעניש. עס זענען, נעמלעך, געבראַכט געוואָרן די ערשטע יידן פון בודאַפּעשט. וויפל עס זענען אָנגעקומען, האָבן מיר נישט געוווסט. אייניקע האָבן דערציילט, אַז איבער 3.000 פערזאָן, מענער און פרויען, אָבער אין לאַגער צו אונדז זענען אַריינגעקומען אַ פּאָר הונדערט מאַן.

מיר האָבן פון אונדזערע פענצטער געזען פאַר זיך ציוויליזירטע מענטשן אין שיינע קליידער, מיט האָר אויפן קאָפּ. זיי דאַרפן באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַטאַרזשניקעס, אַזוי ווי מיר.

יענעם טאָג האָבן מיר באַקומען אַ ברויט־זופּ, ווייל די אונגאַרישע יידן פון בודאַפּעשט האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך מצות און ברויט און די קיך האָט דאָס אויסגענוצט אויף צו מאַכן זופּ. (אהרן טווערסקי: „איך בין דער קרבן און דער עדות״, ניו־יאָרק 1947, ז״ז 150 — 151).

פסח אין אוישוויץ אין יאָר 1943

די לעצטע צוויי־דריי טעג פאַר פסח האָט מען געקענט באַמערקן אויף די פּנימער פון די פרומע יידן אַ ספּעציעל־טיפן אויסדרוק פון אומעט און אינערלעכן

פּיין. די תמיד רויכערנדיקע קרעמאַטאָריעס, די טאָג־טעגלעכע סעלעקציעס אין די גאַזקאַמערן, די שווערע, ממש קאַטאָרזשנע אַרבעט, און אַפילו דער אומגעהויערער הונגער האָט אויף די דאָזיקע יידן נישט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, ווי דער פּיינלעכער געדאַנק פון עסן חמץ אום פּסח. זייער פאַרצווייפלונג איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט איינער האָט זיך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער אומ־צוקומען אויף קידוש־השם אין די גאַזקאַמערן איידער צו עסן חמץ. נישט איין מאָל ביי דער אַרבעט פלעגט מען אין די לעצטע טעג פאַר פּסח קענען הערן אַ טיפן קרעכץ פון אַזאַ ייד, און ווען מען פלעגט אַזאַ ייד אַ פרעג טאָן, וואָס ער קרעכצט אַזוי, האָט ער געענטפערט בזה הלשון: „יאָ, ברודער, אין אַ פּאָר טעג האָבן מיר שוין פּסח און מ׳וועט איצט דאָס ערשטן מאָל אין לעבן מוזן עסן חמץ“.

אין די לאַגער־אַפּטריטן, דעם איינציקן אָרט, ווו איינער מיטן צווייטן האָט זיך געקענט אויסשמועסן און אַראָפּרעדן זיך אַ ביסל פון האַרצן, האָט מען געקענט הערן נאָענט פאַר פּסח, ווי די „קאַצעטניקעס“ פרעגן איינער דעם צווייטן, וואָס ער רעכנט צו טאָן מיטן עסן חמץ. ענטפערן פלעגט איינער דעם צווייטן בלויז מיט אַ נערוועזער באַוועגונג מיט די אַקסלען, אָדער גאָר מיט אַ טיפן קרעכץ.

ס׳פלעגן זיך אויך אָפּט הערן אָפּגעהאַקטע ווערטער: „ס׳איז דאָך אַכט טעג, מ׳קאָן דאָך אַזוי לאַנג נישט פאַסטן... מ׳טאָר נישט זיין קיין „מאביד עצמו לדעת“...

און ענדלעך איז דער דאָזיקער טרויעריקער פּסח אין אוישוויצער טויטלאַגער אין יאָר 1943 אָנגעקומען.

אין אָוונט האָט מען אין יענע באַראַקן, וואָס זענען געווען באַווינט מערסטנס פון די אונגאַרישע יידן, געקענט באַמערקן אַ געוויסע נידערגעשלאָגנקייט און ממש אַ יום־כּיפּורדיקע נעילה־שטימונג. נאָר מיט אַ מאָל האָבן זיך אַ פּאָר צענדליק יידן אין אַ ווינקל פון אַ באַראַק געשטעלט דאַוונען בלחש אַ יום־טובדיקן מעריב. נאָכן דאַוונען, ווען דאָס הייפעלע יידן האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגייען, האָט זיך איינער פון זיי, אַ הויכער, דאַרער, הויט און ביינער, מיט שוואַרצע צאַפּלענדיקע אויגן אָפּגערופן: „יידן, פאַרגעסט נישט, היינט איז פּסח, מ׳מוז אָפּריכטן דעם סדר“.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך געלאָזט הערן פון אַ פאַרוואָרפענעם זייטיקן ווינקל פון באַראַק, אַ ציטערדיקע שטים מיט די ווערטער „הא לחמא עניא“. מיט אַ מאָל האָבן מענטשן, ווי די שאָטנס, פון אַלע עקן באַראַק, אָנגעהויבן צו שטראָמען אין דער ריכטונג פון וואַנען די דאָזיקע ווערטער זענען אָנגעקומען. צווישן די לאַגער־בעטלעך, צונויפגעקלאַפּט פון אַ פּאָר ברעטלעך, איז ביי אַ צע־בראָכענעם, וואַקלדיקן טישל געזעסן אַ הויכער, דאַרער ייד, האַלטנדיק אין זיין ציטערנדיקער האַנט אַ שטיקל ברויט און מיט אַן איכה־ניגון געזאָגט די ווערטער פון „הא לחמא עניא“. ביי די ווערטער „לשנה הבאה בני חורין“ און ביי דער ברכה פון שהחיינו האָבן אַ סך פון אונדז ווי אויטאָמאַטיש געשאָקלט מיט די קעפּ, און טייכן טרערן האָבן פון זיך אַליין געפלאָסן פון אונדזערע אויגן. דער יאוש איז דעמאָלט ביי אונדז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן בכלל נישט געגלייבט, אַז מיר קאָנען נאָך אַ מאָל זיין בני־חורין, פרייע מענטשן.

דער אונגאַרישער ייד, האַלטנדיק אין זיין האַנט דאָס שטיקל ברויט, האָט מיט אַ צעבראָכענער, געדריקטער שטים געזאָגט די הגדה. און ווען ס'פלעגט אויס־קומען צו מאַכן אַ ברכה איבער אַרבע כוסות, פלעגט ער זאָגן די ווערטער פון „הנני מוכן" און צוגעבן: „רבונו של עולם, דעם „בורא פרי הגפן" פאַרזיכער איך דיר צו מאַכן איבער אַ יאָר..."

און איבער דעם שטיקל ברויט, דעם ריכטיקן לחם עוני, האָט ער געמאַכט די ברכות פון אכילת מצה מרור און אַפילו אַפיקומן. און נישט בלויז געמאַכט די ברכה, נאָר ער האָט יעדעס מאָל אָפגעביסן אַ שטיקל ברויט.

ביי די ווערטער פון „שפוך־המתך" איז פלוצלונג דער דאַזיקער הויכער דאַרער ייד אויפגעשפרונגען און אויסגעשריגן: „יידן, זאָגט נאָך, אפשר איז איצט דער שעת הכושר, אַז מיר זאָלן אויסבעטן אַ שנעלע מפלה אויף אונדזערע שונאים!" און מיט אַ געדריקטער שטים און טרערן אין די אויגן האָבן מיר אַלע נאָכגע־זאָגט: שפוך חמתך...

די באַראַק־איינוווינער, וואָס זענען שוין געלעגן אויף זייערע בעטלעך, הערנ־דיק די דאָזיקע ווערטער, זענען מיטגעריסן געוואָרן און אָנגעהויבן אויך נאָכזאָגן: שפוך חמתך אל הגויים... (לויט ד"ר מ. זלאָטאָלאָוו, „מאָרגן־זשורנאַל", 7טן אַפּריל 1947, איבערגעדרוקט אין בוך „קידוש השם" פון ש. ניגער, ניו־יאָרק 1948, ז"ז 555 — 557).

פסח אין לאַגער סקאַרזשיסק

אין יאָר תש"ג (1943) — דער ערשטער פסח אין לאַגער סקאַרזשיסק — האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ קאָלעקטיוון פסח פאַר 1.500 יידן.

שוין אָנהייב ניסן, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פסח. ווי געוויינלעך פאַר אַלע יידישע יום־טובים, איז די שמירה ביי די טויערן פאַרשטאַרקט געוואָרן. מיט גרויס מסירת־נפש האָבן מיר ביסלעכווייז אָנגעגרייט קאַרטאָפל און מעל. עטלעכע טעג פאַר פסח האָט מען גענומען באַקן די מצות. עס איז געווען דאָס אמתע „לחמא עניא דאכלא אבהתנא"...

דעם סדר האָבן מיר אָפגעריכט אין דער גרויסער „שאָפּע" פון אַ נאָך נישט אויסגעפאַרטיקטער פאַבריק־געביידע, ווו מיר האָבן צייטווייליק געוווינט. דאָס איז באמת געווען אַ נאַטירלעכער סדר: שקלאַפעריי (עבודת פרך), הונגער און פאַרביטערונג.

טייכן טרערן זענען גערונען פון אונדזערע אויגן דערמאָנענדיק זיך די צייטן, ווען מיר זענען געווען צוזאַמען מיט אונדזערע פאַמיליעס און געפּראַוועט דעם סדר כדת וכדין.

אין יאָר תש״ד, ווען מיר זענען געווען אין קלענערע באַראַקן, האָבן מיר זיך גענומען אָרגאַניזירן דעם יום־טוב פסח מיט מער מעטאָדישקייט.

אין באַראַק נומער 16 האָבן זיך פאַרזאַמלט די אַלע, וואָס האָבן צוגעגרייט די מצות און קאַרטאָפל, און באַשלאָסן אַרויסצוהענגען אַ מעלדונג, און דווקא אין דער העברעיִשער שפּראַך, אַז ווער עס וויל פּראַווען דעם סדר, זאָל קומען אין באַראַק 16, ווו עס ווערט איינגעאָרדנט דער טראַדיציאָנעלער סדר. די פרויען — חברות פון הפועל־המזרחי — מלכה זאַיאָנץ, שׂרה אָסטראָווסקע פון באַצינעוו, שׂרה יוואַניסקאַ פון סטאָפּניץ, דעם מאָדזשיצער רבינס טאָכטער א״אַ האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן באַקן מצות.

ערב פסח האָבן מיר זיך אַלע באַצייטנס פאַרזאַמלט און געבאַקן מצות שמורה מיט גרויס התלהבות. ווען יעקב שרייבערבערג, דער עלטסטער צווישן אונדז, האָט אָנגעהויבן דער ערשטער צו באַקן זיינע מצות שמורה, האָט דער עולם אָנגעהויבן זאָגן הלל, ווען מ׳איז צוגעקומען צו „אנה ה׳ הושיעה נא״, האָבן מיר זיך, מיט טרערן אין די אויגן, געדריקט די הענט, און זיך געווונטשן מ׳זאָל דער־לעבן דעם ריכטיקן זמן חירותנו.

דאָס באַקן די מצות איז פאָרגעקומען אַזוי: מען האָט אַרויפגעלייגט בלעכן אויף די טישן און אויף דעם אייוועלע, וואָס איז געשטאַנען אין באַראַק. האָלץ האָבן מיר געהאַט צוגעגרייט, און ביי אַ גרויסן פלאַם האָבן מיר געבאַקן די מצות. איך וויל אויך דערמאָנען דעם 16־יעריקן משה פרידמאַן, וועלכער האָט צוגעגרייט דאָס מצה־רעדעלע; מיר האָבן אים טאַקע מכבד געווען מיטן רעדלען די מצות.

לעפל האָבן מיר געמאַכט פון האָלץ. מיר האָבן געכשרט אונדזערע מענאַש־קעס און אויסגעשאָקלט די ליידיקע קעשענעס.

קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, האָבן מיר אויסגעפּוצט דעם באַראַק און געלייגט ווייס פּאַפּיר אויפן טיש, געמאַכט זיך יום־טובדיק און באַלד זיך גע־שטעלט דאַווענען. דער עולם איז געווען הונגעריק. מטעם חמץ, האָבן זיי די פּאַרציע זופּ נישט געגעסן. אָפּגעדאַוונט מעריב, האָבן מיר זיך געזעצט צום סדר. די פאַרזאַמלטע האָבן מיך מהנה געווען מיטן זאָגן די הגדה. אַלץ איז געווען. אויך ווייַן האָבן מיר געמאַכט פון רויטע בוראַקעס, עטלעכע אייער און אַפילו כרפס האָבן מיר אויך געהאַט, נאָר אַמיינסטן האָבן מיר געהאַט מרור.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו „והיא שעמדה לאבותינו ולנו... שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו, והקב״ה מצלינו מידם״, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט שרייבערבערג ע״ה און אָנגעהויבן אונדז דערמוטיקן, זאָגנדיק, אַז אין יעדער דור זענען פאַראַן עמלקים, וואָס ווילן אונדז פאַרטיליקן. אַזוי איז געווען אין מצרים און אין אַלע אַנדערע צייטן. גאָט האָט אָבער שטענדיק געהאָלפן זיין פאָלק ישׂראל, אַזוי וועט ער אויך היינט העלפן און אונדז אַרויסציִען פון דער פינצטערניש, „מיגון לשׂמחה ומשעבוד לגאולה״, מיר וועלן דערלעבן דעם אמתן חירות און מיר וועלן זוכה זיין צו פייערן אונדזערע יום־טובים, ווי פרייע מענטשן.

דער געזאַנג פון הלל האָט אונדז אַלע אויפגעמונטערט. מיט גרויס כוונה

האָבן מיר איבערגעחזרט דעם פסוק: „מקימי מעפר דל ומאשפות ירים אביון"... מיט לייכטע הערצער, ווי אמתע בני־חורין, האָבן מיר זיך געוואַשן, כדי צו דערפילן דעם חוב פון אכילת מצה אין פסח.

— —

דער פונק פון נקמה האָט פּלוצלונג אַ בליץ געטאָן אין די אויגן פון די יידן. די טיר איז שטיל געעפנט געוואָרן און מיט אַ מעכטיקער און שטאָלצער שטימע האָט דער עולם אויסגעשריגן: „שפוך חמתך אל הגוים ועל הממלכות אשר לא ידעוך... כי אכל את יעקב". געוואַרט אַ ווײַלע, ביז אליהו הנביא וועט אַרײַנקומען זען די צרות פון זיין פאָלק. עס האָט זיך מיט אַ מאָל געשפּירט, אַז מיר זענען נישט אַליין. דער אל־נקמות איז מיט אונדז און מיר בעטן אים „תרדוף באף ותשמידם מתחת שמי ד'". מיר זענען געווען זיכער, אַז אונדזער תפילה וועט אָנגענומען ווערן, ווייל דאָס איז נישט געווען קיין תפילת־יחיד, נאָר אַ תפילת־רבים, געבונדן מיט קרבן־ציבור. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געווען אַ קרבן על מוקדת המזבח אויף קידוש־השם.

פּלוצלונג הערט זיך אַ געזאַנג פול מיט האָפענונג:

ידינו לצד מזרח נרים ונשבעה
בציון, בדגלה ובארצה היקרה;
בכל אשר נאהב ובכל אשר נוקירה
בחרב גבורינו אשר נשברה...
— — — — — — — — — — —
נשבע הכבלים לשבר לרסיסים
להסירם מעל ידים הכבולות
לפרוק ממנו עול המעיקים והלוחצים
לעזוב הגלות ופנות האפלות.

דאָס האָט געזונגען שרה יוואַניסקאַ, אַ חלוצה (שומר הדתי) פון אַ קליין פּויליש שטעטל. אַלע זענען מיר געבליבן ווי פאַרשטיינערט און ספּאָנטאַן אויסגעשריגן: לשנה הבאה בירושלים!

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם ערשטן סדר מיטן פולן בטחון אין גאָט, אַז ער וועט אונדז געדענקען און אויסלייזן פון דעם פינצטערן גלות־היטלער, אַזוי ווי אונדזערע אבות זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות־מצרים. מיט גרויס התפעלות האָבן מיר זיך געלאָזט אין אַ רקוד, זינגענדיק „חסל סידור פסח".

צו מאָרגנס זענען מיר אויפגעשטאַנען, געדאַוונט בציבור און ווי געוויינלעך געגאַנגען צו דער עבודת פרך. יעדער האָט זיך מיטגענומען זיין ביסל שפּייז און אַרבעס, וואָס דער פּיעטריקאָווער רבי זצ"ל האָט מתיר געווען צו עסן, יעדער האָט זיך אָפּגעקאָכט זיין טעפּל אויף אַ קעכל, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 ציגל.

אַזוי האָט זיך אויך איבערגעחזרט די צווייטע נאַכט פסח. די גאַנצע אַכט טעג יום־טוב איז אין אונדזער באַראַק נישט אַרײַנגעקומען קיין ברעקל חמץ.

טרויעריק איז געווען דער פסח תש"ה אין לאַגער שליבין (דייטשלאַנד). דאָ האָבן מיר ליידער נישט געהאַט די מעגלעכקייטן ווי אין פוילן. אָבער דאָך, נישט שלום־מאַכנדיק מיטן געדאַנק, צו עסן חמץ אין פסח, האָבן מיר זיך פאַרשאַפט ווייץ־קערנדלעך, צעמאָלן אויף אַ קאַווע־מילעכל, וואָס איינער אַ פאַכמאַן האָט געמאַכט אין פאַבריק, און געבאַקן מצות, נאָר אויף אַ זכר. אַ סדר האָבן מיר אויך ווי עס איינגעאָרדנט און געגעסן רויע מערן מיט קאַרטאָפל. דערביי האָט דער אָפטער רב געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער איז געקומען צום אויספיר, אַז ווען עס איז שוין גוט פינצטער ווערט ערשט דעמאָלט ליכטיק און אי"ה וועלן מיר זוכה זיין צו פייערן פסח אויף דער פריי און מיר האָבן זיך געווונטשן „לשנה הבא בירושלים".

דער בטחון איז געווען אונדזער כוח און די אמונה אין נצח ישראל — אונ־דזער כלי־זיין. (משה פלוימענבוים: „פסח אין לאַגער", „אונדזער וועג", פאַריז, אַפּריל 1946, ז' 9).

*

אויך אברהם יעקב קאַלסקי דערציילט, ווי אַזוי יידן האָבן געבאַקן מצות און אָפּגעריכט דעם סדר אין אַרבעטס־לאַגער סקאַרזשיסק:

מיר האָבן ווידער דערלעבט פסח. דאָס מאָל האָבן מיר געבאַקן מצות אין אויוון, וואָס איז געשטאַנען ביים רבין אין צימער. מיר האָבן געבאַקן לויט אַ ריי.

ווען עס איז געקומען מיין ריי און איך האָב געהאַלטן אין מיטן באַקן מיינע מצות, איז אָנגעקומען דער „פירער", דער דייטש קינעמאַן ימ"ש. ער איז אַריין אין צימער מיט זיין גרויסן הונט און זיך געוואָרפן שלאָגן אַלע, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. דעם קאָמענדאַנט האָט ער באַפוילן אויסצולעשן דעם אויוון און אים צונעמען פון דאַנען. מיין מיירע, וואָס איז געווען אין שיסל, איז חמצדיק געוואָרן. אָבער צו מאָרגנס האָבן מיר געבאַקן מצות ביי מיר אין צימער.

דאָס מאָל האָבן איך געפירט אַ סדר ביי אַ טיש מיט בענק צום זיצן. עס האָבן אָנטייל גענומען ביי אַ הונדערט מאַן.

אין מיטן זאָגן די הגדה, איז אַריינגעקומען דער לאַגער־פירער מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט. ער האָט אויסגעפרעגט, וואָס דאָ קומט פאָר און געהייסן ווייטער פירן דעם סדר. מיר האָבן דאַן אָפּגעריכט דעם סדר ביז צוויי אַ זייגער ביי נאַכט.

— —

אויף פסח האָב איך געקויפט צוויי קילאָ מעל און עס איבערגעגעבן צו באַקן מצות. דער אויוון איז געשטאַנען אין די פרויען־באַראַקן. ווען איך בין געקומען אָפּנעמען די מצות, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם קאַפּאָ „ווייטער־דאָ". קיין יידישן נאָמען האָט ער נישט געהאַט. „וואָס טוסטו דאָ?" פרעגט ער מיר און איידער איך ענטפער, באַקום איך עטלעכע פייערדיקע פעטש, אַז פונקען זענען מיר געפלויגן פאַר די אויגן. די פרויען האָבן געשריגן צו מיר, איך זאָל אַנטלויפן, נאָר איך בין אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז איך האָב נישט געוווסט, ווי מען קריגט זיך אַרויס פון זיינע רוצחישע הענט. ביז איצט ווייס איך נישט, מיט וועלכע

נסים איך בין אַרויס פון זיינע הענט אַ לעבעדיקער. שפּעטער האָבן מיר די פרויען אַרויסבאַזאָרגט די מצות.

פּסח האָב איך שוין געוווינט אין דער „עקאָנאָמיע", אויף דער פּערטער פּריטשע. דאָרט האָט מען זיך לייכטער געקאָנט באַוועגן. עס איז געווען זייער הויך. אויף מיין קעסטעלע האָב איך פאַרשפּרייט אַ ווייסן האַנטעך, אַרויפגעלייגט אַ פּאָר מצות, אַ ביסל רויטן בוריק־באָרשט פאַר אַרבע כוסות, אַ סידורל מיט דער הגדה האָב איך אויך פאַרמאָגט און איך האָב אָפּגעריכט דעם סדר. בייגע־וווינט מיין סדר האָבן חיים דוד גרייעק און באַקאַנטע יידן פון ביאַלאָבזשעג. דעם גאַנצן פּסח האָב איך קיין חמץ נישט געגעסן. איך האָב געהאַט די מצות, און קאַרטאָפל און הירזש האָב איך אַליין געקאָכט. מיר האָבן אויך געהאַט אַ מנין, ווו עס האָבן געדאַוונט דער ראַדאָשיצער רבי פון פּיאָטרקאָוו און דער זאַכוויס־טאָווער רב. (אברהם יעקב קאָלסקי: „ספר סקערניעוויץ", תל־אביב, תשט"ז — 1956, ז"ז 521 — 522).

מיר באַקן מצות אין פּלאַשאָווער לאַגער

דאָס איז געווען מערץ 1942. מיין מאַן דערציילט מיר, אַז דאָס יינגל, וואָס פאַרקויפט טייל מאָל עפּעס, האָט אים אָנפאַרטרויט, אַז עמעצער פון דער לאַגער־בעקעריי וועט אים ברענגען אַ קילאָ מעל. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: פאַר וואָס נישט באַקן מצות? איך נעם דאָס מעל פון דעם יינגל. דאָס מעל איז געווען שוואַרץ, ביטער און געמישט מיט האָלץ־זעגעכץ.

איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צום גרויסן אַקט. קודם כל האָב איך געבעטן אַלע פריינד און באַקאַנטע זיי זאָלן אויפהייבן יעדעס שטיקל האָלץ־שפּענדל, וואָס זיי וועלן זען. דאָס האָב איך פאַרשטעקט אויף מיין געלעגער. דאַן האָב איך געבעטן די באַראַקן־עלטסטע, אַ טייערע נשמה, זי זאָל מיר דערלויבן עפּעס צו טאָן ביים אויוון ביי נאַכט, ווען יעדער איינער וועט שוין שלאָפן. דאָס הייצן אין די באַראַקן איז געווען דערלויבט ביז סוף מערץ, אַזוי, אַז מען האָט אין די שפּעטע אָוונטן געוויינלעך געזען, אַז פון די באַראַקן־קוימענס שלענגלען זיך דינע רויכלעך פון די אויסגייענדיקע אויוונס און דאָס האָט נישט אַרויסגע־רופן קיין פאַרדאַכט.

עמעצער אין באַראַק האָט געהאַט אין זיין פאַרמעגן אַ פלאַש, האָב איך זי געבאָרגט און צוגעגרייט אַ פלאַש וואַסער. ביין אַ זייגער אין אָוונט, ווען מען האָט אין לאַגער געגעבן דעם סיגנאַל צו גיין שלאָפן און אויסלעשן די ליכט, און אַ קליין נאַכטלעמפּל איז געבליבן לייכטן, האָב איך אַריינגעטאָן דאָס מעל אין מיין מע־נאַשקע פון זופּ, אַריינגעגאָסן דאָס וואַסער פון דער פלאַש און געמאַכט אַ טייג. די אָנגעזאַמלטע קליינע שטיקלעך האָלץ האָב איך געלייגט אויף די נאָך ברענענ־דיקע שטיינקוילן פון אויוון און אויף דער ערד, אויף אַ פּאַפּיר, האָב איך אויס־

געוועלגערט מיט דער ליידיקער פלאַש קליינע מצהלעך. איך האָב זיי אַרויפגעלייגט אויף דער הייסער אייזערנער אויוון־פּלאַטע און אַזוי געבאַקן די מצות. ס׳האָט ביי מיר גענומען כמעט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב „אויסגעבאַקן" אַן ערך 50 קליינע מצהלעך. דאָס גרויסע פאַרמעגן האָב איך אַריינגעלייגט אין דער זעלבער זופּ־מענאַשקע און אין ברויטזעקל און מיטגענומען צו דער אַרבעט. דאָרט האָב איך די מצות איינגעטיילט יעדן אַ פּאָר. אין אָוונט האָב איך אויך מיטגענומען אַ פּאָר פּאָר מיין מאַן און שוועסטערס טאָכטער. ווען איך האָב באַצאָלט דעם יינגל פאַר דאָס געבאָרגטע מעל, האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל מיר ווייטער ברענגען. אַזוי בין איך אָנגעגאַנגען ביז סוף מערץ מיט באַקן מצות. יעדן טאָג ווען כ׳האָב פאַרטיילט צו מיינע פאַרטרויטע אָפּנעמער די מצות, האָבן זיי אויפגעגעסן די פרי:ערדיקע און געהאַלטן אין זאַפּאַס די פרישערע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר די באַראַקן־עלטסטע געזאָגט, אַז מען וועט מער נישט ברענען דעם אויוון. דעמאָלט האָב איך פאַרטיילט די לעצטע מצות מיט דעם אָנזאָג, אַז דאָס זענען שוין די פּסחדיקע מצות און אַ טייל האָבן טאַקע די מצות געהאַלטן אויף פּסח. (בערטאַ פערדערבער־זאַלץ: „און די זון האָט געשיינט", ז״ז 109 — 110).

דער סדר אין מאַטהאַוזען אין יאָר 1945

פרייטיק, דעם 2טן מערץ 1945, זענען מיר אָנגעקומען קיין מאַטהאַוזען. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען אויף באַרגיקע וועגן צום קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די לעצטע וואָכן זענען פאַר אונדז געווען די שווערסטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. עטלעכע פון אונדז האָבן געאַרבעט ביי דער באַן, ביים אויסלאָדענען מאַשינען פאַר דעם תבואה־שפּייכלער. עטלעכע מאָל איז די גרופּע געלונגען ארויס־צונעמען אַ ביסל ווייץ פון שפּייכלער.

די רעליגיעזע יידן האָבן געביטן זייערע פּאָרציעס ברויט פאַר אָט דעם ווייץ. זיי האָבן די ווייצן צעריבן מיט אַ האַמער, ביז עס איז געוואָרן מעל, און געבאַקן דערפון מצות, און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט עטלעכע צענדליק יידן אָפּצוריכטן ביידע סדרים.

שפּעט ביי נאַכט, ווען די וואַך האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם בלאָק, זענען צוגעגרייט געוואָרן עטלעכע טישן אין וואַשזאַל. עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן צוויי ליכטלעך. יעדער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אָפּריכטן דעם סדר, האָט באַקומען אַ קליין מצהלע.

איינער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן די הגדה מיט אַ געדריקט קול און אַלע האָבן נאָכגעזאָגט.

אַזוי האָט אַ קליינע גרופּע יידן, פאַראורטיילטע צום טויט, אָפּגעריכט ביידע סדרים אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער מאַטהאַוזען. (רפאל רייזנער: „די פאַרניכטונג

פון די ביאַליסטאָקער יידן״, מעלבורן 1948, איבערגעדרוקט אין בוך „אני מאמין״ פון מרדכי אליאב, ירושלים „מוסד הרב קוק״ 1955, ז״ז 192 — 193).

✶

מינע טירקאָוויץ דערציילט:

פרייטיק, דעם 22טן מערץ 1945, זענען מיר אָנגעקומען קיין מאַטהאַוזען. די לעצטע וואָכן וואָס מיר האָבן געאַרבעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אַ טייל פון אונדז געלונגען צוצוגנבענען ווייץ. מיר האָבן עס צעשטויסן מיט אַ האַמער ביז עס איז געוואָרן מעל און מיר האָבן געבאַקן מצות.

עטלעכע צענדליק יידן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר שפּעט ביי נאַכט, ווען די וואַך האָט פאַרלאָזט דעם בלאָק. מיר האָבן אין וואַשזאַל געשטעלט עטלעכע טישן. מיר האָבן געהאַט כוסות פון פּאַפּיר. מיר האָבן אָנגעצונדן צוויי ליכט. יעדער איינער האָט געקראָגן איין קליינע מצה, און יעדער איינער האָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ געזאָגט די הגדה. (מינע טיקאָוויץ אין איר בוך: „גם שם היו חיים״).

✶

הרב סיני אַדלער גיט איבער:

עטלעכע טעג פאַר פּסח האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען די דאַרע פּאַרציעס ברויט, וואָס איך האָב באַקומען יעדן טאָג, כדי איך זאָל זיי אויסבייטן אויף קאַר־טאָפל. אָבער מען האָט אונדז פּלוצלונג איבערגעפירט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם לאַגער און איך האָב מער נישט געקאָנט בייטן מיינע פּאַרציעס ברויט מיט אַנדערע.

איך האָב געטראַכט, אַז דאָס שטיקל פאַרדאַרטע ברויט, וואָס איך האָב גע־קראָגן ערב פּסח, וועל איך האַלטן ביז מאָרגן אין דער פרי, כדי איך זאָל לכל הפּחות די ערשטע נאַכט פּסח נישט עסן קיין חמץ.

אָבער אַ תלמיד־חכם, וואָס איז מיט מיר געווען אין לאַגער, האָט מיר גע־זאָגט, אַז לויט דער הלכה איז בעסער איך זאָל גלייך אויפעסן דאָס שטיקל ברויט, וועל איך נישט עובר זיין אויף דער איסור „בל יראה ובל ימצא״.

בעת דעם אַפּעל, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר נאַכט, האָב איך געבעטן אַ בחור, ער זאָל מיט מיר גיין אַרום דעם באַראַק. און אַזוי שפּאַצירנדיק האָבן מיר געזאָגט די שטיקער הגדה, וואָס מיר האָבן געדענקט פון אויסנווייניק. (הרב סיני אַדלער, זשורנאַל „בית יעקב״, ירושלים תשכ״ג — 1963).

יידן ריכטן אָפּ דעם סדר אין לאַגער שאַטערוועראָק

ישראל טאַבאַקבלאַט דערציילט, ווי אַזוי יידן האָבן אין געהיים געבאַקן מצות אין לאַגער שאַטערווערק נאָך דער ליקווידאַציע פון וואָלפסבערג.

אין שטוב ווו איך האָב געוווינט, האָט זיך עפּעס געטאָן. מען האָט דער־

פילט, אַז עפּעס געשעט אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע. וואָס און ווען, האָב איך נישט געקאָנט כאַפּן, נאָר געזען האָב איך, אַז דער קליינער קוועקזילבער־דיקער ר׳ בנימין איז דער נערוו פון דעם „עפּעס״, וואָס ווערט געגרייט בסוד סודות. איך האָב אים אָבסערווירט פון דער זייט און באַמערקט, אַז זיין שטענדיקע פּאַרהאַוועטקייט איז איצט געצוימט. ער לויפט אַלע מאָל צו זיין געלעגער און באַהאַלט דאָרט עפּעס. נאָכשפּירנדיק אים האָב איך באַמערקט, אַז ער פאַרשטענדיקט זיך אָפט, דורך אַ ווונק, מיט נאָך עטלעכע יידן, און יענער נעמען עפּעס גאָר גיך טאָן זאַכן, וואָס איך פאַרשטיי נישט זייער מיין.

ענדלעך בין איך אַרויף אויף די שפּורן פון דער געהיימער זאַך, וואָס עס האָט געגרייט ר׳ בנימין און זיינע שותפים. ס׳איז געווען ביי נאַכט. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפן און פּלוצלונג דערזען, ווי ר׳ בנימין שפּרינגט איילִיק און שטיל אַראָפּ פון זיין געלעגער און באַלד שפּרינגען אַראָפּ פון זייערע נאַרעס, פּונקט אַזוי איילִיק און שטיל, ווי ער, עטלעכע יידן. די סילועטן טרעפן זיך צוזאַמען אין חושך ביים אייוועלע, אין וועלכן עס טליִען שוואַכע פונקען. עפּעס פּאַרען זיי זיך זייער לאַנג ביים אייוועלע און לויט זייער באַוועגונג, האָב איך זיך געקענט משער זיין, אַז זיי קנעטן עפּעס. דערנאָך שטעלן זיי זיך אַלע אויס אַרום אייוועלע און לויט דעם אויפפלאַמענדיקן אָפּשיין אויף דעם סופּיט פאַרשטיי איך, אַז זיי האָבן געמאַכט פייער. זיי רעדן עפּעס צווישן זיך מיט אַ שטילן שעפּטש און שאָקלען זיך אין דער פינצטער.

— — — איך ליג אויף מיין געלעגער. מיין נייגעריקייט וואַקסט. דאָך ציטער איך און פלאַטער צוזאַמען מיט זיי. איך ווייס, אַז ווען עמעצער פון די בלאָק־עלטסטע, אָדער קאַפּאָס זאָל חלילה דאָס באַמערקן, וואָלט דער סוף פון דעם געהיימען חצות געווען זייער אַ טרויעריקער.

אין דער פרי איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן: די קאָנספּיראַטאָרן האָבן ביי נאַכט אָפּגעבאַקן עטלעכע מצות. עס איז געווען אַכט טעג פאַר פּסח.

אַז דער ענין איז צו ביסלעך באַקאַנט געוואָרן אין אונדזער בלאָק, זענען פאַרשידענע יידן געקומען צו לויפן צו ר׳ בנימינען.

— ס׳טייטש? און מיר וועלן טאַקע צו די סדרים קיין כזית מצה נישט קריגן? ווי טוט מען דאָס אַזוינס?

דעמאָלט איז ר׳ בנימין אַרויס מיט אַ פּלאַן, אַז מען זאָל גיין צום קיכן־שעף און ביי אים בעטן די פּאַרציע ברויט אויף אַכט טעג. נאָר נישט קיין ברויט זאָל מען בעטן, נאָר מעל און פון מעל וועט מען באַקן מצות.

אייניקע האָבן געצווייפלט.

— מער האָט „ער״ נישט אין זין, נאָר צו באַזאָרגן יידן מיט מצות אויף פּסח. מען האָט דעם צווייפלער שיר נישט דורס געווען.

— מיר וועלן דערקלערן אַ הונגער־שטרייק — האָבן אַנדערע געשריגן.

דער סוף איז געווען, אַז ר׳בנימין און ר׳ איטשע דיין זענען אַוועק צום קיכן־שעף מיט זייער בקשה. זיי האָבן אים טאַקע מכבד געווען מיט אַ מצה,

וואָס זיי האָבן ביי נאַכט געהאַט אויסגעבאַקן און דער אַלטער פּרעסער האָט זיך אַזש באַלעקט, אַזוי האָט אים די מצה געשמעקט. דאָס וואָלט אפשר נאָך נישט געהאָלפן, האָט ער אָבער דערזען אַ מעגלעכקייט נאָך מער צו באַגנבענען די יידן פון זייערע טעגלעכע פּאַרציעס און היות ער האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס עסק לוינט אים, האָט ער באַוויליקט אַרויסצוגעבן אויף אַכט טעג מעל אַנשטאָט ברויט. דערביי האָט ער אָבער אויסגענומען, אַז פאַר אים זאָלן די יידן באַקן עקסטראַ מצות און דערפאַר האָט ער צוגעזאָגט, אַז ווער עס וועט וועלן, וועט באַקומען טרוקענע, רויע קאַרטאָפל אַנשטאָט זופּ.

ר׳ בנימין און ר׳ איטשע האָבן געמאַכט אַ רשימה פון די מצות־עסער. אויף דער רשימה האָבן זיי באַקומען מעל און מען איז צוגעטראָטן צום באַקן.

עטלעכע טעג פאַר פּסח האָט אין אונדזער בלאָק געדרישעט, ווי אויף אַ קליינ־שטעטלדיקן מאַרק. מען האָט געכשרט כלים, מען האָט אויסגעגליט דעם אויוון, געריבן די טישן און צוגעגרייט, אַז אַלץ זאָל זיין כשר.

מיט דער גאַנצער אַרבעט האָט אָנגעפירט דער חוט־המשולש — ר׳ בנימין, ר׳ איטשע דיין און דער מלמד. ערב פּסח האָט מען „אַריינגעברענגט דעם יום־טוב אין שטוב אַריין" דורך וואַשן די דילן, די ווענט און אַפילו דעם סופיט. געאַרבעט האָבן אַלע, אַפילו די, וואָס האָבן זיך נישט פאַרשריבן אויף דער רשימה פון די מצות, ווייל יעדער האָט געוואָלט זיין ביים סדר.

אין אַ לאַנגער, שמאָלער שטוב מיט הילצערנע נאַרעס אין דריי שטאָק, ביי די ווענט, האָט זיך דער עולם אויסגעזעצט ביי די אימפּראָוויזירטע טישן אָן אַ טישטעך. די פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס און עמעצער שטייט אויף שמירה. די טיר איז צו „כל דיכפין" נישט געעפנט געוואָרן און קיין וויין האָט אין די כוסות נישט געפינקלט. אַ שוואַכער שיין פון אַ לעמפּל האָט קוים באַלויכטן דעם אויבן־אָן, ווו עס איז געזעסן ר׳ איטשע דיין, ר׳ בנימין און דער מלמד.

— — — אַנשטאָט אָנצוהויבן דאָס אָפּריכטן דעם סדר האָט ר׳ איטשע דיין זיך פאַרטראַכט און איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אין טיפן שטילשווייגן — — — ביז ער איז פּלוצלונג אַרויס מיט אַ געוויין:

— הא לחמא עניא!

און דער עולם אַרום די טישן און אויף די נאַרעס האָט מיטגעוויינט.

אָט אַזוי האָט מען וויינענדיק ביי יעדן פּסוק, אָפּגעזאָגט די הגדה.

היות קיין קניידלעך זענען נישט געווען, האָט ר׳ איטשע נאָך דער הגדה גענומען דערציילן דעם עולם מעשיות פון אַמאָליקע גוטע יידן. מען האָט זיך צו אים צוגעהערט מיט דעם גרעסטן אינטערעס און אַפילו די נישט־פרומע זענען געזעסן אויף זייערע נאַרעס און געהאָרכט מיט אָפענע אויגן. עס איז אויפגע־גאַנגען אַן אַמאָליקע פאַרשוווּנדענע וועלט, וואָס איז יעדן איינעם געווען אַזוי טייער און נאָענט, ווי דער אָנדענק נאָך אַ בר מינן, נאָך וועלכן מען איז נאָך נישט אויסגעזעסן קיין שבעה...

אָבער פלוצלונג האָט זיך די טיר אויפגעריסן און מיר האָבן זיך אַלע שטאַרק דערשראָקן. עס איז אָבער גאָר אַריינגעקומען נחומצע, וועלכער האָט געפּראַוועט אַ סדר מיט יידן אין אַן אַנדער שטוב. ער איז אַריין מיט רעש און ברען מיט נאָך עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אין דער אמתן געווען בגילופין, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיי האָבן קיין משקה חלילה נישט טועם געווען.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, ר׳ איטשע — האָט נחומצע אויסגעשריגן — אָט אַזוי פּראַוועט איר דעם סדר? און ווו איז עבודת השם מתוך שׂמחה? אַז מען האָט נישט קיין ארבע כוסות, קאָן אַ ייד נישט שיכור ווערן? אַז השי״ת האָט געהאָלפן און מיר פּראַווען סדרים אין לאַגער —

— טאַרידירי, טאַדירי, טאַרידירי, טאַדירי!

די יונגעלייט האָבן אונטערגעכאַפּט, און באַלד איז אין שטוב פול געוואָרן מיט התלהבותדיקן, חסידישן געזאַנג. מען האָט צערוקט די טישן און ס׳איז באַלד געוואָרן אַ ראָד, אַזוי אַז אַפילו ר׳ איטשע דיין האָט זיך געלאָזט נעמען אין ראָד אַריין און מיט צוגעמאַכטע אויגן איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט און זיך געוויגט, פלעסקענדיק מיט די שוואַכע אויסגעבלייכטע הענט — — — (ישׂראל טאַבאַקבלאַט: „עבדים היינו״, זכרונות פון קאָנצלאַגערן, פּאַריז 1949, ז״ז 166—170).

דער לעצטער סדר אין לאַגער וואַלדענבורג

אפרים בן יהודה, פון דער חסידישער חברה אין בענדין, דערציילט:

אינעם לעצטן פסח פון דער מלחמה בין איך געווען אין לאַגער וואַלדענבורג, נידערשלעזיע. עטלעכע טעג פאַר פסח האָבן מיר זיך צונויפגענומען אין אַ ווינקל און דיסקוטירט וואָס עס איז גלייכער, צי מקיים צו זיין די מצווה „את חג המצות תשמור״, אָדער די מצווה „ונשמרתם לנפשותיכם״? דאָס איז פאַר אונדז געווען איינע פון די שווערסטע פראַגעס.

מיר האָבן זיך צעטיילט אין אונדזערע מיינונגען. דער הויפּט פון אונדזער גרופּע, יהושע אָרטמאַן פון כזשאַנאָווער געטאָ, האָט צו אונדז געזאָגט:

— איר אַלע זייט מחויב צו עסן על פּי דין חמץ, אָבער איך בין שטאַרקער פון אייך, מיר איז דערלויבט נישט צו עסן!

דעמאָלט האָט איינער פון אונדז אַריינגעוואָרפן די פראַגע:

— און די, וואָס וועלן אָננעמען דעם פסק־דין און זיי וועלן עסן חמץ אין פסח, ווי אַזוי וועלן זיי מאַכן קידוש פסח ביי נאַכט? זיי האָבן דאָך נישט קיין שום זאַך איבער וואָס צו מאַכן קידוש, נאָר איבער אַ שטיקל ברויט.

און עס איז נישט געווען לייכט אויסצוהערן דעם פסק־דין, אַז מען מעג, לויט דער הלכה, עסן חמץ אין פסח און מאַכן קידוש איבער אַ שטיקל ברויט,

יעדער איינער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט בעסער געווען נישט צו עסן קיין חמץ אין פסח, אָבער אַזוי איז געווען דער פסק־הלכה. (משה פראַגער: „אלה שלא נכנעו", בני־ברק 1963, ז' 155).

די סדר־נאַכט אין יאַנאָווער לאַגער

ערב פסח 1942 איז געווען אַ גרויסע שחיטה אין לאַגער.

צו דער סדר־נאַכט בין איך אַריין אין באַראַק און כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז היינט ביי נאַכט ריכט מען אָפּ דעם סדר — און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך האָב נישט קיין כזית מצה.

— — — די באַראַקן־אָרדנער לאָזן אונדז וויסן, אַז ס'זענען היינט אָנגעקומען עטלעכע הונדערט מענטשן און מען דאַרף זיי ערגעץ ווו איינאָרדענען.

די פרישע זוכן באַקאַנטשאַפטן צווישן די תושבים און עס דויערט קוים אַ פּאָר מינוט, איך האָב לעבן מיר אַ גאַנצע „אגודה"־גרופּע: דער אַלטער מאָד־לינער רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און איז מיר מבשׂר, אַז ער האָט אין תפילין־זאַק אַריינגעלייגט צוויי מצות און מיר וועלן קענען פּראַווען אַ סדר. מיין געלעגער און מיין שכנס, פּסח דער בעל־עגלה, מאַכן מיר תיכף פאַר אַ סדר־בעט. איינער פון אונדז הייבט אָן הלל מיט אַ ניגון און כאָטש מיר זענען געווען אַ קליין הייפעלע איז דער גאַנצער עולם מיט אַ מאָל מיטגעריסן געוואָרן און אַריין אין אַזאַ התלהבות, אַז מיר האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן ווו מיר זענען. יעדער איז פול מיט בטחון, אַז דער זעלבער בורא, וואָס האָט אונדז פון מצרים אַרויסגעהאָלפן, וועט אונדז פון דעם גיהנום אויך אַרויסראַטעווען. דער גאַנצער באַראַק איז געוואָרן ווי איין משפּחה... (ד. א. שרייבער: „די סדר־נאַכט" [אין יאַנאָווער לאַגער], „די יודישע וועלט" וויען, 23סטן מאַי 1947).

אַ סדר אין אַרבעטס־לאַגער

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פּסח אין יאָר 1943. מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט מידע און צעבראָכענע דערמאָנענדיק זיך דעם סדר פון אַמאָל.

— יידן לאָמיר אָפּריכטן דעם סדר. איצט איז דאָך די ערשטע סדר־נאַכט — האָט איינער אויסגערופן. — מיר וועלן שטעלן שומרים אויף דער וואַך און אָפּריכטן דעם סדר.

מען האָט געשטעלט שומרים ביי די טויערן פון דעם בלאָק פון קאָנצענ־טראַציע־לאַגער און מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן זען קומען אַ דייטשן אָפיציר, זאָלן זיי אונדז דאָס מודיע זיין און מיר וועלן צוריק אַרויף אויף די נאַרעס.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז מען וועט אָפּריכטן דעם סדר.
דער זאַל איז געוואָרן פול. אויף דעם טיש האָבן געברענט צוויי ליכט, אויך אַ כזית מצה איז געווען. עס איז אויך געשטאַנען אויפן טיש אַ בלעכענע שיסל מיט חרוסת און מרור האָט אויך נישט געפעלט.
מען הויבט אָן „עבדים היינו״. אַ ים פון טרערן. מען זאָגט הלל און מיר פאַר־ ענדיקן מיט „חד גדיא״. (אברהם ווייסבראָד: ״עיירה גוועת״, „מגילת סקאַלאַט״, יידיש, מינכען 1948, איבערגעדרוקט אין „אני מאמין״ פון מרדכי אליאב, ז׳ 188).

סדרים־נעכט אין אַ לאַגער אין פראַנקרייך און אין גרענאָבל

הערש פענסטער באַשרייבט ווי אַזוי יידן האָבן געפּראַוועט דעם סדר אין לאַגער אינעם דאָרף סען זשאָרזש ד׳אַראַק אין פראַנקרייך.
מען האָט באַשלאָסן צו פּראַוועט דעם סדר אין גרויסן שייער. נישט האָבנדיק קיין טיש, האָט מען אַוועקגעשטעלט אין דער מיט שייער אַ קעסטל, וואָס עמעצער האָט געפונען, באַדעקט עס מיט אַ ווייס פּאַפּיר און אַרויפגעלייגט דריי מצות, וואָס אַ חבר האָט באַקומען פון ערגעץ אין דרום־פראַנקרייך. אַנשטאָט אַ בענקל האָט מען אַוועקגעשטעלט ביים „טיש״, אַ קלעצל.
נאָך מנחה און מעריב האָט משה וואַלמאַן, וואָס האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, און וואָס מען האָט אים מיט אַ גרופּע געוועזענע יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי געשיקט אַהער אין לאַגער — זיך אַוועקגעזעצט אויפן קלעצל ביים „טיש״, באַלויכטן מיט אַ ליכטל, און גענומען זאָגן די „הגדה״.
ער האָט געזאָגט די „הגדה״ מיט אַן ערנסטער, רירנדיקער שטימע, און מיט אַ מאָל הויך און פייערלעך: „והיא שעמדה לאבותינו ולנו. שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם.״ — — —
ווען משה וואַלמאַן, (ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם), האָט געענדיקט דעם ערשטן טייל „הגדה״, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אַ פּאָר ווער־ טער מעניני דיומא. גערעדט וועגן אונדזער פרייהייט־יום־טוב, וועגן חג החרות וחג אביב, זייער באַטייט היינט און אַלע מאָל.
מיר דאַרפן נישט וויינען, נישט קלאָגן. מיר דאַרפן זיין שטאַלץ, גלייבן, אַז רשעות וועט ווערן אָפּגעמעקט פון דער ערד, און פרייהייט און ליכט וועלן אויפשיינען.
אַ טייל יידן האָבן זיך דאַן צעוויינט. דער עיקר דעמאָלט, ווען איך האָב דער־ מאָנט אין אונדזערע ליבע, פון וועלכע מען האָט אונדז אַוועקגעריסן.
דער קדוש בערל ראַגאָווי פון בעלגיע, וואָס איז געווען בטבע אַ פריילעכער

און שטענדיק געפונען פאַר איטלעכער סיטואַציע אַ פּאַסיק וואָרט, איז אַרומגעגאַנגען איבערן שייער און געטיילט איטלעכן ייד אַ כזית, פון די דריי מצות, לזכר יציאת מצרים...

מען האָט געזאָגט דעם „שפוך המתך״, אויסגעגאָסן דעם צאָרן קעגן די, וואָס האָבן יעקבן פאַרצערט און פאַרלענדט זיינע היימען, און מיט התלהבות געזאָגט „הלל״.

אַן אומפאַרגעסלעכער סדר.

*

אַ יאָר שפּעטער, תש״ג, האָב איך איבערגעלעבט אַן אַנדערן סדר. דער דאָזיקער סדר איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט גרענאָבל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער איטאַליעניִשער זאָנע, וווהין יידן, געטריבן פון געפּלאָגטע, האָבן זיך גערינען, וועלנדיק אַנטלויפן פון דער חיה־רעה, וואָס האָט געלויערט איבער זיי. זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, בכדי זיך צו דערשלאָגן צו יענע מקומות, ווו זיי האָבן געהאָפט צו זיין זיכערער.

איך האָב געוווינט אין אַ האָטעל מחוץ דער שטאָט. דאָרט האָט אויך געוווינט דער מאָלער, דער קדוש יעקב מאַנטשניק מיט זיין פרוי סאָניאַ.

ערב פסח פאַר נאַכט זענען מיר געגאַנגען פון אונדזער האָטעל קיין גרענאָבל צום סדר, וואָס ס׳האָט אָרגאַניזירט די יידישע יוגנט. אַז מיר האָבן געעפנט די טיר, האָבן מיר דערזען אַ העל־באַלויכטענעם זאַל, ווו ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען דער סדר, מיט ווייס־באַדעקטע טישן און אַ יום־טובדיקן עולם יידן, וואָס האָבן, ווי מיר, געבענקט צו זיין היינט מיט יידן, ביי אַ יידישן יום־טוב.

די עדה האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן. יונגע יידישע בחורים און מיידלעך, מיט יום־טובדיקע פּנימער, האָבן זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן דעם סדר. אויסגעשטעלט פלעשער מיט וויין און כוסות אויף די ווייסע טישן, אַוועקגעלייגט טעלער, גאָפּל־מעסער און מצות.

מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די שורות ווייס־באַדעקטע טישן, גרייט צו הערן די דערציילונג וועגן דעם גרויסן נס, וואָס האָט געטראָפן אונדזערע אבות אַ מאָל.

אויך היינט געפינען זיך די בני־ישראל אין אַ מוראדיקן קלעם. אויך היינט, פּונקט ווי אַ מאָל, דאַרפן זיי אַ נס, אַ גרויסן נס. אַז דער נס וועט קומען, איז מען זיכער. ווער עס וועט זוכה זיין, וועט דערציילן פון דעם די קינדער און קינדערס קינדער. דורות יידן וועלן רעדן וועגן דעם און אַ הייליקער ציטער וועט זיי אַדורך פאַר אונדזערע היינטיקע פּיין.

קיין סך הגדות איז נישט געווען — האָט מען זיך צוגעהערט צום „זאָגן״ פון אַ טיש, ביי וועלכן עס זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, עלטערע און יינגערע, צווישן זיי אַ טונקל־הויטיקער יונגער מענטש, מיט פעך־שוואַרצע האָר און שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן. דער אויסדרוק אויף זיין פּנים איז געווען ערנסט, אַנטשלאָסן און פייערלעך.

מיין טיש־שכן, מיין פריינד יעקב מאַנטשניק, האָט מיר שטיל איינגערוימט אין אויער, אַז דער דאָזיקער טונקל־־הויטיקער יונגערמאַן מיטן ערנסטן פּנים, איז דער יונגער רב קאפּעל, (איצט פּרעזידענט פון הפּועל המזרחי אין פראַנקרייך, וויצע־קאָנסול פון ישׂראל אין פּאַריז און מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס). ער איז אַקטיוו אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער האָט זיך דאָ אַהער באַקומען. מען זוכט אים. בכדי מען זאָל אים נישט אַזוי לייכט דער־קענען — האָט ער זיך אַראָפּגענומען זיין באָרד.

און ווידער הערן זיך הויך די ווערטער: „והיא שעמדה לאבותנו ולנו. שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו"... ווערטער, וואָס זענען היינט אַקטועל... זיי ווערן אַרויסגעזאָגט מיט ערנסטקייט און פילן אויס דעם חלל.

ווען מען האָט געענדיקט דעם ערשטן טייל „הגדה" — האָט די יוגנט זיך גענומען צו טראָגן צו די טישן באַשיידענע מאכלים, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַרן עולם.

פנחס רויטמאַן האָט דערנאָך גענומען זאָגן דעם צווייטן טייל „הגדה". דער יונגער רב־ווידערשטענדלער, קאַפּעל, האָט פון צייט צו צייט געגעבן פּירושים, דערציילט וועגן כלערליי פּסח־מנהגים.

געענדיקט די „הגדה", האָט דער עולם זיך גענומען זינגען היימישע ניגונים: חלוצישע געזאַנגען, לידער פון נייעם ארץ־ישׂראל.

מען האָט געהאַט ווי פאַרגעסן אין דער סכנהדיקער צייט. און פּלוצלונג איז דאָס געזאַנג מיט אַ מאָל געוואָרן איבערגעריסן: אין זאָל האָבן זיך דערטראָגן פון ערגעץ־ווו שטימען, אומהיימלעכע שטימען. מ'האָט נישט געוווּסט פון וואַנען זיי קומען, די שטימען, פון הויז גופא, ווו דער סדר קומט פאָר, צי פון דרויסן.

מען איז געגאַנגען אין גאַס „געבן אַ קוק".

דער עולם איז געבליבן שטיין מיט אַ פרעגנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים. גע־קוקט איינער אויפן אַנדערן. איינציקווייז און שטיל איז מען אַרויס אין גאַס.

(הערש פענסטער: „סדרים־נעכט אין די חורבן־יאָרן", „אונזער וועג", פּאַריז, 13טן אַפּריל 1949, ז' 3).

פּסח אין לאַנדסבערגער קאַצעט

דעם 24סטן אָקטאָבער 1944 זענען מיר, אַ גרופּע פון 1.200 יידן, עוואַקויִרט געוואָרן פון אוישוויץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. נאָך דריי טעג פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין קאַיפערינג און גלייך פון באַנהאָף צוריקגעפירט געוואָרן צו דעם נאָענטן לאַגער נומער 3. דאָרט זענען מיר אין דעם זעלבן טאָג צעטיילט געוואָרן אין גרופּעס און צעשיקט געוואָרן אין די אַרומיקע לאַגערן.

זאב גאַרפינקעל דערציילט, אַז זיין גרופּע, אַן ערך פון אַ 300 יידן זענען צוגעטיילט געוואָרן צום לאַגער לאַנדסבערג. ער שילדערט ווי מען האָט גלייך

פאַר טאָג געמאַכט דעם אַפּעל, די יידן זענען געשטאַנען ווי לעבעדיקע מתים אָנגעטאָן אין פּאַפּירענע זעק, מען האָט געאַרבעט אַ 12 שעה אַ טאָג. עס זענען אָנגעקומען אַ פּאָר טויזנט יידן גלייך פון לאָדזש מיט די לעצטע טראַנספּאָרטן אין יאָר 1944.

אין יאָר 1945 האָט מען אָנגעהויבן צו פילן, אַז די דייטשן ווייסן שוין, אַז זיי פאַרלירן די מלחמה. די אָפטע לופט־אַלאַרמען האָבן זיי געהאַלטן אין שרעק. זיי האָבן אונדז דריי וואָכן נישט אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט, כלומרשט — ווייל די יידן פאַרשפּרייטן קראַנקייטן, אָבער מיר האָבן געוווסט, אַז זיי טאָן דאָס, ווייל זיי האָבן מורא פאַר די לופט־אַטאַקעס.

פורים האָט מען געקראָגן פּעקלעך שפּייז פון רויטן קרייץ און די פרומע יידן האָבן געלייענט די מגילה, הרב סניעג האָט געלייענט די מגילה פון חומש.

ערב פּסח נאָך מיטאָג האָבן מיר געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען צום סדר. פון וואַנען מען האָט געקראָגן מצות, איז מיר אומבאַקאַנט געווען. פון צעברענטן צוקער מיט וואַסער האָט מען געמאַכט ווײַן אויף אַרבע כוסות.

ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט איז אַנטשטאַנען די פראַגע: ווו נעמט מען א הגדה? מיר זענען געלאָפן פון איין באַראַק צו צווייטן, ביז מיר האָבן געפונען אַן אַלטן ייד, וואָס האָט געהאַט אַ סידור, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די הגדה. נישט אַזוי לייכט האָט דער ייד דעם סידור אויסגעבאָרגט. ער האָט פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל פון צען אויסגעקאָכטע קאַרטאָפל, וואָס דאָס איז געווען אין אונדזערע באַדינגונגען אַ זייער טייערער פּרייז. מיר זענען מושווה געוואָרן אויף זעקס געקאָכטע קאַרטאָפל.

פאַרן זעצן זיך צום סדר האָבן מיר אויסגעפּועלט ביים קאַפּאָ, אַז ער זאָל אויסלעשן דאָס עלעקטרישע ליכט ערשט 12 אַ זייגער ביי נאַכט, אַנשטאָט 9, ווי דאָס איז געווען אין אַלע אָוונטן.

נאָכן באַוויזן זיך פון די ערשטע שטערן, האָבן מיר אָפּגעדאַוונט דאָס יום־טובדיקע דאַוונען און זיך געזעצט צום סדר. אונדזער געדעקטער טיש, די שניי־ווייסע מצות, האָבן אַרויסגערופן אַן איבערראַשונג ביי אַלע „איינוווינער" פון באַראַק.

ביים קידוש מאַכן האָבן טרערן געשטיקט. דער „הא לחמא עניא" איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ צעבראָכענער שטים, אָבער ווען מיר האָבן געהאַלטן ביי „השתא עבדי", איז געשען עפּעס אויסגעוויינלעכס: אַ בלאַסער יונגערמאַן האָט אויסגע־שריגן מיטן גאַנצן כוח וואָס עס האָט נאָר פאַרמאָגט אַ קאַצעט־מענטש: „שאַ". אַלע פּנימער האָבן זיך געווענדט אין זיין ריכטונג, ער האָט שוין נישט געשריגן, נאָר געזאָגט מיט אַ באַסאָווער שטים: „מיר קענען שוין מער נישט וואַרטן, דער „לשנה הבאה", מוז אויסגעבעסערט ווערן אויף „בשנה זו בני חורין"...

מיר האָבן ווייטער געזאָגט די הגדה און די ווערטער פון דעם בלאַסן יונגנמאַן האָבן געוועקט האָפענונגען.

נאָכן אָפּריכטן דעם סדר האָבן מיר געזוכט דעם יונגנמאַן. מיר האָבן אים

געוואָלט פאַרבעטן צו דער סעודה, אָבער ער איז שוין נישט געווען. מיר האָבן אים נישט געקאָנט געפינען...

עטלעכע יידן האָבן זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט עסן קיין חמץ אין משך פון גאַנץ פּסח.

באַלד נאָך פּסח איז געוואָרן אַ צערודערונג ביי די דייטשן. מען האָט אָנגע־הויבן צו ליקווידירן די אַרומיקע לאַגערן. איך מיט מיינע ברידער זענען געבליבן אין לאַגער נומער איינס.

פּרייטיק דעם 27סטן אַפּריל 1945 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

און מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דעם בלאָסן יונגערמאַן, וואָס האָט אין דער סדר־נאַכט אויסגעשריגן: „בשנה זו בני חורין"... (זאב גאַרפינקעל: „פּסח אין לאַנדסבערגער קאַצעט", לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג", 15טן אַפּריל 1946).

דער סדר אין אַרבעטס־לאַגער אין לייפּציק

מיר האָבן אָפּגעריכט דעם סדר אין אַרבעטס־לאַגער אין לייפּציק אין יאָר 1944.

איך האָב אויסגעוואַשן מיין העמד אין וואַנע־צימער ביי נאַכט נאָך 12 שעה אַרבעט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. איך בין אויפגעציטערט געוואָרן... אָבער צו מיין פרייד איז אַריינגעקומען די חברטע כ. אַ טאָכטער פון אַ למדנישער מיוחסדיקער משפחה פון קראָקע. זי האָט פאַרלוירן איר גאַנצע משפחה און דער גורל האָט זי פאַרשלעפּט אַהער צוזאַמען מיט אירע צוויי טעכטער. די יונגע מיידלעך געדענקען נאָך אָפּצוהיטן די יידישע יום־טובים.

שטילערהייט האָט זי מיר געזאָגט:

— זיי וויסן, אַז מאָרגן פאַלט אויס די ערשטע סדר־נאַכט. צוויי דריטל איז שוין צוגעגרייט געוואָרן צו אַ כשרן סדר, נאָר איין דריטל פעלט — מצות...

— זענען פאַראַן אויסזיכטן צו קריגן מצות?

— ניין, מיר האָבן נישט. אָבער מיר האָבן גערעדט מיט עטלעכע חברות און זיי האָבן צוגעזאָגט צו באַהאַלטן די קאַרטאָפל, וואָס מיר קריגן צום מיטאָג. איין חברטע האָט צוגעזאָגט צוצונעמען די בוראַקעס — פון דעם באָרשט, וואָס זי קאָכט פאַר די אַרבעטער פון ביוראָ, ואם ירצה השם, וועלן מיר האָבן אַ כשרן סדר.

אין דער סדר־נאַכט האָבן מיר, אַ צענדליק יידישע טעכטער, צונויפגענומען זיך אין וואַשצימער און מיר האָבן דאָרט אָפּגעריכט אַ סדר, אָן מצות — פאַר־שטייט זיך, אָבער מיר האָבן געזאָגט די הגדה.

די טראַדיציאָנעלע פיר כוסות האָבן מיר אָנגעפילט ביי דעם סדר מיט טרערן, וואָס זענען גערונען פון אונדזערע אויגן. (רחל לערנער (קובל־גרפל): „ספר יזכור לינסק, איסטריק, בליגוד ליטובסק והסביבה", תל־אביב 1965, ז"ז 344—345).

דער דייטשער „מוזיי פון יידישן פאָלקלאָר"

די דייטשן פון דריטן רייך זענען געווען אַזוי זיכער, אַז זיי וועלן, חס וחלילה, אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אַז זיי האָבן צוגעגרייט אַ „מוזיי פון יידישן פאָלקלאָר", וואָס זאָל פאַרשטעלן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די „געהיימע יידישע ראַסע", וואָס דאָס „הערן־פאָלק" האָט אָפּגעווישט פונעם פנים פון דער ערד...

דעם „יידישן מוזיי" האָבן די דייטשן צוגעגרייט אין יידישן קוואַרטאַל אין פּראַג (טשעכאָסלאָוואַקיע) אין דער באַרימטער „אַלט־ניי־שול", אַקעגן איבער דעם באַוווסטן מאָנומענט „דער מהר"ל".

אין אָט דעם מוזיי „צום אָנדענק פון דעם יידישן שבט", וואָס איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, האָבן זיי געלאָזט מאַכן פון וואַקס־ליאַלקעס יידישע פיגורן, וואָס שטעלן פאָר ווי יידן ריכטן אָפּ דעם סדר.

פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע סטאַטועס, ווו מען זעט זיצן אויבן אָן אַ ייד, דער הויפּט פון דער משפחה, אָנגעטאָן אין אַ קיטל, אַ ווייסע רונדיקע יאַר־מלקע אויפן קאָפּ. די יאַרמלקע איז אַרומגעזוימט מיט אַ גאָלדענע טאַשמע, אַזוי ווי יידן פלעגן אַ מאָל טראָגן ביים סדר און יום־כיפור אין שול. דער ייד זיצט מעשה מלך, ביי זיין רעכטער האַנט זיצט זיין פרוי, די עקרת הבית, אַן אמת יידישע באָבע. זי איז אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים. אויפן קאָפּ אַ קופּקע. אַרום זיי — זייער בני בית, אַ זון און אַ טאָכטער, אָדער דעם זונס כלה. אויפן טיש — לייכטער מיט ליכט, כוסות און דער „אליהו הנביא כוס", אַ קערה־שיסל, דערנעבן אַ מצה־טאַש מיט עטלעכע מצות.

אַז איר קוקט אויפן בילד, דוכט זיך אייך אויס, אַז דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן, וואָס גרייטן זיך אָפּצוריכטן אַ סדר, אָבער אין דער אמתן זענען די אַלע מענטשן „וואַקסענע פיגורן", וואָס די דייטשן האָבן געצוווּנגען, ווער ווייסט וועלכן ייד, ער זאָל דאָס פאַר זיי מאַכן, כדי די דייטשן זאָלן קאָנען זען, ווי די „פאַר־שאָלטענע ראַסע", די יידן האָבן אָפּגעריכט אַ סדר.

זיי, די דייטשן, זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אַז עס וועט פון זיי קיין שׂריד ופליט נישט בלייבן. האָבן זיי געוואָלט, אַז די דייטשן זאָלן זען די יידישע ליאַלקעס — די וואַקסענע פיגורן, ווי אַזוי יידן האָבן געפּראַוועט אַ סדר...

און סימבאָליש איז אַ צווייט בילד: „אַ סדר אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טערעזיענשטאַט".

די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז טעריעזיענשטאַט איז אַ מוסטער פון יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. זיי האָבן מכלומרשט דאָרט געלאָזט די יידן אַליין פאַרוואַלטן און לעבן פריי. אָבער אין דער אמתן האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט טויזנטער און טויזנטער יידן, פרויען און קינדער, פון טערעזיענשטאַט קיין אוישוויץ און אין אַנדערע טויטלאַגערן, אָדער זיי געצוווּנגען אויסצוגיין פאַר הונגער אין טערעזי־יענשטאַט גופא.

האָבן מיר אַ בילד, ווי יידן זיצן ביים סדר. אויפן טיש: אַ סדר־קערה, מיט זרוע, ביצה, מרור, כרפס און חרוסת.

אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַלץ בלויז געמאָלן אויף פּאַפּיר. עכט איז בלויז דאָס פּאַפּיר אַליין... אַ יידישער מאָלער האָט אויף פּאַפּיר אויסגעמאָלן אַ קערה־שיסל און די אַלע מינים וואָס דאַרפן ליגן אויפן קערה־שיסל. דער יידישער מאָלער האָט מיט אַ העקטאָגראַף־מאַשין געמאַכט עטלעכע קאָפּיעס, כדי אויסצוצירן דעם יידיקן טיש ביים סדר...

אויך איז פאַראַן אַ בילד, וואָס אַ מיידעלע אין טערעזיענשטאַט, חוה מייטנער, האָט געמאָלן, ווי אַזוי יידן פּראַווען אַ סדר. דאָס בילד פאַרמאָגט די גאַנצע נאַיווי־טעט פון אַ קליין יידיש מיידעלע, ווי זי שטעלט זיך פאָר אין איר קינדערישער פאַנטאַזיע ווי אַזוי יידן ריכטן אָפּ דעם סדר.

די יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פראַנקרייך האָבן נישט געהאַט קיין הגדה, האָט אַ ייד געשריבן די הגדה מיט דער האַנט און עס איז פאַרבליבן אַן אָנהייב פון דער געשריבענער הגדה.

און אין די קאָנצענטראַציע־ און טויט־לאַגערן, ווו יידן האָבן נישט געהאַט קיין מצות אויף פסח און זיי זענען געווען געצוווּנגען צו עסן חמץ, האָבן יידן געשריבן אַ „יהי רצון״, וואָס יעדער ייד זאָל זאָגן, אויב ער מוז עסן חמץ אין פסח. אָט איז דער נוסח פון דעם געשריבענעם „יהי רצון״.


לפני אכילת חמץ יאמר בכוונת הלב:
אבינו שבשמים הנה גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות
רצונך ולחוג את חג הפסח באכילת מצה ובשמירת איסור
חמץ. אך על זאת דאבה לבנו שהשעבוד מעכב אותנו
ואנחנו נמצאים בסכנת נפשות. הננו מוכנים ומזומנים
לקיים מצותך וחי בהם ולא שימות בהם ולהזהר מאזהרת
השמר לך ושמור נפשך מאד. על כן תפלתנו לך
שתחיינו ותקימנו ותגאלנו במהרה לשמור חקיך
ולעשות רצונך ולעבדך בלבב שלם. אמן.

„יהי רצון״ מיוחד שנכתב במחנות־ההשמדה הנאציים,
בשביל אנשי־ישראל שנאלצו לאכול חמץ בפסח

„לפני אכילת חמץ יאמר בכוונת הלב: אבינו שבשמים הנה גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך ולחג את חג הפסח באכילת מצה ובשמירת איסור חמץ. אך על זאת דאבה לבנו שהשעבוד מעכב אותנו ואנחנו נמצאים בסכנת נפשות. הננו מוכנים ומזומנים לקיים מצותך וחי בהם ולא שימות בהם ולזהר מאזהרתך השמר לך ושמור נפשך מאוד. על כן תפילתנו לך שתחיינו ותקיימנו ותגאלנו במהרה לשמור חוקיך ולעשות רצונך ולעבדך בלבב שלם, אמן״.

אין דער יידישער איבערזעצונג:

„פאַרן עסן חמץ זאָל ער זאָגן מיט האַרציקער כוונה: פאָטער אין הימל, עס איז דאָך פאַר דיר גלוי וידוע, אַז אונדזער רצון איז צו טאָן דיין רצון און מיר זאָלן פייערן דעם יום־טוב פסח מיט עסן מצה און זיין אָפּגעהיטן פון עסן חמץ. אָבער אויף דעם טרויערט אונדזער האַרץ, וואָס די פאַרשקלאַפונג דערלויבט אונדז דאָס נישט און מיר געפינען זיך אין סכנות נפשות. מיר זענען מוכן ומזומן מקיים צו זיין דיינע מצוות און מיר זאָלן לעבן אין זיי און נישט מיר זאָלן שטאַרבן פון זיי און זיין אָפּגעהיטן פון דיין אָנזאָג: השמר לך ושמור את נפשך מאוד. דעריבער איז אונדזער תפילה צו דיר: דו זאָלסט אונדז לאָזן לעבן און עקזיסטירן און מיר זאָלן שנעל אויסגעלייזט ווערן צו היטן דיינע געזעצן און צו טאָן אַזוי ווי דיין ווילן איז און דיך דינען מיטן גאַנצן האַרצן, אמן״. (פאָטאָסטאַט געדרוקט אין זשורנאַל „בית יעקב״, ירושלים תשכ״ג — 1953).

צוועלף הונדערט פאַרטיזאַנער
פראַוועווען אַ סדר אין וואַלד

דער פאַרטיזאַנער־העלד, טוביה בעלסקי, וואָס איז געווען קאָמאַנדיר איבער 1.200 יידישע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער אַרום פינסק, האָט אין אַ גבית עדות מיר איבערגעגעבן, ווי אַזוי די פאַרטיזאַנער האָבן געהאַט אין וואַלד אַן אייגענע מיל און זיי האָבן געבאַקן מצות אויף פסח, און זיי האָבן אָפּגעריכט דעם סדר.

אַ גרויסע צאָל פאַרטיזאַנער האָבן געהאַט סידורים און טליתים און זיי האָבן געדאַוונט יעדן שבת מיט אַ מנין.

איינער פון די פאַרטיזאַנער, ר׳ יהודה קאַנאָפּין, וועלכער איז געווען חזן־שוחט אין וואָראַנאָווע, ווילנער גובערניע, האָט אָרגאַניזירט דעם מנין אין אַ „זעמליאַנקע״, וואָס וואָלט געקאָנט אָנגערופן ווערן בית־המדרש. דאָס איז אפשר געווען דער איינציקער בית־המדרש, אָדער שול פון יידישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געקעמפט אין די וועלדער קעגן די נאַציס.

די פאַרטיזאַנער האָבן אויך געהאַט אַ קינדער־שול, וווּ מען האָט געלערנט מיט די קינדער לייענען, שרייבן און חשבון.

אַ סך פרומע פאַרטיזאַנער האָבן נישט געוואָלט עסן קיין טריפות, האָט

ר׳ יהודה קאַנאַפּין, וועלכער איז געווען דער שוחט אין וואַלד, זיי באַזאָרגט מיט כשר פלייש.

ביים סדר זענען געזעסן אַ צוועלף הונדערט פּאַרטיזאַנער, מענער, פרויען און קינדער און האָבן אָפּגעריכט דעם סדר, יעדע משפחה אין איר בונקער.

✶

משה בערקאָוויטש, וואָס איז אויך געווען אַ פּאַרטיזאַן אין טוביה בעלסקיס אָפּטייל, גיט איבער, אַז אין זיין מחנה איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ פּלטיאל, וועלכער איז געקומען אין אָפּטייל מיט זיין זון, אַכט יאָר אַלט, און מיט אַ מיידל, פערצן יאָר אַלט. אַלע דריי האָבן תמיד געזאָגט תהילים. משה בערקאָוויטש האָט איין מאָל געפרעגט פאַר וואָס זי זאָגט כסדר תהילים? האָט זי געענטפערט: „דער טאַטע, מיין ברודער און איך האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די נאַצישע נעגל. די מאַמע איז געבליבן ביי זיי אַלס משכון, מיר זאָלן צוריקקומען. דער סוף איז, אַז מיר זענען אַנטרונען געוואָרן און לעבן. און די מאַמע? ווער ווייסט? זאָגן מיר תהילים״...

ר׳ פּלטיאל האָט אויסגעפירט ערלעך יעדע אויפגאַבע, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט אים געגעבן, אָבער ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט אַ מינוט, איז ער געזעסן אונטער אַ בוים מיט זיין זון און טאָכטער פון געזאָגט תהילים.

און פּסח — גיט איבער טוביה בעלסקי — האָט ר׳ פּלטיאל אָפּגעריכט דעם סדר אין זיין זעמליאַנקע צוזאַמען מיט זיין זון און טאָכטער, מיט נאָך אַ פּאָר יידן, וואָס זענען געווען אין זיין בונקער.

יידישער פּאַרטיזאַן האָט דריי יאָר אָפּגעריכט דעם סדר

דער יידישער פּאַרטיזאַן ב. אָרענשטיין דערציילט ווי אַזוי ער האָט דריי יאָר פּסח אָפּגעריכט דעם סדר אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען און גרויסע סכנות.

די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אין ווינטער פון 1943 געמאַכט קאָלאָסאַלע פּאָר־שריט אויף אַלע שלאַכט־פעלדער. די דייטשע אַרמיי האָט זיך אין גרויס פּאַניק צוריקגעצויגן פון אַלע קאַמפּס־פּלעצער.

איך האָב דעמאָלט מיר אַ נדר געגעבן, אַז ביי וועלכע אומשטענדן עס זאָל נישט זיין, וועל איך פּסח 1943 אָפּריכטן דעם סדר.

איך בין דעמאָלט געווען אין לאַגער קאַרטשעוו, 4 קילאָמעטער הינטער אָטוואָצק און 32 קילאָמעטער פון וואַרשע.

אַ דאַנק דער מיטהילף פון מיין פרוי, וואָס איז געווען אין טשענסטאָכאָוו, בין איך אָנגעקומען אין דעם דאָרטיקן קליינעם געטאָ און צוגעטיילט געוואָרן צו

דער אַרבעט אין „האַסאַג פעלצערן״. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער דייטשער מייסטער, אַ צורר היהודים, ווילי ניציאַלעק, האָט מיך באַשטימט צו אַרבעטן ביי נאַכט די וואָך פון פסח.

פאַר נישט קומען צו דער אַרבעט האָט געדראָט צו באַקומען געשלאָגן מכות רצח, צו זיצן אין דער תפיסה (בונקער), שווער צו אַרבעטן און פאַרשריבן צו ווערן אויף אַ שוואַרצער ליסטע, דאָס הייסט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט־סעלעקציע צו זיין אַ קאַנדידאַט געשיקט צו ווערן אויף יענער וועלט.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָב איך באַשלאָסן צו האַלטן דעם סדר.

ערב־פסח בין איך אַוועק אין אַמבולאַטאָריע פון שפּיטאָל און סימולירט, אַז איך בין קראַנק און געבעטן אַ באַפרייונגס־שיין אויף די צוויי סדרים־נעכט.

אין אָוונט זענען די מענער און פרויען פון דער טאָגשיכט שוין געווען אין געטאָ.

דער חזן ישׂראל יוסף קוטנער האָט פאַרענדיקט דאָס מעריב־דאַוונען און דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַהיים אָפּריכטן דעם סדר.

ווען איך בין אַהיימגעקומען איז דער טיש שוין געווען געדעקט פּסחדיק, אַ הגדה איז געלעגן אויף דעם טיש, אויך אַ פלאַש וויין אויף ארבע כוסות, מצות, כריין, חרוסת און אייער. פאַר דעם האָט שוין מיין פרוי געזאָרגט, אַז אַלץ זאָל זיין ווי צום בעסטן און צום שענסטן. — דאָס זאָל לכל הפּחות אַ ביסל פאַרזיסן דאָס טראַגישע לעבן אין געטאָ.

איך האָב געמאַכט קידוש און געזאָגט די הגדה. אין אַ געוויסן מאָמענט איז מיין מוח געוואָרן ווי אַ פילם־טאַשמע און דורך מיין קאָפּ האָבן זיך דורכגעוועבט בילדער פון די פאַרגאַנגענע יאָרן: ווי פריידיק ס׳איז געפייערט געוואָרן דער „חג המצות״ — דער יום־טוב פון „זמן חרותנו״ ווי מיר, קינדער, זענען געזעסן ביים טאַטנס סדר.

ווי אַ חוזק קלינגט דער „זמן חרותנו״. נישט ווילנדיק הער איך אויף צו זאָגן די הגדה און מיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן. מיין פרוי קוקט מיך אָן. זי האָט נישט קיין ווערטער מיך צו טרייסטן.

אַ יאָר שפּעטער, פּסח 1944, און איך האָב שוין קיין נאָמען אויך נישט. איך הייס העפטלינג נומער 54. איך בין נאָך מער פאַרביטערט און פאַראייניזאַמט. מיין פרוי איז שוין פון די דייטשע מערדער אומגעבראַכט געוואָרן. איך געפין זיך אינעם פאַרמאַכטן „האַסאַג״־לאַגער פעלצערן, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן און באַוואַכט פון דעגענעראַטן מכל המינים.

איך געפין זיך אין באַראַק נומער 7, ליג אין אַ פּריטשע אויף אַ פּאַפּירענעם שטרוי־זאַק — — —

דער חזן ישׂראל יוסף קוטנער קומט צו צו מיר און בעט מיך איך זאָל צוגיין צו זיין פּריטשע, ער ריכט אָפּ אַ שטיקל סדר און ער האָט אויסקאָמבינירט אַ פּאָר מצות. ער שטופּט מיר אַ שטיקעלע מצה אין האַנט אַריין און ער זאָגט צו מיר: „מאַך אַ שהחיינו״...

אַ יאָר שפּעטער, פּסח 1945, צו די צרות און פּיין איז קיין גרענעץ נישטאָ. שוין דורכגעמאַכט בוכענוואַלד און איך בין איצט אין „דאָראַ״, און יעדעס מאָל ווערט ערגער און ערגער, ביטערער און ביטערער. דער פיינפולסטער געשפּענסט איז דאָס, וואָס דער קרעמאַטאָריום „אַרבעט״ אָן אויפהער.

די אַרבעט איז אין אַ טונעל, אונטער אַ הויכן באַרג, אָבער ווער אינטערעסירט זיך מיטן צויבער פון דער נאַטור?

איך ליג ווידער אויפן פּאַפּירענעם שטרויזאַק און מיין שכן, שמעון גאַסטינסקי פון טשענסטאָכאָוו, פרעגט מיך מיט בעטנדיקע בליקן: „זאָגט מיר, וועט דער גיהנום נאָך לאַנג דויערן? איך בעט אייך, זאָגט מיר כאָטש אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, איך קאָן דאָך דאָס שוין מער נישט אויסהאַלטן!״

דער חזן ישׂראל יוסף קוטנער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע צרות צוזאַמען מיט מיר, קאָן מיר איצט, פּסח 1945, נישט אָנבאַטן אַפילו אַ פּיצעלע מצה, ווי אין פאַריקן יאָר, און ער איז אַליין אָנגעוויזן צו הונגערן ביי די פּאָר ביסן חמץ, וואָס מען באַקומט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער חזן זאָגט צו מיר:

„פאַרליר נישט דעם בטחון! עס איז בפירוש געשריבן, אַז אַ שקלאַף איז מען זעקס יאָר און אויפן זיבעטן יאָר גייט מען אַרויס פריי. מיר זענען שוין אַ זעקס יאָר אונטער דער היטלעריסטישער מערדערישער מאַכט. בקרוב וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן און דעם קומענדיקן פּסח וועט מען ריכטיק פייערן דעם ״זמן חרותנו״!

ישׂראל יוסף קוטנערס נבואה איז פאַרווירקלעכט געוואָרן! (ב. אָרענשטיין: „פּסח אונטער דער הערשאַפט פון דער היטלעריסטישער טיראַניע״, דערינערונגען, „אונדזער וואָרט״, בראַמבערג, מערב־דייטשלאַנד, 12טן אַפּריל 1946).

סדר־נאַכט אין וואַלד

גיטל פּאָליאַקאָוו דערציילט ווי אַזוי דער שוחט קאָפּל פון דאַמבראָוויץ פלעגט יעדן טאָג דאַווענען מיט גרויס כוונה אונטער אַ בוים אין וואַלד.

ער האָט געהאַט הייליקע ספרים, וואָס מיר האָבן געפונען אין גויִשע הייזער. פון צייט צו צייט פלעגט ער גיין צו זיין פאָטערס קבר דאָ אין וואַלד. די סדר־נאַכט תש״ג (1943) האָט ער דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט אונדז אין וואַלד, אונטערן פרייען הימל. ר׳ אשר ביטשיק פון פּוזניע האָט פון אַ הויפן קאָרענע מעל, געבאַקן אויפן פייער אַ דין שטיקל טייג אַלס אָנדענק צו מצה, און ער, קאָפּל, האָט פאַר אונדז געלייענט די גאַנצע הגדה. יענע שעה איז געפאַלן אַ ווייכער שניי און מיר זענען געזעסן פאַרוויקלט די פיס מיט שמאַטעס, און אונדזערע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן צו דער געשיכטע פון יציאת מצרים. ((גיטל פּאָליאַקאָוו: „אין פאַרניכטונג און פּיין״, „עיירתנו ויסוצק״, הוצאת יוצאי ויסוצק בישׂראל, ישׂראל, 1963, ז׳ 147).

דער לעצטער פסח אין לאַגער

וואָלף גאַרפינקעל, איינער פון די שארית הפליטה, האָט איבערגעגעבן אין זיין גבית עדות, ווי אַזוי די גרופּע יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן אינעם לאַגער, האָבן געמוזט ביי דער אַרבעט זיך באַזאָרגן מיט עסן.

צו פסח האָבן די רעליגיעזע יידן זיך באַזאָרגט מעל אויף מצות. מען האָט געבאַקן מצות און פאַרטיילט אייניקע מצהלעך פאַר יעדן. אַ חוץ דעם, האָט מען שוין מיט עטלעכע טעג פריִער געזאַמלט קאַרטאָפל.

פסח 1945 האָבן די רעליגיעזע יידן זיך פאַרזאַמלט אין איין באַראַק און מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר מיט דער האָפענונג צו ווערן אין גיכן בני־חורין.

באַלד נאָך פסח האָט מען אָנגעהויבן דעם לאַגער צו עוואַקויִרן צום הויפּט־לאַגער דאַכאַו. די דייטשן האָבן געהאַט אַ פּלאַן אַרויסצופירן די געזונטע, און די קראַנקע — פאַרניכטן אויפן אָרט צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַגער. אָבער דער שנעלער פאָרויסמאַרש פון די אַליִירטע האָט צעשטערט זייער טייוולאָנישן פּלאַן. דעם 27סטן אַפּריל גאַנץ פרי האָבן מיר אויפגעוואַכט פון געריוש פון די אַמע־ריקאַנער טאַנקען. די זיגרייכע אַמעריקאַנער אַרמיי האָט אונדז באַפרייט. (גבית עדות פון וואָלף גאַרפינקעל פון טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצקי) — אויפגענומען פון ישׂראל באָרשטיין, געפינט זיך אין ייוואָ־אַרכיוו, אין ניו־יאָרק).

ל״ג בעומר, שבועות,
הערצל- און ביאַליק-יאָרצייטן

ל״ג בעומר אין אַ סאָוועטישער תפיסה

אין יאָר 1939, ווען די היטלעריסטישע כנופיות מיט דער הילף פון זייערע פוילישע חברים האָבן זיך געלאָזט בושעווען איבערן פוילישן יידנטום, האָבן מיר, אַ גרופּע חברים פון „השומר הדתי״, באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן בלייבן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, פון וואַנען עס איז אוממעגלעך געווען ווייטער פאָרצוזעצן אונדזער וועג.

אין אוקראַינע, אין זשיטאָמיר, אין אַ זייט פון שטאָט, אָפּגעזונדערט פון אָרטיקן לעבן, האָט זיך געפונען אַ דריישטאָקיק הויז, אַרומגעצאַרטלט מיט אַ הויכן געמויערטן צוים. אַרום דער מויער זענען טאָג און נאַכט געשטאַנען שומרים און געהיטן, אַז די מענטשן, וואָס געפינען זיך אינעם געמויערטן בנין, זאָל, חלילה, קיין בייז אויג נישט שאַטן.

דאָס איז געווען אַ תפיסה. אויך מיר, די חברים פון „השומר הדתי״, האָבן זיך געפונען אין אָט דעם בנין.

געווען איז עס אין יאָר 1940. מיר, די חברים פון „השומר הדתי״, האָבן געשטרעבט זיך צו האַלטן צוזאַמען און געשטאַרקט אונדזער אמונה, אונדזער האָפענונג, אַז די גאולה מוז און וועט קומען.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע צו טרייסטן די פאַרצווייפלטע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט אונדז אין תפיסה-קאַמער. אין דער צייט האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז ר׳ שמואל נחום עמער ז״ל, אַ ייד פון אַ יאָר 42, וואָס האָט געשטאַמט פון ריישע (זשעשאָוו, מערב-גאַליציע), אַ גרויסער למדן מיט אַ שאַרפן זכרון, אַ ירא-שמים, וואָס איז געווען אָפּגעהיט אין שווערן תפיסה-לעבן אַפילו פון בישול עכו״ם (עסן וואָס אַ גוי האָט געקאָכט), געווען גרייט אויף מסירת נפש פאַר יידישקייט, געווען דורכגעדרונגען אין די שווערסטע מאָמענטן מיט טיפן גלויבן אין דער יידישער גאולה.

ר׳ שמואל נחום עמער איז געווען אַ חסיד פון קאָלאָשיצער רבין (ר׳ חנה האַלבערשטאַם, ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם). ער איז געווען איינער פון די גרויסע קנאים, וואָס האָבן פיינט געהאַט בתכלית השׂנאה ציוניזם בכלל און מזרחי בפרט. ער, ר׳ שמואל נחום, האָט אויף זיך גענומען צו זיין אונדזער גייסטיקער שפּייזער, אונדזער מדריך אין דער צייט פון אונדזער תפיסה-לעבן.

יעדן טאָג האָט ר׳ שמואל נחום געלערנט מיט אונדזערע חברים אַ פּרק משניות. געלערנט האָט ער מיט אונדז פון זכרון, ווייל קיין משניות האָבן מיר דאָרטן נישט געהאַט. ר׳ שמואל נחום האָט אויך איינגעאָרדנט, אַז מיר זאָלן יעדן טאָג דאַווענען בציבור שחרית, מנחה און מעריב.

אַזוי איז אונדזער תפיסה-קאַמער, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ 100

יידן, אַנטלאָפֿענע פון היטלער־גיהנום, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־מדרש.

ר׳ שמואל נחום איז אָבער נישט געווען צופרידן בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט מיט די חברים אונדזערע געלערנט און געדאַוונט בציבור. ער פֿלעגט אַרומגיין מיט גרויס פֿאַרביטערונג, צוזעענדיק, אַז דער מענטשלעכער זכרון אין תּפֿיסה־לעבן ווערט פון טאָג צו טאָג שוואַכער און עס קען חלילה פֿאַרגעסן ווערן פֿונעם ביסל לעבן־געבליבענע יידן דאָס יידישע אות, די יידישע תּפֿילה, אין וועלכער דער ייד גיסט אויס אין די שווערסטע מאָמענטן זיין צעוויטיקט האַרץ.

ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון ל״ג־בעומר, האָט ר׳ שמואל נחום צונויפֿגערופֿן די חברים פון „השומר הדתי״ אין אַ ווינקל פון תּפֿיסה־קאַמער, אויסגעגאָסן פֿאַר אונדז זיין פֿאַרביטערט האַרץ און אונדז מודיע געווען, אַז ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן סידורים, וועלכע מיר וועלן פֿירן מיט זיך, אָפּהיטן זיי אויף אַלע שווערע וועגן אין די סיבירער טייגעס. ער האָט געוואָלט, אַז די יידישע תּפֿילה זאָל, חלילה, נישט פֿאַרגעסן ווערן פון די, וואָס וועלן האָבן דעם זכות צו בלייבן לעבן נאָך דעם שרעקלעכן יידישן חורבן.

ר׳ שמואל נחום האָט אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו שאַפֿן פּאַפּיר פֿאַר די סידורים. היות די קראַנקן־שוועסטער, וואָס פֿלעגט יעדן טאָג קומען אין תּפֿיסה־קאַמער, האָט זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו ר׳ שמואל נחומען, רופֿנדיק אים „יעווריעיסקי פּאָפּ״ (יידישער גייסטלעכער, זי איז געווען אַ יידישע), האָט ר׳ שמואל נחום געבעטן ביי איר יעדן טאָג אַ פּראָשעק קעגן קאָפּווייטיק און דאָס פּאַפּירל פון דעם פּראָשעק איז אים געלונגען צו באַהאַלטן. אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס פּאַפּיר. טינט און פֿעדער האָבן מיר פֿאַרכאַפּט פון טיש ביים אויספֿאָרשונג־ריכטער. ווען מען האָט אונדז גערופֿן צום פֿאַרהער, האָבן אונדזערע חברים געהאַלטן גרייט שטיקלעך וואַטע אין די הענט און ווען דער ריכטער פֿלעגט נישט באַמערקן, האָבן זיי איינגעטונקען די וואַטע אין טינט און באַהאַלטן אין צוגעגרייטע טינטערס. אויך איז אונדז געלונגען אַראָפּצונעמען פון ריכטער־טיש אַ פֿעדער.

אויפֿן דריטן טאָג איז שוין ר׳ שמואל נחום געזעסן און אָנגעהויבן צו פֿאַרווירקלעכן זיין ציל.

טעג און נעכט פֿלעגט ר׳ שמואל נחום אָפּזיצן אין ווינקל פון תּפֿיסה־קאַמער און שרייבן מיט קליינע אותיות אויף די שטיקלעך פּאַפּיר, כדי צוצוגרייטן די מתנה פֿאַר די חברים פון „השומר הדתי״ אין טאָג פון ל״ג־בעומר.

ל״ג־בעומר האָבן זיך אַלע הונדערט יידן פון אונדזער תּפֿיסה־קאַמער געגרייט צו דער פֿייערונג, וואָס עס האָבן איינגעאָרדנט אונדזערע חברים.

נאָך תּפֿילת שחרית האָבן אַלע חברים זיך צונויפֿגעזאַמלט אַרום אונדזער מדריך און אַלע יידן פון תּפֿיסה־קאַמער האָבן אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט, ווי ר׳ שמואל נחום הייבט אָן צו רעדן מיט זיין ציטערדיקער שטים:

„טייערע חברים! אין מאָמענט ווען מיר זיצן דאָ, אין תּפֿיסה־קאַמער, איז דאָס יידישע בלוט הפֿקר. דאָרט, ווו מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזערע קינדער,

טאַטעס, מאַמעס און אונדזערע נאָענטע, דאָרט ווערן יידישע קהילות פאַרוואַנדלט אין הויפנס שטיינער. ווי איך זע פאָרויס, הלוואי נישט, וועט נאָכן שרעקלעכן חורבן זיין קליין די צאָל פון אונדזער יוגנט בכלל און פון דער רעליגיעזער יוגנט בפרט. מיין האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער דערמאָנענדיק זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק האָט זיך געקענט ראַטעווען, ווען עס איז געווען די מעגלעכקייט און די צייט. מיט גרויס ווייטיק מוז איך זיך מודה זיין, אַז מיר, אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק, טראָגן אַ גרויסע שולד אין אָט דעם שרעקלעכן חורבן. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די מעגלעכקייטן, וואָס זענען אונדז געגעבן געוואָרן, פאַר דער יידישע גאולה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט בנין הארץ״.

ר׳ שמואל נחום ווענדט זיך מיט אַ רוף פון טיפן האַרצן:

„ווען איר וועט האָבן דעם זכות און די השגחה וועט אייך געבן די מעגלעכקייט אַוועקצוואַרפן דעם שרעקלעכן גלות און זיך אויסלעבן אויפן באָדן פון אייגענעם לאַנד, ווען דאָס זאָל אַפילו זיין פאַרבונדן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש, זאָלט איר, למען השם, נישט פאַרשפּעטיקן, נאָר זען איבערצורייסן אַלע שטריק, וואָס בינדן אייך מיטן גלות. אויב איר וועט עס נישט אויסקעמפן פאַר זיך, וועט איר עס אויסקעמפן פאַר די קומענדיקע דורות נאָך אייך!״...

דערנאָך ווענדט זיך ר׳ שמואל נחום צו די חברים פון „השומר הדתי״:

„חברים, די גמרא זאָגט אין תענית: ווען ר׳ יצחק האָט זיך געזעגנט מיט זיין חבר ר׳ נחמן, האָט ער אים געזאָגט: „יהי רצון שיהיו צאצאי מעיך כמוך״ — עס זאָל זיין דער ווילן פון השם יתברך, אַז דיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן זיין ווי דו...

דעריבער געדענקט, אַז אויף אייך, רעליגיעזע יוגנט, ליגט די השגחה אַרויף אַן אויפגאַבע צוריק אויפצושטעלן דאָס גייסטיקע לעבן פון יידישן פאָלק.

היינט, ל״ג־בעומר, האָבן מיר יאָרצייט נאָך ר׳ שמעון בן יוחאי, דער תלמיד פון גרויסן תנא רבי עקיבא. איר, יוגנט, וואָס איר זענט די תלמידים פון רבי עקיבא, דאַרפט געדענקען, אַז פאַר אייך האָט רבי עקיבא מיט מסירת־נפש פאַרגעזעצט דעם לימוד־התורה און איז אומגעקומען אויף קידוש השם מיטן וואָרט „אחד״!

ר׳ שמואל נחום ז״ל האָט געהאַלטן אין האַנט עטלעכע סידורימלעך. יעדעס סידורל האָט אַנטהאַלטן אַן ערך 20 בלעטלעך. אויפן סידורל איז אויך געווען אָנגעשריבן צו וועמען עס געהער.

דאַן האָט ר׳ שמואל נחום געזאָגט:

„דאָס איינציקע, וואָס איז היינט געבליבן, איז די תפילה, אין וועלכער מיר דריקן אויס אונדזער צעווייטיקט האַרץ פאַרן בורא עולם. אָט די סידורימלעך גיב איך אייך איבער אין טאָג פון ר׳ שמעון בר יוחאיס יאָרצייט. אויף אַלע וואַנדערונגען, ווו איר וועט זיך געפינען, זאָלט איר געדענקען, וואָס עס האָט אייך אָנגעזאָגט דער גרויסער תנא רבי עקיבא אין זיין לעצט וואָרט „אחד״, וואָס איז כולל אין זיך תורה, ארץ ישׂראל און עם ישׂראל!״

נישט אַלע חברים האָבן געהאַט דעם זכות איבערצולעבן אַלע שבעה מדורי גיהנום, און אין טאָג פון ל״ג־בעומר זענען מיר מזכיר קדושים־יחידים, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אין שווערן גלות־וועג, און צווישן זיי אויך ר׳ שמואל נחום עמער ז״ל, יהי זכרו ברוך! (שמחה לאַנגזאַם: „ל״ג־בעומר פייערונג פון השומר הדתי אין תפיסה״, „יידישע שטימע״, מינכען, 28סטן מאי 1948; וועגן אומקום אויף קידוש־השם פון קאַלאַשיצער רביץ, ר׳ חנה האַלבערשטאַם, זע: „ספר קדושים״ פון מנשה אונגער, פאַרלאַג שולזינגער ברידער, ניו־יאָרק 1967, ז״ז 341—346).

ל״ג בעומר־פייערונגען אין וואַרשע און אין ווילנע

ד״ר עמנואל רינגעלבלום ברענגט אין זיינע „נאָטיצן״ וועגן ל״ג־בעומר־פייערונגען פאַר קינדער אין וואַרשעווער געטאָ.

ער שרייבט:

די היגע ל״ג־בעומר־פייערונגען פאַר קינדער זענען אויסגעפאַלן זייער אימ־פאַזאַנט. מען האָט איינגעאָרדנט גרויסע קינדער־פאַרשטעלונגען אין דעם גרעסטן לאָקאַל „פעמינאַ״.

קינדער פון אַלע טיפּן שולן האָבן געגעבן פאַרשטעלונגען. מען האָט די קינדער געטיילט צוקערלעך. אין די גאַסן האָט מען כסדר געזען גרויסע רייען פון שול־קינדער גיין אין „פעמינאַ״. (ד״ר עמנואל רינגעלבלום, „נאָטיצן״, „בלעטער פאַר געשיכטע״, פערטליאַר־שריפט, יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט ביים צ. ק. פון יידן אין פוילן, וואַרשע, יאַנואַר — מערץ 1948).

*

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי דערציילט, אַז ל״ג־בעומר איז אין דער שול פון ווילנער געטאָ געווען געווידמעט דעקלאַמאַציעס, געזאַנגען און סצענעס פון יידישן קאַמף מיט די רוימער. (ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פאַריז 1948).

די אַקציע אין מעזריטש

די ערשטע דייטשע אַקציע אין מעזריטש האָט זיך אָנגעהויבן פריטיק, דעם ערשטן טאָג שבועות 1942, און האָט געדויערט פון אין דער פרי ביז 12 מיטאָג. לויט אַ באַפעל, האָבן די יידן געמוזט אויסטאָן זייערע מלבושים און זיך שטעלן ביי די גריבער, וואָס זענען שוין פון פריער צוגעגרייט געוואָרן.

צו צען פערזאָן זענען זיי אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם גרוב און דערשאָסן געוואָרן, ביז אַלע דריי גריבער זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט קדושים. אין איין

גרוב זענען דערשאָסן געוואָרן מענער און ייִנגלעך, אינעם צווייטן גרוב — פרויען און מיידלעך, און אין דריטן — קליינע קינדער.

איבער זיי זענען אַריינגעשלײדערט געוואָרן נאָך צען ייִדן און דערשאָסן געוואָרן פון מאַשין־געווער.

עס זענען געבליבן זיצן דער צווילינג פון אברהם ניסענהאָלץ. זיי האָבן זיך געשפּילט אויף אַ דעק, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד.

די דייטשע מערדער זענען שוין געווען מיד פון זייער שחיטה אויף ייִדן, און אַן עס־עס־מאַן האָט אויסגערופן: „ווער עס וועט אַריינוואַרפן די צוויי קליינע קינדער אינעם גרוב, וועט קריגן די דעק אַ באַלוינונג״.

אַ פּויערטע האָט זיך געמאָלדן, אַז זי וועט דאָס טאָן. זי האָט אויסגעפירט איר שליחות. זי האָט די צוויי קליינע קינדער אַריינגעוואָרפן אינעם גרוב און זי האָט געקראָגן איר באַלוינונג — דעם קאָץ...

אויך זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם גרוב קימפּעטאָרינס מיט זייערע געבוירענע קינדער, צווישן זיי רייזל קאַמינשטיין.

ווען עס איז געקומען 12 אַ זייגער, האָט דער דייטשער קאָמאַנדיר געגעבן אַ באַפעל אָפּצושטעלן דאָס פייער, און ער האָט באַגריסט די צוועלף ייִדן, וואָס זענען געבליבן לעבן. צווישן די 12 לעבן־געבליבענע זענען געווען מיכלה בורשטיין, זהבה אויסטער און סוסיל שוואַרץ.

די גריבער זענען באַלד פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ שיכט קאַלך, וואָס איז פון פריִער צוגעגרייט געוואָרן, און איבער דעם — מיט ערד.

איבער צוויי טויזנט נפשות זענען אומגעקומען אויף קידוש השם אין דער ערשטער אַקציע, עדי־ראיה האָבן דערציילט, אַז די ערד איבער די ברידער־קברים האָט זיך דריי טעג געהויבן ביז די קרבנות האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות.

די אומגליקלעכע ייִדן, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך דער ערשטער אַקציע, האָבן געקריגן אַ באַפעל, אַז זיי מוזן זיך פאַרשרייבן אין דער קאָמענדאַנטור אויף אַרבעט.

די ערשטע אַרבעט זייערע איז געווען אויסצוסאָרטירן די קליידער, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון „שחיטה־פּלאַץ״.

זיי האָבן אויך געדאַרפט טאָן אַנדערע אַרבעטן, ביז עס איז געקומען די „צווייטע אַקציע״ און פון די צוועלף לעבן־געבליבענע ייִדן פון דער ערשטער אַקציע זענען נאָך דער צווייטער אַקציע געבליבן לעבן נאָר צוויי: מיכלה בורשטיין און זהבה אויסטער, וואָס זענען נאָך מוראדיקע שוועריקייטן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

וואַלי און איך זענען אַרויס פון קעלער צוזאַמען מיט אונדזערע קליינע קינדער נאָכן פאַסטן פיר טעג.

מיר האָבן זיך פאַרשריבן אין דער קאָמענדאַנטור און מיר זענען אַריבער ווײַנען אינעם געטאָ צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לעבן־געבליבענע ייִדן. מיר האָבן

געמעגט מיטנעמען בלויז דאָס, וואָס מיר קענען נעמען אין די הענט. מיר האָבן געטראַכט: וואָס נעמט מען פריַער? אַ בעט, מיר זאָלן האָבן דעם קאָפּ ווו אַנידער־צולייגן? צי אַ ביסל האָלץ, מיר זאָלן האָבן עפּעס אָפּצוקאָכן?

און פּלוצלונג איז מיין אויג געפאַלן אויפן בילד פון מיין טאַכטער אויף דער וואַנט, וואָס זי איז אַזוי אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשן, און אויך וואָלי האָט דאָס זעלבע געטאָן. און אַזוי זענען מיר ביידע געגאַנגען מיט די בילדער אין די הענט, אַזוי ווי מיר וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ לויה פון אַ בר־מינן, וואָס איז אונדז זייער ליב געווען. ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין געטאָ, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון דער „שול־גאַס" און דער „באָד־גאַס" ביז צו שואל שטיינדלס הויז.

בסך הכל זענען פון דער ערשטער אַקציע געבליבן לעבן 950 נפשות.

ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, זענען מיר דורכגעגאַנגען דעם גרויסן ברידער־קבר. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און מיר האָבן געקושט די הייליקע ערד און געוויינט, און די מענער האָבן געזאָגט קדיש.

איין מאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט געבראַכט קיין מעזריטש אַלע יידן פון מאָטיעווקע און מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין קעלער אונטער דער קירכע, ווייל מען האָט אויף זיי געמאַכט אַ בלוט־בלבול, אַז זיי האָבן געהרגעט אַ קריסטלעך יינגל.

דריי טעג האָט מען די יידן געהאַלטן אינעם פינצטערן קעלער אָן עסן און אָן טרינקען. מיר האָבן געוווּסט וואָס זייער גורל וועט זיין, און אַז עס וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן אויך האָבן דעם זעלבן סוף.

איין מאָל, ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן מיר געזען אַ נייעם מאַסן־קבר. דאָרט זענען דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן די יידן פון מאָטיעווקע, צוואַנציק הייליקע נפשות.

די צווייטע „אַקציע" אומצוברענגען אַלע יידן פון מעזריטש איז פאָרגעקומען דעם ערשטן טאָג סוכות 1942. דעמאָלט האָבן די דייטשן געמאַכט די צווייטע גרויסע שחיטה, און דעמאָלט זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם די לעצטע טויזנט יידן וואָס זענען געבליבן לעבן פון דער ערשטער אַקציע, וואָס איז פאָר־געקומען אין שבועות 1942, ווען עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אַ צוויי טויזנט נפשות. ((אסתר זיגמאַן, זכרונות אינעם בוך: „מז׳ריטש גדול בבנינה ובחורבנה", הוצאת „אירגון עולי מז׳יריטש בישראל", תל־אביב 1953, ז״ז 201 — 205).

דער שרעקלעכער ערב־שבועות אין קאָרעץ

די דייטשן האָבן דורכגעפירט די שרעקלעכע שחיטה אויף יידן אין קאָרעץ ערב־שבועות פון יאָר 1942.

אין די ערשטע טעג פון מאַי 1942 האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די

דייטשן האָבן מאָביליזירט פּויערים פון די דערפער קאָזאַק, האַליטשעווקע און מאַראַזאָווקע און זיי אָנגעשטעלט גראָבן דריי גריבער צו 20 מעטער די ברייט און 3 מעטער די טיף. די גריבער האָט מען געגראָבן אין אַ וועלדל, נעבן דעם דאָרף קאָזאַק. אַ גרויסע שרעק איז באַפאַלן די קאָרעצער יידן פון דער דאָזיקער ידיעה, ווייל איינצייטיק האָבן אוקראַינער פּאַרטרויט בסוד זייערע באַקאַנטע יידן, אַז די דייטשן גרייטן זיך ליקווידירן די קאָרעצער יידן און דערצו גראָבן זיי די גריבער. די דייטשע אָנפירער, צו וועלכע יידן האָבן זיך געווענדעט מיט אָנפראַגעס, צי עס זענען ריכטיק די קלאַנגען וועגן ליקווידירן די קאָרעצער יידן, האָבן געלייקנט און באַרו:קט זיי, אַז דאָס גראָבט מען גריבער אויף אַרויסבאַקומען זאַמד צו רעמאָנטירן די וועגן. די גריבער זענען געווען פאַרטיק דעם 10טן מאַי.

שוין 10 טעג אַריבער, און די דייטשן האָבן מיט גאָרנישט פאַרראַטן זייער בעסטיאַלישן פּלאַן. אַלץ איז געגאַנגען מיטן נאָרמאַלן וועג. יידן האָבן געאַרבעט ווי געוויינלעך און האָבן זיך שוין ביסלעכווייז באַרו:קט. מען האָט זיך געגרייט צום יום־טוב שבועות. יעדער האָט זיך באַמיט אויסטוישן ביי באַקאַנטע פּויערים אַ ביסל ווייס מעל און אויספּועלן ביי די דייטשע אַרבעט־געבער אַ דערלויבעניש נישט צו אַרבעטן דעם טאָג.

אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, דעם 21סטן מאַי, ערב־שבועות, איז די שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך שטאַרקע אָפּטיילונגען אוקראַי:נישע פּאָליציי, וועלכע איז אָנגעקומען פון זשיטאָמיר און דורך געסטאַפּאָווצעס. 4 אָ זיי־גער פאַר טאָג האָבן זיך די מערדערס אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער און צונויפגעזאַמלט אַלע יידן, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, און זיי געטריבן צו דער ראַיאָן־פּאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער סטאַראָמאָנאַסטיר־סקע גאַס אין דעם הויז פון דוד פעלדמאַן. 6 אָ זייגער אין דער פרי האָט מען האַסטיק אויפגעריסן די טיר פון מיין וווינונג און באַלד זענען פול געוואָרן אַלע צימערן מיט באַוואָפנטע דייטשן און אוקראַי:נישע פּאָליציאַנטן: „אַלע יידן צו דער זאָנדער־רעגעסטראַציע״! איז געפאַלן אַ קורצער באַפעל און שוין האָט מען אונדז אַרומגערינגלט און אַרויסגעפירט פון הויז.

— צי דאַרף איך מיטנעמען מיין פּערסאָנאַל־אויסווייז? — האָב איך איינעם פון די אוקראַי:נער געפרעגט.

— דו דאַרפסט נאָר מיטנעמען דעם קאָפּ — האָט ער מיר געענטפערט און די איבעריקע האָבן זיך ציניש צעלאַכט.

אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט נאָך גרופּעס יידן, וועלכע די אוקראַי:נער האָבן געפירט. אייניקע זענען געווען צעבלוטיקט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט שאַסן און פאַרצווייפלטע געשרייען. דורכגייענדיק נעבן הויז פון שמואליק וויער־ניק, האָבן מיר געטראָפן ליגן אויף דער גאַס אין אַ קאַלוזשע בלוט דאָס דער־הרגעטע טעכטערל פון ד״ר שלוגלייט. ווי שאַקאַלן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די יידישע גאַסן אוקראַי:נער און אוקראַי:נערינס, מערסטנטייל פון דער נייער שטאָט, מיט די זעק אין די הענט. זיי האָבן אונדז באַגלייט מיט אומפּאַרשעמטע, צופרידענע

בליקן און זיך געוואָרפן אין די פּאַרלאָזטע יידישע הייזער נאָך רויב. ווען מען האָט אונדז דורכגעפירט נעבן דעם הויז פון מאָטל וויכנעס, איז פון דאָרט אַרויס־געגאַנגען אַן אַלטע פויערטע מיט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, אונטער וועלכן זי האָט זיך ממש איינגעבראָכן.

אין דעם געסל, וואָס פירט פון מאָנאַסטיר־גאַס צו אסתר־חיה דודס, זענען געשטאַנען פיל פרויען און קינדער, אַרומגערינגלט מיט פּאָליציאַנטן און האָבן יאָמערלעך געוויינט. נעבן דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג זענען געשטאַנען פיל יידן מיט דערשראָקענע פּנימער, אייניקע בלויז אין אונטערוועש און האָבן געוואַרט אויף דער ריי. צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט געסטאַפּאָווצעס אין די בלויע מונדירן און די פּאָליציאַנטן אין שוואַרצע שינעלן מיט שוואַרצע פּילאָטקעס אויף די קעפּ. ווי צעווילדעוועטע חיות האָבן זיי זיך אַלע מאָל געוואָרפן אויף די יידן, יעדע ווײַלע האָט זיך געהערט אַ טעמפּער קלאַפּ, אָדער אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט, באַגלייט מיט אַן אויסגעשריי פון דעם פאַרווונדעטן קרבן. פון אַלע אַרומיקע געסלעך האָבן די מערדערס אַלע מאָל געבראַכט פרישע יידישע משפחות.

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג, ווו מען האָט זאַרגפעליק באַזוכט און צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך, אַפילו אַ בלייפעדער אָדער אַ שאַכטל שוועבעלעך, און ווען מען האָט אונדז פון דאָרטן אַרויסגעפירט, האָט מען מיך מיט מיין פרוי מיט מיין 13־יאָריק מיידעלע אַוועקגעפירט באַזונדער צו די פרויען און מיך מיט מיין זון צו דער גרופּע מענער, וועלכע זענען געשטאַנען נעבן הויז פון מיכל דעם קצב. דאָ האָט מען געפאָרמירט גרופּעס צו 40 — 50 מאַן און אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון דייטשן און אוקראַיִנער אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג צום אַלטן מאָנאַסטיר.

איך מיט מיין זון זענען שוין געשטאַנען אין די רייען און האָבן געוואַרט אויף נאָך עטלעכע צענדליק יידן אויף שאַפן אַ נייע גרופּע. פּלוצלונג איז צוגע־קומען צו אונדז דער אָנפירער פון דער אַרבעט ביי דער „קאַנטין" — דער דייטש ראַבערט, וועלכן איך האָב פריִער דערמאָנט און האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט דעם נאַטשאַלניק פון געסטאַפּאָ, אַז מען זאָל אים באַפרייען זיינע אַרבעטער. ער האָט געטענהעט, אַז אָן זיי וועט ער נישט באַוויזן פאַרענדיקן די אַרבעט. נאָך אַ לאַנגן שמועס איז אים געלונגען אַרויסבאַקומען ביז 20 מאַן, צווישן זיי אויך מיין זון, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס עלעקטראָ־טעכניקער. די דאָזיקע יידן האָט מען געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד, אויף דעם פרייען פּלאַץ, צווישן מיכל דעם קצבס און חיים איצע מנקרס הייזער. ווייזנדיק אויף מיר, האָט מיין זון געבעטן ראַבערטן, ער זאָל מיר אויך באַפרייען, כאָטש איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין צוקער־פאַבריק. דער נאַטשאַלניק פון געסטאַפּאָ האָט לאַנג זיך מישב געווען און צום סוף מיר דערלויבט אַרויסגיין פון דער גרופּע, וועלכע האָט זיך שוין געקליבן אָפּגיין. מען האָט אונדז באַפוילן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך און אַזוי זיצן אָן באַוועגונג. אַרום אונדז זענען געשטאַנען געסטאַפּאָווצעס, וועלכע האָבן אונדז געהיט.

אין צווישנצייט האָט מען באַפרייט נאָך עטלעכע סטאָליאַרעס און סתם אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע „טאָט״. דער אָרטס־קאָמענדאַנט האָט אַרויסגענומען שניידערס, וואָס האָבן גענייט פאַר דעם מיליטער. אַזוי אַרום האָבן זיך אין אונדזער גרופע צונויפגענומען 135 מענער. דערנאָך איז נאָך צו אונדז צוגעקומען 51 יונגע, געזונטע פרויען, וועלכע די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַלס שטוב־אַרבעטערינס ביי די מלוכהשע אַנשטאַלטן.

וואָס ווייטער האָט מען אַלץ ווייניקער יידן געבראַכט צו דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג. אַרום 12 אַ זייגער האָט מען אָנגעהויבן צו פירן קראַנקע און פאַרוואונדעטע יידן. אייניקע האָבן די פאָליציאַנטן געטראָגן אויף די הענט און זיי ווי זעק געשליידערט אויף איין אָרט אַנטקעגן דער ברעזענער קלויז. איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס בילד ווען מען האָט געבראַכט אליעזר זאַפראַן, וואָס איז געווען פאַראַליזירט. אַ פאָליציאַנט האָט אים געשלעפט פאַר די פיס און זיין קאָפ האָט זיך געקלאַפט אין די שטיינער פון גאַס. אויסער זאַפראַנען האָט מען געבראַכט צו טראָגן מאיר גאָרבאַן — דעם בירזשעוויק — פסח דעם קלעזמערס איידעם. עטלעכע טעג פאַר דעם איז ער געוואָרן איבערגעפאָרן דורך אַ דייטשן מאָטאָציקלעט און איז געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם פוס. די דאָזיקע אומגליקלעכע זענען געלעגן אויף דער ערד און געוואַרט אויפן אויטאָ, וואָס האָט זיי געדאַרפט אָפפירן צו די גריבער.

ענדלעך איז צוגעפאָרן אַ פאַרמאַכטע רויטע מאַשין, די „דושעגובקע״. דאָס איז געווען אַ ספעציעלער, הערמעטיש־פאַרמאַכטער אויטאָ, וואָס איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער איבערגעברענטער גאַז פון מאָטאָר איז דורך אַ ספעציעלער רער געוואָרן אַריינגעלאָזט אין אויטאָ, און די וואָס מען האָט געפירט זענען דורכן גאַז דערשטיקט געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן אַריינשליידערן אין אויטאָ די קראַנקע. אין דעם מאָמענט האָט מען געבראַכט צו פירן דער ד״ר יאַניע גערשטענגאַרן. מאירל דעם מלמד, בוזיע קראַנצבערג און יאָסל שיכער — דער קלענסטער זון פון לייזער דעם מאָליער.

ווען מען האָט שוין די לעצטע געזאָלט אַריינטרייבן אין דער „דושעגובקע״, איז אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון קריסטלעכע אַרבעטער פון צוקער־פאַבריק און אָנגעהויבן בעטן דעם נאַטשאַלניק פון געסטאַפאָ ער זאָל באַפרייען דעם דאָקטאָר גערשטענגאַרן. זיי האָבן דערקלערט, אַז ער איז דער איינציקער גוטער דאָקטאָר אין שטעטל און איז דער לאַנגיאָריקער פאַבריק־דאָקטאָר, אָן וועלכן מען קען זיך נישט באַגיין. דער נאַטשאַלניק האָט אים געהייסן פאָרלויפיק בלייבן ביז ער וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט דעם דירעקטאָר פון פאַבריק. אין דער זעלבער צייט האָט אַ באַאַמטער פון דער אָרטס־קאָמענדאַנטור זיך משתדל געווען פאַר שיכערן, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס מאָלער און האָט געהאַט אויסצוועַנדיקן שילדלעך פאַר דער קאָמענדאַנטור. דעם דאָקטאָר גערשטענגאַרן און שיכערן האָט מען געהייסן צוואַרטן. ווען מ׳האָט שוין אַלע קראַנקע אָנגעלאָדעוועט אויף דער מאַשין, האָבן די דייטשן אַ כאַפ געטאָן אויך דעם דאָקטאָר און שיכערן און נישט

הערנדיק זייערע טענות, זיי אַריינגעשטופּט אין דער מאַשין, פאַרהאַקט די טיר און זיי אַוועקגעפירט.

מיר זענען געזעסן אָן באַוועגונג און געוואַרט. אונדזער גורל איז נאָך נישט געווען באַשטימט, און וואָס עס קומט פאַר מיט די יידן, וואָס מען האָט אַוועקגעפירט, האָבן מיר נאָך אויך נישט געוווּסט גענוי. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט געשרייען פון אַ פרוי און אַ נישט נאַטירלעכן משוגענעם געלעכטער, און באַלד האָבן מיר דערזען, ווי אַ פּאָליציאַנט פירט צו דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג די טאָכטער פון רעבל דער משוגענער, לאהקע שאַפּירא. ווי באַוווּסט, איז די משפחה פון דעם דיין חיים רב הערץ געווען פּסיכיש־קראַנק, און די דאָזיקע קרענק האָט זיך איבערגעגעבן בירושה. לאהקע איז די לעצטע יאָרן געווען נאַרמאַל. זי האָט אַפילו חתונה געהאַט און געבוירן אַ קינד. נאָר בשעת דער אַקציע, פון שרעק, האָט זי ווידער אַ מאָל באַקומען אַן אַטאַק. זי האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעריסן פון דעם פּאָליציאַנטס הענט, וואָס האָט זי, כאַפּנדיק, מערדערלעך געשלאָגן. נישט ווייט פון דעם אַריינגאַנג אין דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען אַ טעלע־גראַפן־סלופּ. לאהקע האָט אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט און אָנגעהויבן אַרום אים טאַנצן. ווען דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי געפירט, האָט זיך צו איר דער־נענטערט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „הייל היטלער! הייל היטלער!" און זיך היסטעריש צעלאַכט. עטלעכע דייטשן זענען צוגעקומען צו דעם אָרט ווו לאהקע איז געשטאַנען און מיט צעשמייכלטע פּנימער זיך צוגעקוקט צו דער אומגליק־לעכער. דערזעענדיק די דייטשן האָט זי מיט אַ מאָל אויפגעהערט לאַכן און אָנגע־הויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". איינער פון די דייטשן האָט אַרויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט און מיט צוויי שאָסן אין לאהקען פאַרענדיקט אירע ליידן.

אַרום צוויי אַ זייגער איז צו דער ראַיאָן־פאַרוואַלטונג צוגעפאָרן אַ גאַנצער טראַנספּאָרט פויערישע פורן, אָנגעלאָדן מיט פאַרשידנפאַרביקע שטאָפן, ווי אונדז האָט זיך פון ווייטנס אויסגעוויזן. די דייטשן, וואָס האָבן דעם טראַנספּאָרט באַגלייט, האָבן באַפוילן, אַז עטלעכע יונגע יידן פון אונדזער גרופּע זאָלן גיין אויסלאָדעווען די דאָזיקע וואָגנס. מיין זון איז אויך געווען צווישן זיי. מיין זון האָט מיר פון ווייטנס אַ וויַז געטאָן מיין טעכטערלס גרין פאַטנדל, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען זי איז אָפּגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער מוטער צו דער פרויען־גרופּע. ווען די, וואָס האָבן אויסגעלאָדעוועט די וואָגנס, האָבן אונדז דערציילט די שרעקלעכע סצענעס, וואָס די פויערים, וואָס האָבן געבראַכט דאָס אָנטאָן, האָבן בייגעווינט אויף דעם עקזעקוציע־פּלאַץ, איז דאָס בלויז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן און מיר האָבן ערשט דאַן באַגריפן די גאַנצע גרויזאַמקייט פון דעם געשעעניש.

דאָס איז די דערציילונג פון קאַזאַקער ליעסניטשי, וועמענס הויז געפינט זיך נישט ווייט פון די גריבער און וואָס האָט בייגעווינט דעם גאַנצן פאַרלויף פון דעם מערדערישן טאַט. דעם שרעקלעכן דאָנערשטיק, ערב־שבועות, 4 אַ זייגער פאַר טאָג, איז צום ליעסניטשיס וווינונג צוגעפאָרן דער נאַטשאַלניק פון דער געסטאַפּאָ אין באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער אָפּטיילונג דייטשן און אוקראַינער

פּאָליציי און באַפוילן דעם ליעסניטשי מיט זיין פרוי זיי זאָלן קיילן וואָס מערער געגנדז און הינער און צוגרייטן אַ געשמאַקן מיטאָג, ווייל זיינע דייטשן ווילן דאָ היינט אַ גאַנצן טאָג „אַרבעטן״. אַ טייל דייטשן האָט ער צעשטעלט אויף דער וואַך אין דעם וועלדל אַרום די גריבער און די איבעריקע האָבן אויפגעעפנט פלעשער מיט בראַנפן און וויין, וואָס מען האָט מיט זיך געבראַכט, און זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם גראָז זויפן. 9 אַ זייגער האָט מען געבראַכט די ערשטע גרופּע יידן. זיי זענען געווען מידע פון דעם 8־קילאָמעטערדיקן גאַנג. אייניקע זענען געווען שטאַרק צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט. מען האָט די יידן געצוווּנגען זיך אויסטאָן אין גאַנצן נאַקעט, זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי און באַפוילן צו 6 מאַן אַריינגיין דורך דעם שמאָלן אַריינגאַנג אין איינער פון די גריבער. אין איין זייט גרוב איז אויף אַ טישל געשטאַנען פלעשער מיט געטראַנקען, צובייסעכץ און עס איז געלעגן אַן אויטאָמאַט. דער דייטש, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן טישל, האָט באַפוילן די זעקס יידן זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד מיט דעם פּנים אַראָפּ. עס האָט זיך דערהערט אַ סעריע שאָסן, האַרצרייסנדיקע געשרייען און די ערשטע 6 קרבנות זענען אומגעקומען. באַלד האָט מען אַריינגעטריבן אין גרוב די אַנדערע 6 יידן. זיי האָבן באַדאַרפט אויסגלייכן די קערפּערס פון די ערשטע געהרגעטע, זיך אויף זיי אַרויפלייגן מיט די פּנימער אַראָפּ און וואַרטן ביז מען וועט זיי שיסן. דער תּליון, וואָס איז געזעסן אין גרוב, האָט געטרונקען, און מיט אַ לוסטיקער מינע, צווישן איין כּוסע און דער צווייטער, געטויט צו 6 יידן.

אַרום 10 אַ זייגער האָט מען געבראַכט די ערשטע גרופּע פרויען און קינדער, אַ טייל זענען געגאַנגען צו פוס און אַ טייל זענען געפאָרן אויף פּויערישע פורן. מיט ברוטאַלע באַנעמונגען און שלאָגעריי האָט מען זיי געצוווּנגען זיך אויסטאָן, און ווי די מענער, זיי אַריינגעטריבן צו 6 אין אַ צווייטער גרוב, וווּ עס איז אויך געזעסן אַ דייטש, וועלכער האָט זיי געטויט. יעדע עטלעכע מינוטן האָט מען צום עקזע־קוציע־פּלאַץ געבראַכט פרישע טראַנספּאָרטן מענער, פרויען און קינדער. ווי אַ גיהנום האָט אויסגעזען די לאַנקע נעבן די גריבער. די דייטשן, און נאָך מערער די אוקראַיִנישע פּאָליציי, האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער די קרבנות און זיי מערדערלעך געשלאָגן. אויף אַ סך קילאָמעטער אַרום האָט מען געהערט די יאָמער־לעכע געשרייען פון די פרויען, דאָס געוויין פון די קינדער און די קרעכצן פון די נישט־דערשאָסענע אין די גריבער יידן. (אינזשיניער מ. גילדענמאַן: „חורבן קאָרעץ״, פּאַריז 1949, ז״ז 45 — 51).

דער „אקדמות״־ניגון אין מיידאַנעק

איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מיידאַנעק גראָד אין שבועות. די מערדער אין מיידאַנעק האָבן געגוי אָפּגעהיטן די דאַטעס פון די יידישע ימים טובים, און

לכבוד שבועות האָבן זיי אַרויסגענומען אַלע יידישע אַרעסטאַנטן צו אַ סאַדיסטישער שפּיל, צו מאַכן „גימנאַסטישע איבונגען".

מיר זענען געווען האַלב נאַקעט און דער אויפזעער איבערן טויטלאַגער האָט זיך איבער אונדז איזדיעקעוועט לאַנגע שעהען מיט פאַרשידענע טייוולאַנישע איינפאַלן.

פּלוצלונג איז דער קאָמאַנדיר אַליין מיד געוואָרן פון זיין משוגענעם באַפעל און ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַן ערך פון אַ שעה אויף אַן אָפן פעלד אָן שום אויפזעער.

און דעמאָלט, אין דער זעלבער מינוט, האָט אויפגעוואַכט אין מיין מוח אַ חסידישער ניגון. איך האָב געזוכט מיט עפּעס צוצודעקן מיין קאָפּ און איך האָב געפונען אַ שטיקל צעריסן צייטונג־פּאַפּיר, און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו זינגען מיטן ניגון אויף אַ הויכן קול „אקדמות".

איך ווייס נישט ווי אַזוי די ווערטער האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם ניגון, אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז אַלע זענען געוואָרן באַגייסטערט פון דעם האַרציקן ניגון...

יעדער איינער האָט זיך צוגעדעקט זיין קאָפּ מיט וואָס ער האָט געקענט, און ווען איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט דאַוונען „שמונה עשׂרה" האָבן אַ סך, אַ סך יידן מיטגעזאָגט „קדושה"...

און אַזוי איז אַ דאַנק דעם חסידישן ניגון באַצייכנט געוואָרן „זמן מתן תורתנו" דווקא אין דעם גיהנום פון מיידאַנעק. (איבערגעגעבן פון ל. פּינקאָוויטש דורך משה פּראַגער אין ספר „אלה שלא נכנעו").

הערצלס און ביאַליקס יאָרצייטן אין אוישוויץ

ד"ר וואָלף גליקסמאַן פון פילאַדעלפיע, איינער פון די שארית הפליטה און פאָרשער פון דער חורבן־ליטעראַטור, וואָס איז געווען אַ „בירגער" אין אוישוויץ, גיט איבער אין אַ גבית עדות, ווי אַזוי אַ גרופּע יידן האָבן כ' תמוז פון יאָר 1944 אָפּגעמערקט ד"ר ט. הערצלס און חיים נחמן ביאַליקס יאָרצייט אין דער פאַבריק „יוניאָן" אין אוישוויץ.

„איך האָב געהאַט דעם זכות, ביים גערויש פון די מאַשינען און אין דער נאָענטקייט פון די עס־עס־באַנדיטן צו דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער די צוויי גדולי־ישׂראל און צו זאָגן קדיש.

די דאַטעס האָט אונדז געגעבן איינער פון די יידישע „ראשונים" אין אויש־וויץ, אשר ברין ע"ה, (ער איז באַפרייט געוואָרן און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע). ער האָט געטראָגן יאָרן לאַנג אין זכרון דעם יידישן לוח און אינפאָרמירט די פאַראינטערעסירטע יידן וועגן די טעג פון די יידישע ימים־טובים און אַפילו תעניתים.

איך דערמאָן זיך אויך, אַז אין טשענסטאָכאָווער געטאָ דעם 2טן נאָוועמבער 1942, צום 25סטן יאָרטאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָבן זיך אַ מנין יידן ואני בתוכם, אַראָפּגעלאָזט טיף אין אַן אונטערדישע באַהעלטעניש, נאָענט צו די שטאָטישע קאַנאַלן און געפּראַוועט די „אַקאַדעמיע" לכבוד דער דעקלאַראַציע.

אויבן האָט מען געשאָסן — עס זענען פאַרגעקומען די לעצטע פון די אויס־זידלונגען אין טשענסטאָכאָווער געטאָ, און אונטן האָט מען גערעדט מעניני דיומא און וועגן ארץ־ישׂראל...

פון מנין יידן זענען געבליבן לעבן בלויז צוויי: איך און אַן אַדוואָקאַט, וואָס וווינט היינט אין ישׂראל. די איבעריקע זענען אומגעקומען". (ד״ר וואָלף גליקסמאַן, פילאַדעלפיע, גבית עדות, מיר איבערגעגעבן — מ. א.).

הערצל־פייערונג אין טערעזיענשטאַט

„אין יולי 1944 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ספּאָרטפעסט לכבוד טעאָדאָר הערצלס פערציקסטן יאָרצייט. די גאַנצע יוגנט און אַ סך הונדערטער דערוואַק־סענע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דעם גרויסן פעלד־באַסטיאָן, וואָס האָט זיך גע־פונען אין דרום־טייל פון דער שטאָט, פון וואַנען מען האָט געקענט קוקן אין דער ווייטער פרייהייט.

עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס אויף דייטש, טשעכיש און העברעיש, און דערנאָך האָבן די קינדער געזונגען און געטאַנצט דעם ארץ־ישׂראלדיקן האָראַ־טאַנץ, אַפילו גימנאַסטישע איבונגען זענען פאַרגעקומען.

מיר האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז גאָר בקרוב וועט מקוים ווערן אונדזער חלום זיך צו באַפרייען פון שקלאַפעריי, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך פונקט דער היפוך". (ד״ר מ. פרידינגער, אויבער־ראַבינער פון דענעמאַרק, אין זיין בוך „טערעזיענ־שטאַט", (אויף דעניש) 1947. דער דאָזיקער אויסצוג איז איבערגעזעצט אויף יידיש פון י. זילבערבערג־כּאַלעוואַ און געדרוקט אין „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 5טן יולי 1968).

כ׳ תמוז אין אַרבעטס־לאַגער

די צוגרייטונגס־אַרבעט צום קאַצעט האָבן מיר דורכגעמאַכט אין דעם באַ־רימטן אַרבעטס־לאַגער, וועלכן די נאַציס האָבן איינגעאָרדנט אין מאָגילנע, אַ טיפּיש דייטש שטעטל אין קרייז האָהענזאַלצע. אויסער דער שטאָט געפינט זיך זינט 900 יאָר אַ קלויסטער, וועלכער, איז לויט פאַרשידענע ווערסיעס, אויפגע־שטעלט געוואָרן דורכן פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש.

אין אָט דעם קלויסטער אויפן בערגל, נישט ווייט פונעם שטאַטישן טייך, האָבן די ברוינע בעסטיעס איינגעשפּאַרט יידן, אַרויסגענומענע ביי נאַכט פון די

בעטן און געטריבענע נאָך מאָגילנע מיט דער כוונה זיין זאָלן פאַרשענערן די דייטשע שטעט און רייניקן דעם מאָגילנער טייך. אין יאָר 1941 האָט „לאַגער־קלויסטער" נאָך געציילט 117 יידן פון אָשענטשין און פיאָטרקאָוו, צווישן וועל־כע ס'האָבן זיך געפונען אַלטע באַקאַנטע ציוניסטישע עסקנים, וועמען דער ציוניזם איז פאַרבליבן טייער אַפילו אין זייערע שווערע טעג.

געקומען איז כ׳ תמוז. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַן אַקאַדעמיע אין געהיים און אָוועקגעשטעלט צוויי ספּעציעלע „שומרים", וואָס זאָלן אַכטונג געבן, צי ס'דער־נענטערט זיך נישט קיין עס־עס־מאַן אָדער אַן אַנדער טייוול. מען האָט זיך געמוזט צואיילן צוליב די געפערלעכע אומשטענדן. נאָכן דממה־דקה־געזאַנג פון דער „התקוה" זענען מיר זיך צעגאַנגען נאָך שטילער אויף אונדזערע האַרטע פּריטשן און דאָ אָנגעהויבן טרוימען וועגן די ציוניסטישע אידעאַלן. אויף די פּריטשן האָבן זיך פונאַנדערגעבליט די כ׳ תמוז־רעפלעקסן און באַגלייט זענען זיי געוואָרן דורך אַ שטילן קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ערגעץ אַ פּריטשע. דאָס קול האָט געפאָדערט מיט די ווערטער פונעם נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן ביאַליק, וועמענס יאָרצייט מיר האָבן געפייערט: „אם יש צדק יופיע מיד", (אויב ס'איז פאַראַן גערעכטיקייט, זאָל זי באַלד קומען). דער מאָגן איז געווען לײדיק, דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט נאָך דער פאַרלוירענער משפחה, די הענט זענען געווען געפּלאַצט פון שווערע אַרבעט, די לייז האָבן געפרעסן אונדזערע קערפּערס, אָבער דער גייסט, דער ציוניסטישער טרוים האָט אונדז צוגעגעבן מוט און כוח אין די שווערע טעג.

און אין בילסקאָ, אַן אַנדער אַרבעטס־לאַגער, ווו מען האָט געבויט אַ שאָסיי, האָבן מיר אויך געפייערט דעם כ׳ תמוז אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן: אין דעם טאָג האָבן מיר זיך ווי אַלע מאָל געלייגט אויפן גראָז אָפּרוען זיך. ליגנדיק האָבן חברים גערעדט וועגן הערצלען און ביאַליקן און געבויט פּלענער וועגן אַ צוקונפט, אַ גליקלעכע און אַ שענערע, וואָס זאָל רעהאַביליטירן אונדזערע ליידן. אָנגעטאָן אין שמוציקע קליידער האָבן מיר אָנגעהויבן צו זינגען די „התקוה" און דווקא אויפן קול. די פּוילישע שומרים, וועלכע האָבן אָנגענומען די דייטשע נאַציאָנאַ־ליטעט און געווען פיינטלעכער אין זייער באַציִונג צו אונדז ווי די ריכטיקע דייטשן, האָבן פאַרווּנדערנדיק זיך געשאָקלט מיט די קעפּ נישט פאַרשטייענדיק דעם גאַנצן געזאַנג. ווי קומט עס צו אייך — האָבן זיי געטענהט — אַז איר האָט נאָך חשק צו געזאַנג? אַ מאָדנע פאָלק די יידן! שלאָג זיי, מאַטער זיי, צאַפּ פון זיי דאָס בלוט, און זיי זינגען נאָך. ווער קאָן זיי פאַרשטיין, די יידן? דאָס האָט אָבער אונדז געשטאַרקט. אַ דאַנק אַזעלכע דערקוויקונגס־מאָמענטן, האָבן פיל פון אונדז לייכטער איבערגעטראָגן דעם בלוטיקן יאָך.

און היינט, ווען מיר דערמאָנען אונדזערע גרויסע פירער און לערער, זאָלן אויך דערמאָנט ווערן זייערע תלמידים, וועלכע זענען אין די געפערלעכסטע מאָ־מענטן טריי געבליבן זייער לערע און האָבן נישט דורכגעלעבט דעם גיהנום. (רפאל אַלעווסקי: „אונדזער שטימע" בערגען־בעלזען, 5טן יולי 1946).

תשעה־באב

אַריינפיר

תשעה־באב איז דער געדענקטאָג פון חורבן פון ערשטן און פון צווייטן בית־המקדש.

אין תשעה־באב פלעגן יידן זיצן אין די בתי־מדרשים אויף איבער־געקערטע בענק, ווי אבלים, און זאָגן קינות.

און אין תשעה־באב איז אין אַ ריי שטעט אויך פאָרגעקומען דער דריטער חורבן פון יידישן פאָלק. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן טאָג דורכצופירן זייערע הריגות אויף די אומשולדיקע יידן.

יידן האָבן געטרויערט תשעה־באב אין די געטאָס, אין די לאַגערן, אויפן חורבן בית־המקדש, זיי האָבן געזאָגט קינות, און אין זייערע הער־צער האָט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז מען וועט איבערלעבן דעם גרעסטן שׂונא פון יידישן פאָלק — די נאַציס.

תשעה־באב אין קאַלאָמיי

קיין קאָלאָמיי, מזרח־גאַליציע, זענען אין יולי 1941 געבראַכט געוואָרן מחנות יידן, געפירט פון אונגאַרישע סאָלדאַטן, אין דעם אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין די מיליטערישן קאַסערן.

אין דער נאַכט פון שבת חזון האָב איך פאַרבראַכט אין דעם קאַסערן־לאַגער. דער גרויסער זאַל האָט געדינט פאַר אַ דאַוון־צימער. די טישן זענען געגרייט. אויף יעדן טיש איז אויסגעשפּרייט אַ ווייס פּאַפּיר. אַ דערמאָנונג פון אַ ווייסן טישטעך. די שפּייזן זענען צוגעגרייט געוואָרן נאָך פון ביי טאָג.

עס איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה וועגן דעם נוסח התפילה. די מערסטע זענען געווען איינוווינער פון מאַרמאַראָש־סיגעט, וויזשניצער חסידים און אַ מיעוט איז געווען סיגעטער חסידים. די וויזשניצער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייער נוסח התפילה און וויזשניצער זמירות, און די סיגעטער זענען געווען איינגעשפּאַרט אויף זייער סיגעטער נוסח.

באַזונדערס האָבן זיך געשטאַרקט די חלוקי־דעות בנוגע די מנהגים און סדר התפילה אין דעם שבת חזון און תשעה־באב, וואָס איז געווען אַ נדחה אויף מאָרגן — זונטיק.

די סיגעטער חסידים האָבן זיך נוהג געווען אין דעם שבת נישט צו זינגען קיין סך זמירות, מקצר צו זיין מיטן שלוש סעודות און מקדים צו זיין די סעודה־מפסקת. די וויזשניצער חסידים, ווידער, האָבן זיך נוהג געווען אין דעם שבת אַזוי ווי דער ראָפּשיצער רבי, (ר׳ נפתלי האָראָוויץ), וואָס פלעגט זאָגן: „תשעה־באב, אַז ער פאַלט אויס אום שבת, איז דער שבת אַ שטענדיקער און אַנגעלייגטער אורח, און תשעה־באב איז אַ טרויעריקער, זעלטענער אורח, זאָל דער טרויעריקער אורח וואַרטן ביז מיר וועלן אַרויסבאַגלייטן דעם באַליבטן אורח. „תדיר ושאינו תדיר — תדיר קודם״...

נאָך לאַנגע אַמפּערנישן איז אויסגעגליכן געוואָרן, אַז קבלת שבת זאָל דאַוונען פאַרן עמוד אַ וויזשניצער חסיד, שחרית און מוסף געהערן צו די סיגעטער.

ווי אַנגענעם און זיס איז געווען דאָס דאַוונען קבלת־שבת צוזאַמען מיט די דאָזיקע יידן אין די מיליטערישע קאַסערן... (אליעזר אונגער: „זכור״, פאַרלאַג „מסדה״ תל־אביב, ז״ז 30 — 32).

תשעה־באב אין בענדין

אין יאָר 1941 געפין איך זיך אין שלעזיע אין דעם איינציקן הכשרה־קיבוץ.

איין אָוונט נאָך דער אַרבעט זיצן פופציק יינגלעך און מיידלעך אין איין זאַל אויף אַ נישט־לעגאַלן צונויפקום.

מיר טרויערן תשעה־באב, מיר זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מיר פילן, אַז מיר שטייען שוין פאַר אַ גרויסן חורבן.

קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער פון איינעם אַ חבר: „דער דייטשער פאַשיזם וויל אונדז פאַרניכטן, טויזנטער יידן זענען שוין אומגעבראַכט געוואָרן דורך די באַרבאַרישע דייטשן. ווער ווייסט וואָס פאַראַ שווערע טעג ס׳קומען פאַר אונדז״...

אַזוי האָט גערעדט איינער פון די, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען מיט געווער אין האַנט, שיסנדיק ביז דער לעצטער קויל אין שונא.

„די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין גלות איז איין לאַנגע קייט פון פּאָגראָמען, איין לאַנגער פּאָגראָם — זאָגט ווייטער דער זעלבער חבר — אינעם 12טן יאָרהונדערט — די קרייץ־צוגן, אינעם 15טן יאָרהונדערט — גירוש־שפּאַניע; אינעם 17טן יאָרהונדערט — כמיעלניצקי; אין יאָר 1905 — פּאָגראָמען; אין די יאָרן 1917 — 1918 — פּאָגראָמען און איצט, וואָס דערוואַרט אונדז״...

מיר האָבן נישט קיין ענטפער.

מיר לייענען ביאַליקס שחיטה־שטאָט, ווו ביאַליק שרייט מיט צאָרן צו גאָט: „זע! קום מיט מיר, טרעט אויף די געהרגעטע, טרעט אויף די ביינער פון פרויען און קינדער! זע, אָט דאָ אַ קאָפּ אָן אָפּגעהאַקטער! די פיסלעך פון קליינע קינדער, זע און שעם זיך! ווי אַ שטיין בלייבסטו שטום, פאַר וואָס קומט עס זיי, די אומשולדיקע?״...

און ווייטער זאָגט ביאַליק: „די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן״... „אומזיסטע קרבנות, אַזוי אומזיסט געלעבט, אַזוי געשטאָרבן, נישט ווייסנדיק פאַר וואָס? פאַר ווען?״...

*

אין תשעה־באב 1942 געפין איך זיך אין בענדין, עטלעכע טעג פריער האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג.

מען האָט גענומען צוויי טויזנט יידן, זיצן זיי נאָך און וואַרטן אין אומשלאַג־הויז, מאָרגן גייען זיי אַלע קיין אוישוויץ, זייערע וואַגאָנען זענען נאָך נישט אָנגעקומען.

איך געפין זיך דאָרט מיט אַן אויפגאַבע, אַרויסצורייסן פון דאָרט יונגע מענטשן, וואָס קאָנען צו נוץ קומען פאַר דער זעלבשוץ.

אין הויז דרייען זיך „געסטאַפּאָוצעס״, יידישע מיליץ. ביים אַרויסגנבענען אַ מענטש, ריזיקירט מען מיטן אייגענעם לעבן... דאָס האַרץ קלאַפּט און איז אין אַ כסדרדיקער אָנשטרענגונג. מען ליגט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע מיט זעקלעך און קינדער. אַלע נאַטירלעכע באַדערפענישן ווערן דערליידיקט אין די זאַלן.

אַ שרעקלעך בילד: אַ מאַסע, אַ הילפלאָזע, וואָס וויל נישט גלייבן, אַז ס׳וועט עפּעס שלעכטס פּאַסירן מיט איר...

איך גיי אַריין אין אַ צווייטן זאַל, דאָס זעלבע בילד. איך עפן אַ דריטן זאַל און זע: יידן שטייען און דאַווענען!...

איך דערנענטער זיך און באַמערק, אַז ס׳איז עפּעס נישט אַזאַ פּשוט דאַוונען ווי יעדן טאָג. עפּעס הערט זיך אַ יאָמערן פון צעבראָכענע שטימען, וואָס נעמט אַדורך. איך פרעג: וואָס איז היינט? און באַקום אַן ענטפער: „היינט איז תשעה־באב!״

כ׳בלייב שטיין אַ דערציטערטער, דאָס דאַוונען ענדיקט זיך מיט יאָמערלעך געוויין, עס וויינען אַלע. איך שטיק זיך אין טרערן, האַלט נישט אויס און לויף אַרויס...

פון דעמאָלט אָן איז נאָך צוויי מאָל געווען תשעה־באב אונטער די דייטשן. זיי האָב איך שוין אַנדערש איבערגעלעבט. זיי האָבן מיך שוין געטראָפן אין לאַגער, דאָרט וווּ ס׳זענען קיין געפילן נישט פאַראַן, דאָרט וווּ עס עקזיסטירט לעבן אָדער טויט. דאָרט האָב איך געלעבט מיט איין געדאַנק: אויסהאַלטן, דורכלעבן! שוין אַזוי פיל מאָל געשטאַנען פאַרן טויט. אפשר וועט דאָך געלונגען זיך דורכצוברעכן. און ס׳איז געשען אַ נס, איך האָב אויסגעהאַלטן און איבערגעלעבט.

און ביז איצט גייט מיר נאָך דאָס געוויין פון די יידן אין תשעה־באב אין בענדין. זיי האָבן, נעבעך, נישט געוווּסט, אַז זיי וועלן געשיקט ווערן קיין אוישוויץ, וווּ כמעט אַלע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם. (איינער פון די שארית הפליטה, „אונדזער מאָמענט״, רעגענסבורג, 5טן אויגוסט 1947, ז׳ 5).

בלוטיקער תשעה־באב אין סקאַרזשיסק

דאָס איז געווען אין סקאַרזשיסק, שבת ערב תשעה־באב, 1944.

די עפּטלינגען האָבן זיך געפונען ביי דער אַרבעט אין ווערק „צע״.

די שיסעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון לאַגער, האָט עדות געזאָגט, אַז עס פּאַסירט דאָרט עפּעס נייעס, וואָס וועט אויך אונדז נישט אויסמיידן.

קומענדיק אויף דער נאַכט פון דער אַרבעט אין די באַראַקן, האָבן מיר שוין קיין ברויט נישט באַקומען.

אויף מאָרגן, זונטיק, האָט זיך עפּעס געגרייט. אַלע האָבן אין גרויס פּחד געצי־טערט פאַרן מאָרגן.

בלויז די יידישע פּאָליציי, וואָס האָט געהאַט אַ נישט־קליינעם חלק אין די מוראַדיקע ענויים, ווען מען האָט פאַרמאַטערטע, אויסגעהונגערטע עפטלינגען געהאַלטן שעהען לאַנג אין בלאָטע, אָדער אין שניי, פאַרן איינציקן חטא, וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט מיט עטלעכע מינוט צו דער אַרבעט — אָט די דאָזיקע אויסוואורפן האָבן געוווּסט וואָס עס גרייט זיך, און אין דער זעלבער נאַכט זענען זיי, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, מיטן בלוטיקן יידישן מערדער, דעם קאָמענדאַנט אייזענבערג אין דער שפּיץ, אַנטלאָפן דורכן וואַלד, איבעררייסנדיק די שטעכל־דראָטן.

פינף אַ זייגער האָט מען געהייסן אַלעמען זיך אויסשטעלן אויפן הויף פונעם לאַגער.

עס איז אָנגעקומען אַ גרויסע מחנה רוצחים. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער און געהיטן דעם אָפענעם דורכגאַנג, דורך וועלכן די יידישע פּאָליציאַנטן זענען אַנטלאָפן.

זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די קראַנקע פון די בעטן און געהרגעט אַ גרויסע צאָל יידן.

דאָס איז געווען דער בלוטיקסטער תשעה־באב, וואָס מיר האָבן איבער־געלעבט... (שלמה אַפּעל, „אונדזער וואָרט", בראַמבערג, 2טן אויגוסט 1946, ז' 5).

די שחיטה אום תשעה־באב אין אָליק

שלמה צאַם, אַ פּאַרטיזאַן פון אָליק, איצט אין טשעלסי, מאַסס. דערציילט:

דעם 22סטן יוני 1941, נאָך דעם ווי היטלער־דייטשלאַנד איז באַפאַלן רוסלאַנד האָט אַ טויט־שרעק אַרומגענומען די רויטאַרמייער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אָליק, און זיי זענען אַנטלאָפן.

אָליק האָט געציילט 6.000 יידן. נאָך דעם ווי די היטלער־חיילות זענען באַפאַלן פּוילן אין יאָר 1939, זענען קיין אָליק געקומען העכער 2.000 יידישע פּליטים פון וואַרשע, בענדין, קאַטאָוויץ, זאַמאָשטש, לובלין, קראָקע און פון אַנדערע שטעט פון פּוילן. אַזוי, אַז דאָס שטעטל אָליק, וואָס ליגט צווישן די טייכן פּאַטילאָווקע און פּאַלאַנקע, האָט געציילט אַ 8.000 יידן.

דעם 12טן אויגוסט 1941 זענען אין שטאָט אַריינגעפאָרן 10 שווערע לאַסט־אויטאָס און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַפּעניש פון הויז צו הויז. מען האָט געשלעפּט מענער און קינדער פון 13 יאָר אָן, זאָגנדיק, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט.

נאָך דעם ווי מען האָט צוזאַמענגעבראַכט העכער אַכט הונדערט יידן, האָבן די דייטשן אויסגעוויילט אַ גרופּע יונגעלייט פון אַכצן ביז צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט און זיי אַוועקגעפירט אויפן אָליקער בית־עלמין גראָבן אַ גרויסן קבר. ווען דער קבר האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן, האָבן עטלעכע גענומען לויפן, די דייטשן האָבן זיי נאָכגעשאָסן מיט מאַשין־געווער. איך בין על פּי נס ניצול געוואָרן פון פייער, און ליגנדיק אין אַ קוסטע פון וויינפּערלעך, האָב איך געזען ווי מוראדיק די דייטשן האָבן דערשאָסן אַלע יונגעלייט. שפּעטער האָט מען די לאַסטאויטאָס אויסגעליידיקט אין קבר אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שווערע לאַסטאויטאָס זענען געווען פאַרבאַרגענע גאַזקאַמערן. די דייטשן האָבן דאָרט פאַרגאַזט אַכט הונדערט יידן און זיי געבראַכט צו דעם ברודער־קבר.

תשעה־באב 1941 איז פאָרגעקומען דאָס צווייטע כאַפּעניש. 56 בחורים זענען געכאַפּט געוואָרן קיין קיִעוו בויען דאָרט אַ בריק. נאָך 3 וואָכן אַרבעטן זענען

55 מאַן אויסגעגאַנגען פון הונגער און איין פּליט, נחמן רימער, איז געקומען צוריק, פאַרשטעלט ווי אַן אוקראַיִנער און מיר איבערגעגעבן די שוידערלעכע פּרטים.

נישט געקוקט, וואָס יונג און אַלט פלעגן יעדן טאָג גיין צו דער צוואַנגס־אַרבעט, זענען פאַרגעקומען נאָך 4 כאַפּעניש.

תשעה־באב 1942 האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט פון מיין פאַרטיזאַנקע קיין אַליק, אין געטאָ אַריין. אין אַ חרובער שול זענען געזעסן יונג און אַלט אויף דער ערד און דוד חיים, גערופן דוד וועלוולס, האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „איכה".

וויסנדיק, אַז איך פיר אָן אין די וועלדער מיט אַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע פון 42 קעמפער, האָבן זיי זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי איך האָב געוואָגט זיך אַריינצורייסן אין געטאָ, (מיין קומען אין געטאָ האָט געהאַט פאַר אַ ציל אַרויסצונעמען נאָך 160 מאַן). מען האָט מיך מכבד געווען צו זאָגן „אני הגבר"...

פיר אַ זייגער פאַר טאָג איז דאָס געטאָ שוין געווען אַרומגערינגלט פון צענדליקער דייטשן און הונדערטער אוקראַיִנער מיט אויטאָמאַטישע ביקסן.

דעם זעלבן טאָג איז אַריינגעקומען דער דייטשער זאָנענפירער מיט אַ מעל־דונג, אַז דער אַליקער געטאָ ווערט איבערגעזידלט קיין טראַכנבראָד, 22 קילאָמעטער פון אַליק. 7 אַ זייגער דאַרף מען מאַרשירן. ווער עס וועט בלייבן אין געטאָ וועט ווערן דערשאָסן.

פּינקטלעך 7 אַ זייגער האָט מען אָנגעהויבן מאַרשירן אין גרויסן שלאָס אַריין פון פירשט ראַדזיוויל. דאָרט האָט מען די יידן געהאַלטן פיר טעג אָן עסן, אָן אַ טראָפּן וואַסער. דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגעפירט צו 40 מאַן, צום גרויסן קבר־אחים און זיי דאָרט דערשאָסן. די קולות „שמע ישראל" האָבן זיך געריסן עד לב השמים.

ווען איך האָב שפּעטער זיך געטראָפן מיט פאַרטיזאַנער אין די וועלדער, ווו מיר האָבן געקעמפט און נקמה גענומען פאַר דעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט, האָב איך זיך דערוווּסט פון עדי־ראיה, אַז דעם זעלבן תשעה־באב תש"ב — 1942 איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אין קלעוואַן, דעראַזשנע, קיווערצע און לוצק. אַזוי אַרום איז פאַר אַ סך שטעט דער דאָזיקער תשעה־באב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דריטן יידישן חורבן. (פון אַ גבית עדות פון געוועזענעם פאַרטיזאַן שלמה צאַם, טשעלסי, מאַסס.).

אַ טאָג נאָך תשעה־באב אין דערעטשין

געשען איז עס צען טעג אין אָב, אין יאָר 1942.

עס איז אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק, הגם ס'איז געווען פאַרבאָטן צו דאַוונען, זענען דאָך די יידן זיך צוזאַמענגעקומען תשעה־באב אין די קעלערס און געזאָגט די קינות.

מען האָט געווײנט אויף דעם חורבן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און אויף דעם איצטיקן חורבן.

נאָך דער נאַכט פון תשעה־באב, ווען עס האָט גענומען ווערן טאָג, האָט די געסטאַפּאָ, צוזאַמען מיט אוקראַ:נישע און ליטווישע פּאָליציי, אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און אָנגעהויבן צו שיסן.

די יידן זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די גריבער, וואָס זיי האָבן פרי:ער צוגעגרייט, אָבער די דייטשן מיט דער פּאָליציי האָבן אַרויסגעשלעפּט די יידן פון די גריבער, זיי געפירט אויפן שולהויף, און אַ טייל אויף בליזאַנסקעס פעלדער, און זיי דערהרגעט דורך ביקסן און האַנט־גראַנאַטן. דאָס געטאָ האָבן זיי אונטערגעצונדן.

די קולות און יללות האָט מען געקאָנט הערן אויף מיילן ווייט.

אַ טייל זענען באַגראָבן געוואָרן אין דריי קברים און אַנדערע ליגן אין זעקס קברים אויף די בליזאַנסקעס פעלדער.

אַ קליינער צאָל איז געלונגען זיך צו ראַטעווען און אויך צו נעמען נקמה אָן די מערדער.

די געראַטעוועטע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּאַרטיזאַנער און צוויי וואָכן נאָך דער שחיטה איז אַ גרופּע אַריין אין דערעטשין און אויסגעהרגעט דעם גאַנצן גאַרניזאָן דייטשן, צוגענומען דאָס געווער, אונטערגעצונדן דאָס שטעטל און צוריק אַוועק אין וואַלד... ((פון אַ בריוו אין „פאָרווערטס״, 31סטן מערץ 1946).

תשעה־באב אינעם וואַרשעווער געטאָ

דער אָוונט פאַלט צו. איך גיי אַהיים. איך גיי דורך אונדזער הויף־שולכל (צוליב דער סכנה אַרויסצוגיין אָפּט אויף דער גאַס איז אין יעדער הויז כמעט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מנין). איך קום אַריין. אַ צוויי צענדליק מענטשן זיצן אויף איבערגעקערטע בענק נעבן דער ערד. תשעה־באב היינט.

שוואַכע קליינע פלעמלעך פון צוויי גוססדיקע ליכטלעך וואַרפן אומהיימלעכע שאָטנס אויף דעם קליינעם שטיבל און אויף די מענטשן. זיי זיצן איינגעבויגן, שטום, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און די אויגן קוקן אין ערגעץ אָן אומבאַקאַנטער ווייטקייט. מיר מאַכן אויף דאָס ספר, דאָס אייביקע ספר: תנ״ך. איינער הייבט אָן צו לייענען מיט דעם אוראַלטן ניגון, מיט דעם ניגון פון אונדזערע אורעלטערן, פון יענע אפשר, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ירושלים, מיט דעם ניגון, אין וועלכן ס׳זענען איינגעזאַפּט טרערן און זיפצן פון דורות:

איכה...

יעדער דור האָט זיין איכה. אָבער אונדזער איכה קלינגט היינט גאַנץ אַנ־דערש. אפשר ווי נאָך קיין מאָל נישט אין דער יידישער געשיכטע. אפשר אונדזער לעצטער איכה.

„איכה ישבה בדד העיר רבתי עם". ווי אַליין, ווי איינזאַם זענען מיר היינט. „אין לה מנחם מכל אהביה, כל רעיה בגדו בה", ווי ווייטיקלעך שפּירן מיר דאָס היינט. „כל רדפיה השיגוה בין המצרים". „היו צריה לראש". „בנפל עמה ביד צר, ואין עוזר לה, ראוה צרים שחקו על משבתה". קראתי למאהבי המה רימוני". ווי טראַגיש אַקטועל זענען היינט די דאָזיקע אוראַלטע ווערטער. גלייך ווי היינט געשריבן געוואָרן אויף אונדזער אומגליק, וועלכעס איז גרעסער פון יענעם חורבן.

דעמאָלט, צוריק מיט 1872 יאָר, האָט זיך עס אָנגעהויבן, און היינט איז דאָס לעצטע רינגעלע פון דער קייט, דער סוף.

זיצן מיר אָט דאָ, וואַרשעווער יידן, די נאָכקומער פון יענע פּאַרטריבענע, פון זייער אייגענער היים באַרויבטע, און באַוויינען יענע קאַטאַסטראָפע, באַוויינען די אייגענע, דעם חורבן פון דער עיר ואם בישׂראל וואַרשע, פון דעם גרעסטן און לעבעדיקסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע. באַוויינען דעם אייגענעם גורל, דעם גורל פון פאָלק אָן אַ לאַנד אין די הענט פון שרעקלעכן שׂונא — אַרומגערינגלט פון אַנדערע שׂונאים — און פאַראורטיילט צום פאַרניכטן. זיצן מיר און באַוויינען יענעם חורבן בית־המקדש און אונדזער חורבן פון אַ לעבן פול מיט פּיין, אָבער אויך פון שאַפונגען, מעגלעכקייטן, האָפענונגען און טרוימען; טרוימען — וואָס קיין מאָל וועלן זיי שוין נישט פאַרווירקלעכט ווערן; באַוויינען מיר אַ לעבן אַ רייכס, בלי‌ענדיקס און וואַקסנדיקס — טראָץ אַלע אונטערדריקונגען — וואָס דער שׂונא גייט איצט מאַכן אַ סוף דערפון. איכה?... (ד״ר הלל זיידמאַן: „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס 1947, ז״ז 42 — 43).

זוכצעטל פון רביים און רבנים

אַלגעמיינער זוכצעטל

נעמען פון ערטער

נעמען פון ביכער און פּעריאָדיקס

זוכצעטל פון רביים און רבנים

אַדלער סיני, הרב — 59, 258, 319
אונגער שמואל דוד, הרב — 125
אָזשינסקי בנימין, הרב — 10, 113 א״וו, 269
אייגער עקיבא, הרב — 292
אייגער שלמה, לובלינער רבי — 105
אלבערג, דיין — 42
אַלטער נחמיה, הרב — 292
אָסאָווסקי זלמן, הרב — 7
אשרי אפרים, הרב — 20, 119, 179

באַקשט אַהרן, הרב — 12
באַרנשטיין אַהרן, הרב — 292
בייגעל, הרב — 89
ביעליצקי, הרב — 10
בלאָך אברהם יצחק, הרב — 11, 113
בעער, הרב — 288
בעק לעאָ, הרב — 124
בערעק, הרבנית — 89
בערקאָוויטש, הרבנית — 89
ברוידא, הרב — 10
בריקמאַן יעקב יוסף, הרב — 14

גאַברי חנוך, הרב — 177
גאָלדשלאַג, הרב — 288
גאָסטינינער רב — 150
גוטמאַן, הרב — 10, 118
גיטעלעוויטש שמחה, הרב — 9
גירשט י.ל., הרב — 146, 190 א״וו
גראָדזענסקי אַברהם, ראש־ישיבה — 8, 10
גראָדזענסקי חיים עוזר, הרב — 108 א״וו
גרינבערג מאיר, הרב — 22
גרינוואַלד יעקב, הרב — 124

דאָמב משה דוד, הרב — 292
דאַנציגער אַברהם יצחק, ברודער פון אַלעקסאַנדער רבין — 65
דאַנציגער יוסף חיים, הרב — 165
דערעצין, הרבנית — 89

האַלבערשטאַם חנה, קאַלאָשיצער רבי — 92, 95, 339 א״וו
האָפשטיין אַהרעלע, קאָזשעניצער רבי — 243
האָראָוויץ אַלטערל, דזשיקאָווער רבי — 280
האָראָוויץ נפתלי, ראָפּשיצער רבי — 356
האָראָוויץ ראובן, הרב — 105, 287
הורוויץ ברוך, שוחט — 13
הורוויץ שרגא פייוול, הרב — 7
הערצאָג יצחק אייזיק הלוי, הרב — 16

וואַסערמאַן אלחנן, ראש ישיבה — 7, 111
וואָלבראָמסקי ירחמיאל, הרב — 148
וויזשניצער רביצין — 280
וויינבערג אַברהם, הרב — 100 א״וו
וויינבערג שלמהלע (דוד, יהושע), סלאָנימער רבי — 275 א״וו
וויינבערגער אַלטער, הרב — 21, 22, 23
ווייס משה, הרב — 292
ווייסמאַנדל מיכל דוב, הרב — 125 א״וו, 222
ווערבאָווסקי נחום מרדכי, הרב — 20
ווערזבלאָווסקי דוד, הרב — 8, 118

זאַכוויסטאָווער רב — 317
זיטזאָמער פסח, הרב — 13

זילבערבערג, הרב — 298
זילמאַן אברהם, הרב — 147
זעמבאַ יצחק, הרב — 120, 288
זעמבאַ מנחם, הרב — 5, 6, 100, 165, 248 א״וו, 288
זעמעלמאַן, הרב — 6, 105, 288

טאַמאַשאָוו משה בנימין, הרב — 123
טריסצינער, הרב — 10

יאַקובאָוויטש שלמה, הרב — 292
יאַקאָבסאָן, הרב — 90
יאַקאָבסאָן יעקב, הרב — 108
ידידאָוויטש, הרב — 90
יעקב שלמה, ראש ישיבה — 111

לאַנדאַ לייב, הרב — 101
לאַנדוי, הרב, קענטער רב — 61, 154
לאַנדוי, הרב — 90
לאַסקי שמואל דוד, הרב — 147, 292
לאַסקאָווסקי אליהו, הרב — 86, 87
לובינסקי חיים פנחס, הרב — 224, 225
ליבערמאַן יצחק, הרב — 38
ליבערמאַן שאול, הרב — 123
ליפשיץ אלעזר, הרב — 292
ליפשיץ יוחנן, הרב — 292
ליפשיץ מרדכי, הרב — 110
לענטשינסקי מענדל, דיין — 73

מאַנצער שלמה, הרב — 10
מאַסט חיים, הרב — 9, 10
מאַראַק שמואל, הרב — 112, 119, 230
מאַרגנשטערן בנימין, סאָקאָלאָווער רבי — 289
מאַרקוס, הרב — 108
מה יפית, הרב — 9, 10
מגיד קלמן, הרב — 20
מייזליש צבי הירש, הרב — 159, א״וו, 226, 234
מייזעלס, הרב — 39
מייזעלש אליעזר יצחק, הרב — 288
מיפה אברהם, הרב — 20
משולם ברוך, הרב — 222

נאַכומאָווסקי, דיין — 12
נויווירט אהרן, הרב ד״ר — 76, 77

סופר שמעון, הרב — 180
סטערבוים בונים, הרב — 292
סיטמאַן אברהם, הרב — 292
סלאַדזינסקי, הרב — 108
סניעג שמואל אבא, הרב — 10, 112 א״וו
סעגאַל, הרב — 145

עפשטיין, הרבנית — 89

פאַגראַמאַנסקי מרדכי, הרב — 116
פלאַצקי מאיר דן, הרב — 86
פיעטריקאָווער רבי — 315
פערלמאַן, הרב — 10
פערמוט זלמן, הרב — 10, 116
פערלאָוו, הרבנית — 89
פערסאָן אלחנן, הרב — 8, 112 א״וו, 134, 230, 269, 297
פערקאַל משה, דיין — 12, 13

פיינער יוסף, הרב — 292
פישהאָף הירשל, הרב — 292
פליישהאַקער אלי, הרב — 292
פרומער אריה לייב, הרב — 100 א״וו
פרידינגער מ., אויבער־ראַבינער פון דע־נעמאַרק — 137
פרענקל אלימלך, הרב — 18
פרענקל יהושע, הרב — 17, 18
פרענקל, הרב — 184

צוקערמאַן, הרב — 117 א״וו

קאַסעל, הרב — 117 א״וו
קאַפעל, הרב — 326
קאַרניצער שמואל, הרב — 23
קרילאָווער רב — 24, 25
קרימער, הרב — 10, 117

ראַבינאָוויטש פישל, הרב — 147
ראַבינאָוויטש, הרב — 12
ראַבינאָוויטש חיים, הרב — 32
ראַבינאָוויץ נתן נטע, קרימאַלאָווער רבי — 17
ראַבלע שמואל, הרב — 110
ראַדאָשיצער רבי — 32, 317
ראַזין פייוול, הרב — 117 א״וו
ראַזמוטער מענדל, הרב — 147

ראַפּאָפּאָרט שבתי, הרב — 23
רובין חיים יחיאל, דאָמבראָווער רבי — 135
רייז, הרבנית — 90
רייך יוסף, דיין — 31
ריף ישׂראל, הרב — 178

שאַפּיראָ דוד, הרב — 5, 6, 10, 118, 250 א״וו
שאַפּיראָ ישׂראל, בלאָזשעווער רבי — 24, 38
שאַפּיראָ ישׂראל, גראָדזשיסקער רבי — 15, 16
שוב., הרבנית — 89
שטאָקהאַמער שמשון, הרב — 5, 6, 248
שטיין זלמן, הרב — 111
שטיינפעלד תנחום, הרב — 118
שלאַפּאָבערסקי, הרב — 10, 116 א״וו
שמוקלער שמואל יעקב, הרב — 297
שפּיראָ קלונימוס קלמן, פּיאַסעטשנער רבי — 35, 106, 166 א״וו, 269 א״וו, 288
שפּירא, דיין — 42
שקאָרוטע משה, הרב — 9, 10

אַלגעמיינער זוכצעטל

אַבראַמאָוויטש־אַרנון דבורה — 280
אַבראַמאָוויטש, אַדוו. — 12
אביעזר ב. — 121
אברהם אליהו — 274
אהרן מתתיהו — 84, 85
אובדן שלמה מאיר — 43
אויסטער זהבה — 343
אונגער אליעזר — 48, 58, 180, 356
אונגער מנשה — 32, 245, 277, 280, 289, 342
אונגער שלום משה — 127
אונסדאָרפער ש.ב. — 254
אַבעלאָוו ברידער — 119
אידלסאָן — 221
איזלער משה — 94
איטשע־מאָטל פון מלאווע — 205 א״וו, 309 א״וו
ר׳ איטשע דיין — 320 א״וו
איידעלזאָן יוסף — 174
אייזיקזאָן — 272
אייזנער יצחק — 43, 165
אייזענבערג ישראל — 43
אייזענשטאַט דוד — 165
אייזענשטאַט מאַרישאַ — 165
אינטעריליגאַטאָר — 118
ר׳ איצעלע — 66 א״וו
אַלבער — 245
אַלטוסקי צבי — 290
אַלטוסקי (פּאַטער) — 290
אַלטער לייבל — 105
אַלטער מאיר — 165
אַלטשוביש — 167
אליאב מרדכי — 287
אַלייסקי יעקב — 119
אַלעווסקי רפאל — 352
אַלעקסאַנדראָוויטש, ברידער — 152
אַלשינסקי — 197 א״וו
אַניעלעוויטש מרדכי — 288
אַנסבאַכער מרדכי — 246
אַסטראָווסקי שרה — 314
אסתר חיה דודס — 346
אַפּעל שלמה — 359
אַפּן מאיר — 57
אַרבאַך אריה — 251
אַרטמאַן יהושע — 322
אַריאל יהודה — 229
אַריאַן יהודה לייב — 228 א״וו
אַרלאָווסקי בערל — 52
אַרלאַנסקי רייזל — 89
אַרלינסקי לייב — 115
אַרלעאַן א.ל. 100 א״וו
אַרענשטיין בנימין — 150 א״וו, 245 א״וו, 232 א״וו

באַהאַריע נתן — 105
באַלאַבאַן מאיר, פּראָפ׳ — 100
באַלאַבאַן פּעסל — 123
באַלבערישסקי מ. — 195
באַלדינגער שמואל — 70, 72,
באַרוכאָוויטש משה — 74
באַרנשטיין יחזקאל — 110 א״וו
באַרנשטיין ישראל — 221
באַש יאַנקל — 65
בהיר משה — 211 א״וו
בורשטיין מיכלה — 343
בזשעסקי קאַזשימיעזש — 244
ביאַליק חיים נחמן — 350 א״וו, 357
ביאַליסטאָקער יאָסל — 90

ביטשיק אשר — 334
בירנבוים — 301
בירנבוים („סטאַשעק") — 288
בלאַך יצחק — 10, 11, 248
בלאַך — 250
בלומענטאַל נחמן — 176
בלעכמאַן בנימין — 269
בן יהודה אפרים — 322
ר' בנימין — 320
בעבאַ — 240
בעלבינגער — 105
בעלסקי טביה — 331 א"וו
בענדעט משה — 119
בענצי — 254
בערגלאַס ישראל אהרן — 70, 72, 94
בערגמאַן פייגע פעסל — 52, 53, 177
בעריש לייבעלע — 304 א"וו
בערלזאַן יחזקאל — 59
בערלין חיים — 123
בערנשטיין לעאָן — 109
בערנשטיין משה — 59
בערעק אהרן — 110
בערקאָוויטש — 89
בערקאָוויטש משה — 332
בראָוו יעקב — 71, 72
בראַכפעלד מענדל — 79, 81, 232
בראַכפעלד משה — 79
בראַנערביילע — 72
בראַנער ברוך — 94
בראַנער הערש — 72
בראַנער חיים מאיר — 70
בראַנער חנה — 72
בראַנער יעקב — 72
בראַנער ישראל — 72
בראַנער שרה — 72
ברוידא כתריאל — 252
בריינדל פון פינסק — 89
ברין אשר — 350
ברכה און די שוועסטער פון ביאַליסטאָק — 89

גאָטליב מרים גיטל — 71
גאָלדבלום, ד"ר — 25
גאָלדבערג אליעזר — 221, 267
גאָלדבערג מענדל — 237
גאָלדפאַרב ישראל — 134
גאָלדפישער — 71
גאָלוב אברהם — 119
גאָפּאָנאָוויץ מאָטל — 118
גאָפּאָנאָוויץ משה מיכל — 117 א"וו
גאַרבאַן מאיר — 347
גאַרמיזע צבי — 241
גאַרפינקעל וואָלף — 221, 335
גאַרפינקעל זאב — 326 א"וו
גאַרפינקעל ל. — 65, 190
גוזשיק — 13
גוטגעלט לוי — 165
גיבראַלטער אַלטער — 116
גורוויץ אַהרן — 116
גיבראַלטער אַלטער — 116
גייפּמאַן ליאָווע — 218
גילדענמאַן מ. — 156, 219, 349
גירשאָוויטש נחום — 119
גליק הירש — 251 א"וו
גליקסמאַן וו. — 136, 202 א"וו, 257, 350
געלבאַרד אברהם — 65
געלבאַרט ברוך — 75
גערשטענגאַרן יאַניע — 347
געשטנער נענדעלע — 306
גפן שלמה — 48
גראָדזענסקי אברהם — 10, 111 א"וו
גראָז יהושע — 110
גראָס פייוול — 71
גראָסמאַן אלי' — 54
גראָסמאַן משה — 228
גראָספעלד איזידאָר — 165
גראָף משה — 179
גרובער משה — 304
גרייעק חיים דוד — 317
גרינבערג — 240
גרינהויז שמואל — 119
גרינוואַלד — 255
גרינקרויט י. — 156

דאַניק יעקב — 180, 198 א"וו, 231
דאַנציגער ראובן — 115
דאָסקאַל — 85
דאָסקאַל רבקה — 85
דוביאַנסקי שמעון — 10
דוואָרזשעצקי מאַרק, ד"ר — 52, 56, 108, 134, 170 א"וו, 192, 221, 240, 251 א"וו, 266 א"וו, 294, 342

דוכאָווני מ. — 26
דירעקטאָראָוויטש, ד״ר — 28

האָבער פּיניע — 54
האַלבערשטאַט לייב — 88
האַמעלבורג ש. — 75, 77
האַנדלסמאַן יצחק — 301
האַניגמאַן שמואל — 84
הובערבאַנד קלמן — 167
הירש יעקב ש. — 77
הירש שמשון רפאל — 107
הירשהויט י. — 167 א״וו
העלמאַן — 139
העלער — 28
העלער אשר (אַלכסנדר), ד״ר — 31
הענדל אַברהם — 16 א״וו, 36, 65, 269, 288 א״וו
הענדעלעס בנימין זאב — 105
הענדעלעס (זון) — 104 א״וו
הערץ חיים — 348
הערץ פּנחס — 106
הערצל טעאָדאָר — 350 א״וו

וואָגשאַל קלמן — 72
וואַדערמאַן נפתלי — 110
וואַלאַך יעקב, ד״ר — 218
וואַלמאַן משה — 324
וואַסערמאַן וואָלף — 218
וואַסערמאַן פּנחס — 165
וואַרשעווער אַברהם — 101
ווידער אהרן — 80
וויינטרויב — 117
ווייס־הלבני דוד, פּראָפ׳ — 122 א״וו
ווייס יוסף (יעזשי) — 39, 204 א״וו, 309
ווייס רעסקאַ — 193
ווייסבערג יוסף — 188 א״וו
ווייסבראָד אַברהם — 224
ווייץ הערשל — 29
וויכנעס מאָטל — 346
ווילהעלמינאַ, קעניגין — 75
ווינער מאָטעס — 102
וויערניק שמואל — 345
וויץ ישראל — 240

זאַגורניק אהרן — 27
זאַיאָנץ מלכה — 314
זאַכאַרין, ד״ר — 268
זאַלטע בעריש — 187
זאַנדבערג ישעיה — 47, 57, 138, 139
זאַפּראַן אליעזר — 347
זאַק אברהם — 163 א״וו
זאַר משה — 118
זוסמאַן (אַקסנהענדלער) רבקה — 301
זיגמאַן אסתר — 344
זיידמאַן הלל, ד״ר — 7, 27, 34, 44, 46, 68, 103, 164 א״וו, 288, 362
זיידען אַהרן — 39
זילבערבערג כאַלעוואַ י. — 137, 245, 351
זילבערבערג נפתלי — 251
זילבערבערג צבי — 288
זימאַן ירחמיאל — 115
זינגער אַברהם — 199
זיסמאַן פייוול — 118
זלאָטאָלאָוו מ., ד״ר — 207 א״וו, 313
זעלווין (זעלדין?) יעקב — 90
זעמבאַ אַברהם — 120
זעמבאַ „אַדעק״ — 288
זעמבאַ אַהרן — 105
זשיד מאַריאַן — 6
חביב־דיין יעקב — 169
חביב רפאל — 168
חיים איצע, מנקר — 346
חמיאל יהודה — 195 א״וו
חרמץ ק. — 291

טאַבאַקבלאַט ישראל — 319 א״וו
טאַלער הירש יעקב — 94
„טאַשיאַ״ — 288
טווערסקי אַברהם — 36
טווערסקי אַהרן — 310 א״וו
טורנער חיים — 83
טוכמינץ־האַלבערשטאַט דבורה — 88
טירקאָוויץ מינע — 319
טענענבוים יוסף — 288
טענענבוים מ. — 46
טעפּער יצחק — 69, 70
טעפּער נעכע — 69
טראַקענהיים יעקב — 288
טרונק ישעיה — 75, 84, 107, 145 א״וו, 292 א״וו
טשערניאַקאָוו אַדאַם — 100

יאָסני א. וואָלף — 148
יאָקעלאָוויטש יעקל — 247
יוואַניסקאַ שׂרה — 314 א״וו
יערעט יונה — 254
יפה חיים יצחק — 115
ירושלמי אליהו, ד״ר — 296
ישׂראל קצב — 306

כאַטין ש. — 17
כאַניסמאַן דן — 84
כאַניסמאַן חיים — 84
כאַלעוואַ־גוטקין שולמית — 244
כץ־קיבל גאָלדע — 79

לאַנגזאַם שׂמחה — 342
לאַנגלעבן אַהרן, ד״ר — 48
לאַנגער מרדכי — 48
לאַנדוי וואָלף — 165
לאַסקאָווסקי ישׂראל הירש — 86, 87
לאַפּיאַנסקי בן־ציון — 119
לאַפּיאַנסקי הירשל — 119
לאַר דוד — 222 א״וו
לאַרבערבוים אייזיק — 84
לובאַטשאַנסקי ישׂראל יעקב — 110 א״וו
לודמירער פישל — 303 א״וו
לוואָוו דוד — 42
לוסטמאַן — 31
ליבמאַן גרשון — 109
ליבערמאַן חיים — 19
ליבערמאַן דוד — 35
לייבאָוויטש מענדל — 28
לייזערסאָן יענטע — 66
לייכטער, ד״ר — 23
ליס קלמן — 245
ליפּין — 62
ליפשיץ ירחמיאל — 52
ליפשיץ מאַריץ — 252
ליפשיץ שמואל — 224
לעוו בצלאל — 71
לעוויטאַן, הרבנית — 89
לעווין דוד — 118
לעווינבוך ז., ד״ר — 270 א״וו, 276 א״וו
לעווקאָוויץ ליפאַ — 80
לערמאַן שמואל יאָסל — 134
לערנער רחל — 328

מאַדלינער — 323
מאיר שמואל — 23
מאירוביץ אַהרן — 158, 225
מאירל מלמד — 347
מאַלץ — 29
מאַן עקיבא — 161
מאַנטשיק יעקב — 325 א״וו
מאַניע — 273
מאַרקוס אַהרן — 24
מאַרקמאַן גרישע — 252
מידלאַרסקי אברהם — 157
מיזלער הענעך — 70, 71
מייזיל יעקב — 176
מייזיל נחמן — 176
מייזליש זלמן לייב — 159
מייטנער חוה — 330
מייראַנץ א. — 64, 68
מיכל יוחנן — 198
מיכל קצב — 346
מילער שמריה — 112
מינץ בנימין — 51
מלכהלע — 89
מלמד יעקב — 297
מעין־מגיצבערג קלאַראַ — 140
מעכטיקער — 156
מעשנגיסער אַברהם — 73
משה בן אַברהם — 168

נאַבאַרשטשיק־ניעבאַשטשיק — 108 א״וו
נאַטאַנזאָן מישאַ — 252
נאַכומאָווסקי לייב, ד״ר — 272
נויווירט יהושע ישעיה — 76, 77
נחומצע — 322
ניגער ש. — 39
נייבאַרט שׂרה — 94
ניסענהאָלץ אַברהם — 243
נשמית שׂרה — 253

סאָלאָווייטשיק, ד״ר — 35
סגל שמעון — 112, 119
סויפער א. — 303
סוצקעווער אַברהם — 51, 109
סטאַראָווינסקי — 165
סטאַראָביניעץ שושנה — 89
סטאָלניץ נחמן — 174
סטראָוטשינסקי אָסקאַר — 60

סיראָטאָ גרשון — 164
סלאָוויטשער מרדכי יאַנקל — 134
סליווקין מאיר — 252
סעמיאַטיצקי חיים — 90
סענדעראָוויטש יעקב — 149 א״וו
סעראָקע — 63
סקורניק יעקב — 54

ר׳ עזריאל — 84, 85
עמער שמואל נחום — 339
עפּשטיין דוד משה — 71

פּאַטינסקי יצחק — 111
פּאַטינסקי קאָפּל — 111
פּאָליאַקאָוו גיטל — 334
פּאָליאַקעוויטש משה — 284
פּאָליאַקעוויטש שמחה — 134
פּאַסמענטע יונה — 157
פּאַרנאַס הערשקע וואָלף — 24
פּודלאָווסקי זלמן — 179
פּודערבייטל חיים ברוך — 29, 71, 92
פּולטאַראַק ישׂראל איסר — 156
פּינקאָוויטש לייבל — 238, 350
פּיסטינער אפרים — 158
ר׳ פּלטיאל — 332
פּסח — 323
פּערל דוד — 219
פּערל חיים ישׂראל — 84, 85
פּראַגער משה — 17, 45, 55, 56, 58, 74, 224, 238, 275, 298, 323, 350
פּריוועס הדסה — 197

פאָגעל — 288
פאָגעלמאַן זהבה — 182
פאַלמאַן — 165
פאַקסמאַן יוסף — 91
פאַקעלנישקי דוד — 116
פאַרבער — 63
פויסט יוסף — 299
פוקס — 207
פיטשו דוד — 169
פייגעלע דעם רבס — 89, 90, 91
פייגלשטיין יצחק — 158
פיילער משה — 232
פיינזילבער אלימלך — 89
פיינמעסער — 249
פילער — 23
פינקעל אַברהם — 32
פינקעלשטיין — 123
פינקעלקרויט — 288
פישאָץ יוסף — 221
פישהאָף — 246, 275
פישלזאָן יהושע — 26
פישער יהודית — 244
פלוימענבוים משה — 316
פלינקער משה — 253 א״וו
פעלדוועבל אַברהם — 105
פעלדמאַן דאַזיע — 60
פעלדמאַן דוד — 345
פעלדמאַן יעקב — 59, 60
פעלדשטיין צמח, ד״ר — 174
פענסטער הערש — 324
פערדערבער־זאַלץ בערטאַ — 61, 83, 96, 140, 154, 318
פרומער לייב — 288
פרידמאַן בערל — 117, 269, 297
פרידמאַן זושא — 36, 100 א״וו
פרידמאַן יקותיאל — 111
פראַנקענטאַל יואל — 248
פרידהיים, אדוו. — 248
פרידמאַן משה — 314
פרידמאַן פיליפּ, ד״ר — 24, 203 א״וו, 259
פרידענזאָן א.ג. — 288
פרידריך מאיר — 23
פרענקל־זאַלצמאַן פּסיה — 300
פרענקל יעקב — 275
פרענקל סענדער — 105
פרעשל טוביה — 78

צאָם שלמה — 56, 359
צאַנגער — 29
צוקערמאַן — 252
צוקערמאַן הערשל — 228
צייטלין אלחנן — 34
צייטלין הלל — 33, 34
צימעטבוים מנשה — 41

קאָהאַן מאַרעק — 303 א״וו
קאָהאַן, פּרוי — 117, 268
קאַט סרולקע — 213
קאַטליאַנסקי יוסף — 307 א״וו
קאַטשערגינסקי ש. — 159, 230, 252

קאַלוסקי יהושע — 15
קאַלמאַנאָוויטש ז. — 229 א״וו, 252
קאַלסקי אברהם יעקב — 182, 225, 316
קאַמינגשטיין רייזל — 343
קאַמפּעל חנה — 203 א״וו, 259
קאַנאַפּין יהודה — 331 א״וו
קאַניעצפּאָלסקי אברהמטשע — 156
קאַנער שלמה — 101
קאַסאָווער מיכאל — 15
קאַפּלאַן סאַלאָמאָן, ד״ר — 272
קאַפּל שוחט — 334
קאַפּנער דוד־אלימלך — 105
קאַץ — 252
קאַראַנזס ק., ד״ר — 62
קאַרטן חיים — 64
קאַרטשאַק רוזשקע — 295 א״וו
קאַרן חיים יואל — 42
קאַרניקס יצחק — 109
קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק רבקה — 88
קוזשמער מרדכי — 22
קוטנער ישראל יוסף — 333 א״וו
קוטשינסקי עזריאל — 13, 299
קויפמאַן שמואל — 185 א״וו
קופּערבערג פרידע גיטל — 69
קורץ יעקב — 41, 155
קיבל זאב — 279
קירשנבוים מנחם — 288
קירשנבוים נח — 94
קלאַרמאַן מאיר — 13
קלויזנער יוסף — 93
קלויזנער ישראל, ד״ר — 51
קליינמאַן י.ז. — 209
קלישעלער אַברהם — 116
קעמפּלער שמעון — 42
קעניגסבערג יוסף — 288
קעסל משה אבא — 56
קראַנצבערג בוזיע — 347
קראַסנאָסטאָווסקי משה — 218
קרוק הערמאַן — 110, 159, 172 א״וו, 221, 239, 266 א״וו, 293 א״וו

ראַבינאָוויץ — 169
ראַגאָוואַי א.מ. — 101, 285
ראַגאָווי בערל — 324
ראַדאַל, ברידער — 288
ראַדאַשינסקאַ־לעוו איטאַ — 88
ראַז הירשל — 240
ראָזענבלאַט, ד״ר — 176
ראָזענבלאַט גד — 197 א״וו
ראָזענבלום אַברהם — 13
ראָזענצווייג משה — 161
ראָזענקראַנץ יהושע — 53
ראָזענשטרייך אליעזר — 105
ראָזענשטרייך חיים — 101
ראָזענשטרייך מאַנעס — 104 א״וו
ראַטענבערג י. — 203
ראַכמאַן לייב — 138
ראַסקין לייב — 87
ראַפּאַלאָוויטש פּנחס — 69, 157
רוט — 89
רויטמאַן פּנחס — 326
ריבאַק יעקעלע — 304
ריגער וואָלף — 71, 72
רייז לאה — 89
רייזנער רפאל — 309, 318
רייפער בן־ציון — 18
רימער נחמן — 360
רינגעלבלום עמנואל — 342
רישל — 89
רעסלער יעקב — 71

שאַליט לוי — 11, 28, 201, 241
שאַפּיראָ אליהו — 117, 268, 297
שאַפּיראָ לאהקע — 348
שאַפּיראָ מאיר — 252
שאַפּיראָ מאַרעק — 252
שאַפּיראָ משה — 115
שאַפּיראָ פּימע — 252
שאַפּער חיים — 118
שאַפּער ר. — 117
שאַפּראַן דוד — 43
שאַרף שלמה — 194
שוב משה זלמן — 119
שוב שלום — 90
שוואַרץ אלימלך הכהן — 147
שוואַרץ ב. — 63
שוואַרץ יוסף — 46, 60, 71
שוואַרץ יחיאל — 156
שוואַרץ סוסיל — 343
שוואַרץ — 227
שווייגער אברהם — 240

שולזינגער, ברידער — 32, 243, 280, 289, 342
שטאָקמאַן — 249
שטייער משה — 222
שטייער פּינטשע — 222 א״וו
שטיין מנחם, ד״ר — 100
שטיינדל שאול — 344
שטיינמאַן יצחק — 32
שטיק ב. — 184
שטערנבערג מאיר — 18
שטראַס ברוך — 110
שטשעראַנסקי יוסף — 288
שיינבערג ניסיע — 272
שיינזאָן דוב — 240
שיכער יאָסל — 347
שיפּער יצחק, ד״ר — 100
שלוגלייט, ד״ר — 345
שלום־עליכם — 176
שלעזינגער — 29
שמידט משה — 70
שמידט צבי — 70
שמידט שלמה — 28, 31, 69, 72, 92, 94, 95, 148, 299 א״וו
שמידט־ראַפּאָפּאָרט חיה — 31, 72, 148
שקאַרטשיק מרדכי — 102
שרייבער ד.א. — 323
שרייבערבערג יעקב — 314

נעמען פון ערטער

אובערניק — 247
אויבער־וועסט־גירסדארף — 80
אוישוויץ (אשוויענטשים) — 23, 24, 33, 39, 78, 82, 123, 126, 135, 159 א״וו, 168, 201 א״וו, 225 א״וו, 233, 257 א״וו, 307 א״וו, 329, 350
אטוואצק — 150, 245, 332
אייכענוואלד — 279
אליק — 359
אלעקסאנדער — 12
אמסטערדאם — 75, 76, 77
אנטווערפן — 138
אסטראוויעץ — 20
אסטראווצע — 122
אסטראלענקע — 195
אקמיאן — 20
ארענשטין — 352

באבעוו — 94
באדזין — 120
באנסקא־ביסטריצא — 127
באצינעוו — 314
באראנאוויטש — 270, 275 א״וו, 303 א״וו
בארשטשיוו — 176
בודאפעשט — 284, 311
בויבערקע — 64
בוכענוואלד — 374
בוסק — 301
בורשטין — 59
בושעזשינסקי — 196
ביאלאבזשעג — 317
ביאליסטאק — 66, 109, 212
ביטשאוו — 113
בייטש — 94
ביליץ — 43
בילסקא — 352
ביסטריא — 36
ביילע באלאטא — 252
בירקענאו — 204
בלוזשין — 121
בלעכהאמער — 187
בני־ברק — 298
בעלכאטאוו — 179
בענדין — 222 א״וו, 322, 356 א״וו, 359
בערגען־בעלזען — 95, 139
בערלין — 124
בריטשאן — 17
בריסק — 89
ברעסלאו — 56, 122

גאווראווע — 67
גאלאנטא — 125
גאלדפיילץ — 120
גאסטינין — 149
גלאוונע — 86
גלאבאוו — 31
גראדזשיסק — 15, 60, 83, 152
גראיעווע — 300
גראסראזען — 79, 122
גרויס־ווארדיין — 80
גריידיק — 24
גרענאבל — 325

דאוטמערגען — 109, 120
דאכאו — 113, 200, 246, 275, 308, 335
דאלסק — 225
דאמבראוויץ — 158
דאמבראווע — 135

דוב (דיאַד) — 124
דובנע — 158
דוואַרעץ — 252
דורנאָו — 81
דעברעצין — 125
דעראַזשנע — 360
דערעטשין — 360

האַג — 254
האַלבערשטאַט — 76
האַנאָווער — 224
הומאַנאַ — 22

וואַזשיץ — 72, 92, 94
וואַלבראַם — 298
וואַלדענבורג — 322
וואַלפסבערג — 122 א״וו, 319
וואַראַנאָווע — 331
וואַרטע — 86, 224
וואַרשע — 5, 45, 99 א״וו, 140, 163 א״וו, 167 א״וו, 228 א״וו, 287 א״וו, 332, 342, 359, 361
וויטאַל — 58
ווייצען — 125
ווילנע — 89 א״וו, 108 א״וו, 158 א״וו, 173, 239, 266 א״וו, 293 א״וו, 324
ווין — 102
וויעליטשקאַ־קראַסנאַ — 332
וויעליטשקע — 184, 232
וויעלאַפּאַליע — 300
וולאַדימיר — 158
וולאַצלאַוועק — 12
וועקסנע — 20

זאַגער — 178
זאַוואַדאַ — 220
זאַוויערטשע — 82, 156
זאַמאַשטש — 359
זגערזש — 12
זדונסקע־וואָליע — 288
זלאַטשאָוו — 42
זשיטאָמיר — 339, 345
זשמיגראַד — 94
זשעליכאָוו — 243

טאָמאַשאָוו — 13, 26, 52, 177, 184, 199, 220, 335
טאַרנאָוו — 306
טאַרקע — 21
טירנאָו — 205
טלושטש — 14
טעלז — 10, 113
טערעזיענשטאַט — 124, 136, 249, 329 א״וו, 351
טראַכימבראָד — 89
טרעבלינקע — 33, 66, 220, 264
טשענסטאָכאָוו — 177, 181, 224, 231, 264, 332, 351
טשערנאָוויץ — 57

יאַדאָוו — 14
יאַוואָראָוו — 18
יאַלאָווקע — 52
יאַנאָווער לאַגער — 188, 323
יאַסלאָ — 300
יאַראָסלאַוו — 170
יאַרטשעוו — 177
יעדיניץ — 17
ירושלים — 76, 77

כּפר־סבא — 308

לאַגוו — 20
לאָדזש — 73, 83, 106 א״וו, 145 א״וו, 288, 292 א״וו
לאַנסבערג — 326
לאַסק — 51
לוביטש — 52
לובלין — 359
לוצק — 89, 360
לוקאָוו — 35, 175 א״וו
לוקישקי — 171
לידע — 303
לייפּציק — 328
לעמבערג — 61, 123

מאַגילנע — 351
מאַדזשייקע — 20
מאַטהאַוזען — 58, 123, 137, 318 א״וו
מאַטיעווקע — 344
מאַטעסאַלקע — 123

מאַצקישקי — 303
מאַרישין — 146
מאַרמאַראָש — 84, 356
מונקאַטש — 80, 284
מיידאַנעק — 120, 121, 349 א"ו
מילקאָש — 22
מיר — 89
מעזריטש — 342
מעלבורן — 183, 195

נאָוואָגרודעק — 120
נאַרווא — 120, 251
נידעראָשל — 254
ניו־יאָרק — 123
נייטראַ — 125

סאַביבאָר — 211 א"ו, 227
סאַלאָניקי — 168
סאַלעטשניק — 303
סאַנטאָ — 125
סאַקאַלאָוו — 134
סאַרנע — 158
סוואַלק — 59
סווירזש — 64
סטאַלאָווא וואָלאַ — 184
סטאָפּניץ — 301, 314
סטעפּן — 158
סטריזשאָוו — 300
סיגעט — 122, 356
סיסלעוויטש — 52
סלאָבאָדקע — 7, 110 א"ו
סלאָמניק — 102 א"ו
סנאָבידאָוויטש — 197
סען זשאַרזש ד'אָראַק — 324
סקאַרזשיסק — 313 א"ו, 358
סקערניעוויץ — 12, 298

עבענזע — 123
ערנבור — 125

פּאַביאַניץ — 247
פּאַטשאַסי — 299
פּאַנעמון — 9
פּאָפּאַ (פּופּע) 124
פּאַריז — 138
פּוזניע — 334

פּינסק — 331
פּיעטריקאָוו — 40, 155, 352
פּיסקאָוו — 72
פּלאָשאָוו — 79, 223, 232, 317
פּעלצערן — 224, 333
פּראָג — 329
פּרעמישליאַן — 64
פּרעשבורג (בראַטיסלאַווא) — 125
פּשייטש — 6
פּשעוואָרסק — 55

פֿילאַדעלפֿיע — 202, 257
פֿילבישאַק — 111
פֿריסטיק — 28, 69, 72, 92, 94, 148 א"ו,
299 א"ו

קאָוונע — 7, 9, 65, 110 א"ו, 133 א"ו,
190, 268, 296
קאָזאַק — 342
קאַטאָוויץ — 359
קאַיפּערינג — 326
קאָלאָמיי — 179, 356
קאָלאָשיץ — 92
קאָרטשעוו — 332
קאָריוו — 84, 182
קאָרעץ — 155, 218, 244
קזשעשאָוויץ — 23
קיווערצע — 360
קיעלצע — 121
קיראָוו — 113
קליוולאַנד — 180
קלעוואַן — 360
קלעמענטאָוו — 20
קראַסנאָ — 300
קראָקע — 102 א"ו, 152, 232, 359
קראַשניק — 120
קריניק — 302
קרית־ים — 77
קרעמעניץ — 62

ראַדאָם — 102
ראַדזימין — 15
ראַדזשיוויל — 180, 198 א"ו, 231
ראַווא־רוסקא — 304
ראַזוואַדאָוו — 184
ריישע — 31, 57, 339

ראַפּשיץ — 38
ראַפּאַלאָווקע — 158
ראַקיטנע — 197
ראַקישקי — 89
ראשון לציון — 301
ריין — 113
רעוואַל — 120

שאַוול — 11, 12, 27, 240, 296
שאַטערוועדק, לאַגער — 319
שאַטנבערג — 80
שאַלגאַטוריאַן — 125, 161
שטוטהאָף — 91, 192
שידלאָווצע — 102
שיקאַגאָ — 120
שניפּישאָק — 56
שעדלעץ — 88
שערפּץ — 53, 63, 68, 288

נעמען פון ביכער און פּעריאָדיקס

אומקום פון באַראַנאָוויטשער יידנטום — 276
אומר — 158
אונדזער וואָרט — 334, 359
אונדזער וועג — 316, 326
אונדזער וועלט — 201
אונדזער מאָמענט — 358
און די זון האָט געשיינט — 61, 83, 96, 140, 145, 318
אונדזער שטימע — 42, 352
אויף די חורבות פון שעדלעץ — 89
אויסטראַלישע יידישע צייטונג — 195
אַזוי זענען מיר געשטאָרבן — 12, 28
אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ — 229 א״וו
אַ ייד פון קלעמענטאָוו דערציילט — 21
אייניקייט — 62
איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן — 159
איך בין דער קרבן און דער עדות — 311
אין אומרו פון יאָרן — 164
אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן — 138
אין רויך פון בזשעזשינקי — 197
אין שאָטן פון טרעבלינקע — 134
אלה שלא נכנעו — 224, 238, 275, 298, 323, 350
אני מאמין — 278
אמונת ישראל — 16
אַרבעטער־וואָרט — 291
אַשוויענטשים — 259
אש אחזה ביער — 198
אש קדש — 167

באַראַנאָוויטש אין אומקום און ווידער־שטאַנד — 306
בין הבתרים — 192
בית יעקב — 17, 36, 40, 59, 65, 82, 222, 246, 248, 270, 275, 279, 289, 301, 310, 319, 331
בלעטער פאַר געשיכטע — 342
בלעטער פון אומקום און קאַמף — 265
בעיות החינוך — 229
בעלכאַטאָוו — 179
ברנוביץ — ספר זכרון — 273

גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ — 285
גם שם היו חיים — 319

די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש — 148
די יידישע וועלט — 323
די פאַרניכטונג פון די ביאַליסטאָקער יידן — 309, 319
דער אַמעריקאַנער — 91, 152
דער ווידעראויפבוי — 251
דער פוילישער ייד — 284

הדואר — 78
הירשקע גליק — 251 א״וו
המצפה — 296
המשך — 241
הנער משה — 253 א״וו

ווילנער געטאָ — 51

זאַמלבוך פון שערפּצער שארית החורבן — 64
זכור — 48, 180, 356

חורבן ביאַליסטאָק — 213
חורבן ווילנע — 252
חורבן קאָרעץ — 156, 219, 349

טאָג — 23, 135
טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ — 7, 27, 44, 46, 68, 103 א"וו, 165, 288, 362
טאָגבוך פון ווילנער געטאָ — 159, 172 א"וו, 239, 267, 294
טאָמאַשאָוו־לוב. יזכור־בוך — 14, 27, 177, 186, 199
טערעזיענשטאָט — 137, 351
The Yellow Stare — 257

ידיעות יד ושם — 233
יידישע צייטונג — 187
יידישע שטימע — 230, 342
יידישער קעמפער — 52
יידן אין פּלאָצק — 55
ייוואָ־בלעטער — 33
יזכור — 58
יזכור־בוך־לאָסק — 79
יזכור־בוך סוואַלק — 59
יזכור־בוך קאָריוו — 84, 182, 228
ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום — 134, 171, 240, 267 א"וו, 294, 342

לאָדזשער געטאָ — 75, 84, 107, 145 א"וו, 292 א"וו
לאָוויטש — ספר זכרון — 183
לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג — 328
לוקאָווער קדושים און העלדן — 35
לזכר קהילת בוברקא ובנותיה — 64
לשון און לעבן — 202

מאָרגן זשורנאַל — 26, 34, 39, 179, 209, 284, 313
מגילת סקאַלאַט — 324
מיין פאַטערס לעצטער סדר — 290
מן המיצר — 125, 146, 191
מענטש און פאָלק — 245

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט — 203
ניצוצי גבורה — 55, 56, 58, 74

ספר באָרשטשיוו — 176
ספר בורשטין — 46, 60
ספר הזועות — 51
ספר וולאָדימרץ — 158, 225
ספר זכרון לקדושי זבירצ'ה והסביבה — 83, 156
ספר זכרון סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי — 69, 157
ספר חורבן וולקוביסק — 308
ספר יאַדאָוו — 15
ספר יזכור לינסק, איסטריק, בליגוד־ליטובסק והסביבה — 328
ספר לוקאָוו — 176
ספר מגילת קאָרניץ — 307
ספר סקערניעוויץ — 13, 182, 225
ספר עדות לשברון ישראל בפולין — 41, 155
ספר קדושים — רביים אויף קידוש השם — 32, 243, 277, 280, 289, 342
ספר קהלת אוסטרולנקה — 196
ספר קהלת זלוצ'וב — 48
ספר ראַדזין — 53

עבדים היינו — 322
עדות — 167
עיירתנו ויסוצק — 334
על המשמר — 212

פּנקס סלונים — 253
פנקס קלעצק — 178
פנקס קרמניץ — 63
פנקס שאַוול — 296

פאָרווערטס — 6, 19, 32, 38, 137, 351, 361
פון לעצטן חורבן — 8, 10, 134, 269
פונקען אין דער נאַכט — 47, 138, 139
פינצטערע טעג פון מיין לעבן — 177
פינצטערע נעכט אין אוויאַק — 168

צו הילף דעם לערער — 243
צען חדשים טרעבלינקע — 66

קאַנאַדער אָדלער — 244
קהלת רישא — 31, 140
קהלת שרפץ — 54, 68, 150
קובנה היהודית בחורבנה — 65, 190
קידוש השם — 39, 177
קריניק אין חורבן — 303

שו"ת מקדשי השם — 163, 226, 234
שמירת שבת כהלכתה — 76

מנשה אונגער

ביאָגראַפישע נאָטיצן

מנשה אונגער איז געבוירן געוואָרן דעם 12טן נאָוועמבער 1899 אין שטעטל זשאַבנע, מערב־גאַליציע. זיין פאָטער איז געווען דער באַוווסטער זשאַבנער רבי, רב שלום דוד אונגער, און זיין מוטער — בלומע חנה האָראָוויץ. דורךביידן האָט מנשה אונגער אַרויסגעשטאַמט פון גרויסן חסידישן יחוס. דער פאָטער, דער זשאַבנער רבי, האָט פאַרמאָגט אַ סך חסידים און איז געווען באַוווסט ווי אַ גאון. צו אַכצן יאָר האָט ער שוין געשריבן הגהות אויף דעם ספר פון זיין זיידן, דער דזשיקאָווער רבי, ר׳ מאירל האָראָוויץ, „אמרי נועם״. ער האָט אויך מחבר געווען אַ ספר שאלות ותשובות „יד שלום״. די מאַמע, בלומע חנה, איז געווען די טאָכטער פון ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ משה האָראָוויץ, אַן אייניקל פון ראָפּשיצער רבין, ר׳ נפתלי האָראָוויץ. מנשה אונגער האָט דעריבער אַרויסגעשטאַמט פון די באַרימטע רבישע דינאַסטיעס, פון אלימלך פון ליזשענסק, פון רבין ר׳ יעקב יצחק פון לובלין (דער חוזה פון לובלין), פון קאָזשעניצער מגיד, און געווען אַ דירעקטער אייניקל פון רבין ר׳ מרדכי דוד אונגער פון דאָמבראָווע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רוסישע אַרמיי האָט גענומען אַריינ־דרינגען קיין גאַליציע, זענען די רביים פון שטעטלעך, מיט אַ סך פון די חסידים, געלאָפן פון דער רוסישער אינוואַזיע. ווי אַנדערע רביים, איז דער זשאַבנער רבי אַריבער קיין טאַרנע. אָבער דאָרטן איז אויך געווען צו נאָענט צום פראָנט, האָט דער זשאַבנער רבי, ווי אַנדערע רביים, זיך אַריבערגעקליבן קיין ווין, איבערצוזיין דאָרטן די צייט פון קריג. מנשה אונגער איז מיט דער פאַמיליע אַריבער קיין ווין, וווּ ער איז אַריין אין דער בראָדער ישיבה און געלערנט ביים בראָדער גאון און ביים בוטשעשער גאון, רב מאיר אראַק. אין יאָר 1917, צו 18 יאָר, האָט מנשה אונגער באַקומען פון יענע גאונים סמיכה (היתר הוראה).

נישט לאַנג נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט מען מנשה אונגערן חתונה געמאַכט. אָבער דער זיווג האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן, און נאָכן אָפּגטן דאָס ווייב, איז מנשה אונגער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, וווּ ער איז אַריין אינעם יידישן ליטעראַרישן קרייז. ער האָט זיך גוט אָנגעליטן, ווי אַנדערע יונגע יידישע שרייבער דעמאָלט אין וואַרשע, אפשר אַ ביסל מער, אָבער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע, זיך באַטייליקנדיק אין דער יידישער פרעסע און ליטעראַרישע אויסגאַבן.

אין יאָר 1925 איז מנשה אונגער אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ חלוץ פון

פוילן. דאָרטן איז ער געווען אַ מיטגליד פון „גדוד העבודה", געאַרבעט אין אַ קיבוץ, און אַ געוויסע צייט שטודירט אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געלערנט קבלה ביים פּראָפעסאָר גרשם שלום און גענומען קורסן ביי די פּראָפעסאָרן יוסף קלויזנער און הרב אסף. אין ארץ־ישראל האָט מנשה אונגער ממשיך געווען זיין ליטעראַריש שאַפן. ער האָט פון דאָרטן געשריבן פאַר צייטונגען אין וואַרשע און געהאָלפן אַרויסגעבן די ערשטע ליטעראַרישע שריפט אין יידיש אין ארץ־ישראל, „אַנהייב" (1928). ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם זשורנאַל „קרית ספר", דערשינען ביים העברעיִשן אוניווערסיטעט, צוזאַמען מיט ר' בנימין אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „עלית הקודש", וועגן דער עליה פון די חסידישע רביים אין יאָר 1777, און אַליין אַרויסגעגעבן אין העברעיִש אַ בייטראַג צו דער געשיכטע פון מאה שערים: „לתולדות הישוב הישן".

אין 1934 איז מנשה אונגער אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געלעבט העכער האַלב פון זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן דעם 7טן יולי 1969, איבערגעלאָזט זיין פרוי רות (ברילִיאַנט) אונגער, אַ טאָכטער יהודית מנוחה קייזערמאַן, אַן אייניקל שלום דוד (אַ נאָמען נאָכן זשאַבנער רבין) און אַן איידעם קאַרל קייזערמאַן. נאָך זיין טויט איז געבוירן געוואָרן נאָך אַן אייניקל, וואָס איז אַ נאָמען נאָך זיין זיידן, דעם פאַרשטאָרבענעם מנשה אונגער.

אין אַמעריקע איז מנשה אונגער באַלד געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג „דער טאָג", ווו ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט, זיך אָפּגעבנדיק נישט נאָר מיט זשורנאַליזם בכלל, נאָר ספּעציעל אין דעם געביט פון חסידות. זיין וועכנטלעכער אַרטיקל וועגן חסידות אָדער וועגן אַ רבי איז געוואָרן אַ זייל פון דער דאָזיקער צייטונג; און אויך שפּעטער, ווען די דאָזיקע צייטונג האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן „מאָרגן־זשורנאַל" און געוואָרן „טאָג־מאָרגען־זשורנאַל". אויסער דעם האָט ער אָנגעפירט אין דער צייטונג אַ טעגלעכע רובריק א"נ „פון אייביקן קוואַל" וועגן פאַרשיידענע ענינים פון יודאַיִקאַ, תלמודישער און חסידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור־געשיכטע. דורך אַט די יאָרן האָט מנשה אונגער פאַרעפנטלעכט פינף גרונטווערק וועגן חסידות: „חסידות און לעבן" (1946), וועגן סאָציאַלן הינטער־גרונט פון דער חסידישער באַוועגונג; „פּשיסכע און קאָצק" (1949); „די חסידישע וועלט" (1955); „חסידות און יום טוב" (1958) און „ר' ישראל בעל שם טוב" (1963). אין שייכות מיט חסידות האָט מנשה אונגער אַרויסגעגעבן „ספר קדושים" (1967) וועגן 150 רביים, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם אין די געטאָס און לאַגערן. דאָס דאָזיקע בוך איז אויך דערשינען אין העברעיִש א"נ „אדמו"רים על קידוש־השם". קורץ פאַר זיין טויט האָט מנשה אונגער פאַרענדיקט אַט דעם לעצטן בוך זיינעם וועגן גייסטיקן ווידערשטאַנד פון די יידן אין די געטאָס און לאַגערן.

אויסער אַט די ביכער האָט מנשה אונגער אַרויסגעגעבן, „גוט יום־טוב, קינדער" (1950), וואָס איז דערשינען דריי יאָר שפּעטער אין דעם העברעיִשן איבערזעץ, „מועדים לשמחה". טיילן פון דעם זענען איבערגעדרוקט אין פאַרשידענע כרעסטאָ־מאַטיעס און לייענביכער פאַר קינדער, אויסער דעם האָט מנשה אונגער געשריבן

דערציילונגען, וואָס איינע פון זיי, „רחל׳ה״, איז דאָ ניט לאַנג איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער אַנטאָלאָגיע „מקרוב ומרחוק״, רעדאַקטירט פון מ. חלמיש, און ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן, צייטונגען און זשורנאַלן, צווישן זיי דער „על המשמר״ אין תל־אביב.

אין טאַרנע

פון עטלעכע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך געקענט פּערזענלעך מיט מנשה אונגערן אין פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן, האָבן מיר, אין זייערע דעראינע־רונגען פון אים, אַן אַריינבליק אין זיין וועלט און פּערזענלעכן לעבן.

דער העברעיִשער שריפטשטעלער יהודה יערי אין ישראל האָט זיך געקענט מיט מנשה אונגערן נאָך ייִנגלווייז אין טאַרנע, יאָרן שפּעטער זיך געטראָפן מיט אים אין וואַרשע, און דערנאָך האָבן זיי צוזאַמען געלעבט אין ארץ־ישראל. ער שרייבט וועגן דעם צווישן אַנדערן:

איך האָב זיך מיט מנשה אונגערן געטראָפן צום ערשטן מאָל אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. איך בין ערשט נאָר וואָס געוואָרן בר־מצווה און מנשה אונגער איז געווען מיט אַ יאָר עלטער פון מיר. פון אַ קליין שטעטל אין דער ווייסל־געגנט, טאַקע פון שטעטל דזשיקעו, ווו מנשה אונגערס זיידעס האָבן געפירט זייער רביסטווע־מלוכה, זענען מיר, קליינע קינדער, אַנטלאָפן קיין טאַרנע. דאָס שטעטל און די גאַנצע געגנט אַרום איז באַלד פאַרנומען געוואָרן פון דער רוסישער אַרמיי. אויך דער זשאַבנער רבי מיט זיין משפחה האָבן זיך געלאָזט קיין טאַרנע. מען האָט געמיינט, אַז טאַרנע איז אַ גרויסע שטאָט, מיילן ווייט פון פראָנט, איז ביז די רוסישע קאָזאַקן וועלן באַוויזן צוצוקומען אַהין, וועט שוין די מלחמה זיין געענדיקט.

איך דערמאָן זיך דעם ערשטן שבת אין טאַרנע. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן, בין איך געגאַנגען אויף און אָפּ אין גאַס און איך האָב געהערט דאָס זינגען פון אַן עולם אין אַ הויז. איך בין אַריינגעגאַנגען, און דאָרט האָט טאַקע דער זשאַבנער רבי געפירט זיין ערשטן טיש אַלס רבישער פּליט. אַ גרויסער עולם איז דאָרטן נישט געווען — מלחמה־צייט. כ׳האָב זיך גאַנץ לייכט געקאָנט צושטופּן צום טיש. דאָרט, הינטער דער שטול פון רבין, איז געשטאַנען אַ ייִנגעלע מיט אַ שוואַרצן קיילעכיקן סאַמעטענעם קאַפּעליושל אויפן קאָפּ. פון אונטער דעם קאַ־פּעליוש דרייען זיך אַראָפּ צוויי לאַנגע געקרייזלטע פּיאהלעך. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער זיידענער בעקעשע. זיין פּנימל איז רוחניותדיק, אַזוינס וואָס מען זעט אין בילדער פון די גרויסע מייסטערס פון רענעסאַנס. ער איז געשטאַנען און געזונגען, און זיין קול האָט איבערגעשטיגן די שטימעס פונעם גאַנצן עולם.

באַלד נאָכן „טיש״ האָבן מיר זיך געטראָפן. איך בין זיכער, אַז נישט איך בין צו צו אים, נאָר ער איז צו צו מיר: איך בין געווען מלא דרך־ארץ פאַרן רבינס זונעלע; איך וואָלט זיכער נישט מעיז געווען צו אים צוצוגיין. ער, ווידער, האָט אַוודאי אין מיר דערקענט אַ פּליטים־קינד, נישט קיין היגער, אַ קינד, וואָס איז

געקומען צום רבין אָן אַ טאַטן, האָט ער געוואָלט מיך מחזק זיין. און אפשר האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער אַליין איז אויך אַ פּליט־קינד, נישט קיין היגער, און מיר קענען ביידע זיין גוטע חברים.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טאַרנע איז גאָרנישט אַזוי ווייט פון דער ווייסל־געגנט און די רוסישע אַרמיי קאָן באַוויזן אויך אַהער צו קומען. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש קיין פּראַג, קיין ווין, קיין בודאַפּעשט. מען איז געלאָפן וווהין מען האָט געקאָנט. דער זשאַבנער רבי מיט זיין משפחה, און אויך אַנדערע רביים־פּליטים, האָבן זיך געלאָזט קיין ווין. איך האָב מנשהן אַ לאַנגע צייט נישט געזען. ווען די עסטרייכער זענען צוריקגעקומען קיין טאַרנע, האָבן אָנגעהויבן צו קומען צוריק אויך די, וואָס זענען פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין ווין, קיין פּראַג, קיין בודאַפּעשט. ס׳זענען צוריקגעקומען סוחרים און בעלי־מלאכות, און עס זענען צוריקגעקומען די רביים. טאַרנע איז געוואָרן אַ שטאָט, ווו ס׳האָבן זיך באַזעצט אפשר אַ צענדליק פון די באַקאַנטסטע מערב־גאַליצישע רביים. מען איז נישט מער צוריקגעקומען אין די קליינע שטעטלעך, ווו יידן זענען פאַראָרעמט געוואָרן. מען האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף נסים; מען איז געבליבן אין דער גרויסער שטאָט טאַרנע.

ערשט דאַן האָב איך זיך גוט באַקענט מיט מנשהס וועלט. מנשה אונגער איז שוין נישט מער דאָס יינגל, וואָס שטייט הינטערן טאַטנס שטול און זינגט מיט די זמירות; ער איז שוין אין דער גרויסער וועלט, ווו ס׳איז פאַראַן טעאַטער, אַ גרויסע אָפּערע, פּאַלאַצן פון קונסט — אַ שטאָט פון מוזיק און פון ליטעראַטור. מנשהס וועלט האָט דאַן אָנגענומען צוויי פּנימער: אין דער היים — אַ רביישע שטוב, און נישט נאָר אַ רביישע שטוב, נאָר אַ שטוב ווו עס פירט זיך נאָך לויט דעם קלאַסישן שטייגער פון חסידות, אַ שטוב פון תורה, נגינה און קדושה, אַ שטוב, וואָס מען איז מקפיד אויף אַלע מצוות קלות כחמורות, און אויך אַ שטוב, וואָס האָט אירע אייגענע מנהגים און טראַדיציעס. און אינטערעסאַנט: נישט נאָר דער אַלטער דור היט אָפּ די ספּעציפישע מנהגים, נאָר אויך די יונגע, וואָס האָבן שוין טועם געווען דעם טעם פון לעבן אין דער גרויסער וועלט, זיי אויך זענען נזהר אָפּצוהיטן יעדן קלענסטן מנהג. קומט מען אַרויס פון הויף, פילט מען זיך ווידער אין דער היים. מען דרייט זיך אַרום אינעם „נייען גאַרטן", און מען זינגט אָן אַריע פון „קאַרמען", אַ מאָטיוו פון אַ סימפאָניע פון בעטהאָווען, מיט דער זעלבער התפעלות, מיט וועלכן מען זינגט דעם חסידישן ניגון. מען דרייט זיך אַרום און מען ציטירט אויסוויניק לידער פון רילקע, סצענעס פון איבסענס דראַמעס; מען רעדט מיט באַגייסטערונג פון דער גרויסער וועלט; מען מאַכט אַפילו ליצנות פון חסידישע רביים. קומט מען אַהיים, טוט מען אַלץ ווי דער אַלטער פאָטער. דאָ זיצט מען ביים טיש און מען זינגט די אַלטע קאָזשעניצער ניגונים, ניגונים, וואָס מען האָט איבער־גענומען פון זיידן, רב מרדכי דוד פון דאָמבראָווע, ניגונים פון כלות הנפש:

מלאכים ושׂרפים ואופנים
פרעגן זיך אַלע: ווּ איז גאָט ?
אוי, וויי, וואָס ענטפערט מען זיי ?
לית אתר דפנוי מיניה,
לית מחשבה תפיסה ביה כלל.

עס איז געווען אַ וועלט אָן אַווירקלעכקייט, אַ וועלט, וואָס האָט געלעבט אויסערהאַלב דער גאַנצער וועלט, אַ וועלט פון דערווייל און אַזוי אַלט, אַזוי טרויעריק. מען האָט געפילט שוין דעמאָלט, אַז דאָס איז דער סוף, און אפשר דערפאַר האָט מען זיך אַזוי שווער געקאַנט אָפּרייסן פון דעם.

די הויפּטפיגור אין דער האַרצרייסנדיקער דראַמע איז געווען מנשהס שוועסטער מנוחה, וואָס איז אַזוי טראַגיש אַוועק פון דער וועלט יונגערהייט. איבער מנוחהן וואָלט מען געקענט אַ סך דערציילן. איך בין זיכער, וואָלט מנשה געשריבן דעם ראָמאַן, וואָס ער האָט געחלומט אין דער יוגנט צו שרייבן, וואָלט מנוחה געווען זיין הויפּטהעלד. אָבער די מעשׂה איז צו טיף און אַנגעווייטיקט, כדי איך זאָל זי קענען אָפּפאַרטיקן מיט אַ פּאָר שורות. איך וועל ליבער שווייגן.

באַלד נאָך דער מלחמה, האָבן מיר, חברים פון „השומר הצעיר", זיך גענומען גרייטן צו דער נסיעה קיין ארץ־ישׂראל. מנשה פלעגט קומען צו אונדז אַ ביסל זיך אָפּצופרישן. זיינע חברים פון דער נישט־רביישער וועלט זענען אַוועק קיין ארץ־ישׂראל, אָבער אים, מנשהן, האָט מען חתונה געמאַכט מיט אַ חסידיש מיידל פון גאָר אַ גרויסן יחוס אין קראָקע. איך האָב נאָך באַוויזן צו זיין אויף דער חתונה — אויך אַ וווּנדער־לעך קאַפּיטל פון אַ גאָר גרויסן מערקווירדיקן נישט געשריבענעם ראָמאַן.

זייענדיק אַ פּאַסטעך אין עמק, אין ארץ־ישׂראל, האָב איך געהערט, אַז מנשהס משפּחה־לעבן האָט נישט לאַנג געדויערט, און אַז מנשה אַליין איז אַוועק קיין וואַרשע און אָנגעהויבן דאָרטן אַ ליטעראַרישע קאַריערע. ווען איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין פּוילן באַזוכן מיינע עלטערן, אין 1925, האָט מיך מנוחה באַשווירן, אַז איך מוז פאָרן קיין וואַרשע זעען מנשהן. איך האָב אים געטראָפן אין אַ זייער טרויעריקן צושטאַנד. ס'איז געווען ביי אים קאַלט און הונגעריק, געוווינט האָט ער אין אַ שטוב דלת על דלת, אָן טיש, אָן אַ בענקל, און פאַרבראַכט די גאַנצע צייט אין ליטעראַטן־פאַראיין. און דאָס שרייבן זיינס איז אויך נישט געווען לעילא ולעילא; גאָרנישט דער ראָמאַן, פון וועלכן מיר האָבן געחלומט. מנשה האָט שוין געוווּסט, אַז ס'איז קיין תכלית נישט. מען האָט שוין דעמאָלט באַשלאָסן, אַז מנשה וועט גאָר אין גיכן קומען קיין ארץ־ישׂראל.

אין וואַרשע

וועגן מנשה אונגערס לעבן אין וואַרשע, גיט צו אַ פּאָר שטריכן דער באַוווּסטער דיכטער און עסייִסט מלך ראַוויטש:

מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז אַ מאָל אין וואַרשע געקומען צו מיר זייער אַ הויכער

און זייער אַ מאָגערער און זייער אַ שטילער יונגער מענטש, מיט זייער אַ נישט־יידיש פּנים, אַ פּנים, וואָס געהערט צו קיין שום דאָטע נישט — כאָטש עס איז זייער קענטיק, אַז דאָס פּנים איז ערשט נישט לאַנג געווען אַרומגענומען מיט פּיאות. דער יונגערמאַן האָט געהאַט זייער איידעלע מאַנירן, האָט גערעדט זייער שטיל, און מיר געזאָגט, אַז ער קומט פון אַ רבישער שטוב, אָבער ער האָט באַשלאָסן איבער־צורייסן „די גאָלדענע קייט און צו ווערן אַ פּראָלעטאַריער". און אַז אַ רבי׳ש קינד רייסט איבער די גאָלדענע קייט און ווערט אַ פּראָלעטאַריער, ווערט ער אָפּט אין דער ערשטער צייט... אַ יידישער זעצער. דעם וואָלף, וואָס איז ערשט אַנטלאָפן פון וואַלד פון די קליינע אויתיותלעך, ציט עס נאַטירלעך צוריק צום וואַלד. און אַזוי ווי מיין ברודער, דער שרייבער הערץ בערגנער, האָט דעמאָלט געפירט אַ יידישע זעצעריי אין מיין „באַרימטער" בוידעם־דירה אין וואַרשע, איז מנשה אונגער געוואָרן אַ לערן־בחור אין דער זעצעריי. פון מיין ברודערס בלייערנער זעצעריי איז אין איין שיינעם טאָג געוואָרן אַ בלייערנער פויגל, און דער בלייערנער פויגל איז ערגעץ אַוועק אין די הימלען, און דעמאָלט איז מסתמא אויך אונגער געוואָרן אויס זעצער.

שפּעטער איז מנשה אונגער געוואָרן אַ גאַסט אין מיין שטוב עטלעכע חדשים — דער שטילסטער, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט. ער פלעגט אַזוי שטיל אַריינ־קומען אין אונדזער שטוב, אַז מען פלעגט זיך אַלע מאָל דערשרעקן פאַר אים, אַזוי פּלוצעם איז ער געשטאַנען אין שטוב, אַזוי שטיל פלעגט ער אויפמאַכן די טיר. און אַזוי ווי מען פלעגט זיך דערשרעקן פאַר אים ווען מען האָט אים פּלוצעם דערזען, אַזוי פלעגט מען זיך דערשרעקן פון זיין פּלוצעמדיקן פאַרשווינדן ווערן ווי אַ גייסט. אַט רעדסטו צו אים, און אַט איז ער שוין נישטאָ — ווי אַ גייסט, אַ כישוף, רבישע נסים...

אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין האָבן זיך אין יענע יאָרן (1925) אַרומ־געדרייט אַ סך הונגער־קינסטלערס, אָבער אונגער איז געווען זייער מייסטער, זייער רבי. ער פלעגט הונגערן מיט אַ הייליקן שמייכל אין די גרינלעכע גרויסע אויגן — זיינע קאָלעגן הונגער־קינסטלער האָבן געהונגערט מיט כעס, מיט געשריי. מיר האָבן אים גערופן מנשה ה ו נ ג ע ר, נישט אונגער.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד פון יענער צייט, וואָס האָט אַ שייכות צו מנשה אונגערן אין פאַרבינדונג מיטן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, וואָס האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט זיין בודזשעט און פלעגט יעדן ווינטער אָרגאַניזירן אַ מאַסקן־באַל. די אידעע פאַר דעם איז געקומען פון דעם פאָרזיצער פון פאַראיין, דער באַרימטער זשורנאַליסט און דערציילער, ה.ד. נאָמבערג. דאָס האָט מען גערופן דער „באַל פון די בעלער". איז צו מאַכן זיכערער דעם דערפאָלג, האָט מען אינסצע־נירט אַ צענדליק חומש־עפּיזאָדן, אויסגעפירט אין מאַסקעס, אָדער כאָטש אין גרים, און איינע פון די דאָזיקע סצענעס האָט באַדאַרפט זיין פון יוסף און פּוטיפרע. דער באַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן די יוסף־ראָלע איבערצוגעבן מנשה אונגערן. ער האָט זיך לאַנג געקווענקלט, אָבער סוף כל סוף דאָס אָנגענומען. היות מען האָט געהאַט שוועריקייטן ביי דער יוסף־ראָלע, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די פּוטיפרע־ראָלע וועט

קיינער פון די פרויען פון די מיטגלידער פון זשורנאַליסטן־פאַראיין נישט וועלן אָננעמען. און דאָ איז געקומען די איבערראַשונג: צו שפּילן די פּוטיפרע־ראָלע מיט אונגערן ווי יוסף, האָבן זיך געמאָלדן אַ צענדליק פרויען...

אין ארץ־ישׂראל

וועגן מנשה אונגערס לעבן אין ארץ־ישׂראל, אין די יאָרן 1925—1933, האָבן מיר ווידער אין די דעראינערונגען פון יהודה יערי:

ווען מנשה אונגער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל, איז ער באַלד געקומען קיין ירושלים, וווּ איך האָב זיך באַזעצט נאָך דעם ווי איך האָב פאַרלאָזט מיין קיבוץ. צו ערשט האָט מנשה געאַרבעט מיטן „גדוד העבודה", בויענדיק די וועגן, וווּ עס געפינט זיך דער היינטיקער רחביה־קוואַרטאַל אין ירושלים. ער האָט דאָרטן לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיר זענען דאַן געווען אַ קליינע גרופּע געוועזענע קיבוצניקעס אין ירושלים, און מיר האָבן געגרינדעט אַ קאָמונע. דאָס הייסט, מיר האָבן געלעבט צוזאַמען אין איין הויז און געגעסן אויף איין טיש. מנשה האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אונדזער קאָמונע און געלעבט מיט אונדז אַ געוויסע צייט. זיין חיונה האָט ער דאַן געצויגן פון אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט שרייבן פאַרן „קרן קימת" און פאַר צייטונגען. קיין סך האָט ער פון דעם נישט געהאַט, אָבער אין אַ קאָמונע האָט מען פון דעם געקענט אויסקומען.

אין ארץ־ישׂראל האָט מנשה זיך באַגעגנט מיט ש"י עגנון, ר' בנימין און ח.נ. ביאַליק. די באַגעגענישן האָבן אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. די שרייבערס, און דער עיקר ביאַליק, האָבן אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל פאַרלאָזן זיין אַרטיקל־שרייבעריי און זיך איבערגעבן צו דער פאָרשונג פון חסידות. דאָ איז געקומען דער איבערקער אין מנשהס גורל און מנשהס לעבן.

אין זיינע אַרבעטן איבער חסידות האָט מנשה אַריינגעלייגט אַליץ, וואָס ער האָט געהאַט בדעה אַריינצולייגן אין ראָמאַן, וואָס ער האָט נישט געשריבן. איך בין נישט איין מאָל געשטאַנען נבהל ונשתומם, ווען איך האָב געזען, אַז אַ געוויסער חסידישער צדיק, וועגן וועמען מנשה האָט געשריבן, איז כמעט אַ געטריע באַשרייבונג פון זיין פאָטער; אַ רבישע כלה זעט אויס, ווי זיין שוועסטער מנוחה, און די גאַנצע מענטש־לעכע לאַנדשאַפט איז גענומען פון זשאַבנער הויף. אין זיין בוך „פשיסכע און קאָצק" איז פאַראַנען אַ באַשרייבונג פון דער באַקאַנטער אסטילער חתונה (אגב, איינער פון די שענסטע פּרקים פון מנשהס ווערק) און ווען איך האָב געלייענט יענעם פּרק, האָב איך פאַר מיר געזען אַ חתונה, וואָס איך אַליין האָב בייגעוווינט אין זשאַבנער הויף. מנשה האָט נישט געשעפּט זיין מאַטעריאַל בלויז פון ביכער; ער האָט אים געשעפּט פון זיין אייגן לעבן.

אין אַמעריקע

ווען מנשה אונגער איז געקומען קיין אַמעריקע, אין יאָר 1934, האָט דער ברייטער עולם פון אים גאָרנישט געוווסט. אָבער די שרייבערישע קרייזן, בפרט

די, וואָס האָבן געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער יידישער פּרעסע אין אויסלאַנד, האָבן שוין געהערט דעם נאָמען און געהאַט עפּעס אַ באַגריף ווער ער איז. ער איז אָנגעקומען אַהער אין אַ גינסטיקער צייט, ווען דער טיראַזש פון דער פּרעסע האָט געהאַלטן אין שטייגן און די צייטונגען האָבן געגעבן גוטע פּראָפּיטן. די שטימונג אין לאַנד בכלל איז אויך געווען אַ פריינדלעכע — דער אָנהייב פון פּרעזידענט רוזוועלטס „נייער דיל", וואָס האָט פאַראייניקט דאָס פאָלק און געגעבן נייע גרויסע האָפענונגען. אויך אויף דער יידישער גאַס איז דאָס נאָך געווען די צייט פון פאַראייניקטן פראָנט, ווען די קאָמוניסטן האָבן אויפגעלעבט מיטן הכשר צו שטעלן זיך הינטערן פּרעזידענט רוזוועלט און מיטגיין מיט די ליבעראַלן. די סאָציאַליסטישע־בונדישע עלעמענטן זענען נישט מיטגעגאַנגען מיטן פאַראייניקטן פראָנט אויף דער יידישער גאַס, אָבער אַ גרויסער אינטעליגענץ־עלעמענט יאָ. אָפּאַטאָשו, לייוויק, מוקדוני, האָבן נאָך געווירקט אין „איקוף".

ווי אַלע ניי־אָנגעקומענע, האָט מנשה אונגער אין אַמעריקע זיך קודם געטוליעט צו די, וואָס זענען אים געווען די נאָענטסטע, דער קליינער קרייז פון „השומר הצעיר". פון דעם איז ער אַריבער אויך ברייטער אין דער נאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער יידישער גאַס בכלל, נישט ווי אַ מיטגליד, נאָר זיך געהאַלטן נאָענט פאַר אַ צייט. איז ער געווען לערער פון יידישער געשיכטע אין דער מיטלשול פון דער וועלטלעכער שול־באַוועגונג (פון דעם איז אַרויסגעקומען זיין בוך „גוט יום־טוב, קינדער"). אין דער פּרעסע האָט מנשה אונגער אָנגעהויבן מיט „שיריים"־זאַכן, ווי „דער טאָג אין דער יידישער געשיכטע" וכדומה, אָבער באַלד אַריבער צום שרייבן וועגן חסידות.

קיין חסידישע סביבה, ווי היינט, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין אַמעריקע. געווען נישט מער ווי איין רבי (דער טאַלנער), אָדער נאָך אַ רבי צי צוויי אין גאַנץ אַמעריקע. אָבער חסידים, און בפרט געוועזענע חסידים, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זענען געקומען פון חסידישע היימען, צי פון חסידישע שטעטלעך, זענען שוין געווען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ סך. אין זייער בענקשאַפט נאָך דער אַלטער יידישער היים — וואָס האָט באַשווערט דעם געמיט פון אַלע אימיגראַנטן אין זייערע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע — האָט די בענקשאַפט נאָך דער חסידישער אַטמאָספער פאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע. און אַפילו אַנדערע, נישט חסידישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך דאָ געפילט עלנט, און זיי איז געווען צו קאַלט און טרוקן אין דער וועלטלעכקייט זייערער, האָבן אויך ליב געהאַט זיך צו וואַרעמען אַ ביסל אַרום דעם היימישן חסידישן פייער. איז שוין דעמאָלט, ביי מנשה אונגערס אָנקומען קיין אַמעריקע, מעשׂהס פון חסידישע רביים געווען אַ פּאָפּולערע פּיטשור אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, טאַקע אין די צייטונגען, וואָס האָבן זיך אָריענטירט מייסטנס אויפן רעליגיעזן, אָדער רעליגיעז געשטימטן, לייענער, אָבער אויך די פרייע פלעגן אַריינגנבענען אַ קוק אין דעם.

„דער טאָג" איז דעמאָלט געווען אַ דורכויס וועלטלעך־משׂכּילישע צייטונג (פלעגט דערשיינען שבת און יום־טוב, אויסער ראש־השנה און יום־כּיפּור). אָבער דורכויס נאַציאָנאַל און ציוניסטיש, אָריענטירט אויפן אינטעליגענטערן עלעמענט

לייענער ; געוועזענער ישיבה־בחור, עקסטערניק, אַנגעהויכט מיט קולטור און סאָציאַ־לער באַוועגונג. אַ סך פון זיי האָבן שוין געהאַט געלייענט י.ל. פּרצס חסידות אין דער היים און זענען אַוועק פון דעם אַלט־משׂכּילישן בליק איבער חסידות, וואָס האָט נאָך געהערשט אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייִשע קרייזן. פאַרן „טאָג" זענען די אַרטיק־לען וועגן חסידות פון מנשה אונגער געווען ווי אַנגעמאָסטן. ער האָט נישט אויסגע־לאַכט און נישט גלאָריפיצירט, נישט געגלאָצט מיט די אויגן און נישט געגעבן קיין סאַטירישן ווונק, און אויך נישט צוגעשטעלט עקזאָטיק. ער האָט פּאַרמענטשלעכט דאָס חסידות, וואָס ער האָט געגעבן, און ערשט צוליב דעם, צוליבן גיין דירעקט און טיף אין דער מענטשלעכקייט פון חסידות, האָט ער דאָס דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה. האָבן מנשה אונגערס אַרטיקלען געלייענט פרומע און פרייע ; חסידים, אַפילו חסידישע רביים, און מתנגדים. און יעדער האָט דערין געפונען עפּעס נייעס פאַר זיך — ווער די סאָציאַלע אומשטענדן, ווער אַ שטיקל תורה אין עפּעס אַ ניי ליכט, ווער די מעשׂה פון רבין אין אַ טיפערן זין, און דער עיקר : עס איז געווען געשריבן אמתדיק, פון האַרצן אַרויס, און וואָס פון האַרצן אַרויס, גייט אין האַרצן אַריין.

אין אַמעריקע האָט מנשה אונגער נישט געהונגערט, ווי אַ מאָל אין וואַרשע. ער האָט דורך די אַלע יאָרן געהאַט אַ פולן פּאָסטן אין דער צייטונג „דער טאָג", און שפּעטער, ווען „דער טאָג" האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיטן „מאָרגען־זשורנאַל", אין „טאָג־מאָרגען־זשורנאַל". ווי אַנדערע שרייבער, האָט ער אויך געהאַט אַ ביסל הכנסה פון לעקציעס, און פון די ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. און ווי באַ־וווסט — אין דער ענין ביכער אַרויסגעבן נישט געווען אַזוי איינפאַך אין אַמעריקע, וווּ די יידישע פאַרלעגעריי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ קאָמערציעלער אונטערנעם. יעדעס בוך האָט באַדאַרפט האָבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל שאַפן די מיטלען דאָס בוך אַרויסצוגעבן ; און עס האָבן באַדאַרפט זיין גוטע־פריינד, וואָס האָבן זיך געעסקט מיטן האַלטן די ביכער און זיי צעשיקן צו די אַדרעסאַטן פון די קונים. דאָס עסקן זיך מיטן אַרויסגעבן די ביכער האָט אַוועקגענומען אַ סך צייט, ענערגיע און געגעבן עגמת נפש. ער איז אָבער געווען געבענטשט מיט אַן אייגנשאַפט זיך איינצושאַפן פריינד. דאָס איז ביי אים אפשר געווען אַ ירושה פון די רבישע דורות. ער האָט געוועקט אַן אמתדיקן, פּערזענלעכן אינטערעס אין מענטשן, געוווּנען זייער צוטרוי און פריינדשאַפט, און זיי זענען לייכט געוואָרן אינטים מיט אים, ווי ער מיט זיי. עס איז געווען אַ פריינדשאַפט, וואָס האָט אַנגעהאַלטן יאָרן און יאָרן. ווו ער איז נאָר געקומען, אין אַ וואָסער מדינה, צי אַ שטאָט, האָט ער זיך באַלד איינגעוואָרצלט אין פריינד, און פאַרבליבן אַריינגעוואָקסן אין זייער לעבן. אַן אויסנאַם, אויב נישט קיין אוניקום, אין דער שרייבערישער סביבה.

אויך דאָ, אין אַמעריקע, האָט מנשה אונגער געלעבט אין פאַרשידענע וועלטן. מיט דער חסידישער וועלט, האָט ער דירעקט, פּערזענלעך, געהאַט ווייניק קאָנטאַקט, אויסער מיט קרובים רביים, און אַזעלכע קרובים רביים זענען, אַגב, געווען אַ סך. צו זייערע טישן פלעגט ער נישט גיין. די חסידים האָבן אים נישט פאַרגעסן, וואָס ער האָט איבערגעריסן די „גאָלדענע קייט", הגם זיי האָבן אָפּגעשאַצט וואָס ער פירט

אַ „יידישן שטאַט", הגם נישט אַזוי פרום, און וואָס ער שרייבט אַזוי גוט, דאָס הייסט אַזוי פּאָזיטיוו, וועגן חסידות. אין די יאָרן פון נאָך דעם חורבן, אין וועלכן אַזוי פיל פון זיין משפחה זענען אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ער זיך דערנענטערט צו דער משׂכּיליש־רעליגיעזער וועלט, די לומדים אין די קרייזן פון דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג, באַזונדער פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, הגם ער האָט אויך זיך געטראָפן מיט לומדים צווישן רעפאָרמער און אָרטאָדאָקסן. און ער איז געווען, פאַרשטענדלעך, אַקטיוו און אָנגענומען אין דער יידישער שרייבערישער וועלט און אין דער פּעריפעריע פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

מנשה אונגערן האָט נישט געפעלט קיין אָנערקענונג אויך אין די אייגענע שרייבערישע קרייזן. אין זיין אַרכיוו געפינען זיך בריוו פון אַ ריי שריפטשטעלער און געלערנטע אין שייכות צו זיינע ביכער. וועגן זיין „חסידות און יום־טוב", האָט אים ה. לייוויק געשריבן (1958): „דורכקוקענדיק דאָס בוך זע איך, אַז איר האָט דאָ אויפגעטאָן אַ גאַר גרויסע און ווערטפולע זאַך. נאָר איינער ווי איר, וואָס זיינע אייגענע וואָרצלען זענען טיף איינגעוואָקסן אין חסידישן לעבן און דערציִונג, האָט געקענט דערוויַיזן אַזאַ אויפטו ווי אייער איצטיקע זאַמלונג. ס'איז נישט גלאַט אַ מעכאַנישע זאַמלונג, נאָר מען זעט, אַז איר האָט אַריינגעטאָן האַרץ אין דעם און אַ סך קענטעניש".

דער יידישער געלערנטער און מומחה איבער דער העברעיִשער ליטעראַטור אין שפּאַניע, ד"ר ס. בערנשטיין, דיסקוטירט אין אַ בריוו צו אים וועגן דעם איינפלוס פון די גרויסע גייסטער פון יענער עפּאָכע אויפן תוכן פון חסידות. ער שרייבט אים: „צאָלרייך זענען די פּערל און די פּאַבלהאַפטע הויכע זאַגעכצן פון די רביים און מגידים, וואָס איר ברענגט אַרויס אין אייער בוך. קענטיק, אַז איר זייט געניגט זיי צוריקצופירן אויף דער השפעה פון „האר"י", אָבער אין דער אמתן געפינען מיר זיי צו אַ גרויסן טייל אין די פריִערדיקע קוואַלן, ווי אין די ספרים און צוואות פון די שפּאַנישע גאונים, און אַפילו פון די שפּאַנישע דיכטער. למשל, די טענה צום רבונו של עולם, פאַר וואָס ער האָט די יידן אַזוי פיינט געקריגן, נאָך דעם ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט אויף אייביק אהבת נעורים... דאַן די וואָרענונג קעגן גאווה, קנאה, די מצוות פון צדקה, אמונה, בטחון, אָבער איר ווייסט דאָך דעם אַלטן געזעץ פון פיזיק, אַז ווען צוויי טאָן איינס און דאָס זעלבע, איז דאָס פאַרט נישט דאָס זעלבע"...

אפשר וועט אַן אָפּקלויב פון אַזעלכע בריוו אַ מאָל נאָך זען די ליכטיקע וועלט, ווי די אַנדערע זאַכן, אויף וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן יאָרן אַרבעט, און זיי זענען נאָך אין ביכער נישט דערשינען.

ב. צ. ג.

דאַנק־אויסדרוק פון „מנשה אונגער בוך־קאָמיטעט"

דער „מנשה אונגער בוך־קאָמיטעט" דאַנקט די ליטאַוער פאָונדיישאָן, די גוסטאַוו ווורצווײַלער פאָונדיישאָן, ד״ר בערנאַרד מאַנדעלבאַום, פּרעזידענט פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, דעם קאָמיטעט פון ראַבאַים־פאַרבאַנד פון גרויס־פילאַדעלפיע, דער מאָריס און עמאַ שיוועער פאָונדיישאָן און עמאַ שיוועער, און דעם „בערגען־בעלזען וועלט־פאַרבאַנד", מיט יאָסעלע ראָזענזאַפט, פּרעזידענט — פאַר זייער באַדייטנדיקער הילף אין אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך פון מנשה אונגער.

דער קאָמיטעט דאַנקט אויך צו די יחידים, פריינד און פאַרערער פון מנשה אונגער, וואָס האָבן אויף זייער אופן מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן דאָס בוך. צווישן זיי דאַרפן דערמאָנט ווערן אַ צאָל פריינד. פון מעקסיקע: שׂרה און הערמאַן יונגסטער, בנימין צמח, מרדכי קאָראָנאַ, עקיבא קלעצעל, פּסח ליסקער, לעאָן ביאַליק, באָריס סיגאַל, לייב ביניטש, אסתר גרינשטיין, משה טראָטנער, זשעניאַ אַלבין און פּסח סיגאַל. פון קאַראַקאַס, ווע־נעסועלע: שמואל מעילער, שמואל ראָזענבלאַט, יעקב מישקין, קלמן לובאָווסקי, זאָלטאַן גאַספּאַר. אהרן טשעכאָוויטש, מרדכי פּיערמאַן, ווילי יעגערמאַן, עפרי שטיינמעטץ, קלמן פרעשל, פּיוול און אריה בירנבוים, עזרא הירשביין, מאַקס פריליך, ראובן מרגלית, יעקב יוסף לייבאָוויטש, איסאַק וואַגיניאַק, ראָבין געמער, און אַלע פריינד פון ניו־יאָרק און פון אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.